STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03611

YOMTEV INMITN VOKH

Shire Gorshman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

1/XX

Gorshman, Shire, 1906-
Yomtev inmitn vokh.

שירע גאָרשמאַן

יאָמטעוו אינמיטן וואָך

ראָמאַן
דערציילונגען און נאָוועלן
רייזע־בילדער

מאָסקווע
פארלאג «סאָוועטסקי פיסאַטעל»
1984

שירע גאָרשמאַן איז באַוווּסט דעם לייענער מיט דערציילונגען וועגן איר אָרגאַנישער באַהעפטונג מיטן לעבן אין אַלע זײַנע אַספּעקטן: ליבע און האַס, מאַן און קינד, סאָציאַלע גערעכטיקײַט און אינדיווידועלע פרייד. באַזונדערס טיף דערקלײַבט זי זיך מיט עכט קינסטלערישע מיטלען צום אינערלעכן וועזן פון דער פּרויִשער פּסיכאָלאָגיע, באַווײַזט איר אייגנאַרטיקײַט, זאָרגן און ראַיוּינעס. דער ראָמאַן „כאַנעס שאָף און רינדער" שפּיגלט אָפּ די שפּראָצונגען פון דער נײַער, קאָלעקטיוויסטישער מאָראַל, וואָס שאַפט זיך אין די באַדינגונגען פון דער קרימער קאָמונע „וואָיאָ נאָווא".

אין די דערציילונגען און נאָוועלן, וועלכע זײַנען אײַנגעשלאָסן אין דעם דאָזיקן בוך, מאָלט דער מעכאַבער די סאָוועטישע פעלקער־פרײַנטשאַפט, די האָרעוואַניע און מי אין די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע און אויך דעם שטייגער און די לײַדנשאַפטן פון די פּאָשעטע יִידן און ליטווינער אין דער פאַרסאָוועטישער ליטע.

Горшман Ш. Г.

Г 67 Праздник средь будней. Роман, новеллы, путевые заметки. На евр. яз., М.: Советский писатель, 1984. — 376 с.

В новую книгу известной еврейской писательницы Ширы Горшман вошли роман «Стадо Ханы», новеллы и путевые заметки.

Г $\frac{4702200000—128}{083(02)—84}$ 380—84 С(Евр)2

© Издательство «Советский писатель», 1984 г.

באַנעם שאָף און רינדער

ראָמאַן

ערשטער טייל

טאָג נאָך טאָג אינעם לעצטן זומער-כוידעש פֿונעם דרײַסיקסטן יאָר איז כאַנע אַרומגעפֿאָרן רײַטנדיק אויף איר פֿערד און באַשפּרענקלט מיט זאַלץ דאָס פּאַרוויאַנעטע גראָז פֿונעם קרימער ליימיק-צעשפּאָלטענעם סטעפּ. דאָס איז געווען טאַקע איר אײַנפֿאַל — די בעהיימעס האָבן מיט מער כיישעק אַרײַנגעכאַפּט מיט זייערע בייגעוודיקע בערשטלדיקע צינגער די פּאַרוויאַנעטע געלע פּאַשע, וואָס האָט אויסגעזען, ווי צעדריבלטע ראַגאָזשע. די פֿאַנאַנדערגעשאָטענע זאַלץ האָט געבלאַנקט אויף דער זון, ווי געשטויסן גלאָז, וואָרעם, כאָטש די זאַלץ איז געווען טונקל, איז זי דאָך געווען העלער פֿון דער אויסגעסאָכנעטער ערד און אויסגעדאַרטער פּאַשע. דאָס פֿערד האָט באַדאַכט געשטעלט זײַנע גלאַנציק-פּאָלירטע טלאָען מיט די העל-ברוינע בערשטעלעך בײַ די קנעכלעך. די העל-ברוינע גריווע זײַנע האָט דער ווינט צעפּעכערט, די ברוסט-מוסקולן האָבן בוילעט-רונדיק זיך אַרויסגעזען דורך דער דינער ברוינער פֿעל. כאַנע האָט ניט געקערעוועט. דאָס צײַמל איז געלעגן אויפֿן פֿערדס קאַרק. זי האָט נאָר ווײַלעווײַז, ווען דאָס פֿערד האָט געביטן דעם טראָט, שטיל און ערנסט געלאָזט פֿאַלן: „באָרעך, באָרעך, דו ביסט טאַקע אַ גרויסער כאָכעם, אָבער אָן שטיפֿערײַ, זײַ אַ מענטש”. באָרעך, אַזוי האָט כאַנע גערופֿן דאָס פֿערד, האָט גלײַך גענומען גיין מיט זײַן ווייכן שווימרויקן טראָט. כאַנע האָט מיט איר קליינער פֿאַרהאָרעוועטער האַנט געגלעט זײַן וואַרעמען האַלדז און ווידער אָנגעשעפּט אין דער טאָרבע אַ זשמעניע מיט זאַלץ, ווידער געשאָטן, קעדיי דאָס בידנע גראָז זאָל מער באַטאַמט ווערן.

שטיל, פֿרײַ, באַלויכטן אויף דורך-און-דורך איז געלעגן די ראַכוועס פֿון סטעפּ ביז צום סאַמע הימל-גאַרטל. אָן איבערגעדרייטלטער, איבערגעקרימטער עכאָ-אָפּהילך האָט זיך אומגעקערט צו כאַנען פֿון איר געזאַנג. איר טיפֿע קלינגענדיקע שטים האָט זיך געשפּרייט, זי האָט הויך געזונגען אַ ניגן אָן ווערטער. באָרעכס אויערן האָבן געציטערט, און פֿון זײַן האַלדז האָט אַרויס-

געשאלט אַ דין מילד הירזשען, ווי ער וואָלט אונטערגעהאַלטן דאָס געזאַנג פֿון זײַן ליבער רײַטערין. יאָ, זײַן ליבע רײַטערין, וואָרעם כאַנע האָט געהאַלטן באַרעכן קימאַט, ווי איר גלײַכן, קיינמאָל אויף אים דאָס קול ניט אויפֿגעהויבן, קיינמאָל קיין בײַטש, קיין שטעקל אין האַנט ניט געהאַלטן, בײַס זי איז געריטן. אין יענעם פֿרימאָרגן, ווען זי האָט באַרעכן אַרײַנגעפֿירט אין שטאַל, האָט זי געזאָגט צו שימקען:

— דו זעסט, וואָס פֿאַר אַ מאָנאַרך איך האָב געבראַכט? בעט איך דיך זייער, אַז דו זאָלסט אים ניט געבן אין שפּאַן אַפֿילע דעם פֿאַרזיצער. ער הייסט באַרעך, און דאָס איז מײַן פֿערד.

— וואָס הייסט דײַנס? אין קאָמונע האָט קיינער גאָרנישט, אין אַלע האָבן אַלץ, — האָט שימקע געפּרוּווט קלאָר מאַכן דעם עניַען. נאָר כאַנע האָט אים איבערגעשלאָגן:

— טו מיר אַ טויווע, זײַ ניט מײַן באַוווסטזײַן. פֿאַרגעס ניט, וואָס איך האָב דיר געזאָגט! פֿון הײַנט אָן בין איך אַ באַלעבאָסטע ניט נאָר פֿון אַ סאַך בעהיימעס און לעמער, נאָר איך האָב שוין מיט מאַזל אַ פֿערד אויך.

פֿון יענעם פֿרימאָרגנדיקן שמועס איז אַוועק שוין אַ היפּשע צײַט.

איצט האָט כאַנע געקוקט, ווי באַרעכס דינע אויערן קנייטשן זיך, זי האָט געהערט זײַן דין צאַרט הירזשען, זי האָט פֿאַנאַנדערגענומען איר פֿויסט אין דער ברייטער טאָרבע מיט זאַלץ און האָט אויף אַ רעגע פֿאַרגעסן, וואָס צו טאָן. דאָס צײַמל איז, ווי פֿריִער, געלעגן אויף באַרעכס קאַרק. כאַנע האָט געזונגען, און אירע באַרוועסע צעשפּאָלטענע פּיאַטעס מיט די פּיטשינקע קרעלעכלעך פֿאַרטריקנט בלוט אַרום די שפּאַלטן־קאַרבן האָבן זיך געהויבן און אַראָפּגעלאָזן, ווײַל דעם פֿערדס בויך האָט זיך ווייך געבערגלט פֿון זײַן יונגן קרעפּטיקן אָטעם. דאָס פֿערד איז אַלט געווען, לויט ווי כאַנע האָט געשאַצט, באַטראַכטנדיק זײַנע ציין, ניט מער ווי פֿיר יאָר. כאַנע איז אַלט געווען דרײַ און צוואַנציק. האָט זי אויסגערעכנט לויט די יאָרן, וואָס אַ פֿערד קאָן לעבן און אַ מענטשן קאָן באַשערט זײַן, אַז זי איז מיט אים אין איין עלטער. זי האָט אויך געהאַט אַ פֿעסטן גרונט אים רעכענען, ווי איר מיטצײַטלער, אָבער וועגן דעם שפּעטער. ווען די קרימער זון האָט גוט אַ סמאַליע געטאָן, זײַנען ביידע זאַלץ־טאָרבעס אויסגעליידיקטע געהאַנגען אויף כאַנעס אַקסלען. זי האָט שוין מיט באַרעכן „אויסגעמאָסטן“ שיינע עטלעכע העקטאַר, און ער האָט געוווּסט, אַז ער דאַרף איצט אַוועק צו דער באַלקע, וואָס לעבן דאָרף דזשאַבאַהי. פּאַוואָליעטשקע האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט פֿון באַלקע־ראַנד. כאַנע איז אַראָפּגעשפּרונגען, געבליבן שטיין אויף די שפּיץ פֿינגער, קעדיי די שפּאַלטן אין די פּיאַטעס זאָלן ניט טיפֿער ווערן. זי האָט פֿאַנאַנדערגעזאָטלט באַרעכן, און ווי נאָר זי האָט אַ וואָרף געטאָן דעם זאָטל אויפֿן גראָז (אין באַלקע־בעקן איז נאָך דאָס גראָז געווען געדיכט און ווייך), האָט זיך באַרעך עטלעכע מאָל דורכגעטראָגן הין און צוריק מיט אַ שאַלנ־דיק הירזשען, דערנאָך איז ער אַוועקגעפֿאַלן און זיך גענומען קײַקלען. פֿון רוקן אויף איין זײַט, אויף דער אַנדערער זײַט, אַזוי, אַז זײַנע פֿיס זײַנען

צום הימל געשטרעקט געווען, און אין א רעגע ארום זײַנען זיי אפן גראָז געווען אויסגעצויגן. כאַנע האָט זיך צוגעקוקט, ווי ער טוט עס, כאָטש זי האָט עס געזען ניט צום ערשטן מאָל. זי האָט ארויסגעלאָזט ניט קיין געוואַנג, נאָר א מין אורשפרינגלעך יונגפרוי-געשריי, אײַנגעבויגן די קני און זיך אראָפּגעקײַקלט פון באַלקע-ראַנד. אזוי עטלעכע מאָל קעסיידער. באָרעך האָט זיך א שטעל געטאָן, און בייס כאַנע איז געלעגן אפן גראָז, איז ער פּאַמעלעך צוגעגאַנגען, האָט אראָפּגעלאָזן צו איר זײַן מאָרדע, זײַנע ליפּן האָבן זיך אופגעהויבן, א האָרעלע א קנייטש געטאָן, ווי ער וואָלט מיט זײַן שמייכל באַגיטיקט, וואָס כאַנע איז אזוי שפּילעוודיק. כאַנע האָט זיך צעלאַכט, ווײַל זײַן מאָרדע איז געלעגן אף איר אקסל.

ניט קוקנדיק אף דעם, וואָס כאַנע איז געווען אזוי שטיפעריש, איז זי שוין געווען א מאמע פון דרײַ מיידעלעך. זיי האָבן זיך, ווי אלע קינדער, געפונען אין קינדערהיים פון קאָמינע, אין זי איז, ווי אלע מאמעס, געווען פרײַ פון האָדעוואַניע-יאָך און געטאָן איר ארבעט. כאַנע איז געווען דער הויפּט-בריגאַדיר פון שטאַל-בריגאַדע. דאָס איז ניט קיין פּאָשעטע זאַך. זי האָט געגוג זאָרג וועגן דער פּאַשע, וועגן דעם, ווי מע פארלייגט סילאָס אין די טורעמס, זי האָט געדאַרפט אכטונג געבן, אז די בעהיימעס זאָלן האָבן אלץ צו דער צײַט, די בידאָנעס מילך זאָלן אוועק קיין סאַקי אף די קוראָרטן ניט געזײַערט. דער קינדערהיים, די קיך זאָלן ניט וואַרטן אף קיין מילכיקס. אָבער ניט קוקנדיק אף די אלע דײַגעס, האָט זי פינדעסטוועגן געדאַרפט מעלקן, ווי אלע מעלקערנס, דרײַ מאָל אין טאָג. עפּעס א זכוס איז איר מאמעש בײַגעשטאַנען — די בעהיימעס, וואָס האָבן האַרטע אײַטערס, צעשפּאָלטענע סאָסקעס, שטייען קיין איין רעגע ניט אף די פיס, פּאָכן קעסיידער מיט די וויידלען, — מעלקן זיך בא איר רויִק. זי מעלקט און בעט שטיל: „האָגאָר”, שטיי, טײַערינקע, ליבינקע. א געזונט אין דײַנע הינטערשטע פיס... אין די שטאַל-ארבעטער וווּנדערן זיך, וואָס „האָגאָר”, וועלכע מע רופט ווילדע בריִע, האָט נאָך קיין איין מאָל ניט איבערגעקערט מיטן פוס דעם עמער מילך, וועלכן כאַנע האַלט שטײַף מיט אירעביידע קני.

די זון האָט געפײַערט. דער סטעפּ איז געלעגן אייסגעדייוועט, ווען כאַנע איז ארויסגעריטן פון באַלקע. עס איז זי פּלוצעם באַפאַלן אן אומרו, עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אז ניט נאָר דאָ אין סטעפּ איז זי אונטערן הויכן הימל פארבליבן אליין, איינע אליין, נאָר אז אומעטום אין קאָמונע, ווו זי וועט באַלד קומען, וועט זי ניט טרעפן קיינעם.

ארויסגעפאָרן איז זי אהער נאָכן ערשטן געמעלק פאַרטאָג. פאַרשטייט זיך, אז קיין אָנבײַסן האָט זי נאָך ניט געגעסן. איצט איז שוין געווען די עלפטע שאָ — עס האָט גוט געצויגן אונטערן לעפעלע. זי איז געזעסן אין זאָטל ניט שטײַף, אירע פיס האָבן זיך געבאַמבלט באם פערדס זײַטן, איר קאָפּ האָט זיך געשאָקלט היין און הער; ווען עמעצער זאָל אף איר איצט א קוק טאָן, וואָלט ער געווען זיכער, אז זי דרעמלט. אָבער כאַנע איז געווען וואַך, און איין גאָט ווייסט, פאַרוואָס עס האָבן אף איר גראָד איצט א פלייץ

געטאָן דערמאָנונגען. זי האָט געטראַכט וועגן דעם, אַז קיין מענטש האָט זיך אַליין ניט געטאָן אַזויפֿיל שלעכטס, ווי זי. „זיך געײַלט, ניט געהערט, וואָס טאַטע־מאַמע זאָגן, און גערעכט זײַנען זיי געווען. אָבער צוריק כאַפּן — איז פּונקט ווי פֿאַרבינדן דעם ווינט אין אַ פּאַטשיילעכל״. דערבײַ האָט זי זיך דערמאָנט אין דעם מאַן אירן, וואָס איז געווען עלטער פֿון איר מיט פֿופֿצן יאָר. זיך דערמאָנט און קיין פּיצל כאַראַטע ניט געהאַט, וואָס זי איז פֿון אים אַוועק, גלײַך ווי זי האָט געבוירן דאָס דריטע מיידעלע. אַזוי זיך הוידענדיק אין זאָטל, האָט כאַנע געטראַכט, אַז די קאָמונאַרן זײַנען אין אַ געוויסן זין ניט בעסער, ניט אומגעווייגלעכער ווי אַלע אַנדערע.

גאַנץ אָפּט קומט איר אויס אָפּצוּוואַרפֿן אומגעבעטענע אויפֿמערקזאַמקייט. אָט, אַשטייגער, האָט יענע וואָך נאָך וועטשערע צו איר געזאָגט כאַימקע פֿון פֿעלד־בריגאַדע:

— כאַנקע, לאָמיר זיך דורכגיין, אַזאַ אויצער, ווי דו, גייט אין ניוועץ. אין סטעפּ איז אַ מעכײַע. שטערן פֿאַלן סנאָפּעסווײַז.

כאַנע האָט ניט געזאָגט, וואָס עס איז איר געלעגן אויף דער שפּיץ צונג, ווײַל עס איז אָנגענומען, אַז אַ מאַמע פֿון דרײַ קינדער דאַרף ניט פֿאַרעבענדעווען. זי האָט אים אָנגעקוקט פֿאַרוווּנדערט־אומעטיקלעך און מיט אַ געפֿאַלן קאָל באַמערקט:

— איך פֿרעג דיך, כאַימקע, אויב איך זאָל מיט דיר טאַקע יאָ גיין אין סטעפּ, וועלן די שטערן אויפֿהערן פֿאַלן, אָדער די אַראָפּגעפֿאַלענע שטערן וועלן צוריק אַרויף אויפֿן הימל?

כאַימקע האָט קוים פֿאַרשטאַנען, וואָס ער הערט. ער האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען און גאַנץ גלײַכגילטיק צוגעוואָרפֿן:

— ניין, איז ניין.

בייס ער האָט עס געזאָגט, האָט שוין כאַנע געשפּאַנט צו דער נײַער שטוב, וווּ זי האָט אין אַ צימער געוווינט. ריכטיקער, געגעכטיקט מיט נאָך צוויי קאָמונאַרקעס, מיט ריווקען און מיט כעוועדן. דאָס איז געווען ניט דער איינציקער פֿאַל. כויך כאַימקען, זײַנען געווען נאָך באַלאָנים. עס איז איר אַפֿילע אויסגעקומען צו הערן פֿון סראָליקן, וואָס אַרבעט אין שמידערײַ:

— כאַנעטשקע, אַז מע האָט דרײַ קינדער, האָט מען שוין ניט וואָס צו היטן!

און כאַנע האָט עס אויסגעהערט און געשוויגן.

דאָס אַלץ האָט כאַנע זיך איצט דערמאָנט, און עס איז איר געוואָרן זייער באַנגלעך.

באָרעך איז געגאַנגען פּאַוואָליע, זײַנע הינטערשטע פֿיס האָבן געטראָפֿן פּונקט צו די פֿאָדערשטע טלאָען. ס'האָט זיך געקאָנט אויסווײַזן, אַז אויך ער באַטראַכט עפּעס. כאַנע האָט אויף אים געקוקט דורך די אַראָפּגעלאָזטע וויעס און צוגעפּעטשלט זײַן האַלדז, ער זאָל גיכער גיין. אין הויף פֿון קאָמונע איז זי אַרײַנגעריטן האַסטיק און האָט גלײַך דערזען, ווי אינמיטן הויף שטייט אַ געזעמל אומגעווייגלעכע מענטשן, ניט אַזוי די מענטשן זײַנען

געווען אומגעוויינלעך, ווי זייערע פּאָלירטע קעסטלעך, וועלכע זײַנען אַף רימענס געהאנגען בא זיי אַף די אַקסלען. אנדערע זאכן זײַנען געווען פּאַרקנעפּלט אין טשעכאָלן. פּלאַטשיקע פּירקאַנטיקע היפּשע פּעקלעך זײַנען געווען פאַרנייט אין לײַוונט. טשעמאָדאַנעס האָבן אויך ניט געפעלט. כאַנע האָט אַרײַנגעכאַפּט דאָס צימל אין דער רעכטער האַנט אזוי, אַז באָרעכס קאָפּ האָט זיך פאַריסן, און ער האָט פאַרהאַלטן זײַן טראָט. ווען ניט דאָס, וואָלט זי מיטן פערד געטראָפן גלײַך אינעם געזעמל. אין די געציילטע רע-געס, בייס זי איז פאַרבײַגעריטן אזוי נאָענט לעבן די מענטשן, האָט זי זיך א דריי געטאָן אפן זאָטל מיט דער פלייצע צום פערדס קאָפּ, מיטן פּאָנעם צו די געסט און באוויזן צו באַמערקן א גאַנץ הויכן באָכער מיט א בלאָנדער געקרײַזלטער פּאַטלע, מיט א לאַנגער נאָז, אזוי אַז זי האָט אפילו א טראַכט געטאָן: „צי קען נאָך זײַן א מויל אונטער אזא לאַנגן כויטעם". זי האָט אויך א כאַפּ געטאָן מיטן בליק א קליינוווקסיקן, זייער שווארצן באָכער מיט א ריזיקן פּעך-שווארצן צעקודלטן קאָפּ. עס איז אויך געווען א מאָגערע פרוי אין א טיף-אויסגעשניטענעם סאראפאַן, און גאָר צום לעצט האָט זי באַמערקט נאָך איינעם, אויך א קליינוווקסיקן, א שווארצכיינעוודיקן, אַפן קאָפּ האָט ער געטראָגן א טיובעטייקע, און, ווי איר האָט זיך אויסגעוויזן, איז אַף זײַן לענגלעך איידל פּאָנעם אופגעגאַנגען א הארציקער שמייכל, ווען ער האָט באַמערקט, ווי זי שטויסט מיט די באָרוועסע פּיאַטעס דעם פערדס זײַטן. בא דער פערד-שטאַל האָט זי פאַנאַנדערגעזאָטלט באָרעכן און געזאָגט צום פערד-וועכטער:

— מאַזלטאָוו, שימקע, מיר האָבן שוין געסט. צום אומגליק בין איך דער פּאָרזיצער פון קולט-קאָמיסיע, עס פעלט מיר ארבעט! עס וועלן זיך ווידער אָנהייבן פראַגעס, וואָס איז דאָס פאַר א קאָמונע, פונוואַנען האָט זי זיך גענומען.

כאַנע האָט נאָך געהאַט א סאַך וואָס צו זאָגן, נאָר שימקע האָט זי גע-טרייסט:

— קלעם זיך ניט, כאַנקע, עפשער האָט עס גאָר קיין שײַכעס ניט צו דער קולט-קאָמיסיע, עפשער זײַנען געקומען זעמליעמערן?

— מויכל, מויכל, מע האָט שוין געמאָסטן טויזנט מאָל, — האָט כאַנע מיט הארץ געזאָגט און זי איז אוועק עסן.

ס'איז דאָ א ווערטל, אַז דאָס באַשערטע קומט אין שטוב אַרײַן. ווען כאַ-נע איז אַרײַנגעגאַנגען אין עסצימער, זײַנען די געסט געזעסן בא איינעם פון די טישן. עס האָט זי מאַמעש דורכגעשטאָכן א פאַרדריסלעך געפיל, וואָס עס טראָגן זיך ארום כמארעס פליגן. קיין סופּיט אין עסצימער איז ניט געווען. אַף די קראָקוועס זײַנען געזעסן פייגל, און פון דאָרט איז גע-דיכט געפאַלן דאָס, וואָס די פייגל האָבן מער ניט געדאַרפט. די ערדענע פּאָדלאָגע אין עסצימער האָט אויך געמעגט זײַן ניט אזוי בערגלדיק — יענע

וואָך זײַנען גראָד געגאַנגען רעגנס, האָבן די קאָמונאַרן אָנגעשלעפּט אַף זייערע שטיוול געגנוג לײם, און אַזוי איז זי אויסגעטריקנט געוואָרן. כאַנען האָט עס ניט נאָר פאַרדראָסן, א דריקנדיקע כאַרפּע האָט זי אַרומגעכאַפּט. זי איז האַסטיק צוגעגאַנגען צום קיך־פענצטערל, גענומען דעם אָפּגעלױ־פּעטן עמאַלירטן טעלער מיט דער גרויליק־געדיכטער גערשטענער באַלאַנדע און זיך געזעצט באַם לעצטן טיש — וואָס ווײַטער פון די געסט. זי האָט נאָך ניט באַוויזן אויפצועסן א העלפט פון דעם, וואָס איז געווען אין טעלער, ווען א טשאַטע הינער מיט הענער, קלאָר־ווײַסע ווי שניי, האָבן זיך דורך דער אָפענער טיר אַרײַנגעלאָזן און זיך צעשאָטן איבערן עסצימער. ראָכקע איז גראָד געגאַנגען פון קיך צו די געסט מיט צוויי טעלער איןביידע הענט. זי האָט האַסטיק אַוועקגעשטעלט די טעלער אַפן טיש און גענומען טרײַבן די אויפעס. די צעפּלאָשעטע הינער האָבן זיך א לאָז געטאָן אונטער און אַף די טישן. די געסט האָבן שטייענדיק געפּאַקט מיט די הענט. די הינער מיט די הענער זײַנען אַראָפּ פון די טישן, זיך געלאָזט מיט צענומענע פליגל איבערן גאַנצן עסצימער און, צעטומלטע, ניט געקאָנט געפינען די טיר, דורך וועלכער זיי זײַנען אַהער אַרײַן. כאַנע איז געווען אַזוי פאַרלאָרן, אַז זי האָט ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס די געסט זעצן זיך ניט. האָט זי געלאָזט שטיין איר טעלער און איז צוגעלאָפן צו יענעם טיש, ווו די אומבאַקאַנטע זײַנען געשטאַנען. דערזען אַפן טיש די „וויזיט־קאַרטלעך”, וואָס די הינער האָבן איבערגעלאָזט, איז זי אַוועקגעלאָפן אין קיך, זיך באַלד צוריקגעקערט מיט א שמאַטע און מיט א טשײַניק וואַסער. אין א ווײַלע אַרום האָבן די געסט געהאַט די געלעגנהײַט ניט נאָר צו זיצן בײַ א ריינעם טיש, נאָר זיי האָבן אויך געקאָנט אָנקוקן כאַנעס ברוינלעכע, פלינקע, שטײַפע הענט, אירע בלויע קרומלעך־געשניטענע אויגן, אירע בוילעטע קינבאַקן, אַף וועלכע ס'האָט דורך דער צוגעברוינטער הויט זיך דורכגעשלאָגן א זאַפטיק־ראָזלעכע פאַרב. אירע פולע פרישע ליפן האָבן רוילעך, ווי נאָרוואָס נאָך א שאַרפן מעסער־שניט, זיך ליבלעך געקנייטשט, אַזוי אַז די געסט האָבן פאַרגעסן אין די טעלער מיט דער גרויער באַלאַנדע און, ווי פאַרקישעפטע, נאָכגעקוקט כאַנעס יעדער באַוועגונג. זי האָט אויך באַוויזן באַטראַכטן יעדערן פון די געסט. א קורצע רעגע האָט זי געקוקט אַף דעם קליינוווקסיקן, אַף זײַן לענגלעך, איידל פּאָנעם, זײַן צאַרטן שמייכל. צום עסן האָט זי זיך מער ניט צוגעריכט. מיט א ביטער געפיל איז זי אַרויס פון עסצימער. זי האָט אַרויסגעפירט באַרעכן פון פערד־שטאַל, אים האַסטיק אָנגעזאָטלט, זיך אַרופגעכאַפּט אַף אים, אַרײַנגעטאָן אירע באָרוועסע פיס אין די סטרעמענעס. דאָס פערד האָט זיך געלאָזט מיט זײַן שווימענדיקן, גלײַכמעסיקן גאַנג צום סטעפּ, צו דער טשערעדע, צו וועלכער ער האָט שוין גוט געוווּסט דעם וועג.

נאָך פונוויײַטן האָט כאַנע געזען די מאַזשאַרע מיט די אויפגעהויבענע האָלאָבליעס, די טשערעדע, די פּאַסטעכער, די מעלקערנס מיט די רויטע און ווײַסע פאַטשיילקעס אַף די קעפּ. זי האָט פעסט אָנגעצויגן דאָס צײַמל, דאָס פערד האָט פאַרהאַלטן דעם גאַנג און איז שטיין געבליבן בײַ דער סאַ־

מע מאַזשאַרע. כאַנע איז מאַמעש אַרויסגעפֿלויגן פֿון זאָטל, און איר קרעפּ־טיק קאָל האָט אַ הילך געטאָן איבערן סטעפּ:

— טויבקע, וואָס בלאָנדזשעסטו מיט דער דוויניצע, ווי אין פֿינצטערן וואַלד? אַ־האַ־אַן איז דײַן „וועגעראַ"!

ניט אומזיסט איז אין כאַנעס געשריי געווען אַ פּאַרוואָרף, אַ שפּאָט. זי איז געווען אויסער־זיך, וואָס די מעלקערנס דרייען זיך איבערן סטעפּ, ווי פֿאַרטשאַדעטע, און דערקענען ניט די בעהיימעס, וועלכע זיי מעלקן צוויי יאָר דרײַ מאָל אין טאָג. וויפֿל מאָל האָט זי געזאָגט: „קוקט זיך צו, ווי די קי שטייען אין שטאָל צוגעבונדן איינע לעבן דער אַנדערער, אַזוי לייגן זיי זיך אין סטעפּ איינע לעבן דער אַנדערער".

מער פֿון אַלעמען האָט טויבקע ניט דערקענט „אירע" קי. כאַנע האָט זי מאַמעש פֿאַר דער האַנט געפֿירט פֿון איין בעהיימע צו דער אַנדערער און מיט האַרץ געטײַנעט:

— גיב אַ קוק, „גערע" ליגט לעבן „וויקטאָריען", „כאַוועו" ליגט לעבן „דזשוליעטען", און די איבעריקע ליגן אויך אַזוי. ווו זײַנען דײַנע אויגן, צו אַלדי רוכעס? קוקסט און זעסט אַ פֿײַג אונטער אַ דעכעלע!

וויפֿל מאָל האָט כאַנע געבעטן, אַז די מעלקערנס זאָלן טאָן, ווי זי טוט. זיי זאָלן אויסוואַשן די אײַטערס ניט בײַ איין בעהיימע און גלײַך נעמען ציִען און ציִען, ביז די מילך קומט, נאָר זיי זאָלן אויסוואַשן די אײַטערס בײַ צוויי־דרײַ בעהיימעס, וועלן זיי פֿאַרשפּאָרן צו וואַרטן, וואָרעם ווען זיי וועלן צוגיין מעלקן די דריטע בעהיימע, וועט שוין די מילך רינען.

איצט איז זי צוגעגאַנגען צו שיפֿרע גרינבלאַט און מיט רוגזע געזאָגט:

— שיפֿרע, איך וועל זאָגן דער בעהיימע, זי זאָל דיך אויסמעלקן. וואָס בריקעסטו זיך? נעם אַוועק דײַנע הינטערשטע פֿיס פֿון איר בויך!

געוויזן, געזאָגט, זיך געבייזערט. צום סאַך האָט כאַנע גענומען דעם בלעכענעם עמער און איז אַוועק מעלקן אירע „אייגענע" קי. אינגיכן איז זי צוגעגאַנגען מיט אַ פֿולן עמער מילך, האָט זיך מיט איין פֿוס אַרופֿגעשטעלט אויף דער ראָד פֿון דער מאַזשאַרע, אויסגעגאָסן די מילך דורך דעם זײַ־טיכל, וואָס איז געווען צוגעבונדן צום בידאָן. אַ קוק געטאָן אויף באַרעכן, ווי ער שטייט אויף דער סאַמע זון, האָט זי אַראָפּגענומען די פּאַטשיילקע פֿון קאָפּ און זי אויסגעבונדן מיט צוויי עקן דעם פֿערד ביז די אויגן. בייס זי האָט עס געטאָן, איז ער געשטאַנען, ווי צוגעשמידט, דערנאָך פּאַוואָליע אַוועק צו דער באַלקע, שטיל אַ הירזשע געטאָן, ווי ער וואָלט געזאָגט: איך וועל באַלד צוריק קומען.

רוווקע דער פּאַסטעך, וואָס האָט עס געזען ניט איין מאָל, האָט זיך גע־וויצלט:

— כאַנטשע, איך בין מקנא באַרעכן...

מער האָט ער גאָרנישט באַוויזן צו זאָגן, ווײַל כאַנע האָט אים געשענקט אַ שיינריידנדיקן קוק, און, כאָטש זי האָט זיך זייער געאײַלט, האָט זי געלאָזט פֿאַלן:

— רעב רווז, איך זאָל אזוי לעבן, ווי אין באָרעכס מויעך איז דאָ מער, ווי אין דײַנעם, — און זי איז אוועקגעלאָפֿן מיט דער דוויניצע טאָן וואָס זי האָט געדארפֿט.

אָט אזוי זײַנען געגאנגען כאנעס טעג. זי האָט קוים אויסגעשניטן א שאָ אָף אויײַנצולויפֿן אין קינדערהיים צו אירע קינדער. אָבער די שאָ איז גֿעמלעך געווען די סאמע געמיטלעכע און געגארטע פֿון גאנצן מעסלעס.

ס'האָט זיך אזוי געמאכט, אז דרײַ־פֿיר טעג האָט כאנע די געסט ניט געזען, אָבער געהערט וועגן זיי האָט זי גראָד יאָ. אירע שכיינעס ריווקע און כעווער האָבן צווישן זיך גערעדט אין די אָוונטן:

— די כודאָזשניקעס שלאָפֿן אָף די סקירדעס שטרוי.

— זיי זײַנען גערעכט, — האָט ריווקע באַגיטיקט, — אונדזערע וואנצן האָבן אזוינס נאָך קיינמאָל ניט פֿארזוכט, די כודאָזשניקעס וואָלטן בעמיילע געמאכט פֿלייטע. נעכטן זײַנען זיי אלע געווען אין גאָרטן, זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט מיט זייערע ווארשטאטלעך און געוואָלט ארָאָפּריסעווען פֿייגעז, אָבער זיי האָבן ניט געפֿויעלט בא איר, זי זאָל שטיין א ווײַלעטשקע. ווי קאָן זי שטיין, אז זי דארף טראָגן די פֿאָמידאָרן צו דער מאזשארע? זײַנען זיי אין קאס געוואָרן, האָבן געכאפּט זייער קלאפּערגעצײַג און אוועק צו די סילאָס־טורעמס.

אזוי האָט זיך כאנע דערוווסט, אז די געקומענע זײַנען קינסטלער, און אין די קומענדיקע אָוונטן האָט זי נאָך געהאט אויסצוהערן, ווי אירע שכיינעס ריידן ארום די בילדער, וועלכע די קינסטלער מאָלן.

— איך בין זיך אזוי צוגעגאנגען, שטיי איך הינטער זײַן פֿלייצע, — האָט כעווער דערציילט, — די סקירדעס האָט ער אָנגעריסעוועט מיט בלויער פֿארב, די אָקסן מיט דער מאזשארע — מיט ראָזער פֿארב, די ערד — מיט געלער. איך פֿיל, אז איך ווער צעפּלאצט פֿון געלעכטער. בין איך ארײַנגעגאנגען אין וואגאָנטשיק. די כעוורע האָבן אָפּגעגעסן ווארמעס, איך וואש די שיסעלעך, מיטאמאָל — ער גייט ארײַן.

— ווער איז דער ער? — פֿרעגט ריווקע.

— דער מיט די בלאָנדע געקרײַזלטע האָר. „יאָ, מאכט ער צו מיר, ווי איז דײַן נאָמען? איך וויל זיך מיט דיר באקענען". זאָג איך: „מע רופֿט מיך כעווער. אָבער איר האָט ניט וואָס זיך צו באקענען מיט מיר, איך האָב שוין א כאָווער". קוקט ער מיך אָן, טוט א געניץ אינמיטנדערינען און זאָגט: „האָסט, האָב געזונטערהייט!"

— זעסטו, ריסעווען אליין קלעקט אים ניט... אָבער וואָס האָסטו זיך אָפּגעזאָגט? איך אָף דײַן אָרט וואָלט זיך יאָ באקענט מיט אים, — האָט ריווקע ערנסט באמערקט.

„באכמאניעס", — האָט כאנע א טראכט געטאָן און איז אײַנגעשלאָפֿן.

באגינען, ווען זי איז אופגעשטאנען צום ערשטן געמעלק, האָט זי זיך דערמאָנט אין כעווערס מעווינעס וועגן די קינסטלערס ארבעט, און עס איז איר פֿריקרע געוואָרן, וואָס כעווער איז אזוי טעמפּ און דערצו זיכער, אז זי

פארשטייט עפּעס אין דעם. כאַנע האָט זיך אַזש צעלאַכט, בייס זי איז גע־גאַנגען דורכן פּוסטן באַגינענדיקן הויף צו דער קו־שטאַל. דער איינציקער בוים לעבן קינדערהיים איז געשטאַנען פאַרשלייערט אין קילער שטילקייט, קיין בלעטעלע אויף זיינע צווייגן האָט זיך ניט באַוועגט. די לופט איז געווען קיל, די קוזניע, די סילאָס־טורעמס, די איינציקע נייע שטוב, די קאַשאַרע און די אַלטע שטוב, וואָס זיינען גאַנץ פאַרבליבן נאָך דער רעוואָליוציע, זיינען געווען פאַרהילט אין נאַכטיקער רו. פון דער קו־שטאַל האָט זיך גע־לאָזט הערן אַ קלימפּערן פון די בידאָנעס, פון די בלעכענע דויניצעס. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער טאָג.

כאַטש כאַנע איז געווען זייער פאַרטאָן, האָט זי צומאָל דורכגענומען אַ כאַרפּע פון דער אויסקומעניש, מיט וועלכער די קאָמונאַרן זיינען געווען אַרומגערינגלט. „ווי קאָנען מיר לערנען אַנדערע, — האָט זי געטראַכט, — אַז מיר אַליין ווילן זיך ניט לערנען, און אַזוינע ווייסערקעס, ווי כעוועד, וועלכע האָבן קיינמאָל קיין קינסטלער, קיין בילד אין זייערע אויגן ניט גע־זען, כויזעקן?” כאַנע איז געווען צערודערט פון דעם, דעריבער איז איר די אַרבעט ניט געגאַנגען ווי עס דאַרף צו זיין.

זי איז געזעסן אויפן נידעריקן בענקעלע מיט דער בלעכענער דויניצע און האָט איינגערעדט דער בעהיימע: „שטיי, פלאָרע, ליבינקע”, — אָבער „פלאָ־רע” איז ניט איינגעשטאַנען קיין רעגע. זי האָט געדרייט מיטן קאָפּ, געפאָכט מיטן עק און קעסיידער געהויבן די הינטערשטע פיס, פּונקט ווי זי וואָלט געפילט, וואָס עס טוט זיך בא כאַנען אין האַרצן. עס האָט כאַנען אַ שוויס באַשלאָגן, ביז זי האָט אויסגעמאָלקן „פלאָרען”. דערנאָך האָט זי געהאָלפן אָפּבינדן די קי, און, ווען די פאַסטעכער זיינען אַוועק מיט דער טשערעדע אין סטעפּ, האָט כאַנע מיט די מעלקערנס אויסגערייניקט די שטאַל, אָנגע־שאָטן האָבערנע מעל מיט געשטויסענער מאַקוכע אין די קאָרעטעס און איז אַוועק צו דער פערד־שטאַל.

זי האָט אָנגעזאָטלט באָרעכן, געשמייכלט פון שימקעס רייד:

— כאַנע, דו גלעטסט אים און גלעטסט, ער בלייבט אָבער אַלץ אַ פערד!

— דאָס טרעפט מיט צווייפיסיקע אויך, — האָט כאַנע באַמערקט און האָט אַרויסגעפירט באָרעכן פון שטאַל. און כאַטש זי האָט געהאַט נאָך וואָס צו ענטפערן שימקען, איז זי אַוועקגעריטן צום ברונעם — זי האָט דערזען, אַז די קאָרעטעס זיינען טרוקן. עס האָט זי דורכגענומען אַ בראַנדיקער צאָרן, ווייל זי האָט פאַרשטאַנען, אַז די פאַסטעכער האָבן אַוועקגעטריבן די טע־לעצעס מיט די ביקלעך ניט קיין געפּאָיעטע... זי האָט מיט די פּיאַטעס גע־פּויקט באָרעכן אין בויך אַזוי, אַז דער אָטעם האָט איר פאַרכאַפּט, פליענדיק איבערן סטעפּ. ערשט הינטער דעם דאָרף קאַראַהורט האָט זי דערזען די פאַסטעכער און די בלאָנקענדיקע יונגע טשערעדע. די פאַסטעכער זיינען געזעסן און האָבן גאַנץ געשמאַק צוגעביסן. כאַנע האָט געקוקט, ווי זיי בייסן אויף היפּשע שטיקלעך פון די לוסטעס ברויט און ווי זיי זופּן נאָך יעדער ביסן ברויט פון דער פלאַש מילך. זי האָט דערפילט, ווי אַ זודיקער ווינט האָט

פאַרכאַפּט אירע נאָזלעכער, ווי ס'האָט זיך אויפגעהויבן צו איר האַלדז אַ שוועבלדיקער גרימצאָרן, און זי האָט אויסגעשריִען:

— די טעלעצעס צום ברונעם!

די פאַסטעכער האָבן אוועקגעשטעלט אַף דער ערד די פלעשער מיט דער איבערגעבליבענער מילך. זיי האָבן זיך אויפגעהויבן און רויִק געזאָגט:

— זיי װעלן זיך אָנטרינקען וואַרעמס-צײַט.

— פאַרוואָס האָט איר ניט אָפּגעלייגט אײַער אָנבײַסן ביז וואַרע-ע-ע-ע-ממעע-ססס! — האָט כאַנע אויסגעשריִען אַזוי, אַז די פאַסטעכער האָבן שפּאַ-רעוודיק גענומען שטעלן די פיס אַף הינטערווײַלעכס. אָבער כאַנע איז שוין מער ניט געווען קיין באַלעבאַסטע איבער זיך. זי איז אַרויסגעשפּרונגען פון זאָטל, זיך אַ לאָז געטאָן צו די פאַסטעכער, זיי דעריאָגט און גענומען פּלעמען איינעם און דעם אַנדערן איבער די באַקן, איבער די קעפּ. זי האָט געזען, ווי זיי פּאַכן מיט די הענט און ווערן זיך פון איר. זי וואָלט זיי נאָך היפּש אײַנגעטיילט, ווען זי וואָלט פּלוצעם ניט דערזען, ווי עס רינט בלוט בײַ איינעם פון דער נאָז. זי האָט נאָך געפונען אין זיך קרעפטן אויסצו-שרײַען:

— מענוואַלים, פּויליאַקעס, נישטיקײַטן! זיך צוגעווינט אין ווייניצע צו פאַרקויפן הערינג! די טעלעצעס פאַרנעמט!

דאָס אַלץ אַרויסגעשריִען, איז זי אַף די שפּיץ פינגער צוגעלאָפן צו באַרעכן, האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין זאָטל און ווידער מיט די פּיאַטעס גע-פּויקט זײַן בויך אַזוי, אַז דאָס פערד איז עטלעכע רעגעס אַ פאַרוווּנדערטער געשטאַנען אַף איין אָרט, בלויז געביטן דעם טראָט, און ערשט דערנאָך אַ הירזשע געטאָן און זיך געלאָזט גלאַט אין דער וועלט אַרײַן. כאַנע האָט אַרומגעדרייט דאָס צײַמל אַף דער רעכטער האַנט אַזוי, אַז באַרעכס קאָפּ האָט זיך פאַריסן. זי האָט אים פאַרקערעוועט ווו זי האָט באַדאַרפט און גע-האָלפן פאַרנעמען די טשערעדע צום ברונעם. ערשט ווען זי האָט געזען, ווי די פאַסטעכער האָבן אָנגעפּאָמפּעט וואַסער אין די קאָרעטעס און די בעהיי-מעס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו דער וואַסער, איז זי אוועקגעריטן אין סטעפּ, כאָטש עס איז נאָך געווען לאַנג צום באַטאַגיקן געמעלק.

איצט האָט זי ניט געקערעוועט. באַרעך איז אוועק צו דער באַלקע, און בײַס ער האָט זיך מיט איר אַראָפּגעלאָזט אין דער נידער, איז זי אַרויס פון זאָטל און אוועקגעפאַלן אַפן גראָז. זי האָט זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צום הימל און אַזוי געלעגן, אײַנזאַפּנדיק אין זיך די רו, וואָס האָט געאָטעמט צו איר פון דער ערד.

זי האָט ניט געזען, ווי באַרעך איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און ווי פון זײַנע ליפּן איז געפאַלן אַף דער ערד געדיכט-אויפגעשלאָגענער געלער שוים. זי האָט עס ניט געזען ניט נאָר דערפאַר, וואָס זי איז געלעגן מיטן פּאָנעם אַראָפּ, נאָר ווײַל זי איז אײַנגעשלאָפן. ווען כאַנע האָט זיך אויפ-געכאַפּט, איז באַרעך געלעגן אַף דער ערד. זי האָט אַ גלעט געטאָן זײַן האַלדז און דערפילט, אַז ער איז נאַס. דעריבער האָט זי אים געלאָזט ליגן,

אָבער די זון האָט באוויזן, אז ס'איז שוין צײַט צו מעלקן דאָס צווייטע מאָל. זי האָט א צי געטאָן דאָס צײַמל, און באָרעך האָט זיך אופגעהויבן און זיך געלאָזט שפּאַנען נאָך איר.

אפן באשטימטן אָרט אין סטעפּ, ווו די פאסטעכער האָבן אלעמאָל צו־נויפגעזאמלט די בעהיימעס, איז געשטאנען די מאזשארע מיט די ליידיקע בידאָנעס. די מעלקערנס האָבן שוין אָנגעהויבן מעלקן. כאנע האָט אויך גענומען די בלעכענע דויניצע און איז אוועק טאָן, וואָס אלע טוען. בייס זי איז צוגעגאנגען צו דער מאזשארע אויסגיסן די מילך אין בידאָן, האָט זי דערזען דעם שווארצביינעוודיקן קינסטלער, וועלכן זי האָט אויסגעטיילט פון די איבעריקע, בייס זי האָט אים יענעם טאָג דערזען אין געזעמל. זײַן לענגלעך, איידל, טונקל פּאָנעם און זײַנע שווארצע אויגן האָבן געשמייכלט און אויסגעדריקט געבעט מיט צווייפל אינײַנעם. ער האָט א קורצע רעגע געקוקט כאנען אין די אויגן, צוליב עפּעס האָט ער אראָפּגעכאפּט די טיו־בעטייקע פון קאָפּ און שטיל געזאָגט:

— כאווערטע בריגאדיר, עפּשער איז מעגלעך צו פארהאלטן די סטאדע אף א שאָ אָנדערהאלבן. אויב יאָ, וואָלט עס געווען זייער ווויל.

כאנע האָט געקוקט אף זײַן אראָפּגעלאָזענער רעכטער האנט, אין וועל־כער ער האָט געהאלטן די טיובעטייקע.

— אָבער ניט מער ווי אף אָנדערהאלבן שאָ, וואָרעם בעהיימעס זײַנען ניט קיין מענטשן. זיי דארפן זיך פּיטערן און מע דארף זיי מעלקן. — גע־זאָגט, ניט אופגעהויבן די אויגן צו אים און אוועק מעלקן.

ער האָט פאנאנדערגענומען דעם מאָלבערט, ארופגעשטעלט אף אים א דיקטן ברעטל מיט צוגעקלעפּטן פּאפּיר, האָט פאנאנדערגעלייגט דאָס אי־בעריקע געצײַג און זיך גענומען צו דער ארבעט.

כאָטש כאנע האָט געזאָגט אזוינע הארבע ווערטער צום קינסטלער, האָט זי נאָכן געמעלק אָנגעזאָגט די פּאסטעכער, אז יענע זאָלן די טשערעדע פארהאלטן. די מאזשארע מיט די בידאָנעס מילך מיט די מעלקערנס איז אוועקגעפאָרן. כאנע איז אויך אוועקגעריטן. זי איז צוגעפאָרן צו דער בע־קערײַ. דער בעקער האָט איר געגעבן א שטיקל פריש ברויט, און זי איז אוועק מיט באָרעכן צום גאָרטן. דאָרט האָט איר אָפּגעגליקט, — די בריגא־דירקע פון גאָרטן-בריגאדע כײַעלע גרינשטיין האָט איר געגעבן א לאנגע גרײַפלדיקע אוגערקע און א פּאָמידאָר. דערבײַ האָט כײַעלע באמערקט:

— כאנטשע, ווען איך גיי ארײַן אין קו-שטאל, וואָלסטו מיר געגעבן א גלאָז מילך?

— א נײַע נײַס! — האָט כאנע באמערקט, אָפּגעביסן דאָס געלע ווייִ־דעלע פונעם שפּיץ אוגערקע, עס ארויסגעשפּיגן, ארײַנגעלאָזן די ציין אין סאמע אוגערקע-טיף, א שמייכל געטאָן, א קוק געגעבן אף כײַעלען בארויִקט:

— כײַעלע, איך בין הײַנט זייער מיד. וויפל, מיינסטו, איז דער זייגער? לײַטישע מענטשן האָבן שוין לאנג אָפּגעגעסן וואַרמעס. די קאָמונארן אויך.

— עס, עס, כאַנטשע, דו האָסט דאָך קימאַט געפּאַסט. ווי מיינסטו, כאַנעלע, די אָפּקומענדיקע נײַע מענטשהײַט וועט אויף אונדז קיין פּאַריבל ניט האָבן? וואָס זאָל מען טאָן, מע זינדיקט אָפּט, און איך ניט ווייניקער פון אַנדערע. ניט דו אײנע קומסט אַהער. דער גאָרטן איז מאַמעש ווי האָניק פאַר בינען, — האָט כײַעלע אין פאַרלעגנהײַט געזאָגט.

כײַעלע איז געווען פון די קאָמונאַרקעס, וועלכע איז זייער געווען כאַנען צום האַרצן. זי האָט מיט גרויס האַנאָע געגעסן די אוגערקע מיטן פּאָמידאָר. אָבער זי האָט קימאַט זיך געגעבן אַ ניידער, אַז זי וועט אַהער מער ניט קו-מען, און זי וועט עסן דאָס, וואָס אַלע קאָמונאַרן עסן. און שוין זיצנדיק אין זאַטל, האָט זי צוגעזאָגט:

— כײַעלע, דײַגע ניט. די קומענדיקע מענטשהײַט וועט זיך דערמאָנען, די קומענדיקע מענטשהײַט וועט וויסן, אַז דו האָסט בישטיקע געטיילט די קאָמונאַרן גרינס, און איך בין זיכער, אַז דו וועסט ניט שטרענג געמישפּעט ווערן!

געוויס האָט כאַנע ניט פאַרגעסן, אַז דער קינסטלער מאָלט דאָרט די טשערעדע. און אינגיכן האָט ער דערהערט אַ טופּען פון טלאָען. באַלד האָט ער אויך דערזען, ווי כאַנע איז מיט איין פוס געשטאַנען אויף דער ערד, בײַם דער צווייטער פוס איז נאָך געווען אין דער סטרעמענע. ער האָט אָוועקגע-נומען דאָס פּענדזל פונעם פּאַפּיר און געקוקט, ווי זי שפּרינגט אויף איין פוס, און ווען זי איז, ענדלעך, שטיין געבליבן לעבן פערד, האָט ער זיך ווי-דער גענומען צו דער אַרבעט. זי איז געשטאַנען הינטער זײַן פּלייצע, גע-קוקט, ווי ער אַרבעט, און דאָס איז איר אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז זי האָט אויש אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם. זי איז געווען אויסער זיך, וואָס אויף אַזאַ קלײנעם בויגן פּאַפּיר האָט געקלעקט אָרט פאַר אַזאַ הויכן לויטערן הימל, פאַר אַזאַ ראַכוועסדיקער ערד, און עס איז נאָך גענוג אָרט געבליבן פאַר דער טשערעדע און פאַר די מעלקערגס. כאָטש זיי זײַנען געווען קוים אָנגעצ-מערקט, האָט כאַנע הויך אויסגערופן: „דאָס איז דאָך טײַבל, און דאָס איז ראָבקע, און דאָס איז שיפּרעלע”. דער קינסטלער האָט אויפגעהערט צו אַר-בעטן, האָט אויסגעקערעוועט דאָס פּאָנעם צו כאַנען און געלאַסן געפרעגט:

— איר האָט זיי דערקענט? אַזוי גאָר? גאַנץ וווּיל, — דערבײַ האָט ער אַזוי האַרציק געשמייכלט, אַז כאַנע האָט קיין מוט ניט געהאַט אים צו זאָגן דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט.

טאַקע דעריבער איז זי אַוועק צו די פּאַסטעכער, עפּעס גערעדט צו זיי. דער קינסטלער האָט פונווײַטן געזען, ווי די פּאַסטעכער שאָקלען מיט די קעפּ. דערנאָך איז כאַנע ווידער צוגעגאַנגען און אים געזאָגט, וואָס זי האָט געטראַכט.

— איר האָט שוין אָפּגעשפּיגלט? אויב יאָ, דאַרף די טשערעדע גיין צו די באַלקעס, וואָרעם דאָ האָבן די בעהיימעס ניט וואָס צו נעמען אין מויל.

מענטשן קאָנען זײַן פּוסטע, אָבער אײַטערס דאַרפן זײַן פולע. — געזאָגט, צוגעגאַנגען צו באַרעכן, אַרײַנגעשפּרונגען אין זאַטל און אוועק.

ניט אַלץ, וואָס כּאַנע האָט געזאָגט, איז דערגאַנגען צום קינסטלער, וואָרעם אין מאָסקווע האָט ער גערעדט מער רוסיש ווי מאַמעלאָשן. פונדעסטוועגן האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער איז דאָ שיר ניט געגליכן געוואָרן צו די בעהיימעס, און ער האָט זיך געוווּנדערט, וואָס דאָס האָט אים ניט באַליידיקט — פאַרקערט, דאָס האָט אים אָנגענעם איבעראַשט. ער האָט אַ טראַכט געטאָן: „זי איז ניט נאָר אַ בריגאַדיר, זי איז אַן אָריגינעל מיידל". ער האָט צונויפגענומען זײַן קלאַפּערגעצײַג און זיך דערמאָנט די אַלע „טרעפלעכע" קלאַצקאַשעס, מיינונגען, געלעכטערלעך, וואָס ער האָט אויסגעהערט פון די קאָמונאַרן, בייס ער האָט געמאָלט אין פעלד-בריגאַדע, בא די סילאָס-טורעמס, בא די שאָף-פאַסטעכער, און עס האָט זיך אים געשמייכלט, וואָס די בריגאַדירקע האָט זיך אַזוי אויסגעטיילט צום גוטן פון די, מיט וועלכע ער האָט זיך שוין באַגעגנט.

דער לאַנגער טאָג האַרעוואַניע, דער פאַרדריסלעכער צופאַל מיט די פאַסטעכער האָט כּאַנען דעם געמיט ניט גרינגער געמאַכט. פונדעסטוועגן איז זי דעם לאַנגן עסצימער דורכגעגאַנגען מונטער. זי האָט זיך געזעצט בא אַ קימאַט ליידיקן טיש, וואָרעם די מערהײַט קאָמונאַרן האָבן שוין אָפּגעגעסן וועטשערע. באַם סאַמע לעצטן טיש זײַנען געזעסן די קינסטלער. זי האָט נאָך ניט געענדיקט עסן, בייס עס האָט זיך דערהערט, ווי מע קלאַפּט אין דער אײַזערנער רייף. דאָס האָט באַטײַט אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג (ווײַל צוליב זיצונגען פון קאָמונע-ראַט און פון די בריגאַדעס האָט מען אין רייף ניט געקלימפּערט).

פונעם עסן איז שוין כּאַנען ניט באַשערט געווען האַנאָע צו האָבן. זי האָט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ סיבע ס'האָט אַרויסגערופן די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג. זי האָט געזען, ווי דער פאָרזיצער פון קאָמונע און דער סעקרעטאַר פון פּאַרטיי-קעמערל האָבן זיך אויפגעהויבן אויף דער בינע, וועלכע כּאַנע האָט פאַר זיך גערופן די בריק. דער פאָרזיצער האָט עטלעכע מאָל אַ פּאַטש געטאָן איבערן טיש. אין עסצימער האָט געהערשט אַ מאָדנע שטימונג. די קאָמונאַרן און די קאָמונאַרקעס האָבן אי געשמייכלט, אי זיי האָבן אויסגעדריקט שאָדן-פרייגעריקייט. דאָ און דאָרט האָט פּלוצעם אויסגעפּראַלט אַ געלעכטער. דער קאָמונאַר פון פעלד-בריגאַדע, וועלכער האָט אַנומלטן פאַרגעלייגט כּאַנען זיך דורכגיין מיט אים אין סטעפּ „אַ קוק טאָן, ווי די שטערן פאַלן", האָט הויך געפרעגט:

— כּאַנטשע, וואָס האָסטו זיך אַזוי צוגעכאַפּט צו די פאַסטעכער? דו ביסט זייער פּריצטע? זיי זײַנען דײַנע הינט?

כּאַנע האָט זיך אַ בייג געטאָן, און פונקט אַזוי, ווי ער האָט הויך געפרעגט, אַזוי אויסדריקלעך און ערנסט האָט אַ קלונג געטאָן איר קאָל איבערן גאַנצן עסצימער:

— איך האָב דיך אין זינען, ווי דעם פּאַראַיאַריקן שניי, נאָר איצט וואָלט איך גראָד געוואָלט א קוק געבן, ווי דײַנע ציינער זעען אויס.

— שטילער, שטיל זאָל זײַן! — האָט דער פּאָרזיצער ווידער א פּאַטש געטאָן איבערן טיש און באַלד אויסגערופן:

— קאָמונאַרקע כאַנע פײַנבערג, גיי צו נעענטער צו דער בינע. קאָמו־נאַרן געליטענע דאָוויד שאַפּיראָ און יאַנקל צוקערמאַן, קומט אויך אהער.

כאַנע איז שטיין געבליבן פון דער רעכטער זײַט בינע, די געליטענע האָבן זיך אוועקגעשטעלט לעבן דער לינקער זײַט. בא איינעם פון זיי, בא דאָווידן, איז דאָס פּאָנעם געווען פאַרבונדן מיט א רויטער פּאַטשיילקע, ס׳קאָן זײַן, אז צוליב דעם טאַקע איז דער עסצימער פּאַרטויבט געוואָרן פון א מוירעדיקן געלעכטער. ענדלעך איז שטיל געוואָרן.

— כאַווער קאָמונאַר צוקערמאַן, — האָט דער פּאָרזיצער זיך געווענדט צום געליטענעם, — דערצייל פּינקטלעך, ווי דאָס איז געווען.

ער האָט לאַנג דערציילט, צוקערמאַן, ווי ער האָט מיט דאָווידן אַרויס־געטריבן די טשערעדע טעלעצעס, ווי ס׳האָט זיי געכאַלעשט דאָס האַרץ. דאָ האָט אים כאַנע איבערגעשלאָגן:

— ווּעמען האָט געכאַלעשט דאָס האַרץ, אײַך, צי די קעלבער?

א רעכטע ווײַלע האָט געשאַלט א געלעכטער, דערנאָך האָט דאָוויד דערציילט, אז די קאָמונאַרקע כאַנע פּײַנבערג איז אים באַפאַלן, ווי אן עמע־סע גאַזלענטע, און האָט אים פאַרבלוטיקט.

אויסגעהערט די טײַנעס פון די געליטענע, האָט דער סעקרעטאַר פון פּאַרטיי־קעמערל געהייסן ריידן כאַנען. כאַנע האָט אויסגעמאָלט אָט וואָס:

— כאַווירים קאָמונאַרן! איך דאַרף דאָ ניט דערציילן, וויפל מע דאַרף האָרעווען, ביז מע האָדעוועט אויס א קו. ווען איר וואָלט געזען, ווי די טע־לעצעס מיט די קעלבער האָבן זיך אַרומגעדרייט אין סטעפּ פאַרכאַלעשטע פון דאָרשט! און אין דער זעלבער צײַט זײַנען זיך די צוויי מוישע ראַביינוס האָרעפּאַשניקעס געזעסן און געפּראַוועט א סודע. ווייס איך ניט, צי עמעצער פון אײַך וואָלט געטאָן אנדערש ווי איך. איך האָב קיין כאַראָטע ניט, איך האָב אלץ געזאָגט!

דערנאָך זײַנען אַרויסגעטראָטן קאָמונאַרן און האָבן געוואָלט ווייכער מאַכן די זאַך. ס׳האָבן זיך אויך געפונען אזוינע, וואָס האָבן גערעדט האַרב און שאַרף. נאָך די אַרויסטרעטונגען פון די קאָמונאַרן האָט גענומען א וואָרט דער סעקרעטאַר פון פּאַרטיי־קעמערל. ער האָט אָנגעהויבן פון ווײַט:

— ווינטער האָבן מיר פאַרורטיילט די האַנדלונג פון איינער א קאָמו־נאַרקע, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצוזויגן א קליינעם קאָמונאַר, א ברעקל קינד, ניט קוקנדיק אף דעם, וואָס זי האָט געהאַט גענוג מילך. איר גע־דענקט, כאַווירים, ווי מיר האָבן זי אויסגעשלאָסן אף א גאַנצן קוואַרטאַל פון אונדזער קאָמונע. כאָטש איך האָב דאַן געזאָגט, אז דאָס איז אן אי־בעריקע זאַך. איצט האָבן מיר אן אומדערהערטן צופאַל. ווען דאָס וואָלט געטאָן אן אנדערער אף כאַנעס אָרט, וואָלט איך דער ערשטער אופגעהויבן

מײַן האנט, אז דער דוך פֿון אזא מענטשן, פֿון אזא קאָמונאר זאָל בא אונדז ניט זײַן. איך זאָג א קאָמונאר, ווײַל אַלע ווייסן, אז כאנע פֿײַנבערג טוט פֿאר צוויי-דרײַ מאנצבלען. אָבער אופהייבן די האנט אף א כאוורו! איך לייג פֿאַר זי אויסשליסן אף א קווארטאל פֿון קאָמונע-ראט. איך האָב געענדיקט.

מע האָט אָפּגעשטימט. די מערהײַט איז געווען פֿאר דעם פֿאָרשלאָג, וואָס דער פֿארטיי-סעקרעטאר האָט ארײַנגעטראָגן. אין עסצימער איז געווען א ראַש און א טומל. פּלוצעם האָט דאָוויד שאפּיראָ, דער, וואָס איז געשטא-נען ארומגעבונדן מיט א רויט טיכל, אופגעהויבן די רעכטע האנט און גע-לאָזט וויסן:

— איך האָב פֿארגעסן צו זאָגן, אז די כאווערטע פֿײַנבערג האָט גע-שריִען, בייס זי האָט אונדז געשלאָגן, אלערליי מיִעסע ווערטער, און זי האָט געזאָגט, אז מיר זאָלן פֿאָרן האנדלען אין וויניצע מיט הערינג. איך האַלט, אז עס איז א קורקולסקע אגיטאציע.

ניט קוקנדיק אף דער דאָזיקער מעלדונג, האָט זיך דערהערט אזא גע-לעכטער, אז אייניקע קאָמונארן האָבן אזש געשלוקערצט.

— די פֿארזאמלונג איז געשלאָסן! — האָט דער פּאָרזיצער געמאָלדן.

עפּראִים דער שאָף-פּאסטעך האָט זיך א טראָג געטאָן אף דער בינע, ארויסגענומען זײַן מויל-הארמאָניקע פֿון קעשענע. ער האָט געשפּילט עפּעס פֿון „קארמען", געטופּעט מיט די פֿיס, געשריִען:

— כעוורע, כאנעלע, אהערצו גיי, ארוף אף דער בינע, מע דארף דאָס פֿארטאנצן!

עטלעכע קאָמונארן האָבן זיך שוין געדרייט אין א שווינדלענדיקער פּאָל-קע, און כאָטש כאנע איז אַלעמאָל געווען איינע פֿון די ערשטע אומדערמיד-לעכע טענצערנס, האָט זיך איר איצט ניט געטאנצט. זי האָט א קוק געטאָן אף דער בינע, ווי דאָרטן וואָלטן זיך געדרייט מעשוגאָים, און איז ארויסגע-גאנגען פֿון עסצימער. זי האָט געמאכט עטלעכע טריט, דערהערט, ווי עמע-צער גייט הינטער איר, און זיך אָפּגעשטעלט. דערזען דעם קינסטלער, האָט איר א קלעם געטאָן באם הארצן, לעמײַ זי האָט צו אים באטאָג גערעדט אזוי הארב. ער האָט אָבער, אפּאָנעם, פֿארגעסן וועגן דעם, ווײַל ער האָט אזוי שטיל-בעטנדיק זיך געווענדט צו איר:

— כאווערטע כאנע, אויב איר זײַט ניט זייער מיד און איר האָט גאָר-נישט קעגן, וואָלטן מיר זיך עפּשער דורכגעגאנגען מיט אײַך א ביסעלע?

זי האָט עס גוט געהערט און האָט ניט צוגענומען איר האנט, בייס זײַנע ווייכע ווארעמע פֿינגער האָבן זיך צוגערירט העכער פֿון איר עלנבויגן. נאָר ווען זיי זײַנען באנאנד אוועקגעגאנגען, האָט ער זײַן האנט צוגענומען און נאָך א רעכטער ווײַלע שווײַגן שטיל באמערקט:

— דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן גיי איך מיט א מיידל, וואָס האָט אטאקירט צוויי מאנצבלען.

— איך שאַץ אײַער שרעקלאָזיקײַט. איר זײַט בײַגעווען אף דער פֿאר-זאמלונג?

— איר האָט דען ניט באמערקט, אז מיר זײַנען געווען אין עסצימער?
— איך האָב געזען, איך האָב געמיינט, אז איר זײַט אוועקגעגאַנגען.
— דאָס איז ניט וויכטיק. איך וואָלט נאָר געוואָלט, איר זאָלט ניט אי־בערראַשן מײַן שרעקלאַזיקײַט, ווײַל איך האָב שוין געזאָגט, אז אזא מיידל באגעגן איך דאָס ערשטע מאָל.

— איך וועל אלץ אָפּשאַצן זייער באַדאַכט. איר האָט אָבער א טאָעס, דאָס מאָל האָט איר באגעגנט א מאמע פון דרײַ קינדער, — האָט כאנע גע־זאָגט.

זי האָט געהערט, ווי ער האָט טיף אָפּגעאָטעמט. זיי זײַנען פאַרבײַגע־גאַנגען די קוזניע, די סילאָס־טורעמס, האָבן זיך פאַרנומען רעכטס אין סטעפּ אַרײַן. זיי האָבן געשוויגן, און כאנע האָט געוואַרט, אז ער זאָל זאָגן „א גוטע נאַכט, כאַווערטע פײַנבערג". ער האָט זיך פּלוצעם אָפּגעשטעלט און איבע־ראַשט געפרעגט:

— איר, דרײַ קינדער? ווי אַלט זײַט איר?

אין זײַן פראַגע האָט זי דערהערט אַזוינע טענער, ווי ער וואָלט געגאַרט, זי זאָל זאָגן „כ'האָב זיך געוויצלט". ערשט איצט האָט זי אים געוואָלט ווינטשן א גוטע נאַכט. אָבער זי האָט דערפילט זײַן האַנט אויף איר אַרעם און שטיל איבערגעכאַזערט:

— יאָ, איך האָב דרײַ מיידעלעך, דעם קומענדיקן פרילינג ווערט מיר פיר און צוואַנציק יאָר.

כאנע האָט עס געזאָגט און דערפילט זיך קליינמוטיק. אזא געפיל איז געווען בא איר דאָס ערשטע מאָל, זינט זי איז אוועק פונעם מאַן.

אין סטעפּ איז געווען שטיל, ווי אַלעמאָל, ווען כאנע פלעגט אַרויסגיין איינע אַליין א שפּאַציר טאָן. דער הימל איז אויך, ווי אַלעמאָל, געווען זייער טונקל און געדיכט באשטעפּט מיט שטערן. אָבער כאנען האָט זיך אויסגע־וויזן, אז דאָס ערשטע מאָל זעט זי אזא טיף־געוועלבטן הימל, אַזוינע בלייכע שטערן, אזא גלײַכגילטיקע שטילקײַט. א באַנומענע פון דער פּלוצעמדיקער קליינמוטיקײַט, פון דער שטילקײַט און פון זײַן שווײַגן, האָט זי ניט גלײַך דערהערט זײַן שטילע פראַגע:

— ווו איז דער פאָטער פון אײַערע קינדער?

כאנע האָט אים אָנגעקוקט, א רעגעלע געשוויגן און ערנסט געזאָגט:

— וועמעס טאַטע? מײַנע קינדער האָב איך מיר אַליין געהאַט.

ער האָט א נעם געטאָן כאנעס האַנט און זי לײַכט א צי געטאָן פאָרויס. אַזוי זײַנען זיי זיך געגאַנגען, געשוויגן, ביז ער האָט א פרעג געטאָן:

— איר געדענקט, ווי איר זײַט אַרײַנגעריטן אין הויף יענעם פרימאָרגן, ווען מיר זײַנען געקומען אין קאָמונע?

— געוויס געדענק איך. עס איז מיר אײַנגעפאַלן דאָס האַרץ. איך בין דאָך דאַן שיִער ניט אַראָפּגעריטן אויף דעם שוואַרצן, וואָס איז געשטאַנען לעבן דער טיר, וועלכע איז מיט אײַך געקומען.

— איך האָב זיך ניט דערשראָקן, איך האָב זיך שיר ניט צעלאַכט, ווען דער שוואַרצער, מע רופט אים ליאָווע, האָט געכאַפּט זײַן טשעמאָדאַן. דעראָ שוואַרצער איז זייער א גוטער קינסטלער, דאַרפט איר וויסן. איך האָב יענעם פרימאָרגן אײַך קוים געכאַפּט מיטן אויג, איר האָט אזוי גיך פאַרקערעוועט און פאַרשווונדן געוואָרן מיטן פערד אינאיינעם. בייס איך האָב געמאָלט די בעהיימעס, איז מיר זייער געפעלן געוואָרן, ווי דאָס פערד שטייט מיט א ווײַס טיכל פאַרבונדן דעם קאָפּ, דאָס האָט איר אים אזוי אויסגעפוצט?

— וואָס ווונדערט איר זיך, עס איז דאָך געווען אזא היץ.

— איך פאַרשטיי, אָבער עס ווונדערט מיך, וואָס איר באַגייט זיך מיט אים אזוי גוט.

— אויב איר אײַלט זיך ניט, וועל איך אײַך דערציילן, פונוואַנען און וויאַזוי ער איז צו מיר געקומען. כאָטש ניט נאָר דערפאַר באַגיי איך זיך אזוי מיט אים, אז מע שלאָגט און מע פּײַניקט א באַלעכײַ, איז מען קיין מענטש ניט.

— איך אײַל זיך אין ערגעץ ניט. איך ווייס ניט, וואָס איר וועט דערציילן, נאָר איך דאַרף אײַך זאָגן, אז דאָס קנאַפּע, וואָס איך האָב פון אײַך געהערט, זאָגט ניט צו קיין לאַנגווײַליקײַט.

קוים האָט זי אָנגעהויבן דערציילן, איז איר קאָל געוואָרן שטיל, טיף אײַנגעהאַלטן, און אירע ווערטער זײַנען שפּאָרעוודיק געפאַלן אין דער נאַכט.

— מיט א כאַדאָשים זיבן צוריק, — האָט זי דערציילט, — בין איך אוועקגעגאַנגען אין סטעפּ איינע אליין. גיי איך אזוי פאַרטראַכט, דעם וועג ווייס איך. מיטאַמאָל — א וויאָרסט פיר פון דער קאָמונע, אין סטעפּ, ווו ס'איז קיינמאָל קיין שום צוים ניט געווען, זע איך אַרײַנגעהאַקטע סטויפּעס. אַף די סטויפּעס — געדיכט אָנגעצויגן שטעכל-דראָט. ס'איז געווען א ליכטיקע לעוואָנע-נאַכט. איך גיי צו נעענטער, נאָר איך הייב ניט אָן צו פאַרשטיין, וואָס דאָס איז. הינטער דער שטעכעדיקער וואַנט האָבן זיך צונויפגעשלאָגן אָן א שיר פערד. ווען ניט די שטעכלקעס, וואָלטן די פערד זיך געקאָנט צורוקן צו דעם צוים און די ענגשאַפט וואָלט ניט געווען אזוי מוירעדיק, אָבער אזוי האָבן זיי זיך נעבעך צונויפגעקנוילט און האָבן אזוי גרוילּיק און אומעטיק געהירזשעט, אז דער מאַמעס מילך איז מיר אַנטרונען געוואָרן. דערנאָך האָבן זיך אייניקע פערד א הייב געטאָן אַף די הינטערשטע פיס. ווו אַראָפּצולאָזן די פאָדערשטע האָבן זיי דאָך ניט געהאַט, סײַדן אַף די רוקנס פון די, וואָס זײַנען קימאַט געווען צוגעקלעפּט צו זיי. זײַנען זיי אזוי געשטאַנען און נאָכאַנאַנד געפאָכט מיט די פיס אינדערלופטן. איך האָב זיך אזוי דערשראָקן, אז איך בין אוועקגעלאָפן אין קאָמונע. אַפמאָרגן האָב איך קיין פרײַע מינוט ניט געהאַט צוצולויפן א קוק טאָן, וואָס מיט די פערד טוט זיך, און איך האָב דאָס דערציילט דעם פאַרטיי-סעקרעטאַר. האָט ער צו מיר געזאָגט: „וואָס ביסטו אזוי צערודערט, דאָס זײַנען באַלעגופישע פערד!” זאָג איך: „מע האָט זיי געוויס ניט געגעבן קיין עסן און קיין טרינ-

קען". מאכט ער צו מיר: „היינט-מאָרגן וועט מען זיי פאַנאַנדערטיילן". בע-קיצער, צוויי טעג האָב איך קיין צייט ניט געהאַט אהין צוצולויפן, ערשט אפן דריטן טאָג בין איך אהין אוועק. און דאָס, וואָס איך האָב דערזען, האָט מיך גאָר אומדערוואַרט דערפרייט. אַלע סטויפּעס זיינען געווען אוועקגע-וואַלגערט. דאָס שטעכל-דראָט איז געלעגן צווישן די סטויפּעס און קיין איין פערד איז ניט געווען! נאָר איך האָב דערהערט עפּעס א מאָדנעם קלאַנג, אקוראַט ווי מע וואָלט מיט א באַרשט געשאַרט איבער דער ערד. האָב איך אריבערגעשפּרייזט איבערן שטעכל-דראָט און דערזען, ווי איין פערד ליגט אף דער ערד און רייבט מיטן האַלדז די ערד. אַזויווי איך האָב דאָס דערזען, האָב איך זיך געלאָזט לויפן אין דאָרף, וואָס איז געווען נעענטער ווי די קאָמונע. איך בין געלאָפן און געוויינט, נאָך גוט, וואָס קיינער איז אין סטעפּ ניט געווען. איך האָב אין דאָרף געקראָגן א ביסל האָבער, א פּויערטע האָט מיר אנטליִען אן עמער, איינס-צוויי האָב איך אָנגעשעפּט וואַסער און בין אוועקגעלאָפן צום פערד. צום האָבער האָט ער זיך ניט צוגערירט, די וואַסער האָט ער אין זיך אריינגעזויגן מיטן קוק. איך האָב געוווּסט, אז ס'וואָלט גוט געווען, ווען איך גיב אים אַלע טאָג א שטיקל צוקער. אָבער ווּ האָב איך געקענט נעמען צוקער? בעקיצער, אַזוי בין איך געגאַנגען צום פערד אַלע טאָג. האָב איך קיין צייט ניט געהאַט, בין איך געגאַנגען באַנאַכט. ביז איינ-מאָל, איך געדענק שוין ניט אפן וויפלטן טאָג, בייס איך בין געקומען און האָב געבראַכט פאַר אים געדרשטענע קליַען, האָט ער זיך אופגעהויבן און איז מיר נאָכגעגאַנגען. אָבער איר ווייסט, ווי ער איז מיר נאָכגעגאַנגען? ער האָט אַרופגעלייגט זיין מאָרדע אף מיין אקסל, און אַזוי בין איך מיט אים געגאַנגען ביז דער פערדן-שטאַל. כ'האָב אים אריינגעפירט אהין און געזאָגט צו שימקע דעם קאָניוך, אז דאָס פערד רופט מען באַרעך און אז ער זאָל אים ניט שפּאַנען אפילע פאַרן פאַרזיצער. אָט אַזוי ווי איר הערט!

— אַזוי, אַזוי... און וואָס איז געוואָרן מיט די איבעריקע אומגליקלעכע פערד? — האָט ער געפרעגט.

— וואָס זאָל ווערן? מע האָט זיי פאַרשפּאַרט צו צעטיילן. איך האָב אליין עטלעכע מאָל געזען, ווי פערד לויפן איבערן סטעפּ. מענטשן האָבן דערציילט, אז איבער די דערפער האָבן געיאָגט צעווילדעוועטע פערד, ביז די אָרגאַניזירטע קאָלווירטן האָבן זיי געכאַפּט.

ווען ער וואָלט ניט געזאָגט „די אומגליקלעכע פערד", וואָלט כאַנע אים עפּשער געבעטן גיין צוריק, ווייל, ווי געזאָגט, האָט זי לאַכלוטן ניט געהאַט קיין שום שייכעס צו די יעניקע, וואָס האָבן געמיינט, אז זיי זיינען די קרוין פון דער נאַטור.

זי האָט אָפּט אין יענער צייט געטראַכט: „וויבאַלד לעבעדיקע באַשעפע-נישן ווערן אַזוי געפּייניקט, וועט באַרעמהאַרציקייט אף זיך לאַנג לאָזן וואַרטן". איצט, ווען זי האָט דערהערט, ווי ער האָט געזאָגט „אומגליקלעכע פערד", האָט זי דערפילט, אז זי האָט עס דערציילט א מענטשן, וואָס האָט פאַרשטאַנען און געפילט איר רייד.

— צײַט צו גײן, עס באַגינט, — האָט זי געזאָגט.

זײ זײַנען אװעק צו דער קאָמונע, און לעבן דער קו-שטאַל האָט ער צו איר געזאָגט:

— איך װעל אײַך שױן מער ניט רופן כאַװערטע כאַנע, און אױב איר װעט מיר ניט אָפּזאָגן, װיל איך, אַז מיר זאָלן זיך מאָרגן אױך באַגעגענען.

— דאָס איז שױן ניט מאָרגן, נאָר הײַנט. און הײַנט גײ איך צו מײַנע קינדער, װעלן מיר זיך באַגעגענען אַ ביסעלע שפּעטער, װי נעכטן.

— איר האָט קײן כאַראָטע ניט? — האָט ער שטיל געפֿרעגט.

— נײן, אַ האָר אױך ניט. זײַט רויִק, ס'איז שױן אַ היפּשע צײַט, װי איך סטאַרעװע זיך צו טאָן, אַף װיפֿל עס איז מעגלעך, נאָר דאָס, װאָס איך װיל, — האָט כאַנע געזאָגט און איז פֿאַרשװוּנדן אין קו-שטאַל.

עס איז געװען אַ טאָג, װי אַלע טעג. כאַנע איז געריטן אין סטעפּ, גע-שאָטן זאַלץ, געמאָלקן, און נאָכן באַטאָגיקן געמעלק האָט זי מיט די פּאַס-טעכער און מיט די סקאָטניקעס געדאַרפֿט אָפּקלײַבן די יונגע ביקלעך, װעל-כע מע האָט געטריבן אין יעװפּאַטאָריע אַף פֿלײש-פֿאַרגרײטונג. כוץ דעם, װאָס דאָס איז פֿאַר כאַנען געװען פֿײַנלעך, איז עס נאָך געװען אַ גרױסער קלאָפּאָט. ביז מע האָט אָפּגעטײלט די ביקלעך פֿון די טעלעצעס מיט די קעלבער, איז כאַנע געװען אין סטעפּ. עטלעכע מאָל האָט זי אָנגעזאָגט:

— יאָגט זײ ניט, זאָלן זײ זיך פּיטערן צוביסלעך. אין סאַקי זאָלט איר זײ אָנפּאָיִען, װאָרעם, כוץ צאַר-באַלעכאַיִם, װעלן זײ אָנװערן װאָג, אױב איר װעט זײ קײן װאַסער ניט געבן.

אָנגעזאָגט, באַגלײט אַ דרײַ-פֿיר קילאָמעטער, האָט כאַנע פֿאַרקערעװעט דאָס פֿערד צו דער קאָמונע. אָבער אײנער פֿון די פּאַסטעכער, שמולקע דער זשמערינקער, האָט זי אָנגעיאָגט און מיט אַ ראַכמאָנעס-קאָל געזאָגט:

— װי װעל איך גײן אַ באָרװעסער אַזאַ מעהאַלעך?

— דו װעסט גײן, װי איך װאָלט געגאַנגען.

— דו רײַטסט מערער װי דו גײסט צופֿוס. און אַ פֿערד האָט פּאָדקאָ-װעס!

— דו ביסט גערעכט, שמולקע. איך װעל שטעלן די פֿראַגע אין קאָמו-נע-ראַט, מע זאָל קריגן שטיװל פֿאַר דיר און פֿאַר אַלע פּאַסטעכער, — האָט כאַנע צוגעזאָגט, און איר פֿאַרדראָס, װאָס שמולקע און די איבעריקע פּאַס-טעכער װעלן אַ לאַנגן טאָג שפּאַנען אַף דער שטעכעדיקער סטערניע, האָט זי פֿלוצעם אױסגעלאָזן צו באָרעכן. ער האָט ניט געקאָנט װיסן, פֿונװאַנען בא כאַנען אין האַנט האָט זיך גענומען אַ בײַטש, זי אַלײן האָט עס אױך ניט געדענקט. װען מע האָט אָפּגעטײלט די ביקלעך, האָט זי מיט דער בײַטש געפּאָכט, קעדײ יענע זאָלן זיך צוניפּנעמען. איצט האָט עס באָרעך געפֿילט אַף זײַן האַלדז און אַף זײַנע זײַטן. ערשט אין קאָמונע-הױף איז כאַנע גע-קומען צו-זיך און האָט אַראָפּגעלאָזט די בײַטש. שימקע האָט געקוקט, װי זי נעמט אַראָפּ דעם זאָטל פֿון באָרעכס פֿאַרשװיצטן רוקן, און ער האָט געמיטלעך איר אָנגעזאָגט:

— אין סטאָלאָווע איז היינט אַן אַרבעסענער זופּ — די פינגער צו לעקן.

— וואָס זאָגסטו, אַ זופּ? ס'איז טאַקע ניט איבעריק! באָרעך איז דערשוויצט, זאָל ער זיך אָפּקילן. און איך וועל גיין צום אַרבעסענעם זופּ.

נאָכן עסן איז כאַנע ווידעראַמאָל געווען אין סטעפּ ביז פאַרנאַכט. ווי אַלע טאָג, האָט זי געטאָן וואָס מע האָט געדאַרפט, פונדעסטוועגן האָט שיפּרעלע, איינע פון די בעסטע מעלקערנס, באַם פאַרנאַכטיקן געמעלק באַמערקט, אַז כאַנעס גאַנג איז עפּעס אַן אַנדערער, און שיפּרעלע האָט זיך אַ ווייצל געטאָן:

— כאַנע, וואָס איז מיט דיין פּאַכאָדקע? ביז דו וועסט צוטראָגן די מילך צום בידאָן, וועט זי זויער ווערן.

— די מילך זאָל זויער ווערן, אַבי דו זאָלסט זיין זיס, ווי האָניק.

— יאָ, מיין האָניק און דיין גיפט, — האָט שיפּרעלע צוגעוואָרפן.

אויפן האַרצן איז כאַנען געווען ניט מעקאַנע צו זיין, דערפאַר האָט זי שיפּרעלען ניט געענטפערט. זי האָט ניט פאַרגעסן, ווי שמולקע האָט צו איר געזאָגט: „דו רייטסט מער ווי דו גייסט צופוס".

די פאַרגאַנגענע נאַכט האָט זי אויך רוען ניט געלאָזט. כאָטש ער האָט אַזוי ווינציק גערעדט און זי האָט נאָך אַפילע רעכט ניט געוווסט, ווי מע רופט אים, האָט זיך אין איר אַריינגעכאַפּט אַ מאָדנער אומרו, וואָס האָט ניט אָפּגעלאָזט. זי האָט נאָך, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט געוווסט, אָבער געפילט האָט זי, אַז דער קינסטלער האָט זיך געוואָלט באַגעגענען מיט איר ניט צוליב גרינגער צעשטרייונג. דעריבער איז זי אין אָוונט אַריינגעגאַן אין קינדערהיים ניט מיט קיין גרינג געמיט.

קינדער זיינען אַ טרייסט. זי האָט זיך מיט זיי געשפּילט, ווי מיט איר גלייכן, די קינדער האָבן עס געפילט, און ניט נאָר אירע אייגענע מיידעלעך, נאָר דאָס גאַנצע קליינוואַרג איז לויט דער ריי געזעסן אויף איר רוקן, זי האָט זיי געזונגען: „אַ רעגנדל, אַ רעגנדל, אַ רעגן טריפּט און טריפּט". דערנאָך האָט זי זיך געזעצט מיט זיי אויף דער פּאָדלאָגע און זיי דערציילט אַ מייסעלע: „ווי איינע אַ באַבעשי האָט געהאַט אַ שעפּסעלע און די באָבעשי האָט עס ליב געהאַט. געהיט און געצערטלט, דער באָבעשיס אייניקלעך האָבן אויך ליב געהאַט דאָס שעפּסעלע, נאָר פּלוצעם איז דאָס שעפּסעלע פאַרפאַלן געוואָרן. צי דערפאַר, ווייל דער פּאַסטעך איז געווען אַ פאַרשלאָפענער, צי דערפאַר, ווייל דאָס שעפּסעלע איז געווען אַ שטיפערקע. אַ שעפּס האָט דאָך אַ קורצן זיכּאָרן. איין טאָג ניט געקומען, נאָך אַ טאָג ניט געקומען, איז די באָבעשי זייער פאַרומערט געוואָרן. די שכיינעס האָבן דערזען, אַז בא דער באָבעשי גייט ניט קיין רויך פון קוימען, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז זי קאָכט ניט קיין קאַשע פאַר זיך און קיין בולבע-שאָלעכץ פאַר דעם שעפּסעלע. איז אַ שכיינע אַריינגעגאַנגען צו דער באָבעשי און געפרעגט, וואָס איז דער מער? האָט די באָבעשי דערציילט, אַז איר איינציק שעפּסעלע איז פאַרפאַלן געגאַנגען. האָט מען געזוכט אַ טאָג און נאָך אַ טאָג, און דאָס שעפּסעלע האָט מען ניט געפונען. אויפן דריטן טאָג זיצט די באָבעשי אויפן

נידעריקן בענקעלע און וויינט. זי קאָן שוין ניט אריבערטראָגן אירע צאָרעס. מיטאמאָל דערהערט זיך אזוי שטיל און ציענדיק „ב-ע-ע-ע". טוט זיך די באָבע א לאָז צו דער טיר, לויפט ארויס. און וואָס האָט זי דערזען? זי האָט דערזען איר שעפּסעלע מיט צוויי קליינינקע שעפּסעלעך. „כאַכאַמעלע מײַנע, מאַמעלע מײַנע!" — האָט די באָבע אויסגעשריִען. פאַרוואָס האָט זי אזוי אויסגעשריִען, קינדערלעך? פאַרוואָס?" — „ווײַל זי האָט זיך דערפרייט מיט איר שאָף און מיט די שעפּעלעך", — האָבן די קינדער אויסגעשריִען און געטאַנצט פון פרייד.

כאַנע האָט אויך געטאַנצט מיט זיי אין ראָד. נאָר ווען זי איז ארויסגעגאַנגען פון קינדערהיים, האָט הענקע, וועלכע האָט דאָ געארבעט, זי דערזיאָגט און שטיל באַמערקט:

— כאַנקע, דו האָסט זיי אזוי צערודערט, אז זיי וועלן לאַנג ניט אײַנשלאָפן. צי שוין זשע פאַרשטייסטו ניט, אז עס וואָלט געווען בעסער, ווען דו קומסט אַלע טאָג אף א שאָ, איידער צוויי מאָל א וואָך אף צוויי שאָ מיט א מײַסע?

כאַנע האָט געהאַט וואָס צו ענטפערן, ווײַל זי איז געווען זיכער, אז אמאָל איז בעסער צו הערן אפילע א טרויעריק מײַסעלע, וואָס צערודערט, איידער גאָרנישט הערן און רויִק אײַנשלאָפן. אָבער זי האָט הענקען גאָרנישט ניט געענטפערט און איז אוועק צום עסצימער. זי האָט נאָך ניט באַוויזן פאַרזוכן דעם ארבעסענעם זופּ, וואָס מע האָט איר דערלאַנגט, ווי דער נאַכט-סקאָטניק האָט זיך באַוויזן אין דער אָפענער טיר און זי א רוף געטאָן אין קו-שטאַל. ניט צו דער צײַט, אינמיטנדערינען האָט זיך „האָגאָר" אוועקגעלייגט פאַרוועלן קימפּעט. כאַנע האָט פאַרקאַטשעט די ארבל, געריבן דער בעהיימעס זײַטן. ביז כאַנע האָט דערזען דאָס מאָרדעלע, א שפּיץ צינגל, דערנאָך דאָס קעפּעלע מיט צוויי געלע טלאָעלעך פון ביידע זײַטן קעפּל, האָט זי א שוויס באַשלאָגן. פּלוצעם האָט זיך די בעהיימע א שטעל געטאָן אף דער שטרוי, וואָס דער נאַכט-סקאָטניק האָט אונטערגעבעט, און אף דער שטרוי איז מיט א פּאַטשנדיקן כליופּ אוועקגעפאַלן דאָס קעלבל. ביז כאַנע האָט עס אויסגעווישט מיט א זאַק, ביז זי האָט עס אוועקגעטראָגן אין קעלבער-שטאַל, איז שוין געווען גאַנץ שפּעטלעך. פונדעסטוועגן, איז זי ווידער אוועק צום עסצימער. אָבער זי האָט ניט באַוויזן ארײַנגיין אהין, ווײַל זי האָט דערהערט א שטילן, זייער ווייכן „גוט אָוונט, כאַנע".

— איר האָט אף מיר קיין פאַריבל ניט, וואָס איך האָב פאַרשפּעטיקט?

— דעם עמעס געזאָגט, האָט עס מיך פאַרדראָסן, אָבער איצט איז אַלץ אוועק, — האָט דער קינסטלער געזאָגט.

ווידער האָט כאַנע דערזען זײַן מילדן שמייכל, וואָס האָט אופגעשײַנט אף זײַן לענגלעך פּאָנעם און אין זײַנע טיפע שווארצע אויגן.

— וווּהין וועט איר מיך הײַנט פירן? — האָט ער געפרעגט און ארופגעלייגט זײַן האַנט אף איר אַקסל.

— איך וועל אײַך פירן צו א שיינעם קאנט, אויב איר האָט ליב און איר וועט ניט מיד ווערן צו גיין צופוס.

זיי זײַנען געגאנגען פאמעלעך דורך דער שטילקייט פון סטעפּ. קיין פּיצל אָטעם פון א ווינט האָט זיך ניט צוגערירט צו זייערע פּענעמער, אפילע די שטערן אין הימל האָבן זיך ניט איבערגעוואונקען. דער מוילעד האָט זיך צוגעשפּיליעט א גרינלעכן שטערן באם שארף־אויסגעשניטענעם האלדז. עס האָט זיך פארשפּרייט אף דער גאנצער ראכוועס א בלייך־גרינלעכע שײַן, אלע פּראָטים אף דער ערד זײַנען געווען ווי פארהילט אין א גרינלעכן שלייער. און דאָס אָרט, ווו דער הימל איז צוגעגארטלט צו דער ערד, איז געווען אזוי נאָענט, אז עס האָט זיך געקאָנט דאכטן, ווען מע זאָל גיין אזוי גלײַך און גלײַך, וואָלט זיך דער שײַנענדיקער גורט איבערגעריסן און מע וואָלט דערזען, ווי דער ראנד פון דער ערד ענדיקט זיך.

— אײַך געפעלט דאָ? — האָט כאנע געפרעגט.

— איר געפעלט מיר.

ווידער האָבן זיי געשוויגן.

— ווו איז דער שיינער קאנט, וואָס איר האָט צוגעזאָגט?

— ס'איז שוין ניט ווײַט, — האָט כאנע שטיל געענטפערט, און ס'האָט זי ארומגענומען אן אומרו, אפילע א פארלוירנקײַט, עפּעס אזוינס, וואָס זי האָט נאָך קיינמאָל ניט געפילט. זי האָט אים אראָפּגעפירט אין יענער באלקע, ווו זי איז ניט איין מאָל געקומען צו רײַטן. זיי האָבן זיך אוועקגעזעצט אפן ווייכן קילן גראָז, און כאנע האָט צוגעדעקט אירע בארוועסע פיס מיטן פאָ־דאָלעק פון איר שווארצן סאטינענעם סאראפאן. זי האָט פארנומען זײַן אָפּט אָטעמען, בייס ער האָט זיך צוגעצויגן צו איר. עס איז זי באפאלן א שרעק און א שוואכקײַט. זי האָט זיך פון אים אָפּגערוקט. ער האָט מיט קויעך זי ארומגענומען מיטביידע הענט און זי באהאָגלט מיט מילדקײַט פון זײַנע ווארעמע ליפּן... זי האָט דערפילט, ווי דאָס הארץ אירס לעשט זיך און צינדט זיך ווידער אָן העל, און זי האָט זיך אין יענער באשערטער נאכט מער ניט געווערט...

דאָס הארץ האָט אזוי געפּויקט אין איר, אז עס האָט פארטויבט זײַן פראגע:

— איר טרויט מיר? איר זײַט זיכער אין מיר? — האָט ער געפליסטערט.

— וואָס? יאָ, מיטן גאנצן הארצן.

— רעכט אזוי. איך וועל זיך מיט אײַך קיינמאָל ניט שיידן. איר ווילט דאָ זיצן, אָדער איר ווילט א ביסעלע זיך דורכגיין? — האָט ער גע־פרעגט.

— איך ווייס נאָר, אז איך וויל ניט אוועקגיין פון אײַך, — האָט כאנע געזאָגט.

עס האָט שוין באגינט, ווען זיי זײַנען ארײַן אין קאָמונע־הויף.

— הײַנט אין אָוונט וועל איך אױף אײַך וואַרטן, כאַנעלע, און איר זאָלט וויסן, אַז דאָס וואַרטן וועט מיר זײַן ניט גרינג, — האָט ער געזאָגט.

— מיר אויך אַזוי, — איז זי זיך מוידע געווען, און זי איז פאַרשוווּנדן אין דער טיר פון דער שטוב, ווו דער צימער, אין וועלכן זי האָט געוווינט מיט אירע שכיינעס, האָט זיך געפונען.

— כאַנקע, ווו ביסטו געווען אַ גאַנצע לאַנגע נאַכט? — האָט כעווער פאַרשלאָפן געפרעגט.

„פאַר וועמען די נאַכט איז לאַנג אָן אַ סאָף, פאַר וועמען קורץ, וואָס קירצער קאָן ניט זײַן!״ — האָט כאַנע געטראַכט און אין אָנטאָן זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעטל, אָבער זי האָט אָן אויג ניט צוגעמאַכט ביז צום סאַמע אינדערפרײַיקן געמעלק.

נאָכן געמעלק איז כאַנע אוועקגעריטן קיין סאַקי. זי איז שוין לאַנג ניט געווען אינעם קוראָרט פון בלאָטע-היילונג, וווּהין זי האָט דאָס דריטע יאָר קעסיידער אָפּגעשיקט די גאַנצע מילך.

באָרעך האָט ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס מיט זײַן רײַטערן טוט זיך. זי האָט אים קיין איין מאָל ניט קיין גלעט געטאָן, אירע פּיאַטעס האָבן זיך ניט צוגערירט צו זײַן בויך, און זי האָט קיין איין גוט וואָרט צו אים ניט געזאָגט. האָט ער זיך געפּרוּווט אַ הייב טאָן אויף די הינטערשטע פיס, דערנאָך זיך אַ דריי געטאָן אויף איין אָרט און פּלוצעם געלאָזט זיך גאַלאָפּ. כאַנע האָט זיך אָנגעבויגן ביז צו זײַן האַלדז. ער האָט דערפילט, ווי איר האַנט האָט אים אַ פעסטן פּאַטש געטאָן איבערן קאַרק. זי האָט צו אים געזאָגט: „באָרעך, מאַך ניט קיין לײַטיש געלעכטער!״

אַרײַנגעריטן אין הויף פון קוראָרט, האָט זי אַרופגעוואָרפן דאָס צײַמל אויף אַ סטויפּיק פון נידעריקן פּאַרקן, אַרויסגעשפּרונגען פון זאָטל און איז אוועק אין קאָנטאָר. מע האָט אַרויסגערופן דעם פאַרוואַלטער פון קוראָרט פּיאָדאָר פּעטראָוויטש. ער האָט צוגערוקט כאַנען אַ שטול. זי האָט זיך אוועקגעזעצט, און זיי האָבן גענומען שמועסן, ווי טאָמיד, ווען זי פלעגט אַהער קומען. זיך דורכגעשמועסט, האָט פּיאָדאָר פּעטראָוויטש געזאָגט:

— כאַנאַ דאַווידאָוונאַ, איך האָב אײַך שוין געזאָגט, אַז די קראַנקע זײַנען זייער צופרידן, זיי לויבן די מילך פון קאָמונע. וויפל מאָל האָב איך אײַך געבעטן, איר זאָלט בלײַבן בײַ אונדז אויף מיטיק. און אַלעמאָל זאָגט איר, אַז איר אײַלט זיך.

— צום באַדויערן, האָב איך איצט אויך קיין צײַט ניט, פּיאָדאָר פּעטראָוויטש. מיטיק ווי מיטיק, אָבער איך וואָלט געוואָלט, איר זאָלט מיר טאָן אַ גרויסע טויווע. ווען ניט דאָס, וואָלט איך עפּשער הײַנט ניט געקומען צו אײַך.

— וואָס נאָר איך וועל קענען, כאַנאַ דאַווידאָוונאַ, וועל איך טאָן, — האָט ער זי איבערגעשלאָגן.

— איר ווייסט דאָך, אַז איך דאַרף גאָרנישט. נאָר די פּאַסטעכער און די סקאָטניקעס פון שטאַל-בריגאַדע האָבן קיין שוכוואַרג ניט. דער זומער גייט אַוועק, באַלד וועלן זיך אָנהייבן די רעגנס. מיט איין וואָרט, איך דאַרף האָבן אַ צען פּאָר שטיוול, שיך, אָדער כאָטש לאַפּטיעס.

— דאָס איז ניט קיין גרינגע זאַך, אָבער איר ווייסט דאָך דאָס ווערטל, אַז עס זײַנען ניטאָ אַזוינע פעסטונגען, וואָס באָלשעוויקעס זאָלן ניט אײַנעמען. מיר פּרעמירן אַלע יאָר די קאָמונאַרן פון שטאַל-בריגאַדע און אײַך אויך, וועל איך שוין זען, אַז די פּרעמיע זאָל האיאָר זײַן אַזאַ ווי איר בעט. בלײַבט איר צו מיטיק?

— ניין, אַ גרויסן דאַנק אײַך, די קי בענקען נאָך מיר, — האָט כאַנע זיך געוויצלט און זיך אופגעהויבן פון שטול. ווען זי איז שוין געשטאַנען לעבן באָרעכן און האָט פאַרהויבן אַ פוס צו דער סטרעמענע, האָט זי דערזען, ווי פּיאָדאָר פּעטראָוויטש גייט האַסטיק צו איר מיט אַ ווײַסער טאָרבעטשקע אין דער האַנט. ער איז צוגעגאַנגען, אויסגעצויגן די האַנט מיט דער טאָרבעטשקע צו כאַנען און ניט געזאָגט, נאָר געבעטן:

— כאַנאַ דאַווידאָוונאַ, דאָס איז אַ ביסל צוקער פאַר אײַער קינדערהיים. נעמט, נעמט, דאָס איז דאָך ניט פאַר אײַך. וואָס זײַט איר אַזוי רויט געוואָרן? — ער האָט פון ערגעץ אונטערן קראַגן אָפּגעשפּיליעט אַ זיכערנאָדל, זי דערלאַנגט כאַנען מיט דער טאָרבעטשקע אינײַנעם און איז אַוועק.

זיצנדיק אין זאָטל, האָט כאַנע מיט דער זיכערנאָדל, וואָס פּיאָדאָר פּעטראָוויטש האָט איר געגעבן, צוגעשפּיליעט דאָס זעקעלע מיטן צוקער צווישן די קנעפּעלעך פון דער קאָסאָוואָראָטקע. כאָטש ס'האָט זיך איר זייער געוואָלט געבן אַ ציגעלע צוקער באָרעכן, האָט זי עס ניט געטאָן. זי איז האַסטיק אַרויסגעריטן פון סאָקי, אירע ברוינע פיס זײַנען קימאַט געשטאַנען אין די סטרעמענעס. פון זינען איז איר ניט אַרויס דער נעכטיקער אָוונט... „איך ווייס דאָך אַפילע ניט, וואָס פאַר אַ מענטש דאָס איז, — האָט זי געטראַכט, — צעגאַנגען געוואָרן, ווי שניי פון דער זון". דערהערט אַ סקריפּען פון רעדער, האָט זי זיך אַ קערעווע געטאָן אָפן זאָטל און דערזען דעם פאָרזיצער. ער האָט אָפּגעשטעלט דאָס צוויירעדערדיקע וועגעלע, אָנגעקוקט כאַנען, און כאָטש זי איז מיטן פערד שטיין געבליבן זייער נאָענט פון דער בעדאַרקע, האָט ער צו איר אַ געשריי געטאָן:

— פונוואַנען?

— פון סאָקער קוראָרט, רעב פאָרזיצנדער.

— וואָס הערט מען גוטס?

— ניט צו פאַרזינדיקן, פּיאָדאָר פּעטראָוויטש האָט צוגעזאָגט שטיוול אָדער לאַפּטיעס פאַר די שטאַל-אַרבעטער צו די נאָיאַבער-טעג.

— אויב לאַפּטיעס, איז דאָס אַ מוירעדיקע טויווע! — האָט דער פאָרזיצער צעשטרייט געזאָגט צו כאַנען, און אין דער זעלבער צײַט האָט ער זייער אופמערקזאַם געקוקט אַף כאַנעס פיס אין די קורצע סאַטינענע שוואַר-

צע שאראָווארן. געקוקט, געקוקט און אומדערוווארט פאר כאנען א זאָג געטאָן: — ס׳וואָלט געווען א זינד, ווען דײַנע שאראָווארלעך זײַנען לענגער.

— וואָס, וואָס פאר א זינד? — האָט כאנע ניט פארשטאנען.

— איך זאָג, ס׳וואָלט געווען א זינד, ווען דײַנע שאראָווארלעך וואָלטן געווען לענגער.

— א-א-א! — האָט כאנע א צי געטאָן, — ווי קומען זיי אהער? מיר האָבן דאָך גערעדט וועגן פרעמיעס פאר די שטאָל-ארבעטער. אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, איז עס ניט מײַן אייסעק, וואָס די פּליודערן געפעלן דיר! — האָט זי באמערקט, א צי געטאָן דאָס צײַמל, און באַרעך איז אוועק, ווי א ווינט.

האָרעוואניע און האָרעוואניע. נאָכן אָוונטיקן געמעלק איז כאנע אוועק אין קינדערהיים, און ווידער האָט זי דערציילט מײַסעלעך, געזונגען און געטאנצט מיט די פּיצלעך. די קינדער האָבן שיר ניט געוויינט, ווען זי איז אוועק עסן וועטשערע.

אף וועטשערע איז ווידער געווען א גערשטן-קאַרענע פארמישקע... זי האָט זי גיך ארײַנגעזופּט און איז אוועק צום באשטימטן אָרט. ער איז ארומגעגאנגען הין און צוריק לעבן ברונעם. זי האָט דערפילט, ווי דאָס הארץ אירס האמערט איר אין די שלייפן.

כאנע איז מאמעש ארײַנגעפאלן אין זײַנע פאנאנדערגעשפרייטע אָרעמס. דאָס ברונעם-מויערל האָט אף זיי געוואָרפן א שאָטן, דעריבער האָט זי ניט געזען זײַנע אויגן, אָבער זײַן טיפהארציקע שטימע האָט זי גוט געהערט.

— איר טרויט מיר הײַנט ווי נעכטן? איך האָב זיך געשראָקן, צי זײַט איר ניט בייז אף מיר?

— ווי איז אײַך דאָס געקומען אפן זינען? איר האָט פארגעסן, וואָס איך האָב אײַך נעכטן געזאָגט? איך האָב דאָך געזאָגט, אז איך טרוי אײַך. און אויב שוין יאָ זײַן בייז, דארף איך בייז זײַן אף זיך. צי דען מיינט איר, אז דאָס, וואָס עס האָט נעכטן געטראָפן, טרעפט מיט מיר אָפט?! צי דארף איך אײַך זאָגן, אז איך האָב אײַך ליב? איצט זעט איר, אז איך האָב ניט געוואַרט, ביז איר זאָלט מיר זאָגן, וואָס איך האָב אזוי געוואָלט הערן פון אײַך.

ער האָט זי אזוי שטײַף צוגעדריקט צו זיך, אז דער אָטעם האָט איר פארכאפּט. אין א רעגע ארום האָט ער זי אָפּגעלאָזט, און זיי זײַנען אוועק אין סטעפּ ארײַן. זיי זײַנען געגאנגען פאמעלעך. זיי האָבן קיין איין וואָרט ניט ארויסגערעדט. ווײַלעוויײַז האָט כאנע געהאט א געפיל, אז כוץ זיי ביידן איז אף דער וועלט קיינער ניטאָ. פּלוצעם האָט זי שטיל געפרעגט:

— ווי רופט מען אײַך?

— נעכעמיע איז מײַן נאָמען.

— נעכעמיע איז טרייסטונג, — האָט כאנע פארטײַטשט און ווײַטער געפרעגט:

— פונוואנען זײַט איר!

— איך בין פון ווײַסרוסלאַנד. איצט ווייסט איר שוין וועגן מיר מערער, ווי איך וועגן אײַך.

— מיר ווייסן שוין איינער וועגן אנדערן ניט ווינציק, און פונדעסט־וועגן האָב איך צו אײַך אָן א שיר פראַגעס.

— בעסער דערציילט איר. איר האָט אזוי שיין אויסגעמאָלט די פערד. איך האָב געהערט און אלץ געזען, ווי מיט מײַנע אויגן.

— איך בין פון ליטע, א מאמע האָב איך געהאַט, קיין טאַטן ניט. איינ־מאָל האָט די באָבע געזען, ווי דער שטיפטאַטע שלאָגט מיך, האָט זי מיך ארויסגעריסן פון זײַנע הענט, און פון דעמלט בין איך געווען בא דער באָ־בען מיטן זיידן.

— כאָטש איר האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט וועגן דעם, צי איז אײַך גוט געווען בא זיי, פיל איך, אז איר האָט זיי זייער ליב.

— ליב? איך האָב זיי האָלט, ווי מײַן לעבן.

— וואָס איז דאָס האָלט?

— האָלט איז מער, ווי ליב! איר וועט זיך אין קאָמונע אויסלערנען ריידן ייִדיש.

— איך רייד שוין ניט שלעכט, וואָרעם, אז איך הער ווי איר רעדט, דערמאָן איך זיך, ווי מײַנע שטוביקע האָבן גערעדט, און ווערטער, וועלכע איך האָב יאָרנלאַנג ניט געהערט, פליִען צו מיר פון אלע זײַטן. אָבער דער־ציילט מיר בעסער וועגן זיך, וועגן אײַער קינדערקײַט?

— ניט קינדערקײַט, קינדהײַט דאַרף מען זאָגן. אָבער דאָס איז א לאַנ־גע מײַסע. בעסער וועל איך אײַך דערציילן, וואָס פאר א בריוו מײַן באָבע, אַלעהאַשאָלעם, פלעגט מיר שרײַבן. אליין האָט זי, פארשטייט זיך, שרײַבן ניט געקאָנט, אָבער פון די בריוו האָב איך געפילט, אז געשריבן זײַנען זיי אקוראַט, ווי זי האָט דיקטירט. אין אלע בריוו האָט זי בא מיר געוואָלט דער־גיין א טאָלק, וויפל איך פארדין, צי האָב איך אן אייגענע שטוב פון גע־הילץ, צי עפשער האָב איך גאָר א מויער פון ציגל? אין לעצטן בריוו האָט זי געפרעגט: „זאָג מיר, מײַן קינד, מײַן אויג אין קאָפּ, ווער זײַנען דײַנע שותפים? דו שרײַבסט, אז דו האלטסט בא די דרײַ הונדערט בעהיימעס און בא די צוויי טויזנט שעפסן, קיין אײַנהאָרע! בעט איך דיך, דו זאָלסט אכטונג געבן אף די כעזשבוינעס, דו ווייסט דאָך, אז דער זיידע איז א גרויסער לאַמדן. דו געדענקסט, ווי ער האָט מיט דיר געלערנט כומעש, טאַנאַך און וואָס ניט! ער האָט קעסיידער געזאָגט, אז ווען עס פעלט דיר ניט איין קליי־ניקײַט, וואָלסטו געוויס געווען א ייִנגל, וואָרעם אזא אָפּענער מויעך טרעפט בא איינעם פון הונדערט ייִנגלעך! טײַנעט ער איצט צו מיר, איך זאָל דיר שרײַבן, זאָלסט אכטונג געבן אף די כעזשבוינעס, און דו זאָלסט זיך כאַס־וועשאָלעם אף דײַנע שותפים ניט פארלאָזן".

אז איך האָב איבערגעלייענט וועגן די שותפים, האָב איך געפּלאַצט פון געלעכטער. אָבער פון נאָך א בריוו איז מיר שוין אלץ קלאָר געוואָרן, ווײַל

דאָרטן איז געשטאנען: „בייס דו ביסט פון אונדז אנטלאָפן, זײַנען מיר ארומגעגאנגען, ווי צעדולטע, דער זיידע איז געווען אויס מענטש! דערנאָך האָבן מיר פון דיר גענומען קריגן בריוו, אז דו ביסט מיט נאָך כאווײרים אין קרים, און אז איר האָט אזויפיל בעהיימעס מיט שעפסן, קיין אײַנהאָרע, דעמלט האָט דער זיידע דיר גלײַך אוועקגעשיקט א בריוו, דו זאָלסט זיך אף דײַן זיקאָרן ניט פארלאָזן, דו זאָלסט אליין אלץ פארשרײַבן ביז א האָר. איצט בעט איך דיך, שרײַב אונדז, ווו דו מיט דײַנע שוטפים זעצן אָפּ דאָס מילכיקס, די וואָל פון די שעפסן און דאָס שעפּסענע פלייש? ווײַטער האָב ראכמאָנעס און שרײַב אָפּטער, וואָרעם ביז מיר דערוואַרטן זיך אף א בריוו פון דיר, קריכן אונדז ארויס די אויגן פון קאָפּ. מיר האָבן דיך גרײַלעך האָלט. זײַ געזונט, גריס דײַנע שוטפים, ווי עס ווינטשן דיר דײַנע באָבע-זיידע".

— פּרעלעסט! — האָט נעכעמיע אויסגערופן און האָט זיך צעלאכט.

— וואָס עפּעס א „פּרעלעסט", זאָגט בעסער „א פּראכט" אָדער „וווּנדערלעך". אָבער לאָמיר גיין א ביסל גיכער, עס איז מיר קאלט, — האָט כאנע געזאָגט.

— אויב אזוי, וועלן מיר גיין צוריק. כוץ דעם, וואָס אײַך איז קאלט, דארפט איר א שלאָף טאָן, עס איז שוין גוט נאָך האלבער נאכט, — האָט ער פאָרגעלייגט.

כאנען האָט אזש גענומען באם הארצן פון דעם, וואָס ער האָט מיט אזא זאָרג עס ארויסגערעדט, זי האָט ארויסגעכאפּט איר האנט פון זײַנער, איז צוגעפאלן מיט אירע ליפּן צו זײַן שטערן, צו זײַנע באקן. ווען ער קלאמערט ניט ארײַן איר קאָפּ אין זײַנע הענט, וואָלטן אירע ליפּן נאָך א ביסעלע געבלאָנדזשעט, ביז זיי וואָלטן זיך געטראָפן מיט זײַנע.

זיי זײַנען א ווײַלעטשקע געשטאנען וואקלענדיק זיך און אוועק צו דער קאָמונע. לעבן דער שטוב, ווו כאנע האָט געוווינט מיט אירע שכיינעס, האָט זי זיך צוגעבויגן און געזאָגט:

— עס איז ניט אזוי געפערלעך, ווי אומדערוואַרט. אָבער גוט, וואָס בעסער דארף איך ניט. א גוטע נאכט. — און איז פארשוווּנדן.

„דוכט זיך, גאָר ניט לאנג, ווי זיי זײַנען באקענט, זיי האָבן אזוי קנאפּ און פונדעסטוועגן גענוג גערעדט. גענוג, אז ער זאָל פארשטיין און אָפּשאצן, וואָס ער האָט אזוי אומגעריכט געפונען" — אזוי האָט נעכעמיע געטראכט, קוקנדיק, ווי זי גייט אוועק פון אים. ער האָט זיך דערמאָנט, אז ער האָט ניט אָפּגערעדט מיט איר, ווו זיי זאָלן זיך מאָרגן באגעגענען, און האָט ווייטעקלעך א טראכט געטאָן: „עפּשער וועט זי מאָרגן מיך ניט וועלן זען?" מיט א שווער געמיט איז ער ארײַנגעגאנגען אין אלטן הויז, ווו ער האָט זיך געפונען מיט די איבעריקע קינסטלער.

ער וואָלט געוויס גיכער אײַנגעשלאָפן און זיך העכער געשאצט, ווען ער ווייסט, וואָס זי טראכט, אָבער... ווי האָט ער עס געקאָנט וויסן?

כאַנע איז אין אָנטאָן געלעגן אַף איר געלעגער און האָט פון פרייד ניט געקאָנט אײַנשלאָפן. עס האָט קוים א שפּראָץ געטאָן אַף טאָג, איז זי אַראָפּגעשפרונגען פון געלעגער און אַוועק צו דער קו-שטאַל.

דער הויף איז געווען פוסט. די עטלעכע שטיבער, די קוזניע, די סילאָס-טורעמס, דער איינציקער בוים באַם קינדערהיים, דער הימל און די ערד זײַנען געווען אײַנגעהילט אין א גרינגן נעפּל. אַלץ איז נאָך געשלאָפן אין לעצטן זיס-באַגײַנענדיקן שלאָף. כאַנע איז אַרײַנגעגאַנגען אין קו-שטאַל און האָט דערזען, ווי אין סאַמע עק שטאַל שטייט יִיסראָעל פון טולטשין. ער איז געשטאַנען אָנגעלענט צו דער וואַנט, וואָס האָט אָפּגעטיילט די בוהײַעס פון די קי, און כאַנע האָט פאַרשטאַנען, אַז ער שלאָפט. זי איז אַוועק הינטער די קאָרעטעס, ווו עס איז געלעגן טרוקענע האָבערנע שטרוי, זיך אײַנגעגנורעט אין דער שטרוי, און א זיסע מידקײַט האָט דורכגענומען אַלע אירע גלידער. אײַנשלאָפנדיק, האָט זי א טראַכט געטאָן: „אַזא מין טרייסט, אַזא טײַערקײַט, ווי אומגעריכט דאָס איז. פונוואַנען האָט זיך גענומען אַזא גליק צו מיר?"

כאַנע איז געשלאָפן סאַכאַקל א קאַרגע שאָ, זי האָט דערהערט, ווי די בידאָנעס מיט די בלעכענע עמער קלימפּערן, האָט זי זיך א הייב געטאָן און זיך פאַרוווּנדערט, ווײַל זי האָט דערפילט אַזא פרישע קרעפּטיקײַט, אַז זי האָט זיך צעזונגען. די קי האָבן א רעגע אופגעהערט מאַלעגיירען, אַזוי האַרציק האָט געקלונגען איר שטים: „אַפן בוידעם שלאָפט דער דאַ-א-אַך"...

— אַז מע שלאָפט אַליין ניט, שלאָפט דער דאַך, — האָט זיך געווערטלט טײַבעלע די באָברויסקער. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אַפן נידעריקן בענקעלע און גענומען וואַשן דער „יאַכסנטעס" אײַטער.

„מײַנע שכיינעס האָבן שוין צעפּויקט", — האָט כאַנע אין זיך געשמייכלט, דערבײַ געמאָלקן אַזוי גיך, אַז די איבעריקע מעלקערנס זײַנען איבגיכן געבליבן הינטערשטעליק מיט דרײַ בעהיימעס, און זיי האָבן מיט קינע געקוקט, ווי כאַנע לויפט נאָכאַנאַנד מיטן עמער שוימיק-אופגעשלאָגענער מילך צו די בידאָנעס.

— כאַנעטשקע, עס קלעמט דיר דאָס האַרץ, ווילסט גיכער אַרײַנכאַפּן דעם געשמאַקן אָנבײַסן? — האָט טײַבעלע זיך געכאָכמעט.

— שרײַ ניט, די בעהיימעס שרעקן זיך! אויב דיר איז פּוסטעוואַטע, נעם א זופּ מילך, הײַנט מעג מען!

— א נעס, וואָס דער וואַלד איז ווײַט, קאָן איך ניט צולויפן א קוק טאָן, וויפל בערן עס האָבן געכאַפּט די פּעגירע, — האָט איבערגעשלאָגן שיפּרעלע און פאַריינס אונטערגעשטעקט כאַנען א שפּילקע, — טויבקע, מאַך א בראָכע, וואָס פון אונדזער בריגאַדיר האָט דער שלאָף זיך אָפּגעטאָן, אָבער קיין מילך זאָלסטו ניט פאַרזוכן, זאָלסט וויסן זײַן, אַז עס וועט דיר אַרויס באָקאָם!

— פארוואָס באַקאָם? אויב עס איז אזא מילך־מאַניפעסט, וועט זיך טרינקען אויסגעצייכנט! — האָט זיך געכאָכמעט רייזל פון אומאַן.

— טרינקט, כאוורטעס! — האָט טײַבעלע איבערגעשלאָגן רייזלען מיט יענערס נוסעך.

ווען כאנע איז ארויסגעגאנגעט פון דער קו־שטאַל, האָבן זיך בא איר די קני אונטערגעבויגן פון פריידיקער איבעראשונג, — נעכעמיע איז גע־שטאנען לעבן שטאַל־טויער.

— גוטמאָרגן, מײַן „פרעלעסט". יאָ, יאָ, איך ווייס, אז מע דארף זאָגן מײַן „פראכט", — האָט נעכעמיע אויסגעשאָטן, זיך צוגעבויגן צו איר און זי א קוש געטאָן. כאנע איז שטארק רויט געוואָרן.

— נעכעמיע, נעכעמיע! — האָט זי שטיל איבערגעכאזערט זײַן נאָמען, ווי זי וואָלט אים געוואָרנט פון א סאקאָנע.

— האָסט זיך דערשראָקן, ווילסט ניט, דײַנע קאָמונארן זאָלן זען? נארישקײַטן, אלע ווייסן שוין! מײַנע ווייסן שוין, אז איך בין מיט דיר געגאנגען שפאצירן, און איך האָב דאָס ניט אָפגעלייקנט.

— איך בין זיך מוידע, אז איך שרעק זיך ניט און איך שעם זיך ניט! אָבער איך קאָן זיך באגיין, אז בייס איך קוש עמעצן, אָדער בייס מע טוט עס מיר, זאָלן קיין איבעריקע אויגן ניט זען.

— גוט, ווו וועל איך דיך טרעפן אין אָוונט?

— איר ווייסט, ווו די קאָשאַרע איז?

— איך ווייס, איך האָב דאָרט געצייכנט, ווען די טשאבאנעס האָבן געמאָלקן די שאָף.

— איך וועל דאָרט אף אײַך ווארטן נאָך וועטשערע.

— כאנעלע, זאָג מיר איין מאָל „דו" — גיי איך אוועק, אז ניט, גיב איך דיר עטלעכע קושן. זעסט, אָט טרײַבט מען דעם סקאָט, וועלן דײַנע פאסטעכער זען.

— „דו" וועל איך זאָגן, ווען עס וועט זיך זאָגן פון זיך אליין. איך מוז לויפן. איך דארף אָפשיקן די מילך, — האָט כאנע געזאָגט און זי איז אוועק אכטונג געבן, ווי די שטאַל־ארבעטער שטעלן אוועק די בידאָ־נעס אין מאַזשארע.

— נאָך א ביסל שטרוי, סראָלקע! אז ניט, וועסטו ברענגען קיין סאקי ניט קיין מילך, נאָר פוטער! — האָט כאנע געוואָרנט, און זי איז אוועק צו דער בעקערײַ.

זי האָט קוים באוויזן אריבערשפאנען די שוועל, האָט דער בעקער איציק פון אומאַן ערנסט און אָן א מינדסט שמייכעלע געפרעגט:

— געבן דיר א פריש שטיקל ברויט? טאקע פאר דיר און א נעכטיקן שטיקל פאר דײַן סוס?

— פארוואָס זידלסטו באַרעכן?

— ווער זאָגט עס, אז סוס איז געזידלט?

— איך האָב קיין צײַט ניט, גיב שוין גיכער, — האָט כאנע געבעטן. זי האָט מאמעש ארויסגעכאפּט פון איציקס הענט דאָס ברויט און איז אוועק צו דער פערד-שטאַל. מיט דער לינקער האנט האָט זי צום מויל צוגעטראָגן דאָס ברויט, מיט דער רעכטער אופגעהויבן דעם זאָטל.

— לאָז, איך וועל אָנזאָטלען דײַן „מעיוכעס“, — האָט שימקע פאָרגעלײגט און פארײנס ארויסגעלײגט זײַן טרעפלעכע באטראכטינג:

— כאנטשע, דײַן מינע מיט דײַן פּאָכאָדקע איז נײַ-געניצעוועט. איך קוק אף דיר און איך פארשטיי ניט, וואָס מיט דיר האָט געטראָפן? דו האָסט אײנס-און-צוויי פארגעסן, אז מע האָט דיך אויסגעשלאָסן פון קאָמונע-ראט!

— איך וועל דיר געבן א כאווערישע אײצע, דערמאָן דאָס, וואָס איך וויל, — האָט כאנע געזאָגט און זיך ארײַנגעכאפּט אין זאָטל. באָרעך האָט געפּרוווט אינטערטענצלען, אָבער זי האָט אָנגעצויגן די צוים. דאָס פערד איז אוועק רויִק און שפּאָרעוודיק. די בעהיימעס האָבן גאנץ געשמאק זיך געפּיטערט, כאָטש די זאלץ איז שוין קימאט נעלעם געוואָרן און איז געבליבן בלויז ערטערווײַז, בא די סאמע וואָרצלען פון די פּארוויאנעטע גרעזער. טאקע אהין, ווו די זאלץ איז נאָך געלעגן, האָבן די בעהיימעס געשטרעקט די אויסגעבייגענע, הארטבארשטיקע, גרײַפּלדיקע לעקערס און האָבן, ווי מיט טעמפּע סערפּן, ארויסגעכאפּט, געריבן און געמאָלן מיט די צײנער די פּעדעמדיקע פּאשע.

ביז צום באטאָגיקן געמעלק איז נאָך געווען א גוטע שאָ. כאנע האָט זיך דערמאָנט, אז הײַנט האָט מען אָנגעהויבן פירן די קוקורוזע צו די סילאָס-טורעמס, און זי איז אוועקגעריטן אהינצו.

בא די קײַלעכדיקע סילאָס-טורעמס זײַנען געשטאנען עטלעכע מאַזשארעס מיט גרין-געבראָקטער קוקורוזע. פון אינווייניק פון די טורעמס האָבן זיך געהערט שטימען און א ווייך טיפּען, ווי מע וואָלט געטאנצט אף פּערענעס. א פריש-זויערלעכער רייעך האָט זיך געשפּרייט ארום און ארום, ווי דאָ וואָלט אין א באקדײַזשע זיך געזײַערט און געיוירט א מוירעדיק-גרויסע קאָרענע ראָשטשינע.

כאנע איז ארויסגעשפּרונגען פון זאָטל, דאָס פערד האָט זי צוגעבינדן צו א דראבינע פון א מאזשארע, און אלײן איז זי אוועק צום צווייטן טורעם. זי איז שוין געווען אף די ערשטע טרעפּ, בייס זי האָט דערהערט זײַן שטילע שטים:

— קאָנסט זיך ניט אוועקדרייען פון מיר. קום אהער, לאָז מיך אָנקוקן דײַן קלײנעם שטערן, — האָט ער שטיל געבעטן אזוי, אז זי האָט עס גיכער פארשטאנען לויט דעם, ווי ער האָט באוועגט מיט זײַנע ליפּן, ווי לויט דעם, ווי ער האָט עס צו איר געזאָגט.

זי איז צוגעגאנגען און האָט זיך אוועקגעשטעלט אהינטער זײַן פּלייצע. ער איז געזעסן אף א נידעריק בענקעלע, אנטקעגן אים אף א קלײנעם מאָלבערט איז געשטאנען א דיקטן ברעטל מיט א צוגעקלעפּטן בויגן פּא-

פֿיר. זי האָט געזען אויפֿן פּאַפּיר די סילאָס־טורעמס ניט אַזוי, ווי זי פֿלעגט זיי טאָמיד זען. אויפֿן פּאַפּיר זײַנען די טורעמס געווען געל און זיי זײַנען ווי אויפֿגעהויבן געוואָרן אינדערלופֿטן צום הויכן הימל. די מאַזשאַרעס זײַנען געווען טונקל־גרין, און די פֿערד ראָזלעך. די ערד איז געווען ברוין, די מענטשן — וועלכע רויטלעך, וועלכע ליכטיק־גראָ, און אַלץ אינאיינעם האָט אויפֿן בילד אויסגעזען דערהויבן און יאָמטעוודיק.

— גיי צו נעענטער, וועסט מיר ניט שטערן, איך האָב שוין געענדיקט, — האָט ער געזאָגט, און ער האָט שטילינקערהייט געפֿרעגט, בײַ כאַנע איז נאָענט צוגעגאַנגען:

— עס געפֿעלט דיר?

כאַנע האָט געשוויגן און געקוקט. ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן, האָט זי צו לאַנג געשוויגן.

— עס געפֿעלט דיר ניט? — האָט ער איבערגעכאַזערט אומגעדולדיק.

— וואָס פֿעלט אײַך אײַן? עס געפֿעלט מיר זייער! גיט אַליין אַ קוק, די טורעמס זײַנען אַזוי גרינג, אַזוי לופֿטיק, אַז מיר דוכט זיך, איך וואָלט זיי אויפֿגעהויבן. איך האָב אַפֿילע קיינמאָל ניט געטראַכט, אַז זיי קאָנען לײַכטן, ווי כאַנעקע־לאַמטערנס, — האָט זי אויסגעדריקט איר מיינונג, און אַ זאַפֿטיקע רויטקײַט האָט באַשלאָגן איר פּאָנעם ביז צום שטערן.

— כאַנעקע־לאַמטערנס?! דאָס האָב איך שוין לאַנג, לאַנג פֿאַרגעסן, איך האָב דאָך אַזוי ליב געהאַט כאַנעקע. דו דערמאָנסט מיר אַלץ, אַדאַנק דיר קומען צו מיר אַזויפֿיל געוועזענע זאַכן, וואָס זײַנען געווען אַזוי באַליבט, וויכטיק... דו האָסט געשפּילט אין דריידלעך? מיסטאָמע ניט, מיידלעך שפּילן ניט אין קיין דריידלעך!

— פֿאַרוואָס עפּעס ניט? דער זיידע פֿלעגט אַלע יאָר אָפּגיסן פֿאַר מיר אַ צינען דריידל, צו פֿינף יאָר האָט מיר דער זיידע געוויזן: די נון, גימל, היי, שין, און ער האָט מיר געזאָגט, וואָס דאָס באַטײַט.

— איך האָב זיך שוין דערמאָנט, דאָס באַטײַט: נעס גאָדל האָיאָ שאָם. עמעס?

— יאָ.

— איצט וועל איך דיך רופֿן „כאַנוקל". ווי דערלעב איך שוין דעם פֿאַרנאַכט?

— פֿאַר מיר וועט זיך אויך דער טאָג ציִען ווי פֿון פֿעך, — האָט כאַנע אים געטרייסט און איז אַוועק צום פֿערד.

ער האָט אַ פּאַרקישעפּטער געקוקט, ווי געשיקט זי האָט אַרײַנגעטאָן אירע באָרוועסע קליינע פֿיס אין די סטרעמענעס, ווי פֿלינק זי האָט זיך אַ הייב געטאָן און זיך אַרײַנגעפּאַסט אין זאָטל. דאָס פֿערד און זי האָבן זיך שוין פֿונדערווײַטן געזען אויפֿן פּרײַען סטעפּ, ווי אַ נעקודע אויף אַ גרויסן ליידיקן בויגן פּאַפּיר, און נעכעמיע איז נאָך אַלץ געשטאַנען און געקוקט, ביז דאָס נעקודע־פּינטעלע איז פֿאַרשוווּנדן. דערנאָך האָט ער צונויפֿגעלייגט זײַן געצײַג, אויסגעגאָסן די וואַסער פֿון קאָנסערוון־פּושקע-

לע, אין וועלכן ער האט געשווענקט די פענדזלעך פון דער אקווארעל־פארב, און ער איז אוועק צו דער שטוב, ווו ער האט געוווינט מיט די איבעריקע קינסטלער.

נעכעמיע איז נאר אריינגעגאנגען, האט ער גלייך דערפילט, אז עס איז ניט קעשורע. דער קליינוווקסיקער מיט דער פעך־שווארצער טשופריינע האט געשפאנט הין און צוריק איבערן צימער, דער בלאנדער איז געזעסן אף דעם איינציקן טאבורעט, זיין קאפ איז געווען אראפגעלאזט, גלייך עס האט אים געטראפן אן אימגעריכטע צארע. נעכעמיע האט פארוווּנדערט אנגעקוקט איינעם אין דעם אנדערן.

— איר, ווי איר ווילט און ווי איר געפינט פאר נייטיק. איך פאר מארגן אוועק! איך וויל ניט עסן מיט די הינער פון איין שיסעלע, איך האב קיינעם ניט געגעבן קיין ווארט, אז די בלוטדארשטיקע וואנצן זאלן מיט מיר טאן, וואס זיי ווילן! — האט קימאט ווי געשריען דער קליינוווקסיקער.

— ערשטנס, שריי ניט אזוי, צווייטנס, איז דאס ניט באקוועם. מיר זיינען דאך פארט א בריגאדע. נעכטן איז אידע אוועקגעפארן, איצט סטראשעסטו די וואנצן, — האט נעכעמיע ערנסט און שטיל באמערקט.

— איך פאר אויך אוועק, — האט אנגעזאגט דער בלאנדער. — און דו? — האט ער זיך געווענדט צו נעכעמיען.

— איך בלייב. כ'האב געוווסט, אז קיין האטעלן ווארטן דא אף מיר ניט.

— כוץ דעם, וואס דו האסט אזוי גוט גערעדט, איז דא נאך א וויכטיקע סיבע, וועלכע דו האסט ניט פארויסגעזען... קיין פארבארגענע זאכן זיינען ניטא, נעכעמיעלע, — האט דער בלאנדער באמערקט.

— קיין פארבארגענע זאכן זיינען טאקע ניטא: איך וויל — זאג איך, איך וויל — שווייג איך. אויב דו ביסט מיר א פריינט, ווינטש מיר, אז די וויכטיקע סיבע זאל ווערן א שטענדיקע, אפילע אן אייביקע, — האט נעכעמיע שטיל געזאגט.

— האב אף מיר קיין פאריבל ניט. האלעוויי זאל זיין, ווי דו ווילסט, אבער איצט ווייז, וואס דו האסט געמאכט.

— איך הענג ניט איף קיין שלעסל אף מיין פאפקע מיט די עטיודן. אז איך בין ניטא אין צימער, קוקסטו דאך אלעמאל, וואס דארטן ליגט. וואס זשע בעטסטו איצטער בא מיר, אז איך זאל דיר ווייזן? נעם און קיק.

דער בלאנדער האט ארויסגענומען אן עטיוד, א קיק געטאן און גלייך גענומען אייצען, ווי זיין שטייגער איז געווען:

— האסט געדארפט מאכן די פערד און וועגענער אזוי לייכט, ווי דעם הימל, וואלט עס געווען מער פארגאנצט.

— דו ביסט גערעכט. די פערד, די וועגענער, די ערד זיינען אומגעלומפערט שווער. פארשטייסט, איך וויל זיך אפשאקלען פון געוויסע זאכן. איך פארשטיי, פארוואס דער הימל געפעלט דיר. ער געפעלט, ווייל ער איז ענלעך אף דיינע הימלען...

— גאַר אַזוי? פאַרוואָס האָסטו דאָס מיר קיינמאָל ניט געזאָגט אין מאָסקווע?

— דו ביסט אַ מאָדנער מענטש! אין מאָסקווע האָב איך געזען, ווי דו מאַכסט אילוסטראַציעס; דאָ האָב איך דערזען, ווי דו אַרבעטסט פון דער נאַטור, און איך האָב אַ געפיל, אַז איידער דו זעסט דעם הימל, די ערד, ווייסטו שוין, וואָס דו וועסט נעמען פון דער פּאַליטרע... איצט פאַרשטייסטו מיין מיין?

— געוויס פאַרשטיי איך. יעדערער האָט זיך זיין צוגאַנג. איך וויל דיר אָבער זאָגן וועגן דיין פּלוצעמדיקער באַגעגעניש. דו ביסט מיר צו נאָענט, אַז איך זאָל דאָס פאַרשווייגן. באַקלער זיך גוט. אירע קינדער וועלן דיינע קינדער. ניט געטראַכט, ניט געדאַכט פאַר אַ טאַטן דיך געמאַכט. דאָס איז ערשטנס, צווייטנס, איז זי גאָר פון אַן אַנדער סוויווע. דאָס איז וויכטיקער, ווי עס קאָן זיך אויסווייזן. דריטנס, מיילע...

— וואָס דריטנס, ווייס איך ניט, — האָט נעכעמיע איבערגעשלאָגן דעם בלאָנדן, — אָבער זאָג מיר בעסער: דו ביסט זיכער, אַז דו ביסט ביז איצט קיינמאָל קיין טאַטע ניט געווען?

— וואָס רעדסטו, נעכעמיע?

— איך זע, אַז דו האָסט זיך איבערגעשראָקן, וועל איך בעסער ריידן וועגן זיך. איך ווייס טאַקע יאָ, אַז איך וואָלט געקאָנט זיין אַ טאַטע. דו געדענקסט דאָך, אַז איך האָב געהאַט אַ סטודענטקע פון סקולפּטורפאַקולטעט. מיר זיינען, פאַרשטייט זיך, געווען ווי מאַן און ווייב. אין איינעם אַן אָוונט האָט זי מיר געזאָגט, אַז זי טראָגט. איך בין געווען געפלעפט, כ'האָב געקראָגן געלט, און זי איז פאַטער געוואָרן דערפון. וויטער וועגן דער סוויווע. איך פאַרשטיי, דו ווילסט זאָגן, אַז זי איז ניט פון קיין שעפערישער סוויווע.

— יאָ, יאָ, דאָס מיין איך טאַקע.

— שלאָג מיך ניט איבער, זאָג מיר אַזאַ זאַך: דו מיינסט, אַז אַלע דיינע באַקאַנטע קינסטלער און קינסטלערנס זיינען שעפערישע מענטשן?

— ס'הייבט זיך גאָרניט אָן.

— איך ווינטש מיינע באַקאַנטע קינסטלערנס, זיי זאָלן זיין אַזוי אומיטלבאַר, אָריגינעל, אופּריכטיק, ווי כאַנע. איך וואָג שוין צו זאָגן: ווי מיין כאַנע, — האָט נעכעמיע אייסגעפּראַלט.

— איך זע, אַז דו ביסט פּאַרטיק. איך וואָרן דיך: באַטראַכט זיך גוט, איידער דו נעמסט זי!

— איך האָב געמיינט, אַז דער שמועס איז געענדיקט, אָבער איך האָב ניט געוווסט, אַז דו ביסט אַזאַ שטאַרקער נעמער. פינוואַנען קומט עס די זיכערקייט, אַז נאָר מיר נעמען? עס פעלט דיר ניט איין, אַז מע נעמט אונדז פונקט אַף אַזויפיל? דער שוואַכער מילדער פּרעכטיקער געשלעכט איז ניט קיין ערגערער נעמער פון אונדז. טו אַ טראַכט וועגן דערויף. איך בין דיר דאַנקבאַר פאַר דיינע וואָרענונגען. איך פאָר דערווייל נאָך

ניט אוועק, — האָט נעכעמיע געזאָגט און זיך גענומען צו זײַן מאָלערײַ־געצײַג.

ביז פאַרנאַכט האָט ער זיך ארומגעדרייט אין סטעפּ, נאָר ניט גע־טראָפן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל זיך אים וועלן מאָלן. ער איז אוועק אהיים מיט א שווער געמיט. יענעם אָוונט האָט ער זיך מיט כאַנען ניט געטראָפן.

אַף מאָרגן זײַנען די קינסטלער אוועקגעפאָרן קיין יעווּפּאַטאָריע. אין אָוונט האָט נעכעמיע אָפּגעוואַרט כאַנען בא דער קו־שטאַל, און ער האָט איר גלײַך אָנגעזאָגט:

— איך בין אַליין אין צימער, דער הימל איז פאַרוואָלקנט, קום צו מיר.

— דאָס איז א גוטע בסורע, אָבער בעסער א פאַרוואָלקנטער הימל, ווי א ליכטיקע סטעליע. קומט לאָמיר גיין אין סטעפּ.

היפּשע עטלעכע שאָ זײַנען זיי ארומגעגאַנגען, מער געשוויגן ווי גערעדט. פאַרשטייט זיך, אַז כאַנע האָט געפילט — נעכעמיען איז שווער אַפן האַרצן. געפרעגט האָט זי אָבער גאָרנישט ניט. פלוצעם איז ער שטיין געבליבן, האָט זי אָנגענומען בא די הענט, צוגעצויגן צו זיך אַזוי ראַפּ־טאָם, אַז זי איז שיר ניט אוועקגעפאַלן. „אוי", האָט זי ווי א קרעכץ גע־טאָן, און דערפילט, ווי זײַנע ליפּן לויפן איבער אירע באַקן, איבער אירע אויגן, בא די שלייפן, אַף אירע האָר. זי האָט אים צוגעטראָגן אירע ליפּן, אויסגעפליסטערט...

— האָב ראַכמאָנעס.

— ראַכמאָנעס? דו זאָג בעסער, פון וואָס פאַר א סוויווע ביסטו, וואָס איז דײַן ייִכעס, דו, מילך־באַרישניע?

— וואָס ייִכעס, ווער סוויווע, וואָס רעדסטו? — האָט זיך כאַנע דאָס מאָל געווענדט צו אים אַף דו.

ער האָט זיך צעלאַכט אין קוים ארויסגערעדט:

— האַ־האַ! סווי־ווע, שע־פע־רר, מע קאָן שטאַרבן!

— וואָס רעדסטו, איך פאַרשטיי א האָר ניט, — האָט זי געזאָגט.

ערשט אין קאָמונע־הויף האָט ער קימאַט אויסגעשריִען:

— סוויווע אהין, סוויווע אהער, קוק ניט אַזוי אַף מיר. אַז מע איז פאַרליבט, אָדער, ווי דו זאָגסט, אַז מע איז פאַרהאָלטעוועט, איז אַלץ רעכט!

זי האָט טאַקע אַף אים געקוקט ערנסט און שטרענג, ווײַל דער הימל איז געווען פאַרוואָלקנט, ניט אויסגעשטערנט, איז דאָס פּאָנעם זײַנס געווען ניט בוילעט, נאָר זײַנע שווארצע אייגן האָבן געשפּריצט, ווי מיט הײמלע־כע פײַערלעך. דער באַגינען האָט אָפּגעבערשטלט די וואָלקנס פון הימל, און כאַנע האָט געקוקט אַף אים מיט אַזויפיל געטרײַקײַט און גינציקײַט.

— ביז מאָרגן, טײַער קינד מײַנס, — האָט נעכעמיע געזאָגט.

— ביז היינט פארנאכט, איינציקער נאכעס מיינער, לעבן מיינס, — האָט כאנע אים אריינגעאָטעמט גלייך אין אויער אריין און איז אוועקגע־לאָפן צו דער קו־שטאל.

די קומענדיקע טעג איז נעכעמיע געווען אומגעריכט דערפרייט, וואָס די ארבעט איז בא אים אוועק, צווויי עטיודן א טאָג האָט ער געמאכט. עס זיינען געווען אזוינע טעג, ווען ביידע עטיודן זיינען אים געפעלן. אין איינעם אן אָוונט האָט ער געזאָגט צו כאנען:

— אויב עס וועט אזוי גיין ווייטער, וועט זיין גוט.

— עס וועט גיין, אוודאי וועט גיין, — האָט כאנע מיט הארץ געזאָגט.

— פונוואנען ווייסטו אזוינע זאכן, דו, מילך־קאָמונארקע?

— איך ווייס נאָך זיך נאָך, אז ס'איז גוט אפן הארצן, איז די ארבעט באשמירט מיט פוטער.

— אהא, אָבער פארוואָס ווייסטו ניט, אז דו דארפסט מיך א קוש טאָן?

— א נייע נייס! אָט וועסטו שוין באלד זען!

באלד איז זי שוין געווען איינגעקלאמערט אין זיינע אָרעמס, ווי אין אן אייזערנער רייף. איר הארץ שפרינגט ארויס פון איר גוף און פלאטערט אזוי פיינלעך־זיס ערגעץ אין גריבעלע בא איר האלדז.

דערנאָך? דערנאָך זיינען זיי זיך געגאנגען פאמעלעכקע, זי האָט פון אים אירע אויגן ניט אראָפגענומען, ווייל זי האָט ניט באנומען, ווו, פונ־וואנען נעמט זיך צו אים דער פארכאפנדיקער מוירעדיקער קויעך, וואָס פענטעט זי און באפרייט זי פון זיך אליין. דאָס מאכט זי אזוי שוואך, אז זי פארשווינדט, זי ווערט ווי איינגעזונקען אין אים.

— קוק ניט אזוי אף מיר, איך קאָן דאָס ניט אריבערטראָגן, — בעט ער זיך בא איר און קושט באזונדער יעדער פינגער פון אירע הענט. זי קוקט אָבער פאָרט אף אים און זעט, ווי זיינע אראָפגעלאָזטע אויגן דרינ־גען אין איר נעשאָמע אריין. זי פרעגט ניט אים, זי פרעגט בא דער צעזיפ־טער גרינלעכער שטערן־שיין:

— פונוואנען, פונוואנען נעמען זיך די קויכעס?

— וועמענס קויכעס, כאנעלע?

— דיינע קויכעס, דו ביסט ניט הויך, דיינע פלייצעס זיינען ניט ברייט, גיב א קוק, ווי קליין דיינע הענט זיינען, ווי דין דיינע פינגער זיינען, — רעכנט זי אויס פארטראכט.

— זאָג דאָס ניט, — לייגט ער פלוצעם אריין די הענט אין די קע־שענעס, — מיינע הענט האָבן א סאך קויעך, און זאָלסט וויסן זיין, אז א קינסטלער דארף האָבן מער קויעך פון אן ערד־ארבעטער, פין א שמיד, פון וועמען דו ווילסט אף דער וועלט! קום צו מיר, טו מיך א קוש, א לעצטן קוש און לויף כאפ א שלאָף, טייער קינד מיינס.

לייפן כאפן א שלאָף איז כאנען ניט באשערט געווען ניט דעם באגי־נען, ניט אין די קומענדיקע נעכט און באגינענס. ניט איין מאָל האָט זי אין יענע טעג צו אים געזאָגט:

— ווי גרינג די הענט לויפן, ווי גיך די ארבעט ווערט אויסגעלעקט, מע דארף דעם שלאָף אָפּ קאפּאָרעס, בייס דאָס גליק איז אונטער דער האנט...

ריכטיק האָט דער בלאָנדער קינסטלער געזאָגט: „קיין פארבאָרגענע זאכן זיינען ניטאָ". — אָבער נאָך ריכטיקער איז געווען, וואָס כאנע מיט נעכעמיען האָבן זיך לאכלוטן ניט פארבאָרגן. די קאָמונארן האָבן זיי געזען אין קו-שטאל, אין סטעפּ, בא די סילאָס-טורעמס, אין קינדערהיים. די טעג האָבן זיך געקייקלט, אלץ נעענטער האָט זיך צוגערוקט נעכעמיעס אוועקפאָרן. איצט איז כאנע מיט אים זעלטן געגאנגען אין סטעפּ. צו אלע ארבעטן איז איר צוגעקומען נאָך אנדערע זאָרגן: אין קאָלווירט „יידישער פויער" האָט מען געבראכט פּופּצן קי, האָט מען זיך דאָרטן געניטיקט אין אירע אייצעס. דער קאָלווירט האָט זיך געפונען פינף קילאָמעטער פון קאָמונע, איז דאָס כאנען ניט גרינג אָנגעקומען, זי האָט דאָרט פארבראכט ניט איין שאָ אין טאָג.

נעכעמיע האָט זיך געווערטלט:

— ס'איז נאָך א גליק, וואָס דו גייסט ניט מעלקן די בעהיימעס אין דזשאנקאָי און אין פריידאָרף. קיין יידישעווירטשאפטן פעלן ניט אין קרים.

— דאָרטיקע יידישע פויערים נייטיקן זיך ניט אין מיינע אייצעס. זיי זיינען מער באהאווענט פון מיר, — האָט כאנע באמערקט.

ניט נאָר דערפאר וואָס כאנען איז צוגעקומען דייגעס, איז זי איצט זעלטענער געגאנגען מיט נעכעמיען אין סטעפּ. זי האָט דערפילט, אז זי האָט שוין איבערגעגעבן וואָס זיך צו דערמאָנען, ווען ער וועט אוועקפאָרן... פארשטייט זיך, אז אזא אומיטלבארער מענטש, ווי כאנע, האָט עס ניט אויסגערעכנט, אָבער, ווי געזאָגט, האָט זי געפילט אין זיך אפילע אָפּט געשראָקן דערפאר, וואָס נעכעמיע האָט זי באשאָנקען מיט אזא שלאל אומגעפּרווטע מעסיקעס, וועגן וועלכע זי האָט לאכלוטן ניט געוווסט אין ניט כוישעד געווען. זי האָט טאקע אנומלטן צו אים געזאָגט, ווען ער האָט זי גערופן אין סטעפּ:

— ניין, נעכעמיעלע, האָב ניט קיין בייז הארץ אף מיר, וואָרעם איך הייב ניט אָן צו וויסן, וואָס עס טוט זיך מיט מיר, וואָס פאר א קישעף שטעקט אין דיר. איך בין געווען פארהארטעוועט, ווי א שטיין. דו האָסט מיך ווייכער געמאכט פון א מאלינע... פאָלג מיך, מיין טייערער, קום מיט מיר צו די קינדער. מיינע קינדער פעלט, באָרעכאשעם, געניג. האלעווײַ זאָל זיי דאָס צוקומען.

נעכעמיע האָט, פארשטייט זיך, געוואָלט גיין נאָר מיט כאנען, אָבער ער איז געווען געניג איידל, קעדיי ניט צו דערווידערן. אין קינדערהיים איז ער געגאנגען, מיטנעמענדיק קליינע פירקאנטיקע שטיקעלעך וואטמאן. ער האָט אף דעם געמאָלט פאר די קינדער לאָשעקעס, לעמעלעך, הינער

און הענער. די קינדער זײַנען געװען אַזױ פאַרגאַפּט פון די געמעלן, אַז זײ האָבן אַפּילו ניט באַמערקט, װי אױף אײניקע שטיקלעך װאַטמאַן האָט ער פאַרײנס אָנגעצײכנט קינדער־געזעמלעך, פאַרװוּנדערטע און פאַר־כאַפּטע.

אין אײנעם אַ טאָג, נאָכן באַגײנענדיקן געמעלק, איז דער פאָרזיצער אַרײַנגעגאַנגען אין קו־שטאַל. ער האָט באַטראַכט די בעהײמעס, די בו־הײַעס, איז אַ װײַלינקע געשטאַנען און געקוקט, װי כאַנע מעלקט, און געזאָגט צו איר:

— נאָכן געמעלק, זײַ אַזױ גוט, גײ אַרײַן אין קאָנטאָר. מיר דאַרפֿן אַ שמועס טאָן װעגן זײער אַ װיכטיקן עניָן.

— דער ענין איז װעגן דעם הײ, װאָס ליגט אין יעװפּאַטאָריער „אָזעט?" — האָט כאַנע געפֿרעגט.

— דו גײ אַרײַן, װעסטו שױן הערן. װאָרעם עס איז ניט פֿײַן, אַז אַזאַ פֿאַרנימענער מענטש, װי איך, זאָל דאַרפֿן װאַרטן אױף אַזאַ פּוסטעפּאַסניצע, װי דו.

— ביסט גערעכט, כ'װעל אַרײַנגײן.

בײַס כאַנע איז אַרײַנגעגאַנגען אין קאָנטאָר, איז איר אױסגעקומען גאַנץ מאָדנע, װאָס קײן אײן מענטש איז דאָ ניטאָ, כּוץ איר און דעם פֿאָר־זיצער. ער האָט צוגערוקט אַ טאַבורעטקע צו כאַנען און געזאָגט:

— זעץ זיך, רו זיך אָפּ.

— כ'האָב קײן צײַט ניט, כ'װעל שטײן.

— װען מע קאָן זיצן, דאַרף מען ניט שטײן, — האָט ער אױסגעניצט דאָס באַװוּסטע גלײַכװערטל און ערנסט אָנגעהױבן:

— כאַנע, איך האָב געהערט, אַז דו פֿאַרבריענגסט די פֿרײַע צײַט מיטן כודאָזשניק, און עס אַרט אים ניט, װאָס די בעהײמעס זײַנען אײנזאַם און עלנט. כּוץ דעם...

כאַנע האָט אים אָנגעקוקט און איבערגעשלאָגן:

— כּוץ דעם, האָב איך גופֿא גאַרנישט קעגן דעם כודאָזשניק.

— זע, װי דו לאָזט קײן װאָרט ניט אױסרײדן. װאַרט אױס, איך בין מיט אַ מיטװאָך עלטער פֿון דיר. װעגן אים קאָן איך גאַרניט זאָגן, ס'קאָן זײַן, אַז ער איז זײער אַ לײַטישער מענטש, אָבער דו דאַרפֿסט װיסן, אַז ער איז פֿאַרקנאַסט אױף גאָר אַנדערע הײַונן...

— איך װײס ניט, אױף װאָס פֿאַר אַ הײַון איז ער פֿאַרקנאַסט. איך װײס אָבער, אַז ער איז מיר זײער צום האַרצן.

— לאָז זיך דינען, שלאָג מיך ניט איבער. דו מאָלסט דיר אױס, װי דו װעסט זיך פֿילן, אַפֿילו אין בעסטן פֿאַל, אײב ער מײנט עס ערנסט און ער װעט דיך מיט די קינדער אַריבערנעמען קײן מאָסקװע.

— כ'װײס ניט, װאָס ער מײנט און װאָס ער טראַכט, איך װײס אָבער מיט מײַן גאַנצן האַרצן, אַז איך װעל גײן מיט אים עק װעלט. כ'פֿאַרשטײ ניט, פֿאַרװאָס דו דײַגעסט װעגן דעם!

— איך דייגע וועגן דיר, כאנע. צי דען האסטו ניט געפילט, אז דו געפעלסט מיר, אז איך בין אפט אנציקט פון דיר? עס איז שווער עפעס פארויסזען, די צייט איז זייער אנגעשטרענגט. ס'קען זיין, אז די קאמונע וועט דיך שיקן זיך לערנען אין סימפעראפאל. ווער ניט ניספאעל, וואס ער איז א כודאזשניק, כאפ ניט, ס'איז ניט קיין טייגלעך מיט פאסאליעס. געדענקסט, ווי איך האב דיך באגעגנט, דו ביסט געריטן פון סאקי. כ'האב דיר דאן געזאגט עפעס א נארישקייט, אז דיינע פיס געפעלן מיר, האסטו מיך אזוי אפגעשניטן, אז די צונג האט מיר אפגענומען.

— יא, איך געדענק.

ער האט א שפאן געטאן און ארופגעלייגט זיינע הענט אף אירע אקסלען, און זי האט דערפילט, ווי די הענט זיינע שארן זיך פאוואליע צו איר האלדז. האט זי זיך ראפטאם א קערעווע געטאן און, שוין שטייענדיק בא דער טיר, שטיל און איינגעהאלטן געזאגט:

— עס קומט מיר אויס, אז דו ווילסט מיט צוויי פיס גיין איבער צען סטעזשקעס מיטאמאל. דו האסט שוין קינדער פון דריי מאמעס. קיין פינפטע ראד צום וואגן וועל איך קיינמאל ניט זיין! הערסט, אזריעל!

— שטיי, כאנטשע! אזוי וועסטו פון מיר ניט אוועק!

— גענוג. דאס וועט קיינמאל אף דער וועלט ניט זיין, — האט כאנע אייסגעשריען און איז ארויסגעלאפן פון קאנטאר.

כאטש כאנע האט געהאט גענוג ארבעט אין שטאל, איז זי פארביי דער קוזניע אוועק מיטן וועג צום דערפל סאבאנטוי. זי האט זיך צוגעזעצט אף דער ערד, גלייך ווידער אופגעשפרונגען און גענומען שפאנען הין און צוריק, אזוי צערודערט איז זי געווען. און ניט אזוי דערפון, וואס זי האט ניט לאנג צוריק אויסגעהערט, ווי דערפון, וואס זי האט דאס אליין ניט געקאנט באנעמען. ווען זי איז צוריקגעגאנגען צו דער קאמונע, איז איר אנטקעגן געגאנגען אזריעל. זי איז גיכער אוועקגעגאנגען, אבער ער האט ברייט א שפאן געטאן איין מאל און נאכאמאל, זי אנגעכאפט פאר א האנט און גיך-גיך צו איר געזאגט:

— אזוי, כאנקע, אזוי פאטערט מען מיך ניט אפ. בייס איך זאג: עס געפעלט מיר, איז געזאגט!

— כאפ ניט אזוי, דו ביסט ניט מיין פארעץ, איך בין ניט דיין הונט. דו ביסט פארזיצער ניט דאס ערשטע יאר אין קאמונע. וואס בין איך דיר פלוצעם געפעלן געווארן? מיין מאמע פלעגט זאגן: בעסער איין פויגל אפן צווייגל, איידער צוויי אין שטייגל. האסט געווארט, איך זאל צייטיק ווערן? איך פארשטיי דאס, דיינע געבליטן האסטו געהאט מיט וואס איינצושטילן. ביסט ניט קיין נאר, אבער איינעמען דיין גייווע קאנסטו ניט. ס'איז ניטא וועגן וואס צו ריידן, — האט כאנע געענדיקט און איז אוועק צו דער קו-שטאל. דארט האט זי שוין דערזען נעכעמיען, ער האט זי אנגעקוקט און געפרעגט:

— וואס איז, טייערע, ס'איז עפעס פארלאפן אף דער ארבעט?

— יאָ, א ביסעלע.
— וואָס זשע, זאָג גיכער.
— וואָס האָט געטראָפֿן? דו ווייסט ניט? דו האָסט אַף מיר אָנגעשיקט עפּעס א מאָדנע אָנשיקעניש: ווו איך גיי און ווו איך שטיי, ביסטו פֿאַר מײַנע אויגן, איך קאָן אָן דיר קיין מינוט ניט זײַן. איך פֿרעג דיך: וואָס וועל איך טאָן, אז דו וועסט אוועקפֿאָרן?
— אויסגעצייכנט! אזוי דאַרף זײַן! איך וועל אוועקפֿאָרן, נאָר איך וועל ווידער קומען און וועל דיך צונעמען. איך בין אויך מעסוקן קראַנק. איך גיי פֿון פֿעלד־בריגאַדע און איך פֿיל, אז איך מיז דיך זען די מינוט, שוין איצט, און דו שטייסט טאַקע. אָרעם כאנעלע מײַנס, קום, טו מיך א קוש.
— די סקאָטניקעס דרייען זיך דאָ.
— זאָלן זיי זיך אויך קושן. קום, — האָט נעכעמיע גיכער ארויסגע־קרעכצט, ווי געזאָגט. און ער האָט באַקרענצלט מיט זײַנע ליפּן אירע באַקן, אירע אויגן, איר שטערן און איר קאָפּ. ענדלעך האָט ער זיך אָפּגע־ריסן פֿון איר, זי אָנגעקוקט און שטילינקערהייט געבעטן:
— דו ביסט מײַן לעבן און מײַן אָטעם. גיי זשע א ביסעלע אוועק, איך וויל זען דײַן גאַנג אין דער זוניקער שײַן, בייס דו גייסט אזוי ווײַט, ווײַט...
— אלץ, וואָס דו הייסט, וועל איך טאָמיד טאָן. איך וועל דיך אלעמאָל פֿאָלגן. און טאָמער, כאַלילע, וועסטו מיך אמאָל פֿײַנט קריגן, זאָלסטו מיר די מינוט זאָגן. לאָז, כ'וועל א גלעט טאָן דײַן פּאָנעם, — האָט כאנע גע־זאָגט מיט א ציטערדיק קאָל און אנטלאָפֿן אין שטאָל.

בייס כאנע איז אין אָוונט ארויסגעגאנגען פֿון קינדערהיים, האָט נע־כעמיע שוין אַף איר געוואַרט.
— כאנוקע, וואָס שווײַגסטו?
— שווײַג אויך. לאָמיר ביידע שווײַגן. הער זיך אײַן. דו הערסט, וואָס עס טוט זיך אין סטעפּ? דאָ שפּילט זיך א ניגן, ווי נעכעמיע מיט כאנען גייען זיך דאָ אזוי שטילינקערהייט, און ביידע שווײַגן זיי. און די שטערן קוקן אַף זיי און פֿינטלען צו — זיי וווּנדערן זיך, פֿונוואַנען האָט זיך גע־נומען אזא פּאָרל...
— מײַן גליק, מײַן פֿרייד, — זאָגט נעכעמיע, און מער קאָן ער קיין וואָרט ניט ארויסברענגען, ווײַל זייערע ליפּן זײַנען צונויפֿגעכאַסמעט. זיי זײַנען אזוי באַהעפֿט, ווי דער הימל איז באַהעפֿט מיט די שטערן. באַגינען, ווען זיי גייען צוריק צו דער קאָמונע, זאָגט נעכעמיע:
— איך בין קיינמאָל, קיינמאָל אָן דיר ניט געווען. ווי איז דאָס מעג־לעך, וויאזוי האָבן מיר ניט געוווּסט איינער וועגן צווייטן? וואָס ווייסטו? זאָלסט ניט סמייען צו וויינען! איך ווייס, די קינדער! אָבער דו זאָלסט וויסן, אז וועגן אונדזערע קינדער האָסטו ניט וואָס צו וויינען. זיי וועלן

זײַן מערער מײַנע, ווי אַלע קינדער בא זייערע טאַטעס! קום צו מיר, מײַן אָרעם קינד. כ'וועל אויסקושן דײַנע שיינע אויגן, דײַן קליינעם שטערן, וואָס קאָן באַהאַלטן אַזויפיל פאַרשטאַנד און ליבע. קום ווידער, קום ווידער, צו מיר, מײַנע קויכעס גייען מיר אויס, — פליסטערט ער צו איר.

אַפילע אַזאַ זעלטן-זעלטנסטע ליבע, ווי עס איז צווישן נעכעמיען און כאַנען, אַ ליבע, וואָס איז געווען ריין פון ערעגײַץ, פון געלטגײַץ, פון וועלכער-ס'איז-ניט-איז אייגננוץ, וואָס איז געווען דורכגעדרונגען מיט דער איין-איינציקער לײַדנשאַפט צו זײַן אינײנעם, האָט פאָרט ניט געקאָנט אָפּשטעלן די צײַט. ניט איין מאָל האָט כאַנע געטראַכט: „ווי האָב איך געלעבט אָן אים ביז איצט, ווי וועל איך בלײַבן אָן אים? דאָס איז דאָך אַ גרויל!”

איצט האָט כאַנע קלאָר געוווּסט, אַז זי האָט ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, ביז זי האָט באַגעגנט נעכעמיען, וואָס ליבע איז, זי האָט שוין ניט איין מאָל געפרעגט בא נעכעמיען:

— זאָג מיר, מײַן כויעס, וויאַזוי האָסטו געוווּסט, אַז דו דאַרפסט קומען אַהער?

— כ'האָב גאָרנישט געוווּסט, נאַרעלע. אָבער קוים האָב איך דיך דערזען, געדענקסט, בייס דו האָסט אויסגעווישט דעם טיש, ווען די הינער זײַנען אַרײַנגעלאָפן אין עסצימער, אָט יענעם טאָג האָב איך דערפילט, אַז איך מוז זיך אומבאַדינגט באַקענען מיט דיר. איצטער פאַרשטייסטו עפּעס? איך פאָר אַוועק, און דאָ בלײַבט מײַן נעשאָמע און מײַן האַרץ. אָבער דו זאָלסט גאָרניט איבערטראַכטן, מיר וועלן זײַן אינײנעם. אַזוי וועט זײַן!

כאַנע האָט אים געגלייבט מיטן גאַנצן האַרצן. אָבער איר גלויבן האָט ניט געקענט אָפּשטעלן דעם האַסטיקן לויף פון דער צײַט, און זי האָט אין אָוונט געזאָגט צו נעכעמיען:

— פאַרוואָס זײַנען מיר געווען אַזוי בלינד? אַ גאַנצע וואָך איז צערונען געוואָרן, ביז מיר האָבן זיך באַקענט.

— יאָ, אַ גאַנצע וואָך! און אין דרײַ טעג אַרום פאָר איך אַוועק, — האָט נעכעמיע געזאָגט מיט אַזאַ האַרצרײַסנדיק קאָל, אַז כאַנע האָט זיך פון אים אָפּגערוקט און זיך ווידער צעוויינט.

פאַר די לעצטע דרײַ טעג זײַנען זיי אין אָוונט געגאַנגען נאָר אין קינדערהיים. און ניט נאָר זיי זײַנען געווען דערשלאָגן, — אַפילע די קינדער זײַנען אויך אומעטיקער געוואָרן, ווי זיי וואָלטן געפילט, וואָס עס פאַרלויפט זיך צווישן כאַנען און נעכעמיען.

אין באַשטימטן טאָג האָט כאַנע אַרויסגעפירט באָרעכן פון פערדשטאַל. זי האָט אים פאַוואָליע געשטופּט אַף הינטערווײַלעך, ביז דאָס פערד איז שטיין געבליבן צווישן די האָלאָבליעס פון צווייערעדערדיקן וועגל. כא-

נע האָט אים אײַנגעשפאנט. דאן האָט נעכעמיע געבראכט זײַן קלאפער־געצײַג און עס ארײַנגעלייגט אין וועגל. דערנאָך האָבן זיך ביידע — כאנע מיט נעכעמיען — ארײַנגעזעצט אהין. כאנע האָט א צי געטאָן די לייצעס, געזאָגט עטלעכע גוטע ווערטער צו באָרעכן, אָבער יענער האָט זיך פון אָרט ניט גערירט. כאנע איז ארויסגעשפרונגען פון וועגעלע, האָט א צי געטאָן פארן צײַמל. דאָס פערד האָט זיך געמאכט ניט ווויסנדיק. א רעכטע ווײַלע האָט זי גענוקעט, געהאלטן די לייצעס אין דער האנט, אפילע א גרינגן שמיץ געטאָן מיט דעם קורצן בײַטשל באָרעכן, עס האָט אָבער געהאָלפן, ווי א טויטן באנקעס. צום סאָף איז כאנע געפאלן אף א האמצאָע: זי איז אוועקגעלאָפן אין פערד־שטאל און געבראכט דעם זאָטל. ווי נאָר זי האָט באָרעכן אָנגעזאָטלט, איז באָרעך אוועק, ווי אלע־מאָל, מיט זײַן שווים־רויִקן טראָט.

די פרייד פון די זעלטענע פּוסגייער, וואָס האָבן יענעם טאָג באגעגנט אין סטעפ, אפן וועג צו סאקי, דאָס מעשונעדיקע געשפאַן מיט דער רײַ־טערן פון אויבן, האָט נעכעמיע, צום באדויערן, ניט צעטיילט. ער איז געזעסן אײַנגעקערט אליין, אן אומעטיקער אין וועגעלע צווישן זײַן באגאזש און האָט אויסגעזען לעכערלעך, ווײַל דעם גרויסן שירעם, וואָס ער האָט פארשנורעוועט אין א טשעכאָל, האָט ער אָנגעטאָן אפן אקסל, ווי א ביקס. דאָס האָט אויך פריילעך געמאכט די זעלטן באגעגנטע, אָבער ער איז געווען ווײַט פון געלעכטער, ער האָט נאָר פון צײַט צו צײַט געלאָזט פאלן מיט אן אומעטיק קאָל: „עפשער האָט זיך שוין באָרעך צוגעווינט, פּרווו זיך זעצן לעבן מיר", — כאנע האָט געפאָלגט, זי איז ארויסגעשפרונגען פון זאָטל. באָרעך האָט זיך אָפגעשטעלט און מער פון אָרט זיך ניט גערירט.

בא סאקער וואָקזאל איז די באוועגונג פארגליווערט געוואָרן, בײַס דאָס צווייערדערדיקע וועגעלע איז מיט כאנען אין זאָטל שטיין געבליבן. דערנאָך האָבן די פאסאזשירן לעבן וואגאָן פון צוג, וואָס האָט געדארפט אָפגיין אף מאָסקווע, מיט גרויס נײַגער געקוקט, ווי נעכעמיע האָט אויס־געקושט כאנעס פאָנעם, אירע הענט און איר פאטשיילקע אף איר קאָפ. איינע א פרוי, וואָס איז געשטאנען דערבײַ נעענטער פון אנדערע, האָט, בײַס דער צוג איז שוין אוועק, געזאָגט צו כאנען:

— שוועסטערקע, ביסט א גליקלעכע, ער שטארבט, ער גייט אויס נאָך דיר. כאַפ דאָס גליק פאר דער פאָלע. כאַפ, הערסט, וואָס איך זאָג דיר! און האלט שטײַף, מיט ביידע הענט!

יענעם טאָג האָט כאנע זיך געטרייסלט אין זאָטל, און דאָס וועגעלע האָט געקלימפערט הינטער איר, אָבער זי האָט ניט געהערט און ניט געזען גאָרנישט. דאָס ערשטע מאָל האָט זי פארשפעטיקט צום פארנאכ־טיקן געמעלק, דאָס ערשטע מאָל...

צווייטער טייל

ווען נעכעמיע וואָלט איינציַיטיק געקאָנט זײַן אין מאָסקווע און אין דער קאָמינע, וואָלט ער געווען געפּלעפּט דערפֿון, וואָס כאַנע איז אַזוי פֿאַרביטן געוואָרן: איר פּאָנעם, אירע באַוועגונגען, איר שטימע איז ווי אויסגעלאָשן. זי האָט אַליין ניט געוווּסט, וואָס מיט איר טוט זיך, עס האָט ניט איין מאָל געטראָפֿן, אַז די שטאַל־אַרבעטער פֿרעגן עפּעס און זי ענטפֿערט ניט, זי הערט ניט זייערע ווערטער. עס זײַנען געווען טעג, אַז ווען ניט די אַרבעט, וואָלט כאַנע זיך ניט אופֿגעהויבן פֿון געלעגער. דער סטעפּ, דער הימל האָבן ניט געוועקט איר פֿרייד, ווי אַמאָל, פֿאַרקערט, באַם באַטאָגיקן געמעלק האָט זי די אויגן ניט אופֿגעהויבן צום הימל, אַזוי גלײַכגילטיק האָט איר אויסגעזען די בלויע קלאָרקײַט, די זון, וואָס האָט ווי פֿריִער געשײַנט און געבלענדט. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי הערט נעכעמיעס אומגעוואַגטע פֿראַגע: „כאַווערטע בריגאַדיר, עפּשער קאָנט איר דאָ פֿאַרהאַלטן די טשערעדע?", און גלײַך דערנאָך ווידער דער באַלויכטענער סטעפּ, ווידער די בעהיימעס, ווידער די אַלטעגלעכקײַט...

בא די סילאָס־טורעמס, אין הייף פֿון קאָמונע, באַם ברונעם האָט כאַנע שטענדיק געוואַרט — אָט־אָט וועט ער אונטערקומען. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז עס איז אַוועק אַן אייביקײַט, זינט ער איז אַוועקגעפֿאָרן. אינדערעמעסן זײַנען אַוועק קאַרגע צוויי וואָכן, זינט זי האָט אים באַגלייט קיין סאַקי.

יענער טאָג טרעט ניט אָפּ פֿון איר, זי הערט נאָכאַנאַנד דער אומבאַקאַנטערס ווערטער: „שוועסטערקע, ביסט אַ גליקלעכע באַבע, כאַפּ דאָס גליק פֿאַר דער פּאָלע, לאָז עס ניט אַרויס פֿון דײַנע הענט!", „כאַפּ" — טראַכט כאַנע — „ווו איז ער? געוויס מאָלט ער, און ער איז אַזוי אַרײַנגעטאָן אינדערויף, אַז ער האָט ניט אין זינען אָנצושרײַבן עטלעכע ווערטער..."

עס איז גוט, וואָס נעכעמיע איז ווײַט פֿון כאַנען, וואָרעם קוים וואָלט ער געווען דאָ, וואָלט ער געדאַרפֿט אויסהערן ביטערע ווערטער. מיט אַ פּאָר טעג צוריק, בייס כאַנע איז נאָך וואַרמעס אַרויסגעגאַנגען פֿון עסצימער, האָט זי אָפּגעשטעלט דער פֿאָרזיצער.

— האָסט ניט קיין בריוולעך? פֿאַרשטייסט, ער איז אַן אינטעליגענט, אַ פֿאַרנומענער מענטש. ער האַלט ניט פֿון אַזעלכע קלייניקײַטן.

— האָב קיין יעסורים ניט, איך וועל קריגן בריוו. איך בין דיר זייער דאַנקבאַר, וואָס דו טרייסט מיך, — האָט כאַנע געזאָגט און האַסטיק אַוועקגעגאַן צו דער פֿערד־שטאַל — עס איז געווען די צײַט פֿון באַטאָגיקן געמעלק.

אָנגעזאָטלט באָרעכן, איז זי אַוועקגעריטן אין סטעפּ. ווי אַלעמאָל, אויסגעמאָלקן די קי, געהייסן די פּאַסטעכער טרײַבן די טשערעדע צו די באַלקעס, און דערנאָך אַוועקגעריטן גלאַט אין דער וועלט אַרײַן. ווען

דאָס פערד וואָלט געקאָנט ריידן, וואָלט עס געוויס כאַנען געזאָגט האַר־ציקערע ווערטער, איצט האָט עס עטלעכע מאָל א הירזשע געטאָן, אופגע־פעכערט דעם עק, מיט א טלאָ פינעם פאָדערשטן פוס א גראָב געטאָן די ערד און אוועק גאַלאָפּ, ווי עס וואָלט מיט דעם געוואָלט צעשטרייען כאַנען.

אָבער יענעם טאָג איז כאַנען ניט אײַסגעקומען צו פאַרגרינגערן איר געמיט. ביז פאַרנאַכט איז זי אַרומגעריטן אין סטעפּ, זי איז אויך צו־געפאָרן א קוק טאָן, ווי די בעהיימעס פיטערן זיך. שוין שפּעט פאַרנאַכט, ווען עס איז קיל געוואָרן, איז זי אוועקגעריטן צו דער קאָמינע. „סטאָי!" — האָט זי דערהערט א שטילן באַפעל. זי האָט ניט געזען דעם, ווער עס האָט איר געהייסן זיך אָפּשטעלן, אָבער זי איז לאַכלוטן ניט גענייגט געווען צו פאָלגן. זי האָט אָנגעצויגן דאָס צײַמל און אזוי געפּויקט מיט די פּיס באַרעכס זײַטן, אז ער איז אוועק. אָבער יענער, וואָס האָט געשריִען „סטאָי!", האָט כאַנען דעריאָגט און איז, ווי פון אונטער דער ערד, אויסגעוואַקסן לעבן „באַרעכס" מאָרדע. ער האָט מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט דאָס צײַמל און שטיל געזאָגט: — „סלעזײַ", כאַנע האָט זיך אײַנגעבויגן, אָפּגעריסן דעם מענטשנס הענט פינעם צײַמל, און באַרעך איז ווידער אוועק, ווי א ווינט. זי האָט אָבער געהערט, ווי יענער איז נאָכגעלאָפן און געשריִען:

— דאָס פערד וועט זײַן מײַנס! עס איז געווען מײַנס און מײַנס וועט עס זײַן! א פּאַסקודניאַק האָט אַף מיר אָנגערעדט, מע האָט מיך אַרויסגע־שיקט, ווי א באַלעגוף. אָבער איצט בין איך ווידער דאָ!

ביים כאַנע איז צוגעריטן צו דער פערד־שטאַל, האָט שימקע גע־פרעגט:

— כאַנטשע, וואָס האָט געטראָפן? דו האָסט דאָך קיין בלוט־טראָפּן ניט אין דער צורע.

— גאָרניט. באַרעך האָט זיך א ביסל צעיאָגט, — האָט כאַנע געזאָגט און איז אוועק צו דער קו־שטאַל.

די מעלקערנס האָבן אייך באַמערקט, אז כאַנע איז צעטראָגן.

— ביסט ניט געזונט? — האָט טויבקע געפרעגט.

— וואָס פאַלט דיר אײַן? איך בין פּאָשעט פאַרמאַטערט.

— מיר האָבן זיך געוווּנדערט, וואָס דו ביסט ניט געקומען צו דער צײַט, מיר מעלקן שוין די דריטע קו.

— קיין בייז ניט, כ'וועל אײַך דעריאָגן, — האָט כאַנע קימאַט רויִק געזאָגט.

נאָך וועטשערע איז כאַנע געגאַנגען מיט כאַיעלען און זי האָט איר דערציילט, וואָס עס האָט געטראָפן.

— ס'קאָן זייער זײַן, — האָט כאַיעלע געזאָגט, — ווינציק אײַסוווּרפן זײַנען דאָ?! עס האָט זיך געפונען אזעלכער, וואָס האָט אים געמאַסערט. אין דאָס פערד איז טאַקע געוויס זײַנס, — האָט כאַיעלע ערנסט געזאָגט. — פאַרגעס וועגן דעם, — האָט זי צוגעגעבן.

אָבער פאַרגעסן האָט עס כאַנע ניט געקאָנט. א גאַנצע נאַכט האָט זי קיין אויג ניט צוגעמאַכט. עס איז איר געשטאַנען פאַר די אויגן דער מענטש אין צעפּליקטן וואַטניק, מיט א נאַקעט-האָריקער ברוסט, און זי האָט געהערט זיין שטילן באַפעל — „סלעזײַ!“.

נאָכן אינדערפרי׳יקן געמעלק איז זי אוועק צו דער פערד-שטאַל. זי האָט גלײַך דערזען, אַז באָרעך איז אויף זיין שטענדיקן אָרט ניטאָ. לעבן דער שטאַל איז שימקע איר אַנטקעגן געקומען.

— דו האָסט עמעצן געגעבן באָרעכן?

— א נײַע נײַס. כ׳האָב געמיינט, דו האָסט אים גענומען. אָבער ווען כ׳האָב דערזען, אַז דער זאָטל ליגט אויף אַן אָרט, האָב איך פאַרשטאַנען מיין טאָעס.

— דריי מיר ניט קיין קאָפּ, דו האָסט דאָך אים עמעצן געגעבן?

— דריי יאָ, דריי ניט. ס׳האָט גענומען טאָגן, בין איך אוועק עפּעס איבערבײַסן, איך קום צוריק, — באָרעך איז ניטאָ!

— ביז דו ביסט געגאַנגען איבערבײַסן איז ער יאָ געווען?

— וואָס פרעגסטו אַזוינע קאַשעס?

— כ׳ווייס, אַמאָל כאַפּט מען א דרעמל?

— אַמאָל כאַפּט מען און דאָס מאָל ניט. מע דאַרף מעלדן אין מיליציע. נאָר מיר ווײַזט זיך אויס, אַז מע קאָן אָנשיטן זאַלץ אויפן עק.

— מירן זען, — האָט כאַנע באַמערקט, אָבער זי האָט גוט פאַרשטאַנען, ווער עס האָט אוועקגעפירט באָרעכן.

דאָס פערד איז ווי אין וואַסער אַרײַן. צום באַטאָגיקן געמעלק איז כאַנע געפאָרן מיט די איבעריקע מעלקערנס אין דער מאַזשאַרע. אַלע האָבן גערעדט וועגן דער גנייווע, כאַנע האָט געשוויגן. כעווּד, מיט וועלכער כאַנע האָט געוווינט אין איין צימער, איז אַרײַנגעלאָפן מיט א קאָנווערט אין דער איפגעהויבענער האַנט. זי איז צוגעלאָפן צו כאַנען, האָט אויסגעשריִען: — „א בריוו פאַר דיר!“ כאַנע האָט שטיין געלאָזן די טעלער, גענומען דעם בריוו און איז אַוועק צו די סילאָס-טורעמס. דאָס האַרץ אירס האָט אַזוי געצאַפּלט, אַז זי האָט קוים איפגעריסן דעם קאָנווערט. זי האָט זיך אוועקגעזעצט אויפן אונטערשטן טרעפּל פונעם ערשטן שטאָק, וואָס האָט געפירט צו די באַלקאָנטשיקעס פונעם סילאָס-טורעם, פאַרמאַכט די אויגן און אַזוי א ביסעלע געזעסן, דערנאָך ערשט אַרויסגענומען דעם בריוו פון קאָנווערט.

„מיין וווּנדער, מיין לעבן, מיין כאַנוּקעלע! אָט איז הײַנט דער צוועלפטער טאָג, ווי איך בין אַליין. איך האָב זיך אַפילע ניט פאָרגעשטעלט, אַז איך זאָל אַזוי בענקען. די אַרבעט פאַלט פון מײַנע הענט. און אַרבעטן דאַרף מען דאָך. נעכטן בין איך שיר ניט אוועק אויפן קורסקער וואָקזאַל קויפן א בילעט, אָבער איך האָב דאָס ניט געטאָן, און כ׳האָב זיך פונדעסטוועגן געזעצט אַרבעטן. איך האָף, אַז אָנהייב נאָיאַבער וועל איך ענדיקן די באַשטעלונג, און אין אַפּרעל וועל איך קומען דיך נעמען מיט די

קינדער. איצט איז סאָף סענטיאַבער, צייל מיט מיר אײנײנעם: אָקטיאַבער, נאָיאַבער, דעקאַבער, יאַנוואַר, פֿעווראַל, מאַרט! אַפּרעל צייל ניט, ווײַל די ערשטע וואָך פֿון אַפּרעל וועל איך אַרויספֿאָרן צו דיר. איצט הער מיט קאָפּ. איך האָב פֿאַר מײַן אַוועקפֿאָרן אונטער דײַן מאַטראַץ געלאָזט פֿאַר דיר אַ דײַן ביכעלע, דאָס רופֿט זיך אַקרעדיטיוו. ווען דו וועסט זײַן אין סאַקי, זאָל דאָס ביכעלע זײַן מיט דיר. וועסט אַרײַנגיין אין סבערקאַסע, וועט מען דיר דאָרט געבן אַ פּאַפּירעלע, וועסט פֿרעגן, וויאַזוי מע דאַרף עס אָנשרײַבן. דערנאָך וועסטו אַוועקגעבן דאָס קוויטעלע און מע וועט דיר געבן געלט. דער אַקרעדיטיוו איז אויף דרײַ הונדערט רובל. קאָנסט מיט דעם טאָן וואָס דו ווילסט, נאָר איך אײַצע, דו זאָלסט קויפֿן אַ וואַטניק, שיך און אַ וואַרעם שאַלעכל. איך האָב דיר ניט געגעבן דעם אַקרעדיטיוו אין האַנט, ווײַל איך האָב געוווּסט, אַז דו וועסט ניט נעמען. איך בין דאָך זיכער, אַז דו האָסט מיך ליב, וועסטו טאָן, ווי איך בעט דיך. אין קרים איז שוין אויך געוויס קילבלער, און דו ביסט באָרוועס און נאַקעט. אין דעם בריוו האָב איך אַרײַנגעלייגט אַ קאָנווערט מיט מײַן אַדרעס. שרײַב מיר גלײַך אָן. איך האָב דאָ אין מאָסקווע באַקאַנטע ייִדישע שרײַבער, רייד איך מיט זיי ייִדיש. איך האָב אַפֿילו אָנגעשריבן עטלעכע ווערטער און געוויזן דאָבראָושינען. דו דאַרפֿסט אים קענען, ער איז דאָך מיט נאָך שרײַבער געווען אין קאָמונע. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער קען דיך. ער האָט מיר אויך געזאָגט, אַז איך שרײַב ייִדיש גאַנץ פֿײַן, נאָר איך דאַרף ניט אַרײַנמישן אַזוי פֿיל רוסישע ווערטער. איך בעט דיך זייער, זאָלסט גלײַך אָנשרײַבן. איך קוש דיך אַ סאַך מער ווי דאַן, ווען איך בין געווען מיט דיר. איך קאָן ניט לעבן אָן דיר, מײַן קינד, מײַן „פֿרע־לעסט". אין צווייטן בריוו וועל איך דיר אָנשרײַבן, וואָס איך טראַכט צו טאָן, אַז דו זאָלסט וואָס גיכער מיט די קינדער זײַן מיט מיר. דײַן עלנטער נעכעמיע".

פֿאַרשטייט זיך, אַז כאַנע האָט איבערגעלייענט דעם בריוו ניט איין מאָל. זי האָט זיך מאַמעש דערשראָקן, ווען זי האָט ענדלעך פֿאַרשטאַנען, וואָס עס באַטײַט דאָס וואָרט אַקרעדיטיוו. און גלײַך האָט זי באַשלאָסן, וואָס זי וועט טאָן. אויף מאָרגן האָט כאַנע גראָד געדאַרפֿט זײַן אין סאַקי. געקומען אַהין, האָט זי מיט פֿיאָדאָר פּעטראָוויטשן געמאַכט דעם כעזשבן פֿאַר דער מילך און ער האָט צוגעזאָגט, אַז סאָף וואָך וועט דער קוראָרט אַריבערשיקן דאָס געלט אין באַנק אויף דער קאָנטע פֿון קאָמונע. ער האָט אויך, ווי אַלעמאָל, אײַנגעלאַדן כאַנען אויף מיטיק. זי האָט זיך אָבער, ווי שטענדיק, אָפּגעזאָגט. ער האָט דערפֿילט, אַז כאַנע איז עפּעס צערודערט. האָט ער אײדל, אויף זײַן שטייגער, ניט געפֿרעגט, נאָר ווי באַמערקט:

— מיר דוכט, אַז איר זײַט עפּעס אומרויִק.

— איר האָט קיין טאָעס ניט, הײַנט בין איך געקומען צופֿוס.

— די פֿאַרוואַלטונג האָט צוגענומען דאָס פֿערד?

— דאָס פֿערד האָט מען צוגעגנוועט.

— איר האָט געמאָלדן אין מיליציע?

— יאָ, דערווײַל האָט מען קיין שפּורן ניט געפֿונען.

— איר זײַט עמעצן כוישעד?

— ניין.

— א טשיקאַווע גנייווע. מער האָט דער גאַנעוו גאָרנישט ניט גע־נומען?

— אפילע קיין צײַמל ניט, קיין זאָטל ניט, כאָטש דאָס אַלץ ליגט הינטערן וועגטל, א שפּאַן פֿון דאָרטן, ווו די פֿערד שטייען, — האָט כאַנע געזאָגט.

— ס'איז ניט גרינג צו וויסן, ווער דאָס האָט געטאָן, אָבער די צײַט איז זייער אומרויִק, דאָ דרייען זיך ארום אנטלאָפֿענע פֿון פֿאַרשיקונג. עס זײַנען געווען פֿאַלן, ווען מע האָט פֿאַרשיקט ניט קיין באַלעגופֿים אויך. קאָן זײַן, אז איינער פֿון זיי האָט עס געטאָן.

— פֿונוואַנען ווייסט איר, פּיאָדער פּעטראָוויטש, אז דאָ דרייען זיך ארום אזעלכע? און צי דען זײַנען טאַקע געווען אזוינע טאָעסן?

— אז איך זאָג, ווייס איך. און איר, כאַנע דאַווידאָווּנע, זײַט שוין אויך ניט קיין קינד, דאַרפֿט איר פֿאַרשטיין, אז אין יעדן דאָרף געפֿינט זיך אזא איינער, וועמען עס געפֿעלט דעם שאָכנס שטוב, דעם שאָכנס געשפּאַן. שרײַבט ער אָן, וואָס ער וויל, און יענער איז שוין ווײַט פֿון דאָרף. די צײַט איז זייער און זייער האַרב. ביז די נײַע אָרגאַניזירטע קאָלווירטן וועלן אַרײַן אין דער קאָלייע, דאַרף געדויערן, — האָט פּיאָדאָר פּעטראָוויטש ערנסט גערעדט.

ווי כאַנע איז ניט געווען צערודערט פֿון זײַנע ווערטער, האָט זי דאָס ביכעלע ניט פֿאַרגעסן. זי האָט עס ארויסגענומען פֿון אונטער דער פּאַ־טשיילקע און עס אים דערלאַנגט, ווי עפּעס אַן אימציכטיקע זאַך. ער האָט באַטראַכט דאָס ביכעלע, פֿאַרוווּנדערט אָנגעקוקט כאַנען און געזאָגט:

— איך פֿאַרשטיי ניט, פֿאַרוואָס גיט איר עס מיר?

— א מענטש, מיט וועלכן איך האָב זיך די לעצטע צײַט נאָענט באַ־קאַנט, האָט עס מיר איבערגעלאָזט, אָבער איך קאָן עס ניט נעמען. איר פֿאַרשטייט, איך ווייס ניט, וויאַזוי דאָס אָפּצושיקן, און איך האָב פֿאַר קיין פֿאַל ניט געוואָלט, אז עמעצער פֿון די קאָמונאַרן זאָל וויסן וועגן דעם. האָב איך אײַך געוואָלט בעטן, איר זאָלט אזוי גוט זײַן און צוגיין מיט מיר אף פּאָטשט דאָס אָפּשיקן.

— דעם אדרעס האָט איר?

— יאָ.

— גייען מיר.

אָפּגעשיקט דעם אקרעדיטיוו מיט א רעקאָמענדירטן בריוו, פֿאַר וועלכן דער פֿאַרוואַלטער פֿון קוראָרט האָט באַצאָלט, איז כאַנען אראָפּ א שטיין פֿון האַרצן.

— איך בין אײַך אַזוי דאַנקבאַר, איר קאָנט זיך דאָס גאָר ניט פאָר־שטעלן. עס איז מיר אָבער...

— כאַנע דאַווידאָווגע, איך פאַרשטיי אײַער „אָבער". מײַנע עטלעכע קאָפּעקעס? דאָס איז א קלייניקייט. איך ווינטש אײַך, איר זאָלט אַלעמאָל זײַן אַזאַ, ווי איר זײַט, און ווײַטער איז גאָרנישט ניט וויכטיק.

— זײַט געזונט, איך מוז לויפן. ביז וואָס־ווען וועט זײַן צײַט צום אָוונטיקן געמעלק, ווײַל איצטער בין איך דאָך א פוסגייערן.

כאַנע איז טאַקע געקומען צו דער צײַט. נאָכן אָוונטיקן געמעלק, ווען מע האָט געענדיקט די אַרבעט אין דער קו־שטאַל, איז זי אַוועקגע־גאַנגען אין קינדערהיים. פאַרבראַכט מיט די קינדער העכער א שעה, און דערנאָך אַוועק צום סעקרעטאַר פון דאָרפסראַט. ער האָט איר אַנטליען טינט־און־פעדער, א צוויי זײַטעלעך ריין פּאַפּיר און אַלטע צײַטונג.

— קאָנסט זיך א ביסל צולייגן אין קעלבער־שטאַל, — האָט זי גע־זאָגט צום נאַכט־סקאָטניק, — דאָרטן האָט מען געבראַכט פרישע שטרוי. — ווען דער נאַכט־סקאָטניק איז אַוועק כאַפּן א שלאָף, האָט כאַנע אויפגע־זוכט א ברעטל און זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון א קאַרעטע, אַנטקעגן דער שײַן פון לאַמטערן. די צײַטונג האָט זי פאַרשפרייט אויפן ברעטל, גוט אָפּגעווישט די הענט מיטן פאַדאָלעק פון סאַראַפאַן, אויף דער צײַטונג אַוועקגעלייגט די ריינע זײַטעלעך פּאַפּיר, וואָס דער סעקרעטאַר האָט איר געגעבן, און זי האָט גענומען שרײַבן.

„נעכעמיעלע, נעכעמיעלע! דײַן בריוו האָט מיך זייער דערפרייט, מײַן טײַערער. אָבער נאָך מער וואָלט איך זיך געפרייט, ווען איך קריג אים פריער. עס טרעפט דאָך אפילע, אז מע קלאַפּט א טעלעגראַמע בייס מע פילט ווי יענער קימערט זיך. עלף טעג, ווי איין שעה, האָב איך געוואַרט, מער זאָלט איר אַזוי קיינמאָל־קיינמאָל ניט טאָן! איך זאָג „איר", ניט „דו", וואָרעם א ווילד־פרעמדער מענטש האָט זיך מיט מיר אַזוי געקאָנט באַגיין! איצט דאַרף איך אײַך זאָגן, אז איך האָב אָפּגעשיקט דאָס ביכעלע, ווי איר רופט דאָס, דעם אַקרעדיטיוו. ווי איר וועט עס קריגן, זאָלט איר מיר גלײַך אָנשרײַבן. איך וווּנדער זיך, ווי אײַך איז דאָס אײַנגעפאַלן. ווי איז אײַך אַזוינס געקומען אויפן זינען? צי דען ווייסט איר ניט, אז איך בין רײַך, צי דען פאַרשטייט איר ניט, אז רײַכער וויל איך ניט זײַן?.. פאַרוואָס שרײַבט איר מיר ניט, וואָס פאַר א זאַקאַז איר מאַכט? איר מיינט, אז איך וועל ניט פאַרשטיין? זאָג איך אײַך, אז איר האָט א טאָעס. שרײַבט מיר אָן גענוי, וואָס און פאַר וועמען איר מאַכט אים, וועל איך גלײַך פאַרשטיין. איצטער וויל איך אײַך דערציילן, וואָס מיט מיר האָט געטראָפן, ניט מיט מיר אַליין, מיט מיר און מיט די שעפסן. יענע וואָך בין איך געווען אין סטעפּ, די שעפסן האָבן זיך גראָד געפיטערט ניט ווײַט פון די קי. פלוצעם האָבן שוואַרצע וואָלקנס פאַרדעקט דעם גאַנצן הימל און עס האָט זיך אויפגעהויבן אַזאַ שטורעם, אז די קי האָבן אָנגעהויבן רעווען און די שאָף האָבן אויך ניט געשוויגן. מיטן קוק האָט א פלייץ

געטאָן א רעגן, עס האָט געגאָסן עמערווײַז, און די שעפּסן האָבן זיך אלע ווי איינער געלאָזט אין א מוירעדיק געלויף, אלע טשאבאנעס, די פאסטעכער און איך האָבן די שאָף ניט געקענט אָפּהאלטן, ביז דער רעגן האָט ניט אופגעהערט. אלע זײַנען מיר געקומען אין קאָמונע דורכגעווייקט ביזן לעצטן פאָדעם. א פּאָר צענדליק שאָף זײַנען צעטראָטן געוואָרן, אָבער דאָס האָב איך דערזען ערשט אף מאָרגן, ווען איך בין געקומען אין סטעפּ צום באטאָגיקן געמעלק. איך האָב נאָך אזוינס קיינמאָל ניט געזען אין איך האָב ערשט פארשטאנען, פארוואָס מע זאָגט: נאריש, ווי א שעפּס.

ווײַטער בין איך זייער אין קאס, וואָס איר שרײַבט מיר עפּעס מאָדנע: רעכן ניט דאָס, רעכן ניט אפּרעל, אײַך איז גרינג צו זאָגן, אָבער מיר איז יעדער טאָג, ווי די זיבן יאָר, וואָס יאנקעוו האָט זיך געפּײַניקט בא לאָוואָנען. איר ווייסט געוויס ניט, וואָס דאָס איז, וועט איר פרעגן בא דאָברושינען, ער וועט אײַך שוין זאָגן. געוויס קען איך אים, און איך געדענק אים, גריסט אים פונמײַנעטוועגן גאָר הארציק. איך גיי ארום, ווי א כוילע. איך בענק אזוי, אז איך קען אײַך דאָס גאָר ניט זאָגן. כוץ דערויף האָב איך גרויס הארצווייטעק, מע האָט צוגעגאנוועט באָרעכן. ווען מיר וועלן זיך זען, וועל איך אײַך דערציילן, וואָס און וויאזוי. איך וואַרט מיט אימגעדולד אף אײַערע בריוו, זאָל זײַן קנאפּער „טײַערע, פּרעלעסט”, אבי אָפטערע סימאָנים, אז איר ווייסט, וואָס מיט מיר טוט זיך, אײַער עלנטע גינציקע כאנע”.

ווי נאָר כאנע האָט אראָפּגעלאָזן דעם בריוו אין פּאָטשט-קעסטל בא דער קאָנטאָר, האָט זי שוין גענומען וואַרטן אף אן ענטפער. איר גליק איז געווען, וואָס די ארבעט האָט זי אונטערגעיאָגט און פון גאנצן מעסלעס איז איר געבליבן א פיר-פינף שאָ אף צו שלאָפן. דערווײַל איז אין קאָמונע געשען אָט וואָס: מע האָט אראָפּגענומען דעם אלטן פּאָרזיצער און מע האָט צוגעשיקט אף זײַן אָרט אן אנדערן. די קאָמונארן האָבן געשמועסט, אז מע האָט יענעם אראָפּגענומען דערפאר, וואָס עס האָט אים ניט געארט ווי די קאָמונארן לעבן. וועגן נײַעם פּאָרזיצער האָט מען דערציילט פילע-פלאָימדיקע מײַסעס. די קאָמונארן פון פעלד-בריגאדע האָבן געזאָגט, אז דער נײַער פּאָרזיצער ווייסט ניט דעם כילעק צווישן האָבער און ווייץ. שיפרעלע די מעלקערן האָט דערציילט אין עסצימער, אז דער נײַער פּאָרזיצער איז ארײַנגעגאנגען אין שטאל, באקוקט די בעהיימעס, דערנאָך איז ער צוגעגאנגען צו די ביקעס און זיך געוואונדערט, וואָס זיי האָבן אזוינע קליינע אײַטערס. די קאָמונארן האָבן געלאכט ביז טרערן. מע האָט געלאכט און זיך געוואונדערט, וואָס מע האָט גראָד צוגעשיקט אזא מענטשן, מע האָט זיך דערוווּסט, אז אין סימפעראָפּאָל איז ער געווען א דירעקטאָר פון א שנײַדער-פאבריק. שפּעטער האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ער איז שוין גאָר ניט אזא לוי-יוצלער, ער האָט אָנגעהויבן באנעמען עפּעס אין דער באלעבאטישקײַט, און דאָס אויסקומעניש אין דער קאָמינע איז געוואָרן גאָר אנדערש. כאנע וואָלט זיך איצט ניט געדארפט שעמען פאר

געסט. דאָסמאָל האָט זי אף קיין בריוו לאַנג ניט געוואַרט. נעכעמיע האָט געשריבן:

„מײַן טײַערסטע, מײַן איינציקע כאַנוקע, כ'האָב געקראָגן דעם אקרעדיטיוו און דײַן בריוו. איך האָב געקאָנט וואַרטן אף א סאַך זאַכן, נאָר אף אַזױנס?.. איך האָב דאָך געוואָלט, דו זאָלסט זײַן וואָרעמער אָנגעטאָן, און דו זאָלסט ניט גיין באָרוועס. וואָס זשע קאָן איך מיט דיר טאָן? דײַן גליק איז, וואָס איך קאָן אף דיר ניט זײַן בארויגעז, אָבער מיך האָסטו ניט געטאָרט אַזוי באַליידיקן. איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט מײַן ווײַב און איך בין דײַן מאַן. לאָזט זיך אויס, אַז איך האָב געהאַט א טאָעס. ווען איך וועל קומען אין קאָמונע, וועל איך דיר גוט אָנבייקערן די ביינער דערפאַר. און גענוג וועגן דעם. דו פרעגסט, וואָס פאַר א זאַקאַז איך מאַך. איך מאַך איליוסטראַציעס צו א רוסיש לערנבוך. איך וועל שוין אינגיכן אָפּגעבן די אַרבעט. גלײַך האָב איך דיר ניט געשריבן פּאָדראָבנע, ווײַל איך האָב געמיינט, אַז דאָס אינטערעסירט דיך ניט. איצט וועל איך דיר שטענדיק שרײַבן וועגן אַלץ. און דו, מײַן „פּרעלעסט“, זאָלסט מיר אויך שרײַבן מערער וועגן זיך און וועגן די קינדער, וועגן די קי און וועגן די שעפּסן מעגסטו מיר אויך שרײַבן. וואָס האָב איך געדאַרפט פרעגן בא דאָברושינען? כ'האָב דאָך געלערנט כומעש! און אַז דו האָסט אָנגעשריבן וועגן יאַנקעוון, האָב איך זיך דערמאָנט די גאַנצע מײַסע. לאָוואַן איז געווען א פּאָדלעץ, ניט גענוג וואָס ער האָט עקספּלואַטירט יאַנקעוון, האָט ער אים נאָך אונטערגערוקט זײַן טאָכטער לייע מיט די קראַנקע אויגן, אָבער מיך וועט קיינער ניט אָפּנאַרן. און זי, וועלכע איך האָב מיר אויסגעקליבן, וועט זײַן מײַנע אף אייביק. ניט אַזוי, מײַן לעבן? איצט דאַרף איך דיר זאָגן, אַז איך האָב גענומען נאָך א זאַקאַז. ווײַל ווען איך וועל דיך מיט די קינדער נעמען אַהער, וועט דאָס געלט ניט איבעריק זײַן. אומזיסט מיינסטו, אַז איך האָב ניט געוווּסט, ווי רײַך דו ביסט, פאַרקערט, דו ווייסט נאָך מיר געבן פון דײַן רײַכקײַט. ווען איך וואָלט ניט געוווּסט, ווי רײַך דו ביסט, וואָלסטו מײַן ווײַב ניט געוואָרן. איך האָב גענומען דעם צווייטן זאַקאַז דערפאַר, וואָס עס קאָן טרעפן, אַז א לענגערע צײַט זאָל איך קיין באַשטעלטע אַרבעט ניט האָבן. ליידיק וועל איך ניט זיצן. ווי איך האָב געאַרבעט אין קאָמונע, געדענקסטו? אַזוי קאָן איך אַרבעטן אויך דאָ. עמעס, דאָ זײַנען ניטאָ קיין קי, און קיין סטעפּ, אָבער עס זײַנען דאָ מענטשן, שטיבער, גאַסן — אין דאָס איז אויך באַטור. איך מיין, אַז דו פאַרשטייסט, ווי וויכטיק מײַן אַרבעט איז פאַר מיר. איך דאַרף נאָר צוגעבן, אַז וויכטיקער און ערנסטער פון מײַן אַרבעט איז אף דער וועלט פאַר מיר גאָרנישט ניטאָ! און איך וויל, אַז דו זאָלסט עס וויסן. אָט איז שוין באַלד סאָף אָקטיאַבער, באַלד וועלן זײַן די נאָיאַבער־יאָמטויווים, פאַר מיר ציִען זיך אויך די טעג זייער לאַנג און נודנע. ווי דערלעב איך שוין די מינוט, איך זאָל אַרויס פון וואַגאָן באַם סאַקער וואָקזאַל און איך זאָל דיך אַרומנעמען. איך שיק דיר אַרויס א ביסל געלט,

וועסט קויפֿן פֿאַר די קינדער וואָס דו ווילסט, פֿאַר זיך זאָלסטו גאָרניט קויפֿן, גיי באָרוועס! דאָברושין האָט געבעטן, איך זאָל דיר איבערגעבן אַ גרוס, מײַן איינציקע, מײַן ליבסטע מאַדאַם ראָטשילד! דײַן נעכעמיע".

כאַנע האָט טאַקע געקראָגן דאָס ביסל געלט פֿון נעכעמיען, און אַזוי־ווי די נאָיאַבער־טעג האָבן זיך שוין צוגערוקט, האָט זי געקויפֿט צוקערקעס און זי האָט צעטיילט צווישן קינדערהיים פֿון קאָמינע און דעם קינדערהיים פֿון קאָלווירט „ייִדישער פּויער". דאָרטן האָט כאַנען קיין אַרבעט אויך ניט געפֿעלט, ווער רעדט נאָך איצט, ערעוו יאָמטעוו. דער נײַער פֿאָרזיצער האָט פֿון ערגעץ געבראַכט ברעטער, מע האָט געמאַכט פּאָדלאָגעס אין עסצימער, ער האָט אויך פֿון ערגעץ געבראַכט צעראַטעס אױף די טישן. מע האָט געקוילעט זעקס שאָף, וועלכע וואָלטן בעמײלע ניט לאַנג באַלעסטיקט די זינדיקע ערד. אױף יאָמטעוו האָט דער בעקער אויסגעבאַקן אַזעלכע גרויסע געפֿלאָכטענע קוילעטשן, אַז מע האָט זיי געבראַכט אין עסצימער אױף נײַע טראָג־ברעטלעך. מע האָט אויך געקראָגן אין יעווּפּאַטאָריע צאַפּלדיקע קאַמבאַלעס. און די קעכן האָט געמאַכט עמעסע געפֿילטע פֿיש. כאַיעלע די גערטנערן האָט געגעבן די לעצטע אויסגעקרימטע בלייכע איגערקעס. ס'זײַנען אויך געקומען געסט פֿון דער קאָמונע „רויטע גוואַרדיע". זיי האָבן געבראַכט אַ גרוזמע היימישן כאַזער־וווּרשט און צוויי היפּשע פֿעסעלעך וויַן. פֿיאָדאָר פּעטראָוויטש איז אויך געקומען. ער האָט געבראַכט גרויסע קרענץ טרוקענע בייגל, פֿולע טוטלען מיט צוקערקעס און אַ קאַסטן עפּל פֿאַרן קינדערהיים. נאָך די ערשטע רעדעס וועגן די דערפֿאָלגן פֿון ראַטנלאַנד און וועגן קראַך פֿון קאַפּיטאַליזם האָט פֿיאָדאָר פּעטראָוויטש אָנגעזאָגט, אַז ער האָט געבראַכט שטיוול פֿאַר דער שטאָלבריגאַדע. ער האָט אויך געפֿונען פֿאַר נייטיק צו זאָגן, אַז אַזוי־ווי ער קען כאַנע דאַווידאָווּנען מער ווי אַנדערע קאָמונאַרן, גיט ער איבער די דאַנקבאַרקייט צו איר און צו דער קאָמונע פֿאַר דער מילך, וואָס איז גענוג פֿעט און איז נאָך קיין איין מאָל ניט זויער געוואָרן פֿאַר די גאַנצע צוויי יאָר זינט דער קוראָרט אין סאָקי באַקומט מילך.

נאָך דער פֿײַערלעכער פֿאַרזאַמלונג איז אַוועק די יאָמטעוודיקע וועטשערע. אַזוינע געגרייטע טישן האָבן די קאָמונאַרן ניט געזען אױף די געוועזענע יאָמטויווים. די געפֿלאָכטענע קוילעטשן, די געפֿילטע פֿיש, דער פֿעטער כאַזער־וווּרשט האָבן געצויגן צו זיך די קאָמונאַרן, ווי מיט צוואַנגען. די וועטשערע האָט זיך פֿאַרצויגן ביזן ווײַסן טאָג אַרײַן און בײַ כאַנע האָט באַגלייט פֿיאָדאָר פּעטראָוויטשן, האָט ער זיך צו איר אָפּגעגעבן פֿון וועגעלע און געפֿרעגט:

— איר האָט געלייענט אין צײַטונג דאָס אַרטיקל „קאָפּשווינדל פֿון דערפֿאָלגן"?

— יאָ.

— איצט וועלן ניט ווינציק אַראָפּפֿליִען פֿון זייערע ערטער, — האָט ער ערנסט באַמערקט.

אין פלוג האָט כאַנע ניט פאַרשטאַנען זײַן מיין, נאָר דערנאָך האָט זי עס גוט באַנומען...

נאָכן אײַנדערפרײַקן געמעלק האָט כאַנע זיך געזעצט שרײַבן אַ בריוו.

„די ערשטע זאַך וויל איך אראָפּנעמען פון דײַן האַרצן די שטיינער, מײַן טײַערער, מײַן אײנציקער נעכעמיעלע. דו זאָלסט וויסן, און וויסן זײַן, אַז בײַס איך וועל קומען צו דיר, וועל איך ניט זיצן און וואַרטן ביז דו וועסט פאַרדינען. דו האָסט דאָך געזען מיט דײַנע אויגן, אַז איך בין ניט קיין פוילערקע, אין מאָסקווע זײַנען טאַקע ניטאָ קיין בעהיימעס און קיין סטעפּעס, עס זײַנען אָבער דאָ זאַוואָדן, פאַבריקן און נאָך אַנשטאַלטן, ווו מע דאַרף האָבן אַרבעטער. דו שרײַבסט, אַז ווען מיר וועלן זײַן אײנײנעם, וועט געלט ניט זײַן איבעריק. כאָטש עס איז שוין דרײַ יאָר ווי איך האָב קיין קאָפּעקע ניט געזען אין די אויגן, פאַרשטײ איך, אַז דו ביסט גערעכט. ס'איז גוט, וואָס דו האָסט אָנגעשריבן, אַז דײַן אַרבעט איז וויכטיקער פאַר דיר ווי אַלץ אויף דער וועלט. איך פאַרשטײ דאָס, אָבער עס קומט מיר אַפילע אַ האָר ניט אין זינען, אַז אַ קינסטלער מיט זײַן מישפּאָכע דאַרף לעבן בעסער, גרינגער, ווי אַנדערע האָרעפּאַשניקעס. ווײַטער ווײַזט זיך מיר אויס, אַז דו האָסט מיך אַ ביסעלע געוואָלט דערשרעקן. זאָלסטו וויסן זײַן, אַז איך בין ניט פון די שרעקעדיקע. אָבער טאָמער מײנסטו, אַז צוליב מיר און צוליב מײַנע קינדער איז דײַן אַרבעט אין ריזיקע, זאָג איך דיר גלײַך אויף אָן אָרט, אַז ווי אומגליקלעך איך עלנט איך זאָל ניט זײַן אָן דיר, ביסטו פרײַ! דו ביסט ניט מעכוייעוו צו ריזיקירן מיט דײַן אַרבעט, וועלכע איז פאַר דיר אַזוי וויכטיק. דאָס געדענק! צולעצט זאָג איך דיר, אַז וואָס אַ טאָג ווײַטער, האָב איך דיך אַלץ מער ליב, אַז אָן דיר איז מײַן לעבן קיין לעבן ניט. דײַן געטרײַע גוטווינטשנדיקע כאַנע".

אָנגעשריבן, ארײַנגעלײגט אין קאָנווערט, אַראָפּגעלאָזט דעם בריוו אין פּאָטשט-קעסטל לעבן דער קאָנטאָר, איז כאַנע אוועק מעלקן. און אויף מאָרגן, אויף איבערמאָרגן, ווי נעכטן און הײַנט. אַרבעט און אַרבעט און צווישן דערין די פרייד פון נעכעמיעס בריוו. און זײַנע בריוו זײַנען געקומען אַלץ אָפטער און אָפטער, און כאַנע האָט פון דעם געהאַט ניט נאָר פרייד... אָט האָט נעכעמיע געשריבן:

„מײַן אײנציקע, מײַן טײַערע, דײַן לעצטן בריוו האָב איך איבערגעלײענט עטלעכע מאָל. וואָס זאָל איך דיר זאָגן? דו האָסט מיר פּאַשעט געוואָרפן אַ שטײן אין קאָפּ מיט דײַנע צוויי ווערטער „ביסט פרײַ". ווען דו ווייסט, ווי דאָס האָט מיך געטראָפן, וואָלסטו קײנמאָל אַזוינס פון דײַן מויל ניט אַרויסגעבראַכט. איך האָב דיך ניט געוואָלט באַליידיקן, ניט שרעקן, כ'האָב געוואָלט, זאָלסט וויסן, אַז אַ קינסטלער גײט אויף שטעכעדיקע דערנער. איך דאַרף דיר זאָגן נאָכאַמאָל, אַז קונסט איז מיר טײַערער פון אַלץ אין דער וועלט. און אַז מײַן אַרבעט איז די הויפּט-זאַך. איך זאָג דיר דאָס נאָכאַמאָל, ווײַל מער וועל איך קײנמאָל וועגן דעם ניט ריידן. פאַרוואָס ענטפערסטו ניט גלײַך אויף מײַנע בריוו, וואָס טוסטו אין

די אָוונטן? עס בלײַבט דאָך דיר די גאַנצע צײַט, וואָס איך פֿלעג בײַ דיר צונעמען. די טעג זײַנען איצטער קורץ, אָבער די נעכט זײַנען אַזוי אומעטיק און צעצויגן. איך קוש דיך פֿאַר אַלע טעג און נעכט, זײַנט מיר זײַנען צעשיידט, דײַנער און דײַנער, ווייסט שוין אַליין ווער".

דאָס מאָל האָט כאַנע קוימאָל דרײַ וואָכן קיין בריוו ניט געהאַט. זי איז געווען זיכער, אַז מער קיין בריוו וועט זי שוין פֿון אים ניט קריגן. עס איז דאָ אַ ווערטל „גאָט שיקט צו די רפֿואה פֿאַר דער מכּה". גראָד דאָס יאָר האָבן די קי אָנגעהויבן זיך קעלבן אײַנמיטן דעקאַבער. כאַנע איז דורך די נעכט געווען אין קו-שטאַל, וואָרעם זי האָט זיך ניט געקאָנט פֿאַרלאָזן אויפֿן נאַכט-סקאָטניק, שלוימע דעם זשמערינקער, וואָס האָט קיינמאָל אַפֿילו קיין ציג ניט געהאַט.

עס איז שפּעט בײַנאַכט. „וועַנערע" קעלבט זיך. זי שטייט, שטייט, מיטאַמאָל טוט זי זיך אַ וואַלגער אויף דער ערד, ציט אויס דעם האַלדז, פֿאַרוואַרפֿט דעם קאָפּ און גלעט מיט אַ באַק די ערד. איר בויך בערגלט זיך, דאָרטן קײַקלט זיך קעסיידער עפּעס איבער. פּלוצעם שטעלט זי זיך אויף, רעוועט טויב אין באַנגלעך, קוקט מיט אַ ווייטעקלעך-פֿאַרוווּנדערטן בליק אויפֿן בויך, ווי זי וואָלט וועלן דערזען דאָס, וואָס ברעכט אויף שטיקער איר כּוח־האַשעדרע. כאַנע האָט שוין אַלץ געטאָן, וואָס מע דאַרף, און עס דוכט זיך איר, אַז עס וועט צו דעם קיין סוף ניט נעמען... זי גלעט און רײַבט דער בעהיימעס בויך, פֿון דער לאָפּעטקע ביז צום בעקן אַראָפּ, שווייס פֿאַלט פֿון כאַנעס פּנים אויף „וועַנערעס" הייסער, פֿײַכטער פֿעל. כאַנע פֿילט אַזאַ מידקײַט, עס גייען איר אויס די כּוחות. די בהמה טוט אַ פֿאַל אויף דער ערד, אַלע פֿיר פֿיס גיבן זיך אַ שטרעק מיטאַמאָל, כאַנע שפּרינגט אויף, עס דערהערט זיך אַ שווער-פּאַטשנדיקער כליופּ, און כאַנע כאַפּט אונטער מיט די לעצטע כּוחות אַ שוואַרץ-גלאַנצנדיק פֿײַכט ביקל. זי ווישט אויס דאָס ביקל מיט אַן אויסגעוואַשענעם זאַק. „מאַזלטאָוו", — זאָגט שלוימע, — ער הייבט אויף דאָס ביקל, טוט אַזש אַ קרעכץ און לאָזט וויסן: „דער רויך האָט עס ניט גענומען, ס'איז שווער, ווי בלײַ" — און ער טראָגט עס אַוועק אין קעלבער-שטאַל.

כאַנע שפּאַנט היין און צוריק איבערן דורכגאַנג צווישן די בהמות, ביז זי גייט צו צו דעם ווינקל, וווּ עס שטייען ביידע טאַטעס פֿון אַלע קעלבלעך. „אמור", אַ העל-גראָוער „שוועד", ליגט. „מישקע", אַ טונקל-רויטער „דײַטש", שטייט און מרוקעט. כאַנע פֿילט, אַז ער מרוקעט פֿון הונגער. נעמט זי אָן אַ פֿולן שופֿל מיט האָבערנע קלײַען, גייט היינטער-אַרום „מישקעס" קאָרעטע, און ווי זי שיט אויס די האָבערנע קלײַען, טוט זיך יענער אַ לאָז, און כאַנעס ברוסט-קאַסטן איז מאַמעש לעבן זײַנע הערנער. אַ נס, וואָס זי האָט ניט אַרויסגעלאָזט דעם אײַזערנעם שופֿל פֿון די הענט. זי האָט זיך ניט פֿאַרלאָרן און אַ זעץ געטאָן מיטן ראַנד פֿונעם שופֿל „מישקען" גלײַך אין די ליפּן אַרײַן. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן אויף צוריק, אַ טויט-שרעק האָט כאַנען אַרויסגעשטויסן פֿון צווישן דער וואַנט און קאָ-

רעטע. א מוירעדיק געשריי האָט קעגן איר ווילן ארויסגעפּראַלט פון איר. עס האָט געדויערט ביז זי האָט דערהערט, וואָס שלוימע האָט גע־פרעגט.

— וואָס, וואָס זאָגסטו מיר, ווער האָט געשריִען? כ׳האָב זיך דאָך אופגעכאַפּט ניט טויט, ניט לעבעדיק, — האָט ער איבערגעכאַזערט צעטומלט.

— שלאָף וויַיטער, ס׳האָט זיך דיר געכאָלעמט, — האָט כאַנע קימאַט קאַלטבלוטיק געזאָגט. אָבער אינגיכן האָט זי באַם פאַרזיצער געפּויעלט, אַז מע זאָל „מישקען" אוועקגעבן אָף פליישׁ־פאַרגרייטונג.

קיין שום זאַך, קיין שום פליכטן האָלטן ניט אַזוי דעם מענטשן באַם גאַרגל, ווי אייגענע טיפע איבערלעבונגען. כאָטש כאַנע איז געווען ניט פון די, וועלכע האָבן אין זינען נאָר זיך, איז איר איצט געווען אַזוי אומדער־טרעגלעך ביטער, אַז זי האָט זיך מאַמעש קיין אָרט ניט געפונען. אפילע די קינדער האָבן ניט גרינגער געמאַכט איר געמיט. דער קרימער ווינטער האָט זיך אָנגעהויבן מיט לינדע וועטערן, אפילע נאָך א שניי מיט א רעגן האָט די זון ווידער געשייַנט און געוואַרעמט דורך די קורצע טעג. איצט איז געווען ווינציקער אַרבעט, מע האָט געמאָלקן נאָר צוויי מאָל א טאָג. אין סאַקי איז כאַנע געגאַנגען איין מאָל אין צוויי וואָכן. מיטן קוראַרט האָט פאַרוואַלטעט אַצינד א נייַער מענטש. יעדעס מאָל בייַס כאַנע איז אַהין געקומען מאַכן די מילך־כעזשבוינעס, האָט זי פאַרגליכן פיאָדער פּעטראָ־וויטשן מיט דעם נייַעם פאַרוואַלטער, און דאָס האָט איר ווייטעק ניט גע־מינערט.

ניט געווען, ניט געווען קיין בריוו פון נעכעמיען, און אָט האָט זי גע־קראָגן א טעלעגראַמע: „באַגעגן דעם 25 דעקאַבער, וואַגאָן פינף, איך קוש דיך, דייַן נעכעמיע".

דעם טאָג האָט זיך כאַנע צונויפגערעדט מיט די מעלקערנס, זיי זאָלן אויסמעלקן „אירע" קי, און נאָך האַלבער נאַכט איז זי מיט א פּאָר אָקסן, געשפּאַנט אין א מאַזשאַרע, אוועקגעפאָרן, ריכטיקער אוועקגעקראָכן באַ־געגענען נעכעמיען. די אָקסן זייַנען געגאַנגען פּאַוואָליע, די רעדער האָבן געסקריפּעט, די צעפלאַכטענע מאַזשאַרע האָט געקרעכצט מיט יעדן שטיקל האָליך. כאַנע איז געזעסן, ווי אָף א הייסער סקאָווראָדע. די נאַכט איז געווען אַן אויסגעשטערנטע, אָבער כאַנע האָט ניט געזען גאָרנישט. באַטאָג איז דער סטעפּ אויך געווען גענוג איינטאָניק. איצט זייַנען אַלע פראַטים געווען צוגעדעקט מיט פינצטערניש. כוץ דעם באַדאַכטן שפּאַנען פון די אָקסן, סקריפּען און קרעכצן, האָט זי גאָרנישט ניט געהערט, כוץ די ביינערדיקע העלדזער און רוקנס פון די אָקסן, האָט זי גאָרנישט ניט געזען. די קאַלטע נאַכט האָט כאַנען אַלע מאָל אופגעהויבן פון דער מאַזשאַרע, זי איז גע־גאַנגען פאַזע דער דראַבענע, די אויגן האָט זי צום הימל ניט אופ־געהויבן, און עס האָט זיך געדוכט, אַז זי וועט אַזוי גיין, גיין, גיין מיט

די אָקסן און וועט פּאַרשפּעטיקן צו באַגעגענען נעכעמיען. ציַיטנוויַיז איז זי האַסטיק געלאָפן, איבערגעיאָגט די אָקסן, דערנאָך געלאָפן צוריק. צום סאַקער וואָקזאַל איז זי אָנגעקומען מיט צוויי שאָ פאַר דעם ווי דער צוג האָט געזאָלט קומען. זי האָט ניט פאַרגעסן, אַז אין „זאַגאָטזערנאָ" דאַרף ליגן מאַקוכע פאַר די קי. האָט זי געלאָזן די אָקסן מיט דער מאַזשאַרע הינטערן וואָקזאַל און אוועק אין „זאַגאָטזערנאָ".

אין הויף זיַינען געשטאַנען מאַזשאַרעס פון דער קאָמונע די „רויטע גוואַרדיע", פון קאָלווירט „יידישער פּויער", פון דער קאָמונע „יונגוואַלד". אויף אַ מאַזשאַרע זיַינען געזעסן צוויי קאָמונאַרן פון דער „רויטע גוואַרדיע" און האָבן אַזוי צוגעביסן, אַז כאַנען איז געוואָרן ניט גוט. איינער פון די קאָמונאַרן האָט זי דערקענט און אַ געשריי געטאָן:

— קום אַהער, עס וועט קלעקן פאַר דיר אויך! — און ער האָט דערלאַנגט כאַנען אַ היפּשע שטיק כאַזער-פלייש און אַ שטיק וויַיצן ברויט. ווי נאָר כאַנע האָט אַראָפּגעשלונגען די ערשטע ביסנס, איז איר געוואָרן אַזוי וואַרעם, אַז זי האָט צעשפּיליעט דעם וואַטניק.

— ס'איז גאָר אַן אַנדער זאַך, אַז מע לייגט אַריַין הייץ-מאַטעריאַל. ניטאָ וואָס צו דאַנקען. זעץ זיך אויך צו אויף דער מאַזשאַרע. פון „זאַגאָטזערנאָ" ווערט מען אַזוי גיך ניט אויסגעלייזט. וועסט עסן מיט אונדז וואַרמעס אויך. מיר זיַינען ניט אַזוי איידל געפּאַצקעט, ווי אַנדערע. מיר עסן אַלע טאָג דריַי מאָל. — האָט זיך געכאָכמעט דער קאָמונאַר און צוגעפּינטלט צו כאַנען.

— וואַרמעס-ציַיט וועל איך זיַין זאַלבעצווייט. — האָט כאַנע אָנגעזאָגט.

— וואָס טויג דיר זאַלבעצווייט. גיי ניט אוועק, וועלן מיר זיַין זאַלבעדריט, — האָט זיך יענער ווידער געוויצלט.

אָבער כאַנע האָט עס שוין ניט געהערט. זי איז האַסטיק אוועק צום וואָקזאַל. עס האָט זיך איר פּלוצעם אויסגעוויזן, אַז נעכעמיע וואַרט שוין דאָרטן.

ווי פון פעך, האָבן זיך געצויגן די לעצטע מינוטן. כאַנע האָט אַזוי געוואַרט, אַזוי אַרויסגעקוקט, אַז בייס דער צוג איז שטיין געבליבן, איז כאַנע פאַרביַיגעלאָפן דעם פינפטן וואַגאָן. אָן אַן אָטעם איז זי געלאָפן צוריק און אַריַינגעפאַלן גליַיך אין נעכעמיעס צעשפּרייטע אָרעמס. ער האָט זיך מיט איר איינגעם א דריי געטאָן, ווי ער וואָלט געהאַלטן אַ קינד אויף די הענט. דערנאָך זי אָפּגעלאָזט, אָנגעקוקט, צוגעפאַלן, זיך איַינגענורעט אין איר וואַטניק, זיך אָפּגעריסן פון איר, ווידער זי אָנגעקוקט און דערשראָקן געפרעגט:

— כאַנוקל, דו ביסט געזונט? איך דערקען דיך ניט, דו ביסט בלייך און אַזוי אויסגעמאָגערט.

כאַנע האָט אים זייער געוואָלט באַרויִקן, זי האָט זיך אָבער אַזוי צעוויינט, אַז זי האָט קיין וואָרט ניט געקאָנט זאָגן.

— ווינסט? וואָס טוסטו? מער וועלן מיר זיך ניט צעשיידן, — האָט ער שטיל גערעדט און אויסגעקושט אירע אויגן און אירע נאַסע באַקן.

שפּאַנען זיך אַזוי די אָקסן באַדאַכט און פאַמעלעך, סקריפּען די רע־דער, קרעכצט די מאַזשאַרע, ס'וואָרעמט די זון, ס'צאַפּלען די פּאַרוויאַ־נעטע גרעזער פון גרינגן ווינט, און אויפן דעק פון מאַזשאַרע זײַנען צוווייען צונויפגעצווילינגט. „מײַן נעשאַמע, מײַן טײַער קינד, מײַן גליק" — פּליס־טערט נעכעמיע. „מײַן זונעלע, מײַן כאַלעם, מײַן אָטעם און מײַן לעבן" — פּרעפּלט כאַנע גלײַך אין נעכעמיעס אויער אַרײַן. דערנאָך קוקן זיי לאַנג איינער אויפן אַנדערן. זיי קוקן אין מעסוקעסדיקן שווײַגן. און ס'דוכט זיך, אַז זייערע שוואַרצאַפּלען פּלאָנטערן אַרײַן פון איינעם אינעם אַנדערן.

די שטומע איידעס, די אָקסן, דער הימל, דער סטעפּ, דער ליכטיקער הימל־גורט טוליעט זיך ווייך צום טונקעלן ערד־זוים, אַלץ איז אַזוי אומ־פּאַרמײַדלעך, ווי נעכעמיעס און כאַנעס באַגעגעניש. עס שפּאַנען די אָקסן באַדאַכט און פאַמעלעך, זייערע בידנע אַנגלען פון די קינען רײַבן די קאַרגע אַראָפּגעשלונגענע און צוריק אַרופגעבראַכטע האַרטע שטרוי. אַזוי מאַלאַ־גיירען זיי גלײַכגילטיק און רעגלמעסיק און הייבן ניט אָן צו וויסן, וואָס געשעט איצט אין מאַזשאַרע.

געקומען אין קאָמונע, האָט זיך כאַנע דורכגערעדט מיטן פּאַרזיצער און געפּויעלט, אַז מע זאָל אירע שכיינעס — כעוועדן מיט ריווקען — אַרײַנ־זעצן אין דער פּריען־צוזאַמענוווינונג. און אויף מאָרגן איז זי מיט נעכעמיען געוואָרן באַלעבאַטים פון אַן „אייגענעם" צימער.

אין יענער צײַט, פּונקט ווי אין אונדזער צײַט, איז גאָר קיין סוואָרע ניטאָ, אַז מע זאָל קאָנען זײַן אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט. באַם אָוונטיקן געמעלק האָט כאַנע אויסגעזען ביז גאָר יאָמטעוודיק. די מעלקערנס און די סקאָטניקעס, ווי איר האָט זיך אויסגעוויזן, זײַנען געווען צו איר גוט און צוגעלאָזט, די אַרבעט איז געגאַנגען, ווי אויף פּוטער. נאָכן געמעלק און נאָך דער איבעריקער אַרבעט איז זי געלאָפן צו נעכעמיען. ער האָט אַרויס־גענומען פון טשעמאָדאַן אַ בלוי קלייד, עס צוגעלייגט צו כאַנעס אַקסלען און אײַנגערעדט:

— זע אַליין, וווּנדערלעך!

דערנאָך האָט ער אַרופגעוואָרפן אויף אירע אַקסלען אַ קרעמעווע גע־פּרענדזלטע דינע פּאַטשיילע און אַנגעקוואַלן, קוקנדיק אויף איר. פאַר די קינדער האָט ער אויך געבראַכט קליידעלעך און שיכעלעך, נאָר דאָ האָט כאַנע דערוווּנדערט.

— מײַנע קינדער וועלן גיין אין עסיק און אין האָניק?

— פאַרוואָס עפּעס דײַנע? אונדזערע! כ'האָב געבראַכט פאַר די איבע־ריקע אויך. דאָס איז ערשטנס, צווייטנס, וועלן מיר דאָך אָוועקפאָרן. וואָס

קוקסטו אױף מיר? אוואדע װעלן מיר אױסקפּאָרן. קום, זעץ זיך לעבן מיר אױפן בעטל.

אַזױ זײַנען זײ געזעסן אױפן בעטל און אַ רעכטע װײַלע געשװיגן. פּלוצעם האָט זיך כאַנע דערמאָנט און געפרעגט:

— נעכעמיעלע, דו ביסט ניט הונגעריק?

— און דו?

— ס'איז מיר אַזױ גוט, אַז איך װיל אַפילו ניט עסן.

— װילסט יאָ, װילסט ניט, אָבער מע דאַרף גײן, — האָט ער געזאָגט.

דאָס עסצימער האָט איצט אױסגעזען גאָר אַנדערש. די העלע צעראַ־טעס, װאָס דער פּאַרזיצער האָט געבראַכט אױף די נאָיאַבער־טעג, זײַנען געלעגן אױף די טישן, די הילצערנע פּאַדלאָגע איז געװען אױסגעװאַשן, קײן קראַקװעס האָבן שױן אױך ניט געסטאַרטשעט — זײ זײַנען געװען באַהאַלטן אונטער אַ סופּיט פון אָפּגעהובלטע ברעטער. די פענצטער און די טירן זײַנען געװען אױסגעפאַרבט מיט העלער פאַרב. דאָס עסן איז שױן אױך געװען ניט דאָס, װאָס זומער: אױף די טישן זײַנען געשטאַנען געזײַערטע פּאָמידאָרן, ברינדזע, פרישע ברױט און בײַ יעדן אַליומינעװע קװערטל מיט טײ איז געלעגן אַ ציגעלע צוקער. די מערהײַט קאָמונאַרן האָבן שױן אָפּגע־געסן. אָבער די, װעלכע זײַנען נאָך געזעסן בײַ די טישן, בײַס כאַנע מיט נעכעמיען זײַנען אַרײַנגעגאַנגען, האָבן אױסגעשריִען:

— כאַנע, שטעל לעכאַיִם! כאַװער כודאָזשניק, קוקט זי אָן, איר האָט אַרײַנגעבלאָזן אין איר אַ נײַע נעשאָמע.

— אין װעמען אין איר, אין מײַן כאַנען? — האָט נעכעמיע געלאַסן געפרעגט. זײַנע װערטער האָבן געמאַכט דעם געהעריקן אײַנדרוק — עס איז שטיל געװאָרן.

נאָכן עסן האָט כאַנע מיט נעכעמיען אױסגעטראָגן די קלײדעלעך, די צאַצקעס, די צוקערקעס, װאָס ער האָט געבראַכט פון מאָסקװע פאַר די קינדער.

װאָס ס'האָט זיך געטאָן אין קינדערהײם, איז שװער איבערצוגעבן. דעם אָװנט האָבן זיך די קינדער געלײגט שלאָפן מיט צװײ שאָ שפּעטער, װי געװײנלעך.

בײַס כאַנע מיט נעכעמיען זײַנען נאָכן באַזוך אין קינדערהײם צוגע־גאַנגען צו דער טיר פון זײער צימער, האָבן זײ דערהערט פרײלעכע שטי־מען. געעפנט די טיר, האָט כאַנע אַרױסגעלאָזט אַ פרײדיק געשרײ — ניט אַזױ דערפון, װאָס דאָ איז געװען כאַיעלע, שימקע, עפראַיִם דער טשאַ־באַן, ניט אַזױ דערפון, װאָס דאָ איז איצט געװען אַ טיש, עטלעכע בענק־לעך, — דאָס געשרײ האָט כאַנע אַרױסגעלאָזט, װײַל דעם צימער איז ניט געװען צו דערקענען. דאָס פענצטער איז געװען פאַרפּוצט מיט אַ פאַרהאַנג פון געלער מאַרליע. דער טיש — פאַרשפּרײט מיט רױטן ציץ, און אין אַ קאָנסערװן־פּושקע זײַנען געשטאַנען קװײטן, לעבעדיקע בעסמערטניקעס. זײ קאָנען שטײן אָן װאַסער יאָרנלאַנג און בלײַבן באַם קאָליר. דאָס עלעק־

טרישע לעמפּל האָט גראָד אויך געברענט. באקוקט די דאָזיקע גרויסאַרטי-קייט, האָט כאַנע אופגעוואָרפן כאַיעלען:

— דאָס איז דײַן ארבעט? ווו האָסטו גענומען אקריכין פאר דער מאר-ליע?

— אָבער ס׳איז שיין? — האָט כאַיעלע געפרעגט און זיך צעלאכט.

די טיר האָט זיך געעפנט, און עס האָבן זיך באוויזן לייבקע דער טראַק-טאָריסט, שאכנע דער שמיד און רוווקע דער פּארקויפער.

— רוווקע, אף דיר לייגן מיר היינט גרויסע האָפענונגען, — האָט כאַיע-לע צו אים געזאָגט.

רוווקע האָט אף איר א קוק געטאָן און איז נעלעם געוואָרן. מע האָט שוין אויסגעזונגען א היפּשע צאָל לידער, מע האָט שוין ניט איין מאָל גע-זאָגט נעכעמיען „מאזלטאָוו". כאַיעלע האָט שוין געבראַכט א טשײַניק מיט געזאָדענער וואסער, און ערשט דאן האָט זיך באוויזן רוווקע. ער האָט גע-בראַכט א ליימען שיסעלע קאמסא, א לעבל ברויט און אין א שקארמיץ צונויפגעקלעפּטע ראָז-בלייכע צוקערקעס. ערשט איצט האָט זיך צעברענט א מוירעדיקע סודע, עס איז געוואָרן אזוי היימלעך, טאקע נאָר ווי אף א כאסענע, אָבער פרייליכער פון אלעמען איז געווען כאַנע. זי האָט דאָס מאָל געזונגען אזוי הארציק, אזוי דווייקעסדיק, אז נעכעמיע, וואָס איז לע-כאטכילע געזעסן אפן בעטל לעבן איר, האָט זיך אופגעהויבן, שטיין גע-בליבן אנטקעגן און די גאנצע צײַט קיין אויג ניט אראָפּגעלאָזט פון איר.

— ווען וועט מען גיין צו דער כופּע? — האָט כאַיעלע געוואָלט וויסן.

— ערשטנס, איז שוין לאנג נאָך דער כופּע. צווייטנס, וועלן מיר גיין צו דער כופּע, ווען מײַן כאנעלע וועט וועלן, — האָט נעכעמיע געשטילט אלעמענס נײַגעריקײַט.

ווײַט נאָך האלבער נאכט זײַנען אלע אוועקגעגאנגען. ענדלעך האָט כאַנע געפרעגט:

— נעכעמיעלע, פארוואָס האָסטו אזוי לאנג ניט געשריבן און וואָס ביסטו אזוי פּלוצעם געקומען?

— שרײַבסט מיר אָן ניט מער און ניט ווינציקער, אז איך זאָל לא-שטשען מײַנע געמעלן!.. איצט ווייסטו שוין, פארוואָס איך בין אזוי פּלוצעם געקומען, איז גיי אהער און גיב מיר א קוש.

— איי, האָסטו גוט געטאָן, איך קאָן דיר גאָר ניט זאָגן, וואָס פאר א מאָלאָדעץ דו ביסט. אָבער איי׳ל זיך ניט אזוי, כ׳וועל דיר שוין געבן א קוש.

די צײַט איז געגאנגען ווי אלעמאָל, האַרעוואַניע האָט זיך ניט גע-מינערט. כאַנע פלעגט קומען פון דער ארבעט אזא מידע, אז זי איז מאמעש געפאלן פון די פיס. און אין איינעם אָן אָווענט, ווען זי איז ארײַנגעגאנגען אין צימער, האָט זי דערזען נאָך א געלעגער.

— פונוואַנען האָסטו דאָס גענומען? — האָט זי געפרעגט בא נעכעמיען.

— איך בין אוועק צו דער נײַער שטוב, כ'האָב געבעטן בא די סטאָליערס, האָבן זיי מיר געגעבן עטלעכע אָפּגעהובלטע ברעטער, זעסט, כ'האָב זיי אוועקגעלייגט אויף ציגל. א סעניק האָט מען מיר געגעבן אין צוזאמענוווינונג, לײַלעכער האָב איך געבראַכט, וועסטו טאַקע איצט קענען אָפּרוען עטלעכע שאָ, — האָט נעכעמיע דערקלערט.

ס'פלעגט אָבער אָפט טרעפן, אז כאַנע האָט זיך צוגעזעצט צו נעכעמיען אויף זײַן געלעגער און ווי פון זיך אליין גענומען דערציילן וועגן שטעטל, וועגן דער קינדהײַט. אזויווי כאַנע האָט אלצדינג אויסגעצייכנט געדענקט, איז איר דאָס ניט שווער אָנגעקומען. איצט האָט זי טאַקע דערציילט: „קיין טאַטן האָב איך ניט געהאַט, דעם שטיפטאַטן וויל איך אפילע ניט געדענקען, פונדערוויַטנס האָב איך מײַן מאַמע האָלט, אָבער קינדווײַז האָב איך זי ניט געקאָנט אָנקוקן. זי האָט דאָך געוווּסט, אז דער שטיפטאַטע שלאָגט מיך, און זי האָט זיך קיינמאָל ניט אָנגענומען פאַר מיר. איינמאָל האָט די באָבע דערזען, ווי ער מײַמעסט מיך, האָט זי מיך ארויסגעריסן פון זײַנע הענט און פון דעמלט אָן בין איך געבליבן בא דער באָבען מיטן זיידן. מײַן זיידע איז געווען אַן א גאַל און ער האָט געהאַט סמיכעס".

— וואָס איז דאָס סמיכעס?

— ער האָט געקאָנט זײַן א ראָוו. איך געדענק, ווי עס זײַנען געקומען די שענסטע באַלעבאַטים און זיי האָבן אים געבעטן, ער זאָל ווערן ראָוו אין שטעטל. אָבער דער זיידע האָט צו זיי געזאָגט: גייט אײַך געזונטערהייט, א דאַנק פאַרן קאָוועד, איך וועל שוין בעסער לעבן פון מײַן מעלאָכע, פון מוליערײַ, וואָרעם איך האָב קיין וואָג ניט פאַר מײַנע אייגענע אווייַרעס.

— וואָס איז עס אווייַרעס, כאַנעלע?

— נעכעמיע, דו לאָזט ניט דערציילן. געדענק די ווערטער, וואָס דו פאַרשטייסט ניט, און נאָכדעם וועסטו מיך פרעגן. הער זשע ווײַטער. זומערצײַט פלעגט מען דעם זיידן אוועקפירן אויף א גאַנצער וואָך. ער האָט געמאַכט בא פּריצים קאַמינען און קאַפלגע אויוונס. די באָבע האָט זיך אויסגעלערנט פאַרבערײַ, דעריבער האָט זיך דער זיידע אָפט געבייזערט. עס פעלט דיר אויף דער וואָך, צי, כאָלילע, אויף שאַבעס? וואָס דאַרפסטו אײַנרײַסן וועלטן ווי איך ווייס ניט ווער! אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפן. די באָבע האָט זיך געטאָן, ווי זי פאַרשטייט. און מיך האָט זי קיינמאָל ניט געלאָזט זיצן א מינוט ליידיק. איך האָב געדאַרפט יעטן דעם גאָרטן, ראַמען די שטוב, העלפן טראָגן וואַסער, וואָרעם צו פאַרבערײַ דאַרף מען האָבן א סאַך וואַסער. געוויס האָב איך בעסער געוואָלט ארומלויפן ווי אלע מיידעלעך, אָבער איך האָב קיין צײַט דערויף ניט געהאַט. אז איך פלעג זיך צעקריגן מיט דער באָבען, פלעג איך אנטלויפן צום פעטער הירשע דעם מילנער, דערנאָך... דערנאָך איז לאַנג צו דערציילן. צו פערצן יאָר בין איך אנטלאָפן פון שטוב, און צו אכצן יאָר בין איך אָנגעקומען אין קאָמונע.

— איצט פארשטײ איך, פארוואָס דו האָסט מיר געשריבן אזוינע בריוו. איך בין גאָר ניט אזא, ווי דו. איך בין א שטילער, א פאַסלושנער, כ'האָב זיך געלערנט אין שול און געמאָלט אלץ, וואָס איך האָב געזען, און ווו עס האָט זיך געלאָזט. איך האָב דערפאר ארײַנגעכאַפּט א פײַן פעקל קלעפּ, וואָרעם איך האָב געמאָלט מיט קוילן אף די ווענט, מיט קרײַד אפן טיש, האָט עס די מאמע ניט געקאָנט לײַדן. דער טאטע איז געשטאָרבן פון טשאכאָטקע. ס'איז געווען בא אונדז א פולע שטוב קינדער, מײַן עלטערע שוועסטער האָט זיך אויסגעלערנט פראָוויזאָר און איז אוועקגעפאָרן קיין קאָסטראָמא. זי האָט דאָרטן געארבעט אין אן אפטייק, האָט זי צוגעשיקט עטלעכע רובל און איך בין אוועקגעפאָרן צו איר. אין קאָסטראָמא זײַנען אין צוואנציקסטן יאָר געקומען א סאך אינטעליגענטן פון פעטראָגראד און פון אנדערע שטעט, איז אהין אויך געקומען איינער א מאָלער — ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטש קופּרעיאַנאָוו. מיט איין וואָרט, מײַן שוועסטער האָט אוועקגעטראָגן צו אים מײַנע געמעלן. ער האָט דעמלט גראָד געעפנט א מאָלער-שול, האָט ער מיך אהין צוגענומען. אין צוויי און צוואנציקסטן יאָר איז ער אוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע און געוואָרן א פראָפעסאָר אין „וכוטעמאס" און דעמלט האָט ער מיך אהין ארויסגעפאָדערט. מײַן שוועסטער האָט מיר געגעבן אפן וועג צוויי הערינג, א האלב לעבל ברויט און דערמיט בין איך אוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע. כ'האָב אויסגעהאלטן דעם עקזאמען אף אויסגעצייכנט. ווי דו זעסט, בין איך געוואָרן א מאָלער. אָבער ס'איז דאָך שוין זייער שפעט, און מע דארף זיך לייגן שלאָפן.

ניט אזוי גיך טוט זיך, ווי עס רעדט זיך. כאנע האָט זיך קוים ארויסגעגליטשט פון זײַנע הענט, און אין א קורצער ווײַלע ארום איז זי געלאָפן איבערן הויף צו דער קו-שטאל. איינציקע בלייכע, קאלטע שטערן האָבן געקוקט אין הימל. כאנע איז געלאָפן אין צעשפיליעטן וואטניק, זי האָט ניט געפילט, ווי די קילקײַט טוליעט זיך צו איר. אין שטאל האָט זי ניט געהערט, וואָס די מעלקערנס ריידן, זי האָט אפילע ניט געהערט, ווי די בלעכענע עמערס און די בידאָנעס קלימפערן, ווײַל זי איז געווען באטויבט, ווי פון גלעקער-געקלאנג, פון די אופגעקומענע, אזוי געגארטע געפילן, וואָס האָבן זי אינגאנצן באהערשט.

כאנעס טעג זײַנען איצט געפלאָסן אין קעסיידערדיקער פרייד. קוים האָט זי געענדיקט די ארבעט אין קו-שטאל, איז זי געלאָפן צו „איר" צימער, וואָרעם דאָרטן זײַנען אלע טאָג אופגעקומען וווּנדערלעכע זאכן. נעכעמיע האָט דאָך איצט ניט געקאָנט מאָלן אין סטעפ, האָט ער געמאָלט אקווארעל-פאָרטרעטן און בלײַשטיפט-פאָרטרעטן פון די קאָמונארן. ווי נאָר כאנע פלעגט ארײַנגיין אין צימער, האָט ער אויסגעלייגט דאָס, וואָס ער האָט געמאכט פארן טאָג, אף די געלעגערס, און כאנע איז געווען אויסער זיך. ניט איין מאָל האָט זי געבעטן:

— נעכעמיעלע, כאפּ ניט צו. לאָז, דאָס איז דאָך לייבקע-טשארלי, ער איז ווי אויסגעגאָסן.

נעכעמיע האָט געשמייכלט, אמאָל שטיל באמערקט:

— כאנוקעלע, דו פארשטייסט נאָך ניט, דערפאר לויבסטו.

— ביסט גערעכט, אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אז עס געפעלט מיר פאָרט.

— עס געפעלט דיר? קוק און שוויַיג.

האָט זיך טאקע כאנע אויסגעלערנט קוקן און שוויַיגן.

אין די אָוונטן איז זי מיט נעכעמיען אָפּט געגאנגען צו די קינדער. ער פלעגט צוגרייטן פּירקאנטיקע שטיקלעך פּאפּיר און מאָלן פאר די קינדער פערד, לאָשעקעס. ניט זעלטן האָבן זיך די אָוונטן געענדיקט מיט טרערן, וויַיל די קינדער האָבן ניט געוואָלט, אז נעכעמיע מיט כאנען זאָלן אוועקגיין.

וואָס א טאָג וויַיטער, האָט כאנע אלץ מער געפילט, אז זי קאָן ניט לעבן אָן נעכעמיען. זי האָט אָבער גוט געזען, אז ער קאָן אויך ניט זיַין אָן איר. טאָמער האָט זי זיך צוליב עפּעס פארהאַלטן אוף דער ארבעט, איז ער שוין געווען אין שטאָל. ס'איז דערגאנגען דערצו, אז כאנע האָט פאר אים גע-קראָגן אָ וואטניק און ער האָט געהאָלפן רייניקן דאָס מיסט, פאנאנדערלייגן מאקוכע אין די קאָרעטעס. אויב ניט דאָס, איז ער געשטאנען מיט א בלאָק-נאָט און מיט א בליַיקע און האָט געצייכנט די מעלקערנס, די בעהיימעס. דעריבער האָט שלוימע דער נאכט-סקאָטניק צו אים געזאָגט:

— ס'איז בעסער א פויגל אפן צוויַיגל, איידער צוויי אין שטיַיגל. איר דארפט שוין ניט פאָרן אין אייַער מאָסקווע, די קאָמונע פאָליובעט אייַך.

— די קאָמונע איז טאקע גוט, — האָט נעכעמיע געזאָגט.

אין די טעג, ווען כאנע פלעגט פאָרן קיין סאקי, איז נעכעמיע מיטגע-פאָרן מיט איר. איינמאָל האָט כאנע ניט געוואָלט, ער זאָל מיטפאָרן. עס איז געווען קאַלט, ס'איז אויסגעפאלן א שניי, און זי האָט געפּויעלט בא אים, ער זאָל בליַיבן אין דער היים. א גאנצן טאָג האָט ער געארבעט און פאר-נאכט אוועק באגעגענען כאנען. נאָר ס'איז אוועק א געדיכטער שניי, און ער האָט זיך אומגעקערט. בייס כאנע איז געקומען פון סאקי, האָט זי גע-טראָפן נעכעמיען אין דרויסן בא דער שטוב. ער האָט פאנאנדערגענומען די פאָלעס פון זיַין מאנטל, זי צוגעטוליעט צו זיך און מיט א פארכאפּטן אָטעם געפרעגט:

— ווו ביסטו געווען אזוי לאנג?!

— דו האָסט שוין געגעסן, נעכעמיע?

— וואָס פרעגסטו נארישקייַטן, וואָס עסן? כ'האָב געמיינט, אז איך ווער מעשוגע.

— איך האָב גראָד יאָ געגעסן. קום, כ'האָב גוטע נייַעס, — האָט כאנע געזאָגט פול מיט פרייד, אזוי, אז ער האָט זיך אזש געפילט געטראָפן.

אָבער הערנדיק וואָס כאנע דערציילט, האָט ער זיך אויך געפרייט ניט ווינציקער פון איר.

— איך ווייס ניט, צי דו ווייסט, וואָס איז געשען מיט פיאָדאָר פעטראָ-וויטשן. ער איז זייער א גוטער מענטש, דאָס האָט ער מיר געהאָלפן אָפּשיקן דעם אקרעדיטיוו. וואָס זאָל איך דיר לאַנג ברײַען, איך קום היַינט אין סאַ-קי, גיי ארײַן אין דער קאָנטאָר, פיאָדאָר פעטראָוויטש איז דאָ! ער האָט מיר דערציילט, אז מע האָט אים אראָפּגענומען פון דער ארבעט דערפאר, וואָס ער האָט געהייסן די אויפּעס מיט די גענדז ארײַנעמען אין דער קאָלווירטי-שער באַלעבאַטישקײַט. מיט איין וואָרט, מע האָט זיך געכאַפּט, אז עס איז א טאָעס, און מע האָט אים אופגעשטעלט. איך האָב היַינט ניט נאָר געגעסן וואַרמעס אפּן קוראָרט, כ'האָב אויסגעטרונקען א גלעזל בראַנפּן אויך.

— פאר אזא זאַך קאָן מען אויסטרינקען!.. איצט טו א קוק, וואָס איך האָב היַינט געמאַכט.

— אָט די געפעלט מיר און אָט די געפעלט מיר, אָבער דו זאָגסט דאָך, איך זאָל שווײַגן.

נעכעמיע האָט געקוקט אַף איר און געשמייכלט. — ער האָט האַנאָע גע-האַט, וואָס זי האָט טרעפלעך געוויזן אַף די בילדער, וואָס ער אליין האָט אויך גערעכנט, אז זיי זײַנען אים געראָטן.

איצט, אז נעכעמיע איז געווען מיט כאַנען אייניגעם א סאַך מערער, ווי פאר זײַן אוועקפאָרן, האָט ער גוט פארשטאַנען, וואָס פאר א מענטש זי איז. ס'זײַנען אָבער אויך געווען סיבעס, וואָס האָבן א ביסל פארשאָטנט זײַן גע-מיט. ער האָט געזען, אז כאַנע איז ניט אינגאַנצן די, וואָס זי איז געווען. ער האָט איצט ניט געהערט פון איר קיין פעפערדיקע ווערטער בא דער ארבעט, זי האָט ניט געמוסערט די מעלקערנס, זיך ניט געבייזערט אַף די סקאָטניקעס, שוין אָפּגערעדט דערפון, אז מיט אים, מיט נעכעמיען, איז זי געווען אזוי נאָכגיביק, פאָלגעוודיק, און גראָד דאָס פלעגט אים אָפּט פארוו-מערן. נעכעמיע האָט עס ניט געוואָלט, אים איז בעסער געווען צום הארצן איר ווידערשפעניקײַט, און ער האָט ניט פארשטאַנען, פארוואָס זי האָט זיך אזוי געביטן. ניט איין מאָל האָט ער זיך דערמאָנט דעם מישפּעט, דערפאר וואָס כאַנע האָט געשלאָגן די פאסטעכער, און ער איז געווען זיכער, אז איצט וואָלט זי אזא זאַך ניט געטאָן.

אנומלטן האָט ער זי א פרעג געטאָן:

— כאַנוקעלע, פארוואָס ביסטו געוואָרן אזא פּאָדאַטליווע, אזא שטילע?

— ווי זאָל איך דיר דאָס זאָגן? פארשטייסט, איך זע, אז דו אליין ביסט אויך א שטילער. דו טוסט זיך דײַן ארבעט און דו שווײַגסט. עמעס, איך ווייס, אז ניט אַלץ, וואָס מע זאָגט אין דער שטיל, איז קלוג, און ניט אַלץ, וואָס מע זאָגט אין דער הייך, איז נאַריש. אָבער איך זע דאָך, אז איך זאָג אפילע אין דער שטיל, פאָלגט מיך די בריגאַדע ניט ערגער ווי פריִער. אַף דיר זאָל איך שרײַען? ווי פארשטייסטו דאָס ניט? איך בין גאָר ניט פּאָדאַט-ליווע. כ'וויל זײַן אזא גוטע און אזא שטילע, ווי דו. בייס איך הער, ווי ס'רײַסט זיך ארויס פון מיר א געשריי, קאָסט עס מיך געזונט. און איך גיב זיך א שוווּע, אז איך וועל קיינמאָל-קיינמאָל מער ניט שרײַען.

— אוי, טײַערינקע, וואָס פאַרא „פּרעלעסט" דו ביסט! — האָט נעכעמיע דאָס מאָל גראָד יאָ אויסגעשריִען.

כאַנע האָט געזאָגט, אַז ווען זי שרײַט ניט, פּאָלגט איר אויך די ברי־גאַדע. אָבער דאָס איז געווען ניט נאָר דערפאַר, וואָס זי איז געוואָרן שטי־לער, עס איז געווען אַ וויכטיקע און ערנסטע סיבע, און די סיבע האָט אַ נאָמען — גליק. די מעלקערנס, די פּאַסטעכער, די סקאָטניקעס — אַלע האָבן געזען און געפילט, אַז אַף כאַנען רוט די שכינע, זיי האָבן געזען, אַז זי איז אײַנגעהילט אין עפּעס אַזוינס, וואָס מאַכט זי דערהויבן, און קיין איינער פון זיי וואָלט כאַנען ניט געקאָנט אָנטאָן קיין האַרצווייטעק.

און די צײַט איז זיך דערווײַל געלאָפן. נײַיאָר האָבן עטלעכע קאָמו־נאַרן און קאָמונאַרקעס באַגעגנט מיט כאַנען און נעכעמיען. לייבקע־טשאַרלי האָט געשפּאַנט הין און צוריק איבערן צימער און אויסגעזונגען:

— אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר איז טרוקן אין האַלדז, ווי זשע נעמט מען עפּעס אין דער דאָזיקער נאַ־אַ־כט?..

— דאָרשטיקע זאָלן דערקוויקט ווערן, הונגעריקע זאָלן געזעטיקט זײַן, — האָט פּראָיִם דער טשאַבאַן אויסגערופן.

— אוי, ציט אונטערן לעפעלע, — האָט זיך פּלוצעם דערמאָנט כאַיעלע.

— גיי נעם אַ לעק שניי אַף דײַן גאָרטן, — האָט זיך געוויצלט שאַכנע דער שמיד.

באַ די ווערטער האָט זיך געעפנט די טיר און שימקע דער קאָניוך האָט זיך באַוויזן. די רעכטע פּאָלע פון זײַן וואַטניק איז אָפּגעשטאַנען, ער האָט אַרויסגענומען פון דאָרטן אַ קײַלעכדיק לעבל ברויט און אַ פּירקאַנטיק היפּש פּעקל אין אַ שמאַטקע.

— ווו האָסטו דאָס גענומען? — האָבן אַלע מיטאַמאָל אויסגעשריִען.

— בעריעס, גייט נעמט! איך שטיי מיר אַזוי מיט דער בײַדאַרקע און מיטן פערד באַ סאַקער וואָקזאַל און איך וואַרט אַפּן פּאַרזיצער, זע איך עס שפּאַנט מיט אַ פּאָרטפעל דער לערער שאַפּירע פון טשעבאָטאַרקער לאַנד־ווירטשאַפטלעכן טעכניקום. זאָגט ער צו מיר: וואָס שטייסטו דאָ, קום. און ער פירט מיך צו צום וואָגן, וואָס וואַרט אַף אים. בעקיצער, דער באַלעגאָלע פון טשעבאָטאַרקע האָט מיר געגעבן די מאַטאָנע.

— לעקיש איינער, האָסט אַליין אויך געמעגט צובײַסן, — האָט כאַיעלע באַמערקט.

— אַ פאַרשפּעטיקטע אייצע איז אַ שטיין אַפּן האַרצן. אַ מעסער האָט איר דאָ, ייִדן? — האָט שימקע זיך געכאָכמעט.

כאָטש מע האָט ווינציק צוגעביסן און כוץ וואַסער האָט קיינער קיין אַנ־דער געטראַנק ניט פאַרזוכט, איז מען געזעסן ביזן ווײַסן טאָג אַרײַן. מע האָט זיך געווונטשן, אַז דאָס איין־און־דרײַסיקסטע יאָר זאָל זײַן אַ גליק־לעכס און אַ געראָטנס, ס'זאָל זײַן אַ גוטע געראַטעניש און ס'זאָלן געבאָרן ווערן אַ סאַך קאָמונאַרלעך. פאַרוואָס איז כאַיעלען באַפאַלן אַזאַ געלעכטער,

איז געווען אומפאַרשטענדלעך, אָבער זי האָט אַזוי געקייַכט, אַז זי האָט אַזש גענומען שלוקערצן.

— לאָך ניט, כייַטשע, גיב בעסער אַ גרינע אוגערקע, — האָט שימקע אומעטיקלעך געזאָגט.

אָבער קיינער האָט עס שוין ניט געהערט, ווייַל כאַנע האָט געזונגען „גיי איך מיר אַרויס אויפן גאַנעקל" און „שטערנדל, שטערנדל, בלויער שטאַ־פעטעלע..." זי האָט געזונגען ביזן אײַנדערפרייַקן געמעלק. בייס זי איז נאָכן געמעלק אַרייַנגעגאַנגען אין צימער, האָט זי געזען ווי נעכעמיע שלאָפט אין אָנטאָן. זי האָט אים אײַנגעדעקט מיט זײַן מאַנטל און מיטן אַנטליענעם וואַטניק. שטילערהייט אַרויסגעגאַנגען און איז אײַנגיכן צוריקגעקומען מיט אַ שיסעלע אַרבעסענע קאַשע. נעכעמיע איז שוין ניט געשלאָפן. כאַנע האָט זיך געזעצט אויפן בעטל לעבן אים און זיי האָבן ביידע געגעסן — אַ לעפל קאַשע זי, אַ לעפל קאַשע ער.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער נייַער פאָרזיצער איז גאָר ניט אַזאַ שלימאַזל, ווי די קאָמונאַרן האָבן לעכאַטכילע געמיינט. ניט קוקנדיק אויף דער גאַנצער באַלעבאַטישקייַט, האָט ער געפונען צייַט אַרויסצורופן אַ דע־זינפעקציע־בריגאַדע פון יעווּפּאַטאָריע און קאָמונע איז ניט געווען צו געפינען אַ וואַנץ אויף אַ רעפּוע. אויף די רו־טעג האָט מען געקוילעט צוויי שאָף אָדער אַן עקסל. אַלע קינדער האָבן געהאַט שיכעלעך און מאַנטעלעך. דאָס אויסקומעניש איז געוואָרן געמיטלעכער, גרינגער, אָבער עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז פון דער קאָמונע וועט ווערן אַ קאָלווירט. קאָמו־נאַרן האָבן אָנגעהויבן דערלאַנגען מעלדונגען, אַז זיי פאַרלאָזן די קאָמונע.

כאָטש כאַנע האָט געוווּסט, אַז זי וועט אײַנגיכן אוועקפאָרן מיט נע־כעמיען, האָט זי נאָך דערווייַל קיין מעלדונג ניט אָנגעגעבן, זי האָט געאַר־בעט, ווי פריִער. באַ נעכעמיען זײַנען אויך די טעג ניט אוועק אומזיסט, ער האָט שוין געהאַט צענדליקער אַקוואַרעל־פּאָרטרעטן און צייכענונגען. אַנומלטן האָט כאַנע צו אים געזאָגט:

— נעכעמיעלע, ווילסט ווייַזן דייַנע געמעלן, וועלן מיר אַריבערפירן די קעלבער אין קאַשאַרע צו די שאָף, די קעלבער־שטאַל וועלן מיר אויסראַמען און אויסקאַלכן, וועסטו דאָרטן קאָנען אויסהענגען דייַנע בילדער.

— וואָס פאַלט דיר אייַן? ערשטנס, איז קיין גלאָז ניטאָ; צווייטנס, ווייס איך ניט, צי די קאָמונאַרן דאַרפן דאָס.

— ערשטנס, ווייל איך וויסן, צי דו דאַרפסט דאָס. ווייַטער איז דאָך איצטער ניט זומער, קיין פליגן זײַנען ניטאָ. וואָס וועט שאַטן דייַנע בילדער, אַז זיי וועלן הענגען אויף די ווענט אַ צוויי־דרייַ טעג?

— איך וואָלט זייער וועלן זען מייַנע אַרבעטן אויף די ווענט, אָבער ווי וועט עס אויסזען אין קעלבער־שטאַל? — האָט נעכעמיע שטיל און פאַר־טראַכט געזאָגט.

מער האָט כאַנע מיט נעכעמיען וועגן דעם ניט גערעדט, אָבער זי האָט אַלץ געטאָן, ווי זי האָט געזאָגט. און ווען נעכעמיע איז אַרײַנגעגאַנגען אין קעלבער-שטאַל, האָט ער זיך געוווּנדערט, ווי ליכטיק און ריין דאָרטן איז. דער ראַט פון קאָמונע האָט אויסגעטיילט צוויי קאָמונאַרן און אין נאָענטסטן טאָג איז די אויסשטעלונג געעפנט געוואָרן.

די ערשטע זײַנען געקומען די דערציִערנס מיט דער עלטערער גרופּע קינדער. די קאָמונאַרן האָבן זיך פון אָנפאַנג אַרומגעדרייט שטיל, אַקוראַט ווי זיי זײַנען שוין ניט איין מאָל געווען אויף אַן אויסשטעלונג. נאָר פּלוצעם האָט זיך געלאָזט הערן: „דאָס איז דאָך שימקע, גוואַלד, זע נאָר, פּראָ:ים? און אָט איז כאַיעלע!"

דער פאָרזיצער האָט א געשריי געטאָן:

— שטיל זאָל זײַן! — און ער האָט געבעטן, אַז נעכעמיע זאָל דערציילן, צי האָט ער זיך אויסגעשטעלט אין מאָסקווע, צי זײַנען זײַנע בילדער דאָ אין א מוזיי...

נעכעמיע האָט געענטפערט אויף דעם, וואָס דער פאָרזיצער האָט גע-פרעגט, דערציילט וועגן זײַן אַרבעט. קימאַט א וואָך זײַנען געהאַנגען די אַרבעטן און עס זײַנען געקומען ניט נאָר די קאָמונאַרן. די סטודענטן פונעם טשעבאָטאַרקער לאַנדווירטשאַפטלעכן טעכניקום זײַנען געקומען, אויך מענטשן פון די דערבײַיִקע קאָלווירטן, עס זײַנען אַפילע געקומען באַזוכער פון סאַקער קוראָרט. אַנומלטן האָט דער פאָרזיצער געזאָגט צו נעכעמיען:

— אויב איר ווילט, קאָן מען מאַכן אַן אויסשטעלונג אין סימפעראָפּאָל. דאָרטן איז א קולטורעלער אוילעם. סימפעראָפּאָל איז מײַן שטאָט, און דאָס קאָן מען מאַכן איינס און צוויי.

— א גרויסן דאַנק, אָבער אי כאַסענע האָבן, אי פאָרן מיט אַן אויס-שטעלונג קיין סימפעראָפּאָל איז שווערלעך, — האָט נעכעמיע געשמייכלט.

עס האָט ניט געהאָלפן, וואָס כאַנע האָט אים אויך צוגערעדט:

— איך פאַרשטיי ניט, דו מאָלסט דאָך ניט פאַר זיך. סימפעראָפּאָל איז א גרויסע שטאָט, איצט איז ווינטער. איך קאָן נעמען עטלעכע טעג אורלויב, וועסט מיר ווײַזן וויאַזוי, וועל איך דיר העלפן, וויפל איך וועל קאָנען.

אָבער נעכעמיע איז געשטאַנען אויף זײַנעם. א גאַנץ לעבן האָט כאַנע דערנאָך זיך געוווּנדערט, וואָס זי קאָן נעכעמיען ניט איבערריידן. אַזוי ווי ער באַשליסט, אַזוי טוט ער.

די צײַט איז ניט געשטאַנען, כאַנע האָט ווי פריִער געאַרבעט, און ווי פריִער האָט זי אָפט געטראַכט, אַז די קאָמונאַרן זײַנען ניט קיין אומגעוויינ-לעכע מענטשן, אָבער צומאָל פלעגט איר מאַמעש וויי טאָן דאָס האַרץ, וואָס זי וועט איבגיכן פאַרלאָזן די קאָמונע און וועט זיך דאַרפן צוגעווינען צו גאָר אַנדערע מענטשן, צו א נײַער סוויווע, וועלכע זי האָט לאַכלוטן ניט געקענט און ניט געוווּסט. כאָטש ניט אַלע קאָמונאַרן זײַנען צווישן זיך גע-ווען פרײַנטלעך, זײַנען אָבער אויך געווען שטאַרק נאָענטע, האַרציקע כאַוויירים ווי, לעמאָשל, כאַיעלע גרינשטיין, שימקע דער קאָניוך, לייבקע-

טשאַרלי, פּראַים דער טשאַבאַן. עס זײַנען אויך געװען אַזױנע, װאָס כאַנע האָט ניט געקאַנט אָנקוקן. אײנע פון זײ — פײגע דימענשטײן, װעלכער כאַנע האָט געגעבן אַ צונעמעניש „פײגע די רעבעצן", און דער נאָמען איז אַזױ צוגעשטאַנען צו יענער, אַז אױב פײגע האָט אַף אַ פאַרזאַמלונג געבעטן אַ װאָרט, פלעגן די קאָמונאַרן גאַנץ הױך אױסשרײַען: „שטילער, די רע־בעצן װיל דאַבערן". פײגע איז געװען אַ הױכע, מיט גרױע אױגן, מיט העלע שיטערע גלײַכע האָר. זי האָט געהאַט אַ מײדעלע, אָבער װער דעם מײדעלעס טאַטע איז געװען, האָט קײנער ניט געװוּסט. נאָר אײן מאָל נאָך װעטשערע האָט שימקע דער קאָניוך אַרײַנגעטראָגן קלאָרקײַט אין דער זאַך:

— הערט אוף, כעװרע, װאָס איז אײַער דײַגע? אָן אַ טאַטן פאַר איר מײדעלע איז די רעבעצן זיך ניט באַגאַנגען.

האָט מען געלאַכט, אָבער כאַנע האָט געלאַכט העכער פון אַנדערע. פײגע האָט עס פאַרגעדענקט, װײַל מע האָט עס איר פּינקטלעך איבערגעגעבן. איצט, בײס כאַנע האָט מיט נעכעמיען געװױנט אין אײן צימער, איז פײגע געװען פלאַם-פײַער. זי האָט כאַנען פון מױל ניט אַרױסגעלאָזט, און װי אומעטום, האָבן זיך געפונען אַזױנע, װאָס האָבן עס אונטערגעטראָגן כאַנען מער און געדיכטער, װי פײגע האָט געזאָגט.

װען נעכעמיע האָט געמאָלט פײגען, האָט יענע געפונען אַ גינסטיקע מינוט און געזאָגט:

— כאַװער נעכעמיע, אין מאָסקװע דאַרף מען מיסטאַמע זוכן מײדלעך באַטאָג מיט ליכט? אױב ניט, װאָלט איר דאָך דאָ זיך ניט אױסגעקליבן קײן קאַלע?

נעכעמיע האָט זי אָנגעקוקט און שטיל באַמערקט:

— כאַװערטע קאָמונאַרקע, פאָרט צו קײן מאָסקװע, װעט איר אַלײן זען.

מער האָט נעכעמיע ניט געמאָלט פײגען.

— איך האָב געענדיקט, — האָט ער איר געזאָגט.

— מאָרגן איז בא מיר אַ פרײַער טאָג, זאָל איך קומען? — האָט פײגע געפרעגט.

— אַ דאַנק. מע דאַרף ניט.

כאַנע האָט איצט לאַכלוטן קײן צײַט ניט געהאַט און ס'איז איר אין קאָפּ ניט געלעגן צו טראַכטן װעגן זײַטיקע זאַכן. נעכעמיע האָט געװאָלט, זײ זאָלן אָװעקפאָרן אין פּעװראַל. כאַנען איז אַפילע ניט אײַנגעפאַלן צו פרעגן, „װוּ װעלן מיר װױנען?". װאָרעם װײבאַלד נעכעמיע זאָגט פאָרן, װײסט ער דאָך, װאָס ער טוט. זי איז געװען זײער פאַרװוּנדערט, װען נעכעמיע האָט צו איר געזאָגט:

— כ'האָב שױן דערלאַנגט אַ מעלדונג אין דאָרפסראַט, מיר װעלן זיך פאַרעגיסטרירן און װעלן גלײַך אָװעקפאָרן.

— אַף אױסװײניק װײסטו ניט, װעמען דו האָסט ליב? צו װאָס דאַרף מען גײן אין דאָרפסראַט?

— איך ווייס און דו ווייסט, אָבער איך האָב דערלאַנגט א מעלדונג און עס וועט זײַן אזוי, ווי איך וויל.

אזוי איז טאקע געווען. דעם פופצעטן יאנוואר פון איין און דרײַסיקסטן יאָר האָט כאנע געמוזט אָנטאָן דאָס קלייד, וואָס נעכעמיע האָט געבראכט פון מאָסקווע, די קרעמעווע געפרענדזלטע פאטשיילע האָט איר נעכעמיע אויך דערלאנגט, און די פרענדז זײַנען גרויסארטיק געפאלן אפן וואטניק. שימקע און לייבקע-טשארלי זײַנען געווען די איידעס. קיין מעכוטאָנים האָבן אויך ניט אויסגעפעלט. אין פולן באשטאנד איז געקומען די שטאל-בריגאדע, כאיעלע, דער פאַרזיצער. נעכעמיע האָט זיך אָפּגעגאָלט, אויסגעבונדן א שניפּס, די מעכוטאָנים האָבן געהייסן כאנען אויסטאָן דעם וואטניק, דאָס בלויע קלייד האָט איר זייער געפּאסט.

קיין זאגס-פּאלאץ איז דעמלט ניט געווען, דער דאַרפסראט האָט געמעגט זײַן גערוימער — די מעכוטאָנים זײַנען געווען צונויפגעפּרעסט, ווי סארדינקעס אין א שאכטל.

— שטילער! — האָט באפוילן דער סעקרעטאר פון דאַרפסראט. און האָט אזוי פּאמעלעך און ערנסט צוגעשטעמפּלט דאָס פּאפּיר פונעם נײַעם פּאַרפאָלק, אז אלע האָבן זיך צעלאכט.

— געפונען ווען צו לאכן! — האָט דער פאַרזיצער זיך געבייזערט.

פון דאַרפסראט האָבן די מעכוטאָנים אוועקגעפירט דאָס פּאַרפאָלק אין עסצימער, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן א סימכע. פראַים האָט געקערט וועלטן מיט זײַן מויל-הארמאָניק, כאנע האָט מיט אלעמען געמוזט טאנצן, אפילע נעכעמיען האָט מען אויך ארײַנגעדרייט אין א פּאָלקע. ערשט שפּעט באנאכט האָבן כאנע מיט נעכעמיען פארלאָזט דעם עסצימער.

סאָף יאנוואר איז לעבן קינדערהיים געשטאנען די איינציקע לאסט-מאשין, וואָס די קאָמונע האָט פארמאָגט. שימקע האָט געטראָגן צו דער לאסט-מאשין כאנעס „פּארמעגן", וואָס איז ארײַנגעגאנגען אין איין הילצערנעם געלבלעך-געפארבטן טשעמאָדאן. פון קינדערהיים האָט מען ארויסגעפירט כאנעס קינדער און כאיעלע איז געגאנגען הינטער זיי מיט א ווײַס פּעקל אין די הענט, אין וועלכן עס זײַנען געלעגן צוויי קישעלעך. אלע זײַנען געקומען באגלייטן די מישפּאָכע. ס'איז זיך ניט באגאנגען אָן טרערן, אָן גוזעגענונגסווערטער, אָן אויסגעשרייען: „פּאָרט געזונטערהייט", „קומט צוגאסט"... באם וואָקזאל אין סאקי איז שוין געשטאנען פיאָדאָר פּעטראָוויטש. ער האָט געבראכט אין א ציכל צוויי לעבלעך ברויט און עטלעכע פושקעס קאָנסערוון. ער האָט אויך געהאָלפן ארײַנטראָגן די זאכן און געזעסן אין וואגאָן ביז דער צוג האָט גערירט.

נעכעמיע האָט באזעצט די קינדער, באוואָרנט די זאכן, געכאפּט א קוק אף כאנען און אומרויִק געפרעגט:

— פארוואָס ביסטו אזוי אומעטיק, כאנעלע?

— כ'ווייס אַליין ניט פאַרוואָס.
— דו פאַרגעסט, אַז דו פאַרסט מיט מיר?
— איך געדענק, אָבער עס קלעמט דאָס האַרץ.
— עפּשער האָסטו כאַראָטע?
— זאָל גאָר אַזאַ טאָג ניט אויסטאָגן.

מער האָט נעכעמיע גאָרנישט ניט געפרעגט. אים איז אויך געוואָרן אומעטיקלעך. ניט קוקנדיק אָף דעם, האָט ער געצייכנט פאַר די קינדער אַלערליי צאַצקעס. דאָס עלטערע מיידעלע, פערעלע, איז פון אים ניט אָפּגעטראָטן. די יינגערע צוויי זײַנען געזעסן נאָר לעבן דער מאַמען.

און די מאַמע, די מאַמע איז געווען ניט צו דערקענען. נעכעמיען האָט זיך אַפילע אויסגעוויזן, אַז זי איז אָפּגעצערט געוואָרן. אָף די סטאַנציעס פלעגט ער ארויסלויפן פון וואַגאָן עפּעס קויפן, אָבער אין יענער צײַט איז געווען גאַנץ ליידיק אין די וואָקזאַל-בופעטן, אַזוי אַז דאָס ברויט און די קאָנסערוון, וואָס פיאָדאָר פעטראָוויטש האָט געבראַכט, איז זייער צוניץ געקומען. ערשט אין כאַרקאָוו האָט נעכעמיען אָפּגעגליקט: ער האָט געקויפט פּירעזשקעס מיט פאָווידלע און צוויי געריייכערטע הערינג. כאַנע האָט קימאַט ניט געגעסן, אָף איר קוקנדיק האָט נעכעמיע אויך פאַרלוירן דעם אַפּעטיט. קימאַט פיר מעסלעס האָט געדויערט די רײַזע ביז מאָסקווע. כאַנע האָט זייער ווייניק גערעדט. פּלוצעם פלעגט זי אַ זאָג טאָן צו נעכעמיען:

— ס'איז שוין פינצטערלעך, מע האָט שוין אויסגעמאָלקן די קי.

באַנאַכט פלעגט נעכעמיע אַראָפּקריכן פון דער אייבערשטער באַנק און אַלעמאָל טרעפן כאַנען אַ וואַכנדיקע.

— כאַנעלע, „פּרעלעסט" מײַנע, טו אַ שמייכל, איך קאָן ניט זען, ווי אומעטיק דו ביסט. רייד, זאָג כאָטש אַ וואָרט.

— איך האָב דיך אַזוי האָלט, און דיר פעלט אַ וואָרט. זאָרג ניט, עס וועט איבערגיין. אַלץ דאַרף זיך אָפּשטיין. איינס-און-צוויי ווערט קיין זאַך ניט.

פריילעך זײַנען געווען נאָר די קינדער. ס'איז אָף זיי אַרוף אַ נײַע הויט. אַלע ווײַלע זײַנען זיי צוגעפאַלן צו כאַנען, געשריִען „מאַמעלע" און זיך פאַרגאַנגען פון פרייד און פון געלעכטער.

אַפן פערטן מעסלעס אין אָוונט זײַנען זיי ענדלעך אָנגעקומען קיין מאָסקווע. דער פּעראָן איז געלעגן אין הורבעס שניי. נעכעמיע איז אוועק נאָך אַ באַלעגאָלע און האָט זיך היפּש געזאַמט. דערנאָך איז כאַנע מיט די קינדער געזעסן אין אַ שליטן, וואָס האָט זיי געפירט דורך לאַנגע-לאַנגע גאַסן, אויך פאַרשאָטענע מיט שניי, און ווען כאַנען האָט זיך געדוכט, אַז זי וועט אַזוי פאָרן און פאָרן און אין ערגעץ ניט קומען, האָט דער שליטן פאַרקערעוועט אין אַ הויף, און נעכעמיע האָט געזאָגט:

— כאַנעלע, נעם די קינדער, מיר זײַנען געקומען.

ווי כאַנען האָט זיך אויסגעוויזן, האָט נעכעמיע זייער לאַנג געדרייט
מיטן שליסל אין א טיר, דערנאָך האָט ער געעפנט נאָך א טיר אָן שום שליסל
און האָט אַרײַנגעפירט כאַנען מיט די קינדער אין א קליין צימערל. עס האָט
היפש געדויערט ביז ער האָט אַרײַנגעטראָגן אַלע זאַכן און דערנאָך האָט
ער אָנגעצונדן א פּרימוס. ווען די קינדער האָבן אויסגעטרונקען טיי, האָט
נעכעמיע אויסגעשפּרייט צײַטונגען אַף דער פּאָדלאָגע. אַף די צײַטונגען
האָט ער אָנגעוואָרפן אַלטע מאַנטלען, כאַנע האָט אוועקגעלייגט די קישע-
לעך, וואָס זי האָט מיט זיך געבראַכט. זי האָט אויך פאַרשפּרייט מיט א לײַ-
לעך די מאַנטלען, און די קינדער זײַנען אײַנגעשלאָפן, ווי איר האָט זיך גע-
דוכט, איידער זייערע קעפּלעך האָבן זיך צוגערירט צו די קישנס. נאָך א
געלעגער האָט נעכעמיע געמאַכט אַף א צעפּאַרענער סאָפע. אָבער אפילע
ווען די סאָפע וואָלט געווען ווייך און די פּרוזשינעס וואָלטן ניט געטאַנצט,
וואָלט כאַנע אויך ניט געקאָנט אײַנשלאָפן. נעכעמיע איז גראָד יאָ אַנשלאָפן
געוואָרן, און גאַנץ פעסט.

דריטער טייל

כאַנע איז ניט געשלאָפן. פונדעסטוועגן איז איר ניט גרינג געווען
אַראָפּצוגיין פון געלעגער. דאָס קליינע צימערל איז פול געווען מיט פינצ-
טערער ענגשאַפט, די פאַרפרוירענע פענצטער האָבן ניט דורכגעלאָזן קיין
טראָפּן שײַן פון עם ווינטערדיקן פרימאָרגן.
כאַנען איז שווער אָנגעקומען אַראָפּצושאַרן די קאָלדרע. זי האָט פאָ-
וואָליע אַראָפּגעלאָזט די פיס פון דער צעהויקערטער סאָפע און איז אַזוי
געזעסן א רעכטע ווײַלינקע. זיך אַרומגעקוקט, גאָרנישט ניט דערזען, אַרײַנ-
געטאָן די הענט אין די אַרבל פון דער סאַטינענער שוואַרצער קאָסאָוואָ-
ראָטקע, נאָר זיי ניט דורכגעצויגן. אַזוי איז זי געשטאַנען מיט אַן אַראָפּ-
געלאָזטן קאָפּ, פון צײַט צו צײַט שווער אָפּגעאָטעמט. זי האָט זיך עפּעס
ניט אײַנגעפּאַסט אינעם דאָזיקן רעמל, פונקט ווי אַהער וואָלט ניט צוגע-
פּאַסט, אַשטייגער, א בוים, ווען מע וואָלט אים פּלוצעם דאָ פאַרפלאַנצט.
סאָפּקאָלסאָף האָט כאַנע דורכגעצויגן די הענט דורך די אַרבל פון דער
קאָסאָוואָראָטקע און גענומען אָנטאָן די יופּעצע, וועלכע איז אופגענייט
געווען פון דעם מין מאַנופאַקטור, וואָס מע רופט „טשאַרטאָווע קאָזשע”.
איצט איז איר געבליבן אַרײַנצוקריכן אין די קירזעווע שטיוול, פון וועלכע
איינער וואָלט געווען איבערגענוג פאַר אירעביידע פיס. און שוין אַזוי
שטייענדיק אין די קאָמונע-בגאָדים, צווישן די קינדער, וואָס זײַנען גע-
שלאָפן אַף דער פּאָדלאָגע און נעכעמיען, וואָס האָט אַזוי רעגלמעסיק,
אַזוי גרינג-צוציִענדיק געאָטעמט אַף דער באַוווּסטער סאָפע, וועלכע ס'איז
שוין לאַנג צײַט געווען אַרויסצוּוואַרפן, האָט זי זיך פאַרטראַכט.

וויפל ס'איז דער זייגער האָט כאַנע ניט געוווּסט. אָבער זי איז איפּגעשטאַנען פּונקט צו דער צייט פון ערשטן געמעלק, מיט דעם כּילעק, וואָס אין אַלע אוועקגעשטראָמטע באַגינענס האָט זי פּינקטלעך געוווּסט, וואָס זי וועט טאָן. איצט האָט זי לאַכלוטן ניט אָנגעהויבן וויסן, וויאַזוי זי וועט באַגעגענען דעם טאָג. זי האָט זיך אַרומגעקוקט, אָבער איר שאַרפע ריִע האָט אומזיסט געעגבערט די געדיכטע פינצטערניש. עס האָט זיך איר געדוכט, אַז די ווענט זיינען מאַמעש לעבן אירע אויגן. האָט זי אויסגעצויגן אַ האַנט, און זי איז געווען פאַרכידעשט, וואָס איר האַנט באַוועגט זיך פריי און טרעפט ניט אין דער וואַנט.

זי האָט געמאַכט אַ פּאָר שפּאַן אַהער, אַ פּאָר שפּאַן אַהין, ענדלעך אָנגעטאַפּט די קליאַמקע פון דער טיר, אַריבערגעשפּרייזט די שוועל און איז שטיין געבליבן אין דער קיך. די שוואַכע שיין פון עלעקטרישן לעמפּל, וואָס איז געהאַנגען אונטערן סאַמע סופיט, און אַרומגעפלאַכטנס מיט דינעם דראָט, האָט אַרויסגערופן בא כאַנען ראַכמאָנעס. אַ ראַכמאָנעס אַף דער שיין, וואָס האָט קוים געזשיפּעט דורך דער טונקעלער נעץ פון דרעטלעך. און זי האָט אַ טראַכט געטאָן: „שוין בעסער אַ לאַמטערן, איידער אַזאַ לעמפּל". עפּעס אַ קאָל האָט איבערגעריסן איר געדאַנק. אָבער כאַנע האָט ניט גלייך דערהערט, וואָס עס האָט געזאָגט די עלטערע פרוי, וועלכע כאַנע האָט פלוצעם דערזען, יענע האָט איבערגעכאַזערט דאָס, וואָס איז שוין געזאָגט געוואָרן:

— איר דאַרפט אין קלאָזעט? אָט דאָ.

כאַנע האָט אָנגעקוקט די פרוי, זיך ראַפּטום אַ לאָז געטאָן צו דער טיר און איז צוריק אַריין אין צימער.

ווי פריִער, זיינען די קינדער געשלאָפן. ווי פריִער, האָט נעכעמיע רעגל-מעסיק-גרינג געאָטעמט. כאַנע האָט, ענדלעך, פאַרשטאַנען, אַז זי איז צו פרי איפּגעשטאַנען. זי האָט אַראָפּגעטרייסלט די גרויסע שטיוול פון אירע קליינע פיס, אין אָנטאָן זיך צוגעשפּאַרט לעבן די קינדער אַף דער פּאָדלאָגע. זי איז געלעגן מיט אָפענע אויגן, די בידנע שיין פון לעמפּל אין פינצטערן געפלעכט איז געשטאַנען פאַר אירע אויגן. זי האָט געטראַכט, אַז די מעלקערנס מעלקן איצט די דריטע בעהיימע. אַזוי וואָרהאַפטיק האָט זי עס געהערט, געזען, ווידער געהערט, ווי די מילך פאַלט מיט אַ ווייכער מורמלעריי אין עמער, און דאָס האָט אָנגעיאָגט אַף איר אַ דרעמל. דער לייכטער דרעמל האָט געבראַכט צו איר די קינדהייט. זי האָט פלוצעם דערזען, ווי דער זיידע זיצט באַם טיש, ווי זיין יאַרמלקע שאָקלט זיך אַ ביסינקע, ווי ער נעמט פאָרכטיק מיט צוויי פינגער אַ בלאַט פון דער אָפּענער געמאָרע, ווי ער בייגט זיך צו די קליינע אויסיִעלעך. אַלץ נידעריקער און נידעריקער זינקט זיין קאָפּ, אַזש די יאַרמלקע פאַלט אים שיִער ניט אַף די אויגן. טוט ער אַ כאַפּ די יאַרמלקע, גלייכט זיך אויס, שאָקלט זיך הין-און-הער, פרעפלט שטיל, פאַרטיפט, אָפּגעשיידט פון אַלץ און אַלעמען. און אָט פאַרשווינדט דער זיידע, און באַלד ווערט אַ זומערדיקער טאָג, די עפּל-

ביימער אין סאָד שטייען אין ווײַס-ראָזלעכער בליִונג, עס פלאַטערן די גרינע בלעטער, ווי זומער-פייגעלעך. דער זיידע רײַסט ארויס ווו נאָר א גרעזל ארום די שטאמען פון די ביימער, און ער זאָגט טיף-פרום, ווי א טפילע:

— העלף, טעכטערל. לעבן דײַן פיסל וואקסט א כריין-בלאט.

זי פאָלגט, אָבער דער געוויקס רירט זיך ניט פון אָרט. דער זיידע שפּארט אָן דעם רעכטן פוס אפן ראַנד פון דער לאָפּעטע, טוט א זיפץ, די לאָפּעטע שנײַדט זיך ארײַן אין דער ערד, און אָט ליגט שוין א בלייכער, לענגלעכער וואָרצל מיט האָריקע וואָנצעלעך. דער זיידע טוט אים א הייב, טרייסלט אָפּ פון אים די ערד און הייסט שטיל:

— טעכטערל, ליבינקע מײַנע, טראָג דאָס אוועק דער באָבען, וועט זי מאכן כריין צו דער פעציא. איבערמאָרגן איז דאָך שאבעס.

פאר אירע אויגן שטייט דער סאָד, די גרינע גלאַנציקע קארשן אף די צווײַגן פון די קארשנביימער. די ווײַמפּערלעך-קוסטעס זײַנען מיט אָן א שיר קניפּלעך. די בינען זײַנען פארנומען ביז גאָר... דער זיידע שטייט אָנ-געשפּארט אפן הענטל פון דער לאָפּעטע, קוקט אזוי לײַטזעליק אף אַלץ, שעפּטשעט צו איר:

— זעסט, ווי מע האָרעוועט, מע ווייסט ניט וואָס פריִער צו טאָן.

— ווער? — פרעגט כאנע ווי אף דער וואָר.

— ווער? דער אינדיק מיטן בער! קוק אף די בינען. א דאנק אים אין הימל. איך בין זויכע געווען צי זען זײַן באשאף.

כאנע האָט זיך אופגעכאפּט, נאָר אַלץ שטייט פאר אירע אויגן. „פאר-וואָס איז מיר אזוי אומעטיק? פארוואָס קוועטשט מיר אזוי דאָס הארץ?״ — טראכט זי. ניט דאָס ערשטע מאָל איז אזוי, קימאַט טאָמיד, ווען זי שטייט עפּעס פאר א ניסאָיען, שווימט צו איר די קינדהייט, קומט צו איר דער סאמע באַליבטער, טײַערסטער, דער אייניציקער אף דער גאנצער וועלט — דער זיידע אירער.

און אַלעמאָל ווערט גרינגער איר געמיט דערפון. אַלעמאָל, אָבער ניט איצט...

— מאמע, איך וויל צו דיר, — דאָס האָט זיך אופגעכאפּט דאָס על-טערע מיידעלע, פערעלע.

— איך בין דאָך לעבן דיר, מײַן קינד.

— מאמעלע, לאָז, איך וויל אָנרירן דײַנע באקן און דײַנע ליפּן. ס'איז אזוי פינצטער, אז איך זע דיך ניט. פארוואָס איז דאָ ניטאָ אזא לאָמפּ, ווי אין קינדערהיים?

— דו געדענקסט ניט, מיר זײַנען דאָך אין מאָסקווע.

— איך ווייס, אף קיין בעטעלע וועל איך שוין קיינמאָל ניט שלאָפן.

— וועסט שלאָפן, וועסט שלאָפן, לעבן מײַנס. אָבער שטילער, וועסט אויפוועקן אַלעמען.

— זאָלן אַלע אופשטיין, איך וויל עסן!

— כאַנוקל, גיב פּערעלען א שטיקל צוקער, — האָט נעכעמיע זיך אופגעכאַפּט און זיך געלאָזט הערן.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן כאַנעס ערשטער טאָג אין מאָסקווע.

עס איז גרינג צו זאָגן — אזוי האָט זיך אָנגעהויבן כאַנעס טאָג. זי האָט לאַכלוטן ניט געוווּסט, וואָס פריִער צו טאָן. א גליק, וואָס נעכעמיע האָט ארויסגעהאָלפן.

— כאַנוקל, כאַפּ ניט, אײַל זיך ניט, זאָלן די געלעגערס ליגן. פרעיִר טו אָן די קינדער, און איך וועל דערווײַל ארויסלויפן נאָך מילך, — האָט נעכעמיע גענומען דעם רודער אין זײַנע הענט.

בייס נעכעמיע איז געקומען מיט דער מילך, זײַנען די געלעגערס געווען אין אָרדענונג. כאַנע האָט אָנגעטאָן און ארומגעוואַשן די קינדער. זיי זײַנען געזעסן יעדערער מיט א שטיקל ציקער אין האַנט, און דער צימער איז פול געוואָרן פון זייערע קלינגענדיקע קעלעכלעך.

נאָך אָנבײַסן איז נעכעמיע מיט כאַנען אוועק אפן מאַרק, וואָס האָט זיך געפונען אָף ארבאַט. אהין איז געגאַנגען א טראַמווײַ. ווי נאָר כאַנע האָט דערהערט, אז דער טראַמווײַ קלינגט, האָט זי ארויסגעריסן פון נעכעמיען איר האַנט און זיך געלאָזט לויפן. ער האָט זי דעריאָגט, ווידער גענומען איר האַנט, שטיל און שטרענג צו איר געזאָגט:

— וואָס לויפסטו? דו קענסט גיין ווו דו ווילסט. אָבער דער טראַמווײַ קאָן ניט גיין ווי דו, ער מוז גיין נאָר אָף רעלסן. דערפאַר זאָלסטו זיך ניט שרעקן, ער וועט אָף דיר ניט ארופאָרן.

בייס זיי זײַנען געקומען אפן מאַרק, האָט נעכעמיע געגעבן כאַנען א קליין טײַסטערל מיט דרײַ רובל. דערזען, אז כאַנע קוקט אָף אים מיט אירע בלויע ריינע אויגן, האָט ער ניט פאַרזאַמט זי צו באַרויִקן:

— שרעק דיך ניט, קינדעלע. איך וועל באַלד צוריק קומען. גיב אכטונג אפן טײַסטערל, און דאָ זאָלסטו שטיין. גיי אין ערגעץ ניט אוועק, אז ניט, וועל איך דיך פאַרלירן. זײַ א טשוטעטשקע פריילעכער, מײַן טרייסט.

— בילבע זאָל איך קויפן פאַרן גאַנצן געלט?

— וואָס רעדסטו, כאַנוקל? אזויפיל קאַרטאָפל וועלן מיר דאָך ניט דערשלעפּן. מע וועט דאַרפן א וואַגאָן! און געדענק, וואָס איך זאָג דיר: אָט דאָ זאָלסטו שטיין!

כאַנע האָט אים באַגלייט מיטן בליק, ביז ער איז פאַרשווּנדן געוואָרן. דערנאָך איז איר געפעלן געוואָרן א יונג פּאָרל. דאָס פּאָרל איז געשטאַנען בא א קליין טישל, ניט ווײַט פון דאָרטן, ווו מע האָט פאַרקויפט קאַרטאָפל. אפן טישעלע זײַנען געווען אָנגעוואַלגערט בלעכענע געצאָקטע פּיטשינקע פּורעמלעך. און דאָס פּאָרל האָט פריילעך און פאַרשײַט מיט א ניגן געזונגען:

— ניע פּראַכאַדיטיע מימאָ! ניע פּראַכאַדיטיע מימאָ! פּאַרמאַטשקי דליא פּעטשעניא, פּאַלטשיקי אַבליזשעטיע! — דאָס באַטײַט: קויפט פּורעמלעך פֿאַר קיכעלעך! די פֿינגער וועט איר אָפּלעקן!

כאַנען זײַנען די פּורעמלעך זייער געפֿעלן. זי וואָלט געקויפֿט אַזוינע דרײַ פֿאַר די קינדער. ניט ווינציקער איז איר אויך געפֿעלן דאָס פּאָרל. זיי זײַנען געווען אַזוי לוסטיק, יונג, אַזוי מאָדנע אויסגעפּוצט, כאַנע האָט פֿון זיי די אויגן ניט אַראָפּגענומען און ניט געקאָנט באַשליסן, צי זײַנען זיי כאָסן־קאַלע אָדער זיי זײַנען שוין מאַן און ווײַב? און ווי זי שטייט אַזוי פֿאַרגאַפֿט און קוקט אויף זיי, גייט פּליצעם צו אַן עלטערע פֿרוי, טוט זי א שטאַרקן שטויס אין אַקסל, בייגט זיך אײַן, הייבט עפּעס אויף אין ווערט פֿאַרשוווּנדן. כאַנע האָט געוואָלט א שפּאַן טאָן און זאָגן דער פֿרוי א צוויי ווערטער, אָבער זי האָט זיך דערמאָנט, אַז נעכעמיע האָט איר ניט געהייסן זיך רירן פֿון אָרט. אין טאַקע גלײַך האָט זי דערזען, ווי נעכעמיע גייט צו איר.

— האָסט נאָך ניט געקויפֿט קיין קאַרטאָפֿל?

כאַנע האָט ניט געענטפֿערט אויף זײַן פֿראַגע, ווײַל איר צונג איז ווי געליימט געוואָרן. זי האָט דערפֿילט, אַז איר רעכטע האַנט איז ליידיק. זי האָט אָנגעקוקט נעכעמיען און באַגעגנט אין זײַן בליק מיטגעפֿיל און ווונדער. ערשט איצט האָט זי פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס די פֿרוי האָט זי אַזא שטויס געטאָן און דערנאָך זיך גלײַך אײַנגעבויגן. כליפּענדיק, האָט זיך כאַנע פֿאַרענטפֿערט:

— טײַערינקער, איך בין א האָר ניט שולדיק. איך בין די גאַנצע צײַט געשטאַנען, ווי דו האָסט מיר געהייסן. פּלוצעם האָט מיך איינע אַזא שטורכע געטאָן. נו, האָב איך פֿאַרלאָרן דאָס טײַסטערל, און זי האָט עס אויפֿגעהויבן.

— פֿאַרפֿאַלן, מײַן קינד. אָבער וויינען דאַרפֿסטו ניט. אין מאָסקווע טאָר מען ניט גענעצן. מע דאַרף זײַן מיט א קלאָרן זינען. וואָרעם דאָ קאָן מען פֿאַלן אַפֿילע, ווען קיינער שטופּט ניט. — אַזוי האָט נעכעמיע געטרייסט כאַנען, ניט פֿאַרפֿעלט זי א קוש צו טאָן, און אינגיכן זײַנען זיי געווען אין שטוב.

די קינדער האָבן אַזוי געשריִען און געקוויטשעט, אַקוראַט כאַנע מיט נעכעמיען זײַנען א יאָר ניט געווען אין שטוב. כאַנע האָט זיי באַרויִקט און זיך גענומען צו דער אַרבעט. זי האָט לאַנג ניט געטראַכט וואָס צו קאָכן. אָבער דער קאַרטאָפֿל־זופּ איז זייער געפֿעלן געוואָרן נעכעמיען און די קינדער. ווען נעכעמיע איז נאָך וואַרמעס אַוועקגעגאַנגען, האָט כאַנע זיך גענומען אַרומקוקן, וואָס עס טוט זיך אַרום איר. געעפֿנט די צווייטע טיר, וואָס איז די גאַנצע צײַט געווען פֿאַרמאַכט, האָט זי דערזען נאָך א קליין צימערל. „אויב אַזוי, איז די זאַך גרינגער", — האָט כאַנע א טראַכט געטאָן. זי האָט אַלץ אַרויסגעטראָגן פֿון צימערל, געעפֿנט די פֿאָרטקע, אַרומגעווישט דעם שטויב פֿון די ווענט און פֿון סופֿיט. ווען דער צימער איז

געוועזן אויפגעראמט, האָט זי ארײַנגעפירט אהין די קינדער און צוגעמאכט די טיר. צו פארנאכט־צו האָבן בײדע צימערן געבלאנקט, און בייס נעכעמיע איז געקומען פון שטאָט, איז ער שטיין געבליבן פון יענער זײַט טיר אף אויסגעשפרייטע צײַטונגען.

— גיי ארײַן, האָב קיין מירע ניט, — האָט כאנע זיך געווערטלט.

— טרייסט מײַנער, ווי האָסטו דאָס באוויזן? — האָט נעכעמיע זיך געוווּנדערט. און ווען ער האָט דערזען, אז דאָס צווייטע צימערל איז אויך ריין, האָט ער טרויעריקלעך אָנגעזאָגט:

— וואָס האָסטו געדארפט אופראמען דאָס צווייטע צימערל, עס איז דאָך ניט אונדזערס.

— וועמענס דען איז דאָס?

— כ׳האָב דיר דאָך געזאָגט, אז איך ווין מיטן בלאָנדן. ער איז אויך געוועזן אין קאָמונע, געדענקסט?

— איך געדענק, ווי זשע? אָבער ווו איז ער איצטער?

— ער איז אוועקגעפאָרן קיין קיעוו מאכן דעקאָראציעס צו א ספעקטאקל.

— ער וועט קומען צוריק? — האָט כאנע געפרעגט מיט אזא טאָן, אז זי וואָלט זייער געוואָלט הערן, אז דער קינסטלער וועט ניט קומען.

— איך זע, אז דו ווילסט עס ניט, נאָר ער וועט קומען. דערבײַ האָט ער געשריבן, אז ער קומט מיט א ווײַב, ווײַל ער האָט דאָרטן כאסענע געהאַט.

— זעסטו, דאָס פארדריסט מיך גראָד. כײַ וואָלטן זיי געזען, וואָס פאר א גרויסארטיקער סמיטניק בא זיי אונטערן בעט איז געווען, — האָט זי שאָדנפריידיק אויסגעשריִען.

— מיילע, קיין גרויסע טײַנעס וועלן זיי צו דיר ניט האָבן. האָבן זיי ניט געזען, וויפל מיסט זיי האָבן פארמאָגט, — האָט נעכעמיע זיך געווערטלט.

וואָס א טאָג ווײַטער, האָט נעכעמיע אלץ מער געזען, אז כאנע איז טאקע ניט קיין פוילערקע. זיכער האָט ער דאָס געוווּסט פריִער אייך. און פונדעסטוועגן האָט ער זיך ניט אופגעהערט צו וווּנדערן.

— קים אהער, זיץ א מינוט.

— מיט דיר, וויפל דו ווילסט, — פלעגט זי גרייטפארטיק זיך אָנרופן. אָבער אין א ווײַלינקע ארום איז זי שוין לעבן אים ניטאָ. איז זי ווידער פארנומען מיט עפּעס. גאנץ אָפּט פלעגט נעכעמיע אופהערן צייכענען און לאנג נאָכגעקוקט, ווי זי רייניקט מערן, שיילט בולבע, בראָקט קרויט, שײַערט מיט זאמד דעם טשײַניק. וואָרעם וואָס זי זאָל ניט געווען טאָן, האָבן אירע הענט צו אלץ געקלעפּט. איבער אלע ארבעטן זײַנען זיי געפלויגן ווי די פויגלען. נעכעמיע האָט ניט איין מאָל געזען, ווי זײַן מאמע אָדער די עלטערע שוועסטער פלעגן זיך פאָרען אין קיך. אָבער אז זיי זאָלן, ווי כאנע, קאָנען אראָפּנעמען אזיינע לאנגע דינע געקרײַזלטע שאָלעכץ פון

א בולבע, מע זאָל אזוי גיך, שפּאַרעוודיק־דיִן שאָבן א מער, האָט ער ניט געזען קיינמאָל.

— גיי טו, וואָס דו דאַרפסט, וואָס קוקסטו מיר אין די הענט? — האָט איין אזוינע פּאָלן געזאָגט כאַנע.

— טרײַב מיך ניט, גיב אָף א מינוט דאָס מעסער. כ׳וויל אָפּרייניקן א מערל פאַר זיך.

— נו וואָס כאַפּסטו. שנײַדסט און שנײַדסט מיטן מעסער אָף איין אָרט. גיב אהער. זעסט, איין שאָב און פאַרטיק.

ער האָט געזען, אז זי איז גערעכט, אָבער ער האָט געוואָלט וויסן:

— ווער האָט דיר עס געוויזן, פונוואַנען קענסטו דאָס?

— וואָס איז דאָ צו וויסן. דער סייכל דאַרף האָבן אויגן. זעט מען שוין, אז מע דאַרף ניט מוטשען, וואָס מע האַלט אין האַנט. מע דאַרף ניט פּאַטערן דאָס, אָף וואָס מענטשן האָבן געהאָרעוועט.

דוכט זיך, א קלייניקײַט, אָבער נעכעמיען האָט עס געלערנט צו פאַר־שטיין, ווי דאָס מאָל האָט אים צוגעשפּילט. די שטוב־אַרבעט האָט זיך אײַנגעשטעלט ווי פון זיך אַליין, אַלץ איז געווען צו דער צײַט, ווײַל כאַנע איז קיינמאָל ניט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. אין א פרײַער שאָ איז זי געגאַנגען מיט די קינדער אין זאַמלאַגישן גאָרטן, אָדער זי איז פּאַשעט מיט זיי געווען אין הויף, אזוי אז נעכעמיע האָט אַלע טאָג געהאַט שטילע שאָען צו אַרבעטן. די קינדער זײַנען, פאַרשטייט זיך, געווען ווי אַלע קינדער. עס האָט ניט געהאָלפן, וואָס נעכעמיע האָט געזאָגט ניט איין מאָל, אז צום טיש, וווּ ער זיצט און אַרבעט, טאָר מען זיך ניט צורירן. ווי נאָר ער איז אָף א רעגע אוועקגעגאַנגען פון טיש, זײַנען די קינדער שוין געווען דאָרטן. מע האָט געכאַפּט פּאַפּיר, בלײַערס, אזוי אז נעכעמיע האָט געמוזט געפינען אַן אײצע. ער האָט די קינדער געגעבן פּאַפּיר און פאַרב, א טעמפּ שערעלע. דאָס אַלץ האָט ער אוועקגעלייגט אָף דער סאָפע, וווּ די קינדער זײַנען געווען פאַרנומען שאָענלאַנג. די עלטערע, פּערעלע, האָט זיך זייער צוגעבונדן צו אים.ביילקעלע און רייזעלע פלעגן זעלטן צו אים צוגיין.

אנומלטן האָט כאַנע געהערט, ווי ביילקע זאָגט צו פּערעלען:

— פאַרוואָס רופסטו אים טאַטע? די מומע פון קיך האָט מיר געזאָגט, אז ער איז א פרעמדער פעטער און מער קיינער ניט.

— די מומע פון קיך ווייסט גאָרנישט. ווען ער וואָלט ניט געווען אײַער טאַטע, וואָלט ער אין קאָמונע ניט געקומען. און דו, ביילקע־בולקעלע, זאָלסט ניט ריידן מיט דער מומען. און דעם טאַטן האָב ליב, ווײַל ער האָט דיך אויך ליב, — האָט כאַנע געזאָגט צו די קינדער, אָבער אָפן האַרצן איז איר געווען ניט היימלעך.

אין אָוונט האָט זי געוואַשן א קינדערש געוועש. די שכיינע האָט גע־סמאָליעט אָפן פלאַם פון פּרימוס כאַזערשע פּיסלעך. כאַנע האָט פאַרשטאַ־נען, אז ס׳איז די ריכטיקע מינוט צו זאָגן דער שכיינע א צוויי ווערטער.

— איך בעט אײַך זייער, איר זאָלט ניט ריידן מיט מײַנע קינדער.

יענע האָט אופגעהערט צו רייניקן דאָס פאַרשוואַרצטע פּיסל און, פּאָכנדיק מיטן מעסער אינדערלופטן, זיך אָנגערופן:

— אַזוינע באַריניעס ווי דו גייען בא מיר הונדערט אַף אַ טוץ. בא דיר פרעג איך ניט, וואָס צו ריידן און ווען צו שווייַגן!

כאַנע האָט שוין גוט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ פּראַכט די שכיינע איז און האָט מער צו איר קיין וואָרט קיינמאָל ניט אויסגערעדט. די קינדער האָט זי ניט אַרויסגעלאָזט פון צימער, און ווי נאָר זי האָט געהאַט אַ פרייַע שאָ, איז זי מיט זיי אַוועקגעגאַנגען. כוץ אַלע אַרבעטן, האָט נעכעמיע געלערנט מיט כאַנען רוסיש. זי האָט שוין גאַנץ פליסיק געלייענט, ניט שלעכט געשריבן. דאָס איז אויך געווען אַ גוט צייַט-פאַרברענגען פאַר די קינדער. זיי פלעגן זיצן, ווי פאַרקישעפט, בייס נעכעמיע האָט פאַרגעלייענט.

גאַנץ אָפט זייַנען אַרייַנגעקומען קינסטלער, דיכטער. עס זייַנען געווען אַזוינע, וואָס פלעגן קוקן אַף כאַנען, ווי אַף אַ פוסטקייַט. אין דערבייַ פרעגן: „קיינער איז ניטאָ אין שטוב?". „קיינער ניט", — פלעגט כאַנע ענטפערן. דערבייַ פלעגט זי דערפילן, ווי עס באַשלאָגט זי אַ היץ.

נעכעמיע איז אַנומלטן פון ערגעץ געקומען, גלייַך דערזען, אַז כאַנע איז עפּעס צעטראָגן, און געפרעגט:

— ס'האָט עפּעס געטראָפן?

— ווי זאָל איך דיר זאָגן, דאָ איז געווען קאָרנבלום, צי קאָרנווייץ. איך געדענק ניט, ווי זייַן פאַמיליע איז. קוקט ער אַף מיר, ווי מע קוקט אַף אַ פליי, און גיט אַ זאָג: „קיינער איז אין שטוב ניטאָ, כ'וועל קומען שפּעטער..." ענטפער איך אים: „צו וועמען רעדט איר, קיינער איז דאָך ניטאָ".

— מאָלאָדיעץ, אַזוי זאָלסטו אַלעמאָל טאָן. זיי וועלן זיך מוזן צוגעוווינען.

— זיי וועלן זיך יאָ צוגעוווינען, ניט צוגעוווינען, אָבער וואָס איז עס פאַר אַ כאַזערייַ?

— כאַנוקל, האָבן אַן אינטעליגענטע פּראָפעסיע איז נאָך ווייַט פון זייַן אַן איידעלער מענטש. צוביסלעך וועסטו זיך אויך צוגעוווינען, ביסט דאָך שוין ניט קיין קינד. נעם זיך וואָס ווינציקער צום האַרצן פון אַזוינע זאַכן.

גאָר גיך איז כאַנען פאַרגעשטאַנען אַ גרויס פאַרגעניגן. נעכעמיע האָט געקראָגן בילעטן אַף „פּרינצעסן טוראַנדאָט". כאַנע האָט אָנגעטאָן דאָס כאַסענע-בלויע קלייד, וואָס נעכעמיע האָט געבראַכט אין קאָמונע. „דאָס כאַסענע-קלייד", — האָט כאַנע עס גערופן. אָבער קיין שיך האָט זי נאָך ניט געהאַט, דעריבער האָט זי אָנגעטאָן די קירזעווע שטיוול. זי האָט ניט באַמערקט, ווי אייניקע מענטשן באַטראַכטן אירע פיס. ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך אופגעהויבן, האָט כאַנע בּיכלאַל אין זיך פאַרגעסן. זי האָט געזען פאַר זיך אַזאַ יאָמטעוו, אַזאַ פייַערלעכקייַט, אַזויפיל רייַכע קאָלירן, אַז נע-

בעמיע האָט זי אַלע מאָל געדאַרפט אַ צי טאָן פאַרן אַרבל, ווײַל פון צײַט צו צײַט האָט זי אַרויסגעגעבן אַ קוויטש, ווי אַ״ן סטעפּ. ווען זיי זײַנען נאָכן ספּעקטאַקל אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס, איז כאַנע צוגעפאַלן צו נעכע־מיען, זי האָט אויסגעקושט זײַנע באַקן, די שלייפן, דעם שטערן און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם פון דאַנקבאַרקײַט געהאַלטן אין איין שיטן:

— אוי, וואָס פאַר אַ שיינע זאַך דו האָסט מיר געוויזן! די גאַס און די הײַזער זעען איצטער אויס וואָכעדיק. פיר מיך אַלעמאָל אין טעאַטער.

— טרייסט מײַנער, שטילער, מיר זײַנען דאָך אויף דער גאַס, מענטשן קוקן אויף אונדז. געוויס וועלן מיר גיין אין טעאַטער. בעשאָמעלע מײַנע, אַלץ פאַרשטייסטו, אַלץ פילסטו. דו האָסט מיך נאָך ליב אַזוי ווי אין קאָמונע?

— וואָס פרעגסטו דאָס, וואָס דו ווייסט? קיינער אין דער וועלט האָט נאָך קיינמאָל קיינעם אַזוי ניט האָלט ג־ע־ה־א־ט!

דאָס איז געווען עמעס. די צוויי מענטשן זײַנען געווען איין גוף און איין נעשאָמע. וואָס ווײַטער, האָט זיך כאַנע אַלץ מער צוגעוווינט צו דער נײַער אויסקומעניש. ניט אַלע קינסטלער, דיכטער, וועלכע פלעגן קומען אַהער, האָבן געקוקט אויף כאַנען ווי אויף אַ פּוסטן אָרט, עס פלעגט אָפטער אַרײַנגיין אַ קינסטלער, וואָס האָט געהאַט, ווי כאַנען האָט זיך אויסגעוויזן, אַ מאָדנע טעווע: ער פלעגט קושן די האַנט. וועגן דערויף האָט כאַנע אויך באַמערקט נעכעמיען. און ער האָט איר קלאָר געמאַכט די זאַך:

— דו געדענקסט, איך האָב דיר דערציילט, אַז אין קאָסטראָמאַ איז געווען ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטש קופּרעיאַנאָוו, צו וועלכן איך בין אָנגעקומען זיך לערנען מאָלערײַ. און ער האָט מיך אַרויסגערופן קיין מאָסקווע. ער שטאַמט דאָך פון דוואָריאַנסטווע. און ניט נאָר דערפאַר, ער איז פּאַשעט אַ ריטער, זייער אַן איידעלער. קוק זיך צו צו אים.

ס׳פלעגט אויך אַרײַנקומען איינע אַ קינסטלערן, פרידע בלױמבערג, זי איז זייער צוגעלאָזט געוואָרן. אָפט געבראַכט צאַצקעס פאַר די קינדער. אַנומלטן האָט זי געזאָגט צו כאַנען:

— עפשער וועט איר זיך באַליידיקן אויף מיר, אָבער איך וויל אײַך עפּעס זאָגן. מײַן מאַמע איז אַ פאַרוואַלטערין פון אַ קינדערגאָרטן. עס קאָן טרעפן, אַז דאָרטן זאָל זײַן אַ פרײַ אָרט. עפשער וואָלט איר אַהין גיין אַרבעטן. דאָס וואָלט פאַר די קינדער אויך געווען בעסער.

— פאַרוואָס זאָל איך זיך באַליידיקן, איך בין אײַך זייער דאַנקבאַר. דאָס וואָלט געווען זייער גוט, — האָט זיך כאַנע אָנגעכאַפּט.

אָבער דערווײַל איז זיך געגאַנגען טאָג נאָך טאָג. קיין אַרבעט האָט ניט געפעלט. נעכעמיע האָט איצט ניט געהאַט קיין באַשטעלונגען, אָבער אַלצײַנס איז ער געזעסן גאַנצע טעג באַם טיש. כאַנע האָט אים געזען יעדער שאָ און יעדע מינוט, און אָפט פלעגט זי זיך דערמאָנען דעם זיידן. ס׳פלעגט איר דורכפליען אַ געדאַנק: „אַזאַ צאַדיק איז מיר באַשערט געווען, אַזאַ צאַדיק, ער איז דאָך פּונקט ווי דער זיידע״.

דאָס איז טאַקע אַזוי געווען, מיט דעם כילעק, וואָס דער זיידע האָט זיך

געשאָקלט בא דער געמאָרע און נעכעמיע האָט מיט דער בלײַקע אין האנט אָדער מיטן פענדזעלע זיך געראַנגלט און געראַנגלט, ביז עס איז צו שטאנד געקומען אפן פאפיר, וואָס ער האָט געוואָלט. און אַזוי פריש און לעבעדיק, ווי עס וואָלט געמאכט געוואָרן מיט איין אָטעם.

וועגן שמועס מיט פרידען האָט כאנע גאָרנישט געזאָגט נעכעמיען. אָבער ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט יענע אַליין גערעדט מיט נעכעמיען. און אין א קורצער צײַט אַרום איז כאנע אוועק אַרבעטן אין קינדערגאָרטן.

דער הימל איז געוואָרן העכער און ליכטיקער, די טעג לענגער, אָבער פאר כאנען זײַנען זיי אַלצייַנס געווען צו קורץ. דאָס פאָרן צום קינדערגאָרטן מיטן טראַמווײַ האָט געדויערט מער ווי א שאָ, ווײַל ער האָט זיך געפּונען אַף ראַגאָזשעסקע. דערווײַל איז כאנע געווען א באהעלפערקע אין קיך. אָבער אין א מאָנאַט אַרום איז זי שוין אָפט געשטאַנען בא דער פּליטע. די קעכן קסעניע טימאָפּייעווּנע איז נאָכאַנאַנד ערגעץ אוועקגעגאַנגען, זי פלעגט אָנזאָגן כאנען:

— כאנא דאַווידאָווּנא, כ׳מוז צולויפן אין אַן אָרט, קאָך אויס א רײַזקאַשע פאר די קינדער.

— פאַרוואָס ניט? גיט מיר רײַז, מילך, צוקער, פוטער.

— אַלץ, כוץ פוטער, איז אפן טיש.

פאַרוואָס „כוץ פוטער”, האָט כאנע ניט געפרעגט. זי האָט שוין געוווּסט, אַז אָפּטלעך באַגייט זיך די קאַשע אָן „דערוף”. דאָס האָט זיך גוט אָנגעזען אַף דער קעכן גופא. קוקנדיק אַף יענער, האָט כאנע געטראַכט: „אַף אַלע מײַנע ליבע געזאָגט געוואָרן...”

אַלץ וואָלט געווען גוט, ווען אין קיך וואָלט ניט געווען א דריטע. געהייסן האָט זי יעוודאָקיִע און זי האָט געטאָן אַלע שווארצע אַרבעטן. ווי נאָר די קעכן פלעגט אַרויסגיין, פלעגט יעוודאָקיִע ווערן אויסער-זיך:

— אוך, איז דאָס א סטערווע! אַליין פרעסט עס און זויפט, אַזש די שקורע אירע פּלאַצט. זי זאָל דאָס אַמאָל זאָגן: „נא דיר, דוסקע, א ברעקל פוטער, א לעק סמעטענע”.

כאנע האָט געהערט און געשוויגן, אָבער ווען די קעכן פלעגט צו איר זאָגן:

— כאנא דאַווידאָווּנא, נעם א פלעשל מילך. ווילסט ניט קיין מילך, נעם דיר א צוויי הערינג. א סלאָיִקל פּאָווידלע.

כאנע האָט עס ניט נאָר ניט גענומען, זי האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק. עס זײַנען געווען פאַלן, ווען כאנע איז אַף א נידעריק ווענגעלע מיט קליינע רעדעלעך אַהינטער קסעניע טימאָפּייעווּנען געגאַנגען צו דער באַזע נאָך פּראָדוקטן. דעמלט האָט יענע אויסגעגאָסן דאָס האַרץ:

— כאנא דאַווידאָווּנא, דו מיינסט, איך ווייס ניט? דוסקען קריכן אַרויס די אויגן. די איבעריקע וואָלטן זיך אויך ניט אָפּגעזאָגט פון א מאַרך-ביינדל, אָבער קיינער זעט ניט, ווי איך שלעפּ, ווי איך הייב גאַנצע זעק מיט צוקער, ווי איך שטיי און בראָט זיך בא דער פּליטע.

כאַנע האָט געהערט און געשוויגן. זי האָט נאָך ניט געזען, אַז קסעניע טימאָפּייעװנע זאָל עפּעס שלעפֿן. אַנומלטן האָט זי געפֿרעגט בא דער קעכן:

— פֿאַרוואָס גייען ניט אײַערע קינדער אין קינדערגאָרטן? איר זאָגט דאָך, אַז איר האָט צוויי קינדער.

— מײַנע קינדער האָבן דאָרטן גאָרנישט ניט פֿאַרלאָרן. מײַן מאַן איז איצט אינדערהיים, מײַן מאַן איז ניט קיין שיקער, ניט קיין אויסברענגער, מײַנע קינדער וועלן זיך באַדרייען אָן דעם קינדערגאָרטן.

וואָס ווײַטער, האָט כאַנע אַלץ מער פֿאַרשטאַנען, וואָס אין דער קעכן שטעקט. יענע האָט עס דערפֿילט און זיך געסטאַרעט אויסמײַדן כאַנען, בײַס מע האָט געדאַרפֿט גיין נאָך פּראָדוקטן אַף דער באַזע. נעמען יעוודאָקיִען — איז געווען ערגער ווי שלעכט. דעריבער האָט אַף איינער אַ פֿאַרזאַמלונג די קעכן אַזוי לאַנג געשריִען: „איך בין ניט קיין פֿערד, איך וועל ניט שלעפֿן אַף זיך", ביז די פֿאַרוואַלטערן איז אײַנגעגאַנגען אַף נאָך אַ „יעדיניצע". דאָס הייסט, נעמען אַ מענטשן, וואָס זאָל ברענגען פּראָדוקטן פֿון דער באַזע, האַקן האָלץ, אַרײַנטראָגן קוילן, אײַנהייצן די פּליטע, צוקלײַבן אַרום דער שטוב. די פֿאַרוואַלטערן האָט נאָר געפֿאָדערט, „אַז דער מענטש זאָל זײַן אַ מאַנצבל, ווײַל עס הייבט זיך דער דאָך פֿון די קוילעס אין קיך".

דערווײַל האָט זיך כאַנע היפּש צוגעלערנט לייענען רוסיש. צו דער אַרבעט און פֿון דער אַרבעט איז זי געפֿאָרן אַלעמאָל מיט אַ בוך. אַ גאַנצע וואָך זײַנען די קינדער געווען אין קינדערגאָרטן. אַף זונטיק האָט זיי כאַנע גענומען אַהיים. איין זונטיק איז זי געגאַנגען מיט זיי אין זאָאָלאָגישן גאָרטן, אַ צווייטן — אַף וואָלכאָנקע, אין פּושקין-מוזיי. כאַנע האָט געבעטן נעכעמיען:

— דו גיי מיט די קינדער ווו דו ווילסט, איך וועל אַליין גיין. דערנאָך וועל איך דיר ווײַזן, וואָס מיר געפֿעלט.

בײַס זי האָט נעכעמיען צוגעפֿירט צו סעזאַנען, צו פּיסאַראָ, צו דעגאַ, האָט ער מיט אַ שמייכל באַגיטיקט:

— ס'איז וויל, כאַנוקל. עס פּאַסט דיר זייער צו קיקן אַף גוטע בילדער. דו שײַנסט.

— ביסט גערעכט. דעם קומענדיקן זונטיק, אויב דו וועסט מאַסקים זײַן, וועסטו ערגעץ גיין מיט די קינדער, און איך וועל אַליין גיין אַהער.

אַזוי איז טאַקע געווען, און קומענדיק פֿון מוזיי, פֿלעגט כאַנען זײַן אַזוי אָפֿן האַרצן, ווי בײַס עס פֿלעגט זיך ענדיקן שאַבעס אָדער יאָמטעוו און די באָבע פֿלעגט אַראָפּנעמען דעם טישטעך פֿונעם טיש.

וואָס ווײַטער, האָבן זיי זיך אַלץ מער ליב געהאַט. ס'האָט נאָך ניט געטראָפֿן, ער זאָל ניט אָפּוואַרטן כאַנען, ווען זי קומט מיטן טראַמווײַ פֿון דער אַרבעט. ניט אומזיסט זאָגט דאָס ווערטל: „וואָס מער מע האָט, אַלץ מער וויל מען". אַנומלטן האָט כאַנע צו אים געזאָגט:

— באַגעגענען אין אָוונט איז גרינגער ווי באַגלייטן אינדערפֿרי.

— כאַנוקל, האָב אַ ביסל סאָוועסט. איך לייג זיך דאָך זייער שפּעט.

— ערשטנס, קימט מיר אויס, אז מע דארף ניט רייִדן ביז נאָך האַלבער נאַכט וועגן קונסט. די בעסטע זאַך איז, או דו מאכסט קונסט. אָבער ווען דו לייגסט זיך פריִער און דו גייסט מיך ניט ארויסבאגלייטן, וואָלט איך שוין געוווּסט, וואָס איך האָב צו טאָן.

— וואָס וואָלסטו געטאָן?

— פּרוּוו מיך ארויסבאַגלייטן אינדערפרי, וועסטו זען.

ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס כאַנע האָט זיך אַזוי געוווּרטלט, איז זי געווען ניט די, וואָס אין קאָמונע. און ווען נעכעמיע וואָלט ניט געווען אַזוי אַריַיַנגעטאָן אין זיַינע זאכן, וואָלט ער דאָס געקאָנט לינדערן. וואָרעם כאַנע איז געווען פאַרומערט ניט וויַיל זי איז געווען פאַרהאָרעוועט. איר געמיט האָבן געדריקט די שטאָט, די גרויסע הויכע הײַזער, די טראַמוויַיען, די מענגעס מענטשן. ניט איין מאָל האָט זי געטראַכט: „אַן אוּמגליק, וואָס אַזויפיל מענטשן האָבן זיך צונויפגעקליבן אַף איין אָרט". די קיך האָט אויך ניט גרינגער געמאכט איר האַרץ. דוסיע האָט נאָך אַלץ צוגעזואַלצן אַף די ווונדן:

— אַזאַ פּאַראַזיטקע! אַלץ פאַר זיך און נאָר אין זיך! זאָל דאָס אַמאָל זאָגן: „נא דיר, דוסיע, אַ שטיקל פליַיש אָדער אַן אַנדער זאַך".

דוסיען האָט געבראָטן באַם האַרצן. זי האָט זיך ניט באַרויִקט:

— שוויַיגסט? האָסט דאָך אויגן, זעסטו? פאַרוואָס זאָגסטו ניט וועגן דערוף דער פאַרוואַלטערן? נישקאָשע, איך וועל זיך נעמען צו איַיך. אַ פּראָש האָט אַ לאַנגן עק אַף אַ קורצער צײַט!

כאַנע האָט עס ניט געקאָנט אַריבערטראָגן. פאַרשטייט זיך, זי האָט געוווּסט, אַז עס זיַינען דאָ גאַנאָווים, ליגנערס, כאַניפעסניקעס, צווייפּנעמדיקע ברוּים. אָבער אַזוי נאָענט לעבן זיך האָט זי דאָס קיינמאָל ניט געזען. ס'איז איר איצט ניט איין מאָל געקומען אַפן זינען, ווי זי פלעגט אַמאָל זאָגן צו הענקען פון קינדערהיים, וואָס פלעגט קומען נאָך דער מילך אין שטאַל: „נא דיר אַ קווערטל מילך, טרינק אויס". און ווי הענקע פלעגט נעמען דאָס קווערטל, פלעגט אַ גאַס טאָן די מילך אין פּאַן, און אַ מאַך טאָן: „מיט אַ קווערטל מערער פאַר די קינדער".

די קינסטלער, דיכטער האָבן זיך טאַקע צוגעוווינט צו דעם, אַז כאַנע איז די באַלעבאָסטע פון שטוב. פון מינסק פלעגן אויך קומען דיכטער — דעם בלאָנדנס ברודער און אַ באַרימטער פּאָעט מיט אַ מירעדיק-געקריַיזלטער פּאַטלע האָר. פון זיַינע לידער איז כאַנע געווען אַנציקט. ווען ער פלעגט לייענען אַף אויסווייניק, האָט זי געשלונגען די ווערטער. אָבער האָבן אים פאַר אַ שאָכן איז איר געווען אומדערטרעגלעך. ווי כאַנע האָט זיך געווונדערט און געקערט, האָט זי געקליבן זײַנע שטיַיפע געקריַיזלטע האָר, אפילע אין דער גלאָז, פון וועלכער ער האָט געטרונקען טיי, זיַינען זיי אויך געווען.

— גוואַלד, ווי דערלעב איך שוין, ווען פאָרט ער שוין אוועק קיין מינסק?

— כאַנוקל, דו וועסט טאַקע זײַנע האָר ניט געפֿינען, אָבער זײַנע לידער וועסטו אײַך ניט הערן.

— ביסט גערעכט, אַ קאַפּאָרע די האָר פֿאַר די לידער.

עס פֿלעגט טרעפֿן, אַז כאַנע האָט ניט געקאָנט צוקלײַבן, ווען זי איז געקומען פֿון דער אַרבעט. מע איז געזעסן אױף דער סאָפֿע, אױף די שטולן, אױפֿן פֿענצטער־ברעט, און עס איז געגאַנגען אַ געפֿעכט וועגן די אימפּרע־סיאָניסטן, וועגן רענעסאַנס, וועגן די צוואַנציקער יאָרן און וועגן איצטיקער קונסט. ס׳זײַנען געווען אַזױנע זונטיקס, בײַס כאַנע האָט ניט געקאָנט אױס־באָדן די קינדער. און מאַנטיק אינדערפֿרי, אַ מידע, ניט קײן אױסגעשלאָ־פֿענע, גײט זי מיט נעכעמיען און מיט די קינדער צום טראַמװײַ. גוט כאַטש, וואָס אױף דער אַרבעט איז איצט געוואָרן אַ ביסל רויִקער. קסעניע טימאָפֿײעװנע האָט טאַקע געקראַגן אַ שוואַרצאַרבעטער און טאַקע אַ מאַנצבל, ווי די פּאַרוואַלטערן האָט עס געוואָלט. דעם מאַנצבל רופֿט מען מאַקאַר. ער איז וווקסיק, ברייטפּלייציק, רירעוודיק. ווען ניט די באָרד און וואָנצעס, וואָלט ער אױסגעזען אַ סאַך ייִנגער. איצט שאַצט אים כאַנע — אין אַ יאָר דרײַסיק. די אַרבעט אין קינדערגאָרטן איז פֿאַר אים אַ שפּי־לעכל. דער הױף אַרום קינדערגאָרטן איז שטענדיק ריין. האָלץ, קוילן איז צו דער צײַט. די פּראָדוקטן, וואָס כאַנע פֿלעגט ברענגען פֿאַר דרײַ מאָל, ברענגט ער פֿאַר איין מאָל. כאָטש אין דרויסן איז שוין גאַנץ לינד, טראָגט מאַקאַר זײַן שאַפּן פּעלצל, די אױערן פֿונעם האָזן־היטל באַמבלען זיך. ווען די קעכן טוט צו אים אַ געשריי: „מאַקאַר, קושאַטו!", לאָזט ער איבער דאָס שאַפּן פּעלצל אין קאָרידאָר, זעצט זיך אױף אַן איבערגעקערטן עמער, עסט פּאַוואָליע. די ברעקלעך, וועלכע פֿאַלן אױף דער געפּאַרבטער פּאָדלאָ־גע, נעמט ער צינויף און לײגט אַרײַן אין קעשענע פֿון דער וואַטענער קאַמ־זעלקע. נאָכן עסן גײט ער צו צום קראַן, טרינקט לאַנג, מיט גרויס האַנאָע. די קעכן טראָגט אים אונטער אַ גלאָז, ער נעמט זי ניט, ווישט אױס די וואָנצעס, טוט אַ שפּאַן, און ער איז שוין פֿון יענער זײַט טיר. דאָרטן טרייסלט ער אױס די קעשענעס, און די שפּערלעך האָבן האַנאָע פֿון די ברעקלעך.

— אַ ווילער יונג. פֿלאַם־פֿײַער. ווער עס וועט אים נעמען פֿאַר אַ מאַן, וועט זײַן גליקלעך, — באַמערקט קסעניע טימאָפֿײעװנע.

— וואָס איז דער טאָלק, אַז ער האָט קײן פּאַספּאָרט ניט, — שטעלט אַרײַן יעוודאָקיִע.

— און אַז דו ביסט געקומען פֿון דאָרף, האָסטו געהאַט אַ פּאַספּאָרט? איצטער ביסטו געוואָרן אַ כאַכאַמע. געדענקסט, ווי דו האָסט געגאָסן טרערן אין געקליאַנטשעט, איך זאָל דיך נעמען, געדענקסט, ווי דו האָסט געטײַנעט, אַז דו וועסט האָרעווען נאָר פֿאַרן שטיקל ברויט?

אַזוי פֿלעגט זיך דורכשמועסן די קעכן מיט דער באַהעלפֿערן.

כאַנע פֿלעגט אָפּטמאָל קוקן אױף מאַקאַרן, און זי האָט געהאַט אַ מאָדנע געפֿיל, עס האָט זיך איר געדוכט, אַז ווען זי זעט אים ערגעץ אין פֿעלד,

וואָלט זי זיך שוין יאָ דערמאָנט ווו און וואָס... אָבער דאָס פּלעגט געדויערן א רעגע, ניט מער. אין מאַקאר, ווי ער וואָלט גאָרנישט ניט געהערט, ניט פארשטאנען, טוט זיך, וואָס מע דאַרף. שאַבעס נאָך וואַרמעס גייט ער מיט א בעזעמל אין מערכעץ, קומט פון דאָרטן א רויטער, טרינקט זיך גוט אָן מיט וואסער פון קראַן, דערנאָך עסט ער אויף א פולע שיסל הירזשענע קאַשע און זאָגט געלאַסן צו כאַנען:

— כאַנאַ דאַווידאָווונאַ, דו פּאַסט זיך אַזוי אַהער, ווי איך. דו מיינסט, איך זע ניט. דוסקע וואָלט דיך דערטרונקען אין א לעפל וואַסער.

— נעמסט צו הארב, — טוט א זאָג כאַנע, ווײַל דוסיע שטייט אויף א לייטערל און וואַשט די פענצטער. דאָס לייטערל גיט זיך א דריי א ביסעלע, מאַקאר טוט א געשריי:

— קריך אראָפּ, קריך אראָפּ, זאָגט מען דיר!

כאַנע האָט אויפגעהערט איבערצודרייען די קאָטלעטן אויף דער סקאָ-ווערדע. עס האָט זיך איר אײַסגעוויזן, אַז פון מאַקאַרס געשריי האָבן זיך די טעפּ אויף דער פּליטע א הייב געטאָן... כאַנען גופא האָט דער געשריי אָוועקגעטראָגן ווײַט-ווײַט פונדאַנען. עס איז בא איר קיין סאַפעק ניט גע-ווען, אַז דער מענטש, ניט קיין אַנדערער, האָט זיך דעמלט אין סטעפּ געיאָגט נאָך איר, ווען זי איז געזעסן אויפן פערד, און ער, ניט קיין אַנדע-רער, האָט געשריִען: „קריך אראָפּ!“. ערשט פארנאַכט, פאַרן אַוועקגיין פון דער אַרבעט, האָט כאַנע געלאַסן און ווי גלײַכגילטיק א פרעג געטאָן:

— מאַקאר, פונוואַנען ביסטו געקומען אַהער?

— פונוואַנען איך זאָל ניט קומען, בין איך שוין דאָרט ניטאָ.

— ווילסט ניט, דאַרף מען ניט.

ער האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט אין דער זײַט, ווו יעוודאָקיִע, איז געשטאַנען. כאַנע האָט פאַרשטאַנען, אַז ער וויל ניט קיין איבעריקע אויערן. און זי האָט טאַקע געטראָפן. בייס יעוודאָקיִע איז אַרויסגעגאַנגען אויף א ווײַלע פון קיך, האָט מאַקאר א שטילן הוסט געטאָן. אָפּגעזיפצט, ווי ער וואָלט צוגעבראַכט נעענטער די ווערטער צום מויל, און האָט שטיל געזאָגט:

— פונוואַנען בין איך? קסעניע טימאָפייעוונען האָב איך געזאָגט, אַז איך בין פון קערטש. אינדערעמעסן בין איך פון א דאָרף ניט ווײַט לעבן סאַקי. איך וועל לאַנג קיין קיך-מוזשיק ניט זײַן. ווילסט וויסן, פונוואַנען איך בין? איך בין פון דזשאַנבאַהי. ניט ווײַט פון אונדז זײַנען דאָ זשי-דאָווסקע קאָמונעס. ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז אייבער א מערזאַוועץ האָט געמאַסערט מײַן טאַטן. ער האָט אָנגעהאָוועט, אַז מײַן טאַטע און מײַן זיידע זײַנען געווען קולאַקעס. מע האָט אויפגעדעקט דעם ליגן. דער טאַ-טע מיט דער מאַמען האָבן ניט דערלעבט, מײַן ווײַב אויך ניט. איך בין אָבער געקומען צוריק קיין דזשאַנבאַהי. און איין מאָל האָב איך געזען, ווי א זשידאָווסקע קאָמונאַרקע רײַט אויף מײַן פערד. איך האָב זי אָבער ניט געקאָנט דעריאָגן. אוי, ווען איך דעריאָג זי דאַן!

— וואָס וואָלט געווען?

— בעסער פרעג ניט. איך בין דאן געווען זשעדנע נאָך א באבע! נו, אָבער דאָס פערד האָב איך גענומען. איך האָב עס פארקויפט, און איך האָב געהאט הויצאָעס צו קומען אהער. אף דער באזע האָט מיר איינער געזאָגט, אז מע נעמט דאָ בויען א גרויסן זאוואָד, „שאריקאָפאָדשיפּניק". אהינצו וועל איך גיין ארבעטן.

— דו ביסט דאָך אן ערד-ארבעטער, ווי וועסטו זיך קאָנען באגיין אָן ערד?

— נישקאָשע, איך וועל זיך באגיין. מיט ערד האָבן מיר מער ניט צו טאָן, כ'זאָל אפילע וויסן, אז יעדער זאנג איז פול מיט גילדענע קערנער, בין איך מער קיין ערד-ארבעטער ניט! נו גענוג, איך וועל גיין א קראַץ טאָן מיט דער גראבליע דעם הויף.

אין אָוונט האָט עס כאנע דערציילט נעכעמיען.

— גאנץ פײַן! ווען דאָס דערציילט מיר אן אנדערער, וואָלט איך זיך אייסגעלאכט, — האָט נעכעמיע באמערקט.

דאָס, וואָס יעוודאָקיִע האָט געזאָגט צו כאנען: „איך וועל זיך נעמען צו אײַך", האָט כאנען א ברען געטאָן ווי פײַער. זי האָט שוין אליין ניט איין מאָל געטראכט, אז זי דארף מעלדן וועגן דערוף דער פארוואלטערן. איצט האָט זיך די קעכן מיט יעוודאָקיִען געקריגט קימאט אלע טאָג. ס'איז דאָ א ווערטל: „מע גייט אזוי לאנג מיטן קרוג נאָך וואסער, ביז דאָס אויערל רײַסט זיך אָפּ". אין איינעם א פארנאכט האָבן זיך אין קיך ארײַנגעשטעלט צוויי פרויען מיט א מאנצבל, זיי האָבן ארויסגערופן די קעכן, און ערשט אין דרײַ טעג ארום איז די קעכן צוריק געקומען אף א ווײַלע. נאָכאמאָל האָט זי כאנע געזען אפן געריכט. דאָס סאמע מערקווירדיקע אפן געריכט איז געווען, וואָס קסעניע טימאָפייעוונעס מאן איז געקומען אן אומגעבעטענער. לויט זײַן גוטן ווילן האָט ער זיך ארויסגערופן צו זאָגן איידעס.

— איך וואָלט ניט געקומען, נאָר שווײַגן קאָן איך ניט. פרעגט בא איר, כאווײַרים ריכטער, וויפל מאָל איך האָב איר געזאָגט, אז זי זאָל ניט שלעפּן אזויפיל, מיר האָבן ניט געקאָנט פארניצן דאָס, וואָס זי פלעגט ברענגען. פונדעסטוועגן בעט איך באם געריכט, אז מע זאָל זי ניט שטרענג מישפּעטן, ווײַל זי איז א מאמע פון צוויי קינדער. איך האָב אלץ געזאָגט.

דער פּסאקדין איז געווען ניט קיין הארבער, אָבער אויך ניט קיין ווייכער. קסעניע האָט געקראָגן דרײַ יאָר טפיסע. די באלעבאָסטע פון פּראָדוקטן-שפּײַכלער און די קעכן איז געוואָרן כאנע.

ווי באוווסט, איז פאר כאנען ניט געווען קיין נאָווענע הארעוואניע. אָבער איצטער פלעגט זי זײַן פארנומען ביז שפעט אין דער נאכט. די שפעטע נאכט איז נאָך געווען א האלבע צאָרע, ס'איז אָבער געווען אומעגלעך אריבער-

צוטראָגן יעוודאָקיִעס פּערעבענדעווען. אַלע עסן דאָס, וואָס ס'איז געבליבן פון די קינדער, — זי וויל א שטיקל הערינג. אַלע עסן זופּ, — זי וויל א שטיקל רוי פלייש, וועט זי זיך אין דער היים אויסקאָכן, וואָס זי האָט ליב. ביז כאנע האָט ניט אויסגעהאלטן:

— דו ווייסט גוט, דוסיע, אז איך בין ניט קיין קאצעוו. ווילסט ניט עסן, וואָס אַלע עסן, גיי צו דער פּאַרוואַלטערן.

— יאָ, איצטער קאָן איך גיין וווּ איך וויל, כאָטש קסעניע איז געווען א גוטע שטוקע, פּונדעסטוועגן...

— איך וועל ניט גיין זיך פּאנאנדערקלײַבן, וואָס דו מיינסט, נאָר איך ווייס גאנץ גוט, אז ווער עס וועט גאנווענען און דיר אויך געבן א כיילעק, דער וועט זײַן פאר דיר גוט. און מער וויל איך מיט דיר וועגן דעם ניט ריידן. ווילסט עס, ווילסט ניט, ניט מײַן דײַגע!

אין א דרײַ-פיר טעג ארום איז מאקאר, ווי זײַן שטייגער איז געווען, געזעסן אפן איבערגעקערטן עמער און האָט געריכערט. כאנע איז געווען אין פּראָדוקטן-שפּײַכלער. פּלוצעם טוט מאקאר א געשריי:

— כאנא דאווידאָוונא, גיי גיכער, טו א קוק, וואָס טוט די מאכשייפע בא דײַן קאָשעק.

כאנע איז צוגעלאָפן. מאקאר האָט אליין ארויסגענומען פון קאָשעק א היפּש שטיקל פּיטער און א שקארמיץ מיט צוקער. כאנע האָט אופגעהויבן די האנט, און עס וואָלט געשען דאָס, וואָס ס'איז געשען מיט די פּאסטע-כער אין סטעפּ, דערפאר וואָס זיי האָבן ניט אָנגעפּאָיעט די קעלבער, נאָר מאקאר האָט באצײַטנס אָנגעכאפּט כאנעס האנט, מיט דער אנדערער האנט פאַרהאלטן יעוודאָקיִען אין געהייסן כאנען לויפן נאָך דער פּאַרוואַלטערן. אזוי האָט זיך געענדיקט דער בילבל, וואָס יעוודאָקיִע האָט געוואָלט מאכן אף כאנען.

וואָס ווײַטער, איז כאנען געוואָרן אַלץ שווערער צו ארבעטן. ווײַל זי פלעגט ענדיקן די ארבעט זייער שפּעט, איז נעכעמיִע זי געקומען אָפּנע-מען פון דער ארבעט. אויב זי איז פארנומען, דרייט ער זיך ארום אין הויף פינעם קינדערגאָרטן, און די צײַט ציט זיך פאר אים, ווי א פאָדעם פון א פלאָנטער. דערפאר אין טראַמוויַ פלעגט ער זיצן לעבן איר און שעפּן נאכעס. ער קוקט און קוקט אף איר, און וווּנדערט זיך שטילינקערהייט:

— כאנוקל, פונוואנען האָב איך דיך גענומען. קוק אף מיר, זאָג איך דיר. וואָס קוקסטו דאָרטן אפן יונגן באָכערל, וואָס דארפסטו אים?

אין די זונטיקס פארמאכט זיך די טיר ניט. פון גאנצפרי הייבן אָן צו קומען דיכטער, קינסטלער, אויך אזוינע, וואָס קלעפּן זיך גלאט צו קונסט. עס קומט, אשטייגער, א הויכער, א שווערוואָגיקער יונגערמאן, וועלכער שרײַבט ניט און מאָלט ניט, נאָר הערט ניט אוף צו לערנען אלעמען, וויאזוי מע דארף זיך פירן, וויאזוי מע דארף זײַן ערלעך, אָפּגעהיט פון א ניט-ריין וואָרט. מיט א וואָך צוריק זונטיק איז ער געקומען האלב אכט אינדערפרי

און גאַנצע צוויי מיט אַ האַלבער שעה געהאַלטן אַ דראָשע וועגן ערלעכקייט. נעכעמיע האָט געהערט, געהערט און באַמערקט:

— נאָסן, איך פאַרשטיי, אַז דאָס איז זייער נייטיק, אָבער עס וואָלט געווען געוווּנטשן, די זאָלסט דאָ האָבן אַ צוויי־דרײַ צוהערער, וועלכע פאַלשעווען און קריכן צו יענעם אין קעשענע.

כאָטש כאַנע איז געווען אין קיך, האָט זי דאָס געהערט, און זי האָט זיך זייער צעלאַכט. נעכעמיע איז דורכגעלאָפן די קיך, האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען, ווי איינער זאָגט: „נישקאָשע פון אַ רעדע" און איז אַרויסגעלאָפן נאָך ברויט. בייס ער איז געקומען מיטן ברויט און כאַנע האָט גענומען גרייטן צום טיש, האָט זי ערשט געקײַכט פון געלעכטער, ווײַל נאָסן איז אין מאַנטל געלעגן אויף דער צעפּאַרענער סאָפע און געשמאַק געכראָפּעט, ווי אַ האָלצהעקער, און גאָר ניט ווי קיין פילאָסאָף, וואָס האָט ערשט געהאַלטן אַזאַ טיפע רעדע.

זונטיק פלעגט אויך קומען ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטש, נעכעמיעס לערער. ער גייט אַרײַן, כאַפּט אַראָפּ דעם היט, בייגט זיך אײַן און טוט אַ קוש כאַנעס האַנט. אויב זי טוט עפּעס, וואַשט דאָס געפעס אָדער שיילט בולבע, טוט ער זי אַ קוש באַם עלנבויגן. זעצט זיך קיינמאָל ניט אויף דער סאָפע, נאָר אַלעמאָל אויף אַ שטול. נעמט אַרויס פון דער אייבערשטער, ברייטער רעקל־קעשענע אַ ווײַסע מויז מיט ראָזע אויגן, ווי קרעלן, רופט צו די קינדער, און עס הייבט זיך אָן אַ שפּרינגערײַ מיט אַ קוויטשערײַ, פאַרטויבט צו ווערן. ער גלעט די קינדער איבער די קעפּלעך, לייגט אַרײַן די מויז אין קעשענע און נעמט שמועסן מיט נעכעמיען וועגן אַן אויסשטעלינג, וואָס ער האָט געזען, וועגן וואַן־גאָגס בריוו צו זײַן ברודער טעאָ און וועגן נאָך אַ סאַך זאַכן. כאַנע הערט זיך צו אויפמערקזאַם, פונדעסטוועגן באַנעמט זי זייער ווייניק פון דעם, וואָס ער רעדט. בייס ער גייט אַוועק, באַגלייט אים נעכעמיע. ווען ער קומט צוריק, טיילט ער זיך מיט זײַנע געדאַנקען:

— וואָס פאַר אַ וווּנדערלעכער מענטש דאָס איז, ווי באַשיידן ער פירט זיך, און צו מיר באַציט ער זיך פּראָסט, ווי אַן עמעסער ברודער.

— דו ביסט גערעכט, נאָר וואָס דאַרף ער קושן די האַנט? פאַרדרײַוואָכן זונטיק איז ער געקומען, האָב איך גראָד געוואַשן גרעט, האָט ער מיר גאָר אַ קוש געטאָן אין שטערן. כ'האָב זיך אַזוי פאַרשעמט.

— האָסט זיך ניט וואָס צו שעמען, קיין בייז ניט, — האָט נעכעמיע זי באַרויִקט, און זיי האָבן ביידע גענומען צוראַמען אין צימער.

ניט איין זונטיק זײַנען די קינדער געבליבן אומגעבאָדן, קיין געוועש האָט כאַנע אויך ניט געקאָנט מאַכן, ווײַל עס איז געווען פול מיט מענטשן: ס'איז געקומען דער דיכטער, דעם בלאָנדנס ברודער פון מינסק, און דער דיכטער מיט דער מירעדיקער טשופּרינע געקרײַזלטע האָר. דעם בלאָנדנס ברודער האָט געלייענט אַ ליד: „און אַזוי הייבט זיך אָן דײַן געשיכטע,

מיטן לעבן, וואָס שלעפּט דיך מיט; האָסט אַף אַזויפיל געריכט זיך, לאָזט זיך אויס — נאָר אַ קליינע ליד״.

כאַנען איז עס זייער געפעלן געוואָרן, אָבער זי האָט געפרעגט:

— דאָס איז דען ווינציק?

— אויב אַ גוטע, איז גאָר ניט קנאַפּ. אָבער בעסער איז עטלעכע גוטע, — האָט ער דערקלערט. דערזען, ווי זי שטייט מיטן בעזעם, האָט ער זי געטרייסט:

— לאָז זיך אָפּ פון דערויף, כאַנעלע. זײַ ניט באַרויִגעז אַף אינדז, רו אָפּ אַ ביסל. זאָל בלײַבן אַ ביסל מיסט אַף איבעראַכטאָג, — און גלײַכצײַטיק צום דיכטער מיט דער געקרײַזלטער טשופּרינע:

— הער אויף, ברעך ניט אָפּ די פּלעכטלעך פון אַלע בולקעלעך, טרייפע קישקע!

אָבער יענער קײַט שוין גאַנץ געשמאַק, ער שטייט לעבן קריטיקער, וואָס האָט זיך אַרײַנגעשאַרט, ווי אַ שאָטן, רעדט אַזוי שטיל, קוים וואָס מע הערט, זאָגט כאַנען אַ ווייכן, העפלעכן, פרײַנטלעכן „גוטמאָרגן״.

איצט האַלט דער דיכטער מיט דער געקרײַזלטער טשופּרינע דעם קריטיקערס נאָז מיט צוויי פינגער און יענער בעט שטיל און מילד:

— וואָס טוט איר, גענוג, קוועטשט ניט אַזוי, איך בעט אײַך, דאָס איז מיר זייער אומאָנגענעם, נו!

יענער לאָזט אָפּ די נאָז, דער קריטיקער דעקט זי צו מיט זײַן האַנט, און עס גייט שוין אָן אַמפּערײַ. מע אַמפּערט זיך וועגן לידער. איינער זאָגט, אַז האָפּשטיינס לידער זײַנען בעסער, דער צווייטער זאָגט, אַז האַלקינס. דערנאָך טרינקט מען טיי, מע לייענט ווידער לידער. אויב עס מאַכט זיך, אַז ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטש פאַלט אַרײַן אין אַזאַ שאָ, נעמט ער ניט אַרויס די ווײַסע מויז פון דער אייבערשטער רעקל-קעשענע, ער קנייטשט פאַרלאָרן מיט די אַקסלען, טוט אַ זאָג צו נעכעמיען: „קאַקאָי שום, קאַקאָי שום, פּאָשלי נא וואָלכאָנקו״[1].

גאַנץ אָפּט האָט כאַנע געראַמט און געוואַשן ביז נאָך האַלבער נאַכט, אָבער אופּשטיין האָט זי אַלציינס געמוזט פינף אַזייגער. זי פלעגט אָפּט פילן, אַז זי פאַלט פון די פיס.

אַזוי איז זיך געגאַנגען די צײַט. דער פּרילינג האָט זיך צוגערוקט, אַרבעט איז אַלץ צוגעקומען און צוגעקומען. כאַנע האָט זיך געסטאַרעט, אַלץ זאָל זײַן צו דער צײַט. שוין אָפּגערעדט, אַז דאָס עסן פאַר די קינדער איז געווען געשמאַקער, ווי פריִער, ווײַל אַלע פּראָדוקטן זײַנען געגאַנגען אין קעסל. צו דעם אַלץ איז טאַקע אַזוי געשען, ווי נעכעמיע האָט פאָרויסגעזאָגט. דער בלאָנדער מיט זײַן ווײַב זײַנען געקומען פון קיִעוו. איצט האָט שוין כאַנע געוווּסט, אַז מע רופט אים יאַשע, אַמאָל פּראָסט —

[1] „סאַרא טומל, סאַרא טומל, קום אַף וואָלכאָנקע״. (רוסיש).

יאַק. דאָס ווײַב האָט מען גערופֿן בראָניסלאַווע יאָסיפּאָוונע. יאַקאָוו האָט זי גערופֿן בראָן. אין די אויגן האָט זי נעכעמיע גערופֿן מיטן נאָמען און פּאַטערנאָמען, הינטער די אויגן האָט ער זי גערופֿן מאַדאַם. זי איז געווען העכער פֿון מיטלען וווּקס, איר קלײנער קאָפּ איז געווען באַוואַקסן מיט גלײַכע, שטײַפֿע, ווי דרעטלעך, געשווירענע האָר. איצט איז זי שוין, אַפּאַנעם, א היפּשע צײַט ניט געווען אין שערערײַ — זײַנען זיי שטײַפֿע, געדיכטע, שוואַרצע געשטאַנען אויף אירע אַקסלען. איר הויכער בוזעם איז געלאָפֿן פֿאָרויס, די פּלאַטשיקע קליבעס האָבן זיך קוים-קוים באַוועגט. אָבער מערקווירדיקער פֿון אַלץ זײַנען אין איר יאָמטעוודיקן אָנבליק געווען אירע וואָכעדיקע, טונקעלע קאַלירלאָזע אויגן. פֿאַרשטייט זיך, אַז כאַנע האָט גלײַך דעם זעלבן אָוונט ניט פֿאַרזאַמט צו זאָגן וועגן דעם נעכעמיען.

— ריכטיק, מײַן טרייסט, ווי האָסטו דאָס מאָמענטאַלנע דערזען? אירע אויגן זײַנען דאָך טאַקע ווי צוויי אָפּגעריבענע קנעפּלעך.

— כ׳קאָן ניט אויסהאַלטן פֿון דיר. אינדערעמעסן האָסטו דאָס פֿריִער געדאַרפֿט זען, דו ביסט דאָך דער קינסטלער.

— איצט זע איך, אַז מיר זײַנען בעמעס מאַן און ווײַב, איך דערקען אין דײַן טאָן, אַז דו האָסט צו מיר טײַנעס.

— וואָס רעדסטו? וואָס פֿאַרא טײַנעס? וואָס ווײַטער, האָב איך דיך אַלץ מער האָלט, — איז כאַנע זיך מוידע געווען.

איצט האָט כאַנע ניט געקאָנט פֿאַרוואַרפֿן נעכעמיען, אַז ס׳איז גרינגער אין אָוונט צו באַגעגענען, ווי באַגינען צו באַגלייטן. אַלע טאָג האָט ער זי באַגלייט. דער טראַמוויַ גייט שוין — און ער לויפֿט נאָך אַלץ און וואָרנט:

— כאַנוקל, זײַ געהיט! איבערן וועג ניט לויפֿן, ניט לויפֿן! הערסט, וואָס איך זאָג?

— איך הער, איך וועל זײַן פֿאָרזיכטיק. גיי צוריק, קאָנסט נאָך כאַפּן א שלאָף. כ׳וועל ניט לויפֿן, ניט לויפֿן! וואָס דאַרף איך זיך אָנהייבן מיט אַלע טראַמווײַען און מיט אַלע איזוואָזטשיקעס, — שרײַט כאַנע, שטייענדיק מיט איין פֿוס אין טאַמבור און מיטן צווייטן אויפֿן טראַמווײַ-טרעפּל.

— גיי שוין אַרײַן אין וואַגאָן, שטיי ניט אַזוי, — פֿאָדערט ער, און אַליין גייט ער צוריק טאַקע כאַפּן א דרעמל.

כאַנע ווידער זעצט זיך, ווײַל אין טראַמווײַ איז אין אַזאַ פֿריִער שאָ פֿרײַ. זי נעמט אַרויס דעם בוך, וואָס ניקאָלײַעוויטש האָט אַנומלטן געבראַכט. זי לייענט און פֿראַלט אַלע ווײַלע אַרויס א געלעכטער, אַזוי אַז די פֿאַרשלאָפֿענע פּאַסאַזשירן קוקן זי פֿאַרוווּנדערט אָן. געקומען צו דער אַרבעט, שטעלט זי צו קאָכן א הירזשענע קאַשע, מאָלט פֿלייש אויף דער פֿלייש-מאַשינקע, צעלייגט פּירקאַנטיקע שטיקלעך פּוטער אויף די פֿלאַכע טעלערלעך. דערהערט, ווי די טיר עפֿנט זיך, קערעוועט זי אויס דעם קאָפּ און דערזעט די פֿאַרוואַלטערקע יעליזאַוועטע אַבראַמאָוונע. יענע קוקט אָן כאַנען און וויל וויסן:

— וואָס זײַט איר אַזוי פֿריילעך? איך זע, אַז אָט-אָט צעלאַכט איר זיך.
— איר האָט געטראָפֿן, דער פּרינץ גייט מיר ניט אַרויס פֿון זינען.
— וואָסער פּרינץ?
— יענער פּרינץ, וואָס האָט געזוכט אַ שידעך מיט אַן עמעסער פּרינ-צעסן און האָט נעבעך בעשום-אויפֿן ניט געקאָנט געפֿינען אַזאַ. ביז אין אַ גוסרעגן האָט צוגעבלאָנקעט די אויסגעווייקטע, די עמעסע פּרינצעסן צום קייזערלעכן פּאַלאַץ.
— איך הייב ניט אָן צו פֿאַרשטיין, וואָס איר רעדט, — האָט יעליזאַ-וועטע אַבראַמאָוונע זיך מידע געוועזן.
— וואָס פֿאַרשטייט איר ניט? די פּרינצעסן שטייט לעבן טויער פֿון פּאַלאַץ אַן אויסגעווייקטע ביזן לעצטן פֿאָדעם. מע האָט זי טאַקע אַרײַנגע-לאָזט אין פּאַלאַץ, און די אַלטע באַהאַוונטע קייסערינע האָט געזאָגט: „מיר וועלן שוין באַלד זען, צי זי איז די עמעסע פּרינצעסן, צי ניט?”
און ווי זי זאָגט עס, שלײַדערט זי אַראָפּ דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט פֿון בעט, לייגט אַוועק אַן אַרבעס אויף די הוילע ברעטער, לייגט אַרויף צוועלף פּערענעס. און וואָס זשע מיינט איר, די פּרינצעסן האָט קיין אויג ניט צו-געמאַכט אַ גאַנצע נאַכט איבערן אַרבעסל. אויף די זײַטן זײַנען איר פֿאַר-בליבן ברוין-בלויע סימאָנים.
— אוי, דאָס איז אויסגעצייכנט! איך ווייס שוין, דאָס איז די פּרינ-צעסן אויפֿן אַרבעסל, — האָט יעליזאַוועטע אַבראַמאָוונע אויסגערופֿן און זיך אויך צעלאַכט. זיך אויסגעלאַכט, האָט זי זיך פֿאַרוווּנדערט:
— כאַנע דאַווידאָוונע, איר לייענט אַנדערסענען דאָס ערשטע מאָל?
— כ'האָב אַפֿילע ניט געהערט קיינמאָל, אַז עס איז דאָ אַזאַ שרײַבער.
— איך בין אײַך מעקאַנע, איר וועט נאָך האָבן אַ סאַך פֿאַרגעניגן. כאָטש איך האָב געלייענט די מײַסעלעך, ווען איך בין אַלט געוועזן נײַן יאָר, געדענק איך זיי ביז איצט, — האָט די פֿאַרוואַלטערן געזאָגט און איז אַוועק צו דער טיר.
— יעליזאַוועטע אַבראַמאָוונע, איר קענט איצט אָפּעסן פֿרישטיק, כ'האָב אויסגערעכנט און איך זע, אַז ס'וועט זײַן פֿאַר די קינדער איבערגענוג.
— ניין, ניין, ווי אַלע, אַזוי איך, — האָט די פֿאַרוואַלטערן געזאָגט און איז אַרויסגעגאַנגען.
זי איז אַרויסגעגאַנגען און מאַקאַר איז אַרײַנגעקומען. ער האָט זיך גע-זעצט, ווי שטענדיק, אויפֿן איבערגעקערטן עמער, און כאַנע האָט אים דער-לאַנגט אַ פֿולן טעלער מיט קאַשע.
— דו ווייסט, כאַנאַ דאַווידאָוונאַ, איך עס בײַ דיר דעם לעצטן אָנבײַסן. איך בין געוועזן נעכטן דאָרט, וווּ מע בויט „שאַריקאָפּאָדשיפּניק”, און איך גיי אַהינצו אַרבעטן.
— וועסט יאָ אַרבעטן, וועסט ניט אַרבעטן. נאַ דיר צו דער קאַשע אַ גלאָז זויערמילך.
— זויערמילך האָב איך ליב, אין דער היים פֿלעגט די מאַמע אָפּקאָכן

קאַרטאָפֿל אין מונדירן, זי פֿלעגט ברענגען א פֿולע מאַקיטרע זויערמילך,
עס וויפֿל דו ווילסט! — האָט זיך דערמאָנט מאַקאַר.

— עס גיכער, איין פּוס דאָ, א צווייטער — אויף דער באַזע, וואָרעם ווער עס קומט פֿריִער, דער מאָלט פֿריִער, — האָט כאַנע אונטערגעײַלט מאַקאַרן. זי האָט קעסיידער אונטערגעײַלט יענעם און זיך.

אויב אין קאָמונע פֿלעגט זי אָפֿט קומען צו די קינדער ניט צו דער באַשטימטער שעה און מע האָט זי אַרײַנגעלאָזט, האָט זי איצטער די קינדער געזען נאָר זונטיק, ווײַל די דערציִערנס פֿון קינדערגאָרטן האָבן געזאָגט אויסדריקלעך:

— דו מיינסט, אַז דו אַרבעטסט דאָ, קאָנסטו אַרײַנגיין, ווען עס ווילט זיך דיר? — עס האָט איר אָפֿט געקוועטשט דאָס האַרץ און טרערן האָבן זי געוואָרגן. אַגעוו, טרערן פֿלעגן איצט גאַנץ אָפֿט אויפֿזידן אין אירע אויגן. איז עמעצער געווען אין קיך, האָט זי זיך געהאַמעוועט, אויב קיינער איז ניט געווען כּוץ איר, איז די מאָס איבערגעגאַנגען, זי האָט זיך גוט אויסגעוויינט, דערבײַ זיך אָפּגעהיט, די טרערן זאָלן ניט פֿאַלן אין טאָפּ אָדער אויפֿן ברויט, וואָס זי שנײַדט, דערנאָך האָט זי גוט אויסגעווישט דאָס פּנים און זיך געמוסערט: „העלדיניע, א מאַמע ביסטו? דאַרפֿסט נאָך אליין א מאַמען". עס איז איר איצט אָנגעקומען גאַנץ שווער צו גיין פֿון דער אַרבעט אַהיים, אַפֿילו אויב נעכעמיע האָט זי באַגעגנט. זי האָט גוט געפֿילט, אַז זי איז אינעם צימערל א פֿינפֿטע ראָד צום וואָגן, כאָטש ניט יאַקאָוו, ניט בראָניסלאַווע יאָסיפּאָוונע האָבן איר קיין איין וואָרט ניט געזאָגט. אָבער כאַנע האָט געפֿילט אויף שריט און טריט, אַז זי פֿאַרנעמט דאָ צופֿיל אָרט. עס זײַנען געווען נאָך סיבּות, וואָס האָבן כאַנען קלאָר געמאַכט, אַז זי איז דאָ ניט זייער גלײַכן. ווי נאָר זי פֿלעגט זיך זונטיק שטעלן וואַשן גרעט, איז שוין בראָניסלאַווע געשוווּמען מיט א היפּש פּעקל קויטיקס אין די אויסגעשטרעקטע, ברייט-פֿאַנאַנדערגענומענע הענט. זי טוט א וואָרף דאָס פּעקל אויף דער פּאָדלאָגע לעבן כאַנעס פֿיס און זאָגט, שמייכלענדיק:

— פֿאַריינס ווערסטו דאָס מאַכן, ס'איז נאָר עטלעכע שטיקלעך.

אָפּטער פֿון אַלץ פֿלעגט זי דאָס טאָן, בײַס נעכעמיע פֿלעגט ערגעץ אַוועק מיט די קינדער. און כאַנע האָט וועגן דעם אים קיינמאָל קיין וואָרט ניט געזאָגט. עס איז אָבער דאָ א ווערטל, אַז „יעדער שטריק האָט אַן עק". אין איינעם א זונטיק איז נעכעמיע מיט די קינדער גראָד געווען אין שטוב, ווײַל עס האָט גערעגנט. כאַנע איז געשטאַנען בײַ דער בלעכענער מילטער און האָט געמאַכט א געוועש. בראָניסלאַווע יאָסיפּאָוונע איז אַרויסגעגאַנגען פֿונעם קליינעם צימערל, טראָגנדיק אין די אויסגעצויגענע הענט א היפּש פּעקל. זי האָט עס א וואָרף געטאָן לעבן כאַנעס פֿיס און, ווי טאָמיד פֿאַרבײַגייענדיק, צוגעוואָרפֿן:

— עטלעכע שטיקלעך פֿאַריינס.

נעכעמיען האָט ווי א הייב געטאָן פֿון זײַן אָרט. מיט איין שפּרײַז איז ער געשטאַנען צווישן כאַנען און, ווי ער האָט גערופֿן בראָניסלאַווען, צווישן

דער מאַדאַם. ער האָט זי אָנגעקוקט, קוים פאַרשטאַנען, וואָס ער טוט. זײַנע פיס האָבן, ווי אָן זײַן ווילן, צונויפגעשאַרט דאָס, וואָס בראָניסלאַווע האָט צוגעוואָרפן און, עס אַזוי שאַרנדיק, ניט מיט זײַן קאָל אויסגערופן:

— ווען אַ טויטער וועט ניסן און איר וועט אים זאָגן „צו געזונט", דאַן וועט כאַנעלע!.. — און צו כאַנען: — כאַנוקל, איך פאַרשטיי, אַז דאָס איז ניט דאָס ערשטע מאָל. פאַרוואָס האָסטו מיר עס ניט געזאָגט? דו האָסט ניט געוווּסט, אַז דו וועסט באַגעגענען אַ כאַזער, האָסטו קיין פּאָמיניצע ניט צוגעגרייט?! אָך דו, אָרעם קינד מײַנס, — האָט נעמעכיע מיט אַ געפאַלן קאָל געערדט צו כאַנען און געגלעט אירע האָר.

כאַנע האָט מאַמעש ניט געקאָנט אָנקוקן ניט נאָר בראָניסלאַווען, נאָר אַפילע איר קלייד, אירע לאַקירטע לאַדעטשקעס. עס האָט איר געשלאָגן צו דער גאַל, ווען זי האָט געהערט, ווי יענע זאָגט:

— יאַקאָוו, יאַשענקע, העלף מיר אויסטאָן די טופליעס. — יענער האָט געפאָלגט, און כאַנע האָט עס אָפּט איבערגעקרימט. נעכעמיע האָט געקײַכט פון געלעכטער און באַגיטיקט:

— כאַנוקל, ביסט אַ מאָלאָדיעץ. דו האָסט אויגן, וואָס זעען.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די „מאַדאַם" איז אַ וויסנשאַפטלעכער טוער. זי האָט אָנגעהויבן מיטאַרבעטן אין אַ מאָנאַטשריפט, און די שטוב-אַרבעט פלעגט אָפּטאָן אַ געקומענע עלטערע פרוי. אַנומלטן, בייס די מאַנצבלען זײַנען אין שטוב ניט געווען, האָט בראָניסלאַווע זיך געווענדט צו כאַנען מיט אַזאַ פראַגע:

— זאָג מיר, זײַ אַזוי גוט, פאַרוואָס ווילסטו ניט מיט דײַנע קינדער לעבן אין בײַשטאָט, עס געפעלט דיר גראָד מײַן דירע?

כאַנע האָט קיין איין וואָרט ניט געענטפערט. פאַרוווּנדערט איז זי אויך ניט געווען. זי האָט מער אָדער ווייניקער שוין געקאָנט אָפּשאַצן די דאָזיקע וויסנשאַפטלעכע טוערן. אָבער גרינגער איז איר פון דעם ניט געוואָרן. זי האָט נעמלעך אויך פאַרשטאַנען, אַז נעכעמיע איז ניט קיין באַלעבאָס אַפילע פינעם צימערל, ווו זיי געפינען זיך.

אַף מאָרגן בא דער אַרבעט איז כאַנען אַלץ געפאַלן פון די הענט. די פאַרוואַלטערקע האָט געקוקט, ווי כאַנע טיילט סמעטענע אין קליינע טעפּעלעך, און ווען דאָס איז געוואָרן אויסגעטיילט, האָט זי, ווי גלײַכגילטיק, געפרעגט:

— כאַנע דאַווידאָוונע איר זײַט פאַרמאַטערט, אָדער בא אײַך האָט עפּעס געטראָפן?

— נאָך דער אַרבעט, אויב איר וועט האָבן צײַט, וויל איך זיך מיט אײַך דורכריידן.

— גוט, איך וועל זײַן אין קאַבינעט.

ניט צוליב פוסטער נײַגעריקײַט האָט יעליזאַוועטע אַבראַמאָוונע עס

6*

געפֿרעגט. ניט דערפֿאַר וואָס כאַנע איז גרייט געווען פֿאַר אַ באַליביקן אויסגיסן דאָס האַרץ, האָט זי געזאָגט: „איך וויל זיך מיט אײַך דורכריידן”. די פּאַרוואַלטערן האָט געזען און פֿאַרשטאַנען, וואָס פֿאַר אַ מענטש כאַנע איז. כאַנע האָט זיך אויך ניט געגאַרט אין דער פּאַרוואַלטערקע. גאַנץ אָפֿט אין אָוונט זײַנען זיי געזעסן, געמאַכט די כעזשבוינעס, דערבײַ געשמועסט צוביסלעך. פּאַוואָליע האָט זיך יעליזאַוועטע אַבראַמאָוונע דערוווּסט, ווי‏אַזוי כאַנע איז מעגולגל געוואָרן אַהער.

בײַס זי האָט אויסגעהערט, וואָס כאַנע האָט גערעדט, איז זי אַ ווײַלינקע געזעסן פֿאַרטראַכט, דערנאָך האָט זי, ווי ציילנדיק יעדער וואָרט, אָנגעהויבן:

— איך פֿאַרשטיי, אַז אײַער מאַן האָט זייער ערנסט געדאַרפֿט דורכטראַכטן, איידער ער האָט אײַך מיט די קינדער גענומען אַהער. אָבער איר האָט אים כאָטש געפֿרעגט: האָסט אַ ווינקל?

— ס'איז מיר אַפֿילע ניט אײַנגעפֿאַלן, ער איז דאָך ניט קיין ייִנגעלע, ער איז אַלט קנאַפּע דרײַסיק יאָר.

— זעט איר שוין, וואָס זשע האָט איר פּרעטענזיעס צו אים? ער איז נאָך קיין טאַטע ניט געווען, און איר אַ מאַמע זײַט יאָ געווען... אָבער איר דאַרפֿט ניט זײַן אַזוי דערשלאָגן. ס'וועט זיך געפֿינען עפּעס אַן אויסוועג.

— איך האָב צו קיינעם קיין טײַנעס ניט. און איך פֿאַרשטיי גאַנץ גוט, אַז די שכיינע מײַנע דאַרף מיך מיט מײַנע קינדער, ווי אַ לאָך אין קאָפּ. אָבער איך קאָן אַהין מער ניט גיין, ווען איך האָב זיך ווו אַהינצוטאָן, וואָלט מײַן פֿוס דאָרטן קיינמאָל ניט געווען!

— דאָרטן איז דאָך אײַער מאַן, איר זאָגט דאָך, אַז איר האָט אים ליב?..

— זייער! אָבער ווי קאָן ליבע דערלאָזן, אַז מע זאָל דערנידעריקן און באַליידיקן? איך האָב אײַך דאָס דערציילט דערפֿאַר, ווײַל איך האָב געהאָפֿט, אַז איר וועט מיך לאָזן נעכטיקן דאָ אין קאָרידאָר, ביז איך וועל קריגן ווו צו נעכטיקן מיט מײַנע קינדער.

— פֿאַרוואָס עפּעס דאָ אין קאָרידאָר? אַ געוויסע צײַט וואָלט איר געקאָנט נעכטיקן בײַ מיר, אָבער איר קענט איצט קיין זאַך ניט באַשליסן אָן אים, דער ערשטער האָט אויך אײַער מאַן געדאַרפֿט וויסן וועגן דעם. איר זײַט באַגלײַך שולדיק. פֿאָלגט מיך, גייט אַהין, ווי אַלע טאָג. דאָס איז ערשטנס, צווייטנס, דערציילט אים ניט קיין מײַסעס, וואָס יענע האָט אײַך געפֿרעגט און געזאָגט. רעדט זיך פּאַשעט פּראָסט דורך מיט אים, ברענגט אים אָפּ געדאַנק, אַז ס'איז נייטיק צו קריגן אַ דירע, אַז אין בײַשטאָט איז עס מער מעגלעך. אײַער עלטער מיידעלע וועט דעם קומענדיקן האַרבסט אָוועק אין שול. ווו וועט איר זי אָוועקזעצן מיט אַ העפֿט, מיט אַ ביכל? קורץ, איך דאַרף אײַך ניט לערנען וואָס צו זאָגן.

כאנע האָט אײַנגעזען, אַז די פּאַרוואַלטערקע איז גערעכט. אין אָוונט האָט זי נעכעמיע באַגעגנט, ער האָט גאָרנישט ניט באַמערקט. ערשט דערנאָך, ווען זיי האָבן אָפּגעטרונקען טיי, האָט ער דערזען און פאַרשטאַנען, אַז זי איז זייער צערודערט. אַזוי־ווי יאַקאָוו מיט בראָניסלאַווען זײַנען געווען אין זייער צימערל, האָט ער שטיל געזאָגט:

— קום, לאָמיר זיך אַ ביסל דורכגיין.

אויפֿ דער גאַס האָט ער געפֿרעגט:

— ס'איז עפּעס געשען אויפֿ דער אַרבעט?

— וואָס פֿאַלט דיר אײַן?

— איך זע דאָך, זאָג, וואָס האָט געטראָפֿן?

— כ'וואָלט זיך געוווּנדערט, ווען דו וואָלסט ניט געזען.

— וואָס איז, דו פֿילסט זיך שלעכט?

— איך האָב ניט קיין צײַט זיך צו פֿילן, און איך וויל מער ניט וווינען אינאיינעם מיט זיי.

— איך וויל דאָס אויך ניט. דערווײַל זע איך ניט, מיר זאָלן זיך קאָנען אַרויסקלײַבן. איך האָב דיר ניט געזאָגט וועגן דעם, אָבער איך האָב דערלאַנגט אַ מעלדונג אין קינסטלער־פֿאַריין.

— ביז וואָס־ווען מוזן מיר געפֿינען עפּעס אַ צימערל. די פּאַרוואַלטערקע פֿון קינדערגאָרטן האָט מיר געזאָגט, אַז אויסער דער שטאָט קאָן מען עפּשער יאָ קריגן.

— געוויס וועל איך צופֿאָרן. אָבער מע דאַרף האָבן געדולד, ס'איז גאָרניט פֿון די גרינגע זאַכן. איך דאַרף דיר זאָגן, אַז דאָס צימערל, וווּ מיר זײַנען, איז טאַקע מײַנס. זנאַטשיט, דו וווינסט ניט מיט זיי, נאָר מיט מיר. איך האָב געהאַט אַ גרויסן ליכטיקן צימער, איז איינמאָל געקומען צו מיר יאַקאָוו, ער האָט גערעדט און גערעדט און מיך אײַנגערעדט, כ'זאָל זיך אַריבערקלײַבן צו אים. דערנאָך האָט ער מיר געמאַכט די פּראָפּיסקע.

— נעכעמיעלע, איך פֿאַרשטיי אין דערויף גאָרנישט. נאָר אויב איך זאָג דיר, אַז איך קאָן דאָ מער ניט לעבן, זאָלסטו וויסן, אַז איך וועל ניט זײַן אונטער איין דאַך מיט יאַקאָווס ווײַב. וואָס פֿאַר אַ צימערל דו וועסט ניט קריגן, זאָל זײַן פֿינף שפּאַן, וועל איך זײַן צופֿרידן, כ'וועל עס אויסקאַלכן, אויפֿראַמען, מיר וועלן פֿרײַ אָפּעטעמען.

— באַרויִק זיך. גוט, געוויס וועל איך זוכן. און קום אין שטוב. זײַ ניט אַזוי טרויעריק. איך קען דאָס ניט זען. דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז אַלץ וועל איך טאָן, קעדיי דיר זאָל זײַן בעסער ווי דיר איז.

אין שטוב האָט כאנע מער קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. זיי האָבן אויסגעלאָשן די שײַן און זיך געלייגט שלאָפֿן. אינדערפֿרי האָט נעכעמיע געהאַט אַ טײַנע:

— כאנוקל, פֿאַרוואָס טראָגסטו ניט דײַן כאַסענע־קלייד? שוין צײַט, זאָלסט אויפֿקוואַרפֿן דײַנע קאָמונע־טואַלעטן. מע האָט דיר דאָך צום אַכטן

מאַרט געגעבן אַ פּרעמיע — טופֿליעס. פֿאַרוואָס זשע גייסטו אַרום אין די שטיוול?

— אויב דו האָסט דערפֿון קלעמעניש, וועל איך אָנטאָן די טופֿליעס, אַ נאָפּקעמינע.

— טו אָן איצט.

— איצט האָב איך קיין צײַט ניט.

— פֿאַרוואָס? דו זיצסט דאָך בעמיילע.

— איך זיץ, ווײַל איך וויל זיך דערמאָנען מײַן כאָלעם. שווײַג, שווײַג, איך האָב זיך שוין דערמאָנט. איך גיי זיך אַזוי באַנאַכט אין סטעפּ, עס איז אַ כווישעכדיקע נאַכט, שטאָקפֿינצטער. איך גיי און איך גיי אין דער פֿינצטער, מיטאַמאָל נעמט אופֿגיין די זון. זי גייט אויף פֿאַמעלעך־פֿאַמעלעך, פּונקט ווי עפּעס אַ ריז וואָלט זי מיט קויעך אַרויסגעשטופּט פֿון דער פֿינצטערניש. די ליכטיקײַט שפּרייט זיך, שפּרייט זיך, און איינײַנעם מיט דער ליכטיקײַט דערהערט זיך פֿונדערווײַטן אַ טופּען פֿון פֿערד, אַ הירזשערײַ. איך הער עס אַלץ בוילעטער, אַלץ נעענטער, און אָט יאָגט שוין איבערן סטעפּ אַ טאַבון פֿערד. זיי יאָגן מיט פֿאַריסענע קעפּ און אופֿגעריסענע מײַלער, אַזוי אַז איך זע די ציין, און זייערע טלאָען פּויקן אויף דער טרוקענער ערד, ווי אויף אַ פּויק, איך לויף אויך מיט די פֿערד אײנײַנעם. אָט־אָט כאַפּ איך זיך שוין אָן באַ דער גריווע פֿון אַ טונקל־שוואַרצן פֿערד, נאָר ער טוט אַ דריי מיטן האַלדז, די גריווע גליטשט זיך אַרויס פֿון מײַן האַנט, איך פֿאַל אַנידער. איבער מיר טראָגט זיך אַ טופּען און אַ הירזשערײַ, מיט אַלע קויכעס קוועטש איך זיך צו צו דער ערד. איבער מיר טראָגט זיך אַ גוואַלדיקע, הירזשענדיקע כוואַליע, און די פֿלייצע טוט מיר אַזוי וויי, איך כאַפּ זיך אויף אויף פֿון ווייטעק. דער באַלויכטענער סטעפּ פֿויקט, צי דאָס האַרץ מײַנס? יאָ, אַוואַדע דאָס האַרץ, עס שפּרינגט אויס אַרויס.

— טרייסט מײַנער, כאַנוקל. בעעמעס דו ביסט דאָך אַ פּאָעט.

— ווען דו וועסט לאַכן פֿון מיר, אָפּט ווילט זיך מיר אַזוי אָנשרײַבן, וואָס איך ווייס, וואָס איך האָב געזען און וואָס איך זע איצט. ס'אַ ווערטעלע צו זאָגן, דאָס אַלץ צו געדענקען. אַמאָל וויל איך אַזוי דערציילן וועגן דעם, אַז איך פֿיל אויף זיך אַ שווערע־שווערע מאַסע, און די מאַסע קאָן איך ניט אַראָפּוואַרפֿן. דאָס איז אַ סאַך שווערער ווי האָרעווען.

— כאַנוקל, זאָלסט עס קיינמאָל ניט טאָן. דו דאַרפֿסט דאָס ניט!

— וואָס רעדסטו, נעכעמיע? פֿונוואַנען ווייסטו, אַז איך דאַרף דאָס ניט!

— דו מעגסט מיר טרויען, אַז דו דאַרפֿסט עס ניט. זאָלן דאָס טאָן די, וואָס זײַנען מיִעס, וואָס זײַנען... מיט איין וואָרט — דו דאַרפֿסט דאָס ניט! איך האָב דיך אַזוי ליב, אַז איך וועל ניט טיילן אונדזער ליבע מיט ליטעראַטור... איך וועל זיך שוין פֿאַסטאַרעווען צו קריגן אַ קוואַרטיר, דאַן וועל איך אַרבעטן מער ווי איצט, דו וועסט אַוועקגיין פֿון קינדערגאָרטן,

דו וועסט זײַן מײַן באַלעבאָסטע און מײַן געליבטע. גלייב מיר, עס וועט זײַן אויסגעצייכנט!

— איך ווייס, אז דו האָסט מיך ליב. איך ווייס, אז אומעטום וועט אונדז זײַן אויסגעצייכנט. איך האָב דיך ליב מער ווי זיך אליין! פונדעסטוועגן, זיצסטו באַם טיש און דו ארבעטסט, דו דערציילסט מיט בלײַקעס, מיט פענדזלען וועגן דעם, וואָס דו זעסט, פאַרוואָס זשע זאָגסטו, אז איך דאַרף דאָס ניט טאָן?

— טרייסט מײַנער, מיר דערצייל וועגן אלץ, וואָס דו זעסט. און קום צום טראַמוויַ, וועסט פאַרשפּעטיקן, — האָט נעכעמיע זי געבראַכט צו דער וואָר, און ווי שטענדיק, בײַס זי איז שוין געשטאַנען אפן טראַמוויַ-טרעפּל, האָט ער געוואָרנט:

— זײַ געהיט, איבערן וועג ניט לויפן, ניט לויפן!

צי א מאָלער שנעלט יאָ אין נעזל, בײַס א קינד דאַרף דערזען די ליכטיקע וועלט, צי ניט, אָבער אז איטלעכער האָט זיך זײַן מאַזל, דאָס האָט כאַנע פאַרשטאַנען. זי גופע האָט ניט געטראַכט, צי האָט זי באַם געבוירן ווערן געכאַפּט פון א מאָלער ניט קיין מאַזלדיקן שנעל... אָבער זי האָט אָפּט געפילט, אז ס'וואָלט ניט געווען קיין אוולע, ס'זאָל איר זײַן א ביסל גרינגער, ווי איר איז, דערווײַל איז קיין שום אויסזיכט און קיין האָפענונג ניט געווען, אז איר אויסקומעניש זאָל געלינדערט ווערן.

אין די קראָמען זײַנען די פּאָליצעס געווען פול מיט פּעקעלעך קאַווע פון כאַזערשע ניס. ברויט קויפן אלע נאָר אף ברויט-קאַרטלעך. שניטסכוירע, שוכווארג קאָן מען באַקומען נאָר ווען מע באַקומט אף דער ארבעט אן אָרדער. אין קינדערגאָרטן האָט כאַנע אויך גוט געזען, ווי די מאַמעס, וואָס ברענגען און נעמען אָפּ די קינדער, זײַנען פאַרדײַגעט. אָפּט זאָגט צו כאַנען יעליזאַוועטע אבראַמאָוונע: „דאָ וועט ארײַנגיין א פרוי, גיט איר א צוויי גלאָז רײַז און א שטיקל מאַרגאַרין". און לויט דעם, ווי די פרוי נעמט עס, פאַרקוועטשט כאַנען דאָס האַרץ. די לעצטע צײַט איז איר צוגעקומען נאָך א דײַגע: זי האָט נאָך וועגן דעם נעכעמיען ניט געזאָגט, אָבער זי ווייסט, אז זי טראָגט. „מער פעלט איר ניט, ווי ברענגען אן אויפל צו דער „מאַדאַם".

עס טרעפט אויך, אז זי מישט מיטן גרויסן הילצערנעם לעפל די הירזשענע קאַשע און אין איר זינען מישן זיך טײַנעס צו זיך זעלבסט: „א מאַמע פון קינדער טאָר קיינעם ניט ליב האָבן. אין קאָמונע זײַנען מײַנע פייגעלעך געווען ווי אין אייגענע הענט, איצט זײַנען זיי ווי איבערגעזעצטע פלאַנצונגען. זיי זײַנען עלטער געוואָרן אף צען יאָר, און איך גופע?" דעם געדאַנק וועגן זיך האָט זי געטריבן פון זיך, וואָרעם אויב די קינדער זײַנען „איבערגעזעצטע פלאַנצונגען", איז זי דאָך ווי אן ארויסגעריסענער בוים.

די שטאָט, די גאַסן, דער טראַמוויי, די איזוואָזשטשיקעס, די הייזער, די מענגעס מענטשן האָבן איר אויסגעזען ווילד-פרעמד. „דער הימל איז פאַרשטעלט פון די אויגן, באַנאַכט זעט מען ניט קיין שטערן, ווייל מע איז מיד און מע איילט זיך לייגן שלאָפן. באַגינען זעט מען ניט דעם זון-אויפגאַנג, ווייל מע לויפט אָן אָן אָטעם צו דער אַרבעט. פאַרנאַכט זעט מען ניט דעם זון-פאַרגאַנג, ווייל מע וויל שוין גיכער דערזען דעם טראַמוויי, וואָס וועט אָוועקפירן אַהיים. אַזויפיל מענטשן, אַזאַ גרויסע שטיבער, אַזאַ געלאָף, אַזאַ אייַלעניש, אָן אומגליק, וואָס אַזויפיל מענטשן האָבן זיך צונויפגענומען אויף איין אָרט", — אַזוי האָט כאַנע ניט דאָס ערשטע מאָל באַזיניקט דאָס, וואָס האָט זי אַרומגערינגלט.

ווי האָט עס אַנדערש געקאָנט זיין? איר זיידנס שטוב אין קליינעם שטעטעלע איז געווען ניט ווייט פון פעלד. דאָס פעלד איז געווען נאָענט צום וואַלד. אַלע האָבן געקענט איינער דעם אַנדערן. איינער האָט דעם צווייטן אונטערגעטראָגן דעם גוטמאָרגן, דערציילט, וואָס נעכטן האָט מען געקאָכט און וואָס מע האָט בעדייע צו קאָכן הייַנט. אַז אַ קינד האָט ווי געטאָן דאָס בייַכל, האָט געוווסט די גאַנצע גאַס, איז געווען אַן איבערגאַנג מאָזלען, ווינט-פּאָקן — האָבן אַלע מאַמעס געגרייט לייוונטענע פּיטשינקע טאָרבעלעך, אָנגעשאָטן אַהין נאַפּטאַלין, צוגענייט בענדעלעך און זיי אָנגעטאָן די קינדער אויף די העלדזלעך. זומערצייַט איז כאַנע מיט דער באָבען און מיטן זיידן אָפּט געגאַנגען אין וואַלד, מע האָט געדאַרפט צונויפבינדן אַ סאַך בעריאָזעווע בעזעמלעך, עס זאָל זיין מיט וואָס זיך צו בעזעמען אין מערכעץ. די באָבע האָט געוווסט, אַז ראַמונקעס איז צום מאָגן, מענטע צו קאָפּווייטעק, טויזנטגעבלעטער צו די געלענקען. קינדווייז האָט עס כאַנע געהאָלפן איבערקלייַבן, בינדן. אָן אַ שיר טרוקענע גראָז-בעזעמלעך פון ליפּע-בליונג, האָזן-שטשאַוו זייַנען געהאַנגען אויף צוועקעס אין דער באָבעס שלאָפקאַמער. דער זיידע, זיכרונע-ליוראָכע, האָט געטייַנעט צו דער באָבען:

— דייַן גראָזוואַרג קומט מיר צו כאָלעם. דו זאָגסט, עס העלפט פון אַלערליי כאַלאַסן? איך זאָג דיר, אַז דאָס העלפט נאָר צום ניסן, אַפּ-טשי, אַפּ-טשי! — האָט דער זיידע זיך געמאַכט אַקוראַט ווי ער ניסט.

אין קאָמונע איז קיין וואַלד ניט געווען, איז אָבער געווען אַ סטעפּ, אַ הויכער, ברייט-פאַנאַנדערגעשפּרייטער הימל, אַ פרייַער שמעקנדיקער ווינט. איז דאָך טאַקע גאָר קיין ווונדער ניט, וואָס כאַנע האָט זיך געפילט אינעם צימערל, ווי אין אַ שטייַג, און אין קיך אויף דער אַרבעט — ווי אין קלעם. אָבער בייס אַ מענטש איז געבענטשט מיט פעיקייַט צו טראַכטן, צו פאַרשטיין, וואָס אים רינגלט אַרום, האָט ער פרייד פון דעם, וואָס ער קאָן עס באַזיניקן. כאַנע האָט קיין שייַכעס ניט געהאַט צו דער מערהייַט מענטשן, וואָס טראָגן זיך מיטן יאָך פון דער אַלטעגלעכקייַט, פון טיף-פּערזענלעכע איבערלעבונגען. בייס אין קיך פלעגט קומען אַ פרוי, וועלכע די פּאַרוואַלטערקע האָט געשיקט צו כאַנען, האָט כאַנע אָפּט אָנגעשאָט צוויי גלעזער

רײַז אַרײַנגעשאָטן אַ ביסעלע מערער. אײנע אַ פֿרוי פֿלעגט קומען אָפּטער ווי אַנדערע. כאַנע פֿלעגט זי מעכאַבעד זײַן מיט אַ ביסל קאַשע, אַמאָל מיט אַ גלאָז טײ. אײן מאָל, נאָכאַמאָל, ביז די פֿרוי האָט דערצײלט, אַז זי איז אַן אײנזאַמע מאַמע, אַז דער מאַן האָט זי פֿאַרלאָזט, איז ערגעץ אַוועקגע־פֿאָרן און האָט פֿאַרגעסן, אַז ער האָט דאָ געלאָזט צװײ קינדער. כאַנע האָט עס געהערט, מיטגעפֿילט, זיך דערוווּסט באַ דער פֿאַרוואַלטערקע, אַז ניט מיט אײנער טרעפֿט עס, אַז אין קינדערגאָרטן זײַנען דאָ עטלעכע קינדער, וועלכע האָבן קײן טאַטעס ניט. כאַנע האָט עס געהערט, דערבײַ זיך דער־מאָנט דעם קינדערהײם פֿון דער קאָמונע, די דערציִערנס פֿון קינדערהײמס, וועלכע האָבן קײן ביסן ניט אַראָפּגעשלונגען פֿון די קינדערס עסן. שוין אָפּגערעדט דערפֿון, אַז אַ מאַמע זאָל פֿילן, איר קינד איז געקריוודעט, ניט צו זאָגט אָנגעהאָדעװעט. און אָט קומט איר ווידער אָפּן זינען, ווי הענקע, וואָס אַרבעט אין קינדערהײם, קומט אין שטאָל נאָך מילך, ווי זי, כאַנע, דערלאַנגט איר דאָס קווערטל מילך און זאָגט: „טרינקט אויס!”, ווי הענקע גיסט אויס די מילך פֿון קווערטל אין פּאַן, טוט אַ זאָג: „זײַ ניט בעסער צו מיר ווי צו זיך”. צי דען איז עס צו פֿאַרגלײַכן, ווי די דערציִערנס פֿון קינ־דערגאָרטן זאָגן צו כאַנען: „זשאַלעווע ניט, גיב נאָך אַ צוויי לעפֿל, מיר לײגן גענוג קויכעס פֿאַר די קינדער”.

אף די פֿאַרזאַמלונגען פֿון קינדערגאָרטן האָט כאַנע ניט אײן מאָל גערעדט וועגן דערויף, אָבער עס העלפֿט, ווי אַ טויטן באַנקעס. אָט טראַכט זי וועגן דעם, אָט טראַכט זי וועגן עפּעס אַנדערש: „אוואדע איז מיר באַ־שערט אַ גליק. געוויס איז נעכעמיע אַ װעלטנהײַט, אוואדע דאַרף איך דאָס שאַצן. אָבער ער האָט גאָרנישט ניט פֿאַרלאָרן. אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט, איז מיט אים. דערצו האָט ער נאָך מיך אויך”.

אַנומלטן האָט זי אים געפֿרעגט:

— נעכעמיעלע, זאָג מיר, וואָס האָסטו געטראַכט, ווען דו ביסט גע־קומען נעמען מיך מיט די קינדער?

— איך האָב געטראַכט, אַז איך וועל דיך נעמען אַהער, וועלן זײ ניט גײן אין קײן קינדערגאָרטן, זײ וועלן זײַן מיט אונדז, איך האָב דאָך ניט געוווּסט, אַז יאַקאָוו וועט אַזוי גיך קומען פֿון קיִעוו און דערצו נאָך מיט אַזאַ מאַדאַם. איך ווײס, אַז דאָס געפֿעלט דיר ניט...

— דו געפֿעלסט מיר, בין איך גליקלעך. פֿאַרוואָס ווילסטו קלאָר מאַכן דאָס, וואָס איז קלאָר? איך האָב געטראַכט, דיר זאָגן, צי ניט, נאָר סײַווי ווע‌סטו דאָס וויסן דער ערשטער. ווו וועלן מיר זיך אַהינטאָן, אויב עס וועט זײַן נאָך אַ קינד?

כאַנע האָט עס אַרויסגערעדט און זיך אַלײן דערשראָקן. אָבער נעכעמיע איז צוגעפֿאַלן צו איר, געקושט איר פּאָנעם און אירע הענט און אַלץ גע־וואָלט וויסן:

— כאַנוקל, דו ביסט זיכער, אָבער געוויס?

— הער אויף, נעכעמיע, וואָס וועלן מיר טאָן, ווי וועלן מיר זיך אהינ־טאָן? שטענדיק איז פול מענטשן, מע שרייט און מע רייכערט. ס'איז אומעג־לעך צו ברענגען א קליינס אהער.

ניט גרינג, אוי ניט גרינג איז כאנען איצט געווען אפן הארצן! ניט גרינג איז איר אויך אָנגעקומען די ארבעט. מאקאר איז טאקע אוועק אף „שאריקאָפּאָדשיפּניק", עמעס, מע האָט גענומען נאָך א מענטשן אין קיך, די פּארוואלטערקע האָט געזאָגט כאנען, זי זאָל ניט פאָרן נאָך פּראָדוקטן, ווייל זי האָט פארשטאנען, אז כאנע איז אף דער צייט, אָבער די פּראָדוקטן קומען ניט אליין אין קיך. די לעצטע צייט גייט אריין יעליזאוועטע אבראַ־מאָוונע, זי העלפט איבערקלייבן גרויפּן, ארבעס. ס'איז פיין איר ניט פאר־באָרגן, וואָס בא כאנען אפן הארצן טוט זיך. דערפאר פרעגט זי שטיל, איינגעהאלטן.

— כאנע דאווידאָוונע, אויב איך קאָן אייך מיט עפּעס העלפן, וועל איך דאָס טאָן מיט פארגעניגן.

— כ'האָב אליין געטראכט זיך ווענדן צו אייך נאָך הילף. אָבער, ערשטנס, האָב איך דערפילט, אז איך וויל דאָס ניט, צווייטנס, איז שוין צו שפּעט.

— עס איז קיינמאָל ניט שפּעט צו העלפן.

— ס'איז דאָ פאלן ווען עס איז שפּעט, ס'איז שוין בא מיר דער פּער־טער כוידעש.

— אייער מאַן ווייסט?

— יאָ.

— איך האָב אייך געזאָגט עטלעכע מאָל, איר זאָלט אף דער באזע נאָך פּראָדוקטן ניט פאָרן, און זייט ניט אזוי דערשלאָגן און פארלאָרן. א בלינדע הון געפינט אויך א קערנדל, אייער מאַן וועט געפינען אַן אויס־וועג. איך זאָג אייך נאָכאמאָל, איר זאָלט קיין פּראָדוקטן ניט שלעפּן!

— יעליזאוועטע אבראַמאָוונע, איך וווּנדער זיך אף אייך, איר ווייסט דאָך, אז עס איז ניט דאָס ערשטע מאָל.

— איך פארשטיי אייך ניט, איר רעדט, ווי א פיצל, אין אזעלכע זאכן איז אלעמאָל דאָס ערשטע מאָל.

כאָטש די ווערטער האָבן כאנען געטראָפן אין סאמע הארצן, איז זי גע־ווען אזוי זיכער אין זיך, אז זי איז יעדעס מאָל געפאָרן מיטן וועגעלע און מיט דער צווייטער ארבעטערקע אף דער באזע. אָפט האָט זי זיך געוווּנטשן, אז זי זאָל פאָטער ווערן פונעם טראָגן, נאָר קוים האָט זי זיך דערמאָנט, ווי גליקלעך נעכעמיע איז, ווי ער וואַרט אף דעם, האָט זי זיך בארויִקט. זי האָט דאָך גוט געוווּסט, ווי גינציק, ווי געטריי, ווי באהעפט נעכעמיע איז צו איר. פונדעסטוועגן איז כאנען וואָס ווייטער געווען אלץ שווערער און בי־טערער.

...די טעג זײַנען געוואָרן לענגער, ליכטיקער און וואַרעמער. כאַנע האָט געאַרבעט ווי פריִער, ווי פריִער איז זי אָפּ זונטיק מיט די קינדער געפאָרן אַהיים און יעדער מאָל פלעגט זי זיך אָפּסנײַ וווּנדערן, ווי פאַר זעקס טעג וואַקסט אָן אַזויפיל פּעטס און ברוד אָפּ אַלץ, וואָס געפינט זיך אין צימער: די צעראַטע, די פענצטער-ברעטער, אַפילע די אָנלענען פון די שטולן זײַנען געווען ווי אויסגעשמירט אין פּעטס. אַלץ האָט זי געוואַשן מיט זודיקער וואַסער. און נעכעמיע האָט זי געטרייסט:

— כאַנוקל, נעם זיך ניט צום האַרצן. אַלץ איז באַשמירט מיט זייער פּוטער.

— פינוואַנען האָבן זיי אַזויפיל פּעטקײַט?

— זיי קויפן דאָס אין דער קאָמערטשעסקער קראָם.

דער זונטיקדיקער טאָג פלעגט אַוועקגיין איינס-און-צוויי. אָט האָט זי געלייגט די קינדער שלאָפן, אָט האָט זי זיי שוין געדאַרפט וועקן. דאָס איז געווען אַ ביטערע זאַך. די קינדער האָבן געוויינט, זיך ניט געלאָזט אָנטאָן, צו דער אַרבעט איז זי געקומען אַ פאַרמאַטערטע, און עס האָט זיך ערשט פאַר איר אָנגעהויבן אַ נײַער אַרבעטסטאָג.

אָפּט הייבט זיך אָן דער טאָג מיט פאָרן נאָך פּראָדוקטן אָפּ דער באַזע. עמעס, זי פאָרט מיטן וועגעלע דרײַ מאָל אָנשטאָט איין מאָל, פונדעסטוועגן קומט עס איר אָן ניט גרינג.

יעליזאַוועטע אַבראַמאָוונע איז געווען אַ באַהאַוונטער מענטש, און זי איז געווען גערעכט, בייס זי האָט געזאָגט: „אין אַזוינע זאַכן איז אַלעמאָל דאָס ערשטע מאָל”. כאַנע האָט זיך געפילט ערגער ווי יענע דרײַ מאָל. דאַן האָט זי געטרונקען און געגעסן, ווי אַלע מענטשן. איצט האָט זי נאָר געטרונקען... פון אַלץ האָט איר געעיבלט. זי האָט ניט געקאָנט אַריבערטראָגן דעם רייעך פון די געריכטן, וואָס זי האָט געקאָכט. ניט איין מאָל איז זי אַרויסגעלאָפן פון קיך כאַפּן פרישע לופט. פּלוצעם פלעגט אָפּ איר אָנפאַלן אַזאַ האַרצקלאַפּעניש, אַז זי האָט געשפּירט — אָט שפּרינגט איר אַרויס דאָס האַרץ. טאַקע איבער די רייכעס פון קיך איז כאַנע מיט גרויס כיישעק געפאָרן אָפּ דער באַזע. עטלעכע מאָל האָט נעכעמיע אונטערגעהאָלפן, איצט איז ער גראָד געווען פאַרנומען, ער האָט געהאַט אַ באַשטעלונג, און ער איז גאַנצע טעג און ביז שפּעט אין אָוונט געזעסן באַם טיש. אַזוי אַז כאַנען האָט ער באַגעגנט, אָבער מער ווי אָפּ דעם האָט ער קיין צײַט ניט געהאַט. אין די זונטיקן פלעגט נעכעמיע זי אָפּרײַסן פון דער שטוב-אַרבעט, און זי פלעגט עטלעכע שאָ זײַן מיט די קינדער אָפּ דער פרישער לופט. ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז דער קינסטלער-פאַריין האָט געגעבן נעכעמיען אַ פּוטיאָווקע אָפּ צוויי וואָכן, און ער איז אַוועקגעפאָרן אין אַ בײַשטאָטישן שעפערישן אָפּרו-הויז.

איינעם אַ פרימאָרגן איז כאַנע פאַמעלעך געגאַנגען באַם סאַמע טראָטואַר, די שטריק פון וועגעלע האָט זי אַרומגעדרייט אַרום דער האַנט, קעדיי דאָס וועגעלע מיט די פּראָדוקטן זאָל גיין גלײַכמעסיק און זיך ניט גליטשן

אַף אַלע פיר רעדעלעך, בײַס די גאַס, גייט אַ ביסעלע באַרג-אַראָפּ. אַ גאַנצן פרימאָרגן האָט זיך כאַנע געפילט ניט גוט, אַלע גלידער זײַנען געווען ווי מיט בלײַ אָנגעגאָסן. אין קאָפּ האָט איר אַ ביסעלע געשווינדלט, נאָר פאָרנדיק צו דער באַזע, האָט זי זיך צעשטרייט און ס'איז ווי גרינגער געוואָרן. איצט, פאָרנדיק צוריק, האָט זי פּלוצעם דערפילט אַ ווייטעק אין קרייץ. מיט די לעצטע קויכעס האָט כאַנע דערשלעפט די פּראָדוקטן צום הויף פון קינדערגאָרטן. אין הויף האָט איר שוין קיין קויעך ניט געקלעקט אַרײַנצושלעפן דאָס וועגעלע, אַ קעלט האָט זי דורכגענומען, און אין דער זעלבער צײַט האָט עפּעס הייס אַ פלייץ געטאָן פון איר, און זי איז אומגעפאַלן.

כאַנע איז צו-זיך געקומען אין שפּיטאָל, און זי האָט ניט געפרעגט, „וווּ בין איך", זי האָט זיך גלײַך דערמאָנט, וואָס מיט איר האָט געטראָפן. די פאַלאַטע-שוועסטער האָט דערזען, אַז כאַנע פּרוווט זיך אַ קער טאָן אַף אַ זײַט, האָט יענע שטרענג געוואָרנט:

— קראַנקע, איך ווייס, אַז ס'איז אײַך ניט באַקוועם, אָבער ליגט רויִק, ווײַל ערשט נעכטן איז געווען אײַער אָפּעראַציע.

— וואָס פאַר אַן אָפּעראַציע?

— איר האָט דאָך געהערט, אײדער מע האָט אײַך געגעבן דעם שלאָפטרונק, ווי דער דאָקטער האָט געזאָגט, אַז מע דאַרף אַרויסנעמען בײַ אײַך דאָס קינד. מיט איין וואָרט, אַלץ איז אין אָרדענונג, ליגט רויִק, אַז ניט, קאָן זײַן אַ בלוט-שטורץ.

פון דער שוועסטערס ווערטער איז אַרײַנגעדרונגען אין כאַנעס גלידער אַ קאַלטע פּוסטקײַט. זי האָט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צו דער וואַנט, און פײַנלעכע, הייסע טרערן האָבן אַ גאָס געטאָן פון אירע אויגן. די שוועסטער איז ווידער צוגעגאַנגען צו איר:

— קראַנקע, נעמט זיך די מינוט אין די הענט, צעלאָזט זיך ניט, וואָרעם איר קענט אינגאַנצן פאַרשפּאָרן געזונט צו ווערן.

כאַנע האָט אויפגעהערט צו וויינען, און אַף וויפל זי איז געווען בעקויעך, האָט זי פונדעסטוועגן אָפּגעענטפערט דער שוועסטער:

— ס'וואָלט געווען גלײַכער, איר זאָלט האָבן צו טאָן מיט געזינטע, זיי וואָלטן אײַך געענטפערט מיט קעגנזײַטיקער ליבע.

לאַנג האָט כאַנע ניט געקאָנט טראַכטן וועגן דער שוועסטער. זי האָט געטראַכט וועגן דעם, וואָס מיט איר האָט געטראָפן, אָבער מער פון אַלץ האָט זי געטראַכט וועגן די קינדער: „ס'האָט געדאַרפט טרעפן מיט מיר אַזאַ אומגליק, קעדיי איך זאָל פאַרשטיין, ווי פאַריאָסעמט מײַנע קינדער וועלן בלײַבן אָן מיר".

...און די קינדער?

די קינדער האָבן ניט איפגעהערט צו פרעגן בײַ די דערציִערנס און בײַ יעליזאַוועטע אַבראַמאָוונען: „וווּ איז אונדזער מאַמע? פאַרוואָס איז זי נעכטן און נאָכאַמאָל נעכטן ניט געקומען צו אונדז, אונדזער מאַמע?"

— כ'האָב אײַך דאָך געזאָגט, אז די מאמע איז קראנק. זי וועט נאָר געזונט ווערן, וועט זי קומען צו אײַך.

— מיר ווילן זען, ווי זי איז קראנק, — האָבן אַלע דרײַ מיטאמאָל געזאָגט.

— איר ווייסט דאָך, אז מע טאָר אין שפּיטאָל ניט גיין.

— מיר וועלן זאָגן דעם דאָקטער, אז מיר זײַנען אויך קראנק, — האָט די קלענסטע געפונען אן אייצע.

אפן זעקסטן טאָג נאָך דער אָפּעראַציע האָט יעלִיזאַוועטע אבראַמאָוונע געפּויעלט באם הויפּט-דאָקטער, ער זאָל איר דערלויבן צו ברענגען די קינדער אין שפּיטאָל. ווי נאָר די טיר האָט זיך געעפנט, קוים האָבן די קינדער פארשטאנען, אָף וואָס פאר א בעטל זייער מאמע ליגט, האָבן זיי זיך ארויסגעריסן פון דער פארוואַלטערקע און זײַנען צוגעפאלן צו כאַנען. זיי זײַנען זיך פארגאנגען אין אזא ביטער געוויין, אז די קראנקע און אפילע די שוועסטער, וועלכע איז שטענדיק געווען הארב און ניכטער, האָבן געוויינט ניט ווינציקער פון כאַנען. דער דאָקטער האָט דערהערט דעם יאָמער, איז ער צוגעגאנגען צו די קינדער און האָט קלוימערשט פארוווּנדערט געזאָגט:

— דאָס ערשטע מאָל זע איך אזעלכע קינדער, וואָס האָבן ניט ליב זייער מאמען.

די קינדער האָבן נאָך העכער גענומען וויינען. דאַן האָט דער דאָקטער מיט גוטן און מיט בייזן זיי אײַנגערעדט, אז ער האָט עפּעס פאר זיי אין קאַבינעט. ער האָט זיי טאַקע געגעבן מאַנדאַנסיע, און אז זיי האָבן שוין געהאט עפּעס אין מויל, האָט ער ערשט געקאָנט זיי אײַנשמועסן, אז אויב זיי וועלן וויינען, וועט ער מער אהער קיינעם ניט ארײַנלאָזן.

בײַם יעלִיזאַוועטע אבראַמאָוונע איז אוועקגעגאנגען מיט די קינדער, האָט דער דאָקטער ערשט גוט אויסגעמוסערט כאַנען. זי האָט זיך אופגעגעסן, וואָס זי איז אײַנגעגאנגען אָף דעם, אז נעכעמיע זאָל אוועקפאָרן אין אָפּרוהויז.

אָף מאָרגן איז געקומען פרידע און האָט דערציילט:

— איך בין געגאנגען צו יאַקאָוון זיך דערוויסן נעכעמיעס אדרעס. איך האָב אים געשיקט א טעלעגראַמע. פארוואָס האָב איך אים געזאָגט, אין וואָס פאר א שפּיטאָל איר ליגט. זיי זײַנען געווען בא אײַך?

— דערווײַל ניט. זיי דארפן מיך אזוי, ווי א פּראָש א שירעם. צווייטנס, בין איך גאָר ניט אזוי איינזאם. אײַער מאמע קומט אַלע טאָג, איר קומט. יעוודאָקיִע האָט מיר נעכטן געבראַכט א פלעשל מילך, עטלעכע טרוקענע בייגל, אזוי, אז איך קאָן זיך באַגיין אָן יאַקאָוון מיט זײַן בראָניסלאַווע.

פון טאָג צו טאָג האָט כאַנע זיך געפילט בעסער. זי איז שוין צוביסלעך ארומגעגאנגען, זי האָט געפּרוווט ריידן מיטן דאָקטער וועגן אויסשרײַבן, נאָר ער האָט זיך געמאַכט ניט-הערנדיק. כאַנע האָט ניט פארשטאנען, פארוואָס ער פירט זיך אזוי, אָבער א סיבע איז געווען. יעלִיזאַוועטע אבראַמאָוו-

נע האָט זיך דורכגערעדט מיטן דאָקטער, זי האָט אים דערציילט כאַנעס לאַגע און האָט געפּויעלט בא אים, ער זאָל זיך ניט איילן מיטן אויסשרייבן. פאַרשטייט זיך, אַז יעליזאַוועטע אַבראַמאָוונע האָט עס ניט דערציילט כאַנען, אַקוראַט ווי זי האָט איר קיין וואָרט ניט געזאָגט וועגן דעם, אַז אַף זונטיק נעמט זי די קינדער צו זיך, זי באָדט זיי און טוט אַלץ, וואָס מע דאַרף.

אַנומלטן נאָך מיטיק איז כאַנע געזעסן אַף איר געלעגער און געלייענט „כאַלסטאָמער”. כאָטש די דערציילונג האָט זי זייער פאַרכאַפּט, האָט זי ניט געקאָנט ניט באַמערקן, אַז דאָ קומט עפּעס פאָר. ס'איז דורכגעלאָפן די שוועסטער, דערנאָך איין ניאַניע און די אַנדערע, מיטאַמאָל איז דער דאָקטער אויך דורכגעלאָפן די פּאַלאַטע, דערנאָך איז שטיל געוואָרן און די ניאַניע האָט געבראַכט אָוונטברויט.

— וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ טומל נאָך מיטיק? — האָט כאַנע געפרעגט בא דער ניאַניע.

— אַ טומל? ס'איז שוין געווען איינמאָל אַ מייסע. עס איז געקומען איינער אַ יונגערמאַן צו זיין ווייב, נעמט די ניאַניע פון דער דריטער פּאַלאַטע און זאָגט אים אָן אַ גוטע בסורע, אַז זיין ווייב איז געשטאָרבן. אַז ער טוט עס אַ פאַל אין כאַלאַשעס, מע האָט אים קוים אָפּגעמינטערט, ער ליגט נאָך איצט אויך אין אופנאַם-קאַבינעט. איך בין אַריינגעגאַנגען אַ קוק טאָן אַף אים, ס'איז אַזאַ ראַכמאָנעס, אַז איך קאָן אייך גאָרניט זאָגן.

— פון וואָס איז געשטאָרבן זיין ווייב?

— איך ווייס ניט, איך אַרבעט דאָך ניט אין יענער פּאַלאַטע. אָבער דאָס ווייב איז גאָרניט געשטאָרבן. דער דאָקטער האָט געגעבן דער ניאַניע, וועלכע האָט עס אַרויסגעליאַפּעט, יענעם כיילעק!

כאַנע האָט זיך ווידער פאַרטיפט אין לייענען. אין אַ ווייַלינקע אַרום האָט זי פאַרמאַכט דעם בוך, אָבער אַלץ איז געשטאַנען פאַר אירע אויגן. זי האָט געדענקט יעדער וואָרט פון דער דערציילונג, מאַמעש געזען אַלץ פאַר די אויגן. זי האָט פּלוצעם אַ טראַכט געטאָן: „מיך וואָלט מען אויך אַוועקגעשלעפּט, ווען איך וואָלט געווען אַ פערד, בייס איך בין אומגעפאַלן”. און באַלד האָט זיך שוין ווידער געדרייט אין איר מויעך דאָס קעסיידערדיקע: „וואָלט איך געפאָלגט יעליזאַוועטע אַבראַמאָוונען און ניט געשלעפּט די פּראָדוקטן, וואָלט דער אומגליק ניט געטראָפן”. אָט אַזוי קרייזן די געדאַנקען, קרייזן אָן אַ סאָף, און כאַנע בלייבט ליגן אַ פאַרכושטע. וויאַזוי די טיר פון פּאַלאַטע האָט זיך געעפנט, האָט זי ניט געהערט, אָבער זי האָט גלייך דערהערט, ווי די קראַנקנשוועסטער האָט הויך אויסגערופן:

— כאַווערטע פייַנבערג, צו אייך איז מען געקומען.

נאָר דער שוועסטערס אויסרוף איז לאַכלוטן געווען איבעריק, ווייל נעכעמיע איז שוין געשטאַנען לעבן כאַנעס בעט.

— ווי פילסטו זיך, ווי פילסטו זיך? — האָט ער געפרעפּלט.

— איך פיל זיך ניט שלעכט. וואָס ביסטו אַזוי בלייך?

די קראַנקנשוועסטער איז צוגעגאַנגען און האָט געוואָרנט:

— דאָ זאָלט איר זיך גוט האַלטן. פריִער האָרעוועט דאָס ווײַב אין שטוב און אויף דער ארבעט ווי אַן אָקס! און דער געטרײַער לײַבלעכער מאַן מאַכט זיך ניט-זעענדיק. דערנאָך ווערט ער ווייך, ווי פּוטער, גיסט טרערן, מאַכט א כאַלאָשעס מער ווי אויף א שאַ, דער דאַך הייבט זיך אין שפּיטאָל.

— יעקאַטערינא פּאַוולאָוונא, איר זעט דאָך, ער האַלט זיך זייער גוט, — און צו אים: — אַט שטייט א שטול, זעץ זיך. וואָס איז געשען?

— א קלייניקייט, מע האָט מיר געזאָגט, אַז דו ביסט געשטאָרבן.

— דו זעסט דאָך, אַז איך לעב. זעץ זיך. פֿונוואַנען האָסטו זיך דער-ווּסט, וואָס מיט מיר האָט געטראָפֿן? דו האָסט געקראָגן פרידעס טעלע-גראַמע?

— די טעלעגראַמע בלאָנדזשעט ערגעץ, מיסטאַמע. פרידע אַליין איז געקומען. איצטער פאַרשטיי איך גאָרניט, ווי איך האָב געקענט אָוועק-פֿאָרן. מיט די אייגענע הענט...

ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר כאַנע האָט אים איבערגע-שלאָגן:

— איך בעט דיך, האָב ראַכמאָנעס, וואָס איז די פּולע, מיט אייגענע הענט, צי מיט פרעמדע הענט. ס'איז ניטאָ וואָס צו כאַלעשן און ס'איז ניטאָ וואָס צו וויינען. וויש אויס די טרערן. מעגסט זײַן זיכער, אַז איך האָב שוין געוויינט פאַר דיר אויך. רוק צו דעם שטול. וואָס זיצסטו פֿונ-דערווײַטן? איך זע עפּעס, אַז זיי לויפן, זיי טומלען, נאָר פרעג מיך בעכיי-רעם. ערשט דערנאָך האָט מיר די ניאַניע דערציילט, אַז איינער א יונגער-מאַן איז געפאַלן כאַלאָשעס, ווײַל מע האָט אים געזאָגט, אַז דאָס ווײַב איז געשטאָרבן.

— ביסט גערעכט, ס'איז טאַקע קיין פּולע ניט. מאָרגן פאָר איך זוכן א דירע. דאָס איז איצט דאָס סאַמע וויכטיקסטע. דו וועסט מער ניט דאַרפֿן ארבעטן, ס'הייסט דו וועסט האָבן א סאַך ארבעט, אָבער ניט אין קיין אַנשטאַלט.

דוכט זיך, אַזוי ווינציק צײַט איז נעכעמיע געווען אין פּאַלאַטע, און די דעזשורנע שוועסטער הייסט אים שוין גיין פֿינדאַנען.

נאָך נעכעמיעס אַוועקגיין איז אויף א ווײַלינקע געקומען יעליזאַוועטע אַבראַמאָוונע. זי האָט זיך זייער פאַרוווּנדערט, וואָס כאַנע האָט בא איר געבעטן טעלעכע בייגעלעך פּאַפּיר.

— איר דאַרפט אָנשרײַבן א בריוו, וועל איך אײַך ברענגען א קאָנ-ווערט אויך.

— א דאַנק, קיין קאָנווערט דאַרף מען ניט. איך וויל פּראָסט עפּעס פאַרשרײַבן — האָט כאַנע אויסגעמײַדט א קלאָרן ענטפֿער.

כאָטש כאַנע איז געווען זייער צוגעבונדן צו יעליזאַוועטע אַבראַמאָוו-נען, האָט זי איצט געוואָלט, אַז יענע זאָל גיכער אַוועקגיין, ווײַל זי האָט די גאַנצע צײַט געהאַט א געפֿיל, אַז איר איז נייטיק עפּעס גרינטלעך

באטראכטן, און טאקע, ווי נאָר יעליזאוועטע אבראמאָוונע איז אוועקגעגאנ־גען, האָט כאנע דערזען א בילד פון איר וויַטער קינדהייַט. „ס׳איז א ווינטערדיקער שאבייסענאכטס. אפן טיש שטייט א גרויסע שיסל מיט אָפּגעקאָכטער בולבע אין מונדירן, אין א צווייטער שיסל שטייט זויער קרויט, אף א גרויסן פאַרצעלייַענעם טעלער ליגן געבאקענע הערינג, ארום טיש זיצן עטלעכע שכיינים, עטל כייַקל דעם גלעזערס האָט שוין איר כיילעק אופגעגעסן, זי שטייט לעבן אויוון און ווארעמט זיך. קיינער זעט ניט, אָבער כאנע זעט זייער גוט, ווי עטל האָט אופגעהויבן דאָס אייבערשטע קלייד און שטייט אזוי, קעדיי עס זאָל איר זייַן ווארעמער. אפּאָנעם, אז די באָבע האָט אויך געזען דאָס, וואָס דאָס אייניקל זעט, און האָט זיך צעבייזערט: „טרייפער ביין, מאזיק, וואָס האָסטו צו קוקן, ווו מע דארף ניט!״ דאָס אלץ איז אזוי אויסדריקלעך-בוילעט געשטאנען פאר כאנעס אויגן, אז זי האָט זיך אזש צעשמייכלט, נאָר אין א ווײַלע ארום האָט כאנע שוין געטראכט: „פארוואָס זאָגט נעכעמיע „דו דארפסט דאָס ניט״, בייס איך האָב אים געזאָגט, אז כ׳וויל עפּעס פארשרייַבן. ער האָט עס ניט געדארפט זאָגן, דאָס איז ניט גוט, כ׳קאָן ניט פארשטיין זייַן מיין דערבייַ, אָבער פּאָלגן וועל איך אים ניט...״ — האָט כאנע באשלאָסן.

ווי נעכעמיע האָט כאנען צוגעזאָגט, אזוי האָט ער געטאָן, ער איז אוועקגעפאָרן קיין אודעלנע, און עס האָט אים אָפּגעגליקט: ער האָט לאַנג ניט געדארפט זוכן. ניט וויַט פונעם וואָקזאל אין א זייַטיקער גאס האָט ער געדונגען צוויי צימערן מיט א באזונדער ארייַנגאנג. די צימערן זייַנען געווען ליכטיקע, ניט קיין קליינע, און מער פון די צימערן איז נעכעמיע געווען ציפרידן פון דער באלעבאָסטע. פונעם ערשטן קוק איז זי אים געפעלן געוואָרן. ערשטנס, האָט זי גערעדט יידיש בעסער פון אים, צווייטנס, האָט זי גלייַך בא אים געפרעגט:

— ווען פאָרט איר אריבער?

— גלייַך ווי מע וועט אויסשרייַבן מייַן ווייַב פון שפיטאָל.

— פארוואָס האָט איר מיר גלייַך ניט געזאָגט, אז אייַער ווייַב איז קראנק?

— כ׳האָב געטראכט, אז דאָס איז ניט וויכטיק צו זאָגן.

— וואָס איר האָט געטראכט, ווייס איך ניט, אָבער קיין אדערוף וועל איך בא אייַך ניט נעמען. זייַט אזוי גוט, לייגט ארייַן דאָס געלט צוריק אין קעשענע. איך מאך מיט אייַך אָפּ אזוי: ביזן פינפטן מייַ איז געבליבן א וואָך, הייסט עס, אז אין א וואָך ארום קומט איר צו פאָרן מיר זאָגן, צי איר דארפט די דירע, צי ניט? אויב איר זאָגט מיר גאָרניט, וועל איך פארדינגען די צימערן, ווייַל דאטשניקעס פעלן ניט, די טיר מאכט זיך ניט צו, נאָר אזוי־ווי איר דארפט די דירע אף ווינטער אויך, וועל איך אף אייַך ווארטן.

— פארוואָס נעמט איר דאָס געלט ניט?

— זייַט ספאָקוינע, בא וועמען ס׳איז טייַער געלט, בא מיר — א וואָרט.

פון אודעלנע איז נעכעמיע געפאָרן צו כאַנען, און כאָטש עס איז געווען ניט קיין טאָג פון באַזוכן די קראַנקע, האָט אים די שוועסטער אַרײַנגעלאָזט און פאַרגעוואָרפן:

— גייט שוין, גייט אַרײַן, וואָס זאָל איך מיט אײַך טאָן. איר קאָנט נאָך ווידער מאַכן אַ כאַלאַשעס.

נעכעמיע האָט זיך געמאַכט ניט־הערנדיק, האָט אַ שפּאַן געטאָן צו כאַנעס בעט און אָנגעזאָגט:

— כאַנוקל, ביסט אַ באַלעבאָסטע פון צוויי צימערן.

— ווײַט פון מאָסקווע?

— ניין, ניין, ניט ווײַט פון מאָסקווע און ניט ווײַט פון וואָקזאַל, און ביידע צימערן האָבן טירן, וועל איך קענען זיצן און אַרבעטן, ווי אַ גראַף.

— נו, אַז דו וועסט זײַן אַ גראַף, וועל איך זײַן אַ גראַפיניע. דער דאָקטער האָט מיר הײַנט געזאָגט, אַז אָנהייב קומענדיקע וואָך שרײַבט מען מיך אויס.

— אויב אַזוי, פאַר איך מאָרגן אין אודעלנע, זאָל די באַלעבאָסטע צוגרייטן די צימערן, — האָט נעכעמיע געזאָגט צו כאַנען, און ער איז אוועקגעגאַנגען.

געקומען צו ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטשן, האָט ער אים דערציילט וואָס און ווען, און יענער האָט אַף אים געקוקט און פון צײַט צו צײַט געזאָגט: „טאַק, טאַק, טאַק". ער האָט אַרויסבאַגלייט נעכעמיען און גערעדט ווי מיט זיך אַליין:

— איך בין געווען בײַ יאַקאָוון. ניט ער און ניט זײַן ווײַב האָבן קיין וואָרט ניט געזאָגט, אַז כאַנאַ דאַווידאָווונאַ איז קראַנק. דאָס איז ניט פאַרשטענדלעך. — און מיטאַמאָל האָט ער אַ פרעג געטאָן: — געלט דאַרפט איר?

— ניין, אַ דאַנק.

— דערלאַנגט אַ מעלדונג אין „מאָסך"[1], אַז איר זײַט געבליבן מאַמעש אַפן גאַס. דאָס איז דאָך טאַקע אַזוי.

— יאָ, כ'וועל דאָס טאָן.

— יאַקאָוו אָדער זײַן ווײַב האָבן באַזוכט כאַנע דאַווידאָווונען אין שפּיטאָל?

— קיינמאָל ניט. אָבער כאַנע דאַווידאָווונע איז ניט געווען אײנזאַם.

ערשט איצט, ווען נעכעמיע האָט געזאָגט די ווערטער: „כאַנע דאַווידאָווונע איז ניט געווען אײנזאַם", האָט ער אין דער פולער מאָס פאַרשטאַנען, וואָס יעליזאַוועטע אַבראַמאָווונע און פרידע האָבן פאַר אים געטאָן. בײַס ער האָט אין אַ פּאָר טעג אַרום געטראָפן יעליזאַוועטע אַבראַמאָווונען אין כאַנעס פּאַלאַטע און ער האָט איר דערציילט, אַז ער האָט געדונגען אַ דירע, האָט זי מיט אַ געפאַלן קאָל געזאָגט:

---

[1] מאָסקווער קינסטלער־פאַריין.

— די ערשטע צײַט זאָלט איר העלפֿן וויפֿל איר קענט. כאַנע דאַווידאָוונע דאַרף אָפּרוען.

און ווען זי איז מיט אים אַרויס פֿון פּאַלאַטע, האָט זי זיך ווידער אומגעקערט צו דעם:

— ס׳איז וויכטיק, איר זאָלט ניט זײַן אַזוי זיכער ווי פֿריִער, אַז כאַנע האָט אָן אַ שיר קײַכעס און זי קאָן אַלץ בײַקומען. מע דאַרף זייער אַכטונג געבן אויף איר, ווײַל זי געהערט צו די מענטשן, וואָס וויפֿל זיי זאָלן ניט נעמען אויף זיך, דאַכט זיך זיי, אַז עס איז אַלץ ווייניק.

— אַ דאַנק, יעליזאַוועטע אַבראַמאָוונע, איך וועל דאָס אײַן זינען האָבן.

— אײַן זינען האָבן איז ווייניק. וואָס איר קאָנט אַליין ניט, זאָגט מיר און מײַן פֿרידען, מיר וועלן אײַך העלפֿן. איר וועט מיר אַנטשולדיקן, נאָר מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איר פֿאַרשטייט ניט אינגאַנצן כאַנען. זי האָט מיר אַנומלטן איבערדערציילט אַנדערסענס אַ מײַסעלע מיט אַזויפֿיל געשמאַק און פֿאַרשטאַנד, אַז דאָס האָט מיך מער ווי פֿאַרוווּנדערט. דאָס איז דאָך עמעסע פֿעיִקײַטן, זי נעמט אויף מיט אַזאַ פֿרישן אָריגינעלן געפֿיל, איך וועל ניט זײַן פֿאַרוווּנדערט, אויב מיט דער צײַט וועלן זיך בא איר אַרויסווײַזן גאָר זעלטענע פֿעיִקײַטן. אײַך האָט זייער אָפּגעגליקט, דאָס טרעפֿט ניט אַזוי אָפֿט, — האָט יעליזאַוועטע אַבראַמאָוונע געזאָגט צו נעכעמיען, געזאָגט עס ניט נאָר דערפֿאַר, וואָס זי האָט געוואָלט ווײַזן, אַז זי פֿאַרשטייט מער פֿון אים, זי איז אויסן געווען דערמיט, אַז ער זאָל וויסן, ווי הויך זי שטעלט כאַנען.

איצט איז נעכעמיע געווען פֿאַרנומען מיט אײַנאָרדענען די דירע. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קיין סך דײַגעס האָט ער ניט געהאַט. די באַלעבאָסטע האָט געגעבן צוויי בעטן, שטולן, צוויי טישן, אַזוי אַז ער האָט געדאַרפֿט קריגן נאָר דאַטשע-בעטלעך פֿאַר די קינדער און שרין. בײַס כאַנע איז אַרײַנגעגאַנגען און האָט דערזען דעם צימער, אַפֿילע צוויי-דרײַ נאַרציסן מיט אַ גרין צווײַגעלע אין אַ סלאָיִקל, האָט זי אַזש אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט פֿאַר פֿרייד. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט נעכעמיע געבראַכט די קינדער, און, ענדלעך, זײַנען זיי געוואָרן עמעסע באַלעבאַטים. איין זאַך האָט נעכעמיען אַ ביסעלע פֿאַרשטערט זײַן פֿרייד. ער האָט געפֿילט, אַז כאַנע איז מיט אים ניט ביזן סאָף אָפֿנהאַרציק, און ער איז געווען גערעכט. אויף דעם פּאַפּיר, וואָס יעליזאַוועטע אַבראַמאָוונע האָט געבראַכט כאַנען אין שפּיטאָל, האָט זי אָנגעשריבן וועגן דעם, ווי איר באָבע פֿלעגט שאַבייסענאַכטס מעכאַבעד זײַן די שכײַנע ווינטער מיט בולבע אין מונדירן און מיט זויער קרויט, זומער מיט קאַלטן שטשאַוו. זי האָט עס אָנגעשריבן פּונקט אַזוי, ווי דאָס בילד איז אַנטשטאַנען פֿאַר אירע אויגן. און איינמאָל, בײַס נעכעמיע איז ניט געווען אין שטוב און ס׳איז גראָד געקומען פֿרידע, האָט כאַנע פֿאָרגעלייענט דאָס, וואָס זי האָט

אָנגעשריבן. פרידע האָט געלאַכט און געגלויבט. אָבער נעכעמיע האָט א היפּ־שע צײַט ניט געוווּסט וועגן דעם.

יעליזאַוועטע אבראַמאָוונע האָט כאַנע איצט געגרופן פּראָסט לייע, און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז לייע רעדט גאַנץ פֿײַן ייִדיש, א סאַך בעסער, ווי נעכעמיע האָט גערעדט מיט א קורצער צײַט צוריק. כאַנע האָט אָנגע־שריבן נאָך א קליינינקע דערציילונג וועגן דעם, ווי זי האָט זיך געלערנט בא שמועל דעם רעבן אין כיידער, און וועגן מיילעכקע סענדערס, וואָס איז געזעסן לעבן איר און ניט אָנגעהויבן צו געדענקען קיין איין וואָרט פֿון כומעש; און וויאַזוי זי, כאַנע, פּלעגט אים אונטערזאָגן, דערפֿאַר פּלעגט איר מיילעכקע אַלע פֿרײַטיק געבן א גראָשן. אַזוי האָט זיך בא איר אָנגעקליבן צוויי קאָפּעקעס און זי, כאַנע, האָט געקויפֿט בא וויכנע דער צוקערניטשקע כאַלוואַ. געקומען מיט דער זיסקײַט אַהיים, האָט זי זיך באַהאַלטן אַהינטערן האַלץ, געגעסן און געגעסן און דערפֿילט, אַז עס גייט שוין צוריק. דעמאָלט האָט זי פֿאַרוואָרפֿן דעם רעשט כאַלוואַ צווישן האָלץ און איז אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב. אַרײַנגעגאַנגען און דערזען וויכנען, דערפֿילט א קעלט אין אַלע גלידער, און ניט אומזיסט, ווײַל דער זיידע האָט געפֿרעגט: „פֿאַר אונדז האָסטו געלאָזט א שטיקעלע נאַשערײַ?" די באָבע האָט גאַרנישט געפֿרעגט, זי האָט געגעבן א פּאָר גוטע פּעטש. דעריבער האָט כאַנע פֿײַנט כאַלוואַ ביז הײַנטיקן טאָג. דאָס אַלץ האָט זי באַשריבן מיט אַלע פּראָטים, און ווען זי האָט עס איבערגעלייענט לייען, האָט יענע געקײַכט פֿון געלעכטער. דערנאָך האָט לייע געפֿרעגט:

— נעכעמיען האָט איר דאָס געלייענט?

— ער זאָגט, אַז איך דאַרף דאָס ניט.

— וואָס דאַרפֿט איר ניט?

— ער זאָגט, אַז איך דאַרף ניט שרײַבן.

— איר פֿאָלגט אים דאָך ניט.

— איך פֿאָלג ניט און וועל ניט פֿאָלגן!

אַזוי איז טאַקע געווען. אָבער עס זײַנען אַוועק יאָרן, ביז כאַנע האָט אופֿגעהערט צו צערײַסן דאָס, וואָס זי פּלעגט אָנשרײַבן.

עס האָט זיי שטאַרק אָפּגעגליקט מיט דער באַלעבאָסטע. ראָזאַליע סאַלאָמאָנאָוונע האָט זי בא זיי געהייסן. בא די קינדער — באָבע רייזע. זי איז טאַקע געווען ווי א מאַמע צו כאַנען מיט נעכעמיען און א באָבע צו די קינדער. די קינדער האָבן מאַמעש אופֿגעלעבט. ס'איז אָף זיי אַרויף א נײַע הויט, זייער געלעכטער און זייער שפּילן זיך האָט היימלעך געמאַכט אַלץ אַרום און אַרום. כאַנע האָט זיך געוווּנדערט:

— נעכעמיע, איך פֿאַרשטיי ניט, ס'איז זיי דאָך ניט צו דערקענען. פֿון געבוירן־טאָג אָן זײַנען זיי געווען אין קינדערהיימס, און איך האָב ניט אָנגעהויבן צו וויסן, אַז זיי קאָנען זײַן אַזוי פֿריילעך.

כאַנע האָט זיך גוט פֿאַריכט, די לופֿט האָט אויך צוגעהאָלפֿן. א ביסל האָבן זיי זיך געערגערט, ווײַל זיי זײַנען געווען זיכער, אַז רייזע וועט

אַף די זומערדיקע כאַדאָשים העכערן דאָס דירע־געלט, אָבער רייזע האָט קיין וואָרט וועגן דעם ניט געזאָגט, און נעכעמיע מיט כאַנען האָבן געהאַט די פולע מעגלעכקייט צו פאַרגלײַכן רייזען מיט יאַקאָווס ווײַב, מיט בראָניסלאַוועז, וואָרעם רייזע האָט געטאָן פונקט פאַרקערט, זי פלעגט צונויפכאַפּן דאָס, וואָס עס האָט זיך איר אויסגעוויזן צו זײַן ניט זייער ריין, בײַס כאַנע איז אין שטוב ניט געווען, און דערנאָך פלעגט זי זיך אַרײַנשטעלן מיט א היפּש פּעקל אויסגעפּרעסטע ציכלעך, האַנטעכער, קינדערזאַכן, און ס'האָט ניט געהאָלפן, וואָס כאַנע האָט יעדער מאָל מאַמעש זיך געבייזערט.

— נו, טאַכטער, וואָס בייזערסטו זיך? ניט צוליב דעם האָב איך זיך געשטעלט צו דער מולטער. כ'האָב גענומען וואַשן אייגענע זאַכן, האָב איך זיך דערמאָנט אין דײַנע. הײַנט וואָס קומט מיר דערפאַר?

האָט זי פרײַטיק אינדערפרי געבאַקן געבעקס, א פּאָר קוילעטשן, האָט זי שוין אויסגעמאַרקירט, אַז עפּעס זאָל בלײַבן אַף זונטיק, פאַר כאַנעס געסט, וואָרעם זונטיק פלעגט קומען פרידע מיט דער מאַמען, ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטש מיט דער ווײַסער מויז אין דער אייבערשטער קעשענע פון ר'עקל, און רייזעס געבעקס איז טאַקע גוט צוניץ געקומען.

דערווײַל האָט זיך די צײַט גערוקט צו זומער־צו, און אָט איז שוין טאַקע טאַמעז. אַנומלטן האָט נעכעמיע געזאָגט צו כאַנען, אַז דער קינסטלער־פאַריין גיט אים א שעפערישע קאָמאַנדירונג.

— וואָס הייסט, דו וועסט אוועקפאָרן? — איז כאַנע געוואָרן אויסערזיך.

— טײַערינקע, אַלע זומער פאָר איך אוועק. ווען ניט דאָס, ווי וואָלט איך זיך מיט דיר באַקענט?

כאַנע האָט זיך געמאַכט ניט־הערנדיק. זי איז אוועק אין קיך אָנצינדן דעם פּרימוס, פאַריינס אויסלעשן דעם פּאַרדראָס. „אַלע זומער פאָר איך אוועק. אײַ דער זומער איז גאָר אַן אַנדערער, ווי די פרײַערדיקע", — האָט כאַנע געטראַכט. כאָטש נעכעמיע האָט ניט דערמאָנט וועגן איר קרענק, האָט ער זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז מע האָט דאָס געקאָנט אויסמײַדן. ער האָט זיך מאַמעש אָפּגעגעסן, און ניט איין מאָל איז אים געקומען אין זינען: „ווען איך פאַרלאָז זיך ניט אַף יאַקאָוון, ווען איך פאָלג אים ניט, און ווען איך דינג גלײַך א דירע, וואָלט דערצו ניט געקומען". דאָך איז אים אַפילע ניט אײַנגעפאַלן, אַז דאָס יאָר דאַרף ער אין ערגעץ ניט פאָרן. כויץ דערויף, איז זיך דאָס לעבן געגאַנגען רעגלמעסיק. די קינדער זײַנען געווען געזונט און זאַט, כאַנע האָט געפירט די באַלעבאַטישקייט באַדאַכט און שפּאָרעוודיק. נעכעמיע איז געווען פול מיט אַרבעטסאימפּעט. די באָבע רייזע האָט געהאָלפן מיט וואָס זי האָט געקענט. אָבער א מענטש ווייסט קיינמאָל ניט, וואָס עס שטייט אים פאָר. אין איינעם א טאָג, בײַס כאַנע איז געזעסן אַפן גאַנעק און האָט געלייענט, זײַנען צוגעגאַנגען א פרוי מיט א מאַנצבל. זיי האָבן גאָרנישט ניט געפרעגט,

זײַנען גיך פֿאַרבײַגעגאַנגען כאַנען, זי אַפֿילע א שטויס געטאָן מיטן טשעמאָדאַן, און אין א פּאָר שאָ ארום האָט כאַנע דערהערט קוילעס פון דער באָבע רײַזעס צימער ארויס, און זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז עס זײַנען געקומען יאָרשים.

כאַנע האָט עס ריכטיק פאַרשטאַנען, זי האָט נאָר ניט געוווּסט, אַז זי וועט אין א פּאָר טעג ארום דאַרפן זוכן א דירע. זי האָט געלאָזט די קינדער בא דער באָבע רײַזען און איז מיט נעכעמיען צוזאַמען אויסגעפאָרן זייער א סאַך ערטער פון מאָסקווער בײַשטאָט. זיי האָבן ענדלעך קוים מיט צאָרעס געפונען א קליינעם צימער אין ליובלינאָ. פֿאַרשטייט זיך, אַז נעכעמיע האָט אָפּגעלייגט זײַן רײַזע. ביז זיי האָבן זיך א ביסעלע אײַנגעאָרדנט, עפּעס געקויפט, איז שוין געווען אווגוסט. טאַקע דאַן איז יאַקאָוו געקומען צו זיי און האָט כאַנען דערלאַנגט א בריוו. כאַנע איז געווען זייער פאַרוווּנדערט, נאָר קוים האָט זי אויפגעריסן דעם קאָנווערט און איבערגעלייענט די ערשטע ווערטער, איז איר שוין קלאָר געוואָרן וואָס און ווען. און אָט איז דאָס, וואָס אין בריוו איז געשטאַנען: „כאַנעכאַנטשע, א גוטמאָרגן אף דיר, שיינער מענטש! אוועקגעפאָרן און ארויסגעוואָרפן פון האַרצן און פון מויעך. ס'וואָלט דיר זייער געפּאַסט, זאָלסט כריוקען... דו דאַרפסט זיך ניט וווּנדערן, פונוואַנען איך האָב דײַן אדרעס. כעוועד האָט אויפגעראַמט דעם צימער, האָט זי געפונען אין דײַן געלעגער א פוסטן קאָנווערט מיטן מאָסקווער אדרעס. דעם עמעס געזאָגט, האָב איך זייער געוואָרט, דו זאָלסט ארײַנשיקן א צוויי ווערטער. און איך האָב אָפּט געטראַכט: כאַסענע געהאַט און פאַרגעסן דעם זײַ-געזונט. צי געדענקסטו כאָטש, מיט וואָס פאַר א כיישעק דו פלעגסט אופעסן די אוגערקע אין גאָרטן! אזוי פאַרגעסן. פּײַ, שענער קאָן גאָר ניט זײַן! עס דאַרף דיר זײַן קלאָר, ווי באָב-יויך, אַז איך וואָלט דיר אויך ניט געשריבן, אָבער נויט ברעכט אײַזן. צו וועמען זאָל איך ריידן? וועמען האָב איך? זאָג שוין אַליין, וועמען?.. דאַרפסט וויסן זײַן, אַז ס'איז שוין אויס קאָמונע. גלײַך ווי מיר זײַנען געוואָרן קאָלווירטניקעס, זײַנען היפש קאָמונאַרן אוועקגעפאָרן. די, וועלכע זײַנען געבליבן, האָבן האַסטיק פון האַסטיקער זיך גענומען פאָרן, וואָרעם ווער עס האָט קיין זיוועג ניט געהאַט, דעם האָט די פּראַוולעניע פון קאָלווירט קיין קו ניט געגעבן. כ'האָב דערהערט אזא זאַך, זאָג איך, אַז איך וויל אויך א בעהיימע, אויב ניט קיין געקעלבטע, איז כאָטש א קעלביקע, אויב ניט קיין קעלביקע, זאָל זײַן א טעלעצע. מאַכט צו מיר דער פאָרזיצער פון קאָלווירט: „כײַע, ווילסט א בעהיימע, נעם א מאַן!“ קורץ גערעדט, איך האָב גוט געלאַכט, נאָר אַז איך האָב דערזען, וואָס פאַר א שידוכים מע טוט, האָב איך געלאַכט נאָך מער. עפראָ:ים האָט כאַסענע געהאַט מיט זעלדקען, אײַזיק האָט כאַסענע געהאַט מיט כעוועדן, מיט דײַן שכיינע, שימקע קאָניוך האָט כאַסענע געהאַט מיט מינען, געדענקסט, אָט די, וואָס האָט געאַרבעט אין קינדערהיים. פאַרשטייסטו אַליין, אַז ווײַבאַלד איך האָב ניט געוואָלט קיין מאַן, בין איך

געבליבן אָן א בעהיימע. דעריבער בעט איך דיך בא דיר, דערוויס זיך, צי איז טאקע עמעס, צי מע בויט אין מאָסקווע א זאוואָד, וועלכער רופט זיך „שאריקאָפּאָדשיפּניק". פאראכטאָגן האָב איך אוועקגעפירט גרינס קיין סאקי, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אָנפּאָיען די אָקסן אין טעמעש באם ברונעם. איך זע, אין איין שטוב איז פארקלאפּט די טירן מיט די פּענצטער, אין נאָך א שטוב, אין א דריטער שטוב אויך אזוי, פרעג איך בא א פויערטע, וואָס איז צוגעגאנגען צום ברונעם: וואָס טוט זיך דאָ? דערציילט זי מיר, אז איינער האָט געקראָגן א בריוו פון זיין פלעמעניק פון מאָסקווע, מע קאָן דאָרטן גוט פארדינען, שרייבט דער פלעמעניק. ארבעט איז דאָ איבערן קאָפּ, און אז ער ארבעט טאקע באם בויען דעם גרויסן זאוואָד. און אז דעם, וואָס האָט געשריבן דעם בריוו, רופט מען, דוכט זיך, מאקאר. אז ער האָט גוט געקייט די ערד, ביז ער האָט געקראָגן ארבעט אין עפּעס א קיך, נאָר איצטער וווינט ער אין א באראק, מיט מענטשן גלייך. האָט מאקארס פעטער איבערגעלאָזט האק-און-פּאק, פארקלאפּט די טירן מיט די פּענצטער און היידא — קיין מאָסקווע. אנדערע האָבן דערזען אזא זאך, האָט מען אויך אזוי געטאָן. וואָלסט איצטער טעמעש ניט דערקענט. א פּוסטעניש. בעט איך דיך, כאנע, שרייב מיר גלייך אָן וועגן דערוף, איך וואָלט דיך אפילע געבעטן, דו זאָלסט זיך דערוויסן דעם אדרעס, ווו עס בויט זיך דער דאָזיקער „שאריקאָפּאָדשיפּניק", וועל איך פארפאָרן גלייך אהין, ווייל איך זע דאָך, אז דו האָסט פאר פינף כאדאָשים ניט געפונען קיין שאָ אָנצושרייבן עטלעכע ווערטער. האָב איך דיך ניט וואָס צו באַ-לעסטיקן. זיי געזונט, פונדעסטוועגן געדענק איך דיך און איך האָב דיך ליב. כייע פונעם גרינוואָרג".

כאנע האָט פארגעלייענט דעם בריוו, ווייל פרידע און לייע זיינען דאָ גראָד געווען. מע האָט געלאכט, דערנאָך האָט פרידע אומעטיק גע-פרעגט:

— וואָס וועט זיין מיט די דערפער? ווער וועט זייען און שניידן, אויב די פויערים לויפן זיך פאנאנדער?

— ווער עס לויפט, און ווער עס בלייבט אף אָן אָרט, — האָט נעכע-מיע געטרייסט.

אינגיכן איז נעכעמיע טאקע אוועקגעפאָרן אין א שעפערישער קאָמאנ-דירונג. באם געזעגענען זיך האָט ער געזען, אז עס וואָלט גלייכער געווען, ווען ער פאָרט ניט, וואָרעם כאנע האָט אים קוים א קוש געטאָן, מיט געכאלעשטע ליפּן. געקומען אין שטוב, האָט כאנע דערפילט, אז עס איז גאָר ניט אזוי שרעקלעך, וואָס נעכעמיע איז אוועקגעפאָרן, און אין די קומענדיקע טעג האָט זי שוין געוווסט וואָס צו טאָן. די נעכט זיינען נאָך געווען ניט אזוי לאנג, און ווי נאָר ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָט שוין כאנע געשריבן. געשריבן, געריסן, ווידער געשריבן און ווידער געריסן. אָבער פּלוצעם האָט זי אָנגעשריבן וועגן א שווארצער הון, „ווי די דאָזיקע הון, די מארשאס, פּלעגט ארייַנלויפן אין שטוב, ווי די באָבע פּלעגט זי

נעמען יאָגן און יענע פלעגט ארוף אפן טיש, גראָד דאַן, ווען די באָבע האָט געזיפּט מעל, וואָלקנס האָבן זיך געהויבן ביז דער סטעליע. דערנאָך איז די הון פארפאלן געוואָרן, די באָבע האָט געזוכט און געזוכט און אין ערגעץ זי ניט געפונען. אנומלטן האָט די באָבע געדארפט עפּעס אפן בוידעם. אין אן אלטן קופערטל האָבן אירע הענט זיך אָנגעשטויסן אף דער הון. זי האָט צעקרעלט דער באָבעס הענט און איז ווי א מעשוגענע ארויסגעפלויגן פון קופערטל. אפן דעק פון קופערטל האָט די באָבע אָנגעטאפּט וואַרעמע פלעשעלעך, שפּולקעס פון פאָדעם און נאָך שמאָכטעס. האָט זי פארשטאנען, פון וואָס די הון האָט געוואָלט אויסבריִען הינדעלעך. האָט זי דאָס אלץ ארויסגעשלײַדערט פון קופערטל, געבראַכט אָנדערהאלבן צענדליק אייער, אוועקגעלייגט אפן אָרט פון די פלעשעלעך און די אנדערע שמאָכטעס, און ס׳איז געווען אזוי ווי די באָבע האָט געוואָלט. די מארשאס האָט אויסגעבריט פופצן הינדערלעך...״ אָט דאָס האָט כאנע ניט צעריסן. שרײַבן איז געווען ניט די גרעסטע צאָרע כאנעס, זי אליין האָט אָפט געטראכט: „מײַן צאָרע איז, וואָס לייענען האָב איך נאָך ליבער, ווי שרײַבן״. עס האָט אָפט געטראָפן, זי זיצט און שרײַבט, מיטאמאָל, זי געדענקט ניט וויאזוי, האלט זי שוין א בוך אין די הענט. און אוועקלייגן אים קאָן זי שוין ניט. עס איז דערגאנגען דערצו, אז זי פלעגט פין זיך באהאלטן די ביכער. אָבער, פונדעסטוועגן, האָט זי געלייענט זייער א סאך. און אקוראט ווי ס׳האָבן זי גערירט שאָלעם-אליכעם און פּערעץ, אָפּאטאָשו און ווײַסנבערג, האָפשטיין און האלקין, אקוראט אזוי פלעגן זי ביז טרערן רירן טשעכאָוו און טאָלסטאָי, סערוואנטעס און דיקענס. „האַישאָ מאָראס כאנע״ איז געווען איינע פון אירע באליבטע פערסאָנאזשן. בייס אנדריי באָלקאָנסקי איז געשטאָרבן, האָט כאנע געקלאָגט, ווי מע באקלאָגט א לײַבלעכן מענטשן. בייס זי האָט געלייענט בא דיקענסן, ווי דייוויד קאָפּערפילד דערציילט, אז „אין ערגעץ וואקסט ניט אזא גרין גראָז, ווי דאָס גראָז אף דעם בעסוילעם, ווו מײַן טאטע ליגט אין אייביקער רו״, פלעגט איר פארקוועטשן דאָס הארץ, און נעכעמיע האָט עס געזען לויט איר און געכויזעקט:

— כאנוקל, וואָס פאר אן אומגליק האָט געטראָפן אין דער קלאסישער ליטעראטור?

— אין דער קלאסישער ליטעראטור טרעפן אומגליקן דערפאר, ווײַל דאָס טרעפט מיט אונדז און מיט אלעמען! — פלעגט כאנע זייער ערנסט ענטפערן. און צוגעבן: — מיט וואָס איז דער „פאָטער גאָריאָ״ גליקלעכער פון „טעוויע דעם מילכיקן?״

נעכעמיע האָט נעמלעך פארשטאנען, אז ער דארף מער ניט זאָגן, בייס כאנע זיצט און שרײַבט: „לייג זיך, סײַווי ועט זיך גאָרנישט ניט באקומען״. אָפט, ווען ער האָט זיך אופגעכאפּט, האָט ער געזען, ווי כאנע זיצט באם טיש, און ער האָט זיך געמאכט שלאָפנדיק. וואָס ווײַטער, האָט זיך זײַן זאָרג וועגן איר געמערט. איצטער האָט ער אָפטער ווי פריִער געזאָגט:

„עס עפּעס". אָף באַנאַכט פֿלעגט ער אָפּן טיש אוועקשטעלן א גלאָז מילך, א שטיקל ברויט אָדער א ציגעלע צוקער. נאָך דער קאָמאַנדירונג איז ער אָפּט געפאָרן אין שטאָט מיט די אַרבעטן, וואָס ער האָט געבראַכט, אָפּגע-רעדט דערפון, אז כאַנע האָט יעדער בויגן, יעדער געמעל באַטראַכט ניט איין מאָל. אָבער אין שטאָט נעכטיקן איז ער קיינמאָל ניט געבליבן, אָפּט געקומען מיטן לעצטן צוג, אָנגעקלאַפּט אין פענצטער צוויי מאָל. צוגע-פֿלעטשט דאָס פּאָנעם צו דער שויב, שטייט ער אַזוי פון יענער זייט, כאַנע פון דער זייט, אין צימער. זיי שמייכלען א ווײַלעטשקע איינער צום אַנדערן, און כאַנע גייט האַסטיק עפֿענען די טיר. פון ליובלינאָ האָבן זיי אַריבערגעוואַנדערט קיין צאַריצינאָ, פון צאַריצינאָ קיין פּערלאָווקע, און אומעטום איז כאַנע געווען אַן אויסגערעכנטע, שפּאָרעוודיקע באַלעבאָסטע, און, ווי דאָס פאַרדינסט האָט נאָכגעלאָזט, אַזוי האָט זי געפירט די באַלע-באַטישקייט. נאָר אַזאַ באַלעבאָסטע, ווי רייזע, האָבן זיי מער ניט געהאַט. אין וווּ זיי זײַנען ניט געווען, איז רייזע צו זיי געקומען, אַלעמאָל עפּעס געבראַכט, אָפּט געגומען די קינדער מיט זיך. זי האָט זיך זייער געעלטערט, נאָר זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט.

— כאַטש איך בין א שכיינע באַ מײַן זון, בין איך נאָך מיט גאָטס הילף א באַלעבאָסטע אין מײַן אייגענעם צימער.

פון די קאַרגע ווערטער רייזעס האָבן כאַנע מיט נעכעמיען גוט פאַר-שטאַנען, וואָס פאַר א זון רייזע האָט.

ערשט אין 1937 האָט דער קינסטלער-פאַריין געגעבן נעכעמיען א דירע. צום סאָף פונעם זעלביקן יאָר האָט כאַנע געבוירן א זון.

פערטער טייל

די קנאַפּע פיר יאָר ביז דער מילכאָמע האָט כאַנע אָנגערופן „מײַנע זיבן גוטע יאָר". זי האָט זיי אָנגערופן אַזוי טאַקע דערפאַר, וואָס זיי וואָלטן געמעגט זײַן בעסער. ניט זעלטן פלעגט זי אין יענע צײַטן זאָגן צו נעכע-מיען:

— וואָס טויג מיר דער גילדענער בעכער?

זי האָט עס געזאָגט ניט, כאָלילע, דערפאַר, ווײַל איר האָט עפּעס גע-פעלט. ווען איר מיט נעכעמיען וואָלט געגוג געווען דאָס אייגענע ווילזײַן, וואָלטן זיי זיך געקאָנט שעצן גליקלעך.

אָבער...

ווען זיי זײַנען אַרײַנגעפאָרן אין דער נײַער דירע, האָבן זיי קיין כאַנו-קאַס-האַבאַיִס ניט געמאַכט. ניט געווען קיין געמיט דערצו. עס האָבן גע-

פעלט א סאַך פּריַינט. מער האָט שוין כאַנע ניט געזען דעם דיכטער מיט דער געקרייַזלטער פאַטלע פון מינסק, עס האָבן געפעלט אויך אַנדערע. כאַנע מיט נעכעמיען זיַינען געווען דערשלאָגן, עס האָבן געטראָפן טעג פון קע־סיידערדיקן שוויַיגן. פרידע מיט איר מאַמען מיט יעליזאַוועטע אַבראַמאָוונען פלעגן קומען זייער אָפט. מע איז געזעסן באַם טיש און מע האָט אויך מער געשוויגן ווי גערעדט.

די זון איז אופגעגאַנגען, די זון איז פאַרגאַנגען, די אַלטעגלעכקייט האָט כאַנען ניט אָפּגעלאָזט, אָבער די אַרבעט איז איר געפאַלן פון די הענט. אַזאַ גליק: צוויי גרויסע צימערן, פון וועלכע נעכעמיע מיט כאַנען זיַינען געווען די באַלעבאַטים, און ווי באַקוועם עס איז געווען, וואָס די צימערן האָבן זיך געפונען אין באַזונדערע קאָרידאָרן. דער גרויסער צימער גלייַך אַנטקעגן דער אַריַינגאַנג־טיר, דער קלענערער — אין סאַמע ווינקל פון קאָרידאָר, ווו ס׳האָבן זיך געפונען צוויי צימערן, אין וועלכע ס׳האָבן געוווינט נאָך צוויי מישפּאָכעס.

אין גרויסן צימער האָבן זיך געפונען כאַנע, נעכעמיע מיטן דריַיכאַדאָ־שימדיקן ייִנגעלע. אין קלענערן צימער האָבן זיך געפונען, אָדער ריכטיקער געזאָגט, האָבן „זיך אַראָפּגעדרייט די קעפּ" די דריַי מיידעלעך. פּערעלע מיט ביילקען זיַינען געגאַנגען אין דער ייִדישער שול, וואָס האָט זיך געפונען אין מאַרינע ראָשטשע. זיי האָבן זיך גוט געלערנט. אָבער דאָס האָט ניט גע־שטערט נאָך דעם, ווי זיי פלעגן מאַכן די לימודים, „אַ שפּיל טאָן". די שכיי־נע פון צימער אַהינטער דער וואַנט, ווו דער דריַילינג האָט זיך „געשפּילט", פלעגט עטלעכע מאָל אַ טאָג אָנקלאַפּן אין דער טיר פון גרויסן צימער, און אַז כאַנע פלעגט איר אַרויסגיין אַנטקעגן, איז יענע געשטאַנען מיט פאַר־בראָכענע הענט און געטיַינעט:

— גיט אַ קוק, וואָס אייַער טראַיִעטשקע טוט. זיי וועלן דאָך ברעכן האַלדז־און־נאַקן. ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן אויף אַזאַ אומגליק? ביז אייַך איז דאָ געווען שטיל. אָ, האָספּאָדי!

— וואָס זאָל איך טאָן מיט זיי? דאָס זיַינען דאָך קינדער, — פלעגט כאַנע זיך פאַרענטפערן.

— איר האָט דאָך געוווּסט, אַז איר זיַיט ניט קיין בעזדעטניצע, פאַר־וואָס האָט איר ניט כלאָפּאָטשעט, מע זאָל אייַך געבן אַ באַזונדערע דירע? די קודאָזשניקעס, וואָס האָבן דאָ געלעבט ביז אייַך, האָט מען דאָך געגעבן אויף מאַסלאָווקע. מע האָט זיי פאַרבעסערט זייערע לעבנס־באַדינגונגען. פאַר־וואָס זשע האָט מען אייַך ניט געגעבן? ווען איַיער מאַן וואָלט געווען אַזאַ גוטער קודאָזשניק, ווי יענע...

באַ די ווערטער פלעגט שוין כאַנע פאַרמאַכן די טיר. אינגיכן האָבן זיי די מיידלעך אַריבערגעפירט אין גרויסן צימער, און כאַנע מיט נעכעמיען מיטן ייִנגעלע זיַינען אַריבער אין קלענערן. איצט האָט די שכיינע זעלטענער גע־קלאַפּט אין טיר און זעלטענער פאַרגליכן יענע קינסטלער מיט נעכעמיען. עס איז געווען אויך ניט שלעכט, וואָס איצטער זיַינען די מיידעלעך זעלטן

צוגעגאנגען צו נעכעמיעס טיש. דער גרויסער צימער, וואָס האָט געהאַט בא די פערציק מעטער, איז געווען זייער געראַם, ווײַל עס זײַנען געשטאַנען דרײַ נידעריקע בעטלעך, דרײַ נידעריקע שטולן און א גרויסער נידעריקער טיש. ס'האָט אָפּט געטראָפן, אז דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט איז אַראָפּגעשלעפּט געוואָרן אפן פּאַרקעט און בײַלקע מיט פּערעלען האָבן געוויזן דער ייִנגערער שוועסטער, רייזעלען, וויאַזוי אין צירק גייען אפ די קעפּ קונצנמאַכער. אזוי, אז זיי האָבן קיין צײַט ניט געהאַט אַרײַנצולויפן אין קלענערן צימער און א קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך בא נעכעמיען אפן טיש.

פאַרשטייט זיך, אז כאַנען איז איצט געווען א סאַך גרינגער, ווי אין קאָמונע. אָבער זי האָט קיין פרײַע מינוט ניט געהאַט. די מיידעלעך האָבן זיך געלערנט אין דער ערשטער מישמוירע. כאַנע פלעגט אופשטיין מיט אַנדערהאַלבן שאָ פריִער פון זיי. זי פלעגט קאָכן א גרויסע קאַשע פון הירזש אָדער פון גערשטענע גרײַפּלעך, אָדער מאַכן געבראָטענע קאַרטאָפל, און ערשט דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן דאָס סאַמע שווערע, ווײַל אופוועקן די קינדער איז געווען די אונטערשטע קלאָג. שוין אופגעשטאַנען, שוין אָנגעטאָן זיך, שוין אָפּגעגעסן, דאַרפ מען זיי אַרויסבאַגלייטן צום טראַמווײַ. זיי אַרײַנגעזעצט אין וואַגאָן, לויפט כאַנע אָן אן אָטעם איבער די טרעפּ צום דריטן שטאָק. מאַכט פרישטיק פאַר נעכעמיען, טוט אים א גיכן קוש אין שלייפ אָדער אין באַק, באַגלייט אים אַרויס. ער אײַלט, ווײַל ער איז געוואָרן א לערער אין אינסטיטוט פון מאָלערײַ. כאַנע שטייט אין דער אָפענער טיר, קוקט, ווי ער לאָזט זיך אַראָפּ פון די טרעפּ, און וואָרנט אים, ווי ער פלעגט אמאָל וואָרענען:

— נעכעמיעלע, זאָלסט גיין פּאַוואָליע, היט זיך ניט אָן מיטן טראַמווײַ.

— גוט, גוט. איך בין דאָך ניט געקומען פון דאָרפ, קאָמאַנדיר! גיי לייג זיך בעסער צו, ביז דאָס קינד שלאָפט.

אָבער דאָס קינד שלאָפט שוין ניט. ער האָט קיין צײַט ניט צו שלאָפן. ער וויל פרישטיקן.

אויסרעכענען אַלץ, וואָס כאַנע האָט פאַר א טאָג באַוויזן אָפּצוטאָן, וויפל קילאָמעטער זי האָט דורכגעשפּאַנט, איז ניט באַשיידן, ווײַל דאָס וואָלט געווען אומגלייבלעך, שוין אָפּגערעדט וועגן דעם, אז אין די נעכט איז זי געזעסן און געשריבן. עס פלעגט טרעפן, אז זי האָט געהערט פון נעכעמיען:

— כאַנוקל, עס טאָגט באַלד!

כאַנע איז אָבער ווײַטער געזעסן און געשריבן. דעמלט האָט ער געזאָגט:

— טײַערע מײַנע, קום אהער. רו זיך אויס...

נעכעמיע איז פלוצעם אַרויס שפּאַצירן.

א צעטומלטע, האָט כאַנע מיט די אויגן אים אַרויסבאַגלייט, געבליבן זיצן באַם טיש מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, אָבער זי איז אים ניט נאָכגעגאַנגען. ווען ער איז געקומען, איז שוין געווען גוט ליכטיק. ער האָט ניט גע-

געסן דעם אָנבײַסן, וואָס כאַנע האָט אים דערלאַנגט. און דאָס ערשטע מאָל פֿאַר דער צײַט, וואָס זיי זײַנען געווען צוזאַמען, האָבן זיי עטלעכע טעג קיין איין וואָרט איינער צום אַנדערן ניט אַרויסגערעדט.

נעכעמיעס נעוועס זײַנען ניט מעקוים געוואָרן. אין די טעג, ווען כאַנע האָט מיט אים ניט גערעדט, איז געקומען פֿרידע. נעכעמיע איז גראָד אין שטוב ניט געווען. ווי שטענדיק, איז פֿרידע געווען זייער צוגעלאָזט, האַרציק, און כאַנע האָט איר געקלייענט אַ קליינע דערציילונג וועגן דעם, ווי מע גייט אין וואַלד קלײַבן שוועמלעך. בײַס כאַנע האָט געענדיקט לייענען, האָט פֿרידע געפֿרעגט:

— איר האָט אַ קאָפּווייטיק?

— ניין, צו וואָס דאַרף איך דאָס?

— אויב ס׳איז אײַך ניט שווער, שרײַבט עס איבער. כ׳וועל דאָס איבערלייענען דער מאַמען. נעכעמיע האָט עס געלייענט?

פֿון דער פֿראַגע האָט אַ שלאָג געטאָן דאָס בלוט כאַנען אין פּנים.

— וואָס זײַט איר אַזוי רויט געוואָרן? — האָט פֿרידע זיך פֿאַרוווּנדערט. אָבער כאַנע האָט געשוויגן. ס׳קאָן זײַן, אַז אַן אַנדער מענטש וואָלט גאָר־נישט ניט באַנומען, אָבער פֿרידע האָט יאָ עפּעס דערפֿילט. זי האָט אָנגעקוקט כאַנען און שטיל געזאָגט:

— דאָס טרעפֿט. איך קען איינעם אַ קינסטלער, וועלכער האָט פֿאַרפֿאַלגט זײַן פֿרוי דערפֿאַר, וואָס זי האָט געוואָלט אַרבעטן, ווײַל זי איז אויך געווען אַ קינסטלערין. און דאָס האָט זיך טרויעריק געענדיקט פֿאַר ביידן, זיי האָבן זיך געמוזט שיידן.

— אָף אַזוי־פֿיל? — האָט כאַנע אומרויִק געפֿרעגט, אָבער מער קיין איין וואָרט ניט געזאָגט. ערשט ווען פֿרידע האָט זיך געקליבן אוועקגיין, האָט כאַנע געפֿרעגט גאָר וועגן אַן אַנדער זאַך:

— פֿאַרוואָס אַרבעט מער ניט יעליזאַוועטע אַבראַמאָוונאַ אין קינדער־גאָרטן?

— איך ווייס אַזוי, ווי איר. פֿריִער איז דאָך די מאַמע געווען אַ פֿאַרוואַלטערין פֿון לערן־אַפּטייל אין אַ מוסטער־שול, נאָכדעם האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט, אַז זי האָט פֿון דאָרטן געמוזט אַוועק. און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן איר אַרבעט אין קינדערגאָרטן. איצטער איז זי ווידער אַרבעטסלאָז, — האָט פֿרידע געענטפֿערט מיט טרערן אין די אויגן און צוגעגעבן: — שרײַבט איבער די דערציילונג, פֿאַרגעסט ניט. כ׳וועל איבערמאָרגן אַרײַנגיין און וועל זי נעמען.

נאָך פֿרידעס אַוועקגיין האָט כאַנע ערשט פֿאַרשטאַנען, אַז פֿאַר פֿרידען איז ניט פֿאַרבאָרגן געוואָרן, וואָס עס האָט געטראָפֿן צווישן איר מיט נעכעמיען. כאָטש צווישן זיי איז איצטער געווען אַלץ גוט.

אין קנאָפּע דרײַ כאַדאָשים אַרום האָט כאַנע געקראָגן פון קיִעוו דעם זשורנאַל „זײַ גרייט" מיט דער דערציילונג „נאָך שוועמלעך". עס איז שוין ניט איין מאָל געזאָגט געוואָרן, וואָס פאַר א פרייד עס פילט א מעכאַבער, וואָס האָט דערזען זײַן נאָמען, אָנגעדרוקט שוואַרץ אָף ווײַס. כאַנען האָט עס אויך ניט אויסגעמיטן. זי איז אַרומגעגאַנגען פאַרשיקערט. בייס זי האָט געקראָגן דעם האָנאָראַר פון קיִעוו און זי האָט עס געטראָגן אײַנגעוויקלט אין שופלאָדל פון שרײַבטיש, ווו עס איז געלעגן דאָס געלט אָף דער הויצאָע, איז נעכעמיע גראָד געווען דערבײַ. ער האָט עס דערזען, און עס האָט אים אָנגעכאַפּט א קינדישער געלעכטער. זײַן געלעכטער האָט כאַנען א ביסעלע אויסגעניכטערט. זי האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווי זי גופע האָט אויסגעזען, גייענדיק מיטן געלט אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט, און זי האָט זיך אויך מוירעדיק צעלאַכט. לאַכנדיק, צוגעלאָפן צו נעכעמיען, אויסגעקושט זײַן גאַנץ פּאָנעם, אַרויסגעכאַפּט דאָס קינד פון בעטעלע, זיך געלאָזט מיט אים איבערן צימער אין א ווילדן טאַנץ, דערבײַ געזונגען מיטן ייִדנס זמירעסניגן „מײַן לעבן, מײַן אוצער, מײַן זונעלע, מײַן טײַערקײַט, מײַן אויג אין קאָפּ". מיט איין האַנט א כאַפּ געטאָן נעכעמיעס א האַנט און אים געצוווּנגען זיך דרייען מיט איר אינאיינעם. זיך אָנגעזונגען, אויסגעקושט נעכעמיעס פּאָנעם נאָכאַמאָל, זיך געכאַפּט, אַז אין שטוב „קאָן א בער די פּיס אויסברעכן", האָט זי אַוועקגעלייגט דאָס קינד אין בעטעלע און אָנגעהויבן, ווי זי האָט עס אָנגערופן, „מאַכן מיט די פּיס און מיט די הענט". אַרויסגעלאָפן באַגעגענען די קינדער פון שול, זיי אָנגעהאַדעוועט, אינמיטנדערינען האָט דאָס ייִנגסטע זיך צעוויינט:

— מאַמע, ניי אוף א קליידעלע פאַר מײַן ליאַלקע.

איינס-צוויי איז צוגעשניטן און אויפגענייט געוואָרן דאָס קליידעלע פאַר דער ליאַלקע, די קינדער זײַנען אַוועק זיך שפּילן, דאָס ייִנגעלע איז געשלאָפן, נעכעמיע איז אַוועק אין אינסטיטוט. כאַנע האָט זיך פּלוצעם דערמאָנט, אַז זי דאַרף ענטפערן כײַעלע גרינשטיין אָף א בריוו.

„גוט-מאָרגן און א גוטער יאָר אָף דיר, טײַערע כײַעלע! אָסער דיר צו מיינען, אַז איך האָב דיך פאַרגעסן, אָדער אַז איך וויל דיר ניט ענטפערן. וואָס זאָל איך דיר זאָגן? עס גייען אַוועק טעג, אַז איך ווייס ניט, ווו די צײַט קומט אַהין. די בעסטע, שענסטע זאַך וואָלט געווען, זאָלסט קומען צוגאַסט. דעמאָלט וואָלסטו מיט דײַנע אייגענע אויגן געזען, אַז איך בין גאָרניט אַזאַ גרויסהאַלטערקע, ווי דו מיינסט. אָסער, דו זאָלסט טראַכטן, אַז איך בין א דאָווראַכער. קאָנסט מיינען, לאַנג לעבן זאָל דער טערעץ. זאָלסטו טאַקע וויסן זײַן, אַז דו ביסט גראָד ניט גערעכט. איך דריי זיך, ווי אַן אַרבעס אין רעשעטע, פון אינדערפרי ביז נאַכט. און אַלע טאָג איז בא מיר קורצפרײַטיק. האָב קיין פאַריבל ניט, וואָס איך האָב פאַרשפּעטיקט מיט מײַן ענטפער, זײַ געזונט און קום צו פאָרן צו מיר, גריס די כעווריע. דײַן כאַנע, וואָס וואַרט אָף דיר מיט אומגעדולד".

אַרײַנגעלייגט דעם בריוו אין קאָנווערט, אָנגעשריבן דעם אַדרעס, אַוועק-

געלייגט אפן טיש אונטער א צײַטונג און פארגעסן וועגן דעם. און פארגעסן נאָר צוליב דעם, ווײַל מאָרגן איז געווען שאבעס. שאבעס און זונטיק זײַנען געווען די שווערסטע טעג פאר כאנען. שאבעס האָט זי אלץ געדארפט צוגרייטן אף זונטיק, ווײַל זונטיק איז די גאנצע מישפּאָכע געווען אין שטוב און געסט האָבן אויך ניט אויסגעפעלט. א גאנצן שאבעסדיקן טאָג האָבןביידע פרימוסן ניט אופגעהערט צו זשומען. אף א קליין פײַערל האָט זיך געקאָכט א גרויסע גריקענע קאשע, אפן צווייטן פרימוס — א זופּ פון בעבלעך מיט קארטאָפל. דער פינפליטערדיקער טאָפּ מיט קאָמפּאָט איז שוין געשטאנען אהינטערן קיך-פענצטער. אָבער דער איקער האָט געשטעקט אין די ציבעלע-קאָטלעטן. דאָס מײַכל האָט כאנע טאקע אליין צוגעטראכט. און ער האָט זייער אויסגענומען ניט נאָר בא דער מישפּאָכע. דאָס ערשטע מאָל, ווען כאנע האָט מעכאבעד געווען פרידען מיט יעליזאוועטע אבראמאָוונען, האָבן זיי ניט אָנגעהויבן צו פארשטיין, פון וואָס דאָס איז. כאנע האָט זיי פינקטלעך געגעבן דעם רעצעפּט, און דאָס איז ארײַן אין זייער שטייגער אויך. ווײַל כוץ דעם, וואָס ציבעלע-קאָטלעטן זײַנען זייער נערהאפטיק, זײַנען זיי אויך זייער באטאמט. „מע דארף אָפּקאָכן די ציבעלעס גאנצערהייט, דורכמאָלן דורך דער מאשינקע, ארײַנלייגן צעשטויסן געטריקנט ווײַס ברויט, א ביסעלע פעפער, זאלץ און ניט זשאלעווען קיין אייער", — האָט כאנע געזאָגט:

— אויב איר וועט טאָן אלץ, ווי איך, וועלן זיך די קאָטלעטן איבערקערן, בייס זיי וועלן זיך פרעגלען אף דער סקאָוואָראָדע. אבי נאָר לייגן אין זודיקן בוימל.

מאכן דאָס מײַכל פאר דער גאנצער מישפּאָכע פלעגט בא כאנען צונעמען ניט ווינציק צײַט. זי אליין פלעגט זיך וועגן דעם אויסדריקן:

— אלץ איז פארטיק, נאָר איך בין אויך פארטיק!

אָבער ניט קוקנדיק אף דעם, קוים האָבן זיך אלע געלייגט שלאָפן, האָט זיך כאנע געזעצט צום טיש.

אין איינעם א שאבעס איז כאנע געווען נאָך מער פארנומען ווי שטענדיק. עס איז געווען איר ריי צו ראמען די „אלגעמיינע ערטער". דער שאָכן מיכאיל מיטראָפאנאָוויטש איז געשטאנען בא זײַן קיך-טישל און האָט זיך געפּאָרעט בא א גאנדז. ער האָט זי ניט נאָר געריייניקט, נאָר אויך זיך דורכגעשמועסט מיט איר. דער שמועס איז, צום באדויערן, געווען איינזײַטיק, ווײַל די גאנדז האָט געשוויגן, ווי אלע געשאָכטענע גענדז. אָבער דעם שאָכנס קיינריידערײַ האָט זיך ניט אויסגענומען: „אָט אזוי, האָסט געגראגערט, געטאָפּטשעט די ערד מיט דײַנע לאפּקעס, זיך געפּאשעט, איצט ביסטו ארײַנגעפאלן צו מיכאיל מיטראָפאנאָוויטשן אין טאָפּ". כאנע האָט געוואשן דעם דיל און געפילט, אז אָט פאלט זי אוועק פון געלעכטער. זי האָט טאקע גוט געטאָן, וואָס זי האָט אוועקגעוואָרפן די שמאטע אין עמער מיט דער

וואסער און איז ארויסגעלאָפן פון קיך. אין צימער האָט זי ארויסגעפּראלט א געלעכטער. דערהערט, דאָס יאטל וויינט, האָט זי א קוק געטאָן, פאר־שטאנען, אז ער איז גערעכט. זי האָט אים איבערגעוויקלט, געגעבן עטלעכע לעפעלעך וואסער און איז ווידער אוועק אין קיך וואשן דעם דיל. ווי נאָר דער שאָכן האָט זי דערזען, איז ער אזש אונטערגעשפּרונגען פון קאס:

— ווי האָסטו געוואגט? האָסט מיר באשפּריצט מיט דיין שמאטע די הויזן, און ווער ביסטו אזא, זאָג מיר? מיינסט, איך ווייס ניט, אז דו ביסט געקומען פון דאָרף. די קולאקעס פליען פון דאָרטן, ווי פּאצוקעס פון א שיף, וואָס טרינקט זיך. איך וועל קלאָר מאכן, ווער דו ביסט. איך בין ניט אבי־ווער! אלע ווייסן, אז איך בין אן אקטיוויסט!

דערהערט אזוינע רייד, האָט זיך ערשט איצט כאנע צעלאכט. כאָטש דער שאָכן האָט נאָך געשריגן, אז ער וועט קלאָר מאכן, און ווידער איבער־געכאזערט, אז ער איז אן אקטיוויסט, אָבער כאנע האָט שוין ניט געהערט, ווייל דאָס גלעקל האָט זיך פּלוצעם צעקלונגען, אָן אופהער, ווי קיינמאָל. זי איז צוגעלאָפן, געעפנט די טיר און דערזען...

ווער? כייעלע גרינשטיין.

נאָך די ערשטע אויסגעשרייען, קושן, ארומנעמען זיך האָט כאנע ארייַנ־געפירט כייעלען אין צימער. זי באזעצט און באשאָטן מיט פראגעס. כייעלע האָט ניט געוווּסט אף וואָס פריער צו ענטפערן. אף כאנעס פראגע: „ווען ביסטו געקומען?" האָט כייעלע זיך פארויטלט און געשטאמלט:

— עס איז שוין בא־א־לד א יאָר, ווי איך בין אין מאָסקווע.

כאנע האָט מאמעש אויסגעשריען:

— א יאָ־יאָ־אָר?!

— וואָס שרייסטו אזוי? דו האָסט מיר אפן בריוו ניט געענטפערט, האָב איך געטראכט, אז דו האָסט זיך אָפּגעשאָקלט פון דער גאנצער קאָמונע מיט אלץ מיטאנאנדער.

— ווי האָסטו אזוי געקענט טראכטן?!

— לאָז זיך דינען. געדענקסט, איך האָב דיר געשריבן, אז פון דער קאָמונע איז געוואָרן א קאָלווירט, מע טוט שידוכים, צי מע וויל, צי מע וויל ניט. ווייל א בעהיימע גיט מען נאָר די, וואָס ווערן א פאָרפאָלק.

— איך געדענק, אָבער וואָס פאר א שייכעס האָט עס צו מיר, וואָס דו ביסט א גאנץ יאָר ניט געקומען?

— שימקען פון פערדשטאל האָסטו נאָך ניט פארגעסן? בעקיצער, מיר האָבן זיך ליב געהאט אין קאָמונע אויך. בעשאס פון קאָמונען איז געוואָרן דער קאָלווירט „פעלקער־פריינטשאפט", מאכט צו מיר שימקע, אז ער וויל בעסער ארבעטער־פריינטשאפט. און נעמט טאקע און פאָרט אוועק קיין מאָסקווע.

— שימקע איז אויך דאָ?

— שלאָג ניט איבער. הער מיט קאָפּ. שימקע איז דאָ, טויבקע און טשארלי זײַנען אויך דאָ. געדענקסט, איך האָב דיר געשריבן, אז איינער א מאקאר פון דזשאבאהי האָט צוגעשיקט א בריוו זײַנעם א פעטער, האָט ער געשריבן, אז אין מאָסקווע בויט זיך א גרויסער זאוואָד און אז ער, מאקאר ארבעט שוין אף דעם דאָזיקן זאוואָד, וווינט אין צוזאמענוווינונג און פאר־דינט גאנץ גוט: דער דאָזיקער פעטער האָט עס צעפּויקט, און מע האָט זיך דערוווּסט וועגן דערויף אין קאָמונע אויך. איז אוועקגעפאָרן שימקע און שאכנע און נאָך קאָמונארן. ס׳האָבן זיך געפונען אפילע אזוינע, וואָס האָבן צוריק אוועקגעגעבן די קי אין קאָלווירט און אוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע. דעם עמעס געזאָגט, האָב איך ניט געוואָלט פאָרן, נאָר שימקע האָט מיך באשאָטן מיט בריוו. ער האָט געשריבן: „וועסט קיין כאראָטע ניט האָבן. ארבעטעסט אָפּ דײַן סמענע, און ביסט א פרײַער פויגל. ווילסט אין קינאָ, גיי. ווילסט אין קלוב, אדעראבעו״. בעקיצור, איך האָב געזען, אז אָן שימקען איז מײַן לעבן קיין לעבן ניט!

— פײַן, שענער קאָן ניט זײַן, — האָט כאנע באמערקט.

— יאָ פײַן, ניט פײַן, אין יענעמס אויג זעט מען א שפּענדעלע, אין דעם אייגענעם באמערקט מען ניט קיין קלאָץ, — האָט כײַעלע זיך גע־ווערטלט, ווײַל ס׳איז איר נאָך אלץ געווען אָנגעזײַערט אפן הארצן, וואָס כאנע האָט ניט געענטפערט אף איר בריוו.

כאנע וואָלט זיך געקאָנט פארענטפערן, נאָר דאָס קינד האָט זיך צע־וויינט. זי האָט עס גענומען אף די הענט און זיך אוועקגעזעצט. כײַעלע האָט זיך אָפּגערוקט, נאָר כאנע האָט א פאָכע געטאָן צו איר מיט דער האנט, זי זאָל זיך אוועקזעצן ווי פריִער.

— זעסט, וואָס פאר א מאזיק איך האָב, גיב נאָר א קוק, ווי ער האָט זיך ארײַנגעטאָן אין דער אכילע?

דאָס קינד האָט טאקע געזויגן מיט גרויס כיישעק.

כײַעלע האָט זיך צוגעקוקט, ווי ער טוט עס, און באמערקט:

— דאָס קליינווארג האלט ניט פון קיין פּערספּעקטיוון, עס קומט די מינוט, דארף מען ארײַנזופּן. ווי רופט מען אים?

— מע רופט אים סענדערל, נאָך נעבעמיעס טאטן. ביסט א מייוון אף אזוינע? איך זאָג דיר, אז דאָס איז א כיעס, א זיסקײַט אין די ביינער, און גראָד ווען זיי זײַנען פיצלעך, האָב איך זיי ליב. דו ווייסט, כײַעלע, איך טראכט אָפט, אז גוטסקײַט איז דער עמעסער קוואל פון אלצדינג. זאָג אליין, ווי וואָלטן אויסגעוואקסן די ברעקלעך, ווען די מאמעס וואָלטן ניט געשפרונ־גען צען מאָל א נאכט פון בעט, זיי געלאָזט אין דער נעץ און אין דער אומריינקײַט. ניט געהויכט אף זיי מיט האָלטקײַט, ניט אראָפּגעבלאָזן פון זיי יעדער שטויבעלע. דו, כייעלע, קענסט עס נאָך ניט פארשטיין.

— פארוואָס עפּעס פארשטיי איך ניט? ערשטנס, בין איך שוין אלט פיר און צוואנציק יאָר מיט א מיטוואָך. צווייטנס, וועל איך אין פיר כאדאָ־שים ארום אליין האלטן א קליינס אף די הענט.

— טאקע, מאָלאָדיעץ!

— מאָלאָדיעץ! דעם עמעס געזאָגט, האָב איך ניט געוואָלט, נאָר שימקע, אז ער דערזעט א קינד, ווערט ער אויס מענטש. נאָך דער ארבעט לאָזן די מאמעס זייערע קינדער אַף זײַן באַראַט מיט גרויס כײשעק. די גאנצע צוזאַ־מענווױנונג ווייסט, אז ער איז א געטרײַע ניאַנקע.

— איך בין דיר מעקאַנע. נעכעמיע קאָן קיין מינוט ניט זײַן מיט סענ־דערקען. די מיידלעך האָט ער זייער ליב. און אַף אזעלכע, ווי סענדערקע, זאָגט ער, איז ער ניט קיין מייוון.

— נו וואָס ווילסטו, כאַנע, ניט ער האָט געטראָגן, ניט ער האָט גע־זויגן, — האָט כײַעלע ניכטער באַמערקט.

— דו זיץ דאָ, נעם א ביכל, און איך מוז גיין אויסוואַשן די פּאָדלאָגעס אין קאָרידאָר.

— איך וועל אויך גיין מיט דיר, וועלן מיר דאָס מאכן איינס־און־צוויי, — האָט כײַעלע פאָרגעלייגט.

דער אקטיוויסט, איז נאָך אַליין געווען אין קיך. ער האָט שוין מער ניט פארבראַכט מיט דער גאנדז, ווײַל זי איז, נעבעך, געלעגן אין בראָטער. און ער, מיכאֵל מיטראָפּאַנאָוויטש, איז געשטאַנען באַם בײַשטידל פון קיך־טיר און סטאַם אזוי געוואָרפן ווערטער אין דער לופט.

— עס קומט א גאַסט, גיט מען אים א שמאַטע, ער זאָל וואַשן דעם פּאָל. ווען צו מיר וועט קומען א גאַסט, וועל איך אויך אזוי טאָן.

אזויווי קיינער האָט אַף דעם קיין אכט ניט געלייגט, כאַנע האָט גע־דרייט די שמאַטע און כײַעלע האָט געוואַשן דעם דיל, זײַנען זיי טאַקע אײַ־גיכן פארטיק געוואָרן.

נעכעמיע איז געקומען, דערזען כײַעלען, האָט ער אזש אונטערגעטאַנצט פון פרייד, זי אָנגעקושט און איז גיך ארויסגעגאַנגען. ער איז צוריק געקו־מען מיט א פלאַש ווײַן, און ס'איז געוואָרן א מיטיק מיט לעכאַיִם און מיט אָן א שיר „געדענקסט?”. ערשט שפּעט אין אָוונט איז כײַעלע אוועקגעגאַנ־גען און צוגעזאָגט, אז זי וועט דעם קומענדיקן שאַבעס ווידער קומען מיט שימקען.

אזוי איז דאָס טאַקע געווען. די שאַבאָסים זײַנען איצטער כאַנען גרינגער געוואָרן. שימקע פלעגט ארויספירן סענדערקען שפּאַצירן אַף א דרײַ שאָ. כײַעלע האָט צוגעהאָלפן אין דער באַלעבאַטישקײַט, די שכיינע, דעם „אקטי־וויסטס” ווײַב, האָט עטלעכע מאָל געפרעגט כאַנען:

— דאָס איז אײַערע א שוועסטער?

— מער ווי א שוועסטער, — האָט כאַנע געשטילט דער שכיינעס נײַ־געריקײַט.

דעם קומענדיקן זונטיק איז דער „אקטיוויסט” מיט זײַן ווײַב געווען גע־פלעפט. עס איז געקומען טשאַרלי מיט טויבקען, אָט די, וואָס פלעגט ניט קאָנען דערקענען די קי אַפן פעלד. עס איז געקומען מאַקאַר מיט זײַן יונג ווײַב. און, פארשטייט זיך, כײַעלע מיט שימקען. דאָס מאָל איז שימקע מיט

אַלע דרײַ מיידלעך אוועק אין פּאַרק אױף גאָרקיס נאָמען. טשאַרלי האָט ארויסגעפירט שפּאַצירן סענדערקען, מאקאר האָט זיך געשטעלט שיילן קאַרטאָפליעס, און זיין ווײַב האָט געשמועסט מיט כאַנען. בייס נעכעמיע איז געקומען פון מוזיי, האָט ער טרעפלעך באַמערקט:

— אַט דאָס איז שיין. אַט האָבן מיר א פיליאַל פון קאָמונע.

— ביסט ניט צופרידן מיטן פיליאַל? — האָט כײַעלע געוואָלט וויסן.

— פאַרוואָס עפּעס? ווען איר קומט אָפּטער, וואָלט געווען נאָך בעסער.

נעכעמיע האָט א האָר ניט איבערגעטריבן, בייס ער האָט געזאָגט, אַז בא אים האָט זיך געעפנט א פיליאַל פון קאָמונע. גאַנץ אָפט איז כײַעלע מיט שימקען, טשאַרלי מיט טויבקען געקומען שאַבעס אינדערפרי, און אוועקגעפאָרן זײַנען זיי מאָנטיק אינדערפרי. ביידע פּאָרפאָלק זײַנען געשלאָפן אין גרויסן צימער אױף דער פּאָדלאָגע, ווו כאַנע פלעגט אויסשפּרייטן צוויי ברייטע מאַטראַצן. ביז שפּעט אין אָוונט זײַנען די מיידלעך געשפּרונגען פון די בעטלעך צו שימקען מיט כײַעלען. קיינער האָט אזוי ניט געקענט שפּילן זיך מיט די קינדער, ווי שימקע. אין איינעם א שאַבעס, ווען קיינער איז כוץ כאַנען און כײַעלען ניט געווען אין שטוב, האָט כאַנע איר געוויזן דעם זשורנאַל מיט דער אָנגעדרוקטער דערציילונג. כײַעלע האָט איבערגע-לייענט, אָנגעקוקט כאַנען מיט זייער א געוויינלעכן בליק און ארויסגעזאָגט איר מיינונג.

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן, עס איז אזוי נאַטירלעך, ווי איך וואָלט מיט דיר גערעדט. פאַרוואָס האָסטו דאָס מיר ניט געוויזן פריער?

— כ'האָב דיר זייער געוואָלט ווײַזן, נאָר כ'האָב זיך געשעמט.

— דאָס האָב איך זיך שוין פון דיר ניט געריכט. פאַרשטייט זיך, איך קען דיר ניט געבן קיין אייצעס, נאָר דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז איך בין קיינמאָל אָן קיין ביכל ניט געווען, איך ווייס ניט צי דו פאַרשטייסט עס, אָבער מיר דוכט, אַז דאָס איז זייער גוט. און דו זאָלסט עס ניט אוועקוואַרפן, שרײַב, ווי נאָר דו האָסט א פרײַע מינוט.

כײַעלע האָט אזוי געמיינט און אזוי געזאָגט, דערבײַ האָט זי גוט פאַר-שטאַנען כאַנעס אויסקומעניש. ניט קוקנדיק אױף דעם, וואָס זי איז אַליין געווען אין די הויכע כאַדאָשים, פלעגט זי שוין איצטער קומען פרײַטיק אָפּדערנאַכט, קעדיי צו העלפן כאַנען מיט וואָס זי האָט נאָר געקאָנט. דערי-בער האָט כאַנע איצט געהאַט א פּאָר שאָ אין די פרימאָרגנס צו זיצן און שרײַבן.

נעכעמיע האָט קלוימערשט געמוסערט כײַעלען:

— זע נאָר, ווי דו האָסט זיך דאָ צעבעריעט? וואָס טראַכסטו זיך? ווערסט דאָך מאַכן א פּוילערקע פון מײַן ווײַב!

— וואָס זאָל איך טראַכטן, דו ווייסט אַליין, אַז דײַן ווײַב איז א גאַנץ לעבן געווען א פּוילערקע. דערפאַר וועט זי שוין קיינער ניט קאַליע מאַכן.

— אוי, ווײַבער, ווײַבער! — האָט נעכעמיע אָפּגעזיפצט און צוגע-

געבן: — ווען גאָט האָט באַשאַפן אַדאַמען, האָט ער געמוזט אַפּרוען, אָבער ווי נאָר ער האָט באַשאַפן כאַווען, האָט שוין קיינער קיין רו ניט געהאַט.

— זאָג איך דאָך טאַקע, אַז דײַן ווײַב איז אַזוי צעפּעסטעט, כ'ווייס ניט ווי דו האַלטסט אויס פון איר.

— זיך אויסטײַנען מיט דיר, דאַרף מען אופּעסן א זאַק פּאַסאַליעס, — האָט נעכעמיע זיך געוויצלט און צוגעפּינטלט צו כײַעלען מיט אַן אויג.

פאַרן אוועקגיין אין אינסטיטוט פלעגט נעכעמיע אַרײַנגיין אין קיך, אָנ-קוקן כאַנען און שטיל זאָגן:

— כאַנוקל, הײַנט וועל איך ניט קומען פרי, כ'וועל איבערבײַסן אין בופעט פון אינסטיטוט. גיב אכטונג, סענדערקע זאָל זיך ניט אַרויסקוליען פון בעטעלע, געדענק, ער זעצט זיך שוין.

אַזוי איז זיך געגאַנגען דאָס לעבן בא זיי, און, ווי געזאָגט, וואָלטן זיי געקאָנט זײַן איבערגליקלעך. די קינדער האָבן זיך גוט געלערנט, סענדערקע איז שוין אַרומגעגאַנגען. נעכעמיע האָט ניט אײַנגעריסן די וועלט מיט באַ-שטעלונגען, ווײַל כאַנע האָט זייער שפּאָרעוודיק געפירט די באַלעבאַטיש-קײַט. עס איז געווען ריכטיק, וואָס זי האָט טאָמיד געזאָגט: מײַן אַרבעט איז מײַן רײַכקײַט. זי האָט געמאַכט ווינעגרעטן, קאַרטאָפל-לאַטקעס, א גרויסן פּודינג פון ווײַסן ברויט, די באַוווסטע ציבעלע-קאָטלעטן. אופּשניט, וווּרשט, סאַרדינקעס, שפּראָטן, פּיראָזשנעס, אַלערליי קעז, וואָס כאַנע פלעגט זען אף די טישן בא קינסטלער, האָט זי קיינמאָל ניט געקויפט. אַלע פרײַטיק האָט זי געמאַכט א גרויס געוועש, און כײַעלע האָט געהאָלפן. ערשט איצט האָט כאַנע מער ווי אין קאָמונע פאַרשטאַנען, וואָס פאַר א פרײַנט זי האָט. ניט איין מאָל האָט כאַנע געזאָגט:

— כײַעלע, פאַרוואָס מאַכסטו זיך ניט הערנדיק, בייס איך זאָג דיר, דו זאָלסט ניט שלעפן צו מיר קיין הערינג, קיין פיש און נאָך פּרעסערײַ?

— ווי קאָן מען זײַן האַרטהעריק צו דײַנע געשרייען? וואָס ווילסטו פון מיר, איך זאָל דאָס לאָזן אין צוזאַמענוווינונג אונטערן בעט? ס'איז געווען שלעכט געהאַקטער לעבער, וואָס איך האָב געבראַכט? ווי שעמסטו זיך ניט? שימקע האָט שוין טאַקע געזאָגט: „עפּשער וויל כאַנטשע ניט, מיר זאָלן פאָרן צו איר?". און איך טראַכט אויך אַמאָל, עפּשער זײַנען מיר דיר אי-בעריק, ווײַל דו האָסט געביטן די בעהיימעס אף פען און פּאַפּיר.

כאַנע איז רויט געוואָרן. זי האָט קיין וואָרט ניט געקאָנט זאָגן. זי איז אַרײַן אין וואַנע-צימער און זיך גענומען צום געוועש. אין א ווײַלינקע אַרום איז אַרײַנגעגאַנגען כײַעלע אויך, און אָט שטייען זיי שוין און טוען באַנאַנד. פּלוצעם טוט א זאָג כאַנע:

— געדענקסט, כײַעלע, דו האָסט געדײַגעט, אַז די קומענדיקע מענטש-הײַט וועט דיך טאַדלען, וואָס דו ביסט מעכאַבעד די קאָמונאַרן מיט אוגער-

קעס מוז איך דיר זאָגן, אַז איך באַדויער די קומענדיקע מענטשהײַט, ווײַל זי וועט געוויס פאַרגעסן, ווי מיר זײַנען זיך באַגאַנגען איינער מיטן אַנדערן.

— וואָס דאַרפן מיר באַדויערן די קומענדיקע מענטשהײַט? לאָמיר בעסער אַליין אויסמײַדן אָנצוטאָן הארצווייטעק איינער דעם אַנדערן. נעם די לײַלעכער, כאַנע, זיי זײַנען שוין אָפּגעריבן. שימקע מיט די קינדער זײַנען אין הויף, וועט ער דיר העלפן אָנציִען די שטריק.

אַזוי האָט כײַעלע ריכטיק אָפּגעשאַצט כאַנעס ווערטער און האָט זיי אָפּגעקילט, קלוימערשט, מיט דעם, וואָס מע דאַרף גיכער הענגען דאָס גרעט.

די לעצטע זונטיקס איז מאַקאַר ניט געקומען. כאַנע האָט געפרעגט בא כײַעלען, צי זי באַגעגנט אים ניט אָפּן זאַוואָד.

— דו מיינסט, דער זאַוואָד איז אַזוי ווי דײַן הויף? „שאַריקאָפּאָדשיפּניק" איז אַ גאַנצע שטאָט.

— דו ווייסט, אַז איך קען מאַקאַרן? כ'האָב מיט אים אײנײנעם געאַרבעט אין אַ קינדערגאָרטן, גלײַך ווי איך בין געקומען פון קאָמונע. אַדאַנק אים בין איך ניצל געוואָרן פון אַ בילבל.

און כאַנע האָט דערציילט כײַעלען, וויאַזוי מאַקאַר האָט אַ געשריי געטאָן דאַן אין קיך: „כאַנע דאַווידאָוונע, זע, וואָס די אַלטע מאַכשייפע טוט בא דײַן קאַשעקע!"

— איך וואָלט דאָס קיינמאָל ניט געגלייבט אָף אים. זעסטו, מע טאָר קיינמאָל ניט שאַצן גרינג, — האָט כײַעלע געזאָגט.

עס איז דאָ אַ ווערטל: „אַלץ אײנײנעם איז ניטאָ בא קיינעם". כאַנע האָט דאָס ווערטל גוט פאַרשטאַנען. און איצט האָט זי אַזוי מאַרקירט דעם שטײַגער, אַז אַלע טאָג איז זי געזעסן און געשריבן, און ניט אַזוי, ווי פריִער, ביז באַגינען, פון אַזייגער צען ביז צוויי באַנאַכט. ס'איז אָבער געווען אַ זאַך, מיט וועלכער כאַנע האָט זיך ניט געקאָנט קיין אייצע געבן. עס טרעפט אָפּט, אַז זי זעצט זיך צום טיש, און טאָמער האָט זי פאַרגעסן צונעמען דעם בוך, וואָס זי האָט געלייענט, איז זי שוין אַ פאַרפאַלענע. זי באַווײַזט זיך ניט אַרומצוקוקן, ווי זי האָט געפּאַטערט די צײַט אָף לייענען. גאַנץ אָפּט פלעגט זי כײַעלען אַוועקזעצן לעבן זיך און פאַרלייענען. ס'האָט ניט געהאָלפן, וואָס כײַעלע פלעגט זאָגן: „מע דאַרף דאָך עפּעס טאָן".

— נישקאָשע, נישקאָשע, דיקענס ווייסט בעסער פון דיר, וואָס מע דאַרף טאָן. הער זיך אײַן, וואָס ער זאָגט: „אַן אָרעמאַן, זאָגט ער, איז אַ סאַך שווערער צו זײַן גוטהאַרציק, ווי דעם גוויר. דער גוויר קאָן זײַן זייער אַ גוטער טאַטע, אַן אויפמערקזאַמער מאַן, זײַן פרוי איז אויך זייער שיין, גוטהאַרציק, פּילט אויס יעדער קאַפּריז פון אירע קינדער. אָבער נעמט אַראָפּ פון זײַן שיינער פרוי דאָס זײַדן קלייד, די צירונג, צעקודלט איר שיינע פריזור, נעמט בא דער אָרעמער מאַמע די קנייטשן און לייגט זיי אַוועק אָפּן פּאָנעם פון דער גווירנטע, גיט דעם גוויר, דעם בײַשפּיללאָזן מאַן און פאָ־

טער דעם אָרעמאַנס גראָשנס, דעמלט וועט איר שוין זען ווי געהעריק זײַנע זעלטענע מײַלעס".

— וואָס וועסטו זאָגן, ער פאַרשטייט, דיקענס, איאָ?

— וואָס זאָל איך זאָגן, אזא יאָר אף מיר. אָבער לייג אוועק דאָס ביכל, מע דאַרף שווענקען דאָס גרעט, — באַמערקט כײַעלע.

עס איז געקומען דער טאָג, און כײַעלע איז געלעגן געוואָרן. כאַנע האָט געפּויעלט, אז שימקע זאָל ברענגען כײַעלען מיטן קינד צו איר, און ביז דרײַ כאַדאָשים זײַנען זיי געווען בא כאַנען. אין די זונטיקס האָט שימקע, ווי פריִער, שפּאַצירט אפן בולוואַר מיט סענדערקען אין וועגעלע און מיט דעם אייגענעם מיידעלע אף די הענט. די מאַמעס און די באָבעס, וואָס האָבן אויך שפּאַצירט מיט זייערע קינדער אפן בולוואַר, האָבן געזייצעט שימקען:

— כאַוועך, אויב איר האָט א צווילינג, באַשטעלט אײַך א דאָפּלטע קאָליאַסקע. איינס האַלטן אף די הענט, דאָס צווייטע פירן איז זייער שווער.

שימקע פלעגט זיי אָנקוקן מיט א שמייכל און שווײַגן...

די צײַט קריכט פּאַוואָליעטשקע, די טעג לייגן זיך צונויף אין יאָרן. סענדערקע גייט שוין אַרום, כײַעלעס מיידעלע, בליומקעלע, איז שוין אויך אַרויס פון די ווינדעלעך. עטלעכע קליינע דערציילונגען כאַנעס האָט אָפּגע-דרוקט דער זשורנאַל „שטערן", וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין מינסק. זי האָט פון דאָרטן געקראָגן א גוטהאַרציקן בריוו. נעכעמיע האָט איבערגעלייענט די דערציילונגען און אויסגעדריקט זײַן מיינונג:

— ס'איז ניט שלעכט, אָבער דו שרײַבסט דאָך נאָר וועגן זיך און וועגן זיך!

כאַנע האָט דאָס ניט געקאָנט באַנעמען, און זי האָט געזאָגט דאָס, וואָס זי האָט געפילט און געטראַכט:

— וואָס זאָל איך טאָן, אז איך קען קיינעם ניט אזוי גוט, ווי זיך אַליין? דאָס איז ערשטנס. צווייטנס, בין איך זייער צופרידן, וואָס דו זאָגסט שוין ניט וועגן מײַן שרײַבן אזוי ווי פריִער.

— וואָס פעלט דיר אײַן, ווען האָב איך אזוינס געזאָגט?

— דו האָסט פאַרגעסן? אָבער איצט פאַרשטיי איך אויסגעצייכנט, אז אפילע שעפערישע מענטשן פאַדערן פון זייערע נאָענטע, זיי זאָלן פאַלגן...

אָט אזוי האָט אויסגעעשאָסן כאַנעס האַרמאַט, וואָס זי האָט פון לאַנג אָנ-געלאָדן.

עס איז ניטאָ אזא זאַך, אין וועלכער א מענטש זאָל ניט אַרײַן ביזן האַלדז, שוין אָפּגערעדט, אז שטוב-אַרבעט איז אן אָפּגרונט. עס שלינגט אײַן טאָג נאָך טאָג. כאַנע ווייסט ניט וואָס פריִער צו טאָן, איר צײַט איז אָנגעפּיקעוועט מיט לויפעניש, מיט אַרומזען נעכעמיען. אָט שטייט ער אונטקעגן איר מיט אן אויסגעצויגענער האַנט, און זי גייט צו א קנעפּל צום מאַנקעט פון זײַן אויבערהעמד.

צוגענייט דאָס קנעפּל, אַוועקגעלאָפן אין קיך. און אָט הערט זי שוין זײַן מילד שטיל קאָל:

— כאנוקל, ווּ איז דער גוטאַלין מיט דער שוך־באַרשט?

— פרעג בא ביילקען, זי איז דאָך די באַלעבאָסטע איבער די זאכן. — אייצעט כאנע און רײַבט א גרויסן בורעק אפן ריבײַזן.

אין א ווײַלינקע ארום שטייט שוין נעכעמיע לעבן איר אין קיך. זי גיט אים גלײַך אין מויל ארײַן צוויי־דרײַ לעפעלעך אָנגעריבענעם בורעק, ווישט אים אָפּ די ליפּן מיט דער מארליעטשקע, דורך וועלכער זי קוועטשט דעם בורעק־זאפט, ער טוט זי א קוש, זײַנע אויגן גיבן א גלאַנץ מיט שווארצן גלאַנץ, ער ווינטשט איר א „זײַ־געזונט" און גייט אוועק.

סענדערקע וויינט. כאנע נעמט אים ארויס פון בעטעלע און, האַלטנדיק אים אף די הענט, מאכט זי א בורעק־ראָסל. זי לייגט צום טאם זויערזאַלץ, צוקער, פּאָשעטע זאַלץ, פארזוכט, זעט, אז ס'איז ניט שלעכט, און לעשט אויס דעם פּרימוס. ערשט איצט זעט זי, אז אף סענדערקעס בעקלעך זײַנען געבליבן רויטע פלעקן, און זי פארשטייט, אז זי האָט אים, אפּאָנעם, א קוש געטאָן. זי וואשט אויס סענדערקעס צורקע באם קראַן, גיסט אָן ווארעמע מילך אין א קריגעלע און פארשטייט, אז דערפאר טאקע האָט סענדערקע געוויינט, ער האָט געוואָלט טרינקען. אויסגעטרונקען די מילך, איז ער גלײַך אײַנגעשלאָפן.

ערשט איצט נעמט זיך כאנע צו דער ארבעט ווי ס'באַדארף צו זײַן, וואָרעם הײַנט איז שאבעס. בײַעלע מיט שימקען קומען איצט זעלטענער, ווײַל זיך שלעפּן פון „שאריקאָפּאָדשיפּניק" צו כאנען איז ניט פון די גרינגע זאכן.

דער טאָג לויפט. זי דערוואַרט זיך קוים, די קינדער זאָלן שוין אײַנ־שלאָפן. אָבער ווי נאָר זי זעצט זיך צום טיש, טוט זיך די מידקײַט פון איר אָפּ. אָט איז זי אין איינעם אָן אָוונט געזעסן, זי ווייסט אליין ניט ווי לאנג, נאָר ניט מער ווי א שאָ פיר. זי האָט זיך דערפילט געהויבן פון איר דערציי־לונג וועגן איינער א מאמען, וואָס האָט געהאט א סאך קינדער, א מאן א שלימאַזל, אָבער דער גרעסטער אומגליק איז, וואָס אירס א ייִנגעלע ווייסט ניט פון קיין זעט און איינע א באהאוונטע ייִדענע אייצעט און העלפט ארײַנ־שטופּן דאָס קינד אין שופלאַד פון קאָמאָד. און דאָס קינד ווערט אויס זוי־לעל־וועסויווענוק...

איבערגעלייענט, אויסגעווישט די טרערן פון די אויגן, האָט כאנע פאר־שטאנען, אז זי האָט אָנגעשריבן עפּעס־וואָס וועגן גרויסן עמעס. אָבער גע־לייענט האָט זי עס קיינעם ניט. דערווײַל האָט געקומען צו זיי ארײַנגיין דער באַרימטער קינדער־דיכטער קוויטקאָ, ווײַל דער קינדער־פארלאַג האָט בא נעכעמיען באשטעלט איליוסטראציעס צו א וויגליד, וואָס קוויטקאָ האָט אָנגעשריבן.

כאנע איז געווען אנציקט. און בייס איינער א באַוווּסטער דיכטער האָט געלויבט קוויטקאָס קינדער־לידער, האָט כאנע מיט הארץ געזאָגט:

— פארוואָס נאָר קינדער־לידער, ווען עס וועט קומען דער טאָג און מע

וועט זיך אוועקזעצן און אופמערקזאם דורכלייענען, וואָס קוויטקאָ האָט אָנגעשריבן, וועט מען דאָרט געפינען פּרעכטיקע לידער פאַר דערוואַקסענע.

די דערציילונג וועגן דעם ייִנגעלע, וואָס זײַן מאַמע מיט דער באַהאַלטער ייִדענע האָבן אַרײַנגעשטופּט אין שופלאָד פון קאָמאָד, איז געבליבן ליגן אפן טיש. כאַנע האָט עס פאַרגעסן אַרײַנצולייגן אין דער צײַטונג, ווו ס'זײַנען געלעגן נאָך דערציילונגען און ריין פּאַפּיר. כאַנע איז אַרויסגעגאַנגען אין קיך. זי האָט נאָך ניט באַוויזן אַראָפּצונעמען דעם טשײַניק פון פּרימוס, ווי זי האָט דערזען, אַז קוויטקאָ גייט צו איר מיט עפּעס פּאַפּירן אין די הענט. ער איז צוגעגאַנגען נאָענט צו איר, האָט זי אָנגעקוקט, ווי כאַנען האָט זיך אויסגעוויזן, זייער שטרענג, אַפילע ברויגעזלעך און שטיל געפרעגט:

— דאָס האָט איר אָנגעשריבן? — און ער האָט א פאָכע געטאָן מיט די פּאַפּירן בא איר פּאָנעם.

— מיסטאַמע איך, — ענטפערט זי מיט א געפאַלן קאָל.

— מיסטאַמע?

— ווײַזט, וואָס איז דאָס? — האָט כאַנע געוואָלט נעמען די פּאַפּירן.

— וואָס ווײַזן? איר ווייסט ניט? „דער מיטעסער!" דאָס איז אײַער אַרבעט, וואָס שווײַגט איר? אוי, ווי איז מיר! כ'האָב נאָך אַזוינס ניט געזען! — און ער איז מאַמעש אַרויסגעלאָפן פון קיך.

כאַנע איז אים נאָכגעלאָפן. זי איז אַרײַנגעגאַנגען אין צימער. זי האָט דערזען, ווי ער שטייט אַנטקעגן נעכעמיען מיט די זעלבע פּאַפּירן, און זי האָט געהערט, ווי ער שרײַט מאַמעש:

— זי האָט אײַך ניט געלייענט? אָרעמער מענטש! איר הייבט ניט אָן צו וויסן, ווער איז לעבן אײַך.

כאַנע איז אַרויס פון צימער, ווי א ווינט. דאָס האַרץ האָט איר פאַרקוועטשט פון גרויס ראַכמאָנעס צו נעכעמיען. בייס זי איז אין א ווײַלע אַרום ווידער אַרײַנגעגאַנגען מיטן טשײַניק און האָט אָנגעגאָסן צוויי גלעזער טיי, האָט לייב אָפּגערוקט די גלאָז פון זיך און האָט צו איר געזאָגט:

— איך נעם עס מיט, איך וועל עס אוועקגעבן קושניראָוון. דאָס וועט זײַן אָנגעדרוקט.

כאַנע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, נאָר זי האָט ניט געפילט, אַז זי טוט עס, א סקרוך האָט דורכגענומען אַלע אירע גלידער, לייב האָט עס, אַפּאָנעם, דערפילט און זי געטרייסט:

— וואָס זײַט איר אַזוי צעטראָגן, כאַנע! איך האָב געלייענט און הונדערטער מאָל געהערט, ווי מאַמעס כאַלעשן, דאָס קינד זאָל אופּעסן נאָך עפּעס. אָבער איך האָב נאָך ניט געלייענט און ניט געהערט, אַז א מאַמע זאָל זוכן א טרופּע, דער אַפּעטיט בא איר קינד זאָל זיך מינערן. זײַט ניט אַראָפּגעפאַלן בא זיך, איר קענט מיר גלייבן. דאָס, וואָס איך זאָג, איז עמעס.

כאַנע האָט טאַקע געגעבן קוויטקאָן די דערציילונג, און אין א פּאָר טעג אַרום, ווען כאַנע האָט צוגעקליבן דעם קאָרידאָר, האָט עמעצער אָנגעקלונ-

גען. כאנע האָט געעפנט די טיר און דערזען אַן אומבאַקאַנטן מענטשן. ער האָט אַראָפּגענומען די הוט פון קאָפּ און געפרעגט:

— איר זײַט כאנע?

— יאָ. נאָר לאָמיר אַרײַנגיין אין צימער.

אָפּן שטול האָט זיך דער מענטש ניט געזעצט, כאָטש נעכעמיע האָט ניט איין מאָל פאַרגעלייגט. שטייענדיק מיט דער הוט אין האַנט, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט:

— איך בין מייער ווינער. צו מיר איז ניט צופעליק אַרײַנגעפאַלן אײַער דערציילונג. דאָס איז אַ מערקווירדיקע דערציילונג. דאָרטן איז ניטאָ קיין טראָפּן ליטעראַטוראַרטיקײַט.

— אָבער גלייבט מיר, אַז דאָס האָב איך טאַקע אַליין אָנגעשריבן, — כאנע האָט זיך פאַרהאַקט, רויט געוואָרן.

מייער ווינער האָט אָנגעהויבן אַרײַנגיין גאַנץ אָפט. אַלץ, וואָס ער האָט דערציילט, איז געווען טשיקאַווע צו הערן. אַנומלטן האָט ער גענומען דעם שפּיגל פון קאָמאָד, אים געהאַלטן אין ביידע הענט, מיט דער שפּיגל-גלאָז צום סופיט און געוויזן, וויאַזוי ער איז אומגעגאַנגען אין רוים אין דער סיקסטינער קאַפּעלע און האָט באַטראַכט מיקעלאַנדזשעלאָס געמעלן. כאנע האָט געגאַפט פון מייערס פאַרשיידענע געשיכטעס וועגן זײַנע רײַזעס, ער האָט פאַרכאַפּנדיק גערעדט וועגן דער וועלט-ליטעראַטור, וועגן דער יידי-שער אַלטער און נײַער ליטעראַטור. זיי האָבן זיך זייער באַפרײַנדעט, זיי האָבן אַפילו געטראַכט צו דינגען אײנײנעם אַ דאַטשע אין קראַטאָווע, אָבער דער גורל האָט אַנדערש באַשטימט...

זינט די סאָוועטישע אַרמיי האָט באַפרײַט ליטע, האָט כאנע אָנגעהויבן באַקומען בריוו פון דער מאַמען. די מאַמע האָט געטײַנעט אין טײַנע: קאָל-זמאַן זי לעבט, וויל זי זיך זען.

דעם 18 יוני 1941 יאָר האָט נעכעמיע באַגלייט כאנען מיט רייזעלען, מיטן ייִנגסטן מיידעלע, צום ווײַסרוסישן וואָקזאַל, ווײַל כאנע איז אַוועקגע-פאָרן קיין ליטע. מיט קנאַפּע צוואַנציק יאָר צוריק האָט כאנע פאַרלאָזט דאָס שטעטל, צו וועלכן זי האָט זיך דעם 19 יוני דערנעענטערט מיטן קאָוונער צוג. זי איז געווען אויפגערעגט, צעטומלט, זי האָט זיך מאַמעש געשראָקן פאַר דער באַגעגעניש. זי האָט זיך ניט געקאָנט אויסמאָלן דער באָבעס שטוב אָן דער באָבען מיטן זיידן. נאָר מער פון אַלץ האָט זי געשראָקן די באַגע-געניש מיט דער מאַמען. זי האָט גוט געדענקט, אַז די באָבע איז געקומען זי אָפּנעמען מיטן קינד. און די באָבע איז נאָכגעלאָפן דעם וואָגן, זיך גע-האַלטן בא דער דראַבינע און געבעטן: „סרײַב, כאַנקע, סרײַב, האָב ראַכ-מאָנעס"...

די מאַמע אירע, גיטל, איז שוין אַ סאַך מאָל געלאָפן מיט דער טעלע-גראַמע צום קאָמאַנדיר פון דער סאָוועטישער אַרמיי, געבעטן, ער זאָל קיין

פאריבל ניט האָבן, און קעסיידער געפרעגט: „איר ווייסט געוויס, אז דער קאָוונער צוג וועט ניט פארשפעטיקן?” זי האָט ניט גערוט און קיינעם ניט געלאָזט רוען. עס איז טאקע געווען אזוי, ווי איר מאן הירשע האָט געזאָגט: „זינט די טעלעגראמע איז געקומען, שטייט מיין ווייב אף איין פוס, קייט מיט איין צאָן און שלאָפט מיט איין אויג”.

אין אויוון האָט ניט אופגעהערט צו פלאקערן. ס'זיינען שוין פארטיק די טאָרטן, געראָטענע און הויכע, ווי צילינדערס. די געשלאָגענע באבקעס אף געלכלעך מיט סמעטענע איבערגעשאָטענע מיט געריבענע ניס, צימרינג און צוקער, גלאנצן, ווי לאקירטע. די פלאָדנס, פעטע און פוכקע, זיינען ווי מיט א פרעסטל פארצויגן פונעם צוקער-פודער. אף די טונקל-געלע לעקעכער האָט גיטל אויסגעלייגט פון נעגעלעך געגנדז מיט גענדזעלעך. ס'זיינען פארטיק טייגלעך: געצוקערטע, טרוקענע, נאסע, געקאָכטע אין האָניק. ס'זיינען דאָ געפעפערטע קיכלעך צו געהאקטן לעבער, אין גרויסן געווייסטן קופערנעם קעסל האָט גיטל אריינגעלייגט רינדערנע און קעלבערנע ביינער, ביינער פון אויפעס, פון וועלכע זי האָט אראָפגענומען דעם ביילעך. די לעפל, וואָס גיטל האָט אוועקגעלייגט אפן טעלער, נאָכן פארזוכן די יויך, איז צוגעקלעפט געוואָרן צום טעלער.

— ווער וועט בא דיר אופעסן אזא קרענעצע יויך? — האָט הירשע ניט אויסגעהאלטן.

— מע וועט ניט אופעסן, וועל איך ארויסגיסן. ווער קומט צו דיר, באדאכט זיך! העלף בעסער קלעפן די קרעפלעך, לייג זיי אף די בעקנס, שמיר מערער שמאלץ, זשאלעווע ניט! — גיטל האָט גערעדט, בייסמייסע געלייגט געהאקטן לעבער אף די גרויסע פאָלומעסיקעס, ארומגעפוצט מיט דין געבראָקטע גרינע ציבעלעס, ארומגעשאָטן מיט אָנגעריבענע הארטע געלכלעך, ווו-ניט-ווו אריינגעשטעקט א ראָז רעטעכל, געשעפט מיטן קאָכלעפל געגנדזענע שמאלץ, ניט אָפגעזייט די געלע גריוון, געגאָסן אף דער לעבער.

— ס'וועט דאָך בא דיר אוועקשווימען! — האָט הירשע געוואָרנט.

— אבי דו וועסט בא מיר בלייבן!

— ווער עס ווינטשט מיר שלעכטס, זאָל האָבן א ווייב א בעריע.

— איך ווינטש מיינע גוטעפריינט, אז זייערע ווייבער זאָלן פארשפאָרן צו זיין בעריעס! — האָט גיטל געענטפערט, געשטאָכן מיטן שפיציקן מעסער די שטיקער קעלבערנע ברוסט. א שטאָך — אריינגעשטעקט א קנאָבעלע, א שטאָך — א שטיקעלע מער, א פעטרעשקע, באשפרענקלט מיט געשטויסענעם ענגל-געווירץ, באגאָסן מיט אופגעקלאָפטע אייער, באטרייסלט מיט טרוקענער געמאָלענער כאלע, ארומגעלייגט מיט הינערשע פלאָסטערן און — אין אויוון אריין...

ענדלעך איז אלצדינג פארטיק. גיטל באקוקט די געגרייטע טישן, די פלעשער מאשקע צווישן די טיפע גלעזערנע שאָלן איינגעמאכטס. די גרויסע דורכזיכטיקע אגרעסן זיינען גאנץ און געל, ווי בורשטינענע. די טונקל-

רויטע ווײַס-געפּינטלטע טריסקאווקעס שווימען אין רויטלעכן זאָפט, ווי נאַרוואָס פון דער בײַט.

אָבער גיטל קוקט שוין ניט אויף דעם, גיטל איז איצט ווײַט פון דאַנען. זי האַלט כאַנקען אונטער די הענטלעך, כאַנקע שטעלט די ערשטע טריט, און גיטלס מאַמע, די באָבע פּעסיע, פירט דורך מיט אַ מעסער צווישן כאַנקעס געשטריקטע שיכעלעך, זאָגט אַ שפּרוך: „לויף, ווי אַ טײַכל, זאָלסט וואַקסן, ווי קראָפּעווע, גוטע לײַט זאָלן זיך פרייען, טאַטע-מאַמע זאָלן קווועלן...״

יאָ, זי האָט געשריגן, בײַס כאַנקע האָט געהאַט איר מיידעלע: „מעגסט ליגן אין קאָוונע אין ביקער-כוילים, מעג דײַן מאַמזער פאַרלייגן מיטן קעפּל, איך האָב אין דעם קיין כײַלעק ניט״.

גיטלען פאַרקוועטשט דאָס האַרץ: „כאַנקע געדענקט דאָך דאָס אויך...״

גיטל האָט זיך אופגעכאַפּט די רעגע, בײַס זי האָט דערהערט כאַנקעס שטים אין שטוב. ס'האָט זיך באַ איר אַרויסגעריסן אַ ווילד געשריי, זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון געלעגער, אויף וועלכן זי האָט זיך צוגעשפּאַרט. זיך פאַרטשעפּעט אָן שוועל, דורך אַ פּינטלדיקן נעפּל דערזען אויסגעשפּרייטע הענט און איז אויף זיי געבליבן הענגען...

— מאַמינקע, דו ביסט יונג, ווי אַמאָל.

— אַלט איז דער, וועמען עס געדענקט ניט די יונגע יאָרן, מײַן קינד. זעץ זיך, אָט גיב איך דיר אַ גלאָז ציקאָריע, נעם אַ טייגל.

כאַנקע האָט געקײַט אַ טייגל און זיך פאַרטראַכט.

— וואָס טראַכסטו, מײַן קינד?

— מאַמע, איך האָב מוירע, איך וויל אַרײַנגיין צו דער באָבען אין שטוב. זאָג מיר, מאַמע, ווי איז דאָס געווען?..

— די באָבע איז געקומען פרײַטיק פון מערכעץ, ס'איז איר געוואָרן ניט גוט, האָט מיך דער זיידע, אַלעווהאַשאָלעם, אַרײַנגערופן. פרעג איך: „מאַמע, געבן דיר אַ לעפעלע געפּרעגלטע קאַרשן?״ זאָגט זי: „גיטקע, מאַך זיך ניט צום נאַר, צינד אָן ליכט״. און גאָר...

כאַנע האָט באַטראַכט די געגרייטע טישן און געשמייכלט, ווײַל עס זײַנען שוין אַרײַנגעגאַנגען מענטשן. קיינער איז ניט געקומען מיט ליידיקע הענט, יעדערער האָט געבראַכט מאַשקע, לעקעך, מוירעדיקע קיטקעס, מע האָט קיינעם ניט געדאַרפט רופן.

עס איז געווען שאַבעס, אַ שײַנענדיקער וואַרעמער פרימאָרגן, אַלע פענצטער אין גיטלס שטוב זײַנען געווען אָפן, גיטל אַליין האָט אויך געשײַנט. דאָס ברוינע מוסלינענע לאַנגע קלייד מיטן גיפּיורענעם ווײַסן הויכן קראַגן איז געלעגן אויף איר ווי אויסגעגאָסן. דאָס פאַרוויטלטע פּאָנעם און די בלויע אויגן האָבן געשטראַלט פון נאַכעס. זי האָט אַלע ווײַלע געוואָרפן אַ בליק אויף כאַנען, ווי זי וואָלט געפרעגט:

— שעמסט זיך ניט מיט מיר, מײַן קינד?

כאַנע האָט געקוקט אויף דער מאַמען און געטראַכט: „איצטער ווייס איך

שוין, וואָס פאַר א מאַמע איך האָב. מאַלע־וואָס עס איז געווען?..״ וואָס מער זי האָט געקוקט אויף דער מאַמען, אַלץ מער האָט זי געפילט, סאַרא גרויס גליק עס האָט זי געטראָפן, וואָס זי איז אהער געקומען.

אין פריידיקן טומל האָט מען אויף א ווײַלע פאַרגעסן אין רייזעלען. זי איז געזעסן בא הירשן אויף די קני, ער האָט געגלעט איר קאָפּ, איר דערלאַנגט א שטיק טאָרט, און רייזעלע האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן דערמיט.

א ווײַלעטשקע איז געווען שטיל, נאָר אָט איז אַרײַנגעגאַנגען טײַבעלע די בלעכערקע, א ייִדענע א באַלמעלאָכע. דאָס איז געווען דער ערשטער מענטש, וואָס איז געקומען מיט ליידיקע הענט. זי האָט זיך צעקושט מיט כאַנקען, צוגעגאַנגען צו גיטלען, שטיל געפרעגט:

— וועסט אויף מיר קיין פאַריבל ניט האָבן, גיטל? איך זאָג דיר, וואָס איך האָב אויף מײַן האַרצן. ביסט געבאָרן געוואָרן אין א זײַדן העמדעלע, דײַן קינד איז געקומען צו דיר, איך בין דיר מעקאַנע. איך ווינטש דיר, זי זאָל פאַרגעסן, וואָס עס איז געווען, זי זאָל דיך אַזויפיל האָלט האָבן, וויפל טרערן זי האָט פאַרגאָסן צוליב דיר.

ס׳איז שוין שפּעטער אָוונט. גיטל מיט כאַנקען זײַנען אַליין, גיטלס ליפּן באַוועגן זיך. צום סאָף רעדט זי אַרויס, וואָס זי טראַכט:

— זאָג מיר, כאַנקע, פאַרוואָס ביסטו אַוועק פון דײַן ערשטן מאַן?

— מאַמע, מיר וועלן נאָך צײַט האָבן. אָבער איך קאָן דיר גאַרנישט צוזאָגן. וואָס איך וועל ניט וועלן, וועל איך אַלציינס ניט דערציילן.

פלוצעם האָט אָנגעהויבן ווי דונערן.

— טאַטע, וואָס הילכט אַזוי?

— כ׳מיין, אַז דאָס איז מאַנעווורעס.

אָבער אויף מאָרגן אינדערפרי האָט הירשע כאַנען מיט רייזעלען אין א פור געפירט צו דער באַן קיין דאַטנעווע. מ׳האָט שוין געוווּסט, אַז דאָס זײַנען ניט קיין מאַנעווורעס...

דער וועג צוריק איז געווען אומוואָרהאַפטיק, ווי אין א שרעקלעכן כאָלעם. אין דאַטנעווע האָט זיך הירשע געזעגנט מיט כאַנען און מיט רייזעלען, זיי האָבן אַזוי געוויינט, זיך אַזוי אײַנגעקלאַמערט איינער אינעם אַנדערן, עס האָט זיך געדאַכט, זיי וועלן זיך ניט אָפּרײַסן. אויף דער ערשטער ליניע לעבן וואָקזאַל איז געשטאַנען א צוג. הירשע האָט געהאָלפן כאַנען מיט רייזעלען זיך אַרײַנזעצן אין א וואַגאָן. דאָס איז געווען א ווייכער שלאָף־וואַגאָן, און מער איז קיין איין מענטש ניט געווען. הירשע איז א ווײַלינקע געשטאַנען באַם פענצטער, און ווען דער צוג האָט גערירט, האָט ער מיט בײדע הענט פאַרדעקט דאָס פּאָנעם און איז אַוועק צום וואָקזאַל. אין קאַדאַן, א סטאַנציע ניט ווײַט פון דאַטנעווע, איז דער צוג געשטאַנען. עס האָט זיך געהערט א שיסערײַ. דורכן וואַגאָן־פענצטער האָט כאַנע געזען, ווי מענטשן לויפן מיט פּעק, מיט טשעמאָדאַנעס, זיי לויפן און מיטאַמאָל פאַלן זיי אום

און בלײַבן ליגן... רייזעלע האָט זיך אײַנגעגנורעט אין כאַנעס שויס, עס האָט זי אַזוי געטרייסלט, זי האָט אַזוי געכליפּעט, זי האָט דאָך אויך געזען דאָס, וואָס כאַנע האָט געזען. ווען דער צוג האָט גערירט, איז אַרײַנגעגאַנגען אין וואַגאָן אַ ייִדישע פרוי. זי איז געווען צעפּאַטלט, זי האָט אויסגעזען ווי מע־שוגע, און זי האָט דערציילט:

— די סמעטאַנאָווצעס האָבן מיט אווטאָמאַטן אונדז אַרומגערינגלט, און אַלע זײַנען געבליבן ליגן. מײַן מאַן און מײַן ייִנגעלע אויך. — דערציילנדיק, האָט די פרוי אָנגעהויבן שלוכצן און זיך רײַסן די האָר פון קאָפּ.

ביז ראַדזווילישעק איז אין וואַגאָן געווען כאַנע, רייזעלע און די פרוי. ערשט אויף דער סטאַנציע אין ראַדזווילישעק האָט זיך אין וואַגאָן אַרײַנגעזעצט אַ גרויסע ייִדישע מישפּאָכע — מאַנצבילן, פרויען, קינדער און אַן אַלטיטש־קע באָבע, וואָס האָט ניט אויפגעהערט צו יאָמערן:

— אוי, ווי איז מיר, אַ קלאָג צו מײַן אַלטן קאָפּ! וווּ זײַנען מײַנע אײַ־בעריקע זין, זיי האָבן שוין געוויס געלייגט די קעפּ. האַלעמײַ, גאָטינקע, האָסטו ניט געטאָן פאַ־אַ־אַר־קערט! האַלעמײַ זאָל איך שלעפּן מײַנע שאָפּע־לע אַלטע ביינער אַזאַ מעהאַלעך!

ווי עס פלעגט זיך אָנהייבן אַ שיסערײַ, פלעגט די באָבע שטיל ווערן, און אויב עמעצער פון דער מישפּאָכע האָט געוואָלט אַ טרונק און האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צום טשײַניק, איז זי צוגעלאָפן, געפּאַכעט מיט די הענט און זיך געבעטן:

— לאָזט געמאַך, דערנאָך! קלאַפּט ניט מיטן דעקל פון טשײַניק!

ניט ווײַט פון סעבעזש איז דער טשײַניק שוין ליידיק געוואָרן. איצט האָט די באָבע זייער געוואָלט אַ טרונק. איינע פון איר מישפּאָכע האָט גע־נומען דעם טשײַניק, זיך געלאָזט צו דער טיר, די באָבע האָט אַרויסגעריסן דעם טשײַניק, אים דערלאַנגט כאַנען און געזאָגט:

— טאָכטערל, גיי דו, דײַן קינד וויל דאָך אויך, מיסטאָמע, אַ טרונק.

נאָר רייזעלע האָט זיך אײַנגעקלאַמערט אין דער מאַמען, מוירעדיק זיך צעשריִען: „גיי ניט, מאַמע, גיי ניט. איך וויל ניט קיין טרונק!"

נאָך וואַסער איז טאַקע אַוועק דער באָבעס שנור. ווי נאָר זי איז אַרויס פון וואַגאָן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסערײַ. ווען ס'איז שטיל געוואָרן, איז דער צוג נאָך היפּש געשטאַנען, נאָר די, וואָס איז אַוועק נאָך וואַסער, איז ניט צוריק געקומען... די באָבע האָט ווידער געיאָמערט, דער צוג האָט גע־רירט, און די מישפּאָכע איז קלענער געוואָרן מיט איין מענטשן.

רייזעלע איז איצט ניט אָפּגעטראָטן פון כאַנען, אויף קיין מינוט זי ניט אָפּגעלאָזט. אין סעבעזש איז די גרויסע מישפּאָכע אַראָפּגעגאַנגען. כאַנען מיט רייזעלען האָט דער נאַטשאַלניק פון סטאַנציע אַרײַנגעזעצט אין אַן אַנדער צוג, אין אַ וואַגאָן מיט פרויען פון מיליטערישע, וואָס זײַנען שוין אַוועק אויף דער מילכאָמע.

דער וואַגאָן איז געווען אָנגעפּיקעוועט. כוץ די פרויען, זײַנען געווען

אָנגעוואָלגערט קופּערטן, ניי־מאַשינעס, וועלאָסיפּעדן, לעדערנע טשעמאָדאַנעס, קינדער גרעסערע און גאָר קליינע. כאַנע האָט אַף איר טשעמאָדאַנדל אוועקגעזעצט רייזעלען, אַליין האָט זי זיך געזעצט אַף דער פּאָדלאָגע לעבן אַ פרוי, וואָס איז געזעסן מיט אַ פּיצל קינד אַף די הענט. דאָס קינד איז געלעגן אַף אירע הענט אויסגעצויגן, מיט פאַרמאַכטע אויגן, זײַנע געלע דאַרע פּיסלעך זײַנען אַראָפּגעהאַנגען פון איר שויס. די פרוי האָט אַלע ווײַלע אַרײַנגענומען דעם קינדס פּיס־פּינגערלעך אין די הענט, און איבער אירע באַקן האָבן ניט אופגעהערט צו קײַקלען זיך שווערע מוטנע טרערן.

— גיט מיר, איך וועל אים האַלטן, ווי איר. עס וועט אים זײַן באַקוועם, — האָט כאַנע פאָרגעלייגט.

— ער איז געווען קראַנק. דער מאַן איז געקומען צו לויפן, האָט אונדז אַרײַנגעזעצט אין אַ מאַשין, ווי מיר זײַנען געגאַנגען און געשטאַנען. מיר האָבן אפילע ניט באַוויזן זיך צו געזעגענען. איך וויל ניט, איר זאָלט אים נעמען, מע דאַרף ניט, אים איז שוין אַלצייננס... איר וועט מיר העלפן, ווען דער צוג וועט זיך אָפּשטעלן?..

שפּעט באַנאַכט האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט אינמיטן פעלד. אין אַ זײַט פון דער אײַזנבאַן־ליניע איז געשטאַנען אַ קליין שטיבל פון אײַזנבאַן־וועכטער. כאַנע איז אַהין אוועקגעלאָפן, זי האָט דאָרט געטראָפן אַ פּרוי, זי האָט דערציילט וואָס־ווען, די פרוי האָט געגעבן כאַנען אַ לאָפּעטע, אַליין אויך גענומען אַ לאָפּעטע, און אַהינטער דעם שטיבל האָבן זיי אויסגעגראָבן אַ שמאָל קליין גריבל. כאַנע איז אוועק נאָך דער פרוי, און די פרוי האָט מיט אירע הענט אַהין אַראָפּגעלאָזט דאָס קינד...

ביז באַגינען איז דער באַן געשטאַנען אַף דער סטאַנציע. די גאַנצע צײַט האָט די פרוי געהאַלטן אין איין כאַלעשן. אינדערפרי איז צום וואַגאָן צוגעגאַנגען דער נאַטשאַלניק פון עשעלאָן, ער האָט געמאָלדן, אַז דער צוג גייט קיין פּענזע. דער צוג איז אָנגעקומען אַף דער סטאַנציע פלעכאַנאָווע פאַר טולע. כאַנע האָט גענומען דאָס טשעמאָדאַנדל, אופגעוועקט רייזעלען, און זיי זײַנען אַרויס פון וואַגאָן. אַריבערגעשפּרײַזט די ליניעס, איז כאַנע מיט רייזעלען צוגעקומען צו אַ וועג, וועלכער איז געווען ליידיקלעך. דער טאָג איז געווען אַ הערלעכער, דער וועג איז געלעגן צווישן פעלדער, די זון האָט געבלענדט די אויגן. אָבער סײַווי האָט כאַנע קוים געזען ווי צו שטעלן די פּיס. פּלוצעם האָט זי דערהערט שטימען. זי האָט אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ און דערזען פרויען, וועלכע זײַנען געגאַנגען מיט ליידיקע מילך־בידאָנעס אין די הענט. איינע פון די פרויען איז צוגעגאַנגען צו כאַנען, האָט זי אָנגעקוקט, טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ. ערשט איצט האָט כאַנע באַנומען, ווי זי זעט אויס. זי האָט טאַקע אויסגעזען שוידערלעך, עס איז שוין געווען דער צווייטער יול... די פרוי האָט, אפּאָנעם, פאַרשטאַנען. זי האָט גענומען פון כאַנעס הענט דאָס טשעמאָדאַנדל און דערקלערט:

— צוויי ווערסט פונדאַנען גייט אַ באַן קיין סערפּוכאָוו. איך פאַרשטיי, אַז איר זײַט פון מאָסקווע, וועט איר נאָך הײַנט זײַן אינדערהיים.

די פרוי האָט אויך גענומען רייזעלען פאַר א האַנט, און ס'האָט ניט לאַנג געדויערט, זײַנען זיי געקומען צו א קליין וואָקזאַלכל. זי האָט כאַנען באַזעצט אָף א באַנק און צו איר געזאָגט:

— זיצט, איך וועל אײַך ברענגען וואָס צו עסן.

אַזוי איז טאַקע געווען. די פרוי האָט צוגעוואַרט, ביז דער צוג איז געקומען, זי האָט געהאָלפן כאַנען מיט רייזעלען אַרײַנגיין אין וואַגאָן, און דעם זעלביקן טאָג פאַרנאַכט איז כאַנע געווען אין שטוב.

ביים נעכעמיע האָט זי דערזען, איז ער פאַרגליווערט געוואָרן. זײַן פּאַנעם איז געוואָרן ווײַס, ווי קרײַד. ער האָט קיין איין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסברענגען. פּלוצעם האָט ער אָנגעהויבן שלוכצן, אָבער קיין טרערן האָט כאַנע בא אים ניט דערזען. זי האָט עס ניט געקענט זען, אפילע ווען ער וואָלט געוויינט, ווײַל זי איז אוועקגעפאַלן כאַלאַשעס און ס'האָט היפש געדויערט, ביז נעכעמיע האָט זי אָפּגעמינטערט.

א גאַנצע נאַכט האָבן זיי קיין אויג ניט צוגעטאָן, כאָטש זיי האָבן ווינציק גערעדט. נאָר פון צײַט צו צײַט פלעגט נעכעמיע זי אָנקוקן און זיך ווונדערן:

— כאַנע, כאַנוקל, איך זע דיך. דו ביסט טאַקע דאָ?..

רייזעלע איז געווען פאַרלאָרן, זי האָט געשוויגן, זי האָט זיך ניט געשפילט מיט די שוועסטער, ווי פריִער, און עטלעכע מאָל געפרעגט:

— מאַמע, פאַרוואָס האָבן מיר ניט מיטגענומען דעם זיידן מיט דער באָבען?

כאַנע האָט געשוויגן, זי האָט דאָך ניט געקענט דערציילן רייזעלען, אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן געזאָגט: „כאַנעלע, דו פאָר אוועק. אַלע ווייסן, אַז דו ביסט געקומען פון סאָוועט-רוסלאַנד".

מאָסקווע האָט איצט כאַנען אויסגעזען מאָדנע. אין די אָוונטן זײַנען די פענצטער געווען פאַרהאַנגען, ס'זײַנען אָפט געווען לופט-אַליאַרעמס. פון הויז-פאַרוואַלטונג האָט מען שוין ניט איין מאָל געוואָרנט, אַז מע דאַרף זיך עוואַקויִרן מיט די קינדער. דעם פינפטן אויגוסט 1941 יאָר האָט נעכעמיע באַגלייט כאַנען מיט די קינדער פון קאַזאַנער וואָקזאַל אין עוואַקואַציע. אין דער ברייטער וואַגאָן-טיר איז כאַנע געשטאַנען מיט סענדערקען אָף די הענט. נעכעמיע האָט אָנגעזאָגט:

— כאַנוקל, היט די קינדער, די קינדער היט, הערסט?

דער עשעלאָן, מיט וועלכן כאַנע האָט זיך עוואַקויִרט, איז געגאַנגען קיין טשעבאָקסאַרי. אין וואַגאָן, ווו כאַנע איז מיט די קינדער געווען, האָבן זיך געפונען דורכויס פרויען מיט קינדער פון מאָסקווער קינסטלער. דאָס איז געווען א פראַכט-וואַגאָן, אָן טרעפּלעך. אין אַזעלכע וואַגאָנעס האָט מען פאַר דער מילכאָמע געפירט בעהיימעס, און דאַן פלעגט מען געוויס צו-

שטעלן א טראָפּ צו דער טיר. אָבער איצט איז אזוינס ניט געווען, מע האָט געמוזט שפּרינגען גלײַך פון וואַגאָן אף דער ערד. דער וואַגאָן איז געווען אָנגעפּראָפּט, עס האָט זיך אָנגעהויבן אן „אינטעליגענטע, איידעלע" אַמפּערײַ. יעדערער האָט געוואָלט אן אָרט ניט בא די פענצטערלעך און ניט בא דער ברייטער טיר. ס'איז בעעמעס שווער געווען צו געפינען אן אָרט, ווו דער ווינט זאָל ניט אַרײַנבלאָזן, ווײַל אין די וואַגאָן-ווענט זײַנען געווען ברייטע שפּאַלטן. כאַנע האָט שווײַגנדיק פאַרנומען א ווינקל אף דער נאַרע לעבן פענצטערל, אײַנגעדעקט די קינדער, אליין זיך אוועקגעזעצט לעבן זיי. ניט ווײַט פון ריאזאַן האָבן זיך צעהילכט קעגנלופט-סירענעס. בא דער טיר איז געוואָרן א מוירעדיק געדראַנג. פאַרבײַ דעם וואַגאָן איז געלאָפן דער נאַטשאַלניק פון עשעלאָן און האָט געשריִען:

— קריכט אַרויס, גיכער, גיכער!

די סירענעס האָבן מוירעדיק געגרילצט, מע האָט שוין ניט געהערט דעם נאַטשאַלניקס קולעס. די פרויען, וואָס האָבן קיין קינדער ניט געהאַט, זײַנען געשפּרונגען פון וואַגאָן, זיך ניט באַוויזן אופּצושטעלן, און געפּויזעט איבער דער ערד. די קינדער האָבן מוירעדיק געוויינט. פרויען האָבן זיך געבעטן:

— שטופּט ניט, העלפט מיר, מײַן קינד, מײַן קינד!..

א פאַרטויבטע פון די געשרייען, האָט כאַנע מיט סענדערקען אף די הענט מיט אירע דרײַ מיידעלעך, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן בא איר קלייד, זיך געשטופּט צו דער טיר. אינגיכן האָבן די סירענעס זיך אײַנגענומען, כאַנע איז מיט סענדערקען אף די הענט אַרויסגעשפּרונגען פון וואַגאָן, געהאָלפן אַרויסשפּרינגען די קינדער, א געשריי געטאָן:

— ביילקעלע, פערעלע, נעמט סענדערקען און גיט אַכטונג אף רייזעלען! רירט זיך ניט פון אָרט!

אליין איז זי צוגעלאָפן צום וואַגאָן, האָט אויסגעשטרעקט אירע הענט און געזאָגט צו א פרוי, וואָס איז געשטאַנען מיט א קינד אף די הענט:

— שפּרינגט, האָט קיין מוירע ניט! איך וועל ניט אַנידערפאַלן.

ווען די פרוי מיט איר קינד איז שוין אויך געשטאַנען אף דער ערד, איז כאַנע צוגעלאָפן צו אירע מיידעלעך מיט סענדערקען, זי האָט עפּעס צו זיי גערעדט, אליין ניט וויסנדיק וואָס. צום גליק האָבן די סירענעס אופגעהערט. כאַנע האָט גענומען שלעפּן שטיקלעך שפּאַלעס, ציגל, וואָס האָבן זיך דאָ געוואַלגערט, צו דער וואַגאָן-טיר, און ס'איז גרינגער געוואָרן אהין אַרײַנצוגיין. איצט האָט זיך ווידער אָנגעהויבן א קריגערײַ, ווײַל מע האָט צעפּלאָנטערט די ערטער. די פרוי, וועלכער כאַנע האָט געהאָלפן אַרויסשפּרינגען מיט איר קינד פון וואַגאָן, האָט זיך צוגעזעצט צו כאַנען, זיך ניט געקענט אָנוווּנדערן, ווי כאַנע האָט אויסגעשטרעקט די הענט צו איר און זי אונטערגעכאַפּט. „א דאַנק אײַך, א דאַנק", — האָט די פרוי געכאַזערט. כאַנע האָט ניט ווילנדיק געשמייכלט, ווײַל זי האָט געטראַכט: „טײַערינקע מײַנע, ווען דו וואָלסט געקאָנט רײַטן, ווי איך, געכאַפּט ביקלעך צו פלייש-פאַרגרייטונג,

וואָלסטו זיך אזוי ניט געוווּנדערט און וואָלסט אויך געקענט שפּרינגען ווי איך".

ביינע-לעביינע איז צוגעפאלן די נאכט, מע האָט אָנגעהאָדעוועט די קינדער, זיך געלייגט ווו ווער עס האָט געקענט. כאַנעס אָרט אף די ברייטע נאַרעס איז אויסגעקומען באַם סאמע עק. אין דער וואנט זײַנען געווען ברייטע שפּאלטן, דערצו איז דאָס קליינע פענצטערל געווען ניט פארגלאָזט. כאנע האָט געפונען צוויי שטיקלעך האָלץ, מיט א מעסער אויסגעשניצט פון זיי פּלעקלעך, צוגעפּעסטיקט א דעקע צום פענצטער און צו א שטיקעלע וואנט. באַ דער סאמע וואנט האָט זי געלייגט די עלטערע מיידעלעך, לעבן זיי סענדערקען, רייזעלען לעבן אים, און אליין האָט זי זיך געלייגט לעבן רייזעלען. די איבעריקע פרויען האָבן געזען, וואָס כאנע טוט, האָבן זיי אויך פארהאנגען די ווענט. איצט האָט ווייניקער געבלאָזן. אלע זײַנען איַנגעשלאָפן, מע האָט זיך אופגעכאפּט דאַן, ווען דער עשעלאָן האָט זיך פּלוצעם אָפּגעשטעלט. אינגיכן האָט זיך באַוויזן דער נאטשאלניק פון עשעלאָן. ער האָט אָנגעזאָגט א „גוטע בסורע", אז מע וועט דאָ לאנג שטיין. עס האָט זיך געהערט א קינדערש געוויין. באַ דרײַ קינדער זײַנען קאליע געוואָרן די מעגעלעך. די מאמעס פון די קינדער זײַנען ניט נאָר געווען פרויען פון קינסטלער, זיי גופע זײַנען געווען קינסטלערנס און מיטגלידער פון „מאָסך". זיי האָבן זיך פארלאָרן, ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. כאנע האָט אָבער יאָ געוווּסט, זי איז ארויסגעשפּרונגען פון וואגאָן, מיטן קוק האָט זי צעלייגט א קליין שײַטערל צווישן צוויי פלאכע שטיינער, באַ עמעצן פון די פרויען האָט זיך געפונען קארטאָפל-מעל, כאנע האָט געהאט צוקער, און אין א ווײַלע ארום האָבן די קראנקע קינדער געגעסן קיסעל. כאנעס מיטפאָרערנס האָבן ניט אָן וווּנדער געקוקט, ווי זי שפּרינגט ארײַן און ארויס פון וואגאָן, ווי זי האָט שוין אָנגעריסן דינע צווײַגלעך פון די קוסטעס באַ דער איַזנבאן-ליניע, געמאכט א בעזעם, געהייסן אלעמען זיצן אף די נארעס, און האָט גיך אויסגעקערט דאָס מיסט, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין וואגאָן.

„כאנא דאווידאָוונא, כאנא דאווידאָוונא", — האָט זיך קעסיידער געהערט, און זי האָט ארויסגעהאָלפן מיט וואָס זי האָט נאָר געקענט. אינגיכן איז דער עשעלאָן ווידער אוועק. די פרוי, וועלכער כאנע האָט געהאָלפן ארויסשפּרינגען מיטן קינד פון וואגאָן, האָט זיך צוגעזעצט לעבן כאנען, שטיל און צוטרוילעך אָנגעהויבן:

— באַליידיקט זיך ניט, איך וויל אײַך עפּעס פרעגן. זאָגט מיר, דאָס זײַט איר די, וועלכע נעכעמיע מאָסייעוויטש האָט געבראכט פון איינעם א קרימער קאָלווירט?

— יאָ, דאָס בין איך. אָבער ניט פון קיין קאָלווירט. פון א קאָמונע.

— פון א קאָמונע? — האָט די פרוי פארכאפּט געפרעגט. און וואָס מער כאנע האָט דערציילט, האָט די פרוי אלץ מער זיך געוווּנדערט. און אלץ מער געוואָלט וויסן, וואָס האָט די קאָמונע פארמאָגט און וויפל יידישע קאָמונעס און קאָלווירטן זײַנען בכלל געווען אין קרים.

— אינטערעסאַנט, זייער אינטערעסאַנט, — האָט די פֿרוי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און דערציילט. — איך דערמאָן זיך, ווי איך בין געווען בא מײַנעם א באַקאַנטן קינסטלער. האָט דאָרט איינער א גראַפֿיקער דערציילט, אַז זײַנער א פֿרײַנט איז געפֿאָרן אין א שעפֿערישער קאָמאַנדירונג אין א קריַמער ייִדישן קאָלווירט. און ער האָט זיך דאַן געוווּנדערט: „ווער וועט איצטער וואַגן צו פֿאָרן אין א קאָלווירט און נעמען א פֿרוי מיט דרײַ קינדער".

כאַנע האָט עס אויסגעהערט, געשמייכלט און א זאָג געטאָן:

— יענער איז טאַקע געווען גערעכט, איך פֿאַרורטייל דאָס ניט.

און אָף דעם האָט זיך דער שמועס געענדיקט.

ביז די קינדער האָבן זיך אופֿגעכאַפּט, האָט כאַנע באַוויזן אויסצוקאָכן א הירזשענע קאַשע, ווײַל דער עשעלאָן איז מער געשטאַנען ווי געגאַנגען. ערשט אָפֿן פֿינפֿטן מעסלעס זײַנען די עוואַקויִרטע ענדלעך, אָנגעקומען קיין טשעבאָקסאַרי.

א טייל פֿון די פֿרויען זײַנען געבליבן אין מאַר-פּאָסאַד, ווו זיי זײַנען אָף מאָרגן אָנגעקומען. כאַנע מיט איבער א צענדליק פֿרויען מיט א היפּשער צאָל קינדער זײַנען פֿון מאַר-פּאָסאַד מיט פֿורן אוועקגעפֿאָרן אין א דערבײַיִקן דאָרף, וואָס האָט געהייסן דימיאָשקינאָ. ניט ווײַט פֿון דימיאָשקינאָ האָט זיך געפֿונען דאָס אָפּרו-הויז פֿאַר טײַך-אַרבעטער. אינעם דאָזיקן הויז האָבן געדאַרפֿט אײַנגעאָרדנט ווערן די קינדער פֿון די מאָסקווער קינסטלער. סענדערקען און רייזעלען האָט כאַנע דעם זעלבן פֿאַרנאַכט מיט די איבעריקע קינדער אוועקגעפֿירט אינעם אָפּרו-הויז. ביילקע מיט פֿערעלען זײַנען געבליבן מיט איר.

דאָס דערפֿל דימיאָשקינאָ, ניט ווײַט פֿון מאַר-פּאָסאַד, אָפֿן הויכן ברעג וואָלגע, ווו כאַנע מיט די פֿרויען פֿון די מאָסקווער קינסטלער איז אָנגעקומען, איז געווען ניט גרויס. פֿונדעסטוועגן זײַנען דאָ געווען עטלעכע פֿאַרקלאַפּטע שטיבער פֿון אַרויסגעשיקטע באַלעגופֿים. אַנדריי פּאַכאָמיטש, דער פֿאָרזיצער פֿון היגן קאָלווירט, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „זון-אופֿגאַנג", האָט געזאָגט צו די עוואַקויִרטע:

— נעמט אײַך, באַבעס, וואָסערע שטיבער איר ווילט.

אַנדריי פּאַכאָמיטש, דער איינציקער מאַנצבל פֿון דאָרף, דער פֿאָרזיצער פֿון קאָלווירט, האָט געהאַט איין אויג און אָף ביידע הענט באַם גרויסן פֿינגער נאָך איינס א קליינינקס. אָבער ווען אַנדריי פּאַכאָמיטש וואָלט ניט באַזעסן אַזוינע פֿענאָמענעלע גלידער, וואָלט כאַנע ניט אָנגעקומען צו זײַן מי.

זי האָט געמאַכט א קורצן, שטילן מיטינג בא איינער פֿון די פֿאַרקלאַפּטע שטיבער און איז די ערשטע מיט ביילקען און פֿערעלען אַוועקגעגאַנגען צום רעמאָנט-וואַרשטאַט פֿון קאָלווירט.

דער רעמאָנט-וואַרשטאַט איז געשטאַנען מיט אופֿגעפּראַלטע טירן. כאַנע האָט גלײַך דערזען צוויי שנײַד-מאַשינעס אָן מעסערס, עטלעכע ווילעס מיט צעבויגענע צײַן, אָבער אָפֿן לאַנגן וואַרשטאַט פֿאַזע דער וואַנט,

איז געווען אויך דאָס, וואָס זי האָט געדאַרפֿט. איין האַק האָט זי אַליין גענומען, די צווייטע געגעבן ביילקען, אַן אָפּצוועגנגע דערלאַנגט פֿערעלען און איז מיט זיי אוועק צו די פֿאַרקלאַפּטע שטיבער. כאַנע איז שוין ניט געווען די, וואָס אַמאָל. אירע רויטע באַקן זײַנען בלייך געוואָרן, דער מעסער-גלאַנץ פֿון אירע בלאָ-גרויע אויגן האָט זיך אויסגעלאָשן, עס איז אַנטרונען די פֿולע רונדיקייט פֿון איר גאַנצן שטאַלט, זי איז אינגאַנצן פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טרײַב-קראַפֿט, וואָס איז געווען אָנגעצילט, ווי אַ קאַנאָן. אינגיכן איז די שטילקייט פֿון דאָרף צעשטערט געוואָרן פֿון אַ קלאַפּערײַ מיט העק און אַ קרעכצערײַ פֿון אָפּגעריסן געהילץ. פֿאַרנאַכט זײַנען צוויי שטיבער געשטאַנען מיט אָפֿענע טירן און פֿענצטער.

אין די שטיבער זײַנען געווען צו איין גרויסן צימער, וואָס ווערט אָנגערופֿן „גאָרניצע”, צוויי קלענערע, וועלכע זײַנען מיסטאַמע געווען שלאָפֿצימערס, ווײַל דאָרטן זײַנען אויך איצט געשטאַנען ברייטע הילצער-נע טאָפּטשאַנעס מיט אָנגעוואָרפֿענער שטרוי. די ווענט פֿון קלעצער, די פּאָדלאָגעס, די פֿענצטער און די טירן זײַנען געווען ווי צוגעדעקט מיט שפּינוועבס און שטויב. אין דער קליינער קיך זײַנען געשטאַנען גרויסע אויוונס. אין איין אויוון האָט כאַנע אַרײַנגעקוקט. זי האָט פֿון דאָרטן אַרויסגערוקט קײַלעכדיקע נידעריקע טשוהונעס, און זי איז פֿאַרגאַפֿט גע-וואָרן, ווײַל אַ גרינבלעך-גראָע שימל-הויט האָט זיי פֿאַרצויגן ביז צום ראַנד. זי האָט גלײַך פֿאַרשטאַנען: די באַלעבאַטים האָבן פֿאַרלאָזט זייער היים אין אַזאַ אײַלעניש, אַז זיי האָבן ניט באַוויזן אויפֿצועסן דאָס געקעכץ, וואָס איז געשטאַנען אין אויוון פֿאַרטיק...

אַזוי ווי די איבעריקע פֿרויען זײַנען אוועק מיט זייערע קינדער צום אָפּרו-הויז פֿון די טײַך-אַרבעטער, וואָס איז איצט געוואָרן די היים פֿאַר די עוואַקוירטע קינדער, האָט כאַנע זיך גענומען צו דער אַרבעט מיט ביילקען און פֿערעלען. און אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט איינע פֿון די שטיבער אויסגעזען אינגאַנצן אַנדערש. בײַם די פֿרויען זײַנען צוריקגעקו-מען און האָבן דערזען, וואָס כאַנע האָט דאָ באַוויזן, האָבן זיי זיך ניט געקענט אָנכידעשן. כאַנע האָט קלאָר געמאַכט וואָס-ווען:

— מיר וועלן זיך איצטער דאַרפֿן אויסלערנען טאָן אַזעלכע אַרבעטן, וואָס מיר האָבן קיינמאָל ניט געטאָן. מיר זײַנען ניט אויף דאַטשע, מיר האָבן געזען ווער עס אַרבעט אויף די פֿעלדער, ווען מיר זײַנען געפֿאָרן פֿין מאַר-פּאָסאַד. איך האָב אוועקגעפֿירט די קינדער און בין גלײַך צו-ריקגעקומען. פֿאַרוואָס האָט איר זיך אַזוי געזאַמט? — האָט כאַנע פֿאַרענ-דיקט איר שמועס מיט אַ פֿראַגע.

פֿינדעסטוועגן איז אויף מאָרגן כאַנע אוועק די ערשטע מיט אירע טעכ-טער. זי איז געגאַנגען פֿאַרבײַ דער שטאַל און האָט אַהין אַרײַנגעקוקט. די בעהיימעס זײַנען געווען אין פֿעלד. כאַנע האָט דאָ דערזען אַזאַ בילד, אַז זי איז ווידער אוועק צום רעמאָנט-וואַרשטאַט. גענומען דרײַ ווילעס. געקומען צו דער שטאַל און זיך גענומען צו דער אַרבעט. אין עטלעכע

טעג אַרום איז די שטאַל געווען ניט צו דערקענען. די קראָקוועס מיטן דאַך האָבן זיך ווי אויפגעהויבן, ווײַל דאָס גאַנצע מיסט האָט כאַנע מיט צוויי דאָרפישע יינגלעך און מיט אירע טעכטער אויסגעראַמט. בא די בעהיימעס האָבן ווידער גענומען וואַקסן בעזעמלעך בא די וויידלען, די אײַטערס זײַנען געווען ריין און טרוקן. אַנדריי פּאַכאָמיטש האָט אין איינעם אַ טאָג געזאָגט צו כאַנען:

— מאָלאָדיעץ! ביסט אַ בעריע, כאַנע.

— דו ביסט אויך אַ מאָלאָדיעץ, כאָטש דו ביסט ניט קיין יידישקע. אָבער די בעהיימעס ווייסן, ווער דו ביסט!

אָט ווען ס'איז כאַנען צוניץ געקומען איר פּראַקטיק. אָט ווען עס איז איר ניט שווער געווען קיין שום אַרבעט. אַנדריי פּאַכאָמיטש האָט שוין איצטער ניט געפרעגט קיין שום קאַשעס. ער האָט געפאָלגט כאַנעס אַלע אייצעס. זי האָט אײַנגעפירט, ווי אין קאָמונע, מע זאָל די בעהיימעס ניט טרײַבן צום באַטאָג'יקן געמעלק צוריק אין שטאַל אַרײַן, זי האָט שוין געקענט עטלעכע היגע קאָלווירטניצעס און איז מיט זיי געגאַן צו דער טשערעדע באַטאָג אין פעלד. דער זומער איז געווען אַן אויסערסט גראָטעוונער, דאָס גראָז האָט געגרייכט ביז צו די בײַכער פון די קי. די דרײַ יינגלעך, די פּאַסטעכער, וואָס זײַנען אַלע איינעם אַלט געווען קוים פינף און פערציק יאָר, האָבן ניט געוואָלט טרײַבן די בעהיימעס אַן איבעריקן מאָל צו דער וואָלגע.

— אַנדריי פּאַכאָמיטש, גיב מילך, די יינגלעך וועלן זיי טרײַבן, — האָט כאַנע געייצעט דעם פאָרזיצער.

אַזוי איז טאַקע געווען. כאָטש דאָס איז אָנגעקומען שווער, ווײַל דאָס דערפל איז געשטאַנען אויפן הויכן ברעג, ווי בא אַן אָפּריס, פונדעסטוועגן האָבן די יינגלעך געטריבן די טשערעדע אויך באַטאָג צום טײַך.

איינגיכן איז קלאָר געוואָרן, אַז דער קאָלווירט גיט מעל פאַר די עוואַקוירטע, ברויט דאַרף מען באַקן אַליין. פאַרשטייט זיך, איז כאַנען צוגעקומען אַרבעט. די פרויען פון די קינסטלער האָבן געוואָלט, געקאָנט, ליב געהאַט צו עסן ברויט, אָבער באַקן?..

אין איינעם אַן אָוונט האָט כאַנע צונויפגערופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג.

— איך קאָן און איך וועל באַקן, אָבער מע דאַרף גיין אין וואַלד נאָך האָלץ.

— וואָס זײַנען מיר, וואַלדהעקער? — האָבן געפרעגט עטלעכע פרויען מיטאַמאָל.

— דאָס איז שוין אײַער זאַך. איך לייג פאָר: ברויט וועלן קריגן די, וועלכע וועלן ברענגען האָלץ. די איבעריקע זאָלן נעמען מעל.

דאָס האָט געמאַכט דעם נייטיקן אײַנדרוק. עטלעכע פרויען זײַנען אויף מאָרגן אַוועק אין וואַלד, און כאַנע מיט נאָך צוויי פרויען זײַנען אַוועק נאָך מעל.

א באַקדייזשע האָט כאַנע אַנטליִען בא גלאַפּירען, וועלכע זי האָט שוין גוט געקענט. און אין א מעסלעס ארום, גאַנצפרי, האָט דער רייעך פון פריש-געבאַקן קאָרענעם ברויט אָנגעפילט ניט נאָר די שטוב, נאָר אויך דעם דרויסן ארום. אינדערפרי אַלע טאָג האָט כאַנע געוועקט די פרויען, דערבײַ געזאָגט א גלײַכווערטל: „ווער עס שלאָפט לאַנג, האָט קורצע טעג“. די פרויען זײַנען איצטער געגאַנגען יעטן קאַרטאָפל, ס'זײַנען געווען איינציקע, וואָס האָבן זיך צוגעקלעפּט צום קינדערהיים און מער האָט מען זיי אין דימיאַשקינאָ ניט געזען.

איין מאָל אין וואָך איז כאַנע געגאַנגען צו סענדערקען מיט רייזעלען, און כאַנען פלעגט רײַסן דאָס האַרץ, קוקנדיק אף רייזעלען. זי איז געווען אומעטיק. די דערציִערנס האָבן דערציילט, אז זי שרײַט פון שלאָף, עסט שלעכט. מיט כאַנען האָט רייזעלע גערעדט נאָר וועגן דער מילכאָמע. אירע גראָע אויגן זײַנען ברייט צעעפנט, און זי האָט שטיל אַלעמאָל געזאָגט: „מאַמע, דו און אַלע דאַרפן גיין אף מילכאָמע, מע זאָל אויסהארגענען די פאַשיסטן ביז איינעם“. רייזעלעס ווערטער פלעגן פאַלן אין כאַנעס נעשאָמע, ווי הייסע קוילן, ווײַל עס איז דאָך ניט געווען דער טאָג, אז כאַנע זאָל פאַרגעסן וועגן אירע טאַטע-מאַמע. זי האָט זיך אופגעגעסן, וואָס זי האָט זיי מיט גוואַלד ניט אוועקגעשלעפּט מיט זיך, און זי האָט ניט איין מאָל געטראַכט: „דער גויראל האָט אָפּגעשפּילט מיט מיר אזא מין זאַך, וואָס דאָס איז אומבאַגרײַפלעך. ער האָט מיר אף א ווײַלע באַוויזן, וועמען איך האָב, קעדיי איך זאָל וויסן, וועמען איך האָב אָנגעווירן“. זי האָט אויך גוט פאַרשטאַנען, אז רייזעלע איז אין אזא צושטאַנד, ווײַל זי איז געפאָרן מיט איר קיין ליטע און צוריק.

פון נעכעמיען פלעגט כאַנע קריגן זעלטענע בריוו. נאָך דעם קורצן בריוול, ווו נעכעמיע האָט געשריבן: „מײַן איינציקע, מײַן טײַערסטע, אז דו וועסט קריגן מײַנע קאַרגע ווערטער, וועל איך שוין אין מאָסקווע ניט זײַן. איך גיי אין אָפּאָלטשעניע. איך בין זיכער, אז דו פאַרשטייסט מיך, היט זיך, היט די קינדער, מיר זאָלן קאָנען זײַן גליקלעך נאָך דער מילכאָמע. אייביק דײַנער, נעכעמיע“.

כאַנע האָט גלײַך געענטפערט: „מײַן טײַערקײַט, מײַן לעבן, מײַן קרוין! איך האָב געוווּסט, אז אזוי וועט זײַן און אזוי דאַרף זײַן. באַהיט, באַשיצט, באַשירעמט זאָלסטו ווערן פון אַלע לויערנדיקע געפאַרן. דו ווייסט, אז איך בין מיט דיר אומעטום, ווו דו ביסט און ווו דו וועסט זײַן. איך וואָלט געטאָן ווי דו, ווען ניט די קינדער. פון ביילקען און פערעלען האָב איך נאַכעס. זיי זײַנען געהאָרכזאַם און העלפן מיר, וויפל זיי קענען. סענדערקע איז שוין א גאַנצער באָכער, אין קינדערהיים רופט מען אים פראָפעסאָר, ווײַל ער האָט א טעווע צו פאַרלייגן די הענטלעך אפן רוקן און ער פאַרשיט די אַרבעטערנס פון קינדערהיים מיט אָן א שיר פראַגעס. דער קינדערהיים געפינט זיך בא דער סאַמע וואָלגע, אין א גרויס, שיין הויז, וואָס איז פאַר דער מילכאָמע געווען א סאַנאַטאָריע פאַר מאַטראָסן,

פּישער, באַקענשטשיקעס. װעסט לאַכן, נאָר אָפּט זאָג איך, װי דער זיידע: „כאַדעש יאָמײנו קאַקעדעם", װאָס איז דער טײַטש — באַנײַ מײַנע טעג, װי פריִער, װײַל איך אַרבעט אין קו-שטאַל. אַלע טאָג קריג איך דרײַ ליטער מילך. אַזױװי איך גײ מיט די קינדער אַפּן פעלד אַרבעטן, גיט מיר דער קאָלװירט װײצענע און קאָרענע מעל. כױץ דערױף, האָט מען מיך פּרעמירט מיט א צװײכאַדאָשימדיק כאַזערל. עס געפינט זיך באַ מאַרוסיען אין שטעלכל, מיר האָדעװען עס בעשוטפעס. אײנגיכן װעט מען אָנהײבן שנײַדן װײץ. מיר האָבן שױן געפרװוט, און מאַרוסיע האָט מיך אױסגעלערנט. דער קרײַץ האָט מיר אַזױ װײ געטאָן, אַז איך בין נאָך לאַנג געגאַנגען אײַנגעבױגן. װעגן מאַרוסיען װעל איך דיר נאָך אָנשרײַבן, זײַ געזונט, געקושט. דײַן כאַנע".

ערשט אין צװײ װאָכן אַרום האָט כאַנע װידער געקראָגן א קירץ בריװל פון נעכעמיען, און זי איז געװען אױסער-זיך. ער האָט געשריבן: „מײַן מאַמע פלעגט זאָגן: א מענטש טראַכט, און גאָט לאַכט. טײַערינקע מײַנע! איך בין שױן געװען צוגעשריבן צו א געװיסער מיליטערישער טײל, איך װאָלט שױן איצט געװיס געװען אַפּן פראָנט, אָבער איך האָב דערפילט װײטעקן אין בױך, מע האָט מיך אװעקגעלײגט אין שפּיטאָל אַף אױספאָרשונג, און די דאָקטױרים האָבן געפונען, אַז איך האָב א בלוט-שטורץ פון א געשװיר אין דער צװעלפפינגערדיקער קישקע. קורץ גערעדט, איך ליג אין שפּיטאָל. איך בעט דיך, דו זאָלסט זײַן רויִק, מע טוט װאָס מע דאַרף, אין שפּיטאָל זײַנען באַהאַװנטע דאָקטױרים, זײ זאָגן, אַז אין א מאָנאַט אַרום װעלן זײ מיך אױסשרײַבן, און װעגן גײן אַפּן פראָנט זאָל איך פאַרגעסן. איצט פאַרשטײ איך, מײַן טײַערינקע, פאַרװאָס עס האָט מיר אָפּט װײ געטאָן דער בױך, און עס פאַרדריסט מיך, װאָס איך האָב דאָס פון דיר אױסבאַהאַלטן. זײַ רויִק, היט די קינדער. דײַן נעכעמיע".

„טײַערער, טײַערער! דײַן בריװ האָט מיך צעטומלט. אױב עס האָט זיך שױן אַזױ געמאַכט, זאָלסטו האָבן געדולד, און װיפל די דאָקטױרים הײסן דיר, אַזױפיל זאָלסטו ליגן אין שפּיטאָל. איך האָף, אַז דו װעסט זײַן געדולדיק. איך װאַרט אַף דײַנעם א מער הײמלעכן בריװ, און איך שרײַב דיר װעגן מײַנע נײַע באַקאַנטע, דעריקער װעגן מאַרוסיען, כאָטש איך װײס ניט, צי דו האָסט איצטער געמיט פאַר דעם, שרײַב איך דיר און איך האָף, אַז ס'װעט דיר זײַן צום האַרצן. הער זשע, װאָס איך זאָג דיר. דו װײסט שױן, אַז איך געפין זיך אין דימיאָשקינאָ, און דימיאָשקינאָ איז דער טײַטש — עס רײכערט זיך... אָבער דאָס דערפל שטײט זײער הײמלעך אַף א הױכן ברעג, אַראָפּלױפנדיק צו דער װאָלגע מיט א סאַך סטעזשקעס. די װאָלגע איז דאָ ניט זײער ברײט, ניט טיף. איך גײ און גײ, און דאָס װאַסער גרײכט נאָר ביז די קני. פון אַנטקעגנדיקן ברעג טונקלען זיך זאַפטיק און גרין די קאָקשײַער װעלדער. זײ זעען מיר אױס אַזױ נאָענט, מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. אין דאָרף זײַנען נאָר װײַבער און קינדער. בײַס איך גײ מיט זײ צו דער אַרבעט, זאָגט גלאַפירע: „באַבאָנקי,

די טרערן אין קעשענע, די צארעס אין ארבל, די הענט צו דער ארבעט, א כאליערע זאל נעמען דעם פאשיסט". אבער סיזוי וויינען ניט די „באבאנקי". עס לאזט זיך נאר הערן א שווער זיפצן און זייערע בארוועסע פיס זינקען אין טיפן שטויב פון וועג. מיט א פאר טעג צוריק זיינען מיר געקומען צום קארטאפל-פעלד, רייסט מארפע וואראביאווא, וועלכע איז געבליבן מיט פינף קינדער, דאס קריכנדיקע פלעכט-גראז און קרעכצט, ווי א כוילע. פלוצעם ברעכט זי אויס אין א געוויין, פארברעכט די הענט: „אומגליקלעך זיינען אונדזערע כאטעס, ביטערע יעסוימים מיינע קינדער, כ'האב נעכטן געוואשן גרעט, צוגעגאסן וואסער פון די אויגן. וואס איז דאס פאר א געוועש אן מאנצבלש גרעט, באבאנקי? ווו האט מיינער אוועקגעלייגט די ביינער!"

— „מיינער, דיינער, אונדזערער, שוויינ! ס'קלעקט אן דיר", — האט אויסגעשריען מארוסיע, און פון אירע אויגן האבן זיך גיך-גיך געקייקלט טרערן אף דער בולבע-בליונג.

מיר האבן קוים באוויזן אויסצוייעטן און ארומהויפן די קארטאפל, ווי מיר האבן גענומען שניידן דעם ווייץ, ווייל די זאנגען האבן זיך געבויגן, די טעג זיינען הייסע, און בייס ס'איז ווינטיק, פאלן די צייטיקע קערנער אף דר'ערד. כ'האב קיינמאל ניט געזען אזויפיל פייגל, ווי די פייגל-מאכנעס, וואס טראגן זיך איבער די ווייץ-פעלדער. די פייגל פיקן זיך אזוי אן, זיי קאנען זיך אזש ניט אופהייבן הויך. פליען זיי נידעריק-נידעריק. די יינגלעך שנעלן זיי פון ראגאטקעס און טראגן דערנאך גאנצע בינטלעך אף צו פרעגלען. אין די פרימארגנס שטייען מיר בא דער קאנטאר. גלאפירע, מארפע, מארוסיע, אופימיע זיינען זייער ענלעך אף די פרעסקעס, וואס איך האב מיט דיר געזען אין א קלויסטער אונטער מאסקווע. דער פארזיצער פון קאלווירט קוקט אף אונדז אלעמען מיט איין אויג און שוויינגט. דערנאך פרעגט ער: „אלץ איז קלאר?" „קלאר, קלאר" — ענטפערן מיר, און מיר גייען אוועק צו די ווייץ-פעלדער.

איך גיי מיט מארוסיען, זי איז אין די הויכע כאדאשים. איר פאנעם איז אפגעברענט פון דער זון, און אירע אויגן קוקן פון אונטער דער ווייסער פאטשיילקע מיט א פיינלעך געבעט. אירע הענט זיינען אויך אפגעברענט ברוין. זיי זיינען רונד און הוידען זיך גרינג פון שווערער הארעוואניע. אלע ווייבער, וואס גייען דא מיט מיר און טראגן סערפן אין די הענט, זען אויס ליכטנדיק פון זייערע צארעס און פון זייער ניט אויסגעשעפטער ווייבלעכקייט. דערנאך גייען מיר אלע געבויגענע איבערן פעלד. איך קוק, ווי גלאפירע טוט א כאפ א זשמעניע זאנגען, גיט א שניט מיטן סערפ: „דזשיג, און פארטיק". איך טו פינקט ווי זי, אבער בא מיר רייסן זיך ארויס די זאנגען מיט די ווארצלען. גלאפירע לאכט פון מיר. מארוסיע טוט צו איר א געשריי: „גלאפירקע, הירזשע ניט. כ'האק דיר אויס די ציין מיטן סערפ". זי גייט צו צו מיר, נעמט מיין האנט מיטן סערפ אין איר האנט און גייט מיר נאך א היפשע צייט. ווערסט גלייבן

נעכמיעלע, זי האָט מיך אויסגעלערנט! פאַרנאַכט שטעל איך אויס די סנאָפּעס, וואָס איך האָב אַליין געשניטן, צונויפגעבונדן, זיי זעען מיר אויס, ווי גרויסע געפלאָכטענע קיטקעס אויף דער סטערניע... דו ווייסט, נעכמיעלע, איך וווּנדער זיך, אַז אין אַזאַ שוידערלעכער צײַט קען איך זיך פרייען, וואָס איך בינד די גאַרבן, און נאָך מער פריי איך זיך, וואָס ביילקע מיט פערעלען האָבן זיך שוין אויך אויסגעלערנט שנײַדן און בינדן. זאַלבעדריט שטעלן מיר ביז צוויי הונדערט גאַרבן אַ טאָג. פאַרנאַכט טראָגן מיר דאָס צו דער פור. אינגאַנצן זײַנען דאָ פינף פערד אין קאָלווירט. די שקאַפּע פון דער פור, צו וועלכער איך טראָג די גאַרבן, שטייט ווי פאַרשעמט. דער אָנטרײַבער, אַ ייִנגל פון דרײַצן יאָר, שטייט אויבן, אויף דער פור, ער קוליעט זיך אַזש שיר ניט איבער, ביים ער הייבט אויף אַ גאַרב. די שקאַפּע הירזשעט שטיל, מאַרוסיע וואַרפט אויך אַ סנאָפּ אויף דער פור, גלעט מיט איר האַנט דאָס לאָשעקל, וואָס נורעט זיך אין דער מאַמען. ווען דאָס לאָשעקל טאַנצט אַוועק, גיט די שקאַפּע אַ שטרעק אויס דעם האַלדז, דער קאָמעט גליטשט זיך אַראָפּ אַזש איבער אירע אויערן, קאָן זי ניט זען, ווי דאָס לאָשעקל איז אַוועק. אירע נאָזלעכער ציטערן, איר אייבערשטע ליפּ פאַרקאַשערט זיך, זי הירזשעט אומעטיק-שטיל. מאַרוסיע זאָגט צום ייִנגל: „ליאָנקע, אומגליק מײַנער, מאַך צורעכט דעם קאָמעט. האָסט אויגן, זעסטו דאָך, אַז ס'מעשײַעט איר". ליאָנקע הייבט זיך אויף אויף די שפּיץ פינגער, פאַריכט דעם קאָמעט, טוט אַ גלעט דער שקאַפּע איבערן האַלדז. מאַרוסיע קוקט, ווי ער טוט עס, פון אירע אויגן נעמען זיך פלוצעם קײַקלען גרויסע שווערע טרערן, זיי שווענקען אַראָפּ דעם שטויב פון אירע באַקן און לאָזן איבער פײַכטע, בלייכע פאַסיקלעך.

די פור איז שוין אָנגעלאָדן, די שקאַפּע שלעפּט דעם סקריפּענדיקן וואָגן, די זון איז פאַרגאַנגען, און ס'איז קיל געוואָרן. איבערן געצאָקטן, טונקעלן וואַלד-קאַם שפּרייט זיך אַ ברייטע פלאַמיקײַט. איך גיי מיט מאַרוסיען באַרג-אַראָפּ צו דער וואָלגע, זי גייט פאָרויס, שטעלט די באָרוועסע פיס צוריקגעהאַלטן, אָבער איר גוף איז פאָרויס געווענדט, אירע הענט הוידען זיך, ווי רונד-געטאָקטע רודערן אין דער פאַרנאַכטיקער לופט. מיר דוכט זיך, אַז זיי קערעווען, פירן, ווענדן מאַרוסיען, ווי אַ שיפל מיט אַן אומגעזעענער, פאַרבאָרגענער מאַסע.

מאַרוסיע זעצט זיך באַם סאַמע טײַך, זי טוט זיך אויס, הייבט אויף אירע הענט, לייגט אויס די גראָבע, העלע צעפּ אַרום קאָפּ, איר האַלדז איז ברוין פון דער זון, ווי אירע הענט. אויף איר לײַב האָט די זון קיין שליטה ניט. איר לײַב איז ווײַס-געלב, ווי אופגעשלאָגענע שמאַנט... דאָס, וואָס וועט אינגיכן דערנערן איר פּיצל, זעט אויס ווי צוויי לאָגעלעך כּ'יעס. די נאָפּלען האָט אַרומגעקרײַזט אַ טונקעלע קרוין, ווי זי וואָלט באַהאַלטן די ריזלדיקע זאַפטן. די לאָגעלעך זײַנען שוין גרייט, שווער. ווײַבלעך, אומשולדיק, הייליק איז מאַרוסיעס גאַנץ געשטאַלט. זי פאַרשטעלט מיט בײדע הענט די לאָגעלעך, לויפט אַרײַן אין טײַך, טוט זיך אַ שטרעק

אויס, ארום איר פלי̇ען ליכטיקע שפּריץ־שטראַלן. אוי, נעבעמיעלע, ווען דו זעסט עס, וואָלסטו אָנגעמאָלט אַ פּרעכטיק בילד.

באַם טײַך איז געווען אַזוי קיל, אַז איך בין אַ האָר ניט מיד געווען. איך האָב געקוקט, ווי מאַרוסיעס הענט פּאַכען איבערן וואַסער, און גע־טראַכט האָב איך וועגן מײַן מאַמען און וועגן נאָך מאַמעס און טעכטער, וואָס זײַנען נאַקעטע און בלענדנדיקע געטריבן געוואָרן צום אומקום. און ווי איך טראַכט אַזוי, הער איך, מאַרוסיע רופט מיך: „וואָס זיצסטו? קום זיך באָדן!" אָבער איך קאָן זיך ניט אופהייבן. לויפט זי אַרויס פון טײַך, גייט צו צו מיר און פרעגט: „דו וויינסט? דו האָסט ערגעץ אַ מאַמען, כאַווערטעס. כ׳ווייס וואָלטן זיי געקומען אַהער. ברויט און אַרט וועט קלעקן פאַר אַלעמען". איך ענטפער גאָרניט. מאַרוסיע גייט שוין מער ניט אין טײַך. זי זעצט זיך לעבן מיר און צעזינגט זיך פּלוצעם, ווי אַ פאַר־צײַטיקע קלאָגערן: „וואָס פאַר אַ ליבע כ׳האָב געהאַט. ער האָט קיינמאָל ניט געטרונקען, ניט גערייכערט. פאַראיאָרן אין דער צײַט האָבן מיר כאַ־סענע געהאַט. וויפל מאָל האָט ער מיך אָף זײַנע הענט צום טײַך גע־טראָגן. ליגנדיק אָף זײַן רעכטן אַקסל, בין איך מיט אים באַנאַנד געשווו־מען, און אַז מיר פלעגן פון טײַך אַרויסגיין, פלעגט ער צו מיר זאָגן: „דײַן הויט סקריפּעט, ווי די זאַמד פון וואָלגע־דנאָ. פאַרפאַלן איז מײַן יונגער קאָפּ, פאַריאָסעמט בין איך געוואָרן".

מיר ווילט זיך אויך שרײַען. אָבער דאָס קאָל דינט מיר ניט. איך זע מאַמעס, טעכטער, קליינע קינדער, אַרומגערינגלטע מיט קוילנוואַרפער. און פּלוצעם זע איך מאַרוסיען, זי וועט באַלד אַ מאַמע ווערן. אוי, נעבע־מיעלע, זאָל זי קיינמאָל ניט געפּרוווט ווערן מיט דער מאָס פון אונדזערע מאַמעס, וואָס זײַנען מיט זייערע קינדער געשאָכטן געוואָרן. האָב אָף מיר קיין פאַריבל ניט פאַר דעם לאַנגן בריוו. זײַ געזונט און שרײַב גלײַך. דײַן כאַנע".

אָפּמאָרגן איז כאַנע נאָכן געמעלק אוועק אין מאַר־פּאָסאַד. געקומען אַהין, איז זי די ערשטע זאַך אוועק צום טײַך־וואָקזאַל. זי האָט אויסגע־הערט דורך ראַדיאָ די אינדערפרי̇יקע טרויעריקע נײַעס, אַז „אונדזערע מי־ליטער־טיילן טרעטן אָפּ אָף מיזרעך און אַז דער סוינע האָט גרויסע פאַר־לוסטן אין לעבעדיקע קרעפטן און טעכניק". דערנאָך האָט זי אַראָפּגעלאָזט אין קעסטל דעם בריוו צו נעבעמיען און איז ווידער אַרײַנגעגאַנגען אין טײַך־וואָקזאַל. באַ דער סאַמע טיר, אָף דער פּאָדלאָגע, איז געלעגן אַ פרוי און געשלאָפן. כאַנע האָט זיך צוגעקוקט, ווו צו שטעלן די פיס, ווײַל דאָ זײַנען געלעגן אָן אַ שיר מענטשן. איר בליק איז געפאַלן אָף דער פרויס פּאָנעם. זי האָט זיך צוגעקוקט און ניט מיט איר קאָל אויס־געשרי̇ען: „כײַעלע!" די פרוי האָט געעפנט די אויגן, צעטומלט געקוקט אָף כאַנען, ענדלעך, באַנומען, ווען זי זעט, אויסגעפּראַלט אַ געוויין, כאַנע אויך מיט איר אינייִנעם. אַלע מענטשן האָבן זיך אַ הייב געטאָן פון די ערטער. ווען זיי האָבן זיך אַ ביסעלע באַרוי̇קט, האָט כאַנע געזאָגט:

— כײַעלע, נעם דײַנע זאַכן און קום מיט מיר.
— וואָס דו זעסט אױף מיר, דאָס האָב איך, — האָט כײַעלע געענט־פערט.

גײענדיק קײן דימיאַשקינאַ, האָט כײַעלע דערצײלט:

— שימקע איז אװעק פריִוויליק, גלײַך ווי די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן. קײן קינדער האָב איך ניט. געדענקסט בלױמעלען? זי איז געשטאָרבן פון דיפטעריט. מײַן ייִנגעלע האָט געלעבט נאָר א כוידעש. דאָס איז געווען הארט פאר דער מילכאָמע. דערפאר טאקע איז עפשער שימקע אזוי גיך אוועק אין פײַער.

כײַעלע איז לאנגע וואָכן געווען דערשלאָגן, אָפּהענטיק און ביז גאָר פארצווייפלט.

כאנע איז אויך געווען גענוג פארלאָרן און פארצאָרנט. אָבער איר ארבעט, איר טעטיקע נאטור, די אלגעמײנע צאָרעס, וועלכע האָבן פאר־פלייצט מיליאָנען, האָבן זי געצוווּנגען זיך צו באהערשן. כײַעלען האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן, זי איז אײַנגעזונקען געוואָרן אין אײגענעם אומגליק. אויב כאנע האָט זי מיטגענומען צו דער ארבעט, פלעגט זי מערער זיצן מיט אן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. ענדלעך האָט כאנע געפונען א מיטל. אין די אָוונטן איז זי געזעסן מיט כײַעלען און האָט איר גע־האָלפן שרײַבן בריוו אין א סאך קריגס־קאָמיסאריאטן פון פארשײדענע שטעט. און אין א קורצער צײַט ארום איז טאקע אָנגעקומען א בריוו פון שימקען, אז ער געפינט זיך אין א שפּיטאָל אין טאָמסק. און אין עטלעכע טעג ארום האָט כאנע באגלייט כײַעלען אין וועג ארײַן. ווען די שיף, ווו כײַעלע איז געפאָרן, איז אוועק קײן קאזאן, איז כאנע ארײַן אין מאר־פּאָסאד אױף דער פּאָטשט, צו איר גרויסער פרייד האָט זי געקראָגן א בריוו פון נעכעמיען.

„מײַן אײנציקע, מײַן טײַערע, כאנוקל! כאָטש ס'איז זײער אומבאקוועם איצט זיך צו פרײען, האָט מיך דײַן בריוו דערפרײט. דו דארפסט עס פארגעסן, אָבער איך מוז דיר זאָגן, אז איך שטאָלציר מיט דיר. צײַט איך האָב זיך אויסגעשריבן פון שפּיטאָל, האָב איך פארגעסן, אז איך האָב א „צוועלפפינגערדיקע". איך האָף, דו וועסט מיר פארצײַען, וואָס איך האָב אוועקגעשיקט דײַן באשרײַבונג וועגן דימיאַשקינאַ קײן קוּיבישעוו אין אנטיפאשיסטישן קאָמיטעט. איך האָב שוין אן ענטפער פון לייב קוויטקאָ, אז ער האָט עס אָנגערופן „אונדזערע מאמעס" און ער האָט עס אוועקגע־שיקט אין סאָווינפאָרמביוראָ.

מאָסקווע איז אין די נעכט פינצטער, די שטיבער זײַנען ניט באהייצט, כאָטש עס איז זײער א קאלטער הארבסט, איך האָף, איך מײן און איך וויל, אז אזוי זאָל זײַן: ווינטער זאָלן מיר שוין זײַן אינײנעם. איך בין זיכער, אז די פאשיסטן וועלן אונטער מאָסקווע כאפּן דעם עמעסן באגראָב!

דו שרײַבסט קײן וואָרט ניט וועגן די קינדער. איך בין אומרויִק וועגן רייזעלען. נאָך דער פריילעכער רײַזע קײן ליטע און צוריק איז זי זײער

טראוומירט. גיב אכטונג אף אונדזערע טעכטער, באזונדערס אף רייזעלען. איך קוש דיך טויזנטער מאָל, מייַן איינציקע, מייַן פויערטע, מייַן שרייַבערן.

פארגיב מיר, וואָס כ'האָב אמאָל געפרווט אונטערהאקן דייַנע פליגל. מיט געטרייַער, אייביקער ליבע. דייַן נעכעמיע".

כאנע האָט זייער געוואָלט שרייַבן נעכעמיען וועגן רייזעלען. אָבער זי האָט עס ניט געטאָן, ווייַל דאָס איז געווען צו שוידערלעך. ווי נאָר כאנע פלעגט קומען צו די קינדער, און רייזעלע פלעגט זי דערזען, פלעגט זי איר אנטקעגן לויפן און שרייַען: „וואָס ביסטו געקומען צו מיר? גיי אף מילכאָמע, אלע דארפן גיין אף מילכאָמע! עס זאָל קיין איין פאשיסט ניט בלייַבן! דו געדענקסט, ווי מיר זייַנען געפאָרן פון דער באָבען? וויפל מענטשן האָבן דעמלט די פאשיסטן דערהארגעט!" די דאָקטערשע פון קינדערהיים האָט כאנען ניט געטרייסט. זי האָט געזאָגט, אז מע דארף רייזעלען אייַנאָרדענען אין א שפּיטאָל פאר גייַסטיק-קראנקע. אָבער ווי איז דאָס איצטער מעגלעך געווען צו טאָן? כוץ דעם, האָט כאנע נאָך ניט פארשטאנען, ווי געפערלעך קראנק איר קינד איז. אין איינעם אן אָוונט האָט כאנע געשריבן נעכעמיען:

„מייַן איינציקער, מייַן געטרייַער! איך אנטשולדיק דיך, וואָס דו האָסט אָפּגעשיקט „אונדזערע מאמעס" קיין קויבישעוו. איך האָב ניט געצווייפלט, אז דאָס קאָן מען דרוקן, ווייַל איך האָב זיך געסטארעט אָנצומאָלן און אויסצודריקן דעם גרויסן ווייטעק.

איך האָב פאר דיר א סיורפריזנע נייַס. מיט מיר איז דאָ געווען כייַעלע פון קאָמונע. ווי איך האָב זי געפונען, וועל איך דיר דערציילן אין בעסערע צייַטן. כ'קאָן דיר נאָר זאָגן, אז פון דער אמאָליקער כייַעלע איז געבליבן א שאָטן. ביידע קינדער האָט זי פארלאָרן... נאָר איר האָט זיך אייַנגעגעבן אופצוזוכן שימקען, און מיט א קורצער צייַט צוריק איז זי אוועקגעפאָרן צו אים קיין טאָמסק.

דו דארפסט זיך ניט אנטשולדיקן, וואָס דו האָסט געפרווט זיך „צורירן צו מייַנע פליגל". שוין זשע האָסטו ניט פארשטאנען און ניט געפילט, אז דאָס וועט זייַן אן אומזיסטע טירכע, ווייַל עס זייַנען דאָ אזוינע פייַפלען, וועלכע עס וועט ניט פארשטאָפּן קיינער...

רייזעלע איז קראנק. אין קומענדיקן בריוו וועל איך דיר אָנשרייַבן גענויער. אונדזערע צאָרעס, אונדזער צעשיידונג קאָן מען קייפלען אף מיליאָנען. איך טראכט זייער אָפט, ווען ניט די מילכאָמע, וואָלט איך ניט געוווסט, אז ס'איז דאָ א דימיאָשקינאָ אף דער וועלט, אז אין דימיאָשקינאָ געפינט זיך אזא שייַנדל, ווי מארוסיע. הער זיך איַין, ווי זי איז געלעגן געוואָרן. איך בין אין שטאָל, פלוצעם לויפט אריַין גלאפירע, א פארפלאמטע, א פארסאָפּעטע, און שרייַט אויס: „כאנא דאווידאָוונא, מארוסקע קלייַבט זיך אָפּקעלבן! קום מיט מיר, ביסטראָ!". איך לויף אוועק אהין, ווו איך ווויִן, כאפ, צוויי לייַלעכער, זייף און הייַדא צו מארוסיען. איך גיי ארייַן — ניטאָ! איך לויף ארויס אין דרויסן, דערזע, אז פון בעדל-קוימען

גייט א רויך (אַלע האָבן דאָ קליינע בעדלעך. און דער רויך גייט טאקע
אינווייניק). אָבער מארוסיעס מאַן איז געווען א מייוון אף קאָמפּאָרט, האָט
ער ארויסגעפירט דעם קוימען, דער רויך זאָל גיין צום הימל. וואָס מיינס-
טו? כ'האָב געטראָפן, מארוסיע איז געלעגן אף דער באָד-באנק, זי האָט
געשריִען, אז דאָס בעדל איז שיר ניט צעשפּרונגען געוואָרן. אופימיע,
די היגע אקושערן, דרייט זיך ארום, גיסט הייס וואסער אין די הילצערנע
שעפּלעך, שאָקלט צו מיר מיטן קאָפּ און טוט א זאָג: „עס זעט זיך שוין.
א גרויסער כלאָפּ. דער קאָפּ איז ווי א קירבעסל... אופימיע, נעם שפּרייט
אונטער א ליילעך!". מארוסיע האָט דערהערט „א ליילעך", איז זי שטיל
געוואָרן, האָט ארויסגעקערעוועט צו מיר דעם קאָפּ. אירע אויגן האָבן מיך
אָנגעקוקט, און זי האָט שטיל א זאָג געטאָן: „מע דארף ניט, דערנאָך!.."
באַם איקער בין איך ניט בײַגעווען, כאָטש כ'האָב זייער געוואָלט זען,
ווי א מענטש ווערט געבאָרן. אף מאָרגן פארנאַכט נעם איך ווידער די
ליילעכער, גיי געוואָרע ווערן די קימפּעטאָרן. איך גיי ארײַן, — מארוסיע
זיצט, קײַט ברויט מיט א ציבעלע. „וואָס טוסטו? — שרײַ איך, — לייג זיך
גיכער אין בעט!" הייבט זי זיך אוף פון באנק און מאכט צו מיר: „איך בין
דאָך ניט אין באָלניצע, וואָס דארף איך ליגן?" פירט מיך צו צום בעט,
איך זאָל אָנקוקן איר בכאָר. וואָס זאָל איך דיר זאָגן, נעכעמיעלע, אף א
קישן, ארומגעשנורט אין א וויקלשנור, ליגט דאָס קוקעלע, ס'פּענעמל
רונד, ראָז, פול, א מעכײַע צו קוקן. אָבער לאנג האָט מארוסיע מיך ניט
געלאָזט קוועלן, ווײַל אף א נײַגעבאָרענעם, זאָגט מארוסיע, טאָר מען לאנג
ניט קוקן. ווי איך האָב געבראכט די ליילעכער, אזוי האָב איך זיי אוועק-
געטראָגן, וואָרעם אופימיע, די אקושערן פונעם צוואנציקסטן יאָרהונדערט,
האָט געוואָרנט מארוסיען, אז פאבריטשנע ליילעכער זײַנען זייער שעדלעך
פאַר א קימפּעטאָרן. מארוסיע האָט עס מיר איבערגעגעבן און באַדײַטנדיק-
ערנסט געזאָגט: „אנא דאווידאָוונא, דאָס איז טאקע זייער שעדלעך, פרעג
וועמען דו ווילסט". קורץ גערעדט, אין דרײַ טעג ארום איז מארוסיע מיט
אַלע ווײַבער אייניגעם געווען בא דער ארבעט. מיר האָבן געדרעשט אר-
בעס. ארבעס, דארפסטו וויסן, שנײַדט מען ניט, מע רײַסט אים מיט די
וואָרצלען. איבערן דרעש-טאָק האָט זיך געהוידעט א געדיכטע שוואַרצע
כמאַרע. אַלע האָבן אויסגעזען, ווי די רוכעס. אופימיע האָט געבראכט
מארוסיעס בכאָר, די מאמע האָט זיך אוועקגעזעצט אף א הורבע אויסגע-
דרעשטע ארבעס, דאָס קינד האָט זיך גוט אָנגעזויגן, אָבער דאָס פּענעמל
איז בא אים געוואָרן שווארץ פון שטויב, און ווען איך האָב זיך פאַר-
וווּנדערט, האָט אופימיע מיך געטרייסט: „קיין בייז ניט, ס'וועט זײַן א
געזונטער קאָלווירטניק", אָט אזוי, ווי איך זאָג דיר, מײַן טײַערער. עס
בלײַבט מיר איבער דיר צו ווינטשן, זאָלסט זײַן געזונט, זאָלסט מיר
איבגיכן אָנשרײַבן, די פאשיסטן זאָלן ניט דערלעבן אוועקצוגיין, זיי זאָלן
טאקע בלײַבן ליגן בא מאָסקווע און עס זאָל נעמען א סאָף צו דער בלוטי-
קער מילכאָמע. דײַן כאנע".

וואָס עס קאָן זיך פּאַרלויפן, איז אומעגלעך אויסצוטראַכטן. אין איינעם א פּאַרנאַכט, נאָכן געמעלק, כאַנע רייניקט דאָס מיסט, יאָוועט זיך פּלוצעם אַנדריי פּאַכאָמיטש אין שטאַל און טוט הויך באַפעלן:

— אַנאַ דאַווידאָוונאַ, וואַרף אַוועק די ווילע. זע, וואָס איך האָב פאַר דיר געבראַכט!

כאַנע האָט אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ און דערזען אַף א בייגעוודיק צווײַגל אָנגערייעט עטלעכע היפּשע לעשטשן. און זי האָט ווידער געראַמט דאָס מיסט, ווי פריִער.

— האָסט ניט געהערט, וואָס כ'האָב געזאָגט? וואַרף די ווילע! מיר וועלן זיך אַריבערשיפן צום קאָקשײַער וואַלד, איך וועל אויסקאָכן אוכא, איך האָב ציבעלעס און לאַרבער-בלעטער. וואָס קוקסטו אַף מיר ווי א קאַלב? ביסט דאָך ניט קיין נארישע באַבע!

— אַנדריי פּאַכאָמיטש, איר זײַט גערעכט, איך וויל, אַז איר זאָלט אויך זײַן קליגער, און די פיש, וואָס איר האָט געבראַכט פאַר מיר, זאָלט איר אַוועקטראָגן פאַר אײַער אייגן ווײַב...

אַנדריי פּאַכאָמיטש איז אַרויס פון שטאַל, ווי א ווינט. כאַנע איז פון דערויף געוועזן זייער צעטראָגן. אָבער דער פאָרזיצער האָט אַף מאָרגן זי באַגעגנט ווי קיינמאָל גאָרניט. און מער האָט זיך עס קיינמאָל ניט איבער-געכאַזערט.

דער טיפער האַרבסט האָט זיך צוגערוקט מיט בייזע ווינטן, מיט אינדער-פריִיקע פרעסטלעך. די פרויען פון די קינסטלער זײַנען אַוועק ווער ווו, אין דימיאַשקינאָ איז געבליבן כאַנע מיט ביילקען און פּערעלען. די שטוב, ווו זיי האָבן זיך געפונען, איז געווען ווי א רעשעטע. די ווענט, די פענצ-טער, די טירן זײַנען געווען צעטריקנט, און דער ווינט האָט אַרומגעפײַפט איבער דער שטוב, ווי אין דרויסן. אַנומלטן האָט גלאַפירע געזאָגט צו כאַנען:

— אַנאַ דאַווידאָוונאַ, וועסט מיט דײַנע טעכטער פאַרפראָרן ווערן, קלײַב זיך אַריבער צו מיר. אינצווייען וועט אונדז זײַן גרינגער צו ברענ-גען האָלץ.

אַזוי איז געווען. בא גלאַפירען איז טאַקע געווען וואַרעם און גע-מיטלעך. ברויט האָט כאַנע מיט גלאַפירען געבאַקן פון איין באַקדייזשע. אין שטאַל איז איצט געווען ווינציק אַרבעט. אין די אָוונטן בא א קליין לעמפּעלע האָט כאַנע לאַנגע שאָען געשריבן. אַנומלטן האָט גלאַפירע צו איר געזאָגט:

— אַנאַ דאַווידאָוונאַ, דו שרײַבסט און שרײַבסט, בלענדסט די אויגן בא דער קאָפּטילקע. הער בעסער, וואָס איך וועל דיר זאָגן. אופימיען קענסטו דאָך. איר זון געפינט זיך אין קויבישעוו אין א שפּיטאָל, מע האָט אים אָראָפּגענומען א פוס. אופימיע איז צו אים געפאָרן, זי איז דאָך א מאַמע, האָט איר דער זון דערציילט, אַז ווו די פאַשיסטן זײַנען געווען, איז קיין איינער פון אײַערע ניט געבליבן.

כאנע האָט געשוויגן, אָבער זי האָט באַשלאָסן, ווי נאָר עס וועט זײַן די קלענסטע מעגלעכקײַט, וועט זי אוועקפאָרן קיין מאָסקווע. אָף מאָרגן איז זי געגאנגען אין קינדערהיים.

רייזעלע איז געזעסן בא דער וואנט אפן דיל, אירע אויגן זײַנען געווען צוגעמאכט, די ליפּן האָבן זיך באַוועגט. ביים כאנע האָט זי א רוף געטאָן, איז זי צוגעלאָפן צו איר און א געשריי געטאָן:

— גיי אָף מילכאָמע, וויפל מאָל דאַרף איך דיר זאָגן, זאָלסט גיין אָף מילכאָמע. מיינסט, איך ווייס ניט, דער טאַטע גייט אויך ניט אָף מיל־כאָמע, איך וויל ניט, זאָלסט קומען צו מיר, איך האָב דיך פײַנט!

כאנע האָט גערופן די דאָקטערשע, מע האָט קוים מיט צאָרעס אײַנגע־נומען רייזעלען. אָף מאָרגן איז כאנע געגאנגען אין מאר־פּאָסאד, און זי האָט געגעבן נעכעמיען א דעפּעש, ער זאָל ארויסשיקן א פּאָדערונג פאר איר מיט די קינדער.

סאָף ווינטער 1941 איז כאנע מיט די קינדער געווען אין מאָסקווע. רייזעלען האָט מען אײַנגעאָרדנט אין א שפּיטאָל פאר פּסיכיש קראַנקע. כאנען האָט זי צו זיך ניט צוגעלאָזט. דער דאָקטער פון דער אָפּטיילונג, וווּ רייזעלע איז געלעגן, האָט געזאָגט: קעדיי צו מאכן אינסולין־אײַנשפּרי־צונגען, דאַרף מען א סאך צוקער. אין שפּיטאָל איז קיין צוקער ניטאָ. כאנע האָט געקראָגן צוקער. מע האָט געמאכט אינסולין־אײַנשפּריצונגען, צום באַדויערן, האָט עס רייזעלען ניט געהאָלפן. ס'איז איר געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער. זי האָט אינגאנצן אופגעהערט עסן. מע האָט זי דער־נערט קינסטלעך, דאָס האָט אויך ניט געהאָלפן. סאָף 1942 יאָר איז רייזעלע געשטאָרבן.

כאנע האָט זיך אײַנגעבראָכן. נעכעמיע איז איר נאָכגעגאנגען פּוסטריט, געטאָן אַלע שטוביקע ארבעטן, ווײַל ביילקע און פערעלע האָבן געארבעט און זיך געלערנט אין אָן אָוונט־שול. ער האָט אָפט געמוסערט כאנען און דערוויזן:

— באַגאַבונג איז ניט דײַנע קיין פּריוואַטע זאַך. האָסט ניט קיין רעכט. ווי קאָנסטו ניט שרײַבן?

כאנע האָט געהערט, וואָס ער זאָגט. זי האָט אָף אים געקוקט מיט א בליק, אין וועלכן ס'איז געווען רויגעז, וווּנדער און דערשיטערונג. וווּ איז אהינגעקומען איר רירעוודיקײַט? זי האָט געקענט זיצן טעג מיט אראָפּ־געלאָזטע הענט און א געזונקענעם קאָפּ. איר גלײַכגילט איז געגאנגען אזוי ווײַט, אז זי האָט רויק צוגעקוקט, ווי נעכעמיע איז גאנצע טעג פאַרנומען מיט סענדערקען און מיט דער באַלעבאַטישקײַט. נאָכדעם זיצט ער גאנצע נעכט באם טיש און צייכנט, ווײַל קיין ברויט בא דער שוועל האָט קיינער ניט אוועקגעלייגט, און פינף מענטשן האָבן געדאַרפט עסן. עס טרעפט, אז אין די נעכט הערט אוף נעכעמיע ארבעטן, זעצט זיך לעבן כאנען, צערטלט זי, גלעט זי און רעדט צו איר, ווי מע רעדט צו א קינד:

— כאנעלע, טרייסט מײַנע, דער גרעסטער אומגליק, וואָס קאָן טרעפֿן מיט א מענטשן, טרעפֿט מיט אים דעמלט, ווען דער אומגליק פֿארשטעלט פֿון אים די גאנצע וועלט, און דעריקער זײַנע נאָענטע.

— נעכעמיעלע, הער אוף. איך מוז עס אליין בײַקומען. קיין אנדער טרופֿע איז ניטאָ! — זי קוקט אף אים מיט אירע אויגן, וואָס זײַנען פֿול מיט אזויפֿיל צאַר, אז ער קערעוועט אָפּ דעם קאָפּ. ער זיצט נאָך א ווײַלינקע לעבן איר, קערט זיך צוריק אום צום טיש, און עס טרעפֿט גאנץ אָפֿט, אז די בלײַקע אין זײַן האנט קאָן קיין איין שטריך ניט מאכן.

כאנע האָט ריכטיק געזאָגט, אז זי מוז עס אליין בײַקומען. אין איינעם א באנאכט, ווען די קינדער זײַנען שוין געשלאָפֿן און נעכעמיע איז, ווי די לעצטע צײַט, געזעסן באם טיש, האָט אים כאנע א רוף געטאָן:

— נעם פּאפּיר און קום אהער, דער זיידע איז געקומען.

— די מינוט גיי איך.

— „הערסט, נעכעמיעלע, קיינמאָל איז ניט געווען אזוי גרינג-כיישעק-דיק אופּצושטיין, ווי אין די באגינענס, בייס דער זיידע האָט מיך גע-וועקט. ער האָט קיינמאָל ניט אראָפּגעשלעפּט די קאָלדרע פֿון מיר, ער האָט זיך קיינמאָל ניט געבייזערט. ער פֿלעגט אזוי שטיל-שטיל אָנרירן מײַן קאָפּ און פֿלעגט נאָך שטילער זאָגן: „שטיי אוף, כאנעלע, שטיי אוף, מײַן קוועקזילבערל”. איך געדענק ניט, אָבער מיר דוכט זיך, אז איך פֿלעג זיך גלײַך אופכאפּן, זײַן באָרד פֿלעגט א ביסעלע ראצן מײַנע באקן און אין זײַנע ברוינע שווארצאפּלען פֿלעג איך זען פֿריילעכע מענטשעלעך. ער האָט געשמייכלט און געהייסן מיר גיך זיך אָנטאָן. ער האָט מיר אופּגע-גאָסן נעגלוואסער, מיך געגומען פֿאר א האנט און אוועקגעפֿירט אין וואלד. אָבער איינמאָל איז דער זיידע געגאנגען פֿארבײַ דעם גאלעכס טײַך, דורך דער ליטווישער גאס, און איך האָב פֿארשטאנען, אז ער פֿירט מיך צו די קאָרן-פֿעלדער. ער איז געגאנגען פֿאָרויס, אלע ווײַלע האָט ער זיך אויס-געקערעוועט צו מיר און גיך געזאָגט: „שטיי ניט אָפּ, שטיי ניט אָפּ, מארודניצע!” מיר זײַנען געגאנגען פֿארבײַ דעם קאָרן, צווישן דיי הויכע זאנגען האָבן געפֿינטלט בלויע בלומען. איך האָב געוואָלט אָנרײַסן, אָבער דער זיידע האָט צו מיר א געשריי געטאָן: „ניטע, זיי וועלן אניוועץ גיין. ווערסט רײַסן בייס מיר וועלן גיין צוריק”.

עס איז געווען קיל, פֿײַכט, העכער איבער די קאָרן-זאנגען האָט גע-ציטערט א גרינג, דין רויכל. דער גאנצער הימל איז געווען גרינלעך. אָבער אין איין זײַט האָט זיך געשפּרייט א געלבע שײַן. איך געדענק גוט, ווי עס איז מיר געקומען אפֿן זינען, אז אווראָם אָווינו פֿירט זײַן זון ייִצכאָקן צו דער אקידע. און ווי איך הער אזוי דעם מאלעכס קאָל: „טו ניט קיין בייז דײַן איינציקן זון, ווארעם גאָט, דײַן גאָט זעט, אז דו ביסט אים געטרײַ און פֿורכטיק”, שלאָגט דער זיידע איבער מײַנע ראַיוינעס: „שפּרינג ניט, שטיף ניט, זעץ זיך אפֿן גראָז און ווארט”. אליין גייט ער

א ביסעלע פּאַרויס, שפּיליעט אָפּ די אייבערשטע קנעפּ פֿון דער קאַפּאָטע, ציט אַראָפּ דעם אַרבל, פֿאַרנעמט אים אַהינטער דער פּאַכווע מיט דער אָפּגעשפּיליעטער פּאָלע אײַנגיינעם, פֿאַרקאַטשעט דעם ווײַסן אַרבל פֿון העמד, נעמט אַרויס פֿון סאַמעטענעם טפֿילין-זעקעלע די טפֿילין, הייבט אָן וויקלען די רעצועס אויף דער נאַקעטער האַנט. די האַנט איז ווײַס, און די רעצועס איז שוואַרץ. ווערט די האַנט שוואַרץ-ווײַס געשטרײַפֿט. איך געדענק, אַז דאָס האָט מיר אויסגעזען אַזוי מאָדנע, נאָר נאָך טשיקאַווער פֿון דעם איז דאָס, וואָס דער זיידע טוט אָן דעם של־ראָש. דער של־ראָש האָט אויסגעזען, ווי אַ קליין צילינדערל. איך האָב ניט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס דער זיידע טוט עס, ווײַל מיר זײַנען דאָך געווען אין פֿעלד, ניט אין בית־המדרש. נאָך מער האָט מיך געוווּנדערט, וואָס דער זיידע האָט געזאָגט ניט קיין תּפֿילה, נאָר ער האָט גערעדט, ווי ער האָט גערעדט, ווי ער רעדט מיט דער באָבען. ער האָט דעמלט אַזוי געזאָגט: „גאָט אין הימל, פֿאָטער בארעמהאַרציקער! ווייסט אַלעמענס הערצער, פֿאַרנעמסט אַלעמענס געבעט, זאָלסטו טון-טאָן פֿאַרנעמען מײַן געבעט. הערסט, טאַטע אין הימל, וואָס איך בעט בײַ דיר. קער און ווענד מײַנע קינדער און קינדסקינדער צו גוטע מעשׂים, זיי זאָלן, כאַסוועשאָלעם, קיינעם קיינמאָל קיין בייז ניט טאָן. אויף קיינעם, כאָלילע, קיין זילזולים ניט ברענגען. קיינעם זאָלן זיי ניט כאַנפֿענען און קיינמאָל פֿאַר קיינעם זייער קאָפּ ניט בייגן, שטאַרק זייערע הערצער צו גוטע מעשׂים, קרעפֿטיק זייערע ביינער צו גוטע טוווּנגען". בײַ די ווערטער נעמט אַראָפּ דער זיידע דעם של־ראָש, וויקלט אָפּ די רעצועס, לאָזט אַראָפּ דעם אַרבל פֿון העמד, טוט אַרײַן די האַנט אין אַרבל פֿון דער קאַפּאָטע, פֿאַרשפּיליעט די אייבערשטע קנעפּ, זאָגט צו מיר „קוק", טײַטלט מיט אַ פֿינגער צום הימל: איך זע, איך פֿאַרשטיי, די זון וועט באַלד אויפֿגיין. אין יענער זײַט, ווו ס'איז געווען די געלבע שײַן, האָבן זיך באַוויזן דינע, שײַנענדיקע שפּיזלעך. דער זיידע גייט פּאַרויס און זאָגט צו מיר ווידער! „שטיי ניט אָפּ, שטיי ניט אָפּ. די באָבע איז שוין געוויס אויפֿגעשטאַנען". און אַז מיר זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב, האָט ער היימלעך אַ מאַך געטאָן: „אַ גוטמאָרגן, אַ גוט-יאָר דיר, פּעסינקע, וואָס האָסטו עפּעס אויף אָנבײַסן פֿאַר אונדז?" און די באָבע, ווי אַלעמאָל: „אַ גוט-יאָר אויף דיר, עלינקע, עס קומט די שאָ, מוז מען ווײַזן, וואָס אין טעפּל האָט זיך געקאָכט, שפּריכלט זי צו, שטעלט אויפֿן טיש דאָס קופּערנע קעסעלע מיט די צוויי אויערן בײַ די זײַטן און נעמט גיסן מיט דער הילצערנער גרויסער לעפֿל מילכיקע קאָרענע ציפּקעס. די ציפּקעס טונקלען זיך אין דער מילך, ווי שטיינדעלעך. דער זיידע קוקט, ווי די באָבע רוקט דאָס ליימענע שיסעלע צו אים, און ער פֿרעגט: „פּעסינקע, האָסט ניט פֿאַרזען דעם הימל?" — „אַ נײַע נײַס, מיינסט אוואַדע, עליע, אַז ווער עס מאַכט ציפּקעס, האָט ניט געזען, ווי די זון גייט אויף?" — „ביסט אַ בעריע-ניפֿלאָע, פּעסינקע, האַלעווײַ אַלעמאָל. און ווײַטער זאָג איך דיר, דײַן געקעכץ האָט הײַנט אַלע זיבן טאַמען".

אָט די דערמאָנונג איז ניט אופֿגעקומען אין כאַנען, בייס זי האָט א רוף געטאָן נעכעמיען. עס איז איר שוין געווען אַלץ קלאָר, איידער זי האָט אים גערופֿן. און פֿון דער דערמאָנונג אָן איז זי געראַטעוועט געוואָרן פֿון פּײַן־פּלעט. זי האָט צוביסעלעך גענומען שרײַבן. פֿאַרשטייט זיך, איבערגענומען די באַלעבאַטישקײַט אין די אייגענע הענט.

נאָכן זיג איבערן פֿאַשיזם האָט כאַסענע געהאַט ביילקע, די עלטערע טאָכטער, און איז אוועקגעפֿאָרן מיטן מאַן קיין מינסק.

אין איינעם א טאָג איז כײַעלע מיט שימקען געקומען צו כאַנען. כאָטש שימקע איז געווען אַן אינוואַליד, האָט ער ווידער געאַרבעט אין „שאַרי־קאָפּאָדשיפּניק”. טאַקע פֿון שימקען האָט כאַנע זיך דערוווּסט, אַז מאַקאַר און טשאַרלי זײַנען אומגעקומען אף דער מילכאָמע, פֿרידע מיט איר מאַמען, מיט יעליזאַוועטע אַבראַמאָוונען, ווי כאַנע האָט זיך דערוווּסט, זײַנען געשטאָרבן פֿון טיפֿוס אין א דאָרף ניט ווײַט פֿון סאַמאַרקאַנד.

ווי פֿאַר דער מילכאָמע, פֿלעגט כײַעלע מיט שימקען קומען צו כאַנען שאַבעס פֿאַרנאַכט, אוועקפֿאָרן פֿלעגן זיי מאָנטיק באַגינען. עס איז אָבער איצטער געווען אינגאַנצן אַנדערש בא כאַנען אין שטוב. זעלטן האָט מען געלאַכט, ביז גאָר זעלטן האָט זיך כאַנע געוואָרטלט. וואָס ווײַטער האָט מען זיך אַלץ מער דערוווּסט וועגן די גרוילן, וואָס די פֿאַשיסטן האָבן אָפּגעטאָן. כאַנע האָט ניט איין מאָל בוילעט זיך פֿאָרגעשטעלט, ווי אירע טאַטע־מאַמע זײַנען געטריבן געוואָרן צום אומקום, און אירע קרומלעך־געשניטענע אויגן האָבן גאַנץ אָפֿט געגאָסן טרערן.

ס'וואָלט נאָך פֿיל געקאָנט דערציילט ווערן וועגן כאַנעס אויסדויער, וועגן איר האָרעוואַניע אין די נאָכמילכאָמעדיקע יאָרן, אָבער עס איז גענוג קלאָר, אַז כאַנע האָט געהערט צו די מענטשן, וואָס זײַנען ווײַט פֿון זעלבסטצופֿרידנקײַט, פֿון אייגננוציקײַט, פֿון וווילגעמיטלעכקײַט. און גראָד דאַן, ווען עס זײַנען געווען אַזוינע, וואָס האָבן געקאָנט א טראַכט טאָן: „באַגראָבן א טאָכטער פֿון זעכצן יאָר, און פֿונדעסטוועגן לאַכט זי”. אָט די יעניקע, וואָס וואָלטן אַזוי געטראַכט, וואָלטן גראָד ניט געטראָפֿן. עס איז ניט געווען דער טאָג, ווען כאַנעס נעשאָמע האָט ניט געבלוטיקט. אָבער זי האָט זיך ניט געקאָנט פֿאַרגינען עס אַרויסצווײַזן, ווײַל נעכעמיע האָט זיך איצט געפֿילט ניט אַמבעסטן...

אין 1948 איז אין פֿאַרלאַג „דער עמעס” אַרויס א באַנד כאַנעס דערציילונגען און נאָוועלן.

נעכעמיע איז טאָמיד געווען דערנעבן. זײַן נעשאָמע, זײַן וואַרעמער אָטעם, זײַן מוט האָט זי געקרעפֿטיקט. און ביז איצט איז עס אַזוי. טאָמיד איז ער לעבן איר, טאָמיד הערט זי זײַן מוטיק, שטאָלץ קאָל. און דאָס העלפֿט איר אין אַלע נויטן.

דערציילונגען

מײַן באָבע־ײדעס פּרילינגן

די ערד האָט ניט באַוויזן זיך אָפּצודעקן פון שניי, און מײַן זיידע קאָן שוין ניט אײַנזיצן די פרימאָרגנס אין שטוב.

איך ווייס ווו ער איז. אין סאָד. ער שטייט מיט א פאַריסענעם קאָפּ, זײַן בליק בלאָנדזשעט פון די ביימער צום הימל. ער זאָגט צו זיך: „א לויטער־קײַט... א ריינקײַט"... ער וויל נאָך עפּעס זאָגן, נאָר דער באָבעס קאָל שלאָגט אים ארויס פון די ראַיוינעס:

— קיין אײַנהאָרע. א ייִד בא די שישים זאָל זײַן ערגער פון א כיידער־ייִנגל. דו הערסט, עליע?

איך הער, און דער זיידע הערט. ער לייגט צו א פינגער צו זײַנע ליפּן — דאָס הייסט — מיר אנטפּלעקן זיך ניט דער באָבען.

די באָבע שטילט זיך ניט:

— וואָס פאַרעסטו זיך ארום די ביימער? ס'איז ניט קיין אייער אונטער אויפעס. ס'איז דאָ ווער ס'זאָל אף זיי האשגאָכע געבן אָן דיר!

דער זיידע קוקט א פאַרטראַכטער אף די צווײַגן, פּרעפּלט שטיל: „אָנ־געקוואָלן... ווי פאַרשלאָפט מען ניט... אָ־טאָ־טאָ איז עס דאָ..."

איך קוק אויך. איך זע אָבער ניט, וואָס דער זיידע זעט. ער בייגט זיך אײַן, רירט די ערד. מיר פאַרדריסט האַלעמײַ ער האָט מיך פאַרגעסן.

— נו, ווו שטעלסטו די פיס? קוק זיך אײַן, ס'איז דאָך שוין פול וואַ־סער!

דאָס איז עמעס. דאָרט ווו ס'איז נאָרוואָס געלעגן א גרײַפּלדיקער שניי, אף וועלכן איך האָב געשטעלט מײַנע אונטערגעשמידטע שטיוועלעך, זײַנען איצט פולע גריבעלעך וואַסער. דורכן וואַסער זעט זיך דער אָפּגעשטעמפּל־טער סימען פון די פאָדקאָווועלעך און פון דער גאַנצער פּאָדעשווע. איך זאָג גלאַט אזוי:

— זיידע, דו האָסט האָלט וואסער?

— האָלט, האָלט... דיך און וואסער...

דער זיידע באוויַזט מער גאָרנישט צו זאָגן, עס הערט זיך ווידער דער באָבעס קאָל:

— עליע, עליע! האָב ראכמאָנעס, דער טאָג שטייט ניט!

און אָט הערט זיך א סקריפּ פון גאָרטן-טויער — די באָבע איז שוין דאָ. די פאטשיילע אפן שפּיץ קאָפּ. די ארבל פארקאטשעט. די בלויע אויגן אויסגעוואשן, ווי דער הימל, די נאָז — בארויגעז. זי רעדט צום זיידן און קוקט אף מיר:

— זאָל דיר דאָס ניט פארעכנט זיַין. דו פירסט איבער די מעשומעדעסטע. א ייִד זאָל ניט פארשטיין פונדאנען אהין!

— פרעגט זיך א קאשע: פארוואָס קומט א ייִדענע פון דאָרטן אהער און מאכט קוילע-קוילעס? מע קאָן דאָך זאָגן שטילערהייט, וואָס מע וויל. אָט גיי בעסער אהער, פּעסיע, און קוק זיך איַין אף די בייטן, זע ווי די ווינטער-ציבעלעס האָבן דורכגעשפּיזט די ערד...

דער זיידע טוט צו מיר א ווונק. ער איז צופרידן, וואָס די באָבע איז אריַין אין קאָן.

די זון ווארעמט. פון בייט גייט אוף א רויכל. אין א שורע איינס אין איינס זיַינען ארויסגעקראָכן די שפּיציקע ציבעלעס. זיי האָבן נאָך ערד אף זיך. די באָבע בייגט זיך איַין, רייניקט אָפּ פון זיי די ערד און רעדט, ווי זי רעדט מיט דער קו, מיט די הינער: „אוי-אוי, זיך נעבעך גוט אָנגעהאָרעוועט, ביז מע האָט זיך דורכגעשלאָגן צו דער שיַין. זע נאָר ווי מע האָט זיך אויסגעסטראָיעט, ווי סאָלדאטן מיט פּיקעס...”

— וואָס האָסטו געמיינט? זאָגסט, ביימער זיַינען ניט קיין אויפּעס? און איך זאָג דיר — אַן אָף ווערט געבוירן און שטארבט ווי לעהאווּדל א מענטש. און זיי שטארבן און ווערן געבוירן אלע יאָר. ס'איז עפּעס א ווערטל.

ווען איך האָב ניט מוירע פאר דער באָבע, וואָלט איך איר געזאָגט: „באָבע, פיר אים אוועק, זעסט ניט, אז ער קאָן זיך צעוויינען”. און די באָבע גאָרניט. זי קוקט אריבער איבערן פּלויט צו מענאכעמס גארבערס שטוב און זאָגט פּלוצעם פארטראכט:

— זע, עליע, איך פארשטיי ניט פארוואָס דאָס איז? די ביימער בא מענאכעמען זיַינען דאָך נאקעט און פונדעסטוועגן פארשטעלן זיי די שטוב מער ווי ווינטער?

— ווי זשע דען? ווינטער זיַינען די צוויַיגן דארע ווי ריטער. איצטער נעמען זיי כ'יעס בא די וואָרצלען. זיי זיַינען קיַילעכיק, אָנגעקוואָלן.

איך וויל פארשטיין דעם זיידנס רייד. איך הער מיט די אויגן, מיט די שלייפן. די אויערן טוען מיר אזש ווי פון וועלן הערן, אָבער איך פארשטיי ניט, וואָס דער זיידע רעדט. איך זע נאָר די טונקל-רויטע קניפּלעך אף די צוויַיגן פון די ביימער, איך זע ווי די ערד איז נידעריק, נידעריק, דער הימל הויך. דער זיידע זאָגט צו דער באָבען:

— פעסיע, פילסט ווי דער ווינט קילט דאָס פּאָנעם און די הענט אקו־ראַט ווי א טײַך?

— ס׳איז גוט, עליע... ס׳איז נישטאָ וואָס צו רעדן... — ענטפערט די באָבע און נעמט מיך פאר א האנט.

נאָר איך קוק אפן זיידן. דעם זיידנס אויגן זײַנען פול. אָט נעמען פאלן פון זיי פריידיקע טראָפּנס, ווי די טראָפּנס, וואָס פאלן פון די צווײַגן. פלו־צעם שרײַ איך אויס:

— באָבע, איך וויל עסן!

— א סימכע אין שטעטל... — זאָגט די באָבע און גייט ארײַן אין פינצ־טערן פירהויז.

איך שטיי און ווארט אפן זיידן. ער בייגט זיך אײַן און זאָגט צו מיר שטיל:

— אויב דו וועסט זײַן א פּאַלגערקע, א גוטע בעריע און וועסט העלפן דער באָבען, וואָס זי וועט דיר הייסן, וועל איך דיר מאָרגן ווײַזן א סאך וווּנדער שעביוווּנדער.

ווען וועט שוין אמאָל זײַן מאָרגן?..

איצט געדענק איך שוין ניט, צי ס׳איז געווען מאָרגן, צי איבערמאָרגן. איך געדענק נאָר, ווי דער זיידע הייבט מיך צו די סאמע אייבערשטע צווײַגן, ר׳עדט צו מיר אומגעדולדיק, גיך־גיך:

— זעסט? קוק! אָט פיקן זיי זיך אויס!

יאָ, איך זע, עס פּלאצן טונקל־רויטע בראָדעווקעס און זיי לאָזן ארויס פּיטשינקע גרינע פּליטערלעך.

— אוי, זיידינקע, א געזונט אין דיר, איך זע! — שרײַ איך ניט מיט מײַן קאָל.

דער זיידע לאָזט מיך אראָפּ אף דער ערד, שאָקלט זיך, ווי בא דעם דאוונען, פּרעפּלט שטיל:

— אז וויל איז דעם, מײַן קינד, וואָס האָט עס זויכע געווען צו זען. וואָס מיינט דער זיידע מיט דעם? וואָס טראכט ער?..

• • •

איצט פארשטיי איך דעם זיידנס מיין...

אלע יאָר, ווען דער שניי צעגייט און אף די צווײַגן פארבינדן זיך שטײַפע, טונקל־רויטע קניפּלעך, זע איך ווידער פאלן טראָפּנס פון דיביימער אף דער אופוואכנדיקער ערד. עס קומט מיר אפן זינען דעם זיידנס רייד. איך זע אים מיט דער באָבען געבויגענע איבער די בייטן, איך הער, ווי ער זאָגט שטיל:

— האשעמיסבאָרעך זאָל אונדז העלפן, פעסיע, מיר זאָלן דער־לעבן איבעראיאָר ווּעסנע... און ער זאָל ארײַנשיקן א גוטן זיקאָרן אין אונד־זערע אייניקלעך אף אייביקער געדעכעניש וועגן אונדז.

דעם זיידנס טפּילע

קיינמאָל איז מיר ניט געווען אַזוי גרינג אופצושטיין, ווי דאַן, ווען דער זיידע האָט מיך געוועקט. ער האָט ניט אַראָפּגעשלעפּט די קאָלדרע, און ער האָט זיך ניט געבייזערט, ווי די באָבע. ער פלעגט שטיל-שטיל זאָגן: „שטיי אוף, מיין קינד, שטיי אוף, קוועקזילבער". זיין באָרד האָט אַ ביסעלע גע-קראַצט מיינע באַקן, און אין זיינע שוואַרצאַפּלען האָב איך געזען פריילעכע מענטשעלעך. פלעג איך זיך אַפגיך אָנטאָן, דער זיידע האָט מיר אופגעגאָסן נעגל-וואַסער, דערנאָך פלעגט ער מיך נעמען פאַר אַ האַנט, און מיר זיינען באַנאַנד געגאַנגען אין וואַלד. איינמאָל איז ער געגאַנגען דורך דער ליטווי-שער גאַס, ניט פאַרביי דעם אַלטן בעסוילעם, און איך האָב גלייך פאַרשטאַ-נען, אַז מיר גייען צו די קאָרן-פעלדער. ער איז געגאַנגען פּאַרויס, אַלע ווײַלע האָט ער זיך אויסגעקערעוועט צו מיר און געזאָגט: „שטיי ניט אָפּ, ריר זיך, מאַרודניצע!". מיר זיינען געגאַנגען פאַרביי די קאָרן-פעלדער, צווישן די הויכע זאַנגען האָבן געפינטלט בלויע בלומען, כ'האָב זיך אַ לאָז געטאָן און גענומען רייסן די קאָרן-בלימעלעך. דער זיידע האָט אַ געשריי געטאָן: „ניטע, וועסט רייסן, בייס מיר וועלן גיין צוריק. וואָס דאַרפן זיי אַניוועץ גיין?"

עס איז געווען קיל, פייכט. העכער איבער די קאָרן-זאַנגען האָט גע-פלאַטערט אַ גרינג דינן רויכל. דער גאַנצער הימל איז געווען גרינלעך. נאָר אין איין זייט האָט זיך געשפּרייט אַ ברייטע, געלבע שיין. איך געדענק גוט, אַז ס'איז מיר געקומען אַפן זינען, ווי אַווראָם אָווינו פירט יִצחָקן צו דער אַקיידע, כ'האָב געהערט דעם מאַלעכס קאָל. „טו ניט קיין בייז דיין בעניאָ-כיד, וואָרעם גאָט, דיין גאָט ווייסט, ווי פּאַרכטיק און געטריי דו דינסט אים". דאָ האָט דער זיידע איבערגעשלאָגן מיינע ראַיוינעס: „דריי זיך ניט, שפּרינג ניט, קוועקזילבער. אָט דאָ לעבן גראָבן וואַרט אַף מיר". געזאָגט, און אַליין גייט ער פּאַרויס. שפּיליעט אָפּ די אייבערשטע קנעפּ פון דער קאַפּאָטע, ציט אַראָפּ דעם אַרבל פון דער האַנט, פאַרנעמט אים אַהינטער דער פּאַכווע מיט דער אָפּגעשפּיליעטער פּאָלע איניינעם, פאַרקאַטשעט דעם ווייסן אַרבל פון העמד, נעמט אַרויס פון סאַמעטענעם זעקעלע די טפילין, וויקלט אָן די רע-צוע אַף דער נאַקעטער לינקער האַנט, זיין האַנט איז וויים, און די רעצוע איז שוואַרץ. ווערט די האַנט שוואַרץ-וויים געשטרייפט. דאָס האָט מיר אויס-געזען אַזוי מאָדנע, איך האָב דאָך קיינמאָל ניט געזען דעם זיידנס נאַקעטע האַנט. דערנאָך האָט ער אָנגעטאָן דעם שעלראָש, און דאָס האָט מיר אויסגע-זען, ווי אַ קליין צילינדערל, ווי אַ שפּילעכל, איך האָב ניט פאַרשטאַנען, פאַר-וואָס דער זיידע טוט עס דאָ, אין פעלד. נאָך מער האָב איך ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דער זיידע דאַוונט אַזוי מאָדנע, ניט פון סידער. מיר האָט זיך אויס-געוויזן, אַז ער רעדט ווי מיט דער באָבען: „פאָטער אין הימל, טאַטע באַרעמ-האַרציקער, ווייסט אַלעמענס געבעט, זאָלסטו טין-טאָן הערן מיין קאָל, דיין באַרעמהאַרציקייט זאָל פאַרנעמען מיינע רייד, איך בעט באַ דיר נאָר איין

זאָך: מײַנע קינדער און קינדסקינדער זאָלסטו װענדן צו גוטע מײַסים, זײ זאָלן כאַסװעשאָלעם קײנעם קײן בײז ניט טאָן, קײן זילזולים אַף קײנעם ניט ברענגען, קײנעם זאָלן זײ ניט כאַנפענען, און זײער קאָפּ זאָל זיך פֿאַר קײנעם ניט בײגן. שטאַרק זײערע הערצער, זײ זאָלן ניט מוירע האָבן פֿאַרן עמעס. קרעפֿטיק זײ צו גוטע טוונגען. פֿאַרנעם מײַן געבעט, טאַטע־פֿאָטער!". בא די װערטער לאָזט ער אַראָפּ דעם אַרבל פֿון העמד, טוט אַרײַן די האַנט אין אַרבל פֿון דער קאַפּאָטע, פֿאַרשפּיליעט, טײַטלט מיט אַ פֿינגער צום הימל און זאָגט צו מיר: „װאָס קוקסטו אַף דער ערד? קוק אין דער הײך!"

איך קוק צום הימל אין יענער זײַט, װוּ ס'האָט זיך געשפּרײט די ברײטע געלבע שײַן, האָבן זיך באַװיזן לאַנגע, שײַנענדיקע פֿינגער. דער זײדע גײט פֿאָרױס און הײסט מיר גײן גיך־גיך. איך פֿאַרשטײ, פֿאַרװאָס ער אײַלט מיך. די באָבע איז דאָך שױן געװיס אופֿגעשטאַנען. און טאַקע אַזױ: מיר גײען אַרײַן אין שטוב, דער זײדע װינטשט דער באָבען אַ הײמלעכן גוטמאָרגן, פֿאַרײנס װיל ער װיסן: „פּעסינקע, װאָס הערט זיך מיט אָנבײַסן?"

און די באָבע, װי אַלעמאָל: „אַ גוטער יאָר אַף דיר, עלינקע. עס קומט די שאָ, מוז די באַלעבאָסטע װײַזן, װאָס אין טעפּל קאָכט זיך".

זי שטעלט אַװעק אַפֿן טיש דאָס קופּערנע קעסעלע מיט די צװײ אױערן, גיסט מיט דער הילצערנער גרױסער לעפֿל די מילכיקע קאָרענע ציפּקעס, די ציפּקעס טונקלען זיך אין דער מילך, װי שטײנדעלעך. די באָבע רוקט צו דאָס לײמענע שיסעלע צום זײדן, ער טוט אַ פּליוסקע מיטן לעפֿל אין שיסעלע און כאָכמעט זיך:

— האָסט געמאַכט פֿאַרפֿל? האָסטו שױן פֿאַרשפּאָרט צו קוקן אַפֿן הימל, די זון איז הײַנט מאַלכעסדיק אופֿגעגאַנגען!

— אַ נײַע נײַס. אַז מע מאַכט ציפּקעס, מוז מען זיך טרײסטן מיט דער זון, — װערטלט זיך די באָבע.

— אַזאַ יאָר אַף מיר, װאָס פֿאַר אַ כאַכאָמע דו ביסט. ניט אומזיסט האָבן הײַנט די ציפּקעס אַלע זיבן טאַמען.

יאָמטעװ אינמיטן װאָך

זומער־צײַט פֿלעגט עליע פֿון זונטיק אינדערפֿרי ביז פֿרײַטיק נאָך װאָר־מעס זײַן אין דאָרף בא אַ פּויער אָדער ערגעץ אין אַ הױף בא אַ פּאָרעץ, װוּ ער פֿלעגט מאַכן אױװנס און קאַמינען. זומער־צײַט איז פּעסיע װײניק פֿאַר־נומען מיט פֿאַרברײַ, װײַל זומער האָבן די פּויערטעס װײניק געשפּונען און געװעבט... פֿאַרמאַכט דאַן פּעסיע די פֿאַרבערקע די טירן מיט די לאָדנס, זאָגט אָן בײלע־פּערע דער אַלמאָנע, זי זאָל אַכטונג געבן צום גאָרטן און

האָדעווען די אויפּעס. נאָכדעם נעמט זי די קו פאַר די הערנער, קעדיי יענע זאָל ניט פאַרקערעווען צו דער טשערעדע, און לאָזט זיך אין וועג. די קו ווייסט שוין, ווו זי דאַרף גיין. ווי נאָר פּעסיע פאַרנעמט זיך רעכטס צו דער פּאַטשעט, דרייט די בעהיימע אַרויס דעם האָרן פון פּעסיעס האַנט און גייט אַוועק פאַרויס, פּאַכנדיק מיטן עק. פּעסיע פאַרנעמט די קלאָר-ווײַסע פּאַ־טשײלע הינטער די אויערן און, הוידענדיק מיט די פולע הענט, שפּאַנט זי און שפּאַנט, זינגענדיק דערבײַ: „נעם צונויף דײַנע זאַכן, באַהאַלט אין די קאָרן. גאַנווע זיך דורך דורך א פענצטערל, מיר וועלן ביידע אַוועקפאָרן".

אָבער ווי נאָר פּעסיע פאַרקערעוועט צו דער אַלטער לינדן-אַליי, טוט די קו א שאָל, ווי פון א טרומייט, און טוט זיך א לאָז באַרג-אַראָפּ צו דער מיל. מאַלקע פלעגט אַרויסלויפן, מיט צעשפּרייטע הענט זיך לאָזן אַנטקעגן פּע־סיען. און אין סאַמע מיטן וואָך פלעגט ווערן היימלעך און יאָמטעווודיק...

— וואָס ווילסטו, פּעסינקע, א יויך צי געבראָטנס?

— פונמיינטוועגן ביידע זאַכן.

— עפּשער ווילסטו גאָר מילכיקס? האָב איך שלײַענס, קאָן מען מאַכן אין סמעטענע.

— מאַך שלײַענס אין סמעטענע און פּוטער. נאָך מילכיקס דאַרף מען ניט וואַרטן קיין דרײַ שאָ. וועלן מיר זיך נעמען צו דער יויך און גע־בראָטנס, — זאָגט פּעסיע, און ביידע צעלאַכן זיך.

נאָכדעם טוט מאַלקע א געשריי:

— מיידלעך, אַהערצו!

בלומקען שיקט זי זאָגן הירשען, אַז פּעסיע איז געקומען, זלאַטקען שיקט זי אַוועקפירן פּעסיעס קו צו דער היגער טשערעדע, באַסקען שיקט זי אין וואַלד נאָך פּאַזעמקעס. די מיידלעך גייען אַוועק, מאַלקע מיט פּעסיען זעצן זיך אין קילן געראַמען צימער, וואָס האָט געהייסן דער זאַל. און ס'פלעגט זיך אָנהייבן גאָר ניט קיין יאָמטעווודיקער שמועס.

— לאַנג לעבן זאָלסטו, פּעסיע, וואָס דו ביסט געקומען. ס'איז ניטאָ מיט וועמען א וואָרט אויסצורײדן. הירשע איז גאַנצע טעג אין מיל, און אַז ער איז אפילו אין שטוב, איז ער שטום ווי א פיש. די מיידלעך וואַקסן אונ־טער. איך פריי זיך, וואָס לייקע מיט הענקען זײַנען אַוועקגעפאָרן אין גרינ־קעשיק זיך לערנען שנײַדערײַ. גרויסע מיידלעך, פאַרשטייען שוין אַלצדינג... איך ווער פאַרברענט פון בושע.

— ער גייט נאָך אַלץ צו איר?

— ער גייט, ער גייט. אַז איך זע די באָנים, גלייב מיר, וואָלט איך אַרײַנגעקראָכן אין דר'ערד. אויסגעגאָסן הירשע...

— מאַלקע, פאַרשטער מיר ניט דעם צוגאַסט און פאַרשטער זיך ניט דאָס לעבן. ס'איז נעכטן געווען? ס'איז דאָך יאָרן. די באָנים זײַנען שוין מיסטאַמע זעכציג-אַריקע. אַף וועמען זאָלן זיי דען זײַן פּאַכאַזשע? ער איז דאָך זייער טאַטע. א פאַרשאָלטענער בויך בא דער פּויערטע. דרײַ מאָל צו צוויי!

עס הערן זיך טריט, די ווײַבער ווערן אַנשוויגן. הירשע באַווײַזט זיך, ער עפנט אויף די טיר, נאָר ער גייט ניט אַרײַן אין שטוב. ער שטייט בײַ דער שוועל, פּאַטשט מיט די הענט אין מעליקן רעקל. פּעסיע ניסט און מוסערט אים:

— זע, וואָס פאַר אַ מאָדנער ייִד דו ביסט! האָסט ניט געקענט אויסטאָן דאָס רעקל אין דרויסן? — נאָכדעם הייבט זי זיך אויף אויף די שפּיץ פינגער. נאָר אַלציינס מוז זיך הירשע צובייגן צו איר. ער רירט זיך צו מיט זײַנע ליפּן צו איר שטערן, און פּעסיע וויצלט זיך:

— דו האָסט מיך גרויער געמאַכט ווי איך בין, ניט אומזיסט האָב איך אַלעמאָל געוויַיכט פון מילנער.

— ווען דו האָסט געוויַיכט, זײַנען נאָך די מילנער קיין מילנער ניט געווען, — זאָגט הירשע. ער רוקט זיך אָפּ פון פּעסיען, קוקט זי אָן, נעמט אירע הענט אין זײַנע און זאָגט שטילער: — יאָ, די מילנער זײַנען קיין מילנער ניט געווען... אַ צעמאָלן לעבן...

— ס'איז ניט פאַרוואַקסן געוואָרן דער וועג מיט מאָך צו יענער?

— ניט דו פרעג, ניט איך וועל ענטפערן, — זאָגט ער. ער וויל נאָך עפּעס זאָגן, נאָר עס הערט זיך פון קיך מאַלקעס קאָל:

— פּעסיע, מאַך איך, ווי איך האָב געזאָגט? שלײַענס מיט סמעטענע און יויך מיט געבראָטנס.

— מאַך, מאַך, — ענטפערט פּעסיע, — איך וועל זיך דערווײַלע דורכגיין אין גאַניידן.

— און מיך נעמסטו מיט? — פרעגט הירשע.

— ניין, אין גאַניידן האָב איך האָלט צו גיין אַליין.

פּעסיע שפּיליעט אָפּ דעם קראַגן פון דער בלויער ריפּסענער בלוזקע, הייבט אַ ביסעלע אונטער דאָס לאַנגע ברוינע סאַטינענע קלייד, שפּרײַזט אַריבער די שוועל און לאָזט זיך באַרג-אַרויף צו דעם וואַלד. זי זעצט זיך אין ראָוויק, טוט אויס די שיך. דאָס גראָז איז קיל. פּעסיע שטעלט די פיס פּאַוואָליע. זי שפּרײַזט אַרויס פון ראָוויק, שפּאַנט איבער דער לאָנקע אַלץ נעענטער צום וואַלד. אָט איז זי שוין דאָרטן. עס איז גרין און טונקל. די יאָדלעס האָבן אָף די צווײַגן אַזעלכע ווייכע העל-גרינע פרענדזלעך. אָף די קליינע לאָנקעלעך צווישן די ביימער וואַקסן פּאָזעמקעס, אָבער פּעסיע קלײַבט זיי ניט... איבער די צווײַגן פון אַ סאָסנע פּאָכט אַ וועווערקע. פּעסיע פאַרוואַרפט דעם קאָפּ, און עס דוכט זיך איר: די צווײַגן שטיפן, וואַרפן אונטער דאָס רויט-גרויע קנײַלכל מיטן לאַנגן פּוכיקן עק. פּעסיע שמייכלט. פון אונטערן פאַרהויבענעם פּאָדעלעק קוקן אַרויס אירע דיקע ווײַסע איקרעס. זי זעצט זיך אָף אַ פּניאָק, טוט אַ פיר מיט ביידע הענט איבערן פּאָנעם, ווי צו ליכט-בענטשן, און פרעפלט מיט פאַרמאַכטע אויגן. זי זעט אַליין אויס ווי אַ ברייטער נידעריקער בוים, וואָס האָט איבערגעפלאָכטן זײַנע מעכטיקע צווײַגן — הענט. זי שאָקלט זיך אויך ווי אַ בוים און פרעפלט, פרעפלט אַ שטילן שוואַך, אַ לויב צום הימל און צו דער ערד...

זי גייט און גייט צווישן די ביימער מיט די שיך אין די הענט, דרייט דעם קאפ אין אלע זייטן, קאן זיך ביז זאט ניט אנקוקן אף די ביימער, וואס זיינען פון איין זייט באלויכטן, פון דער צווייטער פארשאטנט. זיי רינגלען ארום פעסיען פון אלע זייטן, זי טאנצט אזש אונטער א ביסעלע... זי גייט ארויס פון וואלד און זינגט הויך: „אין א ווייט-ווייטן לאנד, צווישן ווילד-פרעמדע מענטשן, ווער וועט אונדז צו דער כופע פירן און ווער וועט אונדז בענטשן?"

— נאך גוט, וואס דו זינגסט, אז ניט, איז זוך מוישע ראביינוס קיעלע אין גראז, — זאגט הירשע.

— האסט מיך לאנג געזוכט?

— אבי געפונען... מאלקע איז אויס מענטש. די שלייענס, טייַנעט זי, שטייען זיך איבער — זאגט הירשע און שפאנט אוועק פארויס.

ווען פעסיע גייט אריין אין שטוב, פרעגט מאלקע מיט הארץ:

— ווו ביסטו פארפאלן געווארן, א גאנצן טאג אין מויל ניט געהאט?

— דערפאר האב איך געהאט אין אויג. בא דיין שוועל איז דער גאניידן, מאלקע.

נאכדעם זיצט מען באם טיש. אף א קיילעכדיקן הילצערנעם טאץ — א בארג אנגעשניטן ברויט, אף א גרויסן צינענעם פאלומעסעק ליגן די שלייענס. זיי זיינען געדעמפט געווארן אין סמעטענע מיט פוטער, זיי זיינען א ביסעלע ברוין. עס איז ניט צו פארשטיין, ווי מאלקע האט זיי ארויסגענומען גאנץ פון בעקן. פעסיע פרעגט עס טאקע. מאלקע דערציילט, וויאזוי זי האט געהאלטן דעם פאלומעסעק באם סאמע בעקן, ווי בלומקע האט מיט דער הילצערנער מילכיקער לאפעטקע ארויסגענומען דעם עק... נאר פעסיע שלאגט זי איבער:

— גאנץ — ניט גאנץ, האב ראכמאנעס, מאלקע, גיב!

הירשע קריגט א האלבן שלייען מיטן קאפ. פעסיע קאן זיך ניט איינהאלטן, זי טראגט צום מויל פריער פון אלעמען. נאך די פיש ברענגט הירשע פון קעלער א פלאש פאראיאריקן עפל-קוואס. מע טרינקט אויס, און מאלקע דערלאנגט פריער די יויך, נאכדעם געבראטנס און א געפילטע קוטניצע. עס איז גלאנציק, ברוין און דורכזיכטיק... פעסיע שרייט אויס:

— איך וואלט געשווארן, אז דו האסט געפילט מיט פארפל!

— עמעס דארף קיין שווע ניט, — זאגט מאלקע, רוקט זיך אפ א ביסעלע פון טיש און, האלטנדיק גאפל-מעסער אין די אויסגעצויגענע הענט, טוט זי א שניט די קוטניצע. עס שפריצט שמאלץ אף הירשען, אף פעסיען, אף די מיידלעך, נאר ניט אף מאלקען. ניט אומזיסט האט זי זיך אפגערוקט.

אינגיכן זיינען די טעלער ליידיק. און די זיצנדיקע ארום טיש פול, פעסיע קאן זיך מאמעש ניט אופהייבן. ס'איז נאך האלבן טאג, אבער די זון דערלאנגט היץ דורך די פענצטער ווי עס געהער צו זיין. הירשע הייבט זיך אוף דער ערשטער, פארביַיגייענדיק דאס פענצטער, פארמאכט ער די לאדנס. בלומקע טאנצט אויך אף איין פוס ארויס פון שטוב. די שוועסטערלעך דער-

יאָגן זי. מאַלקע מיט פּעסיען בלײַבן זאַלבעצווייט. מאַלקע שפּרייט אויס אַן אייגענע געוועבטע גוניע אַף דער פּאָדלאָגע. פּעסיע לייגט זיך, טוט אַ קרעכץ, פאַרפלעכט די הענט אַרום קאָפּ, גענעצט זיך אויס און זאָגט:

— ווען מע עסט אַלע טאָג אַזוי, קען מען אַוועק מיט דער טאָרבע.

— מײַן האַרץ און מײַן נעשאָמע האָט קנאַפּער פון מײַן מאָגן, — באַקלאָגט זיך מאַלקע.

— אין צוויי שיסעלעך גיסט גאָט ניט אַרײַן, — באַמערקט פּעסיע, און אין אַ רעגע אַרום שלאָפט זי אײַן.

מאַלקע קוקט אַף איר און טראַכט: „אַ גוואַר, אַ דעמב, אַף אַלע ליבע געזאָגט געוואָרן". אָבער לאַנג קוקט זי ניט אַף פּעסיען. זי גייט אין שטוב, נעמט דאָס שפּין-רעדל. דאָס רעדל זשומעט, דער פאָדעם ציט און ציט זיך. מאַלקע טראַכט: „עפּשער זאָל זי זיך דורכריידן מיט אים, עפּשער וועט העלפן!".

ווען פּעסיע שטייט אוף, איז שוין גוט פאַרנאַכט. די טשערעדע קומט, זי מעלקט אויס די קו אין מאַלקעס דויניצע, טרינקט אויס אַ קוואָרט וואַרעמע מילך, געזעגנט זיך מיט מאַלקען, לאָזט זיך פאָרויס. די קו גייט איר נאָך און לעקט מיט דער צונג פּעסיעס בלויע בלוזקע. און כאָטש מאַלקע באַגלייט זי העט אַראָפּ-באַרג, שווײַגט זי, בעט ניט, אַז פּעסיע זאָל זיך דורכשמועסן מיט הירשען...

זי בעט ניט דערפאַר, ווײַל פון פּעסיען גייט אַזאַ רו, אַזאַ געזונט געמיט, אַזאַ צופרידנקייט, אַז מאַלקע פילט: ס'וועט זײַן אַרויסגעוואָרפענע רייד...

ערעוו פּייסעך

אין נײַן און דרײַסיקסטן יאָר, צוויי וואָכן נאָך פּורים, איז דאָס גאַנצע שטעטל, ווי אַ סאַך, אַ סאַך ייִדישע שטעטלעך אין ליטע, געווען ניט צו דערקענען. פּעסיע דער פאַרבערקעס שטוב איז איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ: דער קליידער-אַלמער שטייט מיט די טירלעך צו דער וואַנט, דער גרויסער טיש, די קאַנאַפּע, די שטולן זײַנען אַרויסגעטראָגן אין „זאַל" אַרײַן. פּעסיעס מאַן עליע, און דער פּאָרעש רעב לייב, וועלכער האָט זיך צוגעלאָנטשעט צו זיי גלײַך נאָך יענער מילכאָמע, קײַקלען אַרײַן פיר ליידיקע פעסער, אַף די פעסער לייגן זיי אַרוף ברייטע סאָסנאָווע ברעטער, עליע הובלט זיי אָפּ, ווי אַלע יאָר, און עס זײַנען שוין דאָ צוויי הויכע געשטעלן צו וועלגערן מאַצע.

פּעסיע לייגט אַרײַן אין גרויסן באַק-אויוון בעריאָזעווע שײַטן האָלץ, און בייס זיי ברענען איבער, צעשאַרט זי די פינקלענדיקע קוילן אין אויוון און אַפּן פּריפּעטשיק. אַזוי ליגן זיי און גליִען ביז עס פאַרציט זיי אַ בלוילעכגרוי הײַטל. רעב לייב גיט אַכטונג ווי פּעסיע קאַשערט דעם אויוון:

— קאַשער, פּעסיע, דערלעב איבעראיאַר, קאַנסט לעשן!

פּעסיע טונקט איַין א ניַיעם יאַדלעוון בעזעם אף א לאנגן שטעקן אין א ניט געניצטן אַלכאָוון צעבערל, א רייעך פון געפּארעטע סאָסנע-נאָדלען פילט אָן די שטוב.

— רעכט! — באַגיטיקט רעב לייב.

די ערשטע קומט פּערע-גיטל די קנעטערקע מיט צוויי מיידלעך און צוויי יינגלעך.

— קאַנסט, שוין באַרעכהאַשעם, אליין מאכן א פּאַדריאַד,— זאָגט פּעסיע.

— בא יענעם גייט אוף די ראַשטשינע גיך. א יאָר רינט אויס, א יאָר קומט צו לויפן. איך מיט מיַינע קינדער ווערן פארשווארצט. דער טרייפענער ביין, דער טאטע זייערער, זאָל פארגעסן ווערן, ווי ער האָט פארגעסן וויַיב און קינדער!

— שילט ניט, פּערע-גיטל, א מענטש קומט אמאָל צום סייכל.

— וואָס טרייסט איר מיך, פּעסיע-קרויַן. צען יאָר, אז איך בין עלנט, ווי א שטיין. איך ווער צעפּענקעט פון האַרעוואַניע און דער דאלעס באַלע-באַטעוועט אין מיַין כאַלופּע! איך ווייס ניט, וואָס פאר א לאָך פריַער צו פארשטעקן. קאָרט אף קליידלעך פאר מיַינע מיידלעך דאַרף איך, קאָרט אף גארניטערלעך פאר די מאַזיקים, פאר זיך גופע כאָטשבי א ניַיעם פארטעך אף יאָמטעוו... וועגן בורעקעס מיט בולבע רייד איך שוין ניט, אָבער כאָטש א קראַניץ ציבעלעס. מע פרעגלט איבער א ציבעלקע אין א לעק שמאלץ איז שוין פּייסעך אין שטוב! ווער עס וועט קנאַקן וועלעשע ניס, פארטרינקען מיט מעד, און איך וועל ציילן די בולבע...

— פּערע-גיטל, טו א טויווע, צי ניט די אָדערן! פאראיאָרן ביסטו אוועק קנעטן צו הינדע מייער-עליעס, האָב איך דיך געלאָזט אָן בולבע? דו ווייסט דאָך, אז מיַין פּאַדריאַד איז פאר מאָעסכיטימניקעס. איך וואָלט דיר געזאָגט א סאך מער, האָב איך מוירע, זאָלסט קליגער ניט ווערן...

— וואָס רעדט איר, פּעסיע, כ׳האָב פארגעסן, אז איר האָט מיר פאראיאָרן אריַינגעשיקט א זאק בולבע און ציבעלעס. זאָל איַיך אנטקעגן קומען, וואָס איר טוט. אָבער יעדע קאָפּעקע איז בא מיר איצטער א גילדן! מיַינע מיידלעך וועט איר צאָלן ניט קיין סאך, א פערטעלע א טאָג. די יינגלעך — צען קאָפּעקעס א טאָג. איר וועט פאר מיר אָפּבאקן מאצע און איר וועט צו-לייגן א האלב שאָק אייער — איז געפּאטערט אָן אייסעק!

זאָל זיַין, ווי דו זאָגסט, אבי די הינער זאָלן וויסן זיַין, אז דו דארפסט אייער צו די קניידלעך. זונטיק פארטאָג זאָלסטו דאָ זיַין מיט דיַין קאפּעלע.

— מירצעשעם, בלינעדער, — זאָגט צו פּערע-גיטל.

זונטיק באַגינען שטייט עליע פּעסיעס באַם אויוון. די יארמלקע — אפן שפּיץ קאָפּ, די ארבל פון דער וויַיסער ליַינענער העמד שיַינען פון דער קאמזעלקע, דער דינער לאנגער שטעקן, וועלכן עליע האלט אין די הענט,

איז אַנגעדייעט מיט מאַצעס, און דער שטעקן פליט הין און צוריק פון שטופלערס טיש אין אויוון אַרײַן, פון אויוון צום טיש. בערקע דער שטופלער שרײַט פלוצעם:

— װײַבלעך, מיידלעך, קוועטשט מיט ראַכמאַנעס, עס רײַסט דעם מיטן!

רעב לייב וווּרט אזש בלייך. די וואַלגער-העלצער קלאַפּן שטילער. רעב לייבס קאָל איז פול מיט רוגזע.

— שטופלער, זײַ ניט קיין כאַצעף. דאָ באַקט מען מאַצעס ניט פאַר קיין גווירים. דײַן מויל זאָל זײַן קאָשער, ווי דער אָרעמאַן איז ריין פון קצינעס!

ווידער קלאַפּן די וואַלגער-העלצער. דער שטופלער זינגט און עסטערקע העלפט אים: „וואָס פאַר א מיילעך איז אָן א לאַנד, און וואָס פאַר א וואַסער איז אָן א זאַמד". כיענקע יוינע דעם שינדלמאַכערס ענטפערט: „א מיילעך פון א קאָרט איז אָן א לאַנד, א טרער פון אן אויג איז אָן א זאַמד".

רעב לייב פאַרעש גייט דערווײַל אַרום צווישן די ברעטער, שאַבט אָפּ מיט א שטיקעלע גלאָז, ווי נאָר עס האָט זיך צוגעקלעפּט א ברעקל טייג און וואָרנט שטרענג:

— וואַרעמט ניט די וואַלגער-העלצער אונטער די פּאַכוועס. ניט קיין קאָרענעם לעקעך באַקט איר, איר באַקט מאַצעס קאָשער לעפּייסעך!

פלוצעם הערט זיך מינקע מאָרדכעס צאַרטער קאָל: „ווי דער שניי איז ווײַס, ווי דער מאָן איז שוואַרץ, פונקט אַזוי פאַרשוואַרצט זײַן זאָל האַמענס האַרץ".

— פּערע-גיטל, די מײַרע נעצט. גיב אַכטונג אויף דײַן וואַסערגיסער! — שרײַט פּעסיע.

— וואָס איז דער וואַסערגיסער שולדיק, אַז די קראָפּטשאַטקע איז באַם נאָגיד, — פאַרענטפערט פּערע-גיטל איר דאָווידלען.

— באַם נאָגיד איז די קראָפּטשאַטקע אין זעק און דער סייכל אין טײַסטער, ווינציקער וואַסער, וועט קנאַפּער נעצן, — וואָרטלט זיך פּעסיע און זי לייגט פּאַוואָליע די פאַרטיקע מאַצע אין ברייטן קײַלעכדיקן געפלאָכטענעם קויש, דעקט איבער דעם פולן קויש מיט א ווײַסן טישטעך און ווינטשט יוינע דעם שינדלמאַכער:

— עס געזונטערהייט, דערלעב איבעראיאָר מיט ווײַב און קינדער. מאָנעשעך, דו וועסט איבעראיאָר זײַן אין די פּעדערן, וועלן מיר דיר אויסבאַקן אויף א מייע אייער-מאַצע.

— פון דײַן מויל אין אייבערשטנס אויערן, זאָלן די גווירים בלײַבן אָן ציין און זאָלן זיי עסן אייער-מאַצע. איך בין צופרידן מיט פּראָסטער מאַצע אויך.

נאָר פּעסיע הערט שוין ניט, וואָס ער זאָגט, זי וואַרפט דינע שײַטעלעך האָלץ אין אויוון, ווײַל מע דאַרף אים איבערפלאַמען. נאָכדעם באַקט מען מאַצעס פאַר שמועל דעם שוסטער. באַלעבאַטישע מיידלעך זײַנען געקומען איבערכאַפּן א האַנט, די געדונגענע וואַלגערקעס זײַנען אַרויסגעלאָפן כאַפּן לופט. בערקע דער שטופלער איז אויך פרײַ, ס'האָט אים פאַרביטן דעם אָפּ-

טייקערס זון. בערקע כאַכמעט זיך מיט די באַלעבאַטישע מיידלעך, זיי קייַכן פון געלעכטער. דערווייַל האָט ער זיך אייַנגעבויגן און טוט עפּעס מיט נאָדלפאָדעם. אין א ווייַלינקע ארום ווערט א קוויטשערייַ ביזן הימל. די מיידלעך קאָנען זיך פון אָרט ניט רירן, די פּאָדאָלעקעס פון זייערע קליידלעך זייַנען צונויפגענייט. פּעסיע שרייַט ניט מיט איר קאָל:

— בערקע, מעשומעד, טרייפענער אָדער! נעם די מינוט א שערל, מאַך זיי פרייַ. ניט גענוג, וואָס איך נעם קיין געלט ניט, קילט איר אויס דער אויוון, איך ווער דאָך בעדאַל!

שמועל דעם שוסטערס מאַצע איז שוין צונויפגעלייגט און פאַרדעקט מיט א פאַרלאַטעטן טישטעך, ער זאָגט אינדערשטיל צו עליען:

— די מאַזלבראָכע כאַפּט זיך אַרייַן בא מיר, אַז איך באַק מאַצע בא אייַך. פאַראיאָרן איז געווען א סאַך קנאַפּער.

— עס געזונטערהייט, שמועל. בא מיר און בא מייַן פּעסיען איז דאָ עלייאָהו דער מעל-שיטער...

— איר זאָלט האָבן זיבן מאָל אַזויפיל, — ווינטשט שמועל דער שוסטער.

צוויי וואָכן קלאַפּן די וואַלגערהעלצער, צוויי וואָכן קלינגען לידער אין פּעסיעס שטוב, און נאָך א סאַך שטיבער, וווּ מע באַקט מאַצעס, און דאָס שטעטל איז אייַנגעהילט אין וואַרעמען מייַכלדיקן ריייך פון פרישגעבאַקענעם טייג.

פּייסעך

די פּעסער, די ברעטער, דער בלעך פון שטופּל-טיש איז אַרויסגעטראָגן. עליע האָט שוין אויסגעקאַלכט די שטוב מיט די איבעריקע קאַמערן. פּעסיע שיט אין צוויי הויכע, שמאָלע לייַנענע זעקלעך, וואָס זי האָט אופגענייט פון האַנטעכער. אין איין זעקלע — מאַצע-פאַרפל, אין צווייטן — מאַצע-מעל. פיר גרויסע ליימענע געגלייזטע טעפּ, פולע מיט געגנדזענע שמאַלץ, שטייען אין פירהויז-אַלמער, וועלכער איז אויסגעקאַשערט נאָך כאַנעקע. אַהינצו טראָגט זי אַרויס די זעקלעך מיט דער מאַצע-מעל. וועגן אייער איז ניטאָ וואָס צו ריידן. פּעסיע ווייסט אַליין ניט וויפל הינער זי האָט. פּערע-גיטל דער קנעטערקע האָט זי געגעבן ניט קיין האַלבן שאָק, ווי יענע האָט אויסגעדונגען, נאָר טאַקע א גאַנצן שאָק אייער. דעריבער זאָגט רעב לייב צו עליען:

— די הינער ווייסן ווער זייער באַלעבאָסטע איז.

— האַלעווייַ זאָלן אַזוי די מענטשן ווייסן וואָס זיי דאַרפן טאָן, ווי די אויפּעס ווייסן, — באַמערקט עליע ערנסט.

א ווערטל אהין, א ווערטל אהער, צוויי טעג פאר פייסעך האָט צוגע־
כאַפּט א פרעסטל. די מולטערס, די לאָקשנברעטער, די דייזשקעס, וואָס די
באַלעבאָסטעס האָבן איינגעווייקט אין ראָוועק ארום שול־הויף, זיינען
פארצויגן געוואָרן מיט א דינן אייז־הייטל. שטעטלשע קונדייסים צעשטעכן
מיט שטעקלעך דאָס אייז און זיי זיינען מאַלע סימכע. דערוויל האָט שוין
די זון צוגעוואַרעמט, די טירן און די פענצטער זיינען אָפן, אין אַלע שטיבער,
א כאַפּטע ליטווינער, זין פון די יוסטע באַלעבאַטים, גייען דורך דער גאַס.
זיי רייכערן, שפּייען פארשייט און קוקן ארײַן דורך די אָפענע פענצטער אין
די שטיבער, גלייך אַלץ, וואָס דאָרטן איז דאָ, איז שוין זייערס. די זון וואַ־
רעמט אַלץ מער, דורך דער גאַס ציט אַן אָבאָזל. פאָרויס א קאַרעטע מיט
דריי פערד אין דער ברייט געשפּאַנט, אהינטער דער קאַרעטע צוויי הויך
אָנגעלאָדענע פורן. סאַמע אויבן אף די פורן זיצן הירש דעם מילנערס אַלע
טעכטער. אין קאַרעטע זיצט מאַלקע, דעם מילנערס ווייב. זי פאַרנעמט אזוי
ווינציק אָרט אין דער קאַרעטע, אַז מע זעט זי ניט. פונדעסטוועגן זאָגט
העניע די בייגלבעקערקע צו סאָרע גערשן דעם מעלאַמעדס:
— סאָרע, ריבּ גיכער כריין, די פליי אין דער קאַרעטע איז שוין דאָ!
מאַלקע גופא פארנעמט טאַקע קנאַפּ אָרט צווישן איר און יאַנעס דעם קו־
טשער (וועלכן הירשע האָט איינגענומען מיט דער קאַרעטע און מיט די פערד
אַנטלייען בא ווישניעווסקי דעם פּאָריץ) שטייען פלאַטשיקע קוישן, איבער־
געפלאָכטענע מיט דינע שטריקלעך. דורך די פירקאַנטיקע געפלעכטן האָבן
ארויסגעשטעקט זייערע פארשלאָפענע צורקעס מיט די בלייכע שנאָבלען:
הינער, אינדעטשקעס און אינדיקעס. אף די קני האַלט מאַלקע א היפש צע־
בערל, וועלכן זי האָט צוגעדעקט מיט א צעראַטע, קעדיי די שלייענס מיט
די סאָנדיקעס זאָלן, כאַלילע, ניט ארויסצאַפּלען פון צעבערל. סאַמע אויבן
אף די געלאָדענע פורן איז צוגעקרעמפּעוועט א קאַסטן אייער, אפן קאַסטן
זיצן הירשס טעכטער, זיי זיינען אזוי אָנגעפּעלצט, עס ווערט אזש הייס
ווען מע קוקט אף זיי. צו איינער פון די פורן איז צוגעבונדן א היפש ביקל.
דאָס אָבאָזל שטעלט זיך אָפּ בא פעסיעס שטוב.
עלייע און רעב לייב נעמען ארויס די קערב מיט די אויפעס, דער קו־
טשער נעמט צו בא מאַלקען דאָס צעבערל מיט די פיש, ערשט דאַן באַווייזט
זיך פון דער קאַרעטע מאַלקע. בייס זי שטייט שוין מיט ביידע פיס אף דער
ערד, רירט זי זיך צו מיט אירע ליפּן צו פעסיעס באַק און זאָגט שטיל צו
עלייען מיט רעב לייבן:
— א היימלעכן, קאָשערן יאָמטעוו אייך, מע זאָל דערלעבן איבערא־
יאָר, — און צו די טעכטער — קריכט אראָפּ!
די טעכטער לאָזן זיך לאַנג ניט בעטן, זיי ווייסן, אַז ס'איז דאָ וואָס צו
טאָן.
כאָטש פעסיעס שטוב איז אויסגעקאַלכט, די פּאָדלאָגעס אויסגעוואַשן,
פארשפּרייט מיט היי, זיינען נאָך אַלע זאַכן אין דרויסן. די בעטן מיט דעם
בעטגעוואַנט שטייען אינמיטן הויף, די געשניצטע פיסלעך פון די בעטן זינ־

קעז אין דער ווייך-פּײַכטער ערד. די פּערענעס מיט די קישנס זײַנען אין די רויטע אײַנשיטן. דער טיש, דאָס בעטגעוואַנט זעען אויס אזוי אנדערש אפילע אומגעלומפּערט אונטערן הויכן, ליכטיקן הימל... דער ווינט פּאָכעט, פּאָכעט מיט די קאָלדרעס אפן פּארקן, צעבלאָזט די קליידלעך בא מאלקעס טעכטער, זיי קלאַפּן אויס דאָס בעטגעוואַנט. בו-או-או-כך — הערן זיך טויבע קלעפּ. כא-כא-כא! — לאַכן די מיידלעך און טראָגן דאָס בעטגעוואַנט אין שטוב ארײַן.

פּעסיע מיט מאלקען זיצן אין קיך און שיילן בולבעס. פּאַריינס ריידן זיי וועגן אזוינע זאכן, וואָס רעב לייב רופט „נאַטאַן בעסייסער"... — דאָס הייסט געבן בעסאָד.

— טויבע דער בלעכערקע וואָס מער איז בעסער, די עלטערע טאָכטער אירע, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, שפּײַט אויס די לונגען. רעב לייב האָט צו-גויפּגעשטעלט א צעטל, פרעג בא אים, ער וועט שוין קיינעם ניט פאַר-געסן, — אייצעט פּעסיע.

— ווי ער וועט זאָגן, ווי דו, פּעסינקע, וועסט הייסן, אזוי וועט זײַן. כ'וועל ניט צוריקפירן וואָס איך האָב געבראַכט. ס'וואָלט גוט געווען, דער שויכעט זאָל קומען אהער, וואָרעם די אינדיקעס מיט די אויפּעס זײַנען פאַר-שמאָלצן, עס איז זיי ניט אופצוהייבן, — באַגערט מאלקע.

— פאַרוואָס זאָל ער ניט קומען? ער ווייסט גאַנץ גוט, אז ער וועט גאָרניט צולייגן, — באַרויִקט פּעסיע איר גאַסט.

נאָך מינכע קומט שאבסע דער שויכעט, ער גייט טאַקע ניט אוועק מיט ליידיקע הענט. ביז שפּעטער נאַכט איז פּעסיע מיט מאלקען פאַרנומען. זיי ווייקן, זאלצן, צעטיילן די אויפּעס און דאָס פלייש פונעם ביקל, וואָס צו לאָזן פאַר זיך, וואָס פאַר די נויטבאַדערפטיקע. אף מאָרגן ביז האלבן טאָג טראָגן פאַנאַנדער מאלקעס טעכטער דאָס, וואָס די מאמע הייסט.

אין שטוב איז שוין אלץ אף די ערטער. עליע האָט שוין אופגעהאַנגען דעם ווילנער גאָענס בילד אף דער מיזרעך-וואַנט. די זילבערנע בעכער, לעפל, גאָפל האָט רעב לייב אויסגעקאַשערט אין זודיקן וואַסער. די גאַרדי-נען אף די פענצטער זײַנען אופגעהאַנגען, די אויסגעהאַפטע ציכלעך אף די קישנס אַרופגעצויגן.

דער וואַרמעס איז ניט פייסעכדיק, ניט כאָמעצדיק. מע עסט געדעמפּטע בולבע מיט יונגן רינדן-פלייש. ביים אלע זײַנען פאַרטאָן אין שיסל, הערט זיך טפּרו-ררו!

בליומקע טוט א געשריי — „דער טאַטע!".

עס געדויערט ביז הירשע זאָטלט פאַנאַנדער דאָס פערד, ביז ער רייניקט אָפּ מיט א שפּענדל די בלאָטע פון זײַנע שטיוואַלעס. ער זאָגט גיך „א גוטן קאָשערן יאָמטעוו" און ער זעצט זיך צום טיש.

פאַרנאַכט צעלייגט עליע ברעקלעך ברויט אף די פענצטער-ברעטער. דערנאָך גייט ער און שאַרט עס ארײַן מיט א פלעדערוויש אין א הילצערנעם לעפל, פאַרבינדט דעם לעפל מיט א ציכטיק שמאַטקעלע און פּרעפּלט די

געוויסע טפילע: „וואָס איך האָב געזען און וואָס איך האָב ניט געזען, וואָס איך האָב אויסגעראַמט און וואָס איך האָב ניט אויסגעראַמט פונעם כאָמעץ, פונעם זויערטייג אין מײַן שטוב, זאָל דאָס באָטל זײַן, העפקער ווערן, ווי דער שטויב פון דער ערד".

אַלץ, אַלץ פינקלט אין שטוב, אָבער פּעסיע מיט מאַלקען און די עלטערע מיידלעך זײַנען פאַרבאָדן אין ארבעט: איינע פּוצט די לײַכטער, די אנדערע לייגט אָף א טעלער א צווײַגעלע גרינס און די זרויע, א דריטע שיילט אָפּגעקאָכטע אייער, א פערטע רײַבט כריין, נאָך איינע שטויסט ניס און צימרינג אָף כאַרויסעס. מאַלקע שלאָגט אוף אייער מיט געגנדזענער שמאַלץ אין א גרויסער פאַרצעלײַענער שיסל און רופט מיטאמאָל פּעסיען:

— קום אהער, טו א קוק, כ'האָב פאַרגעסן וויפל מאַצע-מעל מע דאַרף שיטן!

— אויב דו מאַכסט אָף דרײַ צענדליק אייער קניידלעך, לאָז ארײַן דרײַסיק עס-לעפל שמאַלץ, פעפער, זאַלץ צום טאַם, צוויי לעפל מעלצוקער לעמאַנאַשעם, וואַרט, מיש ניט, הער וואָס מע רעדט, וועסט ארײַנשיטן דרײַסיק לעפל מאַצע-מעל און זאָל דאָס שטיין, עס דאַרף אָנווייקן, אַז ניט וועלן די קניידלעך זײַן, ווי בא ראָכע דער גאַרבערקע, מע וועט מיט זיי קאָנען שיסן פון האַרמאַטן...

די מאַנצבלען זײַנען אוועק אין בעסמעדרעש. פּעסיע האָט אויסגעשפּרייט א קלאָר-ווײַסן טישטעך אפן טיש, אפן טישטעך געלייגט מאַצעס, צוגעדעקט מיט אן אויסגענייט מאַצע-טישטעכל. פיר לײַכטער מיט ליכט שטייען בא איין עק טיש, פיר לײַכטער מיט ליכט באַם צווייטן עק טיש. אַלע מיידלעך זײַנען אויסגעצוואָגן, אין די צעפּ סטענגעס אויסגעשלייפט, אַלע זײַנען אויסגעפּוצט אין נײַע קליידלעך. אָבער שענער פון די איבעריקע איז פּאָרט בלומקע, די זיבעטע, מיט די רויטע האָר. דאָס גרינע סאַטינענע קליידל מיט די געלבע רעדעלעך איז אָף איר אויסגעפּאַסט, עס ליגט, ווי אָף א טויב די פעדערן. די רויטע געדיכטע האָר פאַרפלאָכטן אין צוויי צעפּ — גילדערנע קאַנטשיקעס אָף אירע רונדע, רײַפנדיק-מיידלשע אַקסלען. פּעסיע איז שוין אויך אָנגעטאָן יאָמטעוודיק. דאָס בלאָע, לאַנגע אַטלאַסענע געפאַלדעוועטע קלייד צו דער ווײַסער באַטיסטענער בלוזע מיטן גיפּיורענעם הויכן קראַגן קליידט איר ביז גאָר. אירע בלויע אויגן זײַנען נאָך ליכט בעטשן, ווי אויסגעוואַשן. אפן קאָפּ טראָגט זי א העל-בלאָנדן פּאַריק מיט א ווײַסער געבויגענער קאַם, וועלכע כאַפּט ארום די קוקסע. אין די אויערן, אין די אויערן-לעפּלעך פּיטשינקע בורשטינענע שטיינדעלעך אין דיקע גאָלדענע רייפלעך, — צוויי דורכזיכטיקע געלע טראָפּנס וואַסער שפּיגלען אָפּ די פלעמלעך פון די בענטש-ליכט. ווי אויסגעטאָקט איז אָף מאַלקען דאָס העל-גרויע, דינע וואָלענע קלייד. אָף די שוואַרצע האָר האָט זי א ווײַסע בלאָנדקע אויסגעשלייערט, א גאָלדענע קייט באָמבלט זיך פון איר קלענ-

סטער באוועגונג. צו ליכט בענטשן האָט זי קיין טרערן ניט געקאַרגט, ניט קיין טפּילע פון דער האַגאָדע, אייגענע פּראָסטע ווערטער האָט זי צו אים אין הימל געשיקט. „טאַטע-פּאָטער, דו ווייסט אַלעמענס שווער האַרץ, דו ווייסט מײַן האַרץ אויך, קער אָפּ מײַן מאַן פון יענער, ברענג אים צו מיר, טאַטע זיסער!"

דרײַ הויכע שניי-ווײַסע העסעבעטן וואַרטן. פעסיע קוקט אויף מאַלקען און זי טראַכט: „איר מאַזל זאָל איר אַזוי שפּילן, ווי איר אָנבליק שפּילט".

„אַ גוט יאָמטעוו" — זאָגן די מאַנצבלען, טוען אויס די מאַנטלען. איינע פון די עלטערע מיידלעך גיסט זיי אויף, זיי וואַשן די הענט, זעצן זיך אויף די העסע-בעטן, האַלב אָנגעלענט. רעב לייב נעמט די זרויע אין דער רעכטער האַנט, און איי אין דער לינקער האַנט. עליע קוקט ניט, ווי רעב לייב ריכט אָפּ סיידער, ער ווייסט אַליין ווי און וואָס. הירש קוקט גראָד יאָ, ווײַל פון יאָר צו יאָר פאַרגעסט ער, נעבעך, וועגן אוואָדים האָיִנו, וואָס באַטײַט — קנעכט זײַנען מיר געווען. ווען עליע מיט רעב לייבן נעמען אויסרעכענען די צען מאַקעס, טראַכט הירש: „אַ מאַיאָנטעק מיט צאָרעס. פּאַרע האָט זיך געהאַט פון וואָס צו קראַצן". עליע באַמערקט, אַז הירשע איז ניט אין דער האַגאָדע. טוט ער צו אים אַ זאָג: „נו, אַ, צווי...". די פיר קאַשעס פרעגט בליומקע. נאָך דער פּערטער האָט זי אַ פינפטע קאַשע:

— פּעטער עליע, — פרעגט זי, — פאַרוואָס זאָגט באַצעליונעס, אונד-זער מיל-געזעל, אַז מע וועט אונדז אַלעמען אויסהאַרגענען.

— האַרך ניט וואָס ער זאָגט, טאָכטערקע. גאָט וועט ניט דערלאָזן, ער אין הימל וועט אָפּווענדן דעם ראָשעס האַנט.

עס איז געוואָרן שטיל. אַ רעכטע ווײַלע זײַנען די לעפל שטום געוואָרן אין די הענט. דערנאָך זאָגט רעב לייב מיט עליען „בכאָל דאָר כאַיאָוו אָדאָם", וואָס עס באַטײַט: „יעדער מענטש איז מעכויעוו צו געדענקען מיצראַיִם, ווי ער אַליין וואָלט פון דאָרטן נאַרוואָס אויסגעלייזט געוואָרן". הירשע הערט מיט איין אויער, ער האָט זיך גענומען צום פלוימען-צימעס. עליע מיט רעב לייבן זאָגן האַלעל, דערנאָך שיר-האַשירים.

אַלע מיידלעך שלאָפן שוין. פעסיע מיט מאַלקען וואַשן דאָס געפעס און ריידן שטילערהייט.

— דער יעיצערהאָרע נעמט אויף אים די אויבערהאַנט. ער קאָן ניט אויסזיצן און הערן, וואָס דער פּעטער עליע מיט רעב לייבן זאָגן.

— עס זיך ניט אויף לעבעדיקערהייט, מאַלקע. ער אין הימל קערעוועט אים צום שלעכטן וועג. אָבער דו האָסט אַ פאַרזאָרגער, ער איז אַ גוטער טאַטע, האָט אַ ווייך האַרץ צו אָרעמעלײַט, — טרייסט פעסיע.

— דאָס יאָ. ער אַליין האָט די פורן אָנגעלאָדן און ער האָט מיר אָנגע־זאָגט „קאַרג ניט, זאָלן שטעטלשע קאַפּצאָנים וויסן, אַז מיר שטייען אײַן בא זיי אַף פּייסעך".

— זעסטו שוין, מאַלקע, דאַרפסט זיך צופרידן שטעלן. ווילסט, אַלע טעפּלעך זאָלן זײַן פול, דאָס קאָן ניט זײַן! איינס איז פול, דאָס אַנדערע איז ליידיק...

— פּעסיע, ביסט קלוג און קלוג, אָבער וועגן דערוף זאָלסטו גאָרנישט ריידן. דו ביסט ניט קיין געפּרוווטע... — דערווידערט מאַלקע, און פון אירע אויגן גיסן ווידער טרערן.

עליע און רעב לייב זאָגן שיר־האשירים, ווי מע זאָגט דאָס איצטער אין אַלע יידישע שטיבער. באַנגלעך־האַרציק קלינגט דאָס געזאַנג פון אַלע גע־זאַנגען, עס פּילט אָן די שטוב מיט די אויסגעווײַסטע קלאָרע ווענט. פּלוצעם זאָגט רעב לייב צו עליען:

— עליע, עס גייט מיר פון זינען ניט אַרויס, וואָס דאָס קינד האָט גע־פרעגט.

— נישקאָשע, רעב לייב. מיר האָבן אַ גרויסן גאָט! — זײַט ניט מאַפּ־סיק, — זאָגט שטיל עליע — און ווידער פליסט דאָס געזאַנג פון אַלע גע־זאַנגען...

כאַנעקע

ווי איך האָב ליב געהאַט כאַנעקע, אַזוי האָב איך ניט געקענט פאַר־טראָגן ערעוו כאַנעקע. די גאַנצע שטוב איז געווען אין פעדערן, ניט אַזוי די פעדערן, ווי דער פוך, וואָס איז געפלויגן איבערן גאַנצן שטוב. ס'האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך עס פוך מיט ברויט. דערנאָך פלעגט די באָבע אַראָפּ־וויקלען פון די געגנדזענע טולקעס די גראָב־גריבלדיקע שמאַלץ, די פלאָס־טערס אַרויסנעמען איינס־און־צוויי, דער זיידע האָט געהאָלפן שנײַדן די שמאַלץ אַף דער פייסעכדיקער ברעט, מע האָט עס אַרײַנגעלייגט אין אַ גרויסער אויסגעווײַסטער קופערנער פאַן און עס געשטעלט אַפן דרײַפוס, אונטער וועלכן ס'האָט געפלאַקערט אַ פײַער. די באָבע האָט געשיילט ציבעלעס אין דער גרויסער פאַרצעלײַענער שיסל. איך האָב ליב געהאַט זיך צוהערן, ווי אין דער קופערנער פאַן הייבט אָן בלעזלען און פלאַפּלען. דער־נאָך האָט מען געוואָרפן די ציבעלעס אין פאַן אַרײַן. אויגנבליקלעך איז די שטוב אָנגעפילט געוואָרן מיט אַזאַ רייעך, אַז איך געדענק עס ביז הײַנט און איך האָב אויך ניט פאַרגעסן ווי איך פלעג אויסשרײַען צו דער באָבען: „גיב מיר גיכער ברויט מיט שמאַלץ!" — „און מיט צונג ווילסטו ניט?" איצ־טער דוכט זיך מיר, אַז ווי די באָבע פלעגט אַרויסברענגען די ווערטער „מיט צונג", פלעגט זיך עפענען די טיר, און דער פעטער הענעך מיט די גלעקלעך

איז שוין דאָ. ער טוט אויס דעם וועג-מאנטל און לאָזט הערן דעם פּיזמען, ווי אַלע יאָר. „איישעס כאיל מיימצע, ווו נעמט מען אזא ווײַב, ווי מײַן שפּרינצע: פון נאָז רינט, פון די אויגן טרערט, די שטוב איז דרײַ טעג ניט אויסגעקערט. קריכט זי אפן בוידעם נעמען די אייער, פאַרלירט זי דעם פאַרטעך מיטן שלייער".

— הער אויף, העניעך. האָב ראַכמאָנעס. ערשטנס, רופט מען דײַן ווײַב יענטע, וועהאַשיינים איז זי ניט אזא שלימאַזל.

און ביז העניעך מיטן זיידן מיט לייב דעם פּאָרעש גיבן זיך שאָלעם-אליי-כעם, דערציילט מיר די באָבע א מײַסע:

— הערסט, מעסעמיידעסטע, אז מײַן מאַמע, דײַן באָבע מירעלע, אָלעו-האַשאָלעם, האָט אַנומלטן געפּרעגלט שמאַלץ אף פּייסעך און געטײַנעט צו איר מאַן, צו דײַן עלטערזיידן באָרעכן, אָלעוואַשאָלעם: „כ׳ווייס ניט ווי איך וועל האַיאָר אויסקומען, די שמאַלץ איז געווען דין און די פּלאָסטערס שיטער, עס וועט זײַן נאָר זיך צו באַלעקן". ווי זי זאָגט עס, לאָזט זיך אַראָפּ א האַנט פון קוימען און פון די פינגער נעמט רינען שמאַלץ. די פאַן איז שוין פול, באָרעך, שרײַט זי, גיב נאָך א פּייסעכדיקע קיילע. דערלאַנגט דער זיידע א פּייסעכדיקן געגלייזטן טאָפּ, אין א פינטל מיטן אויג איז דער טאָפּ אויך פול. גיב נאָך א קיילע, שרײַט זי צום זיידן. אינמיטנדערינען עפנט זיך די טיר, עס לויפט אַרײַן מערע-איטל די שטריקערקע מיט א געשריי: „וואָסי, זי האָט א טאָעס געהאַט, אַרײַנגעלייגט די שמאַלץ אין דער כאָמעצדיקער פאַן און געשטעלט פּרעגלען. ווי זי איז אַרײַן מיט דער בסורע, איז די האַנט נעלעם געוואָרן, און די שמאַלץ פון דער צווייטער קיילע איז אויסגערונען ביז א לעק. קיין סימען האָט מען אין ערגעץ ניט געזען, ווי דאָס וואָלט א מאַלעך אָפּגעלעקט".

דעמלסט איז מיר די מײַסע אויך געפעלן געווען. און ווי האָט עס גע-קענט ניט געפעלן זײַן: די שטוב האָט געשמעקט מיט גריוועס, אז מע האָט געקענט כאַלעשן. דער זיידע, דער פעטער העניעך און רעב לייב דער פּאָרעש זײַנען אוועק צו מײַרעוו און ביז זיי זײַנען צוריק געקומען, איז שוין אין שטוב געווען יאָמטעוו. די געבדזונע גריוועס אין א גרויסער פּאַרצעלײַענער שיסל אף א האַלב-קײַלעכדיקן צינענעם פּאָלומעסעק א באַרג לאַטקעס. די באָבע אײַלט אונטער דעם זיידן:

— מאַרודעווע ניט, עליע. צינד דאָס ערשטע ליכטל.

דער זיידע שמעלצט אַרײַן א ליכטל אין כאַנעקע-לעמפּל, צינדט עס אָן, מאַכט די געוויסע בראָכע, וואָס דער ריבוינעשעלוילעם האָט אים מעזאַקע געווען אָנצוצונדן דאָס ערשטע ליכטל. און מע זעצט זיך צום טיש. די גע-זויערטע קרויט מיט די אַנטאָנאָווקעס צעגייען אין אַלע גלידער. וועגן די לאַטקעס איז ניטאָ וואָס צו ריידן. זיי זײַנען אין דער מאָס צוגעברוינט, אז מע בײַסט אָפּ א שטיקל לאַטקע, ווייסט מען ניט ווו דאָס איז אַהינגעקומען, דערנאָך דערלאַנגט די באָבע געבדזונע פּולקעס, לעבערלעך, וואָס זי האָט געפּרעגלט אינעם פאַן שמאַלץ. אַלע גלידער צעגייען פון מעסיקעס, ביז

איצט איז מיר דער טאַם אונטערן גומען. דערנאָך זינגען מיר אַלע „מאָויס צור ישועתי", וואָס איז דער טײַטש: טאַטע־פּאַטער, מײַן הילף איז אין דײַן פעסטונג, אָפּגעגעסן, געשפּילט אין דריידל, געקראָגן כאַנעקע־געלט בא א גאַנצע גריוונע, קלאַפּט מיר דער פעטער העניך אין פּלייצע, פּינטלט צו מיר מיט די שוואַרצע אויגן און רופט אויס: „קאַטאָץ, קאַטאָץ!".

געוויס, אַלע באַלעבאַטים האָבן פערד. אָבער אַזוינע סוסים, ווי יִסראָעל דער פּאַטשטער, האָט קיינער ניט. זײַן זון רוווקע טרײַבט, ווי א רוער, די פערד, דער שליטן איז אָנגעפּאַקט מיט מיידלעך און ייִנגלעך, די געלעכטערס מיט די קוילעס טראָגן זיך ביז צום הימל, פון אונטער די פערד־טלאָען פליט שניי אַף אַלעמען, די באַלעגאָלעס מיט די קאַצאָווים לאָזן זיך ניט איבעריאָגן פון רוווקען. עס ליגן שוין ייִנגלעך און מיידלעך אין שניי פון די איבערגעקערטע שליטנס, די קוויטשערײַען קאָן מען הערן אין שטעטל, כאָטש מע איז שוין גוטע עטלעכע יאָר פון דאָרטן. אָבער קיין בייז ניט, די גלעקלעך קלינגען, די געלעכטערס הילכן, די אָנטרײַבערס שרײַען:

— סמאַ ייִסראָעל, אַראָפּ פון וועג! ווייך פלייש איז היינט בעזיל־זאָל. שפּעט אין אָוונט קום איך מיטן פעטער העניך אין שטוב אַרײַן.

— גיב א בליק אַף זיך ווי דו זעסט אויס, — שרײַט צו מיר די באָבע, — זיך גוט אויסגעוואַלגערט מיט די זשורליקעס אין שניי. די מינוט גיי אַרויס אין גאַנעק און שאָקל אַראָפּ דעם שניי.

איך זע שוין ניט ווי דער פעטער העניך זעט אויס. אין א ווײַלינקע אָרום, איך האָב נאָר באַוויזן צוטוליען דעם קאָפּ צום קישן, האָט מיך די וואַרעמקייט אַרײַנגענומען אין איר שויס...

א פורעמדיקער לעכאַים

עליע און פעסיע, זייער טאָכטער ריווע־גיטל, זייער איידעם הירש מיט דרײַ מיידלעך און דרײַ ייִנגלעך זײַנען געגאַנגען צו פעסיעס שוועסטער, צו זעלדען אַף דער סודע. פעסיע האָט אַרײַנגעשושקעט עליען אין אויער:

— כ'בין א באַלן צו זען, וואָס די פאַרמאַכטע האַנט וועט אָוועקשטעלן אַפן טיש.

קיין בלאָטע איז גראָד ניט געווען. א פראָסטל האָט אויסגעגלאַזירט און ציכטיק געמאַכט די גאַס. הירש האָט זיך אָנגערופן:

— איר ווייסט, שווער, עס זאָל אַזוי שטיין כאָטשבי נאָך א וואָך, דאַרף מען אַרײַנפירן פון קאַדאַן פּייסעכדיקע מעל, וואָרעם אויב עס וועט נעמען לאָזן, וועט מען בלײַבן שטעקן אין טינטערס ביז די אַקסלען.

— א ריכטיקער געדאַנק. זאָג די איבעריקע פורמאַנעס, זיי זאָלן אויך אַזוי טאָן, — האָט עליע געייצעט דעם איידעם.

אַזוי איז זיך די מישפּאָכע געגאַנגען איבערן גאַס, דורכן מאַרק, און פעסיע האָט די גאַנצע צײַט אונטערגעגעבן מוט עליען.

— עליע, שמעק. דײַן נאָז פילט וואָס פאר א פלאָדן עס באקט זיך בא מוישע מירוויס? איצטער שמעק פון לינקס. לייע פײַוועס בראָט געוויס געגנדז, מע קען שטארבן פונעם רייעך.

און אזוי שמועסנדיק האָט מען זיך אופגעהויבן אף זעלדעס גאנעק. פעסיע האָט גראָד ניט געטראָפן. דער טיש איז געווען אָנגעפּראָפּט. הירשע דער מילנער איז האלב געזעסן, האלב געלעגן, ווײַל ער איז שוין געווען א ביסל אונטערגעשנאָסקעט. זעלדע האָט איבערגעכאפּט פעסיעס בליק און האָט אויסדריקלעך געמוסערט.

— טײַערע שוועסטער מײַנע, קוק ניט אף מײַן טיש, ווי דער אקציזניק. זאָל איך אזוי ניט וויסן פון קיין בייז, ווי איך האָב דיר קיין זאך ניט געזשאלעוועט.

ערשט איצט האָט פעסיע אָנגעקוקט די שוועסטער אירע, ווײַל זעלדע האָט צוגעדעקט אירע גראָווע האָר מיט דעם העל-ברוינעם פאריק. די לאנגע גאָלדענע קייט מיטן זייגערל האָט זי צוגעשפּיליעט מיט דער גילדענער בראָש צו דער גיפּיורענער בלוזקע. פעסיע האָט די קייט מיטן זייגערל ניט צוגעשפּיליעט, און עס האָט זיך פרײַ געבאָמבלט. ריווע-גיטל איז געווען אָנגעטאָן אין א טונקל-גרוי קלייד, געפּוצט מיט ראָזן גיפּיור. ארום הויכן קראגן מיט די פישביין זײַנען געווען ארופגעוואָרפן צוויי קרענצלעך פערל. מע האָט גוט צוגעביסן. די מאנצבלען האָבן געזונגען, די ווײַבער האָבן אונטערגעהאלטן, זיי האָבן ניט געוווּסט, אז דאָס צירונג מיט זייער גאנצן פארמעגן וועלן אין עטלעכע יאָר ארום האָבן אנדערע באלעבאטים...

מע האָט אָנגעגאָסן די גלעזלעך ניט צום ערשטן מאָל, מע האָט אויסגעטרונקען און ווידער אָנגעגאָסן די גלעזלעך. דעמלט האָט זיך עליע אופגעהויבן פון זײַן שטול, גענומען דאָס פולע גלעזל אין האנט און געקוקט דערין.

— וואָס קוקסטו אין גלעזל, וואָס דוכנסטו? טרינק, וועלן מיר אויך אויסטרינקען, — האָט פעסיע אומגעדולדיק צו אים געזאָגט.

— פעסיע, מע דארף האָבן דערעכערעץ פארן מאן, דו ווילסט גיכער טרינקען און איך וויל לענגער קוקן. קוק איך, און איך טראכט, אז מיר זאָלן קיינמאָל קיין סודע ניט מאכן און קיינמאָל קיין לעכאַים ניט טרינקען אין דעם טאָג, ווען מע האָט ניט באוויזן מיטן כאלעף צעשנײַדן אונדזערע העלדזער.

אין א מארק-טאָג

דערפרייט פלעגט די באָבע זײַן, בייס יוסטינעס פלעגט זײַן שליטעלע אָפּשטעלן לעבן דער טיר. ווי מיר געדענט זיך, פלעגט דאָס אלעמאָל זײַן ווינטער. אפן שליטעלע זײַנען אָנגעמאָלט רויטע און בלויע געאָרגינעס און

אין שליטעלע זיצט יוסטינעס ווײַב און אירע באַקן פלאַמען, ווי געאָרגינעס. ער שפיליעט אָפּ די דעקע, טוט זי א הייב, און אַזוי זי טראָגנדיק אַף די הענט, גייט ער אַרײַן אין שטוב, ווײַל די טיר איז דאָך שוין ברייט צעעפנט — די באָבע האָט גלײַך דערהערט, אַז ער איז צוגעפאָרן. זי, מאַריטע, זיצט, שטרעקט אים אויס איין האַנט, און די אַנדערע, ער ציט אַראָפּ פון איר דעם פעלץ, נעמט אַראָפּ די הוט פון איר קאָפּ. דערנאָך שטעלט ער זיך אַף די קני, ציט אַראָפּ די וואַליקעס פון אירע פיס. די באָבע דערלאַנגט די מעש־טעס, וועלכע שטייען אַלעמאָל הינטערן בעט. דערנאָך טוט זיך די באָבע א לאָז אין קיך אַרײַן. איינס־און־צוויי איז שוין געמאַכט הערינג, קיכלעך איז דאָ פון שאַבעס. ווישניק מיט גלעזעלעך פעלן אויך ניט. איך שטיי און קוק, ווי יוסטינעס האָדעוועט דאָס ווײַב. דאָס וווּנדערט מיך ניט, ווײַל זי איז אַזוי בונט, ווי מיר דאַכט זיך, שיין, אַף אירע ליכטיקע האָר האַלטן זיך ערטערווײַז טראָפּנדלעך וואַסער פון עם צעגאַנגענעם שניי און דאָס זעט אויס ווי בלאַנקע שפּילקעלעך. מאַריטעס אויגן זײַנען אַראָפּגעלאָזן, זי עפנט אויף דאָס מויל פונקט דאַן, ווען יוסטינעס טראָגט צו דעם גאָפּל צו אירע ליפּן. איך וואָלט אַזוי געשטאַנען לעבן טיש און געקוקט, אָבער מיר איז פאַרשטערט מײַן נײַגעריקײַט, ווײַל צווישן דער טיר און דער וואַנט האָט יוסטינעס אוועקגעשטעלט די בײַטש. דאָס איז זייער א וואַזשנע בײַטש, מיט פרענדזעלעך און מיט א געפאַרבן בײַטש־שטעקל. איך ווייס שוין, ביים יוסטינעס וועט אָנהאָדעווען דאָס ווײַב, וועט אויסטרינקען די גאַנצע פלאַש ווישניק, וועט ער זיך לאַנג ניט פאַרזאַמען. ער וועט אָנטאָן זײַן מאַ־ריטען דעם פעלץ, די הוט, דערנאָך וועט ער אָנטאָן די וואַליקעס, ער וועט וואַרטן ביז דער זיידע וועט אַרויספאָרן מיטן שליטעלע פון טויער און וועט אַרויסגיין מיט מאַריטען אַף די הענט צום שליטעלע. און דאַן וועט די באָבע, ווי אַלעמאָל, הייסן: „טראָג אַרויס און דערלאַנג אים די בײַטש!"

און, ווי אַלעמאָל, וועל איך ניט פאָלגן. איך האָב פײַנט די בײַטש. דער זיידע האָט שוין ניט איין מאָל געזאָגט: „ס'ווײַב קען ער אַרײַנטראָגן — אַרויסטראָגן און די בײַטש קאָן ער ניט בײַקומען?"

מיך אַרט ניט וואָס ער טראָגט אַרײַן און טראָגט אַרויס מאַריטען. איך האָב פײַנט די בײַטש. כאָטש די בײַטש איז מיט פרענדזעלעך, און דאָס בײַטש־שטעקל איז אויסגעמאָלט, ווייס איך, אַז ווען מע גיט מיט דעם א שמיץ, פילט מען דאָס גאַנץ גוט. „וואָס שטייסטו, האָסט ניט געהערט, וואָס כ'האָב געזאָגט? דערלאַנג די בײַטש". איך פאָלג ניט. יוסטינעס גייט אַליין נאָך דער בײַטש. אינגיכן הערט זיך ווי ער טוט א געשריי „וויאַלנאַס!", וואָס איז דער טײַטש „טײַוול". די באָבע מאַכט א פאָר טריט צו מיר, איך גיי צום זיידן. אַזוי שטיי איך, דער זיידע אַנטקעגן דער באָבען: „גלעט איר, גלעט איר די בעקלעך, ווייסט האָבן פון איר נאַכעס" — זאָגט די באָבע. אָבער שפּעטער א ביסל, באַ וועטשערע, גיט מיר דער זיידע א גריוונע און זאָגט גאַנץ הויך: „אָט האָסטו דערפאַר, וואָס דו האָסט ניט אַרויסגעטראָגן די בײַטש".

אזוי איז געטאָן געוואָרן

אין אָוונט איז אַרײַנגעגאַנגען צו עליען רוזון דער פּאַרבער מיט זײַן זון מוישקען און אַלטער דער בויער מיט זײַן זון כאַצקל.

— א גוטן אָוונט דיר, פּעסיע, ווו איז דײַן עליע?

— דאָס וואָלט איך געדאַרפט פרעגן בא אײַך, איר גייט דאָך פון מײַ־רעוו, זײַט איר געווען אין בעסמעדרעש, האָט איר אים געוויס געזען. און איר ווייסט דאָך, אז ער האָט א מאָדע אַרומטאַפּן יעדער ווינקעלע אין בעס־מעדרעש, צי איז ניט געבליבן אַן אַרעמאַן אָן וועטשערע און אָן א געלעגער.

— מיר ווייסן, — האָט אַלטער געזאָגט, — בא די ווערטער האָט זיך געעפנט די טיר און עליע איז אַרײַנגעגאַנגען.

— א גוטער אָוונט, א גוטער יאָר אַף אײַך. פאַרוואָס שטייען אונדזערע געסט, מיר האָבן קיין בענקלעך ניט? — האָט עליע געשמייכלט און געגלעט די באָרד.

— רעב עליע, מיר זײַנען געקומען זיך האַלטן מיט אײַך אַן אייצע. וויפל וועט נאָך דער קעלעוו, דער ניוויזיק, דער מענוווול טרעטן די ערד.

— ס׳איז ניט אין אונדז געווענדט, ער אין הימל זעט דאָך.

— פאַרוואָס עפּעס איז ניט אין אונדז געווענדט. בא אײַזיק דעם בלע־כער איז דער עלטערער זון אוועק אין אַמעריקע, און אַלע האָבן שוין וועגן דעם פאַרגעסן. מע האָט געוווּסט, אַז אײַזיק האָט איין זון. וואָס זשע טוט דער מאָסער? ער שרײַבט אַהין, ווו מע דאַרף, און מע נעמט צו בא אײַזיקן שלוימקען. ער האָט דאָך, נעבעך, געהאַט שוואַכע לונגען, איז ער פאַרשניטן געוואָרן. מײַן כאַצקל איז דאָך געווען מיט שלוימקען אויסגעבונדן — איין לײַב און איין נעשאָמע. האָבן מיר זיך דורכגערעדט, זיך מעיאַשעוו געווען, און באַשטימט, אַז דער מענוווול זאָל גיין אַהין, פונוואַנען מע קומט ניט צוריק.

— דאָס איז א נייטיקע זאַך! — האָט פּעסיע אויסגעשריִען, — וואָס מעלקסטו די באָרד, עליע? אויב דו ווילסט עפּעס באַקלערן, טו דאָס גיכער. מענטשן זײַנען געקומען זיך האַלטן מיט דיר אַן אייצע, זאָג א וואָרט.

— שטילער, מײַן ווײַב. דו זאָגסט, ס׳איז א נייטיקע זאַך, ס׳איז טאַקע ריכטיק, נויט ברעכט אײַזן. ס׳איז א גרויסע מיצווע צוצונעמען דעם הימל פון זײַנע אויגן. אָבער מע דאַרף דאָס גוט באַטראַכטן.

— ווי און וואָס האָבן מיר זיך שוין מעיאַשעוו געווען. כאַצקע און מוישקע און מיר, זייערע טאַטעס, וועלן אויך צולייגן א האַנט. — אזוי האָט געזאָגט רוזון דער פּאַרבער, און אַלע זײַנען אוועק.

אין א צוויי טעג אַרום, שפּעט אין אָוונט איז אַרײַנגעגאַנגען אַלטער און שטיל געזאָגט צו עליען:

— די אָזערע האָט אים אַרויסגעוואָרפן.

— ס׳איז קיין ווונדער ניט.
— קיין ווונדער איז דאָס ניט, אָבער אז מיר זײַנען אַף מאָרגן באַגינען צוגעגאַנגען צו דער אָזערע און מיר האָבן אים דערזען ליגנדיק אפּן ברעג, איז אונדז געוואָרן ניט גוט.
— פון וואָס קען דאָ ווערן גוט, — האָט פעסיע אויסגערופן.
— וואָס זשע האָט איר פאָרט געטאָן?
— די ייִנגלעך זײַנען אוועק און זײַנען געקומען מיט פערד און וואָגן. האקיצער, אַלץ איז, ווי מע זאָגט, אַראָפּ גלאַט. מיר האָבן אים באַשטאַט. איצטער דאַרף מען נאָר זאָגן דעם פּריסטאַוו, אז ער זאָל ווערן זײַן קאַדעש.

א געפינס

דעם פרײַטיק איז דער זיידע געקומען אַן יעראַשעסן, באַ וועלכן ער האָט געמאַכט א קאַמין. אין וואָגן איז געווען אײַנגעשפּאַנט א ברוינער פערד און באַ דער זײַט איז געשפּרונגען א זשערעבעטשיקל. זײַנע פּיסלעך זײַנען געווען דינע, די גריווקע און דאָס עקל — ווײַסע און געקרײַזלטע. איך האָב אים אזוי האָלט געקראָגן, קימאַט ווי דעם זיידן. ביז די באָבע מיטן זיידן האָבן אויסגעלאָדן דעם וואָגן האָט היפּש געדויערט, ווײַל אין וואָגן איז געווען א פלאַכער געפלאָכטענער קאָרב מיט אויפעס, א קליין פעסעלע מיט האָניק און טווועּ אין א זאַק. דערנאָך איז דער זיידע אַרײַנגעפאָרן מיט פערד און וואָגן אין געהעפט אַרײַן, דאָס זשערעבעטשיקל האָט זיך א הייב געטאָן אַף אַלע פיר פיס מיטאַמאָל, דאָס איז געווען אזוי שיין און געשיקט, אַז איך גופא האָב אויך געוואָלט אזוי א שפרונג טאָן. נאָר דער זיידע האָט האַרב אויסגערופן:
— וואָס פאַר א שפּרינגעניש, דו ביסט ניט קיין זשערעבעטשיק. גיי העלף בעסער דער באָבען, ס׳איז ערעוו שאַבעס. וואָרעם דאָס זשערעבעטשיקל וועט נאָך זײַן באַ אונדז ביז זונטיק.
דערהערט „ביז זונטיק״, בין איך אַרײַנגעלאָפן אין שטוב. די באָבע האָט געמאַכט א געוויקלטן קוגל, זי האָט אַף אַן אויסגעוואַלגערטן דינעם בלאַט טייג אָנגעבראַקט הינערשע שמאַלץ, פאַנאַנדערגעשאָטן ראָזשינקעס, אַרײַנגעלייגט פלוימען-אײַנגעמאַכטס, באַשפּרענקלט מיט געריבענער טרוקענער כאַלע, האָט עס פאַרדרייט און אַרײַנגעלייגט אין קוגל-טאָפּ. איך האָב אויסגעשײַערט די לײַכטער, געהאָלפן דער באָבען פאַרשפּרייטן דעם טיש מיטן שאַבעסדיקן טישטעך, און ווי נאָר דער זיידע איז אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב, האָט די באָבע גלײַך געפרעגט:
— וואָס פאַר א מאַנטל האָסטו אַריבערגעוואָרפן איבער דער האַנט? דו האָסט אים אַנטליִען באַ וועמען-עס-איז?

— כ'האָב בא קיינעם ניט אנטליִען, כ'האָב דעם וועג-מאַנטל גע-
פונען לעבן די מאַהילקעס. אין דער אינוווייניקסטער קעשענע פונעם מאַנטל
ליגט א געלער טײַסטער מיט א מאַטמען געלט.
די באָבע האָט געוואָלט באַקוקן דעם מאַנטל, נאָר דער זיידע האָט אויס-
געַרופן:
— לאָז געמאַך, פעסיע. מעגסט מיר טרויען, ס'איז אזוי, ווי איך זאָג.

אף מאָרגן בין איך געווען מער אין שטאל ווי אין שטוב. אָבער בײַס
איך פלעג אריַינלויפן נאָך א שטיקל כאַלע, האָב איך געהערט ווי דער זיידע
האַלט אין איין טײַנען מיט דער באָבען. דעם זיידנס קאָל איז געווען אומע-
טיק און פאַרדײַגעט, און די באָבע האָט, ווי אַלעמאָל, געפונען א ווערטל:
— ווייסט, עליע, וואָס איך וועל דיר זאָגן. טאָמער וואָלטן מיר רויִק
געשלאָפן, האָבן מיר א גליק צו געפינען א מאַנטל.
— איך טראַכט אזוי, מײַן ווײַב. ס'וואָלט געווען גוט, דו זאָלסט צוגיין
צום אָרגאַניסט און זאָלסט אים זאָגן, אז איך דאַרף אים נייטיק האָבן.
פאַרנאַכט איז געקומען פאַן קאַזימעַש. דער זיידע האָט אים אריַינגערופן
אין אנדערן קאַמער און האָט דאָרטן מיט אים היפּש געשמועסט. דערנאָך
האָט די באָבע געשטעלט קיבעד אפן אייגענעם געוועבטן טישטעך. אין א
פאַלומעסעק קאַלטן קאַלבן-פלייש, מערן-צימעס מיט פלוימען, געהאַקטע
הערינג און א קאַרפינקע מיט ווישניק. דער אָרגאַניסט האָט געגעסן און
האָט געלויבט דער באָבעס מײַכאָלים. ער האָט אַלע ווײַלע געגאָסן פון קאַר-
פינקע אין גלעזל און איך האָב געזען, אז אין קאַרפינקע ווערט אַלץ קנאַפּער
און קנאַפּער... בײַס דער אָרגאַניסט איז אוועק, האָט דער זיידע אומעטיק
געזאָגט:
— באַשערט א פאַרשטערטער שאַבעס, איך קען אין קאַמער ניט אריַינ-
גיין, ווי דאָרטן וואָלט געלעגן א פּייגער.
— נעם זיך ניט צום האַרצן, מײַן מאַן. מאָרגן וועט פאַן קאַזימעַש זאָגן
דעם קסיאָנדז, יענער וועט אין טיפליע אויסרופן אף דער גאַנצער פּאַראַפיע,
און ס'וועט זיך געפינען דער, וואָס האָט עס פאַרלאָרן. וועט זײַן בא דיר
מיט אַן אומגליק קנאַפּער און מיט א גליק מערער.

זונטיק פאַרנאַכט איז צו אונדז געקומען א יונגער, הויכער, שיינער פּאַ-
רעָן אין זייער א שיינעם גאַרניטער, ער האָט אָנגעקוקט דעם זיידן, גע-
פרעגט אַזעסדיק:
— דו ביסט עליעס?
דער זיידע האָט אים אָנגעקוקט מיט זײַנע בלויע אויגן און געלאָזט
ווייסן:
— איך בין עליעס! אָבער שריַי ניט, איך בין ניט קיין פּלאָקן אין דײַן
פאַרקן.

— דו האָסט געפֿונען א וועג־מאַנטל?
— איך. נאָר זאָג מיר, וואָס פֿאַר א קאָליר האָט דער מאַנטל, און וואָס ליגט אין דער אינעווייניקסטער קעשענע.
— דער וועג־מאַנטל איז א גרויער און אין דער אינעווייניקסטער קעשענע ליגט א געלער טײַסטער מיט פֿינף און צוואַנציקערס, בא די דרײַ טויזנט רובל.
מער האָט דער זיידע קיין וואָרט ניט געזאָגט, ער האָט ארויסגעטראָגן דעם וועג־מאַנטל, א וואָרף געטאָן אפֿן שטול, וואָס איז געשטאַנען לעבן פֿאַרעץ. דער פֿאַרעץ האָט ארויסגענומען פֿונעם טײַסטער דרײַ שיינע קנאַקנדיקע פּאַפּירלעך און האָט עס אוועקגעלייגט אפֿן טיש. דעם זיידנס בלויע אויגן זײַנען געוואָרן טונקל, ער האָט אָף א נידעריקן קאָל שטרענג געזאָגט צום פֿאַרעץ:
— ווען איך וואָלט געוואָלט צונעמען פֿרעמד געלט, וואָלט איך ניט געהייסן אויסרופֿן אין קאָסטיאָל, אז אזא און אזא האָט געפֿונען דאָס און דאָס. און מער זאָלט איר מיר קיין וואָרט ניט זאָגן, וואָרעם איך בין אײַך ניט דו. גייט ארויס פֿון מײַן שטוב, פֿאַרגעסט ניט אײַער געלט אפֿן טיש.
דער פֿאַרעץ האָט גענומען דאָס געלט, איז אוועק צו דער טיר, און דער זיידע איז געגאַנגען אהינטער אים, ווי ער וואָלט אים אָפּגעהאַקט דעם וועג אין שטוב אריַין.
— עליע, האָסט געזען ווי דער פֿאַרעץ איז בלייך געוואָרן?
— זאָלן זיי ווערן בלייך, זאָלן זיי ווערן רויט, שטעל די טיי־קאַן, מיר וועלן אראָפּשווענקען דעם קלאָפּאָט!

עליעם לעוויַע

די מאמע, אָלעוואַשאָלעם, האָט דערציילט, אז דער זיידע עליע, זײַן נאָמען זאָל לויכטן, איז געשטאָרבן ווי א צאַדיק. ער איז נאָך אָנבײַסן ארויסגעגאַנגען אין סאָד ארומשערן די אגרעסן־ביימלעך. מע דאַרף שוין עסן וואַרמעס און ער איז ניטאָ און ניטאָ. גייט די מאמע אים רופֿן. זעט זי, אז ער ליגט לעבן די אגרעסן־ביימלעך מיט דער שער אין האַנט. דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען אויף און אונטער. קינד־און־קייט זײַנען געווען אָף דער לעוויַע. אז מע האָט זיך אָפּגעשטעלט אין שול־הויף און דער ראָוו האָט גענומען מאַכן דעם העספּעד, האָבן אים קיין ווערטער ניט געקלעקט פֿאַר די שוואָכים. נאָר מיטאַמאָל האָט מען דערהערט א געזאַנג. מע האָט אויסגעקערעוועט די קעפּ און דערזען, אז אהינטער דער צוים פֿון שול־הויף שטייט דער גאַלעך מיט די יינגלעך, וואָס זינגען אין טיפֿלע, אַלע האַלטן זיי קליינע ספֿאַרימלעך אין די הענט און זינגען. דער ראָוו האָט א מאַך געטאָן מיט די הענט צו די גויסיי האַמיטאָ און איז אוועק צום בעסוילעם.

...דאָס שטעטל האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. מע האָט נאָך עליען, זיין נאָמען זאָל לויכטן, געזאָגט פיר מאָל קאַדעש נאָך דער קוורע, מע האָט אפילע געוואָלט גיין צום קסיאָנדז און אים מאַסרע זיין, אַז אַזוי טוט מען ניט. אָבער מייער דער אַפּטייקער האָט דעמלט אַלעמען געטרייסט:

— וואָס זייט איר אַזוי צעטראָגן? וואָס, מיינט איר, האָט ער געזאָגט? ער האָט געזאָגט טילים אויף לאַטיין. און עליע, זיכרוינאָ ליוורעכאָ, האָט עס קאָשער פאַרדינט.

פונוואַנען שטאַם איך

איך בין פון ליטע, ווו אין די קליינע שטעטעלעך איז קיין איין ייִד ניט געבליבן. מיין שטעטעלע קראָק אין קאָוונער גובערניע, ניט ווייט פון דער שטאָט קיידאַן, האָט זיך געפונען אין אַ געגנט פון ליימיק־זאַמדיקער ערד. דאָס האָט שלעכט באַלוינט דעם פויער, איך געדענק ווי די מערהייט ליטווינער זיינען געווען אָנגעטאָן אָרעם, אומציכטיק, אַ ביסל צו דער־ליידן — אין די זונטיקס און מיטוואָכס — אין די מאַרק־טעג.

איצט טראַכט איך, צי האָבן טאַקע מיינע אויגן געזען די שעפע פון יענע מערק? זומער־צייט וועגענער מיט קאַרשן, מיט עפּל, פלוימען, פולע וועגענער מיט פיש, גרויסע פעסער מיט קאַרעסן. די ערד איז טאַקע געווען אָרעם, אָבער די אָזערעס האָבן געווימלט מיט פיש. דער מאַרק פלעגט שטיין ביז אָוונט, עס איז געווען טומלדיק, ס׳גאַנצע שטעטל האָט געהאַ־וועט, באַלעבאָסטעס אויך, מיטוואָך איז דאָך ערעוו דאָנערשטיק און דאָ־נערשטיק איז ערעוו פרייטיק...

איך געדענק גוט, ווי צו דער באָבען מיטן זיידן פלעגן אַריינגיין שכיי־נים, מע פלעגט טרינקען טיי מיט עפּל־קוואַס און שמועסן. איך האָב קנאַפּ פאַרשטאַנען דעם טאַמציס פון אָט די שמועסן, נאָר איך געדענק, ווי איך פלעג טראַכטן: וואָס די אַלטע קאָנען צונויפפלאָנטערן, זיי קאָנען צונויי־פירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט...

ווי איצט, קלינגען מיר אין די אויערן דעם זיידנס ווערטער: „אין קאַצאָווים־גאַס זאָל דיין פוס ניט זיין, דאָרטן רעדט מען מיִעסע רייד. אין דער ליטווישער גאַס זאָלסטו אויך ניט גיין, מאַלע־וואָס, ס׳קאָן זיך געפינען אַ באַלן און אָנרייצן אויף דיר אַ הונט". פאַרשטייט זיך, איך האָב אין דער ליטווישער גאַס ניט געהאַט וואָס צו טאָן, אָבער אונדזער קו האָב איך דאָך געדאַרפט באַגלייטן אין דער טשערעדע. אין איינעם אַ פרימאָרגן איז מע־קויעם געוואָרן דעם זיידנס האַסראָע: בייס איך בין געגאַנגען צוריק אַהיים, האָט אָנופריסעס זונעלע אָנגערייצט אויף מיר דעם הונט. כ׳געדענק ניט, דער הונט זאָל מיך האָבן צעביסן אָדער ס׳זאָל ערגעץ־ווו רינען בלוט,

אָבער ס׳קליידל איז געהאנגען פּאסנוויי, צעפּליקט. געוויס וואָלט געווען בעסער, ווען איך גיי ניט אריין אין שטוב, אָבער ווי האָב איך זיך געזאָלט אהינטאָן? כ׳האָב גוט געוווּסט, ווי די באָבע קאָן זיך בייזערן. זי האָט מיך אָנגעקוקט, געגעבן א פּאָר גוטע בוכענצעס און געטיינעט: „א מיידעלע, אַן אייניקל זאָל ניט האָבן קיין טעווע צו צייַלן די פליגן, אירע אויגן זאָלן זען, ווו זי גייט און וועמען זי קאָן אמאָל באַגעגענען. וויפל מאָל האָב איך געזאָגט, אין האנט זאָל זיין א קליין שטיינדל. אוועק פון מיינע אויגן!״. מאשמאָעס, איך בין געווען ענלעך אַף מיין באָבען. אין מיר האָט געפלאַ־קערט די סינע, ס׳האָט אין מיר געברענט נעקאָמע. כ׳האָב אופגעהערט זיך צו שפּילן מיט מיינע כאווירים, מיט קיין מיידלעך האָב איך זיך קיינמאָל ניט געשפּילט. כ׳האָב אופגעהערט עסן, אפילע די נאָרוואָס אויסגעשלאָ־גענע פּוטער, וואָס די באָבע פלעגט ארויסוואַרפן פון קאַלאַטייקע אין דער גרויסער געלער ליימענער מילכיקער שיסל, האָב איך ניט געקאָנט אָנקוקן. כ׳האָב אפילע ניט געוואָלט קיין פרישפּאַנג־הערינג, וועלכע די באָבע פלעגט קויפן בא יאַנקע לייזערס אין א קליין פאַרכאַסמעט פּעסעלע. בייס דער ציידע פלעגט מיטן צוואַנג ארויסנעמען דאָס דעקל פון דעם פּעסעלע, האָט זיך געשפּרייט א געלע רונדע פעטקייט, דורך וועלכער קיין הערינג האָט זיך ניט געזען. ביז דער מייסע מיטן הונט האָב איך זייער האָלט געהאַט צו טונקען ברויט אין דעם דאָזיקן פעטס, איצט האָב איך אפילע אַף דעם ניט געקאָנט קוקן. די באָבע האָט עטלעכע מאָל א טאַפּ געטאָן מיין שטערן, זי האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס איך וויל ניט עסן. איך האָב גע־וואָלט נאָר נעקאָמע נעמען. וויאַזוי אויסצומאַרקירן די זאַך, האָב איך ניט געוווּסט, כ׳האָב אויך ניט געוווּסט וועגן דעם שפּריכוואָרט, אַז „וואָס די צייט וועט וויזן, קאָן קיין שום סייכל ניט צוטראַכטן״.

אין איינעם א טאָג, ווען איך בין געגאַנגען באַגעגענען אונדזער קו פון דער טשערעדע, האָב איך דערזען, ווי אָנופּריס פאָרט אין א לאַנגן וואָגן מיט זיין זונעלע, אַזוי פלעגט מען צעציִען דעם וואָגן, בייס מע איז געפאָרן נאָך סנאָפּעס אָדער נאָך היי. אָנופּריס גופע זיצט אַף די ברעג־ברעטער, מאַמעש לעבן די פערד, און פאָכעט מיט דער בייטש. זיין יוירעש זיצט אַף די ברעג־ברעטער בא די סאַמע הינטערשטע רעדער. איינס־און־צוויי האָב איך געוווּסט האָט צו טאָן: איך האָב זיך א לאָז געטאָן, פאַר די פיס אים אַראָפּגעשלעפּט פונעם וואָגן, און אַזויווי דאָס איז געווען פאַר אים אומ־דערוואַרט, און ער איז געפאַלן אַפן רוקן, איז מיר געווען גרינג אריינצו־שטאָפּן אין זיינע נאָזלעכער, אין מויל, און אין די אויערן וויפל שטויב ס׳איז אַהין אריין. איך קאָן ניט זאָגן, נאָר מיר דוכט, אַז איך בין געגאַנ־גען הינטער אונדזער קו טאַנצנדיק. דער באָבען האָב איך קיין וואָרט ניט געזאָגט, אָבער זי אַליין האָט עפּעס געפילט, ווייל זי האָט געפרעגט: „מע־סעמיידעסטע, וואָס גלאַנצן אַזוי דיינע טרייפענע אייגעלעך?״ איך האָב קיין וואָרט ניט געזאָגט.

אָוונט־צייט איז צו אונדז געקומען אָנופּריס, ער האָט לאַנג דער באָבען

עפּעס דערציילט, גערעדט האָט ער ייִדיש ניט ערגער פון איר, אָבער די באָבע האָט ניט געמאַכט מיט אים קיין לאַנגע מאַכזאָקעס. די ערשטע זאַך האָט זי געעפנט די טיר און גאַנץ רויִק צו אים געזאָגט: „גיי מאָרגן אין דײַן קאָסטיאָל, טו טפילע צו יעזוסן און מאַריען. ווען מײַן עליע, מײַן מאַן, וואָלט איצט געווען אין שטוב, וואָלט דײַן היטל געבליבן אָן א קאָפּ. וואָרעם דאָס אייניקל אונדזערס איז בא אים דאָס גאַנצע לעבן. לאָז מיך צורו, גיי דיר!"

איך בין נאָך א סאַך מאָל געגאַנגען דורך דער ליטווישער גאַס, אָבער קיין הונט האָט אַף מיר מער קיינמאָל קיינער ניט אָנגערייצט.

די באָבע פלעגט זיך בייזערן, אפילע שרײַען, אָבער, ווי איך פאַרשטיי איצט, איז זי געווען א זעלטן גוטער מענטש, מיט עמעסן מיטלײַד צו אָרעמע און צו געקריוודעטע. ווינטער און זומער, דאָנערשטיק נאָך האַלבן טאָג פלעג איך ווערן בא איר א שאָליִעך און גיין איבער די הײַזער: פאַר כײַעגיטל שמועל דעם שוסטערס פלעגט זי מיר געבן אוועקטראָגן א זעקעלע צוואָרעך, א היפּש שטיקל פּוטער, א טאָרבעלע מיט גערשטענע אָדער האָבערנע גרויפּן. פאַר יענטע פּייסעך דעם שנײַדערס — א לעבל ברויט, טוקענע שמאַלץ, שוין איבערגעפּרעגלטע ציבעלעס, און אזעלכע קײַלעכדיקע, ווען זי פלעגט עס פאַרקילן אין א טעלער אין אײַזקעלער. מיר פלעגט עס זייער געפעלן זײַן צו טראָגן, ווײַל דאָס שמאַלץ האָט אויסגעזען ווי א טעלער. כוץ דערוף פלעגט זי מיר געבן א טאָרבעלע מיט בעבלעך אָדער מיט ארבעס. פאַר האָגע בענציע דעם קאַראַבעלניקס פלעגט זי געבן א היפּש שטיק פלייש, א גרויסע בולקע פון טונקעלער מעל און א קלייניק זעקעלע מיט מעלצוקער. דערבײַ פלעגט זי מיר אלעמאָל אָנזאָגן: „ס'ט אַרײַנגיין אין א שטוב, זאָלסטו זאָגן „גוטמאָרגן", זאָלסט אוועקלייגן דאָס, וואָס דו האָסט געבראַכט, און גלײַך אַרויסגיין".

אהינטער אונדזער שטוב האָט געוווינט קאַרענווישקעס, דורך אונדזער גאָרטן איז דאָס געווען עטלעכע טריט. קאַרענווישקעסעס ווײַב, מיכאַסיע, מיט איר גרויסן בויך און מיט אלע אירע קינדער איז אלעמאָל געווען אין שטוב. קאַרענווישקעסן גופע האָב איך קיינמאָל ניט געזען אין שטוב, אלע קינדער האָבן געהאַט ווײַסע הערלעך. די גרעסערע זײַנען געווען קנאַפּ אָנגעטאָן, די קלענערע — אינגאַנצן נאַקעט און אומציכטיק. די באָבע פלעגט שיקן קאַרענווישקעסן א גרויסן לאַבן ברויט, א שטיק זייף, בלוי און ווײַס געשטרײַפט, און אלע דרייבעס פון די אויפּעס, וואָס זײַנען געווען געקוילעט אַף שאַבעס. דאָס אלץ פלעג איך דאַך דאַרפן אוועקלייגן אַפן טיש, דעריבער פלעג איך זען, ווי אין א פלאַכער ליימענער שיסל רונצלט זיך א בלוי-גרוילעך געקעכץ, אַרום-און-אַרום דער שיסל זײַנען אָנגעשפּאַרט הילצערנע לעפל, אונטערן טיש, אין א צעפלאָכטענעם קויש, האָבן זיך געטונקלט אָפּגעקאָכטע בולבעס אין פּעלצלעך. די קינדער פלעגן לויפן איבער דער שטוב, זיי פלעגן שרײַען, שפּרינגען, מיטאמאָל פלעגן זיי זיך א טראָג טאָן צום קויש אונטערן טיש, כאַפּן די אָפּגעקאָכטע בולבעס, זיך אַרופּדראַ-

פען אף די לאנגע שמאָלע בענק, וואָס זיינען געשטאנען ארום דעם טיש, בייסן די בולבעס ניט קיין אָפּגערייניקטע און פארזופּן דאָס בלוי-גרוילעך געקעכץ.

געוויס וואָלט געווען בעסער, איך זאָל דאָס ניט דערציילן דער באָבען, אָבער איך האָב יאָ דערציילט. די באָבע האָט זיך גריילעך געבייזערט: „כ'האָב זיך גאָרניט געריכט צו האָבן אזא אָפּגעריסענעם שויטע אן אייניקל! וואָס מיינסטו, אז אַלע עסן אזא יויך, ווי איך קאָך, ס'איז דיר ניט געפעלן געוואָרן מעכאַסיעס מיכיע. דו ווייסט, וואָס דאָס איז? דאָס איז זויערע קרויט מיט ברונעם-וואסער, צוגעריכט מיט א ביסל קאָנאָפּליע-בוימל. און ס'איז נאָך א גרויסער נעס, אז זיי האָבן דאָס, וואָס זיי האָבן, ווארעם דער ליבער טאטע און דער גוטער מאן איז דאָך א גאנצן טאָג אין שענק. ער ווארט, מע זאָל אים מעכאבעד זיין, ווייל אין קעשענע האָט ער א פייג. איצטער פארשטייט שוין דיין מויעכל, וואָס עס טוט זיך אף דער וועלט? איך זאָג דיר, וואָס דו זעסט, זאָל זיין ניט געזען, און וואָס דו הערסט, זאָל זיין ניט געהערט, און קיין פּיפּס זאָל איך פון דיר ניט הערן!"

די שטעטלשע באַלמעלאָכעס האָבן ניט געהאט קיין בעהיימעס, קיין פערד, ווער-ניט-ווער — א ציג, עטלעכע הינער. אָבער די פעסטע באַלעבאטים זיינען דאָך געווען וואלד-הענדלער, טווע-סאָכרים, שניט-קרעמער, פּאַיאַנס-קרעמער, שוך-קרעמער. אנדערע יידן פלעגן פאָרן איבער די דערפער איינקויפן כאזער-האָר, פעלעכלעך, רויכווארג. די אַלע האָבן געהאט פערד, קי, גרויסע גערטנער, סעדער. בא מאָטל יוועלירער פלעגט מען קויפן צירונג, זילבערנע גאָפּל-לעפל, בעכערס, צוקער-פושקעס און זאַלץ-מעסטלעך. איינער פון די פארמעגלעכע באַלעבאטים איז געווען אייזיק טאָקער. נאָך סוקעס פלעגט ער מיט זיינע באהעלפער אָנטרייבן אזויפיל גענדז, אז ס'גאנצע שטעטל פלעגט ווערן קלאָר-ווייס. די באהעלפערס פלעגן רייטן אף פערד, מיט לאנגע שטעקנס אין די הענט, אף וועלכע ס'זיינען געווען ארופגעזעצט קיילעכדיקע האָקנס. מיט די האָקנס פלעגט מען א כאפּ טאָן א גאנדז פארן האלדז און זי ווארפן אין פור אריין. מיר האָט זיך געדאכט, אז אַלע מינוט פאָרט אוועק א פולע פור מיט גענדז. כ'האָב ניט געקאָנט פארשטיין, ווער קאָן אופעסן אזא גוזמע גענדזנס. אָבער די באָבע האָט קלאָר געמאכט די זאך. „עליע, — האָט זי געזאָגט צום זיידן, — באַלעבאטים האָבן געוואָלט, זאָלסט ווערן ראָוו אין שטעטל, האָסטו זיך אָפּגעשאָקלט. דו ווילסט בעסער פאָרן צו די פּריצים, זיי שטעלן קאַ-פּעלנע איוונס און קאמינעס. אָבער גיב א בליק אף אייזיק טאָקער — וויפל גאָלד ער שארט! צאָלקע דעם שויכעטס האָט מיר געזאָגט, אז ער ליפערט אריבער טויזנטער גענדז קיין געניגסבערג". דער זיידע האָט אף דעם געהאט זיין קוק און, ווי זיין שטייגער איז, שטיל געזאָגט: „פּעסיע, פון ציילן יענעמס רעוואָכים ווערט מען ניט רייכער. וואָס איז דיין דייגע, וווהין ער שיקט די גענדז. דיין קוגל קאָן זיך ניט באקלאָגן, ער ווייגט גענוג..."

נאָכן סאָף פונעם מיסכער מיט די געגדז איז נאָך די גאנצע בלאָטע־אין שטעטל סיוויסיי געווען ווייס. דעמלט פלעגט סאָרע־ביילע די דריי־בעניצע און האָגע בענציע דעם קאראבעלניקס מיט נאָך א סאך אזעלכע ווייבער זיך ארומבינדן מיט טאָרבעס און קלייבן די פעדערן פון דער בלאָטע. כייע די בעקערקע, וואָס פלעגט אָפט אריינגיין צו אונדז, האָט געטיינעט צו דער באָבען: „פעסיע, ווי געפעלט דיר די גאָלדענע מעלאָכע? פריער קלייב די פעדערן, דערנאָך וואש זיי, טריקן זיי, פליק זיי, און ווארט אף דער קאָלע, וואָס וועט וועלן האָבן א קישן פון די פעדערן צו איר נאדן". די באָבע האָט געלאַכט.

ווינטער פלעגט דער זיידע זיצן אין דער היים, וואָרעם קיינער מאכט ניט קיין אויוונס ווינטער. דעריבער פלעגן ווינטערדיקע שאבעסצונאכטן זיין זייער היימלעכע. אף גרויסע בלעכן פלעגט די באָבע באקן בולבעס אין אויוון, אף צינענע פאָלומעסיקעס פלעגט זי אריינטראָגן קרויט מיט עפל און מיט שפאנגעלעס, קרויט מיט קימל. דאָס איז געווען א גאנץ גרויסע ארבעט. די באָבע פלעגט אָנשניידן א סאך לייוונטענע שמאטקעלעך, געבן דעם זיידן א נאָדל־פאָדעם, אוועקשטעלן א שיסעלע מיט קימל. דער זיידע פלעגט די זעקעלעך צונויפניייען, אָנשיטן אהין קימל און פארנייען. אָט די דאָזיקע טאָרבעלעך מיטן קימל פלעגט די באָבע צעווארפן אינעם קרויט, בייס מע פלעגט עס שטעלן זייערן. זי פלעגט זאָגן: „כ'האָב פיינט, אז די קימל קריכט איבערן קרויט". אָט אָ־די קרויט, וואָס פלעגט זיך זייערן מיטן קימל, פלעגט אלעמען געפעלן מער, ווי די קרויט מיט די עפל. צודערצו פלעגט נאָך די באָבע אין קרויט־בלעטער, וואָס זי פלעגט האלטן אין טאָרבעס, אָפבאקן הערינג אף קוילן. אלע האָבן ניט געקאָנט זיך אָנלויבן פון דעם דאָזיקן געריכט.

אין אזעלכע שאבעסצונאכטן פלעגט קומען מוישע־לייזער. ער איז געווען עפּעס א מאָדנער ייִד, ער פלעגט אומגיין איבערן שטעטל שלינגשלאנג, א באלעבאָסטע פלעגט אים אריינרופן, געבן א טעלער געקעכץ — איז גוט, א גלאָז זויערמילך — אויך גוט, א פּאָר בולבע־לאַטקעס — אוואדע גוט. און ווי נאָר ער האָט אופגעגעסן וואָס מע פלעגט אים געבן, פלעגן די באלעבאָסטעס זאָגן: „לייזקע, מאַך!". פלעגט ער מאכן: ער האָט געקענט קרייען, ווי א האָן, קודאכטשען, ווי א הון, מעקען, ווי א ציג, הירזשען ווי א פערד. דאָס מאָל האָט ער געגומען קוויטשען ווי א קליין כאזערל. אלע האָבן געקייכט פון געלעכטער, אָבער מיך האָט עס א קלאפּ געטאָן איבערן קאָפּ, ווי מיט א שטעקן, און איך האָב אויסגעשריען: „זיידע, באָבע, איר אויך? איר אויך? א מענטש איז דען א כאזער?" און איך האָב זיך אף א קאָל צעוויינט.

שוין דעמלט, קינדווייז, האָב איך געפילט: א מענטש טאָר ניט קוויטשען, ווי א כאזער... א מענטש דארף זיין א מענטש...

...די ליטווישע גאס איז געווען זייער נאָענט צו דער ייִדישער גאס. דאָס שטעטל איז דאָך געווען זייער א קלייניקס. עס פלעגט טרעפן, אז אין די

זונטיקס, אָדער פאַרנאַכט נאָכן מאַרק פֿלעגן עטלעכע לײַט גיין אַרומגע־נומען איבער דער גאַס און זינגען מיט מאָדנע קולעס. דעמאָלט פֿלעגט כּײַע די בעקערקע שרײַען דורך דער אָפֿענער טיר צו דער באָבען: „פּעסיע, פֿאַרמאַך די טיר מיט די לאָדנס. דו הערסט. ס'איז זיי שוין היימ־לעך!“.

איך קאָן זיך ניט דערמאָנען, צי די באַלעבאַטים אָדער בא אונדז אין שטוב האָט מען געטאַדלט אָדער געשאָלטן די ליטווישע שכנים. פֿאַר־קערט, איך געדענק, ווי די באָבע האָט געזאָגט צום זיידן: „אַ ביטערער ראַכמאָנעס אױף יעסייטעכעז. אָט איז זי מיט אַ בויך, אָט איז זי מיט לײַדי־קע הענט. די קינדער, ניט פֿאַר קיינעם געדאַכט, האַלטן זיך ניט בא איר“. אױף דעם האָט דער זיידע געפֿונען אַ טרופּע: „דו האָסט דאָך געגנוג פֿאַרצו־קערטע אַגרעסן און ווײַמפּערלעך, טראָג איר אַוועק אַ ביסל אײַנגעמאַכטס“. אָדער אַן אַנדערס מאָל האָט זי דער זיידע באַדויערט: „בא קוויאַדזשעסן איז געפֿאַלן דאָס פֿערד, מע דאַרף געבן אַ פֿינפֿערל, פּעסיע, וואָס איז ער אָן אַ פֿערד? אָן הענט!“

און דאָס האָט זיך מיר אויך גוט פֿאַרגעדענקט פֿון מײַן ווײַטער קינד־הײַט אָן...

עסט און טרינקט!

בייס אין 1941 יאָר איז האַדאַסע, אַ פּופּצניאַריק ייִדיש מיידל, פֿון קאָוונער געטאָ מיט אַ קאָלאָנע געטריבן געוואָרן אױף אַרבעט און ס'איז אויסגעקומען דורכצוגיין אַ קליין וועלדל, האָט האַדאַסע זיך אַרויסגעריסן פֿון דער קאָלאָנע, זיך אַוועקגעלייגט אין אַ ריוו און איז אָפּגעלעגן ביז פֿינצטער. אױף מאָרגן גאַנצפֿרי, ווען זי האָט זיך אויפֿגעהויבן, האָט זי דער־זען דער ליטווינער יוזאַס אַבולאַוויטשוס. ער האָט זי אַרײַנגעפֿירט צו זיך אין שטוב, איר אָנגעזאָגט, זי זאָל ניט וואַגן אַרויסגיין אין דרויסן. די שכיי־נים האָט ער געזאָגט, אַז צו אים איז געקומען דער שוועסטערס אַ מיידעלע. דאָס איז געווען גרינג צו גלייבן, ווײַל האַדאַסע האָט געהאַט בלאָנדע האָר און אַ קלאָר־ווײַס פּאָנעם. שפּעטער האָט אַבולאַוויטשוס געקראָגן פֿאַר איר אַ פּאַס, זי איז געגאַנגען אין קלויסטער, און אַלץ וואָלט געווען גוט, ווען איינער אַ פֿויער וואָלט האַדאַסען אָנומלטן ניט דערקענט און האָט צו איר געזאָגט גאָר פּראָסט: „זאָג דײַן יוזאַסן, ער זאָל מיר ניט דרייען קיין קאָפּ, דו ביסט אויסגעגאָסן דײַן מאַמע“.

האַדאַסען איז אײַנגעפֿאַלן דאָס האַרץ. בייס זי האָט דאָס דערציילט יוזאַסן, האָט ער זי באַרויִקט. דעם קומענדיקן זונטיק האָט ער געשטאָכן אַ כאַזער, געקראָגן ערגעץ סאַמאַהאָן, זײַן ווײַב האָט אויסגעבאַקן שוואַרץ

און ווײַס ברויט, ער האָט אײַנגעלאַדן אַלע שכיינים און אויך דעם, וואָס האָט דערקענט האַדאסען. געזאָגט האָט ער טעלעכע געציילטע ווערטער:

— איר זײַט אַלע מײַנע שכיינים. איך האָב קיינמאָל קיינעם פֿון אײַך קיין בייז ניט געטאָן, עסט און טרינקט! איר זאָלט אַלע געדענקען, אַז דאָס מיידל איז מײַן קינד, בא מיר וועט זי איבערוואַרטן די מילכאָמע. איך געטרוי אײַך אַלעמען, ווײַל איך ווייס, אַז איר פאַרשטייט: איך וועל צוליב דעם מיידל גיין צום טויט, און דער, וואָס וועט מאַסערן, וועט נאָך פֿריִער פֿון מיר גיין אַף יענער וועלט!

קיינער האָט יוזאַסן און האַדאַסען ניט געמאַסערט.

פּאַרטרוילעך און קורץ

בײַס גראַזשינע איז אין קאַונאַס, קומט זי אַלע מאָל צו כײַע לאַזאַרעווגע. כײַע נעמט זי אויף ניט נאָר גאַסטפרײַנטלעך, ווי אַן אייגענע שוועסטער, שטעלט אַפֿן טיש אַלץ, וואָס זי פאַרמאָגט אין שטוב. אָבער ריידן ריידן זיי קנאַפּ און וועגן דעם, וואָס כײַע וויל בעעמעס פרעגן בא גראַזשינען, פרעגט זי ניט. נאָר אַנומלטן איז גראַזשינע געבליבן נעכטיקן. ס'האָט זיך אונטערגעדרייט אַזאַ וואַרעמינקע מינוט, און כײַע האָט אַרויסגעפּליסטערט צוויי ווערטער:

— דו ווייסט...

גראַזשינע האָט אופמערקזאַם אָנגעקוקט כײַען און נאָך אַ קורצן שווײַגן אַ מאַך געטאָן:

— געוויס ווייס איך, מײַנע טאַטע-מאַמע האָבן מיר געזאָגט, אַז איך בין זייַ טײַער, ווי אַ טאָכטער, אָבער קיין טאָכטער זייערע בין איך ניט.

ווידער שווײַגן ביידע פרויען, דערנאָך רופט אויס גראַזשינע:

— מײַנע טאַטע-מאַמע האָבן מיך זייער ליב געהאַט, און דער טאַטע האָט מיר דערציילט: בײַס מע האָט געטריבן די ייִדן צום נײַנטן פאָרט, איז ער מיט דער מאַמען ניט אַרויסגעגאַנגען פֿון שטוב, ווי אַנדערע. נאָר פאַרנאַכט, בײַס סע האָט זיך שוין מער ניט געהערט קיין שיסערײַ און קיין געשרייען, איז דער טאַטע אַרויסגעגאַנגען פֿון שטוב און האָט דערזען לעבן פאַרקן אַ מיידעלע פֿון אַ יאָר זיבן-אַכט. צי דאַרף איך נאָך צוגעבן, אַז דאָס בין געווען איך.

— ניין, דאַרפסט דאָס ניט צוגעבן, און מער פרעג איך בא דיר גאָרנישט.

— דו פרעגסט טאַקע ניט, אָבער איך וועל דיר זאָגן. דו קענסט מײַן מאַן, ער איז ניט קיין שלעכטער מענטש. זינט איך לעב מיט אים האָט ער מיך קיין קרום וואָרט ניט געזאָגט. דו ווייסט, אַז מײַן טאָכטער לעבט אויך גוט מיט איר מאַן, נאָר איך וויל דיר זאָגן, עס טרעפט דאָך, אַז מײַן

טאָכטער גייט צו דיר אריַין, כאַפּ זיך ניט ארויס מיט קיין איבעריק וואָרט. זי ווייסט ניט, זאָל זי ניט וויסן... פארשטייסט?..

— איך פארשטיי, — האָט געענטפערט כיַיע לאזארעוונע, און מער האָט זי גאָרניט געזאָגט.

איינע עלטער, די אנדערע יינגער

זייער איינצימערדיקע דירע שפּיגלט אָפּ דאָס אָפּקומעניש און זייער אָנבליק. אלץ, וואָס רינגלט זיי ארום, איז ענלעך אף זייער געמיט. די אויסגעקרימטע פּאָליצע מיט די עטלעכע צענדליק ביכער, וואָס זיַינען קרום אָנגעשפּארט איינס אינעם צווייטן, ווי זיי וואָלטן זיך באמת ניט צו אנטלויפן. די קאנאפּע מיטן בעט זיַינען פארשפּרייט, אָבער די דעקעס זיַינען אלטפרענקיש און אונטער זיי הויקערט און בערגלט זיך. דער אלמער איז שוין אויך היפּש אויסגענוצט.

ביידע שוועסטער זיַינען היַינט, צום זונטיקדיקן אפּדערנאכט, א ביסל צוגעפּוצט. בא דער עלטערער, בא שעוען, וואָס איז קיין איַינהאָרע אלט 86 יאָר, איז אפן טונקעלן יאקל צוגעפּעסטיקט א מין איַיזערנע שפּילקע, די וויַיסע האָר זיַינען פארפלאָכטן אין צוויי דינע צעפּלעך, אף די פינגער מיט די צעקרימטע ברייטע גלענקען זיַינען ארופגעזעצט רינגען, אפן וויַיזפינגער פון דער רעכטער האַנט — א ברייטער רונג מיט א שווארצן פלאַטשיקן שטיין. די יינגערע, עסטער, וואָס איז אלט עטלעכע און זיבעציק יאָר, האָט אָנגעטאָן א גרין געשטריקט יאקל, א באָרדאָ-קליידל. עסטער גרייט דערוויַיל צום טיש, פארייַינס באמערקט זי:

— דו זעסט, שעווע, ווי זיי האָבן מיר געמאכט די האָר, אקוראט ווי מע וואָלט זיי אָפּגעטונקט אין מערנזאפּט.

— כ'האָב זיך טאקע געוואונדערט, נאָר איך האָב דיך ניט געוואָלט פרעגן.

— פארוואָס האָסטו ניט געזאָגט דער פאריקמאכערשע, אז דו ווילסט ניט אזא קאָליר?

די יינגערע זאָגט קיין וואָרט ניט. זי פארשארט די קירצערע האָר אהינטער די אויערן און גרייט צום טיש. אף א טעלער לייגט זי אוועק צוויי צעשניטענע בייגל און אף א קליין פּאָלומעסעקל — צוויי געפּרעגלטע נאַוואגעס, וועלכע זיַינען אזוי נעבעכדיק, ווי זיי וואָלטן ניט געוואָלט לעבן, ביז מע האָט זיי געפּרעגלט. דער געגרייטער טיש איז ענלעך אף די שוועסטער, אלץ איז אזוי אויסגערעכנט, אזוי קאַרג, ווי זיי וואָלטן, כאָלילע, ניט געהאט אף מאָרגן אף אָנבײַסן. ניט אומזיסט האָט שעווע שוויגער, אָלעוואַשאָלעם, זיך געוויצלט, בײַס שעווע פלעגט אוועקגיין קויפן פליישׁ: „שעווע, גאָט איז מיט דיר, וואָס האָסטו זיך אזוי געזאמט? דו האָסט געזוכט

געניצטע פלייש?..״ דאָס אײַנקויפן געדויערט איצט בא שעווען אויך גאַנץ לאַנג, כאָטש זי ווייסט, אז וואָס ס׳איז דאָ אין איין קראָם, וועט זײַן אין דער צווייטער און אין דער דריטער, נישטערט זי ארום דעם גאַנצן מיקראָ-ראַיאָן. איצט באטראכט זי דעם געגרייטן טיש און רופט זיך אָן:

— עסטערל, וואָס האָסטו אוועקגעלייגט גאַנצע צוויי פיש? ס׳איז די נײַנטע שאָ, מיר וועלן זיך אָנעסן פארן שלאָף? גיב מיר א קליין שטיקעלע און גיס מיר אָן טיי.

די נאָוואגע, וואָס איז געבליבן פאַריאָסעמט אפן פאָלומעסעקל, שטעלט די ייִנגערע אַרײַן אין אײַז-אַלמער און באמערקט:

— הײַנט ווילט זיך ניט קוקן דעם טעלעוויזאָר, מע דאַרף זיך גרייטן צו נאכט.

זי גייט אַרײַן אין וואַנע-צימער, קומט ארויס פון דאָרטן, קוקט אָן די עלטערע און זאָגט:

— הײַנט נעם איך נאָר סעדוקסען, פון דימידראָל וועט מיר דער קאָפּ ווי מיט בלײַ אָנגעגאָסן.

שעווע גייט אויך אַרײַן אין וואַנע-צימער, גייט ארויס און זאָגט אָן א פריילעכע בסורע:

— דו זאָגסט, וועסט נעמען סעדוקסען? און איך נעם נאָר עלעניום.

אין א ווײַלע ארום איז אויסגעלאָשן די שײַן און ביידע שוועסטער ליגן אף די געלעגערס. די ייִנגערע זאָגט זייער שטיל צו דער עלטערער:

— מאָרגן דאַרף איך צוגיין אין שפּאָרקאַסע, מע זאָל מיר אַרײַנשרײַבן די פּראָצענטן אין סראָטשנעם ביכעלע.

— ס׳קאָן זײַן, אז מיר טוען נאריש, עפשער וואָלטן מיר געקויפט פּו-טיאָווקעס?

— איך טראכט גאָר וועגן אַן אנדער זאַך. ס׳וואָלט געווען ניט קיין קרומע זאַך, הערסט, שעווע, וואָס איך זאָג, מיר זאָלן מאכן א צאוואָע. ס׳זײַנען דאָך געבליבן קינדער פון אונדזערע אומגעקומענע פרײַנט. איינער א באוווּסטער יוריסט זאָגט: „איך פארשטיי ווי מע קאָן שטארבן אָן א צא-וואָע, נאָר איך שטעל זיך ניט פאָר, וויאַזוי מע קאָן לעבן אָן א צאוואָע״. דו הערסט, שעווע וואָס איך רייד, דו שלאָפסט נאָך ניט?

נאָר שעווע איז שוין געשלאָפן און האָט שטיל אונטערגעכאָרכלט אין שלאָף. אלפּי-טאָעס האָט זי אײַנגענומען דימידראָל...

ווי אָן... אייגענע טאָכטער

פייגעלע איז אלטער דעם קאצעווס א פלעמעניצע, זײַן געשטאָרבענעם ברודערס א מיידעלע.

אלטער און זײַן ווײַב ברײַנע זײַנען ניט געווען באשאָטן מיט קיין קינ-דער. זיי האָבן געהאט א מיידל מיט א ייִנגל. ברײַנע פלעגט זאָגן:

— ער אין הימל גרײַזט אויך. כּדי וואָלט ער בעסער צוגעשלאָסן בײַ־לעס מוטערטראַכט און מיר וואָלט ער געגעבן מערער קינדער. סאַכאַקל צוויי אויגן אין קאָפּ. ס'וואָלט מײַנע קינדער גאָרניט געפעלט.

זי האָט געזאָגט, ווי די זאַך איז, אָבער ניט אין איר איז געווענדט געווען, אַז זי זאָל זײַן אַ מאַמע פון אַ סאַך קינדער. זיי האָבן גוט פאַרדינט, ברײַנע איז איניינעם מיט אַלטערן געשטאַנען בײַ דער יאַטקע־קלאָץ. אָבער אַנומלטן איז איר אײַנגעפאַלן אַזאַ געדאַנק:

— פאָלג מיך, מײַן מאַן, וואָס דאַרפסטו האָבן אייסאַקים מיט גאַנצע טושעס, טרייף־קאַשער, סירכע־סמירכע. אונדזער יאַטקע שטייט בײַ דער סאַמע סטאַנציע, מע טאָר ניט עסן קיין טאַרפעס, אָבער העקערן, פאַרוואָס ניט? קיין זשעליעזנאָדאָראָזשניקעס פעלן ניט.

אַלטער האָט געפאָלגט ברײַנען, און ער האָט קיין כאַראָטע ניט געהאַט, ווי אַלעמאָל. די קאַצאָווים האָבן אים מאַמעש געריסן בײַ די פאָלעס. און עס איז אַלטערן מיט ברײַנען געגאַנגען דורך טיר און טויער. אָט טאַקע אין דער בעסטער צײַט זייערער איז אַלטערס ברודער בענצע דער גלעלער גע־שטאָרבן. זײַן ווײַב ביילע איז געבליבן אַ יונגע אַלמאָנע מיט אַ פולער שטוב יעסוימים: פינף מיידלעך און דרײַ יינגלעך. האָט מען געשמועסט אין שטאָט, אַז „אַלטער טאָר ניט פאַרלאָזן די אַלמאָנע מיט די הונגעריקע ברע־קלעך קינדער". ס'האָבן זיך געפונען אַזוינע, וואָס זײַנען אומגעבעטענע געקומען אין שטוב אַרײַן און אַלטערן מיט ברײַנען אָפן געזאָגט, וואָס זיי טראַכטן. דענסטמאָל האָט ברײַנע געזאָגט:

— האָרכט, וואָס איך וועל אײַך זאָגן. וועגן אַלע אַכט איז ניטאָ וואָס צו ריידן. זעט איר, די מיטלסטע, פייצקען, נעמען מיר, און זי וועט בײַ אונדז זײַן, ווי אַן אייגענע טאָכטער.

אױף דעם איז געבליבן. ביילע די אַלמאָנע האָט אַלטער באַוואָרנט. ער האָט זיך דורכגערעדט מיט די קאַצאָווים, זיי זאָלן איר געבן אַלע דרייבעס. די עלטערע קינדער האָט ביילע צעשטעקט בײַ באַלמעלאָכעס, בײַ קרע־מער. און פייצקע, ווי געזאָגט, איז געוואָרן „ווי אַן אייגענע טאָכטער בײַ דער מומען מיטן פעטער".

די אייגענע קינדער, רייזקען און אײַזיקען, האָט ברײַנע ניט אופגעהערט צו קעכלען. פייגעלען האָט זי געזעצט צום טיש נאָר בייס אַלטער איז געווען דערבײַ. וואָס מער פייגעלע איז געוואַקסן, אַלץ אײַנגעשרומפּענער איז זי געוואָרן. אַלטער פלעגט אַמאָל פרעגן:

— ברײַנע, וואָס איז דער מער מיטן מיידל? זי איז דאָך אײַנגעדאַרט, ווי אַ פײַג.

אױף דעם האָט ברײַנע געהאַט איין טערעץ:

— דערמאָן זיך דײַן געלן ברודער, דעם גוואַר, דעם קראַסאָוועץ, וועסטו פאַרשפּאָרן צו פרעגן, וואָס איז מיט איר דער מער.

די שכיינים האָבן זיך אויך געוווּנדערט און זיי האָבן ריכטיק אויסגעפירט: „זי וואַקסט, נעבעך, אַף צוריק בא דער לײַבלעכער מומע״. פייגעלע איז, נעבעך, ניט געוואַקסן ניט צוליב קאַרג עסן, נאָר אַט צוליב וואָס: בייס זי האָט געזען, ווי די מומע זיצט און קוקט רייזקען און אײַזקען אין מויל אַרײַן, זיך געבעטן בא זיי מיט טרערן אין די אויגן „נאָך א שטיקעלע פײַנקוכן און א ברעקעלע קאָטלעטקע, איין זופּ קאַקאַאָ״. אַט נאָך אַזוינע סודעס פלעגט זיך פייגעלען שטעלן דער ביסן אין מויל, און אַז ברײַנע פלעגט זאָגן: „פייצקע, עס״, האָט זי געמאַכט אַן אַנשטעל, אַז זי עסט טאַקע.

ניט אַלע שאַבעס און יאָמטעוו פלעגט ביילע, פייגעלעס מאַמע, קומען צום שוואָגער מיט דער שוועגערן. אָבער קוים איז זי געקומען שאַבעס אָדער יאָמטעוו מיט דער גאַנצער כאַפּטע, איז פייגעלען פאַרשטערט געוואָרן איר אויסקומעניש, ווײַל די מאַמע פלעגט כאַפּן פון די טעלער, און די שוועסטערלעך מיט די ברידערלעך זײַנען אויך באַם טיש ניט געשלאָפן... גראָד דעמלט פלעגט ברײַנע רופן פייגעלען צום טיש, ווי קיינמאָל ניט.

— באַלד גיי איך, — פלעגט פייגעלע ענטפערן. זי האָט אָבער ניט געפאָלגט. די מומע ברײַנע האָט זי פראָסט ניט ליב געהאַט. צום פעטער אַלטערן האָט זי געהאַט א צווייענדיק געפיל. אין האַרצן האָט זי אים אַרײַנגעטיילט, כאָטש צו איר איז ער געווען צוגעלאָזט. האָט זי געהערט, ווי ער האָט גערופן די מומע „ברײַנעלע״, בייס ער האָט פאַר דער מומען געבראַכט גאַנץ אָפט פון מינסק, ווי ער פלעגט זאָגן, „א סטיקל סניט״, האָט זי עס ניט געקאָנט אַריבערטראָגן, פונדעסטוועגן, פלעגט זי צו אים ווייכער ווערן, בייס ער פלעגט זאָגן:

— פייצקע, עס, וויפל עס גייט אין דיר אַרײַן. דו געפעלסט מיר ניט. זיצסט באַם טיש און מאָלעגיירעסט.

זי האָט אויך ניט געקענט זען, בייס די מומע פלעגט אויספּוצן רייזקען מיט אײַזקען אַף שאַבעס און אַף יאָמטעוו. מיט איין וואָרט, אין פייגעלעס האַרץ האָבן זיך געוויקלט געפילן פון פײַנט און האַלט.

עס זײַנען געגאַנגען יאָרן, ניט קיין שלעכטע יאָרן פאַר אַלטערן מיט ברײַנען. זיי האָבן געהאָרעוועט מיט אַלע קויכעס. קיינמאָל ניט גענומען קיין באַהעלפערס, און יעדע אָפּגעשפּאָרטע פינף רובל אָדער צען האָט ברײַנע גלײַך אויסגעביטן אַף אימפּעריאַלן. זי האָט זיך ניט אַרומגעקוקט, ווי עס איז געקומען דאָס 1917-טע יאָר. עס האָט ניט געהאָלפן איר באַהאַוונטקייט, איר סייכל. עס איז געקומען א צײַט, און מע האָט מער ניט געקאָנט העקערן קיין זאַדיקעס. דער גאַנצער ייִכעס אין דער מישפּאָכע איז געוואָרן ביילע די אַלמאָנע מיט אירע יעסוימים: דער עלטסטער זון איז אַוועק אין בירגערקריג, צוויי עלטערע מיידלעך זײַנען אָנגעקומען זיך לערנען, די דרײַ קלענערע קינדער האָט ביילע אײַנגעאָרדנט אין א קינדערהיים.

יאָ, עס זײַנען געקומען אומגעריכטע אַנדערע צײַטן. נאָר פאַר פייגעלען איז אַלץ געבליבן, ווי געווען. ס'האָבן זיך געפונען ראַכמאָנעס-מענטשן, האָבן אָפּגעשטעלט פייגעלען אין גאַס און געזיפצט:

— נארעלע איינע, וואָס האָרעוועסטו פון פרי ביז באנאכט. מאָן איַין בא די טיַיערינקע קרוווים פאר דער גאנצער ציַיט, וואָס דו ביסט בא זיי פארשווארצט געוואָרן.

פייגעלע האָט געהערט און געשוויגן. אָבער אין הארצן האָט זי גע־טראכט: „צו טאָן גוטס איַילט זיך קיינער ניט מיט קיין אייצעס". דער מו־מען מיטן פעטער איז איצט געווען ניט צו דערקענען. ווייך צו איר, ווי א פוטער. פייגעלען איז דאָס דערווידער, אָבער זי האָט ראכמאָנעס אַף זיי און אַף רייזקען מיט איַיזקען. אין שטוב איז, אקוראט ווי ס׳וואָלט געלעגן א מעס. בייס בריַינע וויינט שטילינקערהייט, מאכט צו איר איַיזקע: „מא־מע, הער אוף, אז ניט, וועלן מיר אויך וויינען".

ס׳איז אוועק א יאָר, אָבער קיין בעסערע ציַיטן זיַינען ניט געקומען. אנומלטן האָט בריַינע געזאָגט צו אלטערן:

— זעסט דאָך, וואָס עס טוט זיך. מע זאָגט, אז יאנקל דער קאצעוו האָט מיט די אייגענע הענט אוועקגעטראָגן ביזן לעצטן צענערל. מיינסט, אז מע האָט אים געטרויט? ס׳הייבט זיך גאָרניט אָן! וואָס ער האָט געבראכט, האָט מען צוגענומען, און געהייסן ברענגען, וואָס ער האָט נאָך באהאלטן. איַי ער האָט מער ניט געהאט, ווער מעס אייסעק איז דאָס. האָט ער געמוזט גיין, ווו מע האָט אים געשיקט. און דער סאָף איז געווען, אז ער איז ווי אין וואסער אריַין.

— ער האָט דאָך אָבער געהאלטן געדונגענע העקערס, — האָט אלטער געפרווט איבערשלאָגן בריַינען.

— אז מע וועט דיך רופן אהינצו, וועסטו דאָרטן דערציילן, אז דו ביסט אויסגעריסן געוואָרן, שלעפנדיק די זאָדעקעס, אז די אויגן זיַינען דיר געקראָכן פון קאָפּ.

פייגעלע האָט עס געהערט. זי האָט ניט אינגאנצן פארשטאנען וואָס און ווען, אָבער זי האָט מיטגעפילט דער מומען מיטן פעטער.

אינמיטנדערינען האָט זיך בריַינע דערמאָנט, אז אין מאָסקווע דאַרף ערגעץ זיַין איר שוועסטערקינדס א זון. זיך דורכגעשמועסט מיט אלטערן וועגן דערוף, האָט ער באמערקט:

— בריַינעלע, נו גיי וויס, אזויפיל יאָרן אוועק. קיין איַינגעטונקענע פען ניט פון אונדז צו זיי און ניט פון זיי צו אונדז.

— וואָס רעדסטו, אלטער? עס ברענט דאָך די ערד אונטער די פיס. איך וועל פאָרן. כ׳וועל פרוון. ערגער פון ערגער קען ניט זיַין!

פייגעלע האָט דאָך ניט געהערט, וואָס די מומע מיטן פעטער שמועסן דורך די נעכט, און זי איז געווען געפלעפט, וואָס די מומע האָט אין איינעם א ווינטערדיקן טאָג אָנגעטאָן דעם וואָכעדיקן מאנטל מיטן פליכעוואטן פוקסענעם קאָלנער, גענומען א שווערע פארשמאָלצענע טאָרבע, וואָס מע האָט קוים געקענט אופהייבן, צוגערופן פייגעלען און אָנגעזאָגט:

— גיב אכטונג אַפן פעטער מיט די קינדער. ביסט שוין ניט קיין קינד, פייצקעלע, גאָט זאָל מיר העלפן, עס זאָל אויסגעפירט ווערן, וואָס איך וויל.

קיין וואָרט קיינעם ניט, ווו איך בין געפאָרן און ווען איך בין געפאָרן. א שלאָס זאָלסטו אופהענגען אף דײַן מויל, הערסט, פייצקע. — און צו אלטערן: — נעם די טאָרבע און קום צום וואָקזאַל.

אונטערוועגס האָט ברײַנע ארופגעצויגן אף זיך אזא ראַכמאָנעס־אָנבליק, אזא פאַריאָסעמטע עלנטקײַט האָט ארויסגעקוקט פון אירע אויגן, מע האָט געקאָנט מיינען, אז זי גייט ארום איבער די הײַזער און בעט נעדאָוועס. דער וואגאָן איז געווען געפּאַקט. ברײַנע האָט אוועקגעשטעלט די שווערע טאָרבע, זיך געזעצט אף איר. פון דער צווייטער טאָרבע האָט זי ארויסגענומען א הערינג און געזאָגט צום רויטארמייער, וואָס איז געזעסן לעבן איר אף דער פּאָדלאָגע:

— נעם, גאָלובטשיק, — האָט זי אויסגעשטרעקט צו אים דעם הערינג, — כ׳וואָלט געהאט ברויט, וואָלט איך דיר געוויס ניט געזשאַלעוועט.

— קיין ברויט האָב איך אויך ניט. א סוכאַר, אויב איר ווילט. מירן קומען צו א סטאנציע, וועלן מיר נעמען קיפּיאַטאָק, אײַנווייקן די סוכאַרעס, וועט עס זײַן צום הערינג אקוראַט, מומינקע.

אזוי איז עס טאקע געווען. אף א סטאנציע איז דער רויטארמייער אראָפּגעשפּרונגען. ער האָט געבראַכט זודיקע וואסער, און ברײַנע האָט האַנאָע געהאט פון אײַנגעווייקטן סוכאַר מיט א שטיקל הערינג. דער צוגעלאָזטער ווילער רויטארמייער זאָל געווען האָבן צען קעפּ, וואָלט ער ניט געטראָפן, וואָס עס ליגט אין דער צעקאָדערטער טאָרבע, אף וועלכער ברײַנע איז געזעסן. נאָך דעם הערינג מיט די סוכאַרעס האָט דער רויטארמייער געכאַפּט א גוטן שלאָף, דערנאָך איז ער אראָפּגעקראָכן פון זײַן געלעגער און האָט גוטזעליק געזאָגט:

— מומינקע, ווײַבאַלד ס׳האָט אונדז אזוי אָפּגעגליקט און מיר האָבן א גאַנצע באַנק, לייג זיך צו, און איך וועל זיצן בא דײַן צופוסנס.

ברײַנע האָט אזוי געטאָן, געשיקט אוועקגעלייגט די טאָרבע צוקאָפּנס, אף וועלכער זי איז געזעסן, די אנדער טאָרבע אוועקגעשטעלט צווישן זיך און דעם רויטארמייער און אָנגעזאָגט:

— זונעלע, אָט דאָ אין דער טאָרבע ליגן בא מיר עטלעכע זעגעלער צוקער, נעם דיר. איך וועל שוין קיין זאַך אין מויל ניט נעמען, איך פאָר פון א לעווײַע, — און ברײַנע האָט זיך צעווײַנט מיט עמעסע טרערן.

אָט מיט דעם רויטארמייער איז ברײַנע געפאָרן ביז מאָסקווע, און ס׳איז איר אויסגעקומען ארויסצונעמען נאָך צוויי הערינג, צוקער האָט זי אויך ניט געשפּאָרט. אף מאָסקווער וואָקזאַל האָט זי זיך הארציק מיט אים געזעגנט און אים געשענקט א טוץ זיכער־נאָדלען, וועלכע מע רופט אויך ענגלישע שפּילקעס.

ביז ברײַנע נעכטיקט אפן וואָקזאַל, געפינט דעם אדרעס פון איר גלידשוועסטערקינד, איז פייגעלע אינדערהיים די גאַנצע באַלעבאָסטע. פּאַר-

שטייט זיך, מינסק איז ניט צו דערקענען. עס גייען ארום פּוילישע זעלנער אין קאָנפעדעראטקעס, זיי באַלעבאַטעווען פון דער ברייטער האנט און זײַנען באהערשט פון ווידערגעפילן צו ייִדן, דערהויפּט צו ייִדישע בערד... עס איז גלײַכער צו זיצן אין שטוב. אָבער די נעשאָמע קאָן מען ניט אויסשפּײַען. פייגעלע מוז קריגן וואָס מע דאַרף. אלטער איז ניט זייער צעטראָגן, וואָרעם פייגעלע זעט אויס, ווי א קינד. ס'איז טאקע ווי די שכיינים האָבן געזאָגט: „זי וואַקסט אַף צוריק. דערצו איז זי דער טאטע, אַלעוואהאשאָלעם, מיט די ביינער: די האָר געל, די אויגן אונטערגעלאַמעוועט מיט געלינקע וויִעס, דער דאַרער שטאָלט האָט קיין שום מיידלשן סימען ניט. בייס פייגעלע קומט פון גאס, איז אלטער מאמעש פאַרוואונדערט און ער טראכט: „ווער וועט זי נעמען. נעבעך, א קראַסאַוויצע". רייזקע און אײַזקע זײַנען קיינמאָל ניט הונגעריק. עמעס, פײַנקוכנס, קאקאָא זײַנען פאַרשוואונדן... אָבער פייגעלע קומט קיינמאָל ניט מיט ליידיקע הענט: בולבע, ברויט עסט מען צו זאט. אין שטוב איז ריין, אַלע וואַך מאכט פייגעלע א גרויס געוועש. וואָס זי באַווײַזט ניט באַטאָג, טוט זי באנאכט, בייס דער פעטער מיט די קינדער שלאָפן.

פייגעלעס מאמע,ביילע, קומט זעלטן. קומען קומט זי נאָר, ווײַל זי ווייל ארויסראטעווען איר טאָכטער פון „בורזשויסקע הענט". קיין אנדערע ווערטער האָט זי ניט פאַרן שוואָגער מיט דער שוועגערן.

— טאָכטער מײַנע, וועסט אין דער היים האָבן א ביסל ווינציקער בולבע, — זאָגט ביילע מיט הארץ, — מיט וואָס האָבן זיי דיך אזוי צוגענאַדעט, מיט די אוועקגעשוווּמענע זאַדעקעס? אָן אומגליק אַף זייערע קעפּ! ווי זיי האָבן דאָס דיך צוגעקיטעוועט צו זיך, דאַרפסט ניט קיין מאמע, ניט קיין שוועסטער, ניט קיין ברידער.

פייגעלע שווײַגט און וואַרט, די מאמע זאָל שוין אוועקגיין. אנומלטן האָט אלטער אומדערוואַרט דערהערט ביילעס רייד. און ער האָט א געשריי געטאָן:

— האָב גאָט אין הארצן, ביילע. וואַרט א ביסעלע, ברײַנע וועט מירצעשעם קומען, וועל איך שוין זען, אז פייצקע זאָל אין מײַן גוואַל ניט זײַן!

דערהערט אזוינע רייד, האָט פייגעלע אַנגעקוקט דעם פעטער און אזוי פארמאכט די טיר, אזש די שויבן האָבן געקלונגען. אלטער האָט קאַלטבלוטיק א מאך געטאָן:

— וואָס קלאָגסטו? קיינער טרײַבט דיך ניט. אָבער דו דאַרפסט זאָגן דײַן מאמינקען, אז איר דורך זאָל דאָ ניט זײַן!

די צײַט האָט ניט צוגעמאזלט די פּאָליאקן. זיי האָבן זיך געמוזט אָפּטראָגן. אין מינסק איז ארײַן די רויטע ארמיי. טאקע דעמלט איז אָנגעקומען א קורץ בריוול פון ברײַנען — אָן אויסגוס פון קרומע, צעבויטעטע שורעס: „ערשטנס, קום איך דיר צו מעלדן, מײַן מאַן, אז די ווינטערדיקע

זאכן, וואָס זײַנען געלעגן אין יענער טאָרבע, האָב איך געבראַכט גאַנצינ-קערהייט; ווען איך האָב געזוכט, האָב איך געפונען, מײַן גלידשוועס-טערקינד האָט מיך גאַנץ גוט אופגענומען. כ'האָב געדונגען צוויי קאָמנא-טעס אין פערלאָוקע. פאַק, וואָס עס לאָזט זיך. וועגן דער סכוירע, וואָס מיר האָבן אָפּגערעדט, זאָלסט אַרײַנלייגן אין די אַלטע פּושקעס, דאַרף איך דיר ניט דערמאָנען. נעם די קינדער מיט פייצקען, וואָדעם פייצקע איז בא מיר די זעלבע זאַך, ווי ראָזעלע מיט אײַזיקלען. איך שרײַב דיר דעם אַד-רעס, און קלאַפּ מיר גלײַך אַ דעפּעש. געדענק, וואָס עס זאָגט דיר דײַן ווײַב ברײַנע, מע זאָל נאָר זײַן געזונט און ניט וויסן פון קיין צאַר".

ברײַנע האָט אָבער ניט געשריבן, פאַרוואָס זי האָט ניט געוואָלט באַ-לעסטיקן איר גלידשוועסטערקינד. זי האָט גלײַך פאַרשטאַנען, אַז ס'איז געזוינטער פאַר איר ניט צו זײַן אונטער איין דאַך מיט גריגאָרי יאַקאָוולע-וויטש, אַזוי האָט מען גערופן דעם קאָרעוו. זי האָט פון ערשטן טאָג פאַר-שטאַנען, אַז ער איז אַף אַ זייער וואַזשנער שטעלע. ער פלעגט אַוועקגיין גאַנצפרי און קומען ווײַט נאָך האַלבער נאַכט. זי האָט צו אים געפּרוווט ריידן ניט קיין אָפענע רייד:

— הירשל, — האָט זי געזאָגט, — איך קאָן ניט באַנעמען, מיר זײַנען דאָך ניט קיין פרעמדע, רעדסט צו מיר אַ וואָרט ניט אויס, רירסט זיך ניט צו צו דערוף וואָס איך קאָך. קומסט אָפּ מיט אַ וואַבלע, אפילע די הירשגע-זשענע גריץ, וואָס זיי גיבן דיר, נוצסטו ניט. ווערסט, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, קראַנק ווערן. וועלן דײַנע כאַווײרים ניט גרײַלעך זיך נעמען צום האַרצן.

הירשל האָט זי איבערגעשלאָגן און גאַנץ האַרט באַמערקט:

— איך אַרבעט פאַר זיך, ניט פאַר זיי. אַלע עסן וואַבלע, עס איך אויך וואַבלע. איר ווייסט דאָך, אַז מײַן מאַמע האָט אפילע אַף שאַבעס קיין פלייש ניט געהאַט. דער טאַטע האָט מיר פאַרן טויט אָנגעזאָגט: „הירשקע, טו פאַר דער וולאַסט וויפל דײַנע קרעפטן טראָגן, געדענק מײַנע ווערטער".

נאָך דעם קורצן שמועס האָט ברײַנע אָנומלטן געפרעגט:

— הירשל, דו ביסט אין זייער פּאַרטייע?

— איך בין אין מײַן פּאַרטיי, — האָט ער אָפּגעשניטן, ווי מיט אַ מע-סער.

נאָך הירשלס ענטפער האָט שוין ברײַנע געוווּסט, וואָס זי דאַרף טאָן. אַלע טאָג איז זי מיט דער פאַרשמאַלצענער, צעקאַדערטער טאָרבע געלאָפן איבער דער שטאָט. און עס האָט איר אָפּגעגליקט. באַם קורסקער וואָקזאַל האָט זי זיך באַגעגנט מיט אַ ייִדענע, און יענע האָט ברײַנען צוגערעדט צו דינגען אַ דירע אין פערלאָוקע.

בײַם ברײַנע האָט באַגעגנט אַפן ווײַסרוסישן וואָקזאַל אַלטערן מיט די קינדער, האָט זי אַרומגעכאַפּט פייגעלען און זי געקושט מערער ווי די איי-

געגנע קינדער. אָבער ניט קוקנדיק אויף דעם, זיינען אירע געדאַנקען, ווי אַלעמאָל, געווען קלאָר און ניכטער. זי האָט שטיל געפרעגט אַלטערן:

— ווו זיינען די שווערע פּושקעס?

— אָט אין דעם קאַרב, — האָט אַלטער געוויזן אויפן קאַרב, אין וועלכן זיי פלעגן לאַנגע יאָרן האַלטן געבליבענעם כאָמעץ אויפן בוידעם.

בייס דער איזוואָזטשיק האָט געוואָלט נעמען דעם קאַרב, האָט אים ברײַנע אַרויסגעכאַפּט פון זײַנע הענט און מיט האַרץ צו אים גע־זאָגט:

— וואָס כאַפּסטו איר זיך צו דערויף, נעמט בעסער דאָס בעטגעוואַנט. אַלטער, געגנעך ניט, נעם די קאַרזינע. וואָס האָסטו דאָס געשלעפּט? געקענט לאָזן די מעציע אויפן בוידעם.

— איך האָב טאַקע געזאָגט דעם פעטער, ער זאָל ניט שלעפּן די טראַנטע.

— ביסט א כאַכאָמע, פייצקעלע. ס׳מאַכט אָבער ניט אויס, מירן האַלטן אין דער קאַרזינע ברודיקע גרעט, — האָט ברײַנע גוטמוטיק פאַרענדיקט דעם שמועס.

ווי פייגעלע האָט דענסטמאָל ניט געוווּסט, פאַרוואָס ברײַנע נעמט גראָד די טאַרבע, וואָס מע דאַרף אַרויסוואַרפן, אַזוי האָט זי ניט געוווּסט, וואָס דער פעטער האָט אַרײַנגעפּאַקט אין אַלטן קאַרב. אָבער ווען זי קוקט אַפילע יאָ אַהין אַרײַן, וואָלט זי ניט אָנגעהויבן פאַרשטיין וואָס און ווען. דאָרטן זיינען געלעגן עטלעכע בלעכענע אַלטע פּושקעס פון לאַנדרינקעס. מיט די דאָזיקע פּושקעס האָט אַלטער זיך געײַסעקט פאַרן פאָרן היפּשע עטלעכע נעכט, ביז ער האָט אין זיי געמאַכט א דאָפּלטן דעק. ווען ער האָט עס אויסגעפּאַרטיקט, האָט ער אַהין אַרײַנגעלייגט אַלץ, וואָס זיי האָבן אָפּגע־שפּאָרט, פאַרמאַכט די דאָפּל-דעקן, אָנגעשאָטן אַרבעס, בעבלעך, לינדזן, פערלגרויפּן, און דאָס האָט געוואָלט באַשירעמען און באַוואָרענען דאָס, וואָס ס׳איז געלעגן צווישןביידע דעקן...

אַלטער האָט געוווּסט פון ערשטן טאָג, אַז ער דאַרף אַלעמאָל און אוּ־מעטום ראַק שווײַגן, טאָן, ווי ברײַנע זאָגט. ער האָט גוט געדענקט, אַז אין א צוויי יאָר אַרום נאָך דער כאַסענע האָט ברײַנע צו אים געלאַסן און רויִק געזאָגט:

— הער זיך אײַן, מײַן מאַן. אויב אַן אייגענע מוטער שרײַט אויף איר קינד: „מאַמזער”, זאָל מען איר טרויען. אָבער אַז דו הערסט, ווי דײַן ווײַב ברײַנע טײַנעט קעסיידער צו די קאַצאָווים: „מײַן אַלטער איז קלוג, ווי די וועלט”, זאָלסטו וויסן, אַז דאָס איז גוט קאַפּויר.

אַלטערן איז דאָס דאָן אַרײַן אין דער זיבעטער ריפּ. ער האָט א לאַנגע צײַט ניט פאַרגעסן, ווי דעם ווײַבס שוואַרצע אויגן האָבן געברענט, בייס זי האָט עס צו אים געזאָגט. ער איז געווען אויסער-זיך, וואָרעם אַזאַ שפּריכוואָרט ווען „דער מוטער מיטן מאַמזער” האָט ער ביז דעמלט פון קיינעמס מויל ניט געהערט.

אין פערלאָוועקע, ווו ברײַנע האָט טאַקע געדונגען די צוויי צימערן, זײַנען געווען ניט קנאַפּ ייִדן. און ברײַנע האָט זיך פאַר זיי געהיט, ווי פאַר פײַער. דאָס אויסקומעניש האָט זי געמארקירט אַזוי, ווי זיי וואָלטן אַפן ביסן ברויט ניט געהאַט. נאָר פאַר די קינדער האָט זי אַלע טאָג גענומען מילך. דערבײַ אָנגעזאָגט:

— פייצקע, דו ביסט ניט קיין אייפעלע, קוק זיך אײַן, וואָס פון אונדז איז געוואָרן. די מילך איז פאַר רייזעלען מיט אײַזיקלען. כ׳וועל זיך ארומקוקן, גאָט וועט אונדז צושיקן ארבעט, ס׳וועט אונדז ניט זײַן אַזוי ענג אין שוך, וועלן מיר אַלע טרינקען א גלאָז מילך.

דאָס איז בעמיילע געווען איבעריקע רייד. פייגעלע וואָלט זיך ניט צוגערירט צו דער מילך. אינדערוואָכן אַלע טאָג — א געקעכץ פון בולבע מיט גרויפּן. אָפּ שאַבעס פלעגט ברײַנע נעמען צוויי פונט פלייש. דערבײַ האָט זי זיך געווערטלט:

— דער קוגל וויינט טאַקע מער ניט, ער איז, נעבעך, פארמאָגערט. אָבער דו מײַן מאַן, זאָלסט לאַכן.

אנומלטן באַנאַכט האָט אַלטער ברײַנען ארײַנגעשושקעט אין אויער:

— אין די פושקעס ליגט, און מיר באַקן בייגל. ס׳קומט אויס, אַז מיר האָבן אפילע ניט אָפּ קיין בולבע? א שיינער טאַכלעס, אזא יאָר אָפּ מײַנע סאָנים.

— האָב צײַט, מײַן מאַן, איך בין געווען אָפּ טישינסקע מארק, האָב איך זיך דאָרטן דורכגערעדט מיט א העקער, וועסטו ווערן זײַן באַהעלפער, וואָרעם, אַז מע קען ניט ארויף, מוז מען אראָפּ. לאָז צומאַכן אַן אויג.

אַזוי איז טאַקע געווען. און אַלטער פלעגט איצטער אַלע טאָג קומען פון מאָסקווע גראָד ניט מיט קיין ליידיקע הענט. איצטער איז שוין אַלע טאָג געווען פליישיק געקעכץ. אָבער ברײַנע איז ניט געווען פון די, וואָס גייען צוויי פאַר א דרײַער. זי האָט זיך אויך געשטעלט אין א פּאַלאַטקע, וואָס האָט געהאַנדלט מיט דרויב, און עס איז געוואָרן א היפשער אָנשפּאַר אין שטוב. פייגעלען האָט קיין ארבעט ניט געפעלט. דער קוגל האָט שוין איצטער „געוויינט". ברײַנע פלעגט ברענגען קישקעס, מאָגנס, לונגען און לעבער. פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט איז פייגעלע געווען אין האַרעוואַניע. זי האָט פארגעסן, אַז זי האָט אין מינסק א מאַמע מיט שוועסטער, און בייס ברײַנע האָט פאַר אײַזיקלען געפונען א שטעלע אין אן ארטעל, טאַקע דאָ אין פערלאָוועקע, האָט פייגעלע געפּרוווט ארײַנוואַרפן אן אייצע:

— מומע, זאָל ער בעסער גיין זיך לערנען.

— כ׳וועל זיך באַגיין אָן דיר, פייצקע. ער וועט וועלן, וועט ער געפינען צײַט צו לערנען. איצטער דאַרפן אַלע ארבעטן.

אָפּ דעם איז געבליבן. אײַזיקל איז אוועק אין אן ארטעל פון זייגערמאַכערײַ. לערנען זיך האָט ער ניט געוואָלט. רייזעלע האָט זיך יאָ געלערנט. כאָטש קיין אָפענעם קאַפּ האָט זי ניט געהאַט, אָבער בא ברײַנען

האָבן אַלע געטאָן, וואָס זי האָט געהייסן. זי האָט אנומלטן געזאָגט צו דער טאָכטער:

— לערן זיך, זײַ א מענטש. דו מיינסט, אז דו האָסט א שיינע צורקע, וועט מען דיך אויסכאַפּן. גלאָמפּן זײַנען איצט קיין סכוירע ניט. געדענק, טו, ווי איך זאָג, וועסט קיין כאַראָטע ניט האָבן.

אַלע טאָג זײַנען אַלטער מיט ברײַנען גאַנצפרי געגאַנגען צום באַן. אין יענע יאָרן איז מען פון פערלאָווקע קיין מאָסקווע געפאָרן מיט א פּאַראָוואָז. פאַר פייגעלען איז קורץ געווען דער טאָג: ברענגען וואַסער, אופּראַמען, מאַכן א געוועש, ווייקן און זאַלצן אַפילו כאַזערשע דרויב, וואָס ברײַנע פלעגט ברענגען. עס איז געווען, ווי דאָס ווערטל זאָגט: „די מילך בריט זיך, די קישקע פּילט זיך, דאָס פלייש ווייקט זיך, און דאָ בין איך א מענטש אַליין און אַלע וואָך איז ערעוו שאַבעס". אײַזיקע און רייזקע האָבן דאָך קיין האַנט אין קאַלט וואַסער ניט אַרײַנגעטאָן. אַלטער מיט ברײַנען זײַנען גאַנצע טעג געווען אַף זייערע שטעלעס. די באַלעבאָסטע, בא וועלכער זיי האָבן געדונגען די צימערן, האָט איינמאָל א זאָג געטאָן צו פייגעלען:

— פאַניע, קום אהער. לאָמיר א ביסל זיצן אַף דער טעראַסע. אַרבעט איז ניט קיין וואָלף, ס'וועט אין וואַלד ניט אַנטלויפן.

פייגעלע האָט אַזוי אָנגעקוקט די באַלעבאָסטע, גלײַך יענע האָט זי גערופן אונטערצינדן די שטוב.

דאָס אָנטאָן, וואָס מע האָט געבראַכט פון מינסק, איז געלעגן פאַרפּאַקט. די גאַנצע מישפּאָכע איז געווען אויסגעקליידט אַף לײַטיש געלעכטער. נאָר פייגעלע שענער פון אַלעמען: א מולטן פּאַרלאַטעט קלייד ווינטער, א ציצן אויסגעלאַטעט כאַלאַטל זומער. די שיך אויך א לאַטקע אַף א לאַטקע, ווי שופּן אַף פיש. ברײַנע האָט ווי אין צוואַנגען געהאַלטן יעדער רובל. וועגן דעם, וואָס איז געלעגן צווישן די דאָפּל-דעקן, האָט אין שטוב קיינער ניט געוווּסט. שוין אָפּגערעדט, אז ברײַנע זאָל לאָזן אַלטערן זיך צורירן דערצו.

עס איז געקומען דער נעפּ. אַלטער האָט א פרעג געטאָן:

— ווי מיינסטו, מײַן ווײַב, עס פּיקט מיר אין מויעך, אז מיר האָבן בעיאַד צו שטיין בא אן אייגענעם קלאָץ.

— דיר דוכט זיך. געזונט זאָלסטו זײַן, מײַן מאַן. מיט א פלינקער האַנט איז גוט צו כאַפּן פליי. זאָלסט ניט סמייען נאָכאַמאָל דאָס אַרויסצוברענגען פון דײַן מויל. זײַ א העקער בא דער גאָסודאַרסטווע, קוק און שווײַג, וועסט קיין כאַראָטע ניט האָבן.

ברײַנעס פאַרמאַכטע הענט האָבן זיך אָפּט געעפנט פאַר דער באַלעבאָסטע. א שטיקל כאַזערשע לעבער, א מילץ, א שעפסן צינגל. זעלטן, אַפילו א רעכט שטיקל פלייש. און פּאַוואָליע האָט זי אַזוי אַרומגעשטעקט די באַלעבאָסטע, אז ברײַנע האָט אין א קורצער צײַט אַרום אַרײַנגעלייגט אין שופלאַדל פונעם טיש א קאָנטראַקט אַףביידע צימערן מיט דער ווע-

ראַנדע אַף גאַנצע פופצן יאָר. דערבײַ איז ברײַנע געבליבן די זעלביקע גוטע שיינע, ווי פריִער. די באַלעבאָסטע האָט אַלע טאָג אָפּגעלעקט אַ ביינדל. און ברײַנע האָט בא איר געפּויעלט, מע זאָל איבערמאַכן די אייוועלעך, אַז זיי זאָלן זיך הייצן אין דער באַלעבאָסטעס צימער. אָבער די איִבעריקע דרײַ ווענטלעך האָבן זייער גוט געוואַרעמט ברײַנעס ביידע צימערן. געוויס האָט ברײַנע ניט געקאָנט פאָרויסזען, ווי די צײַט וועט קערעווען, אָבער איין זאַך האָט זי גוט געוווּסט: וואָס מער אַלטער מיט די קינדער וועלן זי פאָלגן, אַלץ בעסער וועט זײַן פאַר אַלעמען. אַזוי האָבן זיי זיך געלעבט הינטער מאָסקווע. אײַזיקע איז שוין געווען קימאַט אַ גאַנצער מאַנצבל. דאָס ווערטל זאָגט: „דאָס עפּעלע קײַקלט זיך ניט אַוועק ווײַט פון בוים“. אָבער ברײַנע איז גאַנץ גערעכט, בייס זי טוט אַ פּאַטש אין די לענדן און גיסט אויס איר בייזווּנדער:

— פונוואַנען, פון וואָס האָט זיך צו מיר גענומען אַזאַ בראָך, אַזאַ פּוילער, אַזאַ פּעפער!

אײַזיקע הערט און מאַכט זיך שלאָפנדיק. זאָל אַ דונער טרעפן, וועט ער די קאָלדרע פון קאָפּ ניט אַראָפּציִען, וועגן זונטיק איז אָפּגערעדט. זונטיק עסט ער פרישטיק, ווען גוטע לײַט עסן וועטשערע. רייזקע איז גאָר אַן אַנדער זאַך. זי פּוצט די נעגל, קעמט די האָר צען מאָל אַ טאָג, לאָזט ניט אַרויס דאָס שפּיגעלע פון די הענט. פייגעלע קוקט אַף איר און שעפּט נאַכעס. רייזקעס האָר זײַנען פּעך-שוואַרץ, די אויגן טיף, אויך שוואַרצע, די וויִעס לאַנגע, קליינע הענט, דינע לאַנגע פינגער, אַזוינע דינע, אַז ברײַנע ווערטלט זיך:

— ווי וועט זי אויסקומען מיט די לאָקשלעך?

דאָס איז ניט אַזוי, רייזקע וויל ניט, אָבער זי קאָן טאָן מיט אירע פינגער אַלץ, וואָס מע דאַרף. זיי זײַנען טאַקע דין און לאַנג, ווי לאָקשן, פאַרבויגן אַף אַרופצו, אָבער זיי זײַנען שטײַף און געניט, זיי קאָנען פאַנאַנדערפלאָנטערן אַ סאַמע פאַרפלאָנטערטן קנויל, אַרויסנעמען אַ העלצעלע פון פייגעלעס אַ פאַרשטאָכענעם פינגער. אַנומלטן האָט ברײַנע געבראַכט מילגרוימען פאַר די קינדער, געקוקט ווי רייזקע נעמט אַרויס די דרײַקאַנטיקע רויטע יאַגדעלעך פונעם שאָלעכץ און האָט אַ זאָג געטאָן:

— ווייסט, טאָכטערל, מיט דײַנע פינגערוטשקעלעך וואָלסטו געקענט אַרײַנלייגן די קערנערלעך צוריק, ווי די פּריראָדע האָט זיי דאָרטן אַרײַנגעפּאַקט, איך זאָל אַזוי לעבן!

פייגעלע האָט עס געהערט אָבער ניט געשוויגן, ווי אַלעמאָל:

— צונויפלייגן אַזוי־ווי די פּריראָדע האָט עס געמאַכט, וואָלט קיינער ניט קאָנען. דאָס איז אַזוי, ווי מע וואָלט פאַנאַנדערגענומען און צונויפגעלייגט די אייגענע גלידער.

דאָס האָט ברײַנען פאַרווּנדערט, זי האָט אָנגעקוקט פייגעלען, ווי זי וואָלט זי דאָס ערשטע מאָל דערזען. ווײַל ברײַנע איז דאָך געווען פון די מענטשן, וועלכע זײַנען זיכער, אַז סייכל איז נאָר בא זיי. זי האָט קיינמאָל

ניט כּוישעד געווען, אַז אונטער פֿייגעלעס געלבע האָר דרייען זיך וועלכע-ניט-איז געדאַנקען. זי האָט געהאַלטן נאָר פֿון זיך, וואָרעם זי האָט גוט געוווּסט, אַז אין מינסק, און אויך איצט אָף טישינסקע מאַרק רופֿן זי אַלע ניט אַנדערש, ווי „כאַכמאַניעס".

ביינע-לעביינע איז אַלטערן געוואָרן ניט מיט אַלעמען. בריינע האָט זיך דערמאָנט אין איר גלידשוועסטערקינד. זי איז אַוועקגעפֿאָרן צו אים און געזאָגט:

— הירשל, דו קענסט זיך דערשלאָגן צו אַלעמען. דער פֿעטער אַלטער שלאָפֿט ניט דורך די נעכט, עס טוט אים ווי אינווייניק.

און הירשל איז מיט אַלטערן געפֿאָרן צו אַ פּראָפֿעסאָר. יענער האָט אַלטערן גוט באַטראַכט, אים אַרויסגעשיקט פֿון קאַבינעט און געזאָגט הירשן געציילטע ווערטער:

— דאָס איז אייער פֿאָטער? ס'איז אים געבליבן ניט לאַנג צו לעבן. עפּעס האָט מיט אים געטראָפֿן. איך האָב אים געפֿרעגט, געבעטן, ער זאָל מיר דערציילן, אָבער ער שווייגט. מער קאָן איך אייַך גאָרניט זאָגן.

אַלטער האָט ניט נאָר געשוויגן באַם פּראָפֿעסאָר, מיט בריינען האָט ער די לעצטע צייט אויך ווינציק גערעדט. אַמאָל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַמאָל אונטערגעברומקעט, עס האָבן אים געעקבערט די פּושקעס מיטן אויצער, וואָס זיינען געלעגן אין קאָרב. און אַזוי ווי דער פּראָפֿעסאָר האָט געזאָגט הירשלען, אַזוי איז געווען. אין אַ כוידעש אַרום האָט אַלטער שוין ניט געקענט שלאָפֿן פֿון ווייטעק און אינגיכן איז ער אַוועק, פֿונוואַנען מע קומט ניט צוריק.

ערשט איצט האָט זיך בריינע אַנטפּלעקט אין דער פֿולער מאָס. נאָך שלוישים האָט זי זיך מעיאַשעוו געווען טאַקע, מיט זיך אַליין און באַשטעלט דריי מעזוזעס מיט גאַנץ גראַמע שיידלעך. אַזוי ווי אירע קינדער און פֿייגעלע האָבן, ווי אַלע יונגע, גוט געשלאָפֿן, וואָלט זי דאָס געקאָנט טאָן באַנאַכט אויך. אָבער אין איינעם אַ זונטיק האָט זי אַוועקגעשיקט די קינדער מיט פֿייגעלען צו הירשלען, געגעבן פֿייגעלען דעם שלאָס מיטן שליסל און אָנגעזאָגט:

— פֿייצקע, הענג אויף דעם שלאָס, פֿאַרשליס, דעם שליסל נעם מיט. איך פֿיל זיך ניט אַזוי גוט, וועל איך זיך אַ ביסל צולייגן.

ביז אַלע זיינען אַוועק האָט זי פֿאַרצויגן די גאַרדינקעס, אַרויסגעשלעפּט דעם קאָרב פֿון אונטערן בעט, אַרויסגענומען אַ פּושקע, אויסגעשאָטן די בעבלעך, אַראָפּגענומען דאָס דאָפּל-דעקל, אויסגעשאָטן פּאַוואָליע, עס זאָל ניט קלינגען אָפּן געלעגער די בלענדנדיקע צענערלעך און פֿינפֿערלעך, זיי אַריינגעפּאַקט אין די מעזוזע-שיידלעך, אַרופּגעלייגט פֿון אויבן די געוויסע טפֿילע, אַזוי געטאָן מיט די איבעריקע, ווי געהעריק צוגעקלאַפּט צו די ביישטידלעך, גוט פֿאַרגעדענקט וויפֿל זי האָט אַריינגעלייגט, געטייַנעט אין האַרצן, ווי פֿון אַ טכינע „טאַטענקע אין הימל, דו אַליין האָסט דאָך אַריינגעשיקט דער עלנטער אַלמאָנע דעם סייכל, האָב

קיין פֿאַריבל ניט, וואָס דייַן הייליקער נאָמען ליגט אין דעריין, וואָס איך האָב אַרייַנגעלייגט". און בייס פֿייגעלע איז געקומען און האָט אָפּגעשלאָסן די טיר, איז די מומע טאַקע געלעגן און געכאַפּט אַ דרעמל. זי האָט אָבער גוט געהערט פֿייגעלעס גרינגע, שטילע טריט און האָט אַ טראַכט געטאָן: „קאָשערע בעהיימעלע, אַ ביסעלע היי איז פֿאַר דיר דער בעסטער מייַכל". עס איז דאָ אַ ווערטל „אַ גוטער שווימער ווערט דערטרונקען". דאָ וואָלט געפּאַסט צו זאָגן „קיינער באַנאַרישט זיך ניט אַזוי, ווי דער קלוגער". געניט באַהאַוונט איז ברייַנע געווען, קיין סייכל האָט איר אויך ניט געפֿעלט. פֿונדעסטוועגן האָט זי ניט אָנגעהויבן צו וויסן, אַז די באַלעבאָסטע האָט דורכגעשניטן די אָביצעס פֿון טיר, באַ וועלכער די בעט איז געשטאַנען, און זי האָט ניט איין מאָל געזען, ווי ברייַנע שלעפּט אַרויס דעם קאָרב פֿון אונטערן בעט, נעמט אַמאָל אַרויס אַ פּושקע, און נאָך איינע, אָדער קוקט אַרייַן אין קאָרב, כאָטש דער באַלעבאָסטע האָט זיך אין בעסטן כאָלעם ניט געקענט כאָלעמען, אַז זי זעט די עמעסע מאָנפּאַנסיע-פּושקעס. פֿונדעסטוועגן, בייס ברייַנע איז ניט געווען אין שטוב, רייזקע און אייַזקע זייַנען אויך אַוועק און פֿייגעלע האָט באַ דער קאָלאָנקע געשווענקט גרעט, האָט די באַלעבאָסטע אויפֿגעריסן די טיר, אַרויסגעשלעפּט דעם קאָרב צו זיך און, ווי נאָר זי האָט אַרויסגענומען די ערשטע פּושקע, אַראָפּגענומען דאָס דעקל, דערזען פֿערלגרויפּן, אַ טרייסל געטאָן — גלייַך פֿאַרשטאַנען, אַז קיין שום גרויפּן אויף דער וועלט קאָנען ניט זייַן אַזוי שווער. זי האָט אין אייַלעניש אַרויסגענומען די איבעריקע פּושקעס, אַרונטערגעלייגט אונטער דער פּערענע, דעם ליידיקן קאָרב אַוועקגעשטעלט, וווּ ער איז געשטאַנען, פֿאַרקלאַפּט די טיר פֿון יענער זייַט, ווי עס איז געווען, מיט גאַזעטן פֿאַרקלאַפּט די שפּאַרונעס, וואָס זי האָט דורכגעשניטן, אַוועקגעלייגט זיך אין בעט, אייַנגעדעקט זיך מיט צוויי קאָלדרעס, ווייַל עס האָט זי געטרייסלט, ווי אין קאַדאַכעס, כאָטש עס איז געווען זומער.

אין אַ וואָך אַרום האָט זי געזאָגט צו ברייַנען:

— איך פֿאָר אַוועק צו מייַנעם אַ ברודער. איר קאָנט פֿאַרנעמען אויף דער צייַט וואָס איך וועל ניט זייַן, די גאַנצע כאַטע.

— איר פֿאָרט אויף לאַנג? — האָט ברייַנע געוואָלט וויסן.

— דערווייַל ווייס איך ניט. אויב דעם ברודערס ווייַב איז ניט קיין סטערווע, וועל איך בלייַבן אויף איבער ווינטער. דאָ האָב איך קיינעם ניט, ווער דאַרף מיך דאָ?

— וווּ וווינט אייַער ברודער?

— פֿונדאַנען זעט מען ניט. אָבער ס'איז אַ מעהאַלעך. פֿריִער מיטן באַן, דערנאָך מיטן שיף. ווינטער קענט איר הייצן מיט מייַנע האָלץ. כ'וועל קומען אויף אַן אָרט, וועל איך עפּשער צו וויסן געבן.

דער באַלעבאָסטעס זאָג „הייצט ווינטער מיט מייַנע האָלץ" איז אין פֿלוג ברייַנען אויסגעקומען מאָדנע. אָבער דערווייַל איז זי געווען זייער פֿאַרוווּנדערט, וואָס הירשל קומט גאַנץ אָפֿט, זיצט מיט פֿייגעלען אויף דער וועראַנ-

דע און שמועסט מיט איר. „וואָס האָט ער מיט איר צו ברײַען? — האָט זיך ברײַנע געוווּנדערט”. אָבער, ווי ס'ווײַזט אויס, האָט הירשל גראָד יאָ געהאט וועגן וואָס צו ריידן מיט פייגעלען. יעדער מאָל האָט ער מיט איר אײַנגע־טײַנעט:

— פאניטשקע, מיט וואָס האָבן זיי דיך צוגעקישעפּט? וואָס לייגסטו אַף זיי דײַנע אַלע קויכעס?

פייגעלע פלעגט שאָקלען מיטן קאָפּ אַף יאָ, אָבער דערווײַל איז געבליבן, ווי ס'איז געווען.

און ערעוו ראָשעשאָנע האָט ברײַנע גוט פארשטאַנען פארוואָס די באַ־לעבאָסטע איז געווען אזוי ברייטהארציק.

צו יאָמטעוו האָט פייגעלע געקאַלכט די שטוב. ברײַנע איז געקומען פון דער ארבעט, האָט דערזען דעם געווישן קאָרב אַף דער ווערענדע און האָט א געשריי געטאָן:

— פייצקע, וואָס האָסטו ארויסגעשלעפּט די קאָרזינע פון אונטערן בעט און אוועקגעשטעלט אינדערמיטן ווערענדע, מע זאָל זיך פרייען מיט דער צירונג? — א שפּאַן געטאָן צום קאָרב, אים א נעם געטאָן, געעפנט דאָס מויל און א רעכטע ווײַלע קיין וואָרט ניט געקאָנט ארויסברענגען. זי איז אוועקגעפאלן, האלטנדיק דאָס הענטל פונעם קאָרב. פייגעלע מיט רייזקען האָבן זי קוים אָפּגעמינטערט, אויסגעטאָן און אוועקגעלייגט אין בעט. א גאַנצע נאכט האָט ברײַנע געצאַפּלט אפן געלעגער, ווי א פיש אָן וואסער. אַף מאָרגן האָט פייגעלע גערופן א דאָקטער. פארן אוועקגיין האָט דער דאָקטער געזאָגט צו פייגעלען:

— דאָס איז אײַער מוטער? איך קאָן אײַך ניט דערפרייען. פון אזא נערוון-דערשיטערונג קומט מען זעלטן צו-זיך. — ער האָט אויסגעשריבן רעצעפּטן, ברײַנען איז גרינגער דערפון ניט געוואָרן, זי האָט ניט געקאָנט אראָפּשלינגען קיין שום עסן. אמאָל אויסגעטרונקען א האלבע גלאָז מילך אָדער טיי. מער פון אַלץ האָט זי געטרונקען וואסער. נאָר אפילע וואסער איז איר געווען שווער צו שלינגען. די באַלעבאָסטע איז איר געשטאַנען אין קעל. פארשטייט זיך, קיין וואָרט קיינעם ניט געקאָנט זאָגן וועגן דערוף, נאָר טעג און נעכט געשמועסט מיט אַלטערן: „דיר איז בעסער פון מיר. דו ווייסט שוין גאָרנישט. פון אונדזער האָרעוואַניע איז געוואָרן אש און רויך”. דערנאָך האָט ברײַנע אין איינעם א טאָג צוגערופן פייגעלען און צו איר געזאָגט:

— פייצקע, דו ביסט שוין ניט קיין קינד. מײַנע טעג זײַנען געציילטע. לאָז ניט די קינדער ווי אפן וואסער, וואָס וועט פון זיי ווערן? זיי קאָנען דאָך א קאָץ דעם עק ניט פארבינדן. אונטערן קישן בא מיר ליגט דאָס זילבער־וואַרג און א ביסל צירונג. די קינדער טאָרן דערפון ניט וויסן. זײַ א באַ־לעבאָסטע. די מעזוזעס קענסטו אראָפּרײַסן.

פייגעלע האָט אַלץ פארגעדענקט, און בייס ברײַנע איז געשטאָרבן, האָט זי ארויסגערופן הירשלען. ער איז גלײַך געקומען און נאָך דער לעווײַע גע־

בליבן אף עטלעכע שאָ. פייגעלע האָט אים ארויסגערופן אין הויף, ווײַל רייזקע מיט אײַזיקען זײַנען געווען אין שטוב. און אפילע אין הויף, ווו ס'איז קיינער ניט געווען, אכוץ עטלעכע שפערלעך און א קאַץ, האָט זי שטיל דערציילט:

— איך קאָן ניט באַנעמען, איך הייב ניט אָן צו פאַרשטיין, וואָס האָט די מומע געהאַלטן אין טראַנטעוואַטן קאָרב? גלײַך ווי זי האָט זיך צוגעריַרט צו אים, איז זי אַוועקגעפאַלן, ווי א דונער וואָלט זי געטראָפן.

הירשל האָט קימאַט זיך אָנגעשטויסן. פייגעלע האָט ווײַטער דערציילט:

— די מומע האָט מיר, לעמאַנעשעם, געהייסן אָפּרײַסן די מעזוזעס, אז רייזקע מיט אײַזיקען זאָלן דאָס ניט זען. און זי האָט מיר אָנגעזאָגט וועגן די זילבערנע זאַכן און דער צירונג. קומט ארײַן אין שטוב, דאָרטן איז קיינער ניטאָ — וועל איך אײַך ווײַזן.

פייגעלע האָט געבראַכט די טאָרבע, זיי האָבן דאָרטן דערזען ניט נאָר זילבערנע בעכער, גאָפּל-מעסער, א צוקער-פּושקע, א זאַלץ-מעסטל, דאָרטן איז אויך געלעגן א גאָלדענער זייגער מיט א קייט, וועלכע ברײַנע פלעגט אָנטאָן יאָמטעוו. פינגערלעך, אויערינגלעך, שפּילקעס, אַלטערס קייט מיטן גרויסן, דיקן זייגער. און אַזוי ווי זיי באַטראַכטן די אַלע זאַכן, זײַנען ארײַנגעגאַנגען רייזקע מיט אײַזיקען. רייזקע האָט זיך צעווײנט, אײַזיקע א האָר אויך ניט. מיט אויסגעגלאָצטע אויגן האָט ער געקוקט אף דער רײַכקײַט, ארויסגעכאַפּט אַלטערס זייגער און ארײַנגעלייגט אין קעשענע.

— די מינוט לייג אַוועק, ווו עס איז געלעגן! — האָט הירשל אַזאַ געשריי געטאָן, אז אײַזיקע האָט ארויסגעברומט:

— איר זײַט דאָ ניט קיין באַלעבאָס! אָבער דעם זייגער האָט ער ארויסגעלייגט.

פייגעלע האָט די טאָרבע ניט אַוועקגעלייגט, ווו זי איז געלעגן. גענומען אונטערן אָרעם און איז ארויסגעגאַנגען מיט הירשלען.

— פּאַניטשקע, די מעזוזעס רײַס אראָפּ, די יאָרשים זאָלן דאָס ניט זען.

— פאַרוואָס? — האָט פייגעלע טמימעסדיק געפרעגט.

— פרעג ניט קיין קאַשעס, טו, ווי איך זאָג, וועסט שוין זען פאַרטיקערהייט.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט פייגעלע אראָפּגעריסן די מעזוזעס און זי האָט אָנגעציילט צוואַנציק גאָלדענע צענערלעך. ערשט איצט האָט זי פאַרשטאַנען, אז הירשל איז געווען גערעכט.

טאַטע-מאַמע-זײַנען געשטאָרבן, אָבער אײַזיקע האָט זיך ניט געביטן. ער איז צוגעשטאַנען צו פייגעלען, זי זאָל קויפן אין „טאָרגסין" סאַרדינען, שאָקאָלאַד, קאַקאַאָ, וווּרשט און טײַערע פיש. פייגעלע האָט זיך ניט אונטערגעגעבן.

— טאַטע-מאַמע זײַנען ניטאָ, מיינסט ס'איז א ברונעם! גרויפּן וועל

איך קויפן, צוקער וועל איך קויפן, קיין נאַשעריַי ניט. ווילסט געשמאַקע זאַכן, פאָר צו הירשלען, ער איז מער באַלעבאָס, ווי דו. ווען ניט ער, ווייס איך ניט ווו דער פעטער מיט דער מומען וואָלטן אַהינגעקומען.

הירשל פלעגט איצט קומען גאַנץ אָפט. די צייַט איז געגאַנגען. אין איינעם א טאָג האָט ער געזאָגט פייגעלען:

— פאַניעטשקע, מע שיקט מיך אין א וויַיטן קאַנט. דו ווייסט, מע שיקט פינף און צוואַנציק טויזנט פאַרטייער אין דאָרף. — און ער איז טאַקע אַוועק־געפאָרן. פייגעלע האָט געפירט די באַלעבאַטישקייַט מיט א שטייַפער האַנט. רייזקען האָט זי באַשטאַט אין פערלאָוקער ביבליאָטעק, זי גופא האָט זיך אויסגעלערנט שטריקן דאַמען־גירטעלעך פאַר אַן ארטעל. איינעם מיט רייזקעס קליינעם געהאַלט, מיט פייגעלעס אויסגערעכנטקייַט, עפּעס־וואָס קויפנדיק אין „טאָרגסין", זייַנען זיי נישקאָשעדיק אויסגעקומען.

די סימאָנים, וואָס האָבן בוילעט צוגעזאָגט, אַז רייזקע וועט זייַן זייער א שיינע, האָבן ניט אָפּגענאַרט. איר לענגלעך־שוואַרצכיינעוודיק פּאָנעם, די געדיכטע שוואַרצע האָר, טיפע שוואַרצע אויגן זייַנען געווען באַהויכט מיט אַן איידעלער ברוינלעך־ראָזער פאַרב. די שוואַרצע אויגן, ווי באַפליגלט מיט שמאָלע, גלייַך־געצייכנטע שוואַרצע ברעמען און באַפרענדזלט מיט לאַנגע געדיכטע וויִעס, וואָס וואַרפן גערונצלטע שאָטנדלעך אויף די באַקן. די שמאָלע נאָז פּאַסט זייער דעם קליינעם מויל מיט די פולבלעכע ליפּן. קליינע פּיס, קליינע הענט. די פינגער, דוכט זיך, נאָך לענגער און דינער ווי געווען.

פייגעלע האָט ערשט איצט ריכטיק דערזען „אַז רייזקע איז אויסגעגאָסן די מומע ברייַנע". אין האַרצן באַדויערט: גענומען בא דער מומען דעם גאַנצן אויסווייניק, מער קיין זאַך ניט.

פייגעלע איז געוויס גערעכט געווען. טאַקע נאָר „דעם אויסווייניק". ניט דעם סייכל, ניט די בעריעשקייַט, ניט די אומדערמידלעכקייַט. געוויס איז פייגעלען ניט איין מאָל געקומען אין זינען: „וואָס איז די פולע, אַז די מומע ברייַנע איז געווען קלוג. וואָס האָט זי אויפגעטאָן מיט איר סייכל, אַז אָך און וויי צו איר". דאָס איז געווען א ריכטיקער געדאַנק. אָבער עס קאָן גרייַלעך זייַן, אַז ברייַנע איז געבאָרן געוואָרן צו שפּעט. ווען זי ווערט גע־באָרן מיט א זעכציק יאָר פריִער, וואָלט איר טייַסטער געווען אָנגעשטאָפּט, און קיין שום גאַנעוו וואָלט עס ניט געוואַגט אַרויסצושלעפּן פון אירע הענט.

די צייַט איז ניט געשטאַנען, אייַזיקע האָט כאַסענע געהאַט, פייגעלע האָט איצט אָפט געשמייכלט און געזאָגט צו רייזקען:

— איך בין ניט מעקאַנע זייַן ווייַב. זי וועט אים דאַרפן שלעפּן פון בעט מיט צוואַנגען. — צו אייַזיקען האָט זי ניט איין מאָל געזאָגט:

— טייַערער קאַדעש, ווער עס שלאָפט לאַנג, דער האָט קורצע טעג. א ווייַב איז ניט קיין מאַמע. ס'וועט איר דערעסן דיך צו וועקן, וועט זי זיך ראַטעווען פון דיר. קרעפּלעך עסן ווערט אויך נימעס, הערסט, טאַכשיט!

— וועט ניט זייַן דוסקע, וועט זייַן מאַרוסקע, אַן אייסעק האָב איך! — אין די ווערטער איז אייַזיקע געווען מיט אַלע זייַנע ביינער.

א יאָר נאָך ברײַנעס טויט האָט מען פײגעלען מיט רײזקען ארויסגערופן אין יִשעוו-ראט און מע האָט זײ געגעבן א גרויסן קאָנווערט. אין דער היים האָט רײזקע איבערגעלײענט: „איך, פּראסקאָוויא דמיטראָוונא וואָראָביאָווא, בין געווען באם הײליקן פאָטער פּעראפּאָנט אין בארנאול און ער האָט מיר געהײסן אָפּזאָגן די שטוב מיטן גאָרטן, מיטן שײַער פאר ברײַנע לײבאָוונא עפּלבוים. אויב ברײַנע לײבאָוונא איז שוין ניטאָ צווישן די לעבעדיקע, זאָג איך אָפּ די שטוב פאר איר טאָכטער ראָזע אלטעראָוונא עפּלבוים און פאר דער פּלעמעניצע פאניע בלומבערג". אזויארום זײַנען רײזקע מיט פײגעלען געוואָרן די יאָרשים, נאָר דאָס איז ניט אזוי באלערעווידיק, ווי דער באלעבאָסטעס צוואָע. וואָרעם, ווי אלעמאָל, איז מען זיך מיסוואדע צו שפּעט.

אין א יאָר ארום האָט רײזקע כאסענע געהאט. עס האָט איר אָפּגעגליקט. איר כאָסן איז געווען אן אָנפירער אין א צעך פון א גרויסן זאוואָד, און רײזקע האָט באקומען א געהעריקע סאָציאלע יִכעסדיקײַט. רײזקעס מאן איז געווען א קרעפטיקער שאטען, זײַנע העל-ברוינע האָר זײַנען געווען אלעמאָל גוט צוגעקעמט, די נאָז האָט געבאלעבאטעוועט ניט נאָר צווישן די באקן, זי האָט קימאט פארכאפּט דאָס גאנצע צורע-פּלאצדארם. זײַנע גרויסע הענט זײַנען געווען ברוין-בלוילעך פון מעטאל-שטויב. ער האָט רײזקען גענומען ניט „ווי זי שטײט און גײט..." פײגעלע האָט רײזקען אוועקגעגעבן די גאנצע טאָרבע, און יענע האָט זיך ניט געוואונדערט און ניט אָפּגעזאָגט. פארקערט:

— ס'איז דײַנע, ווי מײַנע. דו וועסט דאָך זײַן מיט אונדז?

— ביסט גערעכט, רײזעלע. כ'וועל טאקע זײַן מיט אײַך, נאָר די זילבערווארג און דאָס איבעריקע זאָל זײַן מיט מיר.

ווען רײזקע וואָלט געהאט מער סײכל, וואָלט זי געדארפט קענען פײגעלען, אָבער דאָס איז געווען ווײַט ניט אזוי. א גאנץ לעבן האָט זי געהערט: „פײצקע, פײצקע!" — און פײצקעס קאָל: „באלד, מומע, באלד!". זי האָט אויך געזען, ווי פײגעלעס קלײנע הענט וואשן און פּרעסן אזוינע גרויסע טישטעכער און לײַלעכער, ווי אירע פינגער קלעפּן געשווינד קרעפּלעך, ווי זי זיצט דערנאָך באם עק טיש, איז טאקע קײן וואונדער ניט, וואָס זי איז צוגעוווינט געוואָרן — פײגעלע מוז לויפן, פײגעלע טאָר ניט זיצן, דארף ניט לײענען קײן ביכל, דארף נאָר מיט גרײטקײַט פאָלגן און פאָלגן, כאָטש עס זײַנען געווען גענוג סימאָנים, וועלכע האָבן באוויזן, אז פײגעלע איז גאָר ניט קײן נאר, אז זי קאָן בײַקומען קריוודע און אז זי איז זײער ערלעך. נאָר דעמלט, ווען שכײנים האָבן בײַס דער רעוואָליוציע געײצעט „מאָן אײַן פאר אלע יאָרן, די נעשאָמע פון זײ, פון דײַנע געטרײַע פעטער מיט דער מומעלע", דאן האָט דאָך פײגעלע אויך ניט געפאָלגט. עמעס, זי האָט געשוויגן מער ווי גערעדט, דעריבער האָט קײנער ניט געוווסט צי עס געפעלט איר, צי ניט, דאָס אויסקומעניש אירס.

איצט האָט פײגעלע געלעבט אינײנעם מיט רײזקען און מיט איר מאן.

קיין ארבעט האָט איר, פאַרשטייט זיך, ניט געפעלט. געוווינט האָבן זיי אין א געסל לעבן גאַרקי־גאַס, רייזקע האָט זיך איינגעאָרדנט אין א ביבליאָטעק, רייזקעס שוויגער האָט אויך געלעבט מיט זיי. זיי האָבן געוווינט אין א קאָמונאַלער דירע און עס איז שוין געווען באַשריבן געוואָרן וויפל אמפּערייען און ווילדע רייסעבישן עס זייַנען פאָרגעקומען אין אַזוינע דירעס. אָבער מיט פייגעלען האָט קיינער זיך ניט געאמפּערט, זי האָט אַלץ באַוויזן ביז די שכיינעס פלעגן קומען פון דער אַרבעט. אין די זונטיקס איז זי אויפגעשטאַנען פריער פון אַלעמען, זיך אָפּגעפּאַרטיקט אין קיך איידער די שכיינים זייַנען אויפגעשטאַנען.

אַזוי וואָלט פייגעלע זיך געלעבט ביזן גראָוון צאַפּ. רייזקע, איר מאַן, די שוויגער וואָלטן ניט געוווּסט פון קיין שטוביקער אַרבעט, פון קיינע דייַגעס, דאַרף טרעפן, אַז רייזקעס מאַן, גענאַדי, זאָל קויפן בילעטן אין גרויסן טעאַטער און נאָך דערויף האָט זיך עס אָנגעהויבן: פון פייצקען, אָדער, ווי הירשל האָט זי גערופן, — פאַניע, האָט געגאַדי געמאַכט פייגאַראָ.

— פייגאַראָ, ריר זיך, וואָס פויזעסטו, ווי א פאַרשלאָפענע פליג!

פייגעלע רירט זיך ניט פון אָרט. שרייַט ער ווידער:

— פייגאַראָ, די אויערן זייַנען דיר פאַרלייגט?

— אַלעמאָל האָט איר מיך גערופן פייגע אָדער פייצקע. טראַכט איך, ניט מיך מיינט איר.

— איך מיין דיך, ברענג דעם טשייַניק, פייגאַראָ!

אין אָוונט האָט רייזקע געטרייסט פייגעלען:

— א דייַגע דייַנע, זאָל ער דיך רופן פייגאַראָ.

— עס אַרט מיך ניט ווי ער רופט מיך, אָבער ווי ער שרייַט עס אויס, איז טאַקע מייַן דייַגע.

געגאַדי האָט פון דעם קורצן שמועס ניט געוווּסט. און אויף מאָרגן האָט ער געשריִען, ווי פריִער: „פייגאַראָ און פייגאַראָ".

פייגעלע האָט מער קיין וואָרט ניט אויסגערעדט צו קיינעם, געטאָן אַלץ, ווי פריִער, און בייס רייזקע מיט געגאַדין זייַנען אַנומלטן אוועק צו דער אַרבעט און די שוויגער איז אַרויסגעגאַנגען אין הויף כאַפּן לופט, איז אין א קורצער צייַט אַרום פייגעלע אויך אַרויסגעגאַנגען מיט א קליין פּעקל אונטערן אָרעם, זי איז צוגעגאַנגען צו דער אַלטער, דערלאַנגט די שליסלען פון דער דירע, און יענע האָט געפרעגט:

— גייסט אין אַטשערעד?

— פאַרלירט ניט די שליסלען, — האָט פייגעלע געוואָרנט און איז אוועק.

ווו צו גיין האָט זי גוט געוווּסט. זי האָט אָבער לאַכלוטן ניט געוווּסט צי הירשל איז הי, צי ניט. זי האָט אַזש אויפגעצאַפּלט פון פרייד בייס ער האָט אויפגעעפנט די טיר און פריינטלעך געזאָגט:

— קום אריַן, קום אריַן, פּאַניעטשקע. לייג אוועק דעם קלומעק, וואָס האַלטסטו זיך מיט דעם?

פּייגעלע האָט אוועקגעלייגט דאָס פּעקל, צוגעזעצט זיך אויפן אייַנציקן טאַבורעטל, הירשל — אויף דעם אײַזערנעם בעטל.

פּייגעלע האָט קורץ דערציילט, אַז זי איז זאַט מיט פּרעמד ברויט. הירשל האָט אויסגעהערט און דערווידערט:

— קיין פּרעמד ברויט האָסטו קיינמאָל ניט געגעסן. גענוג זייַן אַ דינסט, איך דאַרף ווידער אוועקפאָרן און איך קאָן מאַכן אַ בראָן פאַר דיר:

— וואָס איז דאָס אַזוינס אַ בראָן?

— דאָס איז אַזאַ מין פּאַפּיר, זאָלסט זיך קענען צושרייַבן אין מייַן צי-מער, ביז איך וועל צוריקקומען.

אַזוי איז טאַקע געווען. און ניט נאָר דאָס: הירשל האָט אייַנגעאָרדנט פּייגעלען אַלס צוקלייַבערן אין אַן אַפּטייק און ער האָט זי פאַרשריבן אין אַן אָנפאַנג-אָוונט-שול אין פערטן קלאַס.

ערשט אין דריַי יאָר אַרום איז הירשל געקומען. ער האָט פּייגעלען קוים דערקענט. וווקסיקער איז זי ניט געוואָרן, אָבער איר קוק איז געווען פרייַ און שטאָלץ, זי איז ניט געווען אַזוי דאַר, ווי פריִער. אירע געלע האָר זייַנען טונקעלער געוואָרן, ווי מיט קופּער-שטויב באַשאָטן. דורך די זומער-שפּרענ-קלעך האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ וויַיס-ראָזלעכער קאָליר. זי האָט האָפערדיק צו אים געזאָגט:

— איר ווייסט, איך האָב געענדיקט זיבן קלאַסן און איצט לערן איך זיך אויף פּראָוויזער.

— מאָלאָדיעץ, דייַנע געטרייַע קרויווים האָבן דיך ניט באַוומרויִקט?

— איר מיינט זיי האָבן מיך ניט געפונען? רייזקע מיט איר מאַן זייַנען געקומען און האָבן מיך געוואָלט איינרעדן, איך זאָל שפּאַצירן מיט זייער מיידעלע, זיי האָבן שוין אַ מיידעלע. זיי האָבן געזאָגט, אַז מער וועל איך קיין האָר בײַ זיי ניט טאָן. זיי האָבן מיר אַפילו צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן איבערשרייַבן די שטוב אין פּערלאָווקע אויף מייַן נאָמען.

— וואָס פאַר אַ שטוב?

— ס'איז מיר גאָר פון זינען אַרויס. זייער באַלעבאָסטע האָט דאָך אָפּ-געזאָגט די שטוב פאַר זיי.

— ס'איז ניט שווער צו פאַרשטיין פאַרוואָס זי האָט צוגעשיקט אַזאַ צאַוואָע, — האָט הירשל באַמערקט.

— פאַרוואָס? — איז פּייגעלע נייַגעריק געוואָרן.

— ניט אונדזער דייַגע. וואָס האָסטו געזאָגט דייַנע געטרייַע קרויווים?

— איך האָב צו זיי געזאָגט, אַז איך דאַרף די שטוב אויף קאַפּאָרעס, און מיט זייער מיידעלע וויל איך ניט גיין שפּאַצירן.

— געדעכט...

— וואָס איז דאָס „פּיגאַראָ", הירשל?

— כ'וועל זיך אַ ביסל באַפרייַען, וועסטו זען וואָס דאָס איז.

ס׳איז געקומען אזא אָוונט, און פייגעלע האָט מער ניט געקאָנט אריבערטראָגן וואָס הירשל שלאָפט אָף דער פּאָדלאָגע... עס איז אויך געקומען אזא שאָ, און הירשל האָט פייגעלען אוועקגעפירט אין גרויסן טעאטער. בייס זיי זײַנען צוריק געקומען אין צימער, האָט פייגעלע זיך צעלאַכט:

— וואָס לאַכסטו, טײַערע נעשאָמע מײַנע?

— איך לאַך: פיגאַראָ, אַהער, פיגאַראָ, אַהין! געגאַדי האָט עס אויך געזען, אָבער וואָס האָט ער באַנומען? און שוין ניט אזוי דאָס, וואָס ער האָט מיר געגעבן דעם צונאָמען, ווי דאָס, וויאַזוי דער כאַם פּלעגט עס אויסשרײַען צו מיר. ער האָט געוויס געמיינט, אז ער איז מײַן פּאַרעך און איך בין זײַן הונט.

— פאַרגעס, פאַניעטשקע, נעם זיך ניט צום האַרצן, טאָרסט איצטער ניט. איך טראַכט, אז איך בין שוין גאָר ניט אזוי אַלט. עמעס, פאַניעטשקע?

— איך זאָל מער פון דיר ניט הערן אזעלכע ווערטער. מיר וועלן זיך עלטערן און דערלעבן אייניקלעך. דו ווייסט דאָך, אז איך בין אָפן ריכטיקן וועג א באָבע צו ווערן, — האָט פייגעלע זיך געוואָרטלט, צוגעשטעלט דרײַ שטולן צום אײַזערנעם בעטל, געמאַכט דאָס געלעגער, ווי אַלע אָוונט, ווידער זיך צעלאַכט און איבערגעכאַזערט:

— פיגאַראָ, אַהין! פיגאַראָ, אַהער!..

א פאַרצײַטיקע ליבע

אין די דרײַסיקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט האָט דאָס שטעטל מאַמעש געקאָכט, וואָרעם שיינע כאַנע-ריוועס איז אַרײַנגעגאַנגען צו דווירע יאַסלס. וויפל דווירע האָט ניט געבעטן, יענע זאָל זיך זעצן, האָט ניט געהאָלפן. שיינע איז געשטאַנען. מיט צוויי פינגער האָט זי אַלץ געגלעט די שמאָל-געפּאָלדעוועטע ליפּעלעך, אירע אויגן האָבן דערבײַ געשוועבט אָף לינקס און רעכטס, און ס׳האָט היפש געדויערט ביז זי האָט אַרויסגעלייגט, וואָס זי האָט געבראַכט.

— דווירל, איך זאָל אזוי לעבן און געזונט זײַן, ווי איך בין א ייִדישע טאָכטער, כ׳האָב מיט מײַנע אייגענע אויגן געזען, ווי אײַער דאָווידקע האָט געטריבן די ציג, און דעם סטעלמאַכס מיידל האָט געטריבן די קו, דערנאָך האָבן זיי זיך ביידע אָפּגעשטעלט, און אײַערער האָט אזוי נאָענט צוגערוקט זײַן צורע צו אירער, אז זי האָט ניט מיט איר קאָל אויסגעשריִען:

— „ניטע, מע וועט דערזען״! איר הערט, דווירל, איך זאָל אזוי הערן גוטס און האָבן נאַכעס פון מײַנע קינדער, ווי ס׳איז עמעס ווי גאָלד.

אזוי האָט שיינע כאַנע-ריוועס אַרויסגעלייגט און איז, ווי א ווינט, אַרויס פון שטוב.

נאָך וועטשערע האָט יאָסל צוגערופן דאָווידקען און אים געגעבן אַ גוטן פּאַטש. אָבער איבערכאַזערן האָט דאָווידקע ניט געלאָזט.

— הייבסט אַ האַנט אַפן טאַטן, טאַכשיט! איצטער פאַרשטיי איך פאַר־וואָס דו האָסט ניט געלאָזט לעבן און געטײַנעט, אַז מיר זאָלן קויפן אַ ציג. ניט די ציג האָסטו געדאַרפט. האָסט געדאַרפט בענציע סטעלמאַכס מיידעלע. נעבקען האָסטו געדאַרפט. איך וועל דיר ווײַזן!

— ס'איז ניטאָ וואָס צו ווײַזן, טאַטע. איך בין שוין ניט קיין זיבעטל, ס'איז שוין פיר יאָר ווי איך לייג טפילין. — האָט דאָווידקע געלאָזט וויסן. מער האָט ער קיין וואָרט ניט געזאָגט, נאָר יאָסל האָט מאַמעש אַרויסגעדונערט:

— אַוועק פון מײַנע אויגן, קאַלבויניק, טרייפער ביין!

אַף מאָרגן אין אָוונט איז דווירל אַוועק צום סטעלמאַך. און גלײַך, אָפּנ־האַרציק געזאָגט.

— איר ווייסט, אַז אײַער נעבקע מיט מײַן דאָווידקען האָבן זיך צו־נויפגעשמעקט?

— פאַרוואָס זאָל איך ניט וויסן. ער איז נאָרוואָס דאָ געווען, זיי זײַנען אַרויסגעגאַנגען און מיסטאַמע שטייען זיי לעבן שטאַל, ווי אַלע אָוונט.

— פאַרוואָס עפּעס לעבן שטאַל, זיי האַלטן זיך אַן אייצע מיט דער בע־היימע?

— איך קאָן אײַך ניט זאָגן מיט וועמען זיי האַלטן זיך אַן אייצע, אָבער ס'איז שוין אַ רעכטע צײַט ווי ער גייט אַרײַן.

— אויב ער וועט אַרײַנגיין, האָט איר די געלעגנהײַט אים צו זאָגן, אַז זײַן מאַמע איז דאָ געווען און זי האָט געזאָגט, אַז הײַנט קאָכט זי אַף וועטשערע בולבע־קניידלעך.

אָפּגעזאָגט וועגן די קניידלעך, איז דווירל אַרויסגעגאַנגען. פאַרבײַגייענ־דיק דאָס גערטנדל, האָט זי געזען, ווי דאָווידקע מיט נעבקען זיצן אַף דער באַנק צווישן די נאַסטורציעס. געקומען אין שטוב, האָט זי דערלאַנגט יאָס־לען וועטשערע און קיין וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט. אינגיכן איז דאָווידקע אויך געקומען, און נעבקע איז אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב.

— דו האָסט געזען, אַז דאָ איז געווען דווירל?

— כ'האָב געזען. אָבער זי איז געקומען צו שפּעט.

— וואָס רעדסטו, טאָכטער מײַנע! — האָט כיענע אויסגעשריִען, דער־זען, אַז דער מאַן איז אַרײַנגעקומען, אויסגעשטרעקט צו אים די הענט, אַרויסגעזיפצט:

— דו האָסט געהערט, וואָס אונדזער טאָכטער האָט געזאָגט?

— כ'האָב געהערט. וואַרף אַרוף די שאַבעסדיקע פּאַטשיילקע, איך טו אָן די קאַפּאָטע, און מיר גייען אַהין.

געקומען צו יאָסלען, האָבן זיי געזאָגט ווי די זאַך איז. יאָסל האָט אַ רוף געטאָן דאָווידקען.

— אויצער מײַנער, קאַדעש, האָסט געהערט וואָס דײַן קאַלע האָט געזאָגט?

— זי האָט געזאָגט ווי די זאַך איז.

— אויב די זאַך איז אַזוי, ווי זי זאָגט און דו זאָגסט, דאַרף מען מאַכן טנאָים און ניט קיין לײַטיש געלעכטער. — האָט יאָסל געפּאַסקנט.

די כאַסענע איז געווען גרויסאַרטיק. אַזויפיל טייגלעך און געשלאָגענע לעקעכער האָט מען שוין לאַנג ניט געזען. פיר פּאָר פּראַזשעטענע לײַכטער דראַשע־געשאַנק, אַ האַלב טוץ זילבערנע טיי־לעפעלעך, אַ האַלב טוץ זילבערנע עסלעפל און גאָפל־מעסער. די מעכוטענעסטעס זײַנען פון דער קאַלע ניט אָפּגעטראָטן, מע האָט זי ניט געלאָזט טאַנצן אַפילו אין קאַדריל. דאָס פאַרפאָלק איז אוועק צו יוינע סטעלמאַך מיט כיענען. אין צוויי כאַדאָשים אַרום האָט דווירע אַרײַנגערופן נעכקען אין שלאָפקאַמער און זי האָט זי געפרעגט וועגן דערוף, וואָס זי האָט געוואָלט וויסן, ווײַל נעכקע איז געווען דינער אין טאַליע, ווי מיידלווײַז. אויסגעהערט די פראַגע, האָט זיך נעכקע צעלאַכט און שטיל געזאָגט:

— שוויגער, כאָטש דער שווער האָט גערופן דאַווידקען מיט אַלערליי נעמען, זאָלט איר וויסן זײַן, אַז אַזאַ דאַווידקע איז איינער אונטער דער זון. ער האָט מיך געלערנט, וואָס איך זאָל אײַך זאָגן, און דערבײַ האָט ער מאַמעש געטאָן אַ ניידער, אַז ביז איך וועל ניט ווערן פולע זיבעצן יאָר, בין איך פאַר אים אָסער כאַזער. ער רירט זיך צו מיר ניט צו!

געקומען אַהיים, האָט דווירל געזאָגט צו יאָסלען:

— האָסט זיך געהיצט און געשריִען, און מיר ביידע האָבן ניט אָנגעהויבן צו וויסן, ווי די קינדער האָבן אונדז געפירט אין באָד.

דער מיטעסער

זונטיק, באַגינען, ווען פויגלען שלאָפן נאָך אין די נעסטן, פלעגט שוין כאַטשע דער קאַדערניק האָבן אײַנגעשפּאַנט דאָס פערד — אַ שקאַפע מיט איין אויג. די צונויפגעקניפּטע לייצעס, דער צעפּאָרענער כאָמעט, די פּאַקליע פון קעלבאַצקע, די שקאַפע, דעם קאַדערניקס ברוין־גרינלעך רעקל און ער אַליין האָבן שטומערהייט ווי געפרעגט: אַד־מאָסײַ?..

פון שטיבל פלעגט געשווינד אַרויסגיין כיײַע־הינדע אין אַ מאַנטעלע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ בלעכענע קיילע, ווײַל אַ קאַפּ סאַמעט איז דעם איבערגעבליבן נאָר אונטערן קעלנערל. אירע שוואַרצע אויגן — די ברונעמלעך צאָרעס — פלעגן אַ קוק טאָן אַפן וואָגן, אַף כאַטשען, זי פלעגט זיך, ווי אַ מאַנצבל, אַרופכאַפּן אַף דער דראַבינע און זאָגן:

— כאַטשע, שלאָף ניט! נעם די לייצעס. דער בעטלער איז שוין אין צענטן דאָרף.

און א גאַנצע וואָך פלעגט זי זיך מיט כאַטשען אַרומשלעפּן איבער דערפער און דערפלעך, אָפּראַמענדיק ווו נאָר א שטיקל קאָדער אָף פויערשע בוידעמער.

אָבער פרייטיק נאָך וואַרמעס פלעגט כייע-הינדע קומען צו די קינדער, ס'האָט געמעגט דונערן און בליצן. זי האָט נאָך, דאַכט זיך, ניט באַוויזן אַראָפּצוגיין פון פורל, און ס'איז שוין געגאַנגען א רויך פון קוימען. אָט אַזוי, אין האַרטן מאַנטעלע, אין פאַטשיילע, וואָס איז אויסגעלאַטעט ווי א היפּטל קרויט, האָט זי, דורכגייענדיק דאָס פּאָדערהייזל, געכאַפּט עטלעכע שייטלעך האָלץ, אַריינגעוואָרפן אין אויוון, אונטערגעהייצט, אַריינגעהאַקט אין רויך א פּאָר טשוהונטשיקעס און א צוויי ליימענע טעפּלעך מיט וואַסער, קעדיי צוואָגן די קינדער. אַרויסגעפּליוכעט דאָס אָנגעוואַרעמטע וואַסער אין א גרויסער באַליע, צוגעדעקט מיט א קאָלדרע, ס'זאָל זיך ניט אָפּקילן, געגעבן כאַטשען א פּאָרל גרעט: „גיי גיכער אין באָד!" און זיך גענומען צום „שאַבעס". די מייכאָלים, וואָס זי פלעגט אָפּקאָכן „כאַפּ-לאַפּ", זיינען געווען א שעם-דאָוואָר אין געסל.

— ווען מע גיסט עס אויס אָף א כאַזער, וואָלט ער געבראָכן מיט גרינער גאַל, — פלעגן ווייבער זאָגן, שמעקנדיק די רייכעס, וואָס האָבן זיך געשפּרייט אַרום כאַטשעס שטיבל.

— א קנאַפּע קעכן, נאָר וואָס זאָל זי נעבעך פריִער טאָן? — פלעגן ווידער אַנדערע זיך איינשטעלן פאַר דער קאָדערניצקע.

זי, כייע-הינדע אַליין, האָט זיך קיינמאָל פאַר קיינעם ניט באַקלאָגט. די ערדענע פּאָדלאָגע אין שטיבל אויסגעגלייכט און באַשאָטן מיט זאַמד. צוויי מעשענע לייכטער פינקלען אָפן טישטעך. אַפילע א גראָבער, פאַרלאַטעטער טישטעך, אָבער ריין-שעבעריין.

זי האָט אָפט געהייצט פרייטיק אין אויוון — ס'זאָל גיין א רויך, און לייט זאָלן מיינען... אָף שאַבעס געהאַט נאָר זעקס אויסגעצוואָגענע קינדערלעך, וואָס פלעגן מיט איר אייניינעם גריזשען רעטעך, אָנרייבן א מויצע ראָזעווע ברויט מיט קנאָבל און פאַרטרינקען מיט וואַסער פון שול-הויף-ברונעם.

שאַבייסענאַכטס וואַשט זי אויס דאָס „גרעט", וואָס האָט זיך אָנגעקליבן פאַר דער וואָך. און אַז כאַטשע וואָרטשעט פאַרן אויסגעבראַכטן זייף, טייַנעט זי איין טייַנע:

— מייַנע קינדער האָבן ניט מיט וואָס צו האָדעווען די לייַז. אָן ברויט — יאָ, אָן זייף — קען איך ניט.

— און האַלעוויי ביז מייַן לעבן ניט ערגער, — פלעגט זי ענטפערן, אויב א שכיינע האָט געפרעגט, צי דער טשאָלנט איז איר הייַנטיקן שאַבעס געראָטן.

פון עלף קינדער זײַנען איר געבליבן זעקס. געשטאָרבן, כּאַלילע, ניט פון מאָזלען, ניט פון פּאָקן. דעם ערשטן צווילינג — צוויי ייִנגעלעך, ווי די שלײַענס — האָט זי „צוגעשלאָפן", שיר זיך פון זינען ניט גערירט. ס'האָט ניט געהאָלפן, וואָס כּאטשע האָט זי געטרייסט:

— הינדע, הער שוין אויף צו קלאָגן, וואָרעם פאר א שלאָף קען מען ניט אָרעוו זײַן.

איינעם האָט כּאטשע ערעוו פּייסעך אָפּגעבריט אין באָד. און ס'האָבן ניט געהאָלפן די שמאַטעס מיט זויערמילך, וואָס דער רופע האָט געהייסן צו-לייגן, — דאָס ייִנגל איז געשטאָרבן כּאלעמויעד, האָט כּאטשע ווידער גע-טײַנעט:

— הינדע, געווג זאָל זײַן! וואָרעם מיר זײַנען אלע אין רעשוס „בא די הענט ניט געוואשן". אז „ער" האָט געוואָלט, האָט זיך געפונען, ווער ס'זאָל אָפּשטעלן אווראָם-אָווינו בא דער אקיידע. מיסטאמע איז אזוי באשערט. וואָרעם די טרערן דײַנע זײַנען מיר הערינג-ראָסל אף די ווונדן.

איינער איז ארויסגעפאלן פון פענצטער. א נידעריק פענצטערל. דארף אפן בייזן פאָהיבעל ליגן א שפּיציקער שטיין. איז כּײַע-הינדע צו פינף און דרײַסיק יאָר געוואָרן גראָוו ווי א טויב. און איז געבליבן א שטוביקע.

אָבער אז כּאטשע איז עטלעכע מאָל געקומען מיט א ליידיקן וואָגן, האָט זי געהאט א ברײַרע? „וויפל איז דער שיר צו קלאָגן אף טויטע, אז די לע-בעדיקע כּאלעשן נאָך א מאָן ברויט?" — האָט זי דאן געטראכט און ווידער געלאָזן די קינדער אף גאָטס באראָט.

איינעם האָט צעטראָטן לייבע דעם פּאָטשטערס אָגער. אלע שאבעס פלעגט דער פּאָטשטער ארויסלאָזן דאָס פערד זאָל זיך „דורכשטיפן" און בא „שמײַסערוקעס" זאָל פלאצן די גאָל. דער אָגער האָט זיך ווי א וויכער דורכ-געטראָגן איבערן געסל, און לייבעלע הינדעס איז געבליבן ליגן. דאפקע שאבעס נאָך וואָרמעס, ווען כּײַע-הינדע איז אפילע ניט געשלאָפן, — גע-זעסן מיט כּאטשען אין שטיבל און געקײַט אָפּגעקאָכטע באָב. מענטשן האָבן ארײַנגעטראָגן דעם זעקסיאָריקן לייבקען אין שטוב ארײַן. האָט אים די מאַ-מע א כאפּ געטאָן אף די הענט און איז אוועקגעלאָפן צום פּאָטשטער. כּאטשע איז נאָכגעלאָפן. זי האָט לייבקען אוועקגעלייגט אפן גאנעק און האָט מיט די פויסטן אויסגעזעצט אלע שויבן אין די גאס-פענצטער פון לייבעס גרויסן הויז.

לייבע איז ארויס אפן גאנעק און האָט זיך צעשריִען:

— ייִדענע, בעהיימע, דו ביסט מעשוגע? האק זיך קאָפּ אָן וואנט! כ'קען ארופזעצן דעם אָגער מײַן קאָפּ! ס'טרעפט!

— פארוואָס טרעפט עס ניט מיט אײַערע? גאזלאָנים! בלוטצאפּערס! — האָט כּײַע-הינדע געזאָגט, און לויפנדיק מיטן טויטן קינד אף די הענט דורך דער שאבעסדיקער גאס, האָט זי הויך געשריִען: — טאטע אין הימל, וואָס שווײַגסטו? אונדזער בלוט אף זייערע קעפּ... אף זייערע קעפּ אונדזער בלוט...

און כּאטשע האָט נאָכלויפנדיק געברומט:

— דו ביסט גערעכט, און דײַן מישפּט איז גערעכט!

אין שטיבער האָט זיך אַרײַנגעריסן כּײַע־הינדעס געשריי. באַלעבאַטישע ליפּן האָבן אין שרעק געפּרעפּלט: „אַף פּוסטע פעלדער און ליידיקע וועלדער..." אָבער קיינער איז ניט אַרויס צו דער מאַמען מיטן טויטן קינד אַף די הענט.

נאָר די געסלדיקע ווײַבער האָבן געקלאָגט און געוויינט. אָבער כּײַע־הינדע ניט. זי איז געזעסן שטיל און אַלע ווײַלע געפרעגט כאַטשען:

— ווי מיינסטו, ס'איז טאַקע דאָ א גאָט?

— שווײַג, כּײַע, דערבאַרעם זיך! מיר האָבן נאָך קינדער. שווײַג, זאָג איך דיר.

און מער האָט מען פון כאַטשען ניט געהערט קיין איין וואָרט. ער איז געוואָרן בייז און שווײַגנדיק, האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט געוואָרט אַף נאָך קלעפּ פון „די הענט ניט געוואַשן", ס'הייסט פון דעם אַלמעכטיקן.

איצט האָט כּײַע־הינדע פינף ייִנגלעך מיט איין מיידל, און זי וווּנדערט זיך, ווי זיי האַלטן זיך בא איר. אַז די באַלעבאָסטע אין שטוב און די מאַמע פאַר אירע קינדער איז די דרײַצניאָריקע כאַנקע. פאַר יעדער איבעריקער קאָפּעקע, וואָס דאָס מיידל באַרגט אין קרעמל און באַם בעקער, האָט איר כּײַע־הינדע אויסגעקניפּט שטיקער פלייש.

— א קאַלע־מויד זאָל ניט קוקן, וואָס יענער קויפט, זאָל ניט זען, וואָס יענער עסט! כ'האָב דיר מילע־מיליאָסן מאָל געזאָגט, אַז אין בויך איז קיין פענצטערלעך ניטאָ. ווײַן ניט, טרייפער האַלדז... שווײַג...— פלעגט כּײַע־הינדע טײַנען אין דער שטיל, אַז די שכיינים זאָלן כאַסוועשאַלעם ניט הערן.

כאַנקע פלעגט זיך, שטיקנדיק מיט די טרערן, האַלטן פאַר די ברוין־בלויע סימאָנים און זיך פאַרענטפערן:

— דעם בייגל האָב איך געקויפט פאַר שמולקען. ער לאָזט מיך ניט לעבן. ער לויפט מיר נאָך ביז כּײַע דער בעקערקעס שטוב און פּלאַצט שרײַענדיק: קויף מיר א בייגל, כ'וויל עסן!

פונעם פינפיאָריקן שמולקע איז טאַקע ניט אויסצוהאַלטן. דאָס גאַנצע געסל האָט מיט אים צו טאָן. מאַמעס וואָרענען זייערע קינדער: „עס אויף אין שטוב, שמולקע וועט אַרויסכאַפּן!"

— כּײַע־הינדע, האָט ראַכמאָנעס, געפינט א טאַכבולע צו אײַער ייִנגל! ער וועט דאָך שלעסער ברעכן, — זאָגן ווײַבער צו איר שאַבעס פאַרנאַכט.

איבער שמולקען עסן די איבעריקע קינדער א גאַנצע וואָך פאַרעווע אַרבעסענע פאַרפל. אַף דער סאַמע אייבערשטער פּאָליצע שטעלט כאַנקע אוועק דאָס געמעלק פון דער ציג, און ס'העלפט ניט: שמולקע געפינט און כליאָבעט אויס.

„דאָס ייִנגל זעט טאַקע אויס אַף אַלע ייִדישע קינדער געזאָגט גע־וואָרן" — טראַכט הינדע, קוקנדיק אַף אים, און שמולקע פּאַרט רײַטנדיק אַף א שטעקן איבערן געסל. זײַנע שוואַרצע אייגלעך נישטערן, די רויטע בעק־

לעך באוועגן זיך, און די ציינדלעך קיינען עפּעס. ער איז טאָמיד געזונט און קיינמאָל ניט זאט...

אין דעם שטעקט טאַקע כײַע־הינדעס אומגליק. דאָס גאַנצע געסל ווייסט שוין, אַז איר שמולקע האָט אַ „מיטעסער".

און אין איינעם אַ זונטיק איז כאַטשע אַליין אוועקגעפאָרן אין דאָרף. כײַע־הינדע איז אוועק צו טויבע דער גערטנערקע זיך האַלטן אַן אייצע.

די גערטנערקע האָט געקאָנט אָפּשפּרעכן אַן אײַנהאָרע, ארויסרײַסן אַ מילך־ציינדל, מאַכן אַ „וועסערל" צו בײַסעניש און ארויסציִען אַ העלצל פון אונטער אַ נעגעלע. טויבע האָט אויסגעהערט כײַע־הינדען און געזאָגט:

— הערסטו! בײַ מײַן וועלוועלען איז דאָך אויך געווען אַ מיטעסער. ס'פּלעגט זיך דאָך בײַ אים, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, דאָס מויל ניט צו־מאַכן! אונטערן קישן פלעגט ער אָף באַנאַכט באַהאַלטן סקאָרינקעס און גריזשען, ווי אַ מויז. האַקיצער, כ'האָב אים אײַנגעגעבן אַ שטיקעלע „שיר־האַמײַלע" מיט האָניק און אים פאַרמאַכט אָף אַ האַלבער שאָ אין אונטערשטן שופלאָד פון קאָמאָד. איז אַכוץ זײַן שאָדן — אָף דײַנע געזאָגט געוואָרן.

— איר ווייסט, טויבע, וואָס כ'וועל אײַך זאָגן? כ'וויס גאָרניט, צי איכל אים בײַקומען: כ'האָב אים אַנומלטן געצוואָגן, האָט ער זיך געוואָרפן און געמאָרדעוועט — ס'איז אַ בושע צו דערציילן — כ'האָב אים געלאָזט מיט די „מילענעס" אפן קעפּל און געגנוג...

— איך וועל מיט דיר גיין, — האָט די גערטנערקע געזאָגט.

און די ווײַבער זײַנען אוועק. פאַריינס געקויפט אַ „שיר־האַמײַלע" בײַ אָרן דעם אײַנבינדער.

זיי האָבן אַרײַנגענאַרט שמולקען אין שטיבל. הינדע האָט אים געהייסן אָפּבײַסן אַ שטיקל „שיר־האַמײַלעס", שמולקע האָט געפאָלגט — אַ קײַ גע־טאָן, אויסגעשפּיגן און געזאָגט: פע...

— רײַס אָפּ אַ פּיצל און פאַרזויקל אַ גרויפּ צוקער, וועט ער עס אופּעסן.

דאָס מאָל האָט שמולקע אַראָפּגעשלונגען און געבעטן נאָך.

כאַנקען מיט די איבעריקע פיר ייִנגלעך האָט טויבע ארויסגעשיקט אין דרויסן און פאַרקייטלט די טיר. כײַע־הינדע האָט ארויסגענומען אַלע שמאַ־טעס פון דעם אונטערשטן שופלאָד און האָט אַ קאַפּל ארויסגערוקט די איבעריקע פיר — ס'זאָל זײַן מיט וואָס צו דעכען, — און די ווײַבער האָבן גענומען אײַנריידן שמולקען מיט גוטן:

— קריך בעסער אַליין אין שופלאָד! אַז ניט, וועלן מיר אַרײַנרופן יאַנ־קלען דעם קוימענקערער, וועט ער דיך שוין נישקאָשע, בײַקומען!

דערהערט אַזוינע רייד, האָט זיך שמולקע אַ לאָז געטאָן צו דער טיר. דאָ האָבן אים טויבע מיט כײַע־הינדען געפּאַקט, בײַביידע ווײַבער האָבן געציטערט הענט און פיס. אָבער זיי האָבן מענאַצייעך געווען און דאָס קינד פאַרמאַכט אין שופלאָד.

שמולקע איז געלעגן אין דער פינצטער. די ערשטע מינוט האָט ער נאָר פאַרשטאַנען, אַז דעם דרויסן וועט ער שוין מער ניט אָנקוקן. ער האָט זיך

געריסן פון שטיקנדיקן שופלאַד און זיך געקלאַפּט דאָס קעפּל אָן די היל-
צערנע ווענטלעך. דער קאַמאַד האָט מאמעש ארומגעטאנצט. נאָכדעם האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז יאנקל דער קוימענקערער נעמט אים פאַר די פיס און שטופּט אים אין אַ קליין קוימענדל. שמולקע איז שוין גערן, אַז יאנקל זאָל אים אהין אַרײַנקוועטשן, נאָר דאָס קוימענדל איז אַזוי קליין, אַז שמול-
קעס קעפּל גייט אהין בעשום-אופן ניט אַרײַן. דעם קוימענקערערס אויגן זײַנען אָן שוואַרצאַפּלען, ווײַסע, און זײַן האַרטע, פרעמדע באָרד קיצלט אַזוי מאָדנע די באָרוועסע פיסלעך... שמולקע פאַרגייט זיך, ס'ווערט אים קאַלט, קאַלט...

ווען די ווײַבער האָבן אים אַרויסגענומען פון קאַמאַד, האָט טויבע אַף אים אויסגעגאָסן אַ בלעכענע קוואָרט וואסער — האָט ער זיך אָפּגעמינ-
טערט. כײַע-הינדע האָט מיטן מילכיקן מעסער צוגעקוועטשט די בײַלן אַפן קעפּל, און זי האָט שוין שטאַרק כראָטע געהאַט אַפן גאַנצן אייסעק.

— גיי, נאַרעלע, האָב ניט קיין שיווער-לעוו! מיינסט — פאָטער ווערן פון אזא „זאַך" איז אַרויסציִען אַ האָר פון מילך? — האָט טויבע געטרייסט.

שמולקע איז טאַקע פאָטער געוואָרן פונעם מיטעסער. די ציגענע מילך שטייט שוין איצט אַפן פענצטער, און שמולקען אַרט עס ווי די וואַנט.

דעם קומענדיקן זונטיק האָט כײַע-הינדע פאַרן אוועקפאָרן אין דאָרף אָנגעזאָגט כאַנקען:

— כאַנקע, קויף דעם ייִנגל אַ בייגל. זע אים צו! וויי איז מיר...

אָבער שמולקע האָט אַפן בייגל געקוקט מיט וואַסערדיקע אייגעלעך. ער פלעגט זיך אײַנגראָבן אין בעטגעוואַנט און אָפּליגן אַ שטילער שאָענ-
וויַז, און שאַבעס האָט כײַע-הינדע דערציילט טויבען איר ביטער האַרץ:

— ס'מעג פאַרשימלט ווערן, טשעפּעט ער ניט. עסט, נעבעך, ווי אַ פייגעלע און קוקט אַף מיר, ווי אַ טאַם — אַז דאָס האַרץ ווערט מיר באַ-
גאָסן מיט בלוט.

— נישקאָשע, ס'וועט איבערגיין. ער וועט מירצעשעם איבערוואַקסן. ניט דער ערשטער, ניט דער לעצטער... — האָט טויבע געטרייסט כײַע-
הינדען.

און אַף דעם איז געבליבן.

שלעכט איז נאָר, וואָס באַ שמולקען זײַנען די אייגעלעך וואַסערדיק. אין כיידער האָט ער גאָרנישט באַנומען, ווינטער זיצט ער אין שטוב און זומער אַף אַ קופּע קאָדער. כײַע-הינדע האָט אים אויסגעלערנט אָפּשנײַדן קנעפּלעך און העקלעך פונעם קאָדער, אָפּקלײַבן וואָלענע שמאַטעס צו וואָלענע, לײַוונטענע צו לײַוונטענע. די אַרבעט, זאָגט מען אין געסל, איז פאַרן טאַם, ווי אָנגעמאָסטן. כײַע-הינדע האָט שוין קיין טרערן ניט, זי קוקט אַף שמולקען און פּרעפּלט:

— אַזאַ מאַמען דאַרף מען צעקרעפּלען... די פיס מיט די הענט וואָלט מען מיר דאַן אָפּגענומען, וואָלט אַ סאַך גלײַכער געווען. אַ בראָך צו מײַן מאַזל.

די באָבע מאַלקע

איר קליין שטיבעלע מיט די נידעריקע פענצטער איז געשטאַנען נעבן אַלטן בעסוילעם. ווינטער האָט זיך דאָס באַשנייטע דעכל אַראָפּגעלאָזט ביז צו די פענצטער, ווי אַ גרויס שעפּסן-היטל איבער די אויגן אויף אַ קינדערש קעפּל. זומער פֿלעגט דאָס ערדענע דעכל באַוואַקסן ווערן מיט מענטע, ראַמונקעס: די לענגלעכע בליונגען מיט די ווײַסע שפּרענקעלעך פון די וועגבלעטלעך האָבן זיך געהויבן אַרום קוימען און באַפּוצט דעם רויך. די נאַסטורציעס מיט די רויטע סאַמעטענע הערצעלעך, וואָס די באָבע מאַלקע האָט אַזוי ליב געהאַט, פֿלעגן קימאַט פֿאַרצײַען די שמאָלע סטעזשקע צו דער נידעריקער סאָסנאָווער טיר. די בעסוילעם-ביימער האָבן געגרייכט ביזקל שטיבל, און אַכוץ דעם, וואָס זיי האָבן אַרײַנגעשאָרכט אין דער באָבעס פענצטערל גרינע דערמאָנונג, האָבן זיי געבראַכט נוצן אויך: זי האָט געקליבן ליפּע-צוויט אויף דורכצושוויצן די ביינער. אונטער די אָסינעס האָט זי געקליבן שוועמלעך, אין די בעריאָזעס פֿלעגט זי מיטן עקבערל מאַכן לעכלעך, צובינדן אַ ליימענעם ליאָק — ס'זאָל טריפֿן. שטעטלשע האָבן ניט איין מאָל אַראָפּגעשווענקט דעם נאָכטאָם פון טשאָלנט מיט מאַלקעס געזײַערטן בעריאָזע-קוואַס. אין די מוראַשניקעס פֿלעגט זי באַהאַלטן לײַדיקע, ניט קיין פֿאַרקאָרקעוועטע פֿלעשלעך. די קלוגע מורעשקעס פֿלעגן אַהין אָנקריכן ווי נאַראָנים. די באָבע מאַלקע פֿלעגט אויף זיי אָנגיסן בראַנפֿן. אַלטע לײַט מיט רעמאַטעז פֿלעגן ליובן די רעפֿוע:

— אויב די ביינער סקריפּען נאָך, איז אַ דאַנק פֿריִער אים, נאָכדעם דיר...

זי פֿלעגט אויך איבערקערן אַ גלעזל און צופֿינטלען:

— פֿון אים צו פֿון מיר, פֿון מיר צו פֿון די מורעשקעס, אַבי די ביינער סקריפּען!

מע דערציילט, דער אַלטער ראָוו האָט גערופֿן מאַלקען און זי געמוסערט:

— קלײַבסט שוועמלעך אויפֿן רײַנעם אָרט, בינדסט בעזעמלעך צו גיין אין מערכעץ, איז דיר קנאַפּ? האָסטו פֿאַרזעצט מערן מיט באָב צווישן די קוואָרים, איז דיר נאָך ווינציק?! באַרימסטו זיך, האָט מען מיר דערציילט, אַז יעדער מער איז פֿון דער ערד ניט אַרויסצורײַסן און יעדער באָב-שויט איז אָנגערייעט מיט בעבלעך, ווי אַ ווײַבערשע צונג מיט ווערטער.

און פֿון דאַן אָן האָט צווישן די קוואָרים אָנגעהויבן וואַקסן ברוצקע. דער אַלטער ראָוו איז געשטאָרבן.

די באָבע מאַלקע האָט דערציילט, אַז איר ברוצקע-צימעס איז ווי מיט האָניק אָנגעגאָסן, זי דאַרף מערן אויף קאַפּאָרעס, אין ווינטערדיקע שנייען, אין האַרבסטיקע בלאָטעס איז זי אַלעמאָל צו אַ געווינערן געקומען צו דער צײַט, און אויב שטעטלשע האָבן צוגערעדט, זי זאָל זיך אַריבערקלײַבן:

— אַ מענטש אַליין, לאַנגע נעכט, ס'איז אומעטיק...

פלעגט די באָבע ענטפערן:

— ערשטנס, איז מיר, צײַט איך לעב, קײנמאָל ניט אומעטיק געווען, צווייטנס, דאַרף מײַן מעלאָכע א רויִק געמיט. וויפל מאָל קריכן מיר די אויגן פון קאָפּ מיט דער קימפּעטאָרן אינײנעם? אָבער קוים פאַרבינד איך דעם נאָפּל — פאַרגעס איך אָן אַלץ!

אַף אײנעם א רײַכן בריס האָט די באָבע מאַלקע געטרונקען ווישניק פון א טײ־גלאָז, פאַרטיק געמאַכט א פּאָלומעסעקל געהאַקטן לעבער פון ברעג ביז ברעג, צוגערוקט צו זיך א טיפע גלעזערנע שאָל מיט אינגבערלעך, און דערזען, ווי מענדל דער סאַרוווער קוקט אַף איר מאָדנע שטרענג, האָט זי איבערגעקערט די שאָל אַפן טיש, צוגעשאַרט צו זיך די אינגבערלעך און א געשריי געטאָן:

— קוק ניט אזוי! כ׳האָב קאָשער פאַרדינט, דאָס קינד איז, ניט פאַר דיר געדאַכט, געגאַנגען מיטן געזעסל!

* * *

אזוי האָט זיך געצויגן א לעבן מיט קימפּעטאָרנס, בריסן, כאַסענעס, לע־ווײַעס...

די באָבע מאַלקע פלעגט, לופטערנדיק אירע זאַכן, מעסטן מיטן אויג די שטיק אײגענע געוועבטע לײַוונט, עס ווידער באַהאַלטן אַפן סאַמע דעק קופערט און אומעטיק טראַכטן: „ס׳איז ניט קײן כופּע־שלײער, ס׳קען צו־וואַרטן“.

ס׳איז געווען א לעבן מיט דערמאָנונגען וועגן פאַרצײַטנס, מיט האָפענונג אַף איבער צוויי יאָר און אַף איבער פינף יאָר. מיטאמאָל איז אַלץ אָפּגעמעקט און אויסגעלײדיקט געוואָרן...

שוין דאָס גאַנצע שטעטל פּוסט, און אָן איר האָט מען, אַפּאָנעם, פאַר־געסן. אין די נעכט זיצט זי בא פאַרהאַנגענע פענצטערלעך, פירט מיטן פינ־גער איבער קרומע שורעס אין א געלן העפט און רעכנט: „אווראָם, רײזע און זײַערע. הירשעלע, פּײַוקע, דינקע, פרומקע, שײַע, כיענע. זײער בענ־צעלע, נעכעמקע, שלוימקע, מענוכקע און יוינעלע“. זי פירט מיטן פינגער אזוי לאַנג, ביז זי בלײַבט זיצן, שאָקלענדיק זיך מיט פאַרמאַכטע אויגן... ס׳הייבן זיך אָן דרייען קאַראַהאָדן אַרום געלע שײַטערס, אין וועלכע ס׳ברע־נען אײפּעלעך. ס׳איז פול איר שטיבל מיט געשרייען פון קינדער... זי זיצט אין אָנטאָן גאַנצע נעכט, עפנט אַלע ווײַלע די אויגן, קעדײ אוועקצויאָגן דעם גרויל... כאַדאָשימווײַז איז זי אזוי געזעסן, געוואַרט אַפן מאַלעכהאַמאָ־וועס, ביז זי האָט אין אײנער א נאַכט אָנגעטאָן איר טונקל־גראַנאַט מאַנטל מיט די באָרדאָ סאַמעט־לאַצן און, ניט אויסלעשנדיק דעם קאַנעץ, ניט פאַר־מאַכנדיק די טיר, אוועק פון שטיבל.

אין איינעם א דאָרף האָט זי אויסגעביטן דעם מאַנטל אף א שעפּסן פעלצל מיט א לעבל ברויט. איר פּאָנעם מיט די אײַנגעפאלענע צעקנייטשטע באקן האָט ארויסגעקוקט פון הויכן קראגן, ווי א שטיקל געל פארטריקנט פעלכל, אין וועלכן ס'זײַנען טיף געזעסן אירע בלויע, עטוואָס אָפּגעבליאַקעוועטע אויגן. איצט וואָלט שוין קיינער ניט געזאָגט, אז דאָס איז ניט קיין פויערטע, וואָס האָט א גאנץ לעבן אָפּגעארבעט אין פעלד. אין א צווייטן דאָרף האָט זי אויסגעטאָן פון האלדז אירע גרויסע בורשטינענע קרעלן, זיי אָפּגעגעבן אָנשטאָט דירע-געלט. דאָס אלטע פּאָרפאָלק האָט זי געלאָזט בא זיך אין פירהײַזל לעבן כאזער. דער אלטער פלעגט אף באנאכט אָנטאָן דעם כאזער אפן שנוק א וואָלענעם זאָק, ער זאָל ניט שטערן דער באָבע מאלקעס שלאָף. זי איז אָבער סײַוויסײַ קנאפּ געשלאָפן. באגינען פלעגט זי רײַסן קראָפּעווע און אנדערע גראָזן פארן כאזער. זי האָט דערציילט דער באלעבאָסטע, אז זי איז א באהאוונטע באָבע, אָבער אין דאָרף איז געווען אן אייגענע באבקע. קיינער האָט ניט געוואָלט אָנקומען צו דער פרעמדער, כאָטש קיינעם איז אפילע ניט אײַנגעפאלן, אז זי איז א ייִדישע. די באָבע מאלקע האָט שוין ניט געגלייבט, אז איר מעלאָכע קען צוניץ קומען.

אין איינעם א פארנאכט האָט זי, ווי אלע טאָג, געהאקט קראָפּעווע פארן כאזער. אן אלטע פויערטע איז האסטיק ארײַנגעאנגען אין פירהויז, האָט זי א צופּ געטאָן באם ארבל:

— קום גיכער! וולאדאס ווײַב גייט צו-קינד. שוין צוויי מעסלעס. זי האלט באם שטארבן!

* * *

די אלטע האָט געבראכט צו פירן די באָבע מאלקע אין א גראמער שטוב מיט ריינע פּאָדלאָגעס, מיט ניט קיין געטינקעוועטע ווענט פון גראָבע קלעצער. דער מאָך צווישן זיי איז נאָך געווען גרינלעך. אף א סאָך בעטגעוואנט מיט א הייליקן בילד צוקאָפּנס איז געלעגן די קימפּעטאָרן מיט אויסגעצויגענע פיס, און איר בויך האָט פארשטעלט דאָס פּאָנעם. הינ'און צוריק פון שפּיגל ביזן אויוון האָט געשפּאנט דער באלעבאָס.

— שטעל צו וואסער, באלעבאָס! גיב א טרונק, פארבײַסן אויך!

זי האָט אויסגעטרונקען, פארביסן מיט א פּאָר אָפּגעקאָכטע אייער, צוגעבונדן צוויי האנטעכער צום ווענטל פון בעט, און, זיך צובייגנדיק צו דער קימפּעטאָרן, שטרענג אָנגעהויבן:

— ווילסט לעבן, טאָ העלף זיך! האָסט ניט אזויפיל האָר אפן קאָפּ, וויפל ווײַבלעך כ'האָב געזעען אזוי ליגנדיק. נו, ריר זיך! נעם די האנטעכער, שטײַפער, מיטן גאנצן קויעך צי צו זיך!.. נאָך שטארקער!! בייג אײַן די קני, כאַמע מײַנע, פון א פארמאכטער טיר קען קיינער ניט ארויס!.. נאָכאמאָל, טײַערינקע, שטארקער... באלעבאָס! א גלאָז טיי — האלב האָניק, האלב

וואסער, גיכער! נו, טרינק. איין זופּ! איין שלונג! ווידער די האַנטעכער — צו זיך! העלף זיך! שטאַרקער!

אַזוי האָט די באָבע מאַלקע געקאָמאַנדעוועט, ביז די קימפּעטאָרן האָט גענומען ברומען ניט מיט איר קאָל. דאַן האָט די באָבע מאַלקע פאַרקאַ-שערט די אַרבל, אַ געשריי געטאָן צום באַלעבאָס: „גיס אויף!" און טראָגנדיק פאַרויס די אויסגעוואַשענע הענט, צוגעלאָפן צום בעט און מיט אַ צוגע-הלושעט קאָל, ווי זי וואָלט מוירע געהאַט עמעצן צו דערשרעקן, גערופן:

— נו, קום, גיכער, שויטע, דאָרטן איז שוין סיַווויסיי פאַר דיר קיין אָרט ניט...

זי האָט אַלץ שטילער און שטילער גערופן. די קימפּעטאָרן האָט אַלץ העכער און העכער געברומט, ביז ס'האָבן זיך דערהערט פּעטשלעך און אַ דינער שפּאָגל-נייַער „אוּ-אַ".

וולאַדאַס איז געשטאַנען און געקוקט. ווי די באָבע מאַלקע האַלט אויף דער לינקער דלאָניע אַ ברוין-בלויען צאַפּלדיקן נעפּעש מיטן בייַכל אַראָפּ, מיט דער צווייטער האַנט גיסט זי אויף דעם לעבלעך וואַסער און ווערטלט זיך:

— האָסט אַ כלאָפּ, ער וועגט אַוואַדע צוועלף פונט!

זי האָט פאַרוויקלט דאָס קינד און געבעטן:

— נו, איצט גיב עפּעס אָפּעסן.

וולאַדאַס האָט ווידער געבראַכט סאַמאָהאָן, ער האָט אָנגעגאָסן צוויי גלעזער.

— ניין, מער דאַרף מען ניט, גענוג! איך בין ניט קיין שיקער. כ'האָב געדאַרפט אַ קאַפּל קוראַזש. דו טרינק, און מיר גיב עפּעס אָפּעסן.

וולאַדאַס האָט געבראַכט פּוטער און האָניק, אַ קייַלעכדיקן לעבל ווייצן ברויט, און די באָבע מאַלקע האָט געשמירט אַ מויצע נאָך אַ מויצע.

— אייַ, באַבקע! ביסט אַ מאַלאַדיעץ. ווען מע קאָרמעט דיך צו אַ שטיקל צייַט, וואָלסטו נאָך אַליין געהאַט קינדער!

— אַוואַדע! מיינסט, דייַנע האָט געהאַט? איך האָב פאַר איר געהאַט! און ווייַטער איז איצט די ריכטיקע צייַט, זאָלסט גיין שלאָפן, וואָרעם דו הייבסט אָן ריידן נאַרישקייַטן. גיי לייג זיך, און איך וועל זיצן בא דער קימ-פּעטאָרן.

ס'זייַנען געגאַנגען טעג. די באָבע מאַלקע האָט שוין געוווּסט, אַז וולאַ-דאַס איז סטאַראָסטע אין דאָרף. די קימפּעטאָרן איז אַרומגעגאַנגען, דער ניי-געבוירענער איז פון רויט געוואָרן ראָזלעך, דאָס ברייט-צעפּלעטשטע נעזל — שמעלער. די ווייַסקייַט, וואָס האָט זיך צעבליט בא אים אין מייַלכל, האָט די באָבע מאַלקע אויסגעהיילט: זי פלעגט אַרומוויקלען אַ ווייכע לייַוונ-טענע שמאַטקע אַרום קלײנעם פינגער, איינטונקען אין זאַלץ-וואַסער און אויסווישן זייַן ציִנגל און זייַן גומענדל. זי פלעגט עסן מיטן סטאַראָסטע און זייַן ווייַב פון איין שיסל, אפגיך אָפשאַרנדיק מיטן לעפל דאָס פעטס, זי איז געוואָרן אַן אייגענער מענטש.

אז װלאַדאס איז ניט געװען אין שטוב, פֿלעגט מיכאַסיע עפֿענען דעם גרינעם קופֿערט און, װײַזנדיק זילבערנע לעפֿל-גאָפּל, װעש און אַנדערע זאַכן, פֿרעגן:

— װי מײנסטו, באַבעשי, ס'איז א זינד? מיר װאָלטן ניט גענומען, װאָלטן דאָך אַנדערע גענומען. ניט אַזױ?

די באָבע מאַלקע פֿלעגט שװײַגנדיק שאָקלען מיטן קאָפּ.

אין די נעכט פֿלעגט זיך איר כאָלעמען אַלץ איין כאָלעם: זי איז קװאַ-טער, דערלאַנגט דאָס קינד, דער מױעל האָט װלאַדאַסעס אָנבליק, ער װאַרפֿט איר צוריק פֿאַנאַנדערגעװיקלטע װינדעלעך, און עס שיטן זיך פֿון דאָרטן א סאַך, א סאַך פֿאַרבלוטיקטע הענטלעך מיט פֿיסלעך... זי שרײַט פֿון שלאָף, און דער סטאַראָסטע שרײַט אױף איר:

— בעט זיך אױס אין דער זומערדיקער העלפֿט, דו לאָזט מיר ניט שלאָפֿן, באַבקע, ס'קריכן אַזױ אױך אין קאָפּ שײדים װײסן װאָס!

די באָבע מאַלקע װאָלט געגאַנגען ניט נאָר אין דער זומערדיקער העלפֿט, זי װאָלט אַװעק, װוּ די אױגן טראָגן. פֿון די ערשטע טעג אָן האָט זי צו װלאַדאַסן געפֿילט ניט נאָר סינע. ס'איז געװען א געפֿיל אױסגעמישט פֿון עקל, סינע און נײַגער.

ס'האָט זיך געטראָפֿן, א פֿױערטע איז אַרײַנגעגאַנגען און צעטומלט דערציילט: „פֿינף װיאַרסט פֿונדאַנען האָבן פּאַרטיזאַנער פֿאַרברענט די קאָ-מענדאַטור מיט די דײַטשן אינײנעם". מיכאַסיע האָט זיך אַרײַנגעראָבן אין דעם װײכן בעטגעװאַנט און געװאָיעט. װלאַדאַס איז אַרײַנגעגאַנגען פֿון גאַס, זיך צעשריִען:

— װיפֿל מאָל האָב איך געזאָגט, קײנעם ניט אַרײַנלאָזן אין שטוב. עס קריכן זײ אַרױס די אױגן! ס'פּלאַצט זײ די גאַל. איך אַלײן האָב גענומען, זײ אַלע זײַנען ערלעכע לײַט! אַרױס פֿון בעט, צעקראַכענע בריִע! אַז ניט...— ער האָט זיך א לאָז געטאָן צו מיכאַסיען מיט די אױפֿגעהױבענע קולעקעס.

— װלאַדינקע, כ'האָב מורע, כ'האָב קײן קױעך ניט... פֿאַרברען אַלץ, װאַרף אַרױס, איך דאַרף קײן זאַך ניט! — האָט מיכאַסיע געשלוכצט.

— אַרױסװאַרפֿן?! פֿאַרשטונקענע נעװײלע! ניט דו האָסט געבראַכט, ניט דו װעסט אַרױסװאַרפֿן!

און די באָבע מאַלקע האָט, שאָקלענדיק דאָס הענג-װיגל, געטראַכט: „קײן געשרײ פֿון נײַ-געבאָרענעם זאָל ער מער ניט הערן, טאַטע-פֿאָטער!"

אָנגעשטאָפּט איז געװען די שטוב מיט האָב און גוטס, זילבערנע לעפֿל-גאָפּל — געגעסן האָבן זײ מיט הילצערנע. טוצן לײַלעכער — און געשלאָפֿן זײַנען זײ אױף דער אײגענער געװעבטער גוניע. גרױסע מעדניצעס זײַנען פֿאַרגרינטע, מיט די דעקן אַרױף געלעגן אױפֿן אײװון. די באַלעבאַטים האָבן ניט געװוּסט צו װאָס מע נוצט דאָס, די קישנס נאָר האָבן געדולדיק גע-האַלטן זײערע קעפּ, דער זײגער האָט געציילט א שאָ נאָך א שאָ, אין שפּיגל האָט זיך געזען א װינקל-אײװון און די פֿיר שטריק פֿון װיגל.

אין די פרימאַרגנס, ווען וולאַדאס פלעגט זיך צוקעמען, פלעגט זיך די באָבע מאַלקע טאָמיד דערמאָנען אין ציווקע איציקס: זי שטייט מיט פאַר־הויבענע הענט באַם שפּיגל, לייגט אויס די צעפּ אַרום קאָפּ, — באַ איציקן איז געשטאַנען אַקוראַט אַזאַ שפּיגל. און אין שטעטל האָט מען גערעדט, אַז ווען־וועמען, ציווקען וועט מען צוכאַפּן, ווי זי שטייט און גייט... און איצט... ליגט ציווקע מיט טאַטע־מאַמע, מיט נאָך אַ סך, אַ סך אין אַ גרויסער גרוב...

פון שפּיגל קוקט אַרויס וולאַדאס מיט דער פלאַקסענער טשופּרינע איבערן גלייכגילטיקן פּאַרצעף.

— וולאַדאס, פאַרהענג דעם שפּיגל, ער איז פון אַזאַ סאָרט גלאָז, וואָס האָט מוירע פאַר וואַרעמקייט, און אין שטוב איז ווי אין אַ באָד. שאַנעווע דעם שפּיגל, ער איז דאָך איצט דיינער! — האָט די באָבע מאַלקע ניט אויסגעהאַלטן.

וולאַדאס האָט, פאַרהענגענדיק דעם שפּיגל, געשמועסט מיט זיך אַליין:

— אוואדע, וואָס דאַרף מען אופּרייסן לייט די אויגן? איבעראיאָר וועל איך אויסבויען אַ נייע שטוב מיט אַ הויכן סופיט, וועט עס פּאַרן שפּיגל זיין ווי אָנגעמאָסטן.

און די באָבע מאַלקע האָט, קוועטשנדיק מיטן הענטל פון האַק אָנגעקאָכטע בולבע פאַר די אויפעס, אַריינגעברומט אין טשוהון:

— דיין זון זאָלסטו ניט דערלעבן זען אַ גרויסן, און דער לעצטער זאָל ער באַ דיר זיין!

די סינע צו וולאַדאסן האָט אָפּגעטאָן פון דער באָבע מאַלקע דעם שלאָף. אין די נעכט האָט זי אַראָפּגעקוקט פון אויוון, און ווי פינצטער ס'איז ניט געווען אין שטוב, האָט זי געזען זיין פּאָנעם און די ציינער אין זיין אָפענעם כראָפּענדיקן מויל.

ס'האָט געטראָפן, ער האָט זיך פאַרזאַמט עטלעכע טעג אין אַ דערבייִיקן דאָרף.

ווען וולאַדאס וואָלט מעסוגל געווען צו לייענען איר בליק, ווען ער האָט זיך אומגעקערט, וואָלט ער דערפילט, אַז די באָבע מאַלקע האָט אויף אים שטאַרק געוואַרט. וועגן מיכאַסיען האָט זי שוין לאַנג באַשלאָסן: פאַרעווע געקעכטס — אָן זאַלץ און אָן פעפער. וועגן וולאַדאסן אָבער האָט זי גע־טראַכט גאָר אַנדערש, און טאַקע דערפאַר האָט זי גאַנצע טעג איצט געפּלאָ־נעוועט, וויאַזוי שיקט מען אָפּ מיכאַסיען מיטן קינד. צו דעם אַלעם איז נאָך עפּעס מיכאַסיע די לעצטע טעג אַרומגעגאַנגען זיפצנדיק און אָכצנדיק. די באָבע מאַלקע האָט פאַרשטאַנען, אַז זי באַהאַלט עפּעס אויס פון איר. זי האָט גאָרנישט געפרעגט, ביז מיכאַסיע האָט זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ, ווען וולאַדאס איז ניט געווען אין שטוב.

— איבעראַכטאָג זונטיק, — האָט זי דערציילט, — וועלן אין דאָרף קו־מען דייטשן. זאָגט וולאַדאס, אַז ער וועט זיי רופן צו אונדז, און מיר הייסט ער מאַכן געבראָטענע גענדז מיט עפּל. איך קען קאָכן גענדזנס מיט קרויט,

אָבער מיט עפּל הער איך דאָס ערשטע מאָל... און דו קענסט דאָך אים? ער, אַז ער זאָגט, מוז ווערן באַשאַפֿן!

— נו, ביז איבעראַכטאָג זונטיק איז נאָך דאָ צײַט! און ווײַטער, וואָס אַרט אים, ווער ס'וועט בראָטן, אַבי געבראָטנס וועט זײַן, — האָט די באָבע מאַלקע געטרייסט.

זי האָט זיך אַזוי לאַנג געסוידעט מיט מיכאַסיען, ביז יענע האָט זיך צעוויינט פאַר וואָלאָדיאַסן:

— איך וויל פאָרן צו טאַטע-מאַמע, וואָלאָדינקע, איך בענק נאָך זיי!

— וואָלסט סייכל געהאַט, וואָלסטו אַליין געזאָגט: פאָר, מײַן ווײַב, נעם ס'קינד און פאָר! — האָט זיך אַרײַנגעמישט די באָבע מאַלקע, — דאַרפסט טאַקע נייטיק, זי זאָל זיך אַרומדרייען אין שטוב? דײַנע געסט זײַנען פּאַ-שיסטן, פאַרגעס ניט! און פאַשיסטן זאָגן זיך פון קיין זאַך ניט אָפּ. קיבעד איז קיבעד, געבראָטענע גענדז זײַנען אַוואַדע געשמאַק, און נאָך עטלעכע גלעזער מאַשקע איז אַ יונג ווײַבל אויך ניט שלעכט!.. און ווײַטער האָב איך דיר געוואָלט זאָגן, וואָלאָדיאַס, איך טראַכט: געניג געגעסן דײַן ברויט! צײַט זיך צו רירן. אַ פּאָפּציק וויאַרסט פונדאַנען האָב איך קרויווים, ס'גייט צו וועסנע, וועל איך זיי העלפן אין דער באַלעבאַטישקײַט...

— וואָס האָסטו זיך פּלוצעם אַ כאַפּ געטאָן, באַבקע, ווי איך וואָלט דיר אַרונטערגעלייגט פּולווער אונטערן עק? איך זאָג דען עפּעס? זאָל זי פאָרן! און דו זיך! זי וועט זיך אומקערן, וועט מען זען, — האָט וואָלאָדיאַס אָפּ-געהאַקט.

ער האָט טאַקע אַף מאָרגן אַליין אַוועקגעפירט מיכאַסיען. ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער זיך ניט געקענט אָפּוווּנדערן: דער אויוון אָפּגע-ווײַסט, — די ווענט אויסגעשאָבן און די פּאָדלאָגעס — כאָטש לייג אַף זיי קאַשע.

איצט, ווען די באָבע מאַלקע איז געבליבן אַליין מיט וואָלאָדיאַסן, איז זי געוואָרן אומרויִקער און אָנגעשטרענגטער ווי פריִער. ס'האָט לאַנג געדויערט, ביז זי האָט זיך צוגעוווינט, אַז די דאָרפישע און די שטוביקע פּאַלט ניט אײַן צו טראַכטן, אַז זי איז אַ ייִדיש קינד. און איצט האָט זי געשראָקן יעדער טראָט, יעדער סקריפּ פון טיר, פון יעדן וועגד און קער וואָלאָדיאַסעס פלעגט זי ווערן אַ פאַרצאַפּלטע. אַלע אירע קויכעס און די גאַנצע אַקשאָנעס, וואָס זײַנען איר בײַגעשטאַנען אין לעבן, האָט זי איצט אַף איין רעגע ניט אָפּגע-לאָזן פון זיך. קעדיי צו זײַן אויסערלעך רויִק, אָבער נאָר אויסערלעך. איר אַלטער מויעך און איר ערלעך האַרץ האָט ניט גערוט. טיילמאָל האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז ס'וואָלט געווען בעסער, ווען זי בלײַבט אין שטעטל. „געלאָזן פּוסטע וויגעלעך, דער ווינט זאָל זיי וויגן", — האָט זי געטראַכט, זיך צוקוקנדיק, ווי וואָלאָדיאַס באַלעבאַטעוועט אין דאָרף.

זינט מיכאַסיע מיטן קינד זײַנען אַוועקגעפאָרן, האָט ער געהאַט אַרבעט איבערן קאָפּ. וואָלאָדיאַס איז געווען אַ רײַכן מילנערס אַ זון, ניט אומזיסט האָבן אים די פאַשיסטן געמאַכט פאַר אַ סטאַראָסטע. וואָלאָדיאַס האָט גע-

פירט דעם מאַלעכהאַמאָוועס צו די, וואָס האָבן געהאַט זין, ברידער, טאַטעס אין דער רויטער אַרמיי און בײַ די פּאַרטיזאַנער. ער האָט געטיילט מיט די פאַשיסטן דאָס פאַרמעגן פון די אומגעקומענע. ער האָט ניט געוווּסט קיין גענוג. אַלץ האָט אים געטויגט. אַן אײַזערנע שטאַבע, אַרויסגעשרויפט פון אַ שאָכנס שטוב, ביז פּרוכטביימער, אַרויסגעראָבענע מיט די וואָרצלען פון אַ פרעמדן סאָד.

„פאַרשאָלטן זאָל ער זײַן, קיין וויגל זאָל בײַ אים אין שטוב ניט שטיין, און קיין געשריי פון קיין נײַ-געבאָרענעם זאָל ער מער ניט הערן“, — האָט די באָבע מאַלקע געשעפּטשעט און זיך אַליין אויך פאַרשאָלטן דאָס געביין: „אויוועראַבאָטל, שאָפּעלער נעפּעש! זיצסט בײַ וולאַדאַסן און וואַרגסט זיך ניט מיטן ביסן!“ זי איז געווען פאַרלאָרן און צעצווייט. איין באָבע מאַלקע בלאָנקעט איבער די כורוועס, די צווייטע — נעמט קיין אויג ניט אַראָפּ פון וולאַדאַסן. „דער, וואָס האָט געראַבעוועט און געהאָלפן אומברענגען מײַנע, דער ראַבעוועט און קוילעט זײַן אייגן פאָלק אויך!“ — האָט זי געטראַכט אַ פאַרצאַפּלטע, הערנדיק באַנאַכט קוילעס: „ראַטעוועט!“

* * *

עס איז געקומען דער געגאַרטעטער זונטיק. די באָבע מאַלקע האָט אָנגעפילט די גענדז מיט שמאַלץ און ווייצענע גרײַפּלעך, אַרײַנגעלייגט אין אַן אויסגעשײַערטער מעדניצע, אַרומגעלייגט מיט אַנטאָנאָווקעס און פלאָסטן, אַרײַנגעשטעלט אין אויוון. ווען זי האָט זיי אַרויסגענומען פאַרטיקע, זײַנען זיי געווען אַקוראַט אין דער מאָס צוגעברוינט, און עס האָט אַזוי געשמעקט, אַז וולאַדאַס האָט פאַריגלט די טיר... זי האָט אים אויסגעלערנט, ווי אַזוי צו מאַכן פון סאַמאָהאָן אַ געשמאַקע מאַשקע. אַרײַנגעלייגט אין סאַמאָוואַר געטריקנטע קאַרשן, פלוימען, אָנגעגאָסן סאַמאָהאָן, אַ ביסל האָניק און דאָס אופגעקאָכט. פאַרזוכט די מאַשקע, האָט וולאַדאַס שטאַרק געלויבט:

— זיי וועלן בײַ מיר אַראָפּשלינגען די צינגער! ער, באַבקע, האָסט ליטווישע הענט און אַ ליטווישן קאָפּ אויף די פּלייצעס!

ער איז אוועק באַגעגענען די געסט. די באָבע מאַלקע האָט זיך אויסגעצוואָגן, אַרומגעוואַשן, אופגעקאָכט אויפן פּריפּעטשיק אַ טשוהון וואַסער, אוועקגעשטעלט די געבראָטענע גענדז מיטן סאַמאָוואַר אויפן טיש. עס איז שוין געווען וואַרמעס-צײַט. זי האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס וולאַדאַס איז נאָך ניטאָ מיט די געסט. זי אַליין האָט גאָרנישט ניט געגעסן. דעם טאָג איז בײַ איר געווען אַ טאָנעס. דער רייעך פון געבראָטנס איז איר געווען דערווידער. זי איז אַרופגעקראָכן אויפן אויוון, זיך אײַנגעדעקט מיטן פּעלץ. „קיין וויגל זאָל בײַ אים ניט שטיין, טאַטע-פּאָטער!“ — האָט זי געטראַכט, אײַנשלאָפנדיק. עס האָט זיך איר געכאָלעמט, אַז מע קלאַפּט אין טיר און מע שרײַט: „שטיי אויף, מיר זײַנען געראַטעוועט, די

דויטע ארמיי איז געקומען!" זי איז אראָפּגעקראָכן פון אויוון און האָט אריינגעלאָזן וולאדאסן.

— וואָס איז מיט דיר, באבקע, כ'האָב דאָך געמיינט, אז מע האָט דיך געקוילעט, זיך קוים דערקלאפּט, א כאָלערע זאָל דאָס נעמען. אין ני־וועץ געבראכט אזוינע דריי געגדז! געקומען זיינען זיי, צוגענומען, ווען זיי האָבן געדארפט, און צו מיר זיינען זיי ניט געגאנגען!

— נישקאָשע, ס'איז קאלט, וועסט ניט ארויסווארפן, — האָט די באָבע מאלקע געטרייסט.

אָבער וולאדאס האָט ניט געהערט, וואָס זי רעדט. ער האָט זיך שוין אליין געטרייסט. ער איז געזעסן באַם טיש, געשניטן געגדזנס, געטרונקען מיט זיך אליין לעכאַים.

און זי איז געשטאנען לעבן פּריפּעטשיק מיט די הענט אונטערן פאר־טעך.

— באבקע, געפעלסט מיר ניט! זעץ זיך צום טיש!

— ניין, אזא געבראָטנס איז ניט פאר מיינע ציינער, כ'האָב שוין גע־געסן בולבע-קאשע, — האָט זי געענטפערט.

— בולבע-קאשע? — האָט וולאדאס שיקער איבערגעכאזערט.

די באָבע מאלקע איז אלץ געשטאנען לעבן פּריפּעטשיק, געקוקט ווי ער טרינקט א גלאָז נאָך א גלאָז. אירע אויגן זיינען געווען האלב פארמאכט, אָבער זי האָט גוט געזען, אז ס'איז די ריכטיקע צייט.

— גענוג צו טרינקען! — האָט זי אויסגעשריען.

— וויפל איך וויל, אזויפיל טרינק איך, אלטער דאָרן! היט דיינע שטעכעדיקע וואָרצלען! — האָט ער אויסגעשריען און זיך געוואָלט אופהייבן פון אָרט.

די באָבע מאלקע האָט דערפילט, אז איר כעזשאָן-האנעפעש קען אוועק מיטן רויך. „די גרינגע שפּראָצונג מיט דער בליונג האָסטו צעטראָטן, דעמ־בעס אונטערגעהאקט — דארף איך שוין מיינע טרוקענע וואָרצלען ניט היטן!" — האָט זי געטראכט, ניט אראָפּלאָזנדיק פון אים אירע אויגן. ווי נאָר זי האָט דערזען, אז ער האָט ווידער אָפּגעשניטן א פאָלקע און גענו־מען קייען, האָט זי א כאפּ געטאָן דעם טשוהון מיט אזא אימפּעט, ווי צו ראטעווען א קימפּעטאָרן פון די לעצטע שווערסטע ווייען און, צולויפנדיק, איבערגעקערט די זוד אף אים.

א געדיכטע פארע האָט אָנגעפילט די שטוב. זי האָט אראָפּגעשלעפּט דעם פּעלץ פון אויוון, ארופגעוואָרפן אף די פּלייצעס און איז ארויס. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אז די גאס דארף זיין פול מיט מענטשן. זי האָט זיך פארווונדערט אומגעקוקט: אן אויסגעשטערנטע נאכט, א לייכט פרעסטל. אריינגעשטעקט די הענט אין די ארבל, זיך פארשפּיליעט און א טראכט געטאָן: „א דאנק די הענט ניט געוואשן!.. קיין וויגל וועט ער שוין ניט אָנ־קוקן". אופגעהויבן די אויגן צו די שטערן און געבעטן: „אויב מעגלעך, טאטע אין הימל, לאָז מיך נאָך לעבן, נאָך א קאפּעלע לעבן, ניט מער"...

גאָט וועט אים אויסהערן

זינקוס האָט זיך ניט אַריבערגעקליבן פֿון שטעטל. ער האָט זיך אַריבערגעקליבן פֿון זײַן בידנער כאַטע אין הירשעס און ריווע-גיטלס שטוב. ער האָט איבערגעפֿאַרבט די לאָדנס, די טירן, דעם פּאַרקן אַרום גאָרטן, אָפּגעקאַלכט די שטאַמען פֿון די עפּלביימער אין הירשעס סאָד און אַזוי וווינט ער דאָרטן פֿון יענעם ווײַטן זומערדיקן טאָג אין 1941 יאָר, ווען ער האָט דעם אווטאָמאַט פֿון דער האַנט ניט אַרויסגעלאָזן.

אוואַדע, ער וווינט זיך אין הירשעס שטוב, אַלץ, וואָס אין שטאַל, איז אויך זײַנס. עמעס, הירשעס קו איז שוין ניטאָ, ער האָט אַן אָרייניקל פֿון הירשעס קו, וואָס מעלקט זיך גאַנץ גוט. ניט נאָר זינקוס, נאָר די אַלע, וואָס האָבן אין יענעם זומערדיקן טאָג מיט אים איינעם געטאָן די „אַוועדע" באַם דערפֿל פּוסטינקע, זײַנען איצט באַלעבאַטים פֿון די ייִדישע אַ ביסל איבערגעבויטע און איבערגעפֿאַרבענע שטיבער. גלײַך ווי די מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָט מען עטלעכע פֿון די „שיינע" לײַט רעפּרעסירט. נאָר אין אַ דרײַ יאָר אַרום זײַנען זיי געקומען אין שטעטל. זייערע טאַטע-מאַמע, זייערע ווײַבער און קרויווים האָבן פֿאַר זיי אויסגעהיט אַלץ, וואָס זיי האָבן אָנגעראַבעוועט, און זיי זײַנען איצטער פֿאַרמעגלעכע באַלעבאַטים. כּמעט אַלע זייערע זין און טעכטער האָבן זיך געלערנט אין קאַונאַס, אין ווילנע, אין פּאָניעוועזש. זיי האָבן געהאַט מיט וואָס צו צאָלן פֿאַר זייערע קינדער. זיי האָבן דעם דריטן רײַך קיין פֿאָדעם ניט אָפּגעשיקט. קוים איז מען געקומען פֿון געסטאַפּאָ אָדער פֿון אַן אַנדער אַנשטאַלט, האָט מען זיך שוין אַן אייצע געגעבן. און די פֿאַשיסטן פֿלעגן אַוועקפֿאָרן כּמעט מיט דעם, מיט וואָס זיי זײַנען געקומען.

נאָר יענער זומערדיקער ווײַטער פֿרימאָרגן איז שוין לאַנג אַוועק. ס'איז אויך אַוועק די צײַט, ווען זינקוס פֿלעגט באַ פֿאַרמאַכטע לאָדן און באַם פֿאַרהאַנגענעם עלעקטראָ-לעמפּל אויסשיטן פֿון דער טאָרבע אויפֿן געלעגער דאָס, וואָס ער האָט געהיט, ווי דעם שוואַרצאַפּל פֿון אויג. פֿון די גאָלדענע זאַכן, וואָס זײַנען געלעגן צעשפּרייט אויפֿן בעט, האָט געשײַנט אַ מאַטע געלבע שײַן. זינקוס האָט פֿאַרשטאַנען אויף וואָס עס טויג הירשעס גאָלדענער זייגער, ריווע-גיטלס קליין זייגערל מיט דער לאַנגער קייט, די פֿינגערלעך מיט די אויערינגלעך. ער האָט זיך נאָר געוווּנדערט אויף די בעכערס. ער האָט ניט געקענט פֿאַרשטיין, ווי קאָן מען זיך אָנטרינקען פֿון אַזאַ פּיטשינקער קיילע. נאָר וואָס האָבן די זשידעס געטאָן מיט דעם קופּערטל, וואָס איז געווען פֿון קרישטאָל, צי פּאָשעט פֿון גוטן גלאָז, מיט איידעלע בלאַנקנדיקע רייפֿלעך פֿון ניקל צי פֿון זילבער און מיט אַ פּיטשינקן שלעסעלע, אַ שליסעלע, קוים וואָס מע זעט עס אָן. און אינדערעמעסן, ווי האָט עס זינקוס געקאָנט פֿאַרשטיין? אינדערמיט פֿון שלעסעלע איז געווען אויסגעקריצט אַן עסרעג. און נאָך האָט ער ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, וואָס

איז דאָס פּאַר אַ מין געפּעסל פון מעש מיט אַ דעקעלע. דאָס איז געווען אַ האָדעסל, אויף דעם איז געווען אויסגעקריצט בסאָמים. מיט אַ קורצער צײַט צוריק האָט זינקוס אָפּט גענוצט דאָס קופּערטל מיטן שלעסל, ער האָט דאָרטן געהאַלטן אָנגעשניטענע מאַכאָרקע. אין האָדעסל האָט ער געהאַלטן אַ ביסל פּולווער, ווען ער פלעגט גיין אויף יאַגד. אָבער דאָס אַלץ איז געווען מיט אַ יאָר צוריק, איצטער האָט ער זעלטן געהייסן דעם ווײַב אַרײַנטראָגן די טאָרבע מיט די אַלע זאַכן. אויף יאַגד איז ער ניט געגאַנגען, ווי האָט ער שוין געקאָנט גיין, אַז ליגן אַפילע האָט ער ניט געקענט. מער פון אַלץ האָט ער געוואָלט אַראָפּברענגען אַ שלונג וואַסער, און אַז דאָס ווײַב פלעגט אים געבן אַ טרונק, פלעגט ער טאַקע אַ זופּ טאָן. נאָר דאָס וואַסער האָט זיך געגאָסן אויף צוריק. אויף ריווע-גיטלס געלעגער, ווי זי איז פינף מאָל געלעגן אין קימפּעט און אַלע קינדער זײַנען געווען זייער געראָטענע און שיינע, איז איצט זינקוס געלעגן...

קיינער פון די, וואָס זײַנען אין יענעם ווײַטן זומערדיקן טאָג מיט געווער אין האַנט געשטאַנען באַם דערפל פּוסטינקע, האָבן ניט אַרײַנגעשמעקט צו זינקוסן אים געווירע ווערן. פאַרשטייט זיך, האָט זינקוס אַליין ניט געטראַכט, אַז דער קאַס איז אומשטערבלעך, אָבער אויף אַזוינע אינויִם האָט ער זיך ניט געריכט. פון דאַטנעווע פלעגט אַלע טאָג קומען דער פעלדשער און אים דערנערן דורך דער פאַרקערטער זײַט. זינקוס האָט זיך ניט גענאַרט, ער האָט שוין פאַרשטאַנען, מיט וואָס דאָס שמעקט, און ער האָט אַנומלטן געזאָגט צו זײַן מאַריטע, צום ווײַב:

— גיי צו צום קסיאָנדז, די פּיס וועלן דיר ניט אַראָפּפאַלן. בעהיימע, וועסט וויסן וואָס אים צו זאָגן? זאָג אַזוי און אַזוי, איך וויל, ער זאָל אויסהערן מײַן ווידוי.

ווי נאָר מאַריטע איז אַרויף אויפן גאַלעכס בריקל, האָט זי אים גלײַך דערזען, אַקוראַט ווי ער איז אַראָפּגעפאַלן פון הימל. ער איז געשטאַנען אַנטקעגן איר אין זײַן לאַנגן שוואַרצן ראָק און האָט צו איר געזאָגט:

— גיי אַראָפּ פון בריקל, כ'וויל ניט, דו זאָלסט שטיין אויף מײַנע טרעפּלעך. איר מיינט, אַז איך בין יונג און בין ניט לאַנג אַהער געקומען, ווייס איך גאָרנישט?.. כ'ווייס אַלץ, זאָל ער גיין צו גאָט, גאָט וועט אים אויסהערן, איך בין נאָר גאָטס דינער, גיי פונדאַנען!

מיט דעם איז זי אַוועק. בייס זי איז אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב, האָט זי דערזען יאָסייטעכען. אַ קינד אין וויגל האָט געוווּסט, אַז יאָסייטעכע האָט אַ פּאָדעם ניט גענומען. איצט איז זי געשטאַנען צוגערוקט צו זינקוסעס געלעגער און מיט אויפגעריסענע אויגן געקוקט אויף אים. ער האָט זיך געדרייט אויפן געלעגער אַהין און אַהער, אָבער זיך אויסקערעווען מיטן פּאַרצעף צום וואַנט האָט ער ניט געהאַט קיין קויעך. אָבער צו זאָגן יאָסייטעכען, וואָס גלאָצסטו די אויגן אויף מיר?

— איך גלאָץ ניט די אויגן, און ניט אויף דיר. איך וויל זען דאָס אָרט

אין דײַן הארצן, ווו עס איז אזא אָפּגרונט פון בייז און בלוט... — געזאָגט און ארויס.

ארײַנגעגאנגען צו זיך אין שטוב ניט ווײַט פונדאנען, גענומען די עמערס און אוועק צו דער קאָלאָנקע נאָך וואסער. גייט זי אזוי און מיטאמאָל רופט זי אויס ניט מיט איר קאָל:

— שלוימקיטע, וואָס פאר א ווינט האָט דיך אהער געבראכט? טאקע עמעס, וואָס לײַט זאָגן, אז בלוט איז ניט קיין זויערמילך. ביסט געקומען אפן אָרט, ווו עס ליגן דײַנע שוועסטער און דײַנע ברידער, אָבער וואָס קערסטו זיך אָן מיט זיי, דיך האָט מען דאָך באשווענצלט מיט הייליקער וואסער נאָך פאר דער מילכאָמע, דארף מען פארשטיין, אז הייליקע וואסער איז הייליק, אָבער אייגן בלוט לאָזט ניט רוען. נו, איך האָב קיין צײַט ניט, איך דארף גיין נאָך וואסער. — האָט זי צוגעגעבן און איז אוועק.

שלוימקע דער מעשומעד איז לעבן געבליבן אין דאטנעווע, זיבן ווערסט פון שטעטעלע קראָק, ווײַל ער איז געלעגן אין א גרוב, ווו זײַן ווײַב האָט אים באהאלטן העכער פיר יאָר. איצט איז ער שלינג און שלאנג ארומגעגאנגען איבערן שטעטל, פלעגט ארײַנגיין אין עס-שטוב, ווי אלע, נעמען א טאָץ, ארופשטעלן אף דעם וואָס ס'איז געווען, און ווידער גיין הין און צוריק איבערן גאס. אָדער שאָענלאנג שטיין לעבן דערפל פוסטינקע, דאָרטן איז אים אויסגעקומען צו באגעגענען דעם אלטן אָנופּריסן.

— האָ-אָ-אָ, מײַן יעזוס, — האָט אָנופּריס אויסגערופן, — ביסט געקומען, האָסט זיך פארבענקט?

שלוימקע האָט אים געענטפערט אף יידיש, ווײַל אָנופּריס האָט גערעדט יידיש ניט ערגער פון אים.

— אוועק פון מײַנע אויגן, אלטער קעלעוו. מיינסט איך ווייס ניט? דײַן לאנגער צונג קאָן ווייך ריידן, אָבער ווען איך האָב קויעך און בין יינגער, וואָלט איך אים ארויסגעריסן פון דײַן קעל און פארשטאָפּט מיט אים דײַנע אויערן.

דערנאָך איז שלוימקע געגאנגען פאָרויס, אָנופּריס אהינטער אים. לעבן הירשעס שטוב, וואָס איז איצט געווען זינקוסעס שטוב, האָט זיך שלוימקע דער מעשומעד אָפּגעשטעלט, פארלייגט די הענט אפן רוקן און שטיין געבליבן.

— וואָס שטייסטו דאָ? וואָס קאָנסטו דאָ אויסווארטן? — האָט צו אים אויסגערופן אָנופּריס.

— גיי דיר און נעם אײַן שטומעניש. ווילסט וויסן פארוואָס איך שטיי דאָ, עפּשער וועל איך קענען איבערכאפּן דעם מאלכאמאָוועס. זאָל ער בעסער נעמען מיך, און זינקוס זאָל נאָך היפּש ליגן.

צו אים

צוליב וואָס האָט מען געטריבן די ייִדן צום דערפל „פ״? און אײדער מע האָט זײ געטריבן האָט מען זײ אַרײַנגעפּאַקט אין שײַערס, באַוואַכט מיט די גאָרגלשנײַדער. דאָס איז געווען אומגעלומפּערט-איבעריק און אומגעדאַכט! אָבער מע האָט יאָ געטריבן צום דערפל „פ״. און ערשט דאָרטן איז שוין אַזוינס געטאָן געוואָרן מיט זײ, אַז דער ליכטיקער הימל האָט עס ניט געקענט צוזען און האָט זיך צוגעדעקט מיט טונקל-צעפּעדערטע וואָלקנס.

מענוכקע, בענצע דעם סעדערס מײדל, האָט ניט געוווּסט וואָס זי טוט. נאָר זי האָט זיך אַרויסגעריסן פון מוירעדיקן געווירבל און איז אַנטלאָפן צו די בײמער, וועלכע זי האָט געזען פונווײַטן. פליגל פון פּאַכעד האָבן זי אַהין געטראָגן, זי האָט זיך אַרופגעדראַפּעט אַף אַן אַלטן עפּלבוים, זיך אײַנגענורעט אַף אַ דיקער צווײַג, די הענט אײַנגעקלאַמערט אין אַ דינערער צווײַג, מיטן קאָפּ פאַנאַנדערגעשאַרט די בלעטער. זי האָט געזען ווי אײניקע מאַמעס פאַלן מיט די קינדער אײַנײנעם, אַנדערע, ווידער, לאָזן די קינדער באַם ראַנד און פאַלן אַלײן אין דער גרוב. זי האָט געזען ווי עס פלאַטערן טאַלייסים, זי האָט געהערט ווי שמאַיִסראָעלס פּראַלן אוף דעם פאַרוואָלקנטן הימל. זי האָט געזען אַלץ, וואָס עס איז געטאָן געוואָרן, און דאָס איז שוין מיט איר געבליבן אַפן גאַנצן לעבן. זי איז געזעסן, געקוקט, מוירעדיק אָנגעשטרענגט, אַלץ געמײנט, אַז זי וועט דערזען הילקען, און, ווי איר האָט זיך געדאַכט, טאַקע דערזען! פון דאָרטן, ווו דער מאַלכאַמאָוועס האָט געהאַט אַזאַ געראַטעניש, איז צום דערפל געלאָפן אַ באָכער אָן אַ היטל. דאָס צעשפּיליעטע העמדל איז ווי געפלויגן אַהינטער אים. דער באָכער איז שוין קימאַט געווען לעבן דערפל, נאָר פּלוצעם האָט זיך נאָך אים געלאָזט אײנער פון די, וואָס האָבן „געאַרבעט״, ער האָט טאַקע דעריאָגט דעם באָכער, געטאָן, ווי ער האָט געוואָלט, און דער באָכער איז אומגעפאַלן. דער „פלײַסיקער באַהעלפער״ האָט אײַנגעשפּאַנט זיך אין באָכערס פּיס און אים אַוועקגעשלעפּט צו יענע, וועלכע זײַנען שוין דאָרט געבליבן אַף אײביק.

מענוכקע איז פאַרגליווערט געוואָרן, אויב זי האָט נאָך געקאָנט פאַרגליווערט ווערן מער, ווי זי איז געווען. זי איז דאָך געווען זיכער, אַז זי האָט געזען הילקעס סאָף. אינדערעמעסן איז הילקע אומגעקומען מיט אַ מער פײַנלעכן טויט. זי האָט געקוקט ווי לאַנג די „אַרבעט״ האָט געדויערט, און געדויערט האָט עס פון אינדערפרי ביז באַנאַכט. באַ דער שײַן פון די שטערן זײַנען אירע ברײט-צעעפנטע בלויע אויגן געווען שטאַר, ווי פאַרצויגן מיט בעלמעס. דאָס מויל איז געווען אָפן, די נאָז, וואָס איז געווען פײַן געשניצט, האָט אויסגעזען שאַרף-שפּיציק און בלוילעך, דער גאַנצער אָנבליק אירער, ווי באַ אַ פויגל, וועלכער וועט שוין קײנמאָל ניט פליִען.

יאָ, די „אַרבעט" האָט לאַנג געדויערט, דאָס איז געווען אַ ראַצכישע „אַרבעט". די „באהעלפער" האָבן גרײַלעך געפֿײַלט, זיי האָבן מוירע געהאַט, עסעס זאָלן די „אַרבעט" ניט אויסכאַפּן פֿון זייערע הענט. קיין איין דײַטשי-שער פֿאַשיסט איז טאַקע בײַ דער „אַרבעט" ניט געווען.

מענוכע באַטײַט רו. טאַטע־מאַמע האָבן מענוכקען גערופֿן מענוכעלע. מענוכקעס טאַטע־מאַמע האָבן ניט צוגעטראָפֿן מיטן נאָמען פֿאַר זייער גערא־טענער טאָכטער. ס'איז ניטאָ וואָס צו ריידן וועגן רו... הײַנט, ווי קאָן מען באַשרײַבן דאָס, וואָס מענוכקע האָט געזען. און גאָרניט דערפֿאַר, וואָס מע קאָן אָפּט הערן „איך האָב קיין ווערטער ניט פֿאַר דעם". ווערטער קאָן מען געפֿינען פֿאַר אַלצדינג. פֿאַר אַזאַ אַלצדינג, וואָס איז נאַטירלעך, וואָס פֿאַרלויפֿט זיך אין לעבן רעגלמעסיק, געמאָסטן. אָבער פֿאַר דערוף, וואָס מענוכקע האָט געזען, האָט זי אין יאָרצענדליקער אַרום ניט געפֿונען קיין מער אויסדריקלעכע ווערטער ווי... „דאָס איז געווען אַ מאַלכאַמאָוועס־קאַראַהאַד, וואָס דרייט זיך מיר פֿאַר די אויגן מײַן גאַנץ לעבן".

איך פֿרעג אײַך, מענטשן, זאָגט מיר אַליין, וואָסערע ווערטער, אין וואָס פֿאַר אַ פֿורעם, וואָס פֿאַר אַ לעוווּש קאָן אָנגעמאָסטן ווערן צו דעם, וואָס איז געטאָן געוואָרן באַם דערפֿל „פּ".

קינדווײַז, בײַס מענוכקע פֿלעגט גיין מיט טאַטע־מאַמע, אָדער זי פֿלעגט שפּרינגען אַף איין פֿיסל איינינקע אַליין, פֿלעגט זי אַף אַ ווײַלינקע צומאַכן די אויגן. דאָס איז געווען בײַ איר אַ קורצע שפּיל אַזאַ, וואָס זי האָט גערופֿן „אַז איך וויל קוק איך, אַז איך וויל קוק איך ניט". זיצנדיק צווישן די צווײַגן, האָט זי די אויגן ניט צוגעמאַכט. אַפֿילע באַם שײַן פֿון די שטערן האָט זי גאָרנישט ניט געזען, האָט זי אָבער ערשט אַצינד, בײַ דער שטומער שטילקײַט, געהערט דעם יאָמער. ווי זי איז אַהער דערלאָפֿן האָט זי ניט באַנומען און ניט געדענקט. וויאַזוי מע האָט זי ניט באַמערקט און קיין קויל האָט זי ניט דעריאָגט, האָט זי אויך ניט פֿאַרשטאַנען. פֿון די פֿיס־פֿינגער ביז צו די וואָרצלען פֿון די האָר אָפּן קאָפּ — איז זי שטאַר פֿון גרויל און פּײַן. און דאַפֿקע איצט, ווען ס'איז שטיל, זעט זי ווי די שטערן פֿאַלן פֿון די פּײַנלעכע יעלאָלעס, אָדער זי זעט ווידער ווי דער „באַהעלפֿער" שלעפּט דעם באַכער איבערן פֿעלד. זי מורמלט „הילקע, היל־קע..." און דאָס איז גאָר געווען באַצקע שמועלס.

ווי פֿאַרגוואַלדיקט, ווי טײַוולאָניש געשאַכטן עס זאָלן ניט געווען זײַן די נעכטנס, ווי אומבאַגרײַפֿלעך די געשעענע רעציכע זאָל ניט זײַן — די צײַט קאָן עס ניט אָפּווישן.

די צײַט גייט... דאָס לעבן דויערט בײַ די לעבעדיקע.
אָט גייט אויף די זון.
אַוואַדע...

ס'איז דאָך טאַמוז, זומערדיקע לאַנגע טעג, וואַרעמע צאַרטע שטילע פֿרימאָרגנס. די זון מאַכט אַלץ וואַקסן...

אינגאנצן איין כוידעש, ווי די פאשיסטן זײַנען אָנגעפאַלן אפן ראטנ-פארבאנד. און אלע יִדישע שטעטלעך אין ליטע זײַנען שוין וויסט און לער!..

בעשאס מענוכקע איז געווען א קליין מיידעלע האָט זי האָלט געהאט שפּילן זיך צווישן טאטנס און זיידנס שטיבער. צווישן די שטיבער איז געווען אזא קליין שמאָל ערטעלע, אז אפילע אין זומערדיקע טעג פלעגט דאָרטן זײַן טונקל. איצט, צווישן די צוויַגן, איז אויך געווען טונקל, און ווינציק אָרט האָט דאָרטן פארנומען מענוכקע. ווען זי האָט געגעסן, האָט זי ניט געדענקט, ווײַל בייס מע האָט זיי ארײַנגעטריבן אין שײַער ארײַן, וואָס די סאמעמאָוועסניקעס האָבן באוואכט מיט אוטאָמאטן, האָט מען זיי קיין ברעקל ברויט ניט ארײַנגעוואָרפן אהין, קיין שלונג וואסער ניט גע-געבן. אז מע האָט שוין געטריבן צום דערפל „פ" זײַנען א סאך געפאלן, און די געפאלענע האָבן שוין פארשפּאָרט אופצושטיין. די טרוקענע געלע ערד אונטער די געפאלענע האָט געקראָגן א פעטן, טונקעלן קאָליר...

מענוכקע איז געזעסן, אײַנגעקלאמערט אין די צווײַגן. דאָס אָנבליק אירס — אן אָנבליק פון א פויגל, וואָס וועט שוין... קיינמאָל ניט פליִען.

מיט אָנדערהאלבן כאדאָשים צוריק איז מענוכקע געווען א בליִענדיק מיידל. זי איז דאָך אינגאנצן אלט געווען קנאפּע נײַנצן יאָר. א וווקסיקע, שמאָל אין בײַן, קרעפּטיק געשלאָסן. ניט אומזיסט האָט דאָס גאנצע שטעטל געזאָגט „צווי צעפּ, אזויפיל בלויקײַט אין די אויגן, א פּאָר הענטעלעך, די פיסעלעך זײַנען אויסגעטאָקט, מע קאָן שטארבן, קוקנדיק אף איר!" איצט זיצט מענוכקע בענצעס אפן בוים, אירע אויגן זײַנען אָפן, זי זעט ניט ווי די זון גייט אוף. זי זעט ווי מע שלעפּט הילקען. מיט הילקען האָט זי זיך געפרײַנטלט פון די שילער-יאָרן. באנאנד זײַנען זיי געלאָפן אין טארבוט-שול, באנאנד האָבן זיי געלייענט, באנאנד זײַנען זיי זומער און ווינטער געזעסן אפן מיטלסטן טרעפּל פון בענצע סעדערס שטוב. אויב ס'איז זומער, האלט הילקע זײַן האנט אף מענוכקעס פּלייצע, אָדער ער פלעכט פאנאנדער אירע שווערע צעפּ. אויב ס'איז ווינטער, פלעכט ער צעפּעלעך פון דער געשטריקטער פאטשיילקע, וואָרעם די פאטשיילקע האָט פרענדזעלעך. אזוי זיצן זיי ביז די מאמע רופט:

— מענוכקע, מענוכעלע, אין שטוב גיי די מינוט!

— איך גיי!

— גייסט און גייסט, און ביסט אלץ אפן בריקל, ניט אין געלעגער! ווילסט, וועט דער טאטע ארויסגיין צו דיר!

יאָ, אזוי, אזוי איז געווען אלינקע אָוונט. ס'גאנצע שטעטל האָט גע-ווּסט, אז מענוכקע דעם סעדערס מיט הילקע מאָטל דעם יוועלירעדס „נעמען זיך". און דאָס שטעטל האָט ניט געטראָפן, ווי עס האָט לאכלוטן ניט געוווּסט ווי לאנג דעם איז... באשערט צו לעבן.

געוויס האָט מענוכקע ניט געזען ווי די זון גייט אוף. זי האָט אויך ניט געזען, אז די צווײַגן, אין וועלכע זי איז אײַנגעקלאמערט, זײַנען אָנגע-

רייעט מיט עפּל. פּולע, ציטיקע, הענגען זיי, מאַמעש, לעבן אירע ליפּן. זי זיצט, ווי אין טיפער כאַלאָשעס. און נאָר ווען א פויגל פלאַטערט דורך צווישן די צווייַגן, ציטערן מענוכקעס אויגן־לעפּלעך. און איר אונטערשטע קין טוט גרינג זיך א שאָקל.

די אויגן־לעפּלעך, די אונטערשטע קין — מער גאָרניט...

און דאָס דערפל „פ", לעבן שטעטעלע קראָק, ווי פילט זיך עס?

נישקאָשע.

עמעס, א צוויי־דריי באַלעבאַטים האָבן זיך אריבערגעקליבן צו זייערע קרויווים אין א ווייַטערן דאָרף, ביז די גריבער וועלן אופהערן אָטעמען. די, ווידער, וואָס זייַנען געבליבן אף די אייַנגעזעסענע ערטער, האָבן אויס־געמיידט צו קוקן אהין, ווו „עס האָט געאָטעמט".

די טוישווים פון דערפל „פ" האָבן געבאַקן ברויט, געיעט די גערטנער, געמאָלקן די קי, געשאָרן די לעמער, געזען, די כאַזיירים זאָלן ניט אראָפּ פון לייַב.

אָבער נאָר דערווייַלע...

אינגיכן וועט עס זייַן פאַרשפּאַרט. די יידן זייַנען אויסגעראָטן געוואָרן, ווייַל די פאַשיסטן האָבן אזוי געוואָלט. די קי, די שאָף, די כאַזיירים, ביז א לעצטע הון און א לעצטער גאַנדז וועלן היטלערס האָרדעס אויס־ראַמען, ווייַל זיי האָבן ליב געבראָטנס.

און מענוכקע?..

איין מענטש קאָן פילן אזויפיל פייַן, אזויפיל ווייטעק, ווי די פייַן און דער ווייטעק, וואָס טויזנטער און טויזנטער זייַנען אויסגעשטאַנען.

מענוכקע וואָלט געוויס אזוי געזעסן ביז באַנאַכט און עפשער נאָך א טאָג און נאָך א טאָג. אָבער באַגינען זייַנען אופגעשטאַנען די באַלעבאַ־טים פון עפּל־סאָד און פון בוים, אף וועלכן מענוכקע איז געזעסן. פּראַניי־טעכע, די באַלעבאָסטע פון סאָד, האָט גענומען א קאָשעק און איז אוועק קלייַבן די אראָפּגעפאַלענע עפּל פאַר די כאַזיירים. וואָרעם נעכטן איז דאָך פאַר איר אויך געווען ניט קיין גרינגער טאָג. א גאַנצן טאָג האָט זי נעכטן אפילע אן עפּל אין מויל ניט געהאַט. גייט זי צו צו א בוים, הייבט אוף דעם קאָפּ, דערזעט אזוינס, אז זי פאַרשפּאַרט שוין אָפּצורייַסן דעם עפּל און לאָזט ארויס א הארצרייַסנדיקן געשריי:

— אנופריס, אנופריס!

קומט צו לויפן דער באַלעבאָס, זעט ער, אז דאָס ווייַב ציטערט פון שרעק. און זי טייַטלט מיט א פינגער צום בוים און זאָגט צו אים:

— זע, איינע פון זייערע איז ארויסגעקראָכן פון גרוב און איז ארופ־געקראָכן אפן בוים.

לאַכט ער:

— וואָס טוט זיך מיט דיר, אניטע! פון דאָרטן קאָן קיינער ניט ארויס־קריכן. גיי ברענג דעם לייטער.

האָט אניטע געבראַכט דעם לייטער, און אנופּריס איז ארופגעקראָכן אהין, צו די צוויַיגן, האָט מיט קויעך אָפּגעריסן מענוכקעס הענט, זי א נעם געטאָן, זיך אראָפּגעלאָזט מיט איר פון לייטער, אריַינגעטראָגן זי אין שיַיער און אראָפּגעוואָרפן אף דער האַיאָריקער היי. דערנאָך האָט ער געזאָגט צום וויַיב:

— גיס אריַין וואסער אין א גלאָז און גיב מיר א לעפעלע.

דאָס וויַיב האָט געפאָלגט. אָבער ניט אזוי גרינג טוט זיך, ווי עס רעדט זיך. בייס אנופּריס איז אריַינגעגאנגען אין שיַיער, האָט זיך איַינגעבויגן מיטן וואסער צו מענוכקען, האָט ער ניט געקענט אופריַיסן מענוכקעס ציין. ער האָט געהייסן אניטען ברענגען נאָך א לעפל. האָט ער מיטן שטיל פונעם לעפל, וואָס אניטע האָט געבראַכט, א ביסעלע פאנאנדערגענומען מענוכקעס ציין און דאָס וויַיב האָט מיטן אנדערן לעפל אריַינגעגאָסן א ביסעלע וואסער. דערביַי האָבן זיי זיך געוווּנדערט, זיי האָבן נאָך קיינמאָל ניט געזען, אז א צונג זאָל זיַין אזוי טונקל-בלאָ און אופגעלאָפן און עס זאָל פארנעמען אזויפיל אָרט אין מויל. אין אָוונט זיַינען זיי ווידער געקומען מיט וואסער און מיט צוויי לעפל. און זיי האָבן געטאָן ווי פריִער. אזוי זיַינען זיי זיך באגאנגען מיט מענוכקען עטלעכע מאָל אין טאָג. און אין א זיבן ארום האָט מענוכקע געקאָנט אויסטרינקען א גלאָז וואסער מיט מילך אָדער א ביסעלע שיטערע קאשע. די פּראַנייטעסעס האָבן מא־מעש געגאפט, וואָס מענוכקע קומט אזוי פּאמעלעך צו־זיך, כאָטש זי האָט שוין געגעסן אפילע ברויט אויך.

אנומלטן מאכט אנופּריס צום וויַיב:

— אניטע, מע זאָגט, אז די דיַיטשן ראמען אויס ווו נאָר א הון, ווו נאָר א גאנדז. דריי אראָפּ א קעפּל בא א הענדל. איצט וועלן שוין בא דיר די יידן ניט קויפן קיין וויַיסע הענדלעך אף זייער יאָמטעוו, זיי האָבן שוין אָפּגעיאָמטעווט.

האָט אניטע אזוי געטאָן. מענוכקע האָט קימאט אלע טאָג געגעסן א יויך און א שטיקל יונג הענדל. זי איז צו־זיך געקומען, און ווען זי וואָלט ניט געשריִען פון שלאָף, וואָלטן די פּראַנייטעסעס געווען זיכער, אז זי איז א שטומע. האָבן זיי עפּעס געפּרעגט, האָט זי א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אָדער א וואָרטשע געטאָן. אָבער אזוי, האָט זי צו זיי קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. אין דער באלעבאטישקיַיט האָט זי אלץ געטאָן, וואָס מע האָט געדארפט. קיין גרויסער כילעק איז דאָך ניט געווען אין שטעטל צווישן די ליטווינער און די יידן, אפילע באלמעלאָכעס־יידן האָבן געהאט גערטענער און א בעהיימע. פעסטע באלעבאטים האָבן געהאט א פּאָר דעסיאטינעס ערד אויך, ווי לעמאָשל, בענציע דער סעדער, האָט געזייט האָבער און גערשטן, האָט געהאט א גרויסן גאָרטן, צוויי קי, א פולן געהעפט מיט אויפעס, האָט מענוכקע אלץ געקענט טאָן. אינגיכן איז טאקע געוואָרן ווינציקער ארבעט בא די פּראַנייטעסעס. די קו מיט דער טעלעצע, די שאָף און די כאַזיירים האָבן די ניַיע הערשער בא זיי צוגענומען. מיט

דערין האָבן זיי געפֿילט די מילכאָמע, אָדער אַז עס פֿלעגט דורכפֿליִען אַן עסקאַדריליע אעראָפּלאַנען, צי ס׳פֿלעגט זיך הערן אַ קאַנאָנאַדע — און גאָר! אין דערפֿל האָבן אַלע געוווּסט, אַז צו די פּראַניטעסעס איז געקומען די פֿלעמעניצע. מענוכקע איז פֿון שטוב ניט אַרויסגעגאַנגען, מיט קיינעם ניט גערעדט. טאָמער וואָלט זי יאָ גערעדט, וואָלט אויך קיינער כּוישעד ניט געווען, ווײַל מענוכקע האָט גערעדט ליטוויש אויסגעצייכנט. סײַדן אירע בלויע אויגן, וואָס זײַנען געווען פֿאַרהאַנגען ווי מיט קלײנע דעק-טיכעלעך... אָבער דאָס וואָלטן שוין די דאָרפֿישע ניט פֿאַרשטאַנען. דאָס איז פֿאַר די דאָרפֿישע געווען אַ צו שווערער איניען... מענוכקע איז געווען אַן אַנטוויקלט, אַן אָנגעלייענט מיידל. דורך די נעכט אָפּן בוידעם פֿלעגט זי מער טראַכטן ווי שלאָפֿן, געוויס האָט זי פֿאַרשטאַנען, אַז די באַלעבאַטים זײַנען פֿאַרוווּנדערט, וואָס זי רעדט ניט, איז ניט פֿרײַנטלעך צו זיי, עסט ניט מיט זיי פֿון איין שיסל.

איינמאָל, אָנהייב האַרבסט האָט מענוכקע געשניטן אין פּירהויז בוריקעס פֿאַרן איינציקן פֿאַריאָסעמטן כאַזערל, וועלכן די פּראַניטעסעס האָבן אויסבאַהאַלטן אין קעלער אונטער דער קיך-פּאָדלאָגע. אָנופּריס איז געזעסן אויף אַ יאָדלעוון קלעצל און האָט געפֿלאָכטן אַ קײַלעכדיקע דאָקלע. אַזאַ מין קאָרב צו טראָגן היי, שטרוי, פּלעווע. ער האָט געבויגן די וויצעס אַרום קאָרב, אָפּגעהוסט זיך און געזאָגט:

— מיכאַסיטע, — אַזוי האָבן די פּראַניטעסעס איצט גערופֿן מענוכקען, — ביסט בײַ אונדז ווי אַן אייגענע מערגאַליע. מיר זשאַלעווען דיר קיין זאַך ניט. די מילכאָמע וועט זיך ענדיקן, וועלן מיר דיך כאַסענע מאַכן זאָג מיר אָבער אַזאַ זאַך, פֿאַרוואָס רעדסטו מיט אונדז ניט. אַניטע האָט יענע וואָך געוויינט, אַלעמאָל דו ביסט מיט איר ניט געגאַנגען נאָך שוועמלעך. זי זאָגט: וואָס האָט זי צו אונדז, די מערגאַליע.

מענוכקע וואָלט איצט אַ סאַך געקאָנט זאָגן אָנופּריסן, זי האָט ניט ווינציק געטראַכט, עס איז איר אַנומלטן, אַשטייגער, אײַנגעפֿאַלן, אַז ווען טעוויע דער מילכיקער זאָל זײַן מיט אירע טאַטע-מאַמע און מיט אַלע ייִדן „דאָרטן", וואָלט ער פֿאַרשפּאָרט צו האַלטן זײַן רעדע. זי האָט אויך געטראַכט, אַז בײַ עס טרעפֿט אַזאַ צײַט אין מע קאָן אומברענגען טויזנטער און טויזנטער, געפֿינען זיך גענוג אַזוינע, וואָס טוען דאָס. די, וואָס באַהאַלטן עמעצן אויס, ווערן די בעסטע אויף דער וועלט. ווײַל זיי האָבן קיינעם ניט אומגעבראַכט. זי וואָלט נאָך עפּעס געקאָנט זאָגן פֿון דעם, וואָס זי האָט דורכגעטראַכט, אָבער געזאָגט האָט זי געציילטע ווערטער:

— רופֿט אַרײַן אײַער ווײַב.

און בײַס אַניטע איז אַרײַנגעגאַנגען, האָט מענוכקע פֿאַרביטערט אויסגעדריקט איר מיינונג:

— איך טראַכט, עפּשער זײַט איר ניט געווען „דאָרטן" און איר האָט ניט „געהאָלפֿן". אָבער איר האָט דאָך פּעטערס, ברידער, שוואָגערס. זיי זײַנען אין יענעם טאָג ניט געווען „פֿאַרנומען"?

— איך און מײַן װײַב זײַנען אפילו פֿון דאָרף אװעקגעגאַנגען, אָבער פּאָר מײַנע קרובֿים קען איך ניט אָרעװ זײַן.

— איך זאָג אײַך דעם אמת. בײַס איך בין צוזיך געקומען, אױף דעם היי, האָב איך אַלע נאַכט געװאַרט, איר זאָלט קומען צו מיר מיט א האַק. געװיס װאָלט איך אַליין געקאָנט פּאַטער װערן פֿון מײַן לעבן!.. איך פֿאַרשטיי, אַז איך װאָלט אײַך געדאַרפֿט דאַנקען אַלע טאָג. עפּשער װעט קומען א צײַט און איך װעל אײַך אומקערן, װאָס איר האָט אױף מיר אױסגעבראַכט. אָבער איצט האָט אױף מיר קיין בײז הארץ ניט, הײַנט באַנאַכט גיי איך אװעק פֿון אײַך.

װי־אַזױ מענוכקע איז דורכגעקומען די מלחמה און איז לעבן געבליבן איז לאַנג צו דערציילן. עס איז שױן אױך א סאַך דערציילט געװאָרן, װי ס׳האָבן זיך געפֿונען אַזױנע, װאָס האָבן געראַטעװעט ייִדן אין זייערע קעלערס, אין גריבער, װי ייִדן גופֿע זײַנען געקראָכן אונטער די שטאָט־קאָמוניקאַציעס, זיך אײַנגעגראָבן אין דר׳ערד, װי װערעם. מענוכקע האָט זיך געראַטעװעט אין סטױגן היי, שטרױ װינטער, געבלאָנקעט דורך די נעכט, װי זי איז אַנומלטן, א קױם לעבעדיקע, באַנאַכט אַרײַנגעפֿאַלן ניט װײַט פֿון קאָװנע צו א פּױלישער אַלטיטשקער. די אַלטיטשקע פֿאַניע סטעפּצע האָט איר געגעבן א קליידל, א פּאַטשיילקע און האָט געפֿױעלט, אַז מענוכקע זאָל גיין מיט איר אין טיפּלע. די אַלטיטשקע פֿלעגט טײַנען:

— יעסוימע אומגליקלעכע, טאַרסט אַזױ ניט שרײַען פֿון שלאָף, װענט האָבן אױערן. אַלץ פֿאַר די זינד אונדזערע, טו טפּילע, טאַכטערקע!

אין לאַנגע יאָרן אַרום נאָך דער מלחמה גייט איבער קאָװנער גאַסן א פֿרױ א ברױו־טרעגערן. א שלאַנקע פֿרױ מיט ברייט־צעעפֿנטע בלױע אױגן, װאָס זײַנען װי צוגעדעקט מיט דעק־טיכעלעך, אַזױ, אַז זיי קוקן און זעען גאָרנישט. די פֿרױ טראָגט אַרײַן ברױו אין א סאַך שטיבער. אַזױ האָט זי זיך באַקאַנט מיט פֿריידע ראָזענצװײַג, װאָס האָט זיך געראַטעװעט פֿון קאָװנער פֿאָרט נומער נײַן... אױף װיפֿל מענוכקע איז מעסוגל געװען זיך צו באַפֿרײַנדן, האָט זי זיך מיט פֿריידען באַפֿרײַנדעט. אײנמאָל מאַכט צו איר פֿריידע:

— װיפֿל איז א שיר? פֿאָלגט מיך, מענוכע. איך האָב אײנעם א מענטש, נאָך ניט קיין אַלטער. װײַב און קינד זײַנען אומגעקומען אין פּאָנאַר, ער איז פֿון מלחמה געקומען א גאַנצינקער. קומט אינאָװנט, באַקענט זיך. איבער גװאַלד װעט אײַך קיינער ניט נייטן.

מענוכע האָט זי אָנגעקוקט, א שמייכל געטאָן:

— װאָס רעדט איר, פֿריידע. איך בין דאָך פֿאַרקנאַסט מיט הילקען נאָך פֿון פֿאַר דער מלחמה. װעל איך װאַרטן אױף אים.

— איר רעדט, װי א קינד, מענוכע. ס׳איז דאָך קנאַפּע דרײַסיק יאָר! װער עס האָט געקענט, איז שױן געקומען.

— איר זײַט גערעכט. ס׳קאָן גרײַלעך זײַן, אַז ער װעט טאַקע ניט קומען. אָבער איך פֿאַרזיכער אײַך, אַז איך װעל קומען צו אים.

רײַזע=בילדער
און פאַרצײכענונגען

פון זומער ביז האַרבסט

א יישעוו הינטער לענינגראד

דער יישעוו גאָרקאָווסקאיא בא לענינגראד, ווו איך געפין זיך, איז ענלעך צו פיל דאטשע־יישוווים. אין יעדער הויף איז פאראן א געצעלט פון דורכזיכטיקער סינטעטיק, ווו עס וואקסן אוגערקעס. ארום די דאטשעס זײַנען פארפלאנצט טריסקאווקעס, מאלענע־קוסטעס, שווארצע און רויטע ווײַמפּערלעך — בעקיצער, עס איז פארפלאנצט אלץ, וואָס דארף מאכן דאָס לעבן זיסער.

דער יישעוו רופט זיך „וויסנשאפט און טעכניק”. ווי נאָר די וויסנשאפטלער באפרײַען זיך פון זייער שעפערישער ארבעט, פאָרען זיי זיך אין הויף. מע טרייסלט מיסט אף די בייטן, מע שיט פאנאנדער טאָרף. באגיסן דאָס גרינס פארשפּאָרט מען איצט — עס ליאפעט טאָגטעגלעך א רעגן. אָבער ווי עס פאלט אויס א טרוקענע שאָ, זײַנען אלע ווידער אין די הויפן. די וויסנשאפטלער זײַנען, אפּאָנעם, מאטעריעל באזאָרגט — קימאט בא יעדער דאטשע שטייט א מאשין, אָבער די וויסנשאפטלער גופע זעען ניט אויס ווי וווילקענעוודיקע מענטשן. קימאט אלע זײַנען אָנגעטאָן אין טרעניר־שמאטעס, אין אזוינע צעכראסטעטע סאנדאליעטן, וועלכע פּראָסטע מענטשן וואָלטן ארויסגעוואָרפן אין מיסטקאסטן.

דאָ איז ניט אָנגענומען גיין צוגאסט איינער צום אנדערן. פארנאכט־לעך, אויב עס גיסט ניט קיין רעגן, קאָן מען זען, ווי מענטשן גייען איבער דער צענטראלער גאס, אָפּגעזונדערטע און שווײַגנדיקע. זעלטן ווען שטעלט מען זיך אָפּ און מע טוט א שמועס וועגן שלעכטן וועטער.

— האיאָר וועלן קיין טריסקאווקעס ניט זײַן, — זאָגט שאפּיראָ, וועל־כער פארנעמט זיך מיט מאטעמאטיק.

יעפּרעמאָוו, וואָס איז באַשעפטיקט אין אַן אַנדער געביט, טוט אַ פאָך מיט דער האַנט און באַמערקט:

— וועט זײַן אַ טריסקאַווקעס. מע דאַרף געדענקען, אַז מיר געפינען זיך אַפן קאַרעלער פאַס. ס'איז אַ נידעריק אָרט, אַלץ פלייצט. די הימל־פענצטער זײַנען אָפן...

דער נאָענטסטער שאָכן לעבן דער דאַטשע, ווו איך וווין, סאַמויל איזראַילעוויטש איז אויך פאַרדײַגעט. די אוגערקעס אין סינטעטישן געצעלט ציִען זיך און ציִען זיך, אָבער קיין בליִונג איז ניטאָ. פונדעסטוועגן פעלט אים ניט קיין אַרבעט. אייגנטלעך, איז ער אַן אינזשעניר־עלעקטריקער. דאָס איז אַ מאָגערער מענטש אין די מיטעלע יאָרן, ער האָט גרויסע דײַגעס ניט וועגן קיין אוגערקעס, נאָר וועגן מאַלענעס. אַ גאַנצן טאָג זיצט ער און טיט זײַן זאַך. אָבער דער אָוונט איז זײַנער. עס איז גוט פאַרוואָלקנט, אַפילע באַטאָג. אין אָוונט איז געוויס טונקל. טאַקע דעריבער האָט ער אין אַ רימענדל אײַנגעמאָנטירט אַן עלעקטריש לעמפל. ער טוט עס אָן אַפן קאָפ, דאָס לעמפל לײַכט, און ער קלײַבט אַרום די זשוקלעך פון די מאַלענעס. ער טוט עס אַזוי זאָרגזאַם, טיף־פאַרטראַכט, אַז דאָס רופט אַרויס מיטגעפיל.

אַפן קאַרעלער פאַס איז דער וואַלד ניט אַזאַ ווי אַרום מאָסקווע. עס שטייען דווירעסדיקע סאָסנעס, מעכטיקע יעלן, די סאָסנעס גרייכן ביז די פענצטער פון די דאַטשעס.

איך האָב אַ ווויל צימערל. רעכטס — אַ געלעגער, באַם פענצטער — אַ טיש, לינקס איז צוגעשפאַרט צו דער וואַנט אַ מאָטאָפעד. ער איז אויסגעפאַרבט אין רויט, די ניקלנע טיילן גלאַנצן, ער גלאַנצט, ער איז נעשאָמעלאָז, קאַלט און סייכלדיק. עס ווילט זיך ניט קוקן אַף אים. און ער קריכט דאַפקע אין די אויגן. ער פאַרנעמט קימאַט די גאַנצע וואַנט. איז טאַקע זייער גוט, וואָס אַף דער סאָסנע אַנטקעגן פענצטער האָרעוועט דער פיקהאָלץ. ס'איז ניט צו זאָגן, אַז ער הייבט אָן זײַן האָרעוואַניע מיט די ערשטע זון־שטראַלן, ווײַל דער רעגן גיסט, און דער פיקהאָלץ לויפט אַרוף און אַראָפ, פײַקלט און פײַקלט איבערן שטאַם אָן אויפהער. אַף דער יעל, לעבן דעם פיקהאָלצס סאָסנע, זײַנען אָנגעקומען אַ טשאַטע פיצינקע פייגעלעך. זיי זײַנען געל־גראָלעך, טרייסלען קעסיידער מיט די וויידעלעך, צוויטשערן אַזוי פריילעך, אַז דער פיקהאָלץ הערט אויף פײַקלען. ער דרייט מיטן קעפל הין־און־הער, ווײַל די אויגן האָט ער דאָך אין די שלייפן. ער פאַרנעמט ניט דעם טומל פון די פייגעלעך. פלוצעם טוען זיי אַ שוועב אַוועק און ווערן ניט.

די פייגעלעך זײַנען אַוועק, זײַנען געקומען סאָראָקעס, זיך אויסגעזעצט אַף די צווײַגן, אָנגעהויבן אַ זאַכלעכן שמועס, געפאַטשט מיט די פליגל. ס'איז צו שטוינען, ווי קלאָר ווײַס די פעדערן זײַנען אונטער זייערע פליגל. דער פיקהאָלץ פײַקלט מער ניט — ס'ווײַזט אויס, ער וואַרט, אַז די דאָזיקע געסט זאָלן אויך אַוועק.

כאַטש דער רעגן גיסט, גייען דורך דער הויפּט-גאַס פון ייִשעוו גע-זעמלער מענטשן. זיי טראָגן קאַשעקעס, עמערס, דאָס זײַנען פּאַרקאַכטע שוואָמען-קלײַבערס. אײַ דער רעגן גיסט, נו איז וואָס?

מע טוט אָן גומענע שטיוול, א וואַטניק, אַפן וואַטניק א סינטעטישן איבערמאַנטל. אויב דער איבערמאַנטל האָט ניט קיין קאַפּישאָן, ציט מען אַרויף אַפן קאָפּ א סינטעטיש טאָרבעלע, און הײַדא אין וואַלד אַרײַן. אין וואַלד קאָן מען ניט וויסן, צי דער רעגן האָט אויפגעהערט צי ניין, ווײַל אויב אַפילע דער רעגן שטילט זיך, גיסט פון די צווײַגן.

אין אַזוינע רעגנדיקע זומערס האָט מען א ברייטע אַראָפּנעמען זיך א מוסטער פון די ביימער... די ביימער אין די וועלדער אַפן קאַרעלער פּאַס האָבן א ווייך אונטערבעט פון פּרעכטיק גרין-געדיכטן מאָך, וועלכער ליגט צופוסנס בא די דוירעסדיקע סאָסנעס און יאָדלעס. עס איז א כּיעס צו שפּאַנען באַרוועס איבערן מאָך. ער איז נאָכגיביק אונטערן טראָט, ער הייבט אַזש אונטער אין דעם שפּאַלט פון א צעפּוילטן פּניאָק, וואָס איז דורכגעווייקט פון נעץ, וואַקסט א באַראָוויק א פעסטער ווײַסער פוס פון א שוואָם שפּאַרט פון פּניאָק, זײַן ברוינלעך-צוגעדעמפּט היטל קוקט אַרויס. דער הימל איז פּאַרוואָלקנט, דער רעגן גיסט, און דאָס היטל פון באַראָוויק איז ווי א פּאָדפּאַלעק, וואָס מע האָט געהאַלטן פּאַרן פלאַם. סיראָיעזשקעס רוקן זיך אַרויס פון דער גרינער אונטערבעט און זעען אויס ווי די קנעפּ — גרינלעכע, גרינע, געלע, פּיאָלעטע, גרויע, רויטע, זיי ווינקען אַזש פון דער גרינקײַט. ליסיטשקעס, ווי פּיטשינקע געלעכלעך, זײַנען פּאַנאַנדערגעזעצט צווישן מאָך, זיי טיילן זיך אויס פונעם גרינס, אַז א בלינדער קאָן זיי דערזען. מאַסליאַטעס געפינען זיך אויסערן מאָך, קימאַט אין זאַמד. זיי קוקן אַרויס מיט די קרעמעווע פעט-באַשמירטע היטע-לעך, א דין געפּרירט הײַטעלע איז צוגעזוימט פון די היטעלעך צו די פיס-לעך. עס איז בעפּיירעש א כּילעל-האַשעם זיי אָפּצושנײַדן און לייגן אַף דער סקאָווראָדע.

אַלץ, וואָס לעבט און קוועלט אין דעם וואַלדיקן קיניגרײַך, איז פּאַר-צויגן מיט א מין דינעם שלייער, אין וועלכן ס'שעמערירן וואַסער-טראָפּנס. קיין זאַך איז דאָ ניט איבעריק, אַלץ איז פּאַרגאַנצט, אַלץ איז אײַנגעהילט אין האַלב-טענער, ווי די נאַטור אַליין וואָלט געוועזן אין פּאַרלעגנהײַט פון איר פּראַכט.

„או-הו-הו-הו", הילכט צווישן די גרינע ריזן. די לעגינגראַדער טוישווים, די אורבאַניסטן, רופן זיך אומרויִק איבער. עס שרעקט זיי א ביסעלע די גרינע פּאַרשלײערטע שטילקײַט. אין גיריקער אײַלעניש פּילן זיי אָן די קערב, די עמערס, וועלכע זיי האָבן מיט זיך געבראַכט, זיי דעקן צו מיט פּאַפּאַרט-בלעטער די וואַלד-שעפע און לאָזן זיך האַסטיק פון וואַלד צום וואָקזאַל. זיי שפּאַנען האַסטיק, טראָגן גרינג די שווערע וואַלד-פּרוכט. זיי האָבן ניט באַמערקט, וויפל כאַרעווע צווײַגן זיי האָבן איבערגעלאָזט אַהינ-

טער זיך. זיי האָבן ניט דערזען, ווי די שוואָמען האָבן זיך אויסגעלאָשן אונטער זייער מעסער און ניט דערשפּירט, ווי פאַרמאַטערט און באַטויבט איז געוואָרן פון זיי דער וואַלד.

ס'איז אויסגעקומען צו הערן, אַז „ביימער שטאַרבן שטייענדיק". דאָס איז אַ שטאָלצע באַהויפּטונג, אָבער די ביימער האָבן קיין ברײַרע ניט: זיי קאָנען זיך ניט צוזעצן צום טיש, זיי קאָנען זיך ניט צולייגן אָפּרוען, זיי שטייען אונטערן רעגן אַניוועסדיק, באַרוט, עס גיסט פון זייערע צווײַגן. וועמען עס איז אויסגעקומען צו הערן דאָס יאָמערנדיקע קרעכצן פון אַ בוים, בייס די האַק האָט אים דעריאָגט, דער ווייסט, אַז ווען דער טויט האָט אים געפּאַקט, פאַלט ער...

דער פּיקהאָלץ איז אומדערמידלעך. עס איז אַ בושע צו זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. עס שעמערירן אויף די מאַלינעס-קוסטן ליכטיקע פלעקן פונעם שאַכנס עלעקטריש לעמפּל. עס ווערט דערעסן צו קוקן אויף דעם. דער רעגן האָט אַ ביסעלע אופגעהערט. מע קאָן אַרויס. עס הערט זיך אַ געשריי:

— אַליק, אַליק! זונעלע, וווּ ביסטו? קום גיכער אַהערצו, דו ביסט דאָך הונגעריק!

אַזוי שרײַט אַלע טאָג ציליע גאַלפּערינע, וואָס וווינט איבערן וועג, כאָטש איר זון הייסט גאָר ניט אַליק און ער איז גאָר ניט אין יישעוו, ער איז אַוועקגעפאָרן קיין לענינגראַד, ווײַל ער איז שוין לאַנג אַ געבילדעטער דערוואַקסענער מענטש, מע רופט אים גאָר סאַוועלי דאַווידאָוויטש. און זי, זײַן מאַמע, געפינט זיך דאָ אויף דאַטשע מיט אַ פרוי, וואָס דער זון האָט פאַר איר געדונגען, כּדי זי זאָל זײַן אַרומגעזען און ניט אַליין. די פרוי, וואָס גיט אַכטונג אויף ציליע גאַלפּערינען, קומט אָפּט אַרײַן זיך אַראָפּריידן פון האַרצן. זי שטייט אָנגעלענט אין דעם רויט-גלאַנציקן מאַטאָפּעד, זיפצט און וווּנדערט זיך:

— וויפל איז דער שיר צו שרײַען אַליק? ער האָט שוין אַ פרוי און קינדער. און די מאַמע זײַנע, ציליע, מיינט נאָך אַלץ, אַז ער איז אַ קליינינקער, און אַז זי געפינט זיך מיט אים אין לענינגראַד בייס דער בלאָקאַדע. איך קאָן פון איר ניט אַריבערטראָגן. ווי נאָר איך בין פאַרטאָן אין עפּעס, גאַנוועט זי זיך אַוועק אין קלייט אַרײַן, קויפט אַ פולן שקאַרמיץ צוקערקעס און זאָגט צו מיר: „זאָלסט זיך צו דעם ניט צורירן, דאָס איז פאַרן קינד". זייער שווער מיט איר. איך קאָן שוין מער ניט. סאַוועלי דאַווידאָוויטש וועט קומען, וועל איך אים זאָגן, ער זאָל זי אײַנאָרדענען אין אַ שפּיטאָל.

וואָס קען מען דערויף ענטפערן? עס רײַסט מאַמעש דאָס האַרץ פון מוירעדיקן ראַכמאָנעס צו ציליע גאַלפּערינען.

פון באַגינען האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ בלויער הימל און דער מיזרעך איז געוואָרן ראָז און קלאָר. אין אַזאַ טאָג איז גאַנץ גוט צוצופאָרן קיין וויבאָרג, צו וועלכן ס'איז אַן ערעך אַ שאָ פאָרן פונעם יִשעוו „וויסנשאַפט און טעכניק". אָפּגעפאָרן אַ פּאָר סטאַנציעס פון גאָרקאָווסקאַיאַ, קאָן מען אַרויסגיין פון צוג. שוין בא דער באַן־ליניע פעלן ניט קיין סאָסנעס, קיין יעלן, קיין בעריאָזעס. און צווישן דיביימער ליגן מוירעדיקע שטיינער. זיי זייַנען טונקל־רויטע, עס טרעפן גרויע, זיי ליגן שווער, דער ווינט האָט זיי אַרומגעפייַלט און אַרומגעטאָקט, זיי זייַנען ריזיקע און רונדע, זיי ליגן אין גליווער... די ערד האַלט זיי אויף איר שויס געדולדיק, ניט נאָר זי האַלט זיי, זי האָט זיי אַרומגעפּוצט, אויסגעצירט, זי האָט זיי געלאָזט אַרומוואַקסן מיט איוואַן־טשײַ, מיט פעלד־נעגעלעך, מיט פעלדיקע „אַניוטעס אייגעלעך", מיט קרענץ בליִענדיקן ווערעסק, בא וועמען די נעשאָמע איז ניט ווײַט פון די אויגן. אָט בייגט זיך אײַן, וועלן פאָרן בליק אופטויכן די פּיִאָלעט־ראָזע קווייטעלעך פון ווערעסק, אַ שפּילקע־קעפּל די גרייס, נאָר יעדעס קווייטעלע איז אויסגעטאָקט, פאַרגאַנצט, ווי אַ טיולפּאַן.

הויך און גרינג שוועבן אַרויף די ביימער־קרוינען צום קלאָרן הימל. אַלץ איז דורכזיכטיק, ווי ס'וואָלט גאָר ניט גערעגנט וואָכן נאָכאַנאַנד. שווער, גרײַלעך־שווער ליגן די ריזיקע קײַלעכדיקע, אַרומגעטאָקטע פון דוירעסדיקע צײַטן, שטיינער. זיי פילן ניט, ווי זיי באַלעסטיקן די ערד, און די ערד, נעבעך, קאָן זיך ניט באַפרײַען פון זיי. סײַדן, ווען עס זאָל עפּעס אופזידן אין אירע אינגעווייִדן אַן אומגעהייערע ווילדע קראַפט, דאַן וועלן זיי פליִען צו אַלדע רוכעס.

בלאָנקען צווישן די ביימער, צווישן די מוירעדיקע שטיינער ווערט אומעטיק. ענדלעך, גייט אַ צוג קיין וויבאָרג. אין וואַגאָן זיצן מענטשן מיט גרויסע קאָשעקעס, מיט עמערס, דאָס זײַנען אַלץ שוואָמען־קלײַבער. זיי שמועסן צווישן זיך וועגן דעם, אַז הינטער וויבאָרג זײַנען דאָ אַזעלכע געבענטשטע ערטער, ווו עס וואַקסן אַזויפיל ווײַסע שוואָמען, אַז מע קאָן זיי שנײַדן מיט אַ קאָסע.

אין וויבאָרג איז נאָך אַלץ דער הימל לויטער. וואָס ווײַטער פון וואָקזאַל, ווערט היימלעכער. גלײַכע גאַסן, פעסטע גראָע מויערן. שוין איז די בריק איבערן טײַך וויפּורי. דער טײַך גופע פעסטעט זיך אַ ביסעלע אַנטקעגן דער זון. די שטאָט איז געמיטלעך, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די מויערן זײַנען גרוי און שטרענג. דער רויטער פּלאַץ מיטן דענקמאָל לעֶנינען, דאָס קולטור־הויז, די פּראָדוקטן־קראָמען זײַנען, ווי אין אַלע אונדזערע שטעט. ווי אַ געקומענער זאָל ניט פּרײַ זײַן פון אַלטאָג, קומט אַזאַ צײַט, ווען ער וויל עסן. גייט מען אַרײַן אין אַ ברויט־קראָם, מע קויפט אַ פערטעלע ברויט און מע לאָזט זיך צו די פּאַלאַטקעס, ווו מע האַנדלט מיט גרינס. נאָר אַלע פּאַלאַטקעס האַנדלען מיט אַנאַנאַסן. די ריי איז אַ גאַנץ געדיכטע. די וויבאָרגער טוישווים האָבן זיך צוגעכאַפּט צו דער עקזאָטישער פּיירע. און דאָ הערט איר אויף אַ לויטערן מאַמעלאָשן:

— איר זײַט א געקומענע? איר האָט דאָ קרוווים?

— ניין.

— וואָס זשע, איר זײַט געקומען אָנקוקן וויבאָרג?

— יאָ.

— גאַנץ פֿײַן. ווי געפֿעלט אײַך?

— א שיינע שטאָט.

— נאָך א מין שיינע. מע זאָל מיך אָפּשיטן מיט גאָלד, וועל איך אײַך ניט פֿאָרן אפֿילע אַף קאווקאז.

— איר זײַט שוין לאַנג א טוישעוו אין וויבאָרג?

— באַלד צען יאָר. איך ארבעט אין דעפּאָ. מיר לעבן דאָ שיין מיטן ווײַב. אינײנעם האָבן מיר בא די דרײַ הונדערט.

— קינדער האָט איר?

— ווי זשע? א זון לערנט זיך אין לענינגראַד. א טאָכטער מײַנע וווינט און קיִעוו. כ׳האָב אײניקלעך, זיי זאָלן געזונט זײַן. אויב איר האָט ניט קעגן, וועל איך אײַך באַגלייטן צום וואָקזאַל.

מער האָב איך פֿון וויבאָרג גאָרניט באַדאַרפֿט — פֿאַר מיר איז גענוג געווען א קוק טאָן אַף דער שטאָט, אַפֿן ייִד מיט די אַנאַנאַסן.

שוין דרײַ טעג, אַז דער רעגן האָט אופֿגעהערט. דער פּיקהאָלץ אַנט-קעגן מײַן פֿענצטער אַף דער סאָסנע פּײַקלט און פּײַקלט. ציליע גאַל-פּערינע רופֿט אַליק:

— אַליק, גיי אין שטוב, אין דרויסן איז אַזא פֿראָסט. איך האָב פֿאַר דיר צוויי קאַרטאָפֿליעס!

אַזוי אַלע טאָג. אין אײנעם א זונטיק איז סאוועלי דאווידאָוויטש גע-קומען געוווירע ווערן די מאַמע. דערנאָך איז ער אוועק צו באָריס איוואַנאָ-וויטשן, וועלכן אַלע רופֿן באָב, און וועלכער זאָגט קײנמאָל קײנעם ניט אָפּ אין גאָרניט. באָריס איוואַנאָוויטש איז אַן אינוואַליד פֿון דער פּאַטער-לענדישער מילכאָמע, א מאַטעמאַטיקער. זײַן מאַשין איז ניט אַזא, ווי בא אַלע געלערנטע. ער האָט א קליין מאַשינדל, וואָס אַלע רופֿן „קעראָגאַז״. אינגיכן איז באָריס איוואַנאָוויטש צוגעפֿאָרן צו ציליע גאַלפּערינעס דאַטשע אַף זײַן אינוואַלידן-מאַשין, סאוועלי דאווידאָוויטש איז ארויס פֿון דער מאַשין און פֿאַרשוווּנדן אין דער דאַטשע. אינגיכן האָט ער זיך פֿון דאָרט באַוויזן מיט זײַן מאַמען. זי איז געווען אָנגעטאָן אין א ווינטערדיקן מאַנטל און אײַנגעהילט אין א געשטריקטער שאַל. בײַס ער האָט זי צוגעפֿירט צו דער מאַשין, האָט זי זיך ארומגעקוקט, הויך און אויסדריקלעך געזאָגט, ניט געזאָגט, נאָר זיך געבעטן:

— איך וויל ניט פֿאָרן קיין לענינגראַד, דו הערסט, אַליק, איך וויל

זײַן דאָ. זע, ווי די זון שײַנט. עס איז וואַרעם. כ'האָב געפֿונען הײַנט דרײַ פּאַדאָסינאָוויקעס אונטער דער בעריאָזע אין הויף.

סאָוועלי דאַווידאָוויטש האָט געגלעט איר אַקסל, האָט עפּעס שטיל צו איר גערעדט און מיט איר זיך אַרײַנגעזעצט אין באָבס „קעראַגאַז".

...עס איז אַוועק אַ כוידעש. אין די אָוונטן האָט דער שאָכן מיטן לעמפּעלע אָפּן שטערן געקליבן די זשוקלעך פֿון די מאַלינע-קוסטעס. די ווײַסנשאַפֿטלער האָבן זיך געפּאַרעט בײַ זייערע פּלאַנצונגען און גרינס. אין איינעם אַ זונטיק איז געקומען סאָוועלי דאַווידאָוויטש. ער איז געווען ניט געגאָלט, אָפּגעצערט. און אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך געפּאָרעט מיט טשוועקעס און מיט אַ האַמער. איבערן גאַנצן יישעוו האָט זיך געהערט, ווי ער פֿאַרקלאַפּט מיט ברעטער די טיר און די פֿענצטער.

דער פּיקהאָלץ האָט געפּיקט אויף דער סאָסנע אַנטקעגן מײַן פֿענצטער. די פּיטשינקע געל-גרויע פֿייגעלעך האָבן פֿריילעך געצוויטשערט, נאָר מער האָט זיך שוין ניט געהערט, ווי צילע גאַלפּערינס רופֿט:

— אַליק, גיי אַהיים. ס'איז שוין טונקל. גיי גיכער, איך האָב פֿאַר דיר אַ צוקערקע!

סאָוועלי דאַווידאָוויטשן האָט מען מער דעם זומער אין יישעוו ניט געזען. באָריס איוואַנאָוויטש האָט דערציילט, אַז ווען זיי האָבן צילע גאַלפּערינען אַרײַנגעפֿירט אין שפּיטאָל, האָט זי זיך געריסן פֿון זייערע הענט און געשריִען: „איך וועל דאָ שטאַרבן פֿון הונגער. אין לענינגראַד איז דאָך די בלאָקאַדע" — דערבײַ האָט באָריס איוואַנאָוויטש טרויעריק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און פֿעסטגעשטעלט: „ביז הײַנט פֿאַלן קאָרבאָנעס צוליב דער מילכאָמע. אַ בראָך צו די פֿאַשיסטן!"

באָריס איוואַנאָוויטש איז געווען גערעכט... די ביטערע מילכאָמע-צײַטן רוקן זיך פֿון אונדז ניט אָפּ. פֿיל פֿון די שוואָמען-קלײַבער, וואָס אײַלן אין וואַלד, האָבן דורכגעמאַכט די בלאָקאַדע און געדענקען אַלץ זייער גוט.

סאָראָקע

דאָ בין איך, ווי אין דער היים. כאָטש דאָס מאָל וווין איך ניט בײַ אָוסטינען, נאָר קוים האָב איך אָפּגעוואַשן דעם שטויב פֿונעם פּאָנעם, בין איך בײַ איר. זי קען שוין ניט גיין, זי שפּאַרט זיך אָן אין אַ בענקל און מיטן בענקל אינאיינעם שטעלט זי איבער די פֿיס. מיך דערזען, לאָזט זי אָפּ דאָס בענקל, קוקט אויף מיר מיט די אָפּגעבליאַקעוועטע בלויע אויגן און באַפֿעלט:

— דו זעסט דאָך, אַז איך קאָן ניט. קום אַהער, וועל איך דיך אַ קוש טאָן. אַזוי, אַזוי, ביסט, הייסט עס, געבליבן אַליין. וואָס זאָל איך דיר זאָגן,

נאָך דיר בענקען ניט די טאַפּאָלן, דו ווייסט, נאָך וועמען זיי בענקען... ער האָט זיך ניט לאַנג געמאַטערט? נו, וואָס שטייסטו, זעץ זיך.

דערנאָך רוקט זי זיך צו מיטן בענקל צום הילצערנעם טאָפּטשאַן, וווּ איך זיץ, זי זעצט זיך לעבן מיר און וויינט שטיל, אָן א זיפץ, אָן עפּעס צו זאָגן. אויסגעווישט דאָס פּאָנעם, טוט זי ווי א קרעכץ און דערציילט:

— די אייניקלעך מײַנע לערנען זיך. זיך צעפלויגן דער אהער, דער אהין. קומען נאָר אויף די קאַניקולעס. אָט ווי דו זעסט. מיטן בענקל אײַנייִנעם פּאָר איך ארײַן אין קיך און איך טו, וואָס מע דאַרף. לידע איז דאָך א גאַנצן טאָג אויף דער אַרבעט. קיין ברויט בא דער שוועל לייגט קיינער ניט אוועק. אויב דו ווילסט עפּעס עסן, גיי דיר צום אַלמער און נעם, דו ווייסט, וווּ אַלץ שטייט.

איך גיי ניט צום אַלמער, עס ווילט זיך מיר ניט עסן, מיר זיצן זיך אזוי און שווײַגן.

ווען איך גיי אוועק פון אוסטינעץ, נעם איך זיך לינקס, אהינצו, וווּ איך פלעג אַלעמאָל באַגלייטן מענדלען, אָלעוואַשאָלעם.

אַלץ איז, ווי געווען. די נוסנביימער, די ווײַנגערטנער, די קוקורוזע קלינגט א ביסעלע מיט די פאַרטריקנטע בלעטער. אָבער די טונקל-באָרדאָ־פרענדזעלעך באַם שפּיץ זײַנען דין און דער ווינט שטימט מיט זיי. איך נידער אַראָפּ צו דעם אָרט ווי אַמאָל, און ווי אַמאָל פּיטערט א ייִנגל ציגן. עס רײַסט זיך שיר בא מיר ניט אַרויס: „דו האָסט ניט געזען, נאַרוואָס איז דאָ געזעסן א מענטש אונטער א ווײַסן שירעם און האָט געמאָלט!". נאָר איך כאַפּ זיך, אז יענץ ייִנגל, וואָס האָט דאַן געפּאַשעט די ציגן, איז שוין איצט א באָכער פון א יאָר צוואַנציק. יאָ, אַלץ איז, ווי אַמאָל, עס שעמערירט דער דניעסטער אַנטקעגן דער זון און דאָס פלאַכע נידעריקע אָרט זעט אויס, ווי דעמלט. עס ליגט ווי א פּאָלומעסעק צווישן די ביימער. דער הימל איז לויטער, און די זון בראָט. פון דאָרטן קאָן מען נאָך אוועקגיין צו דער באַלעבאַטישקײַט פון לאַנדווירטשאַפטלעכן טעכניקום. איך גיי אהין, אויף דער סאַזשלקע שווימען ענטלעך, ווי אַמאָל. עס ראָלן לאַסטמאַשינעס הין און הער.

נו, גענוג. אויף הײַנט איז איבערגענוג! מײַן באַלעבאָסטע, יענטע, וועלכע קען מיך און האָט געקענט מענדלען ניט איין יאָר, פאַרשטייט, פונוואַנען איך קום. זי זאָגט שטרענג און באַפעלעריש:

— צײַט אָפּצועסן. די ערטער וועלן פון דיר ניט אַנטלויפן. מע וואָלט געקענט אָפּלייגן אויף מאָרגן דאָס גייעניש. זעץ זיך, אַלץ איז גרייט.

יענטע איז אויך אן אַלמאָנע, זי ווייסט דעם טאַם דערפון, פאַרנאַכט קומט איין זון פון דער אַרבעט, דערנאָך קומט די שנור. זיי זײַנען פריילעך, יונג. יענטע טוט צו מיר א פינטל מיטן אויג, ווי איינער זאָגט: „וואָס ווייסן זיי?" אינאָוונט קומט דער צווייטער זון מיט זײַן יונג ווײַבל. דער טעלעוויזאָר ווערט אײַנגעשלאָסן, יענטע זאָגט צוויי ווערטער:

— קום אַרויס.

מיר זיצן אונטער די ווײַנשטאָקן, (וועלכע זײַנען געדיכט אָנגעצויגן אף דראָטן, אזוי געדיכט, אז מע זעט ניט דעם הימל) און מיר שווײַגן. יענטע זיפצט ניט. מיר דוכט, אז זי אָטעמט אפילע ניט, אזוי שטיל איז. ס׳איז ווארעם, קיין מינדסט ווינטל. די ווײַנשטאָקן דעקן אונדז צו, ווי א דאך. פלוצעם זאָגט יענטע:

— איך אף דײַן אָרט וואָלט אהער ניט געפאָרן. וואָס האָסטו דאָ צו טאָן? אזויפיל יאָרן נאָכאנאנד... און איצט אליין? ליפע, אָלעווהאשאָלעם, האָט זיך א האָר ניט געמאטערט. ער האָט געקוקט דעם טעלעוויזאָר, האָט א זאָג געטאָן: „יענטע, ס׳איז מיר ניט גוט", און גאָר. די קינדער זײַנען דאָך אין שטוב ניט געווען. בעקיצער, וואָס זאָל איך דיר זאָגן? ליפע האָט געהאט א שיינע לעווײַע. ער האָט דאָך אָפּגעארבעט אין סאָוו־כאָז דרײַסיק יאָר. ערשט נאָך זײַן טויט האָב איך זיך דערוווּסט, וויפל גוטס ער האָט געטאָן מענטשן, — מע האָט אים באוויינט. איך האָב דאן ניט געקענט א טרער ארויסלאָזן, איך בין פארשטיינערט געוואָרן. אז אָט איז ער געווען, און אָט איז ער ניט געוואָרן! דער ווייטעק שטילט זיך ניט. די קינדער האָבן כאסענע געהאט, האָבן פארענדיקט דאָס לערנען. באביידן זייער גוטע ווײַבלעך. ליפע האָט ניט דערלעבט דעם נאכעס. נו, גע־נוג אף הײַנט.

צוביסלעך גייען די טעג, אלע טאָג אף אן אנדער וועג ארום סאָראָקע. און ווו איך זאָל זיך ניט קערן און ווענדן — אומעטום שעמערירט דער ווײַסער ברייטער שירעם און אונטער אים אף א נידעריק בענקעלע זיצט מענדל, אָלעווהאשאָלעם, און ער בייזערט זיך אף מיר:

— נו, וואָס איז דאָ צו שטיין און צו קוקן! גיי שוין אוועק פונדאנען! מע דארף מיך ניט באגעגענען. איך פיל זיך זייער גוט.

נו, טאקע, וואָס איז דאָ צו שטיין? אלץ איז, ווי געווען. דער טאָג איז לויטער, די זון בלאנקט, דאָס ווינטל פאָכעט מיט די געצאָקטע געלע פליטערלעך ארום די זונרויזן, און די אקאציעס בליִען צום צווייטן מאָל, כאָטש ס׳איז אָנהייב אָוו.

זיך ארויסלאָזן פון בארג אין שטאָט ארײַן איז ניט שווער. אָבער גרינגער ווערט ניט דערפון. דאָקטער אבראמאָוויטשעס שוויגער איז זייער אלט און קראנק. זי איז באם פולן געדאנק, נאָר זי זעט שלעכט און הערט נאָך ערגער. מע דארף איר ארײַנשרײַען אין אויער ארײַן. ווען דער דאָק־טער, איר איידעם, טראָגט איר צו א רעפוע, נעמט זי עס אײַן, שמייכלט ביטער און זאָגט שטיל:

— מאכסט זיך נאריש? נו, מיילע, איך בין א פאָלגערקע.

איר טאָכטער, וואָס איז שוין אויך ווי דער איידעם אריבער די זעכ־ציק, קוקט מיך אָן און באמערקט:

— אזוי איז דאָס. דאָס אוועקגיין איז ניט גרינגער ווי דאָס געבוירן ווערן.

מיר טרינקען קאווע פון קליינע טעפּעלעך און מע שווייַגט. פון דאָקטער אבראמאָוויטש גיי איך מיר צו די בייליסעס. דאָס לעצטע מאָל, ווען מיר זייַנען מיט מענדלען געווען אין סאָראָקע און ער איז קראַנק געוואָרן, האָט זיך שוין אזוי געמאכט, אז מיר זייַנען אראָפּגעפאָרן פון בארג צו זיי. טאקע בא זיי, בא די בייליסעס, אין א באזונדער צימער איז ער געלעגן אַנדערהאלבן כאדאָשים. און זייער גוטהארציקייט האָבן מיר אויסגעפּרוווט אין דער פולער מאָס. אַרייַנגעגאנגען אינעם זעלביקן הייפל, ווו איך בין מיט מענדלען ארויסגעגאנגען דאָס לעצטע מאָל, האָב איך דערזען א ווענעלע מיט א פּרעכטיק קינד. און ווי נאָר איך האָב אָנגעקלונגען, האָט זיך באוויזן רוזיע, די באַלעבאָסטע. זי האָט מיך אָנגענומען פארן עלנבויגן, צוגעפירט צום ווענעלע, געקוקט אף מיר מיט שטראַלנדיקע אויגן און געפרעגט מיט א קאָל, פול פרייד:

— איר זעט א מייוון אף דעם? דאָס איז בעלעטשקעס ייַנגעלע.

זי האָט ניט געוואָרט אף מייַן ענטפער. דאָס קינד איז געווען פּרעכטיק. זי האָט צורעכטגעמאכט דאָס קלאָרע טיכעלע ארום זייַן פּענעמל, און מיר זייַנען אַרייַן אין שטוב. די יונגע מאמע, בעלע, וועלכע מענדל האָט געמאָלט, איז געשטאנען פארן שפּיגל און האָט פאנאנדערגעקעמט אירע שווארצע, לאנגע האָר. דערנאָך איז געווען א גרויסע סימכע, דער באַלעבאָס איז געקומען. מע האָט געמאכט לעכאיִם. מע האָט געגעסן א גוטן, געשמאקן בעסאראַבער מיטיק. נאָך מיטיק איז געווען א רייד, אַז איך זאָל איבערגעבן ניט אוועקגיין, ס'איז דאָ גענוג אָרט. נאָר אין אָוונט בין איך מיר אוועק צו יענטען.

יענטע שטאמט פון ליטע, פון קיידאַן, א גרעסערע שטאָט, ווי מייַן שטעטעלע קראָק. זי האָט געקענט מייַן ייַנגערע שוועסטער און מייַן מישפּאָכע, מיט איר איז דאָ זיך וואָס צו דערמאָנען. יענטעס טאטע איז געווען א גערטנער. ווי א סאך קיידאַנער ייִדן, האָט ער געפלאנצט אוגערקעס. יענטע דערציילט:

— אַז איך בין געקומען, סאָף פופציקער יאָרן, אין קיידאַן, האָב איך זיך שיר ניט געריִרט פון די געדאנקען. קענסט זיך פאָרשטעלן, קיין איין ייִד! כ'וואָלט בעפיירעש געקאָנט פארקויפן דעם טאטנס שטוב, אָבער ס'איז מיר ניט געלעגן אין קאָפּ. איך בין ארומגעגאנגען איבער דער שטאָט, ווי א מעשוגענע, כ'האָב ניט געוווּסט, אף וואָסער וועלט איך בין! הער זיך איין, מיר זייַנען שטארקער פון אייַזן, אז מיר לעבן. איך גיב א קלער, קומט בא מיר אויס, אז מייַן ליפּע און דייַן מענדל, אָלעווהאשאָלעם, זייַנען גליקלעכע מענטשן. זיי זייַנען זיך געשטאָרבן מיט זייער טויט... אז איך האָב געקוקט אין קיידאַן אף די ייִדישע שטיבער, האָב איך ניט געגלייבט, אז ס'וועט ניט ארויסגיין מייַן כאווערטע ראָכקע, מייַן שוועסטער, דער טאטע מיט דער מאמען. איך בין דאָרטן געווען איין

טאָג, און דער טאָג האָט מיר איבערגעקערט די נעשאָמע הונדערטער טויזנטער מאָל.

העכער א מאָנאט בין איך געווען בא יענטען, און ס'איז ניט געווען קיין איין טאָג, מיר זאָלן פאַרגעסן די פאַרשניטענע.

ס'איז געקומען דער כוידעש עלול, אלע טאָג זײַנען פאַרבײַ יענטעס שטוב געגאַנגען ווײַבער און מאַנצבלען. פאַרשטייט זיך, אז איך האָב פאַרגעסן, אז ס'גייט עלול, און אז דער ייִדישער בעסוילעם איז ניט ווײַט פון יענטעס שטוב. אָבער אנומלטן האָב איך געפרעגט בא יענטען:

— פאַרוואָס גייען אזויפיל ייִדן פאַרבײַ דײַן שטוב?

— גאָט איז מיט דיר! מע גייט אפן ריינעם אָרט, ס'איז דאָך באלד די יאָמטויווים, גייט מען. ווו דען זאָל מען זיך אויסוויינען?

אין איינעם א טאָג בין איך אויך אוועק אפן בעסוילעם. איך בין מיר אוועק צו די אַלטע קוואָרים. אף אַלע מאַצייוועס איז געווען אויסגעקריצט, אז דאָ ליגט א מענטש. א צאדיק, א גוטער, און ער איז אוועק אין זײַן אייביקער וועלט, א באשײַנטער פון זײַנע גוטע מידעס.

אין איינעם א טאָג איז אַרײַנגעקומען כײליס. ער איז הויך, ברייט געמאָסטן. זײַן לענגלעך פּאָנעם איז וויל צוגעבראָטן פון דער מאָלדאַווי-שער זון. זײַנע שווארצע אויגן פינטלען מיט גוטוווּנטש. ניט דאָס ערשטע מאָל, ווי ער קומט אַרײַן. ער ארבעט דאָ ניט ווײַט, אפן בארג. ער רוקט אָפּ א בענקל, זעצט זיך צו, קוקט אף מיר גאַנץ פרײַנטלעך און זאָגט איין וואָרט: „דערציילט". נאָר מיר ווילט זיך ניט ריידן, איך ווייס שוין אויך, וואָס ער קאָן דערציילן, ווען ער איז אופגעלייגט. ער דערציילט אלעמאָל וועגן דער מילכאָמע און ענדיקט מיט איין און דער זעלבער פראַזע:

— איך בין ארויס א גאַנצינקער, אפילע קיין ראָץ ניט געקראָגן.

איך ווייס אויך, אז ווען ער גייט אַרײַן צו זיך אין שטוב נאָך דער ארבעט, זאָגט צו אים דאָס ווײַב:

— האָסט שוין געמאַכט קידעש?

ער ענטפערט גאָרניט, נאָר ער גייט אף א ווײַלינקע ארויס, און ווען ער קומט אַרײַן, ווישט ער מיט דער לינקער זײַט דלאָניע דאָס מויל. זײַנע שווארצע אויגן גלאַנצן מער ווי פריִער, ער עסט גיך, צימבלט מיט די פינגער אפן ראַנד פון טיש. אָט א־דאָס צימבלען קאָן דאָס ווײַב זײַנס ניט אַריבערטראָגן. און כאָטש ער זיצט ניט בא זיך אין שטוב, נאָר בא יענטען לעבן טיש, זע איך און הער אַלץ, ווי דעמלט, ווען מענדל, אָלעווהאַ-שאָלעם, איז געווען קראַנק און איז געלעגן בא זיי. כײליס זעט, אז עס וועט גאָרנישט דערציילט ווערן, הייבט ער זיך אוף פון בענקל און גיט צו וויסן:

— הערט זיך אײַן, — זאָגט ער צו מיר, — ווען איר זײַט געזעסן בא אונדז, פלעגט איר זאָגן, אז איר וואָלט געגאַנגען מיט מיר צום דניעס-

טער, בייס איך גיי כאַפּן פיש באַגינען. אויב איר ווילט, לאָזט זיך אַראָפּ מאָרגן אין שטאָט אַרײַן, אָבער גאַנצפרי.

— איך וויל און איך וועל זײַן גאַנצפרי!

ער גייט אַוועק, און יענטע גיט מיר דעם עמעסן כײַלעק.

— גרײַלעך קעדי. אופשטיין באַגינען מיט דער לאַמטערנע אין האַנט, לויפן צופוס פון באַרג, כאַפּן פיש מיט כײַליסן!

איך וויל זיך ניט אַרײַנלאָזן מיט יענטען אין קיין לאַנגע דראָכים. איך זע און איך הער אַלץ, וואָס געשעט באַ די כײַליסעס, פונקט ווי איך וואָלט געווען דערבײַ. איך בין ניט איין מאָל בײַגעווען, בעשאַס כײַליס גייט אַרויס אין הייפל, נעמט די לאָפּעטע און שטעלט זיך גראָבן ווערעם אונטער דער אַקאַציע, שטעלט נאָכדעם אַרײַן דאָס קאָנסערוון-פּושקעלע, א פּולס מיט דעם „אויסגעגראָבענעם”, אין אײַז-אַלמער.

— האָסט שוין א דאַגאָוואָר מיט בורדוזשאַנען? ליכטיקײַט מײַנע! — זאָגט דאָס ווײַב.

דאַן זאָגט ער אַזוי:

— אויצער מײַנער, כ׳פאַרגין זיך ניט, וואָס כ׳האָב אַזא אויצער ווי דו.

זי קוקט אים אָן מיט אירע גרויע אויגן, וועלכע ווערן אַזש גרין פון קאָס, און טוט א געשריי:

— פאַרשלאָפן ניט! בורדע וועט זיצן באַם בראַג דניעסטער מיט זײַנע אודעטשקעס און מיטן פלעשל מאַשקע, וואָס ער וועט האַלטן אין בוזעם-קעשענע, און דו, דער שיינער טאַטע פון צוויי טעכטער, וועסט דאָרטן מאַכן א גוטן לעכאַים און וועסט כאַפּן א פײַג אָף דער וועגטקע.

איך הער דאָס אַלץ און איך זע, ווי גוטמוטיק ער שמייכלט:

— אויצער מײַנער, ליובע מײַנע, דאַרפסט טאַקע שרײַען, האָסט א שלעכטן מאַן?

דאָס אַלץ שטעל איך זיך פאָר, און כאָטש יענטע הערט ניט אוף צו וואָרטשען, שטיי איך אוף גאַנצפרי, און איידער די זון גייט אוף, בין איך שוין לעבן כײַליסעס שטוב. ער גייט אַרויס און זאָגט איין וואָרט:

— פּאָשלי!

מיר גייען איבער בעקיראָווער בריק, פאַרבײַ די קרײַד-בערג, אַפּן וועג צום דאָרף טריפּאָוצי. דער וועג איז מיר גוט באַקאַנט, איך בין ניט איין מאָל געגאַנגען מיט עסנוואַרג צו מענדלען, ווען ער האָט געמאָלט די טריפּאָוצער מאָלדאַוואַנעס, אָבער מיר גייען ניט אַזוי ווײַט. מיר פאַרנעמען רעכטס, לאָזן זיך אַראָפּ צום דניעסטער. כײַליס טוט פּלוצעם א געשריי: „בורדאַ! וואָס האָסטו זיך ווידער אַוועקגעזעצט ניט אָף דײַן אָרט, פאַר-נעם זיך!”. בורדאַ, וואָס איז ניט קיין אַנדערער, ווי בורדוזשאַן, ציט אַרויס זײַנע ווענטקעס פון דניעסטער און גייט אַוועק היפּש ווײַטער. זײַן הוילעך איז כּוויזעקדיק — גרויסע שטיוואַלעס, פון וועלכע עס קוקן אַרויס אָפּגע-בליאַקעוועטע גאַליפע-פּלודערן, א גרוי-גרין העמדל, וואָס איז אַמאָל געווען פון כאַקי-קאָליר, אַפּן קאָפּ — א קאַראַקולענע ברוינע קוטשמע. כײַליס

באַגלייט אים מיט אַן אָפּשפּאָטנדיקן בליק, אָרדנט אײַן זײַנע מאָדערנע וועגנטקעס, פּאַרוואַרפּט זיי אין דניעסטער אַרײַן, די עקן פֿון די וועגנטקעס באַשיט ער מיט זשוויר, זיי זאָלן בעסער ליגן אויפֿן ברעג, און ער זעצט זיך אַוועק אויף אַ שטיין. אַזוי זיצט ער. עס זעט זיך אויך, ווי בורדאַ זיצט. עס איז שטיל, דער הימל איז מיזרעך-זײַט ווערט ליכטיקער, עס שפּרייט זיך דאָרטן אַ ראָז-געלע שײַן. וואָס ווײַטער, ווערט די שײַן אַלץ ברייטער און ברייטער. קיילים טוט שטיל אַ זאָג צו מיר:

— קומט, מיר וועלן אַ קוק טאָן, וואָס האָט ער דאָרטן?

עס זעט זיך ניט, וואָס בורדאַ האָט, ער זיצט טופּקע, קוקט אָנגע־שטרענגט אויפֿן דניעסטער, זאָגט זייער שטיל:

— דער טײַך איז פֿאַרמאַכט, ער גיט מיר גאָרניט.

— אָבער דײַן קעשענע איז ניט פֿאַרמאַכט? גיב נאָר אַהער!

בורדאַ נעמט אַרויס אַ פֿלאַש, קיילים טראָגט זי צו צום מויל און זופּט רעכט אויף. דערנאָך גיט ער די פֿלאַש בורדאַן. און בײַם יענער טרינקט, זאָגט ער: „מיר וועלן באַלד זען, בורדאַ, — דער דניעסטער גיט, צי ניט?" — און אין דער רעגע הייבן אָן די וועגנטקעס, וואָס קיילים האָט אַראָפּגעלאָזט, צו שפּרינגען. ער כאַפּט זיי אַרויס פֿון דניעסטער, און אײַנ־גיכן צאַפּלען אויפֿן זאַמד צוויי היפּשע מאַרענעס.

די זון קוקט שוין גוט אַרויס, דער גאַנצער מיזרעך איז פֿאַרפֿלאַמט. קיילים נעמט אַראָפּ די פֿיש פֿון די האַטשעקעס, קוקט צו דער אויפֿגייענ־דיקער זון און באַמערקט זייער ערנסט:

— ווען די זון פֿאַרגייט, איז אויך שיין! אָבער קיין טאָג זאָגט זי ניט צו. איצט איז גאָר עפּעס אַנדערש...

דאָס איז ריכטיק. דער זון-אויפֿגאַנג זאָגט טאַקע צו טאָג. ווידער לאָזט אַראָפּ קיילים די וועגנטקעס אין טײַך, ווידער גייט ער אַהינצו, ווו בורדאַ זיצט, בורדאַ ווייסט שוין, נאָך וואָס ער איז געקומען, ער דערלאַנגט אים די פֿלאַש, אײַנגיכן טוט קיילים אַ וואָרף די ליידיקע פֿלאַש צווישן די קוס־טעס. די וועגנטקעס רירן זיך ניט, די זון איז שוין גאַנץ הויך.

— פּאַשלי, — זאָגט קיילים.

זיי נעמען צונויף די וועגנטקעס, קיילים נעמט די צוויי מאַרענעס, דער־לאַנגט זיי בורדאַן, יענער נעמט, לייגט זיי אַרײַן אין אַ מין קעגנגאַז־טאָרבע גאַנץ גלײַכגילטיק, ווײַל אַזוי איז קימאַט אַלעמאָל. דערפֿאַר טאַקע פֿלעגט קייליסעס ווײַב צו אים זאָגן:

— וואָס הערט זיך? האָסט געפּאַקט אַ גוטן ליוויאָסן!

אַפּאָנעם, אַז קיילים האָט זיך דערמאָנט, ווי דאָס ווײַב באַגעגנט אים, און ער פֿרעגט פּלוצעם:

— בורדאַ, זאָג דעם עמעס, דײַן ווײַב צוואָגט דיר ניט דעם קאָפּ, ווען דו קומסט פֿון פֿישפֿאַנג?

— ערשטנס, קום איך קיינמאָל ניט מיט קיין ליידיקער טאָרבעטשקע, ווי דו ווייסט. צווייטנס, איז איצט מײַן ווײַב, ווייך, ווי פּוטער. עס האָט

איר אָפגענומען, פארשטייסטו מיך, די רעכטע האנט. האָט זי מוירע, איך זאָל זי ניט אוועקווארפן. איך זאָג דיר, די בעסטע זאך איז האָבן א ווײַב א קאַליקע.

— אײַ, לאָז געמאך, בורדא, א קאַליקע, ניט קיין קאַליקע, קיין לעבעדיקער פון זייערע הענט וועסטו ניט ארויס, — באמערקט טיפזיניק ביילים.

מיר לאָזן זיך צו דער גאָרקי-גאס, און בורדא פארנעמט זיך צו דער אָדעסער גאס.

— אָ-אָ-אָך, וועל איך באַלד כאפן. איר גייט ארײַן צו אונדז?

— א דאנק, — זאָג איך, און איך גיי מיר צום אווטאָבוס, וואָס פאָרט אפן בארג. אָבער איך מאָל זיך גוט אויס, וואָס פאר א באגעגעניש ער וועט האָבן, ווײַל איך פארשטיי גאנץ גוט, אז זעלטן ווען גיט דער דניעסטער בורדאן, און דעריבער גיט אים ביילים אַלעמאָל אוועק, וואָס ער כאפט, און אַליין בלײַבט ער בא דער האנאָע פון זון-אופגאנג.

די זון האָט זיך בעריעש ארויסגעשיפט און איז, א בלענדנדיקע, געשטאנען גאנץ הויך, ווען איך בין ארויסגעגאנגען פונעם אווטאָבוס. כאָטש עס איז נאָך געווען גאנצפרי, איז בא יענטען געווען א פולע שטוב געסט. דאָס זײַנען געקומען אירע מעכוטאָנים. ווײַזט זיך ארויס, אז ס'איז זונטיק און זיי זײַנען אַלע געווען אפן רײַנעם אָרט. פונדעסטוועגן זײַנען די ייִנגערע — פייסאך יאָסיפאָוויטש, וויקטאָריא נאומאָוונא, אנא נאומאָוונא און מיכאיִל פײַוווסאָוויטש אפילע אופגעלייגט. יענטע גרייט צום טיש און טרייסט די באָבע ראציע, נאָר די באָבע באגיסט זיך מיט טרערן, און קעדיי אויסצומײַדן טרייסט-ווערטער, גייט זי ארויס אף דער וועראנדע. ווען אַלע זיצן שוין באם טיש, פירט וויקטאָריא נאומאָוונא ארײַן די באָבע ראציע, זי וויל מיטן טיכעלע איר אויסווישן דאָס פאָנעם, נאָר ראציע קערט אָפ דעם קאָפ און זאָגט:

— מע טאָר שוין גאָר ניט וויינען. אין הארצן זײַנען קוואָרים, מע טראָגט זיך ארום מיט זיי, און מע דארף זײַן א גאנצער יא-טעבע-דאם!

די ייִנגערע, פייסאך יאָסיפאָוויטש דער ערשטער, לייגט אין זײַן טעלער צעשניטענע פאָמידאָרן, דער שוואָגער זײַנער מיכאיִל פײַוווסאָוויטש טוט אויך דאָס זעלבע, און נאָר די פרויען אײַלן זיך ניט צו פרישטיקן. יענטע האוועט הין און הער, גייט אַלע ווײַלע צו צו דער באָבע ראציע, זאָגט איר עפעס אינדערשטיל, יענע פאָכעט מיט די הענט, ווי איינער זאָגט: לאָזט מיך צורו. מע זיצט באם טיש גאנץ היפש, מע עסט און מע וויצלט זיך. מיכאיִלס פרוי אנא נאומאָוונא טוט א קוק אפן מאן און באמערקט זייער געלאסן:

— מיישעלע, — אזוי רופט זי מיכאיִל פײַוווסאָוויטשן, — איך זע, אז דו זיצסט קוים מיט צאָרעס באם טיש. זײַ א מאנספארשוין און גיי לייג זיך צו.

זי דאַרף ניט איבערכאַזערן קיין צווייט מאָל. דער מאַן הייבט זיך טאַקע אויף, פאַרשווינדט אין א צווייטן צימער. פון דאָרטן לאָזט זיך הערן אינגיכן א גלײַכמעסיקער אָטעם מיט א דינעם פײַף. אָבער די פרויען זיצן נאָך באַם טיש הינפֿש. מע שמועסט וועגן די קינדער, ווי זיי האָרעווען, נעבעך, און מע פאַרענדיקט מיט דעם, אַז די קינדער זײַנען גאָר לײַטי־שע, טוען זייער זאַך ערלעך. יענטע טוט א זיפֿץ, אירע אויגן ווערן פול, נאָר זי זאָגט גאָרניט. וויקטאָריא נאָומאָוונא און אַנא נאָומאָוונא פאַרשטייען, וואָס יענטע האָט געוואָלט זאָגן. די באָבע ראַציע זאָגט הויך· ניט צו יענ־טען, נאָר צו אַלעמען:

— אַז א מענטש איז זוכה צו שטאַרבן אויף זײַן אייגענעם געלעגער, איז ניטאָ וואָס צו זיפֿצן, יענטע. דעם מאַלעכהאַמאָוועס קען קיינער ניט אָפּשטופּן. געוויס פאַרשטיי איך, אַז ס׳וואָלט געווען גוט, ליפּע זאָל דער־לעבן נאַכעס, אָבער אַז איך זע דעם גרויסן טאָוול אויפֿן בעסוילעם מיט די צענדליקער קאָרבאָנעס, וואָס זייערע נעמען זײַנען דאָרטן אויסגעק־קריצט, רײַסט זיך מיר אויף שטיקער מײַן האַרץ פאַר די, וואָס זייערע נעמען זײַנען אין ערגעץ ניט אויסגעקריצט. בעקיצער, ס׳איז דאָ וואָס צו קלאָגן וועגן די, וואָס מיר ווייסן, און וועגן די, וואָס מיר ווייסן ניט...

אינגיכן גייען אַלע אוועק, און נאָר מוישע, וועמען אַלע רופן מיכאַיל פײַוווסאָוויטש, בלײַבט אין צווייטן צימער און ער דערפּײַפט זײַן שלאָף. יענטע נעמט צונויף פון טיש, וואַשט דאָס געפעס, טרערן פאַלן פון אירע אויגן אויף די טעלער. איז טאַקע גוט, וואָס ס׳איז אַרײַנגעקומען אירע א באַקענטע. די באַקענטע איז אויך געווען אויפֿן ריינעם אָרט און זי לאָזט הערן:

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן, יענטעלע, ס׳איז א ביטערער גאַנג. אויפֿן בעסוילעם איז שטיל, רויִק. די לעבעדיקע מעגן טײַנען און שרײַען וויפֿל זיי ווילן, די קוואָרים עפֿענען זיך ניט אויף. נאָר ס׳איז דאָ גענוג צאָרעס אָכוצן שטאַרבן. ס׳איז געקומען צו מיר מײַן מאַנס א קרויווע פון פלאָ־רעשט. זיצן מיר אַזוי נעכטן באַם טיש, און זי דערציילט אירע צאָרעס... הער אויף צו ווישן די טעלער, יענטע, הער זיך אײַן, וואָס עס טרעפֿט אויף דער וועלט. די קרויווע דערציילט אַזאַ מײַסע: איר זון האָט געענדיקט זייער גוט די שול און ער איז אָנגעקומען אין אינסטיטוט אין אָרעכאָוואָ־זויעוואָ. קריגט זי פון אים אינגיכן א בריוול, אַז ער האָט כאַסענע געהאַט. איז דאָך שוין ניטאָ וואָס צו ריידן. פאַרשטייט זיך, וואָלט געווען גלײַכער, ווען דער זון ענדיקט פריִער דעם טעקסטיל־אינסטיטוט. נאָר די קרויווע, מע רופֿט זי נעסיע, איז ניט קיין נאַרישע, כאָטש זי איז א מאַמע. זי שיקט פון פלאָרעשט פּאָסילקעס דעם זון מיט דער שנור. אַזוי גייט זיך די צײַט. מיטאַמאָל קריגט זי א טעלעגראַמע, זי זאָל קומען, קלאַווע איז אין גע־בורט־הויז. נעמט זי, וואָס זי קאָן, און פאָרט אויף מאָרגן אַהין. געקומען אין אָרעכאָוואָ־זויעוואָ, געפֿונען די צוזאַמענוווינונג, וווּ די קינדער ווווינען. א טומל, פון אַלע צימערן דונערט מוזיק. אַרײַנגעגאַנגען אין זונס צימער,

קיין לאנגן שמועס מיטן זון ניט פֿאַרפֿירט, זיך גענומען צו דער ארבעט. אויסגעקאָכט א ייַכל פֿאַר דער שנור, אויבס האָט זי געבראַכט מיט זיך. דער זון טראָגט דעם ווײַב פּעקעלעך. בא נעסיען אפֿן הארצן איז ניט פֿריילעך. וואָס וועט זײַן, אז מע וועט ברענגען דאָס אייפֿל אין צימער? און ווי דאָס הארץ האָט איר געזאָגט, מע האָט עס פֿאַנאַנדערגעוויקלט, נעסיע האָט א קוק געטאָן אפֿן נעפּעשל, זײַנען איר אלע גלידער אָפּגעשטאָרבן. אויסגעפּרײַעט אונטער די אָרעמלעך, און אין די ענגע ערטערלעך וואָלט נאָך געווען נישקאָשע, האָט עס באַם פּופּיק א היפּשן גוזיק. פֿאַרשטייט זי, אז ער האָט זיך גענוג אָנגעשרײַען אין שפּיטאָל. א כוידעש איז זי געזעסן אין אָרעכאָווא-זויעווא, די אויסגעפּרײַעטע ערטערלעך האָבן זיך פֿאַרהיילט, דער גוזיק רירט זיך ניט פֿון אָרט! נאָך מילך דאַרף מען לויפֿן אין קאָנסולטאַציע, ווײַל קלאַווע האָט ניט קיין מילך. אנומלטן האָט נעסיע געזאָגט צו די קינדער: אין פֿלאָרעשט זײַנען דאָך בא מיר אויך ניט קיין שטיפֿקינדער. זיי גייען אוועק צו דער ארבעט, און צוויי קינדער בלײַבן ווי אפֿן וואסער... ס׳איז א פּלאַן, איך זאָל נעמען דאָס קלײנס מיט זיך, סײַווי האָט דאָך קלאַווע ניט קיין מילך, מע דאַרף לויפֿן אין קאָנסולטאַציע, וועל איך לויפֿן אין פֿלאָרעשט. גערעדט און געטאָן. געבראַכט דאָס אייפֿל אין שטוב, זאָגט אָבער נעסיעס פֿלאָרעשטער שנור: „כ׳קאָן קיין אויג ניט צומאַכן דורך די נעכט". קלײַבט זיך נעסיע אריבער אין איר אייגענעם צימער מיטן אייפֿל. מילך אין קאָנסולטאַציע גיט מען, נאָר דער גוזיק לעבן פּופּיק איז ווי פֿאַרשטיינערט. דער דאָקטער פֿון קאָנסולטאַציע זאָגט, אז מע דאַרף אָפּערירן. דערהערט אזא זאַך, האָט נעסיע פֿאַרבראָכן די הענט און אויסגעשרײַען: „וועמען איז דאָ צו אָפּערירן, קוים וואָס עס זשיפּעט!" בקיצור, נעסיע קאָכט האָבערנעם קליי, מאַכט פֿון מעל מיט פּוטער אַן אײַנברען, פֿאַרקאָכט אין מילך, רײַבט מערן מיט עפּל, גיט דעם קינד פֿירפֿינף לעפֿעלעך זאַפּט א טאָג, לויפֿט אין קאָנסולטאַציע נאָך מאַמע-מילך. ס׳וואָלט שוין געווען נישקאָשע, אָבער דאָס גוזיקל?.. אנומלטן, ווען דאָס קינד איז געלעגן פֿאַנאַנדערגעוויקלט, איז ארײַנגעגאַנגען נעסיעס א שכייניע. דערזען דאָס גוזיקל, זאָגט זי צו נעסיען: „וואַשט אויס אין מארגאַנצאָווקע א יובילײנעם רובל, לייגט צו, פֿאַרבאַנדאַזשירט, וועט עס אוועק אַף אַן אָרט. אָבער איר זאָלט אים ניט פֿאַנאַנדערבינדן, זאָל עס אזוי זײַן. דאָס איז דאָך פּראָסט א גריזשע! ס׳וועט אוועק אַף אַן אָרט, ס׳וועט זיך צוזאַמענוואַקסן, און איר וועט פֿאַרגעסן, אז דאָס איז געווען!". וואָס מיינסטו, יענטע? ס׳האָט טאַקע געהאָלפֿן. דאָס קינד וואַקסט, די צײַט גייט, ס׳איז שוין אַף די פּיסלעך, עס רעדט שוין. נעסיע האָט א פֿולן פֿאַרטעך נאַכעס. דער זון מיט דער שנור האָבן געענדיקט לערנען, מע האָט זיי געגעבן ארבעט אין איוואַנאָוואָ, נאָר ביז דער ארבעט זײַנען זיי געקומען צו נעסיען א ביסל אָפּרוען. דאָס קינד, דימעטשקע, טרעט ניט אָפּ פֿון נעסיען. באַבושקע און באַבושקע. ווי נאָר די מאַמע וויל אים נעמען אַף די הענט, וויינט ער און רײַסט זיך ארויס. אין יענעם טאָג זיצן אלע באַם

טיש, ס'איז גוט און פײַן און לײַטיש, נעסיע האָדעוועט דאָס קינד מיט יויך, פאַרבראָקט מיט א שטיקעלע בולקע. ער עסט, טוט אַלעמאָל א קוק אַף דער באָבען. מיטאמאָל טוט קלאָווע א ריס ארויס דאָס קינד פון נעסיעס הענט און גיט צו אים א געשריי: „דימקע, וויפל מאָל וועל איך דיר זאָגן, אז דו האָסט דאָ ניט קיין באבושקע. דאָס איז דײַנע א ניאַניע און איר, נעסיע כאַנאָוונע, זײַט נארישער פונעם קינד. ווער איז זײַן מאמע, פרעג איך אײַך?" הערסט, יענטע, — נעסיע דערציילט און באגיסט זיך מיט בלוטיקע טרערן. — אָבער איך האָב איר געזאָגט: איר זײַט אליין שולדיק, נעסיע. שוין זשע האָט איר ניט געזען לויטן פיסק, וואָס פאַר א כאַזער אײַער שנור איז, נאָך פאַר דערוף? — ווי געפעלט דיר די מײַסע, יענטע?

— א שיינע מײַסע, נאָר א קורצע. קום מיט נעסיען צו מיר, איך וועל זי בעסער טרייסטן. ווי דו ווייסט, האָבן מײַנע זין כאַסענע געהאַט אין סאַראַקע גופע. אָבער מײַן טאָכטער האָט כאַסענע געהאַט אין קעשענעוו. זי נייטיקט זיך, כאַלילע, אין גאָרנישט. דער מאן אירער איז א פידלער און שפּילט אין פילהאַרמאָניע. זי גופע, די טאָכטער מײַנע, האָט א גוטע שטעלע, שיקט מיר ווינטשעוואַניעס צו נײַ-יאָר, צו אנדערע יאָמטויווים. זי האָט א טעלעפאָן, איך האָב א טעלעפאָן. אָבער אראָפּנעמען דאָס טרײַבל, פרעגן אָפּטער: וואָס מאכסטו, מאמע? הייבט זיך גאָר ניט אָן! וועגן דערמאָנען זיי זיך, אז זיי האָבן א מאמען, בייס זיי דארפן פאָרן אַף קוראָרט. דעמלט ברענגט מען צו מיר ביידע קינדער! איך זאָג דיר ווי די זאך איז: איצטער לעבן די קינדער מיט מיר, ווייסט אליין, אז מײַן שנור איז זייער א ווויל קינד, נאָר אז איך גיב א טראכט, איך וועל דארפן האָדעווען אן אייניקל, ווייס איך ניט, וואָס עס וועט זײַן! — זאָגט יענטע אָפנהאַרציק.

די באַקאַנטע זיצט א היפּשע צײַט. נאָך איר אוועקגיין זאָגט יענטע צו מיר:

— זעסט, ווי עס פאַלט דיר גלײַך אין דער האַנט אַרײַן? ווו וואָלסטו געקענט הערן א מײַסע מיט א יובילײנעם רובל? איך אַף דײַן אָרט וואָלט עס פאַרשריבן ווי עס שטייט און גייט. מײַנע מעכוטאָנים געפעלן דיר?

— וואָס הייסט מעכוטאָנים? אַלעטשקע האָט צוויי מאמעס און צוויי טאַטעס?

— אַנא נאָומאָוונא איז וויקטאָריא נאָומאָוונעס א שוועסטער, מיכאַיל פײַוווסאָוויטש, וואָס כאַפּט נאָך א דרעמל, איז אַנעס מאן, פּייסאַך יאָסיפאָוויטש איז אַלעטשקעס טאַטע, וויקטאָריא נאָומאָוונא איז איר מאמע, און ראַציע איז אַלעטשקעס באָבע. איצטער פאַרשטייסטו, ווי דאָס קייטלט זיך? זייער ווױלע מענטשן. אז אין שטאָט איז עפּעס דאָ א געשמאַקע זאך, ברענגט מען דאָס גלײַך צו מיר אין שטוב אַרײַן. איין ווייטעק — וואָס ליפּע האָט דאָס ניט דערלעבט.

איך שווײַג. וואָס קען מען אַף דעם זאָגן? מוישע האָט זיך שוין אויך אויסגעשלאָפן. ער האָט אויסגעטרונקען א פולע גלאָז ווײַן, פאַרביסן מיט

צוויי בארן, האָט באַדאַנקט און איז אוועק. איך בין מיר אויך איינגיכן אוועקגעגאַנגען. גיי איך פאַרביַי „מעטאַלאַרעמאָנט“, דאָרטן איז, אַפּאַנעם, איצטער וואַרמעס-צייַט, אַרבעטער לויפן אַרויס, ווישן גיך די הענט און ווערן פאַרשוווּנדן אין קעלערל, וווּ מע קאָן קויפן אַ גלאָז וויַין. איך גיי מיר מיט דער גאַס, די זון ברענט, נאָר די נוסנביימער זיַינען זיך צע־וואַקסן, מע קאָן זיך באַהאַלטן אין שאָטן, די גאַס ענדיקט זיך, עס שפּרייטן זיך וויַינגאָרטנער. אַרום די וויַינגאָרטנער וואַקסן קאַרשנביימער, שוועבן טשאַטעס פייגל, זיי פּיקן די קאַרשן, וואָס זיַינען פאַרבליבן אויף די צווייַגן, און ווען די פייגל שטעלן זיך אויף די צווייַגן, פאַלן אַ סאַך קאַרשן אַראָפּ. די פייגל לאָזן זיך אויך אַראָפּ און שלינגען גיריק די יאַגעדעס, וואָס זיַי־נען שוין אַזש שוואַרץ, וויַיל זיי זיַינען איבערגערייַפט. וויַיטער פון די קאַרשנביימער וואַקסן זונענרויזן. מיט עטלעכע יאָר צוריק, בייס איך פלעג קומען אַהער מיט מענדלען, זיַינען זיי דאָ ניט געוואַקסן. איך בלאָנקע איבערן באַקאַנטן אָרט, און ווען איך גיי צוריק, פיל איך, אַז איך דאַרף שוין ניט גיין אין שאָטן פון די נוסנביימער, וויַיל די זון איז גאַנץ נידעריק. לעבן לאַנדווירטשאַפטלעכן טעכניקום זיצן צוויי זייער יונגע ציַי־גייַנער און עסן עפּל. פּלוצעם הער איך:

— מומינקע, מומינקע!

איך קערעווע אויס דעם קאָפּ און זע, ווי ביידע יונגע ציגייַנער גייען צו מיר. איך דערקען זיי באַלד, דאָס איז גאַפור און קילימבאַר, וועלכע מענדל האָט ניט איין מאָל געמאָלט. איינער פון זיי נעמט אַרויס פון קעשע־נע אַן עפּל און זאָגט:

— אוווּ איז דער פעטער? עסט, ס'איז זייער אַ געשמאַקער עפּל.

איך נעם דעם עפּל, קוק אויף זיי. מיר שוויַיגן. גאַפור פרעגט שטיל:

— מומינקע, דו ביסט געקומען אַליין?

— יאָ, גאַפור, אַליין.

מער פרעגן זיי גאָרניט.

— וואָס טוט איר? איר לערנט זיך?

— יאָ, מיר לערנען זיך אין קעשענעוו. איינגיכן וועלן מיר אַהין אַוועקפאָרן. לאָמיר גיין, — זאָגט קילימבאַר.

זיי גייען אַוועק. איך בלייַב שטיין און קוק זיי נאָך. מיט עטלעכע יאָר צוריק זיַינען זיי געווען נאָך קליינע, זיי פלעגן גוט זיצן. מענדל האָט זיי ליב געהאַט צו מאָלן. און דאָס איז געווען ניט קיין וווּנדער. זיי זיַינען געווען זייער שיין און גראַציעז. גאַפור איז געווען ווונדערלעך: לענגלעך־געשניטענע גרויע אויגן, דינע ברעמען, פרענדזלדיקע לאַנגע שוואַרצע וויִעס, אָבער איצט איז ער פאַשעט בלענדנדיק, דאָס פּאָנעם ברוינלעך-מאַט, די גרויע אויגן זיַינען נאָך ווי גרעסער געוואָרן. איידל שלענגלען זיך די ליפּן, די ציין, ווי יונגער קנאָבל, די האָר שוואַרץ און זייער געדיכט. ער איז שלאַנק, די בלויע דזשינסן ליגן אויסגעגאָסן אויף די הויכע פיס. און די פוטבאָלקע קנייטשט זיך און כוואַליעט זיך אַרום זיַין מעכטיקן

טאָרס. קילימבאַר איז קלענער אין וווּקס. טיף שוואַרץ, ווי א דאָרעמדיקע נאַכט, זײַנען זײַנע אויגן. די ברעמען ברייט און געדיכט, די האָר, אָפּאָנעם לאַנג ניט געוואַשענע, שטייען אזש אַרום זײַן פּאָנעם. איך קוק אויף די יונגע באָכערים, און איך בין זיי דאַנקבאַר, וואָס זיי האָבן פֿאַרשטאַנען מער גאָרנישט צו פֿרעגן.

די זון זעצט זיך, בײַס איך גיי אַרײַן אין יענטעס הייפֿל. זי באַגעגנט מיך מיט האַרבע רייד:

— האָסט געכאַפּט דעם יובילייִנעם רובל און ביסט נעלעם געוואָרן. מיינסט כ'האָב ניט געזען, וואָס דו האָסט געגעסן? ווו האָסטו געבלאָנקעט אַזוי לאַנג? ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן? ס'וואָלט געווען א גלײַכע זאַך, זאָלסט שוין פֿאָרן קיין מאָסקווע, וואָרעם איך זע, אַז קיין גוטס וועט פֿון דערויף ניט אַרויסקומען. ווען מענדל לעבט, וואָלט ער דיר געגעבן א גוטן כײַלעק!

אָבער אַזוי ריידנדיק גאַנץ הויך, פֿאַרגעסט זי ניט צו גרייטן צום טיש און הערט ניט אויף:

— די קינדער זײַנען שוין לאַנג געקומען. אָפּגעגעסן און זײַנען אַוועק אין קינאָ. איך וואַרט אויף דיר. אָבער דיר ליגט אין זינען גאָר עפּעס אַנדערש. טראַכסט וועגן מיר ווי וועגן פֿאַראַיאָריקן שניי!

געוויס איז יענטע גערעכט. געוויס וואָלט איך געדאַרפֿט וועגן איר טראַכטן מערער. אָבער...

אין אָוונט קומט צו גיין כײַליס. ער ברענגט אין א סינטעטישער טאָרבעטשקע קאַרפּן, ער טוט זיי א וואָרף אויפֿן טיש, זעצט זיך אויף א בענקל, שמייכלט און פֿאַרענטפֿערט זיך:

— איך גיי, זע איך, אַז ס'איז דאָ פֿיש. טראַכט איך, יענטע וועט שוין וויסן וואָס צו טאָן מיט זיי.

— וואָסי, איך וועל ניט וויסן? ס'וועט זײַן רעכט. וויפֿל קומט דיר? — פֿרעגט יענטע.

ער שמייכלט און גיט א זאָג:

— וויפֿל עס קומט מיר, איז אַלץ מײַנס. זאָל אײַך זײַן צו געזונט, און איך לויף צו דער אַרבעט.

קעשענעוו

זי איז גערעכט. איך דאַרף זיך טאַקע רירן פֿון אָרט. איך באַשטעל אויף מאָרגן א טאַקסי און פֿאָר אַוועק קיין קעשענעוו. דער וועג איז א פּרעכטיקער, דער פֿאַרנאַכט שטיל, פֿון בײדע זײַטן וועג שטייט א געדיכטער וואַלד, ווו-ניט-ווו זעט זיך א סקולפּטור פֿון א הירש. אין אָרגייעוו שטייען מיר א רעכטע ווײַלע, עס איז א ראַשיקע שטאָט, א סאַך מענטשן, מאַשינעס רוישן. קיין קעשענעוו קומען מיר אָן, ווען ס'איז שוין אָוונט.

צוגעפאָרן צום האָטעל „טוריסט", געדויערט גאַנץ לאַנג, ביז מע געפינט פאַר מיר אַן אָרט. איך ברענג זיך אין אָרדענונג און גיי אַרויס פון האָטעל. איך לייען איבער: „פּראָספּעקט מאָלאָדיאָזשי", און איך דערמאָן זיך, אַז אויף דעם דאָזיקן פּראָספּעקט וווינט יעכיעל שרײַבמאַן. דאָס איז טאַקע גאָר ניט ווײַט. יעכיעל שרײַבמאַן איז אין שטוב. עס קען קיין רייד ניט זײַן פון אַוועקגיין גיך. זײַן פרוי, מאַרינע, איז זייער רירעוודיק און גאַסטפרײַנטלעך. פאַרשטייט זיך, עסן מיר מיטיק, דערנאָך ווײַזט מיר מאַרינע דאָס שטײַגל מיט די פּאָפּוגײַטשיקעס, וואָס שטייט אין קיך. יעכיעל פילט זיך גוט, ווען ער רעדט וועגן ליטעראַטור. ער באַקלאָגט זיך, אַז די אויגן טוען אים וויי, נאָר איצט איז שוין בעסער. ער קלײַבט זיך פאָרן קיין ליפּעצק אין אַ קאָמאַנדירונג, דערווײַל אָבער גייט אַ רייד וועגן „יאָרן און רעגעס". שרײַבמאַן איז זיך אָפּנהאַרציק מודה, אַז ער איז צופרידן מיט זײַן בוך. איך בין אויך צופרידן. דאָס איז בעפירעש אַ גוט בוך, איז דאָך קלאָר, אַז דאָס איז אַן אַלגעמיינע פרייד פאַר דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור. ס'איז מיר ליבלעך צו זײַן בײַ יעכיעל שרײַבמאַנען אין שטוב. דאָרטן איז גוטפרײַנטלעך, אומיטלבאַר, עס איז גוט צו שמועסן מיט יעכיעלן, ווײַל עס איז שטענדיק דאָ דער אײַנדרוק, אַז ער זאָגט דאָס, וואָס ער טראַכט, און ניט נאָר דאָס, וואָס אים איז אין דער רעגע געקומען אויפן זינען, ער דריקט אויס דאָס, וואָס ער האָט באַטראַכט, און דאָס איז זייער און וויכטיק, ווען אַ מענטש האָט אַ טעווע צו טראַכטן. ווײַל אַפילע שרײַבער פרעגן גאַנץ אָפט איינער דעם אַנדערן: דו אַרבעטסט? און קיינמאָל פרעגט מען ניט — דו טראַכסט? בײַ יעכיעלן אין שטוב פיל איך ניט קיין אַלטעגלעכקייט. איך פיל אַ מין דערהויבנקייט, וואָס איז פרײַ פון יאָך, פון דײַגעס, כאָטש ווען איך קוק אין זײַנע אויגן, זע איך אין זיי אָפט טרויער און זאָרג.

אין אָוונט באַגלייטן זיי מיך, מאַרינע און יעכיעל, צום האָטעל. מיר געזעגענען זיך ניט, ווײַל עס איז אונדז אַלעמען קלאָר, אַז מאָרגן וועל איך ווידער קומען. ווען איך גיי אַרײַן אין האָטעל, שלאָפט מײַן שכיינע. די דינע דעקע קאָן ניט אויסבאַהאַלטן איר מעכטיק שווערן קערפּער. די אַדמיניסטראַציע פון האָטעל גיט אַרויס די טוריסטן טאַלאָנען אויף דערנערונג, שטייט די פרוי אויף גאַנצפרי, נאָר ווי פרי זי זאָל ניט אויפשטיין, זײַנען מײַנע אויגן אָפן, און ערשט איצט זע איך, ווי מאַיעסטעטיש זי איז. דאָס איז אַ וווּקסיקע פרוי. איר הויט איז ווײַס-מעליק, די אויגן בלייך-בלאָ, די וויעס געלע, די האָר אויפן קאָפּ אויך געל, נאָך די ביגודי באַמבלט זיך יעדער קרײַזל באַזונדער, און צווישן די קרײַזלעך קוקט אַרויס אַ ווײַס-ראָזלעכע הויט. ווי געזאָגט, שטייט זי אויף גאַנצפרי. זי רופט מיך אויך, זי זאָגט אַפילע צו, אַז זי וועט וואַרטן, ביז איך וועל פאַרטיק ווערן. נאָר מיר ווילט זיך ניט גיין, איך האָב זי שוין גוט אַרומגעקוקט, און מײַן נײַגער איז געשטילט. כאָטש דעם, וועל איך גיין צו יעכיעלן. דעריבער מאַך איך מיך פאַרטיק און זעץ זיך בײַם נידעריקן טישל עפּעס טאָן. וויפל צײַט

ס׳איז אוועק, ווייס איך ניט, נאָר עס הערט זיך, ווי די טיר עפנט זיך, מייַן שכיינע שטייט שוין איַינגעבויגן לעבן טיש.

— באַבוסיע, איר אַרבעט נאָך?

איך באַמקע עפּעס. אָבער זי האָט זיך איַינגעבויגן, קוקט אַריַין אינעם אָנגעשריבענעם און וויל וויסן:

— אַף וואָס פאַר אַ שפּראַך שרייַבט איר?

— אַף יִדיש.

— אַף יִדיש-ש?! — כידעשט זי זיך.

ווען איך האָב זיך אָפּגעפּאַרטיקט און בין אַרויסגעגאַנגען אַפן גאַס, האָב איך אין אַלייע צווישן די אונטערגעשוירענעביימער דערזען מאַרינען און יעכיעלן. מיר האָבן שפּאַצירט, גוט פאַרבראַכט, און יעכיעל האָט דערציילט מייַסעס פון ראַשקעוו, וועלכע איך האָב נאָך ניט געוווּסט. זיך צוציילט, ווי יעכיעל דערציילט, מיט זייַן שטיל קאָל, וואָס האָט פאַר מיר דעם קאָליר פון אַ מין ראָז-ליכטיקע פאַרב, איז פאַר מיר אַן עמעסער גענוס. מאַרינע וויל אויך עפּעס זאָגן, און זי לייענט דריזס אַ ליד אַף יִדיש. אַזוי גייט אַוועק מייַן צווייטער אָוונט אין קעשענעוו. מיר האָבן איינע די אַנדערע עטלעכע מאָל באַגלייט הין און צוריק. דערנאָך האָבן מיר זיך ענדגילטיק געוווּנטשן אַ גוטע נאַכט, און ווען איך בין געקומען אין האָטעל, איז שוין אַפן בעט, ווו ס׳האָט נאָך נעכטן גערוט מייַן ליבנוויסנדיקע שכיינע, געלעגן אַ נייַער גאַסט, וואָס האָט פאַרנומען זייער ווינציק אָרט אין געלעגער.

אַף מאָרגן אינדערפרי בין איך אוועק פון צימער, איידער מייַן נייַע שכיינע איז אופגעשטאַנען. איך בין געגאַנגען איבער פאַרשיידענע גאַסן פון קעשענעוו און האָב האַנאָע געהאַט פון דער שטאָט. איך בין אוועק אין יענעם קוואַרטאַל, ווו ס׳איז מיט פיל יאָרן צוריק געווען דער באַוווּסטער פּאָגראָם. דערנאָך בין איך אוועק צו דער קאָמיוגישער אָזערע. דאָ זייַנען געשטאַנען אַ סאַך שיפלעך, ס׳איז געווען אַ סאַך יונגוואַרג. קעשענעוו האָט אויסגעזען יאָמטעוודיק, ווייַל עס איז געווען ערעוו דער פייַערונג פון 50 יאָר סאָוועטנמאַכט אין מאָלדאַוויע. ווען איך האָב זיך אופגעהויבן אין מייַן צימער, האָב איך געטראָפן ליגן אַ פרוי אין אָנטאָן. דער ערשטער איַינדרוק מייַנער האָט זיך באַשטעטיקט — זי איז געווען קליינוווּקסיק, זי האָט פאַרנומען ווינציק אָרט אין בעט. אין קעגנזאַץ צו מייַן פריערדיקער שכיינע, איז זי געווען שוואַרצכיינעוודיק, אָבער די שלייפן אינגאַנצן גראָוו. זי איז געלעגן אין אַ טונקל קלייד מיט לאַנגע אַרבל, און כאָטש אירע אויגן זייַנען געווען צוגעמאַכט און זי איז געלעגן אַזוי רויִק, אַקוראַט ווי קיינער וואָלט מער אין צימער ניט געווען, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זי שלאָפט ניט. כ׳האָב גענומען מייַן זומער-מאַנטעלע און בין אוועק צו שרייַבמאַנען. כ׳האָב דאָרטן געטראָפן אַ שווערלייַביקן מענטשן מיט זייער אַ סימפּאַטישן פּאָנעם, וואָס האָט גערעדט ווינציק, אָבער אַלץ, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט, האָט געצוווּנגען זיך צוצוהערן. ס׳האָט געמאַכט אַן

אײַנדרוק, אַז דער מענטש האָט וויסן און קאָן זיך אויסדריקן אייגנאַרטיק. ער האָט גערעדט וועגן פּושקינען, און מע האָט גלײַך געקאָנט פֿאַרשטיין, אַז ער ווייסט גוט, וועגן וואָס ער רעדט. עס איז געווען טשיקאַווע אים צו הערן, און ס'האָט אַרויסגערופֿן באַדויערונג, ווען ער פֿלעגט אויפֿהערן ריידן און זיך נעמען שפּילן מיט זײַן טעכטערל, וועלכע איז דאָ אויך געווען. די וווקסיקע פֿרוי, וואָס איז געזעסן דערנעבן, אין אַ באַרדאָ קלייד, האָט פֿון צײַט צו צײַט גענומען דאָס טעכטערל צו זיך. ווי איך האָב זיך נאָכדעם דערוווּסט, איז דער מענטש געווען כאַזין. די פֿרוי אינעם באַרדאָ קלייד — זײַן ווײַב, דאָס קליינע מיידעלע — זייער טעכטערל. עס איז שוין געווען שפּעטלעך, ווען מיר זײַנען אַוועק פֿון שרײַבמאַנען. גייענדיק דורכן סקווער, האָט זיך קיינעם ריידן ניט געוואָלט, און מיר האָבן זיך געזעגנט.

אין האָטעל־צימער איז מײַן שכיינע ניט געווען, איך האָב ניט געהערט, ווי זי איז געקומען. אָבער אַפּמאָרגן אינדערפֿרי איז זי געלעגן אויפֿן בעט אַקוראַט אין דער זעלבער פּאָזע, ווי נעכטן. אינעם זעלבן טונקעלן קלייד מיט די לאַנגע אַרבל, די פֿיס מיט די הענט זײַנען געווען אויסגעצויגן, זי איז געלעגן אָן שום באַוועגונג, נאָר דאָס מאָל זײַנען אירע אויגן געווען אָפֿן און עס איז געווען אַ ביסעלע פֿריקרע, וואָס זי האָט זייער אויפֿמערקזאַם אויף מיר געקוקט. ערשט אין אַ ווײַלינקע אַרום האָט זי מיך באַגריסט און געזאָגט:

— לאָמיר גיין עסן פֿרישטיק אינײנעם.

אַזוי איז טאַקע געווען.

נאָך פֿרישטיק האָבן מיר זיך אומגעקערט אין צימער. זי האָט זיך ווידער געלייגט, פּונקט אַזוי ווי פֿריִער, געלעגן אָן דער קלענסטער באַוועגונג. זי האָט שטיל געפֿרעגט:

— איר האָט אַ פֿאַמיליע?

זי האָט געפֿרעגט אָן שום אָנדײַט אויפֿן קעשענעווער ייִדיש. נאָך אַ ווײַלע שטילשווײַגן האָט זי ווי באַדויערט אויפֿן קאָל, אַקוראַט ווי קיינער וואָלט אין צימער ניט געווען:

— איר זײַט געקומען אַליין? וווּ איז אײַער מאַן?

און ניט וואַרטנדיק אויף מײַן ענטפֿער, פֿאַרגעזעצט:

— אַז מע האָט ניט קיין מאַן און קיין קינדער, איז מען גליקלעך! דערזען, אַז איך בין פֿאַרוווּנדערט, האָט זי קלאָר געמאַכט:

— מײַן מאַן איז געשטאָרבן מיט צוויי יאָר צוריק. איך וווין אין קיִעוו. מײַן טאָכטער האָט געוווינט אין כאַרקאָוו, האָט זי מיך נאָך מײַן מאַנס טויט פֿאַרוואָרפֿן מיט בריוו, אַז זי וויל ניט, איך זאָל זײַן עלנט, אַז די בעסטע זאַך וועט זײַן, מיר זאָלן לעבן אינײנעם. איז זי טאַקע געקומען צו מיר. בעסער וואָלט זי מיך געפֿונען אַ טויטע. אַ זעלטענער טאָג, איך זאָל פֿון איר ניט הערן קיין זידלווערטער. זי וואָלט צופֿרידן געווען, איך זאָל שוין גיין אין גאַניידן. מיר עסן באַזונדער, קאָכן באַזונדער, איך קאָך באַטאָג, ווען זי איז אויף דער אַרבעט. וואָס זי טוט, הער איך ניט און זע ניט.

— איר האָט א פּענסיע?

— ווי זשע, אָט דאָס איז דאָך עס! זי ווייסט, אַז צו דער פּענסיע פֿאַלט מיר נאָך אויך אַרײַן, און איך לייג עס אָפּ אַ ביסל אין קאַסע. נאָר מער פֿון אַלץ בראָט זי, וואָס איך האָב זיך באַקענט מיט איינעם אַ יונגנ-מאַנטשיק.

— איר האָט דאָך פֿריִער געזאָגט, אַז ווער עס האָט ניט קיין מאַן, קיין קינדער, דער איז גליקלעך!

— מאַלע-וואָס. איך בין נאָך ניט אַלט קיין פֿינף און זעכציק. עמעס, ער איז ייִנגער מיט צוויי יאָר פֿון מיר, ער טײַנעט, כ'זאָל פֿאַר דער טאָכ-טער לאָזן מײַן צימער, און זי זאָל מיר אַוועקגעבן כאָטש אַ טויזנטער, ווײַל זי האָט געלט אָפּ אַ קאָאָפּעראַטיווער קוואַרטיר. ער זאָגט, אַז מירן זיך צונויפֿגיין, וועט אונדז אַ טויזנטער ניט שטערן. ווייס איך ניט, וואָס איך זאָל טאָן. איך זע, אַז איר זיצט און איר שרײַבט, פֿאַרשטיי איך, אַז איר וואָלט מיר געקענט זאָגן ווי און וואָס...

איך קוק אָפּ איר, און עס וואַקסט אין מיר עפּעס אַ ווידערגעפֿיל.

— אײַער טאָכטער ווייסט, וויפֿל איר האָט אָפּן ביכל? — פֿרעג איך.

— זי ווייסט, אַז איך האָב ניט ווינציק.

— אײַער קאַוואַליער ווייסט אויך, וויפֿל איר האָט?

— וואָס אַרט אים, וויפֿל איך האָב, ער האָט מער פֿון מיר! ער איז געווען גלאַוובוך אָפּן פּוטער-זאַוואָד אין טיראַספּאָל.

— ער איז אַ געגעטער?

— ווי ער זאָגט, האָט ער מיטן ווײַב ניט געוואָלט לעבן. זי האָט ניט געוואָלט, ער זאָל אַרבעטן אָפּן פּוטער-זאַוואָד, אָבער דאָס איז אַן אַנדער זאַך. איך וויל הערן אײַער אייצע.

— איך ווייס ניט וואָס אײַך צו זאָגן, נאָר איין זאַך איז דאָך קלאָר: אײַער „מאַלאַדאַי טשעלאַוועק" האָט ניט אין זינען אײַער טאָכטער, אָבער איר זײַט אײַער טאָכטערס מאַמע. אויב איר וועט אים פֿאָלגן, קאָן זײַן, אַז די טאָכטער וועט אײַך געבן אַ טויזנטער, און דאַן וואָלט איך זיך ניט געוווּנדערט, וואָס זי וויל אײַך זען אין גאַניידן, ווי איר זאָגט.

— איר זײַט פֿאַר מײַן טאָכטער! — טוט זי אַ געשריי, שפּרינגט אַראָפּ פֿון בעט, כאַפּט די באַלאַניע און ווערט פֿאַרשוווּנדן.

איך גיי אויך אַרויס פֿון האָטעל. בא שרײַבמאַנען טרינקען מיר אויס צו ביסלעך ווײַן, ער האַלט דאָס גלעזל אין האַנט און זאָגט מיט אַ שמייכל:

— אָט וועט איר אַוועקפֿאָרן, און מיר וועלן זיך ווידער שרײַבן יאָמ-טעוו-בריוולעך.

איך ווייס, אַז אַזוי וועט זײַן, און עס ווערט באַנגלעך דערפֿון. מיט אַ שווער געמיט געזעגענען מיר זיך מיט יעכיִעלן און מאַרינען, איך גיי אין אַעראָפּלאַט נאָך אַ בילעט. איך וועל פֿליִען קיין בריאַנסק. שוין לאַנג, ווי איך וויל אַהין פֿאָרן. און עס איז שוין צײַט אויך, ס'איז סאָף עלול.

בריאַנסק

געקומען אַהין נאָך האַלבער נאַכט. דער אַעראָוואָקזאַל איז פּוסט, איך זיך שוין א היפּשע צײַט. פּלוצעם הערט זיך, ווי א מענטש זאָגט:

— ווער פאָרט אין שטאָט?

אָט האָט מיר אָפּגעגליקט. איך זיץ שוין אין א טאַקסי, און אין גע־ציילטע מינוטן אַרום בין איך אין האָטעל „דעסנא". די פרוי, וואָס זיצט אַהינטערן באַריער, קוקט אַפילע אַף מיר ניט. ז׳ מעלדעט קאַלט און קאַטעגאָריש:

— קיין ערטער זײַנען ניטאָ.

אין וועסטיביול שטייען גענוג שטולן. איך נעם מײַן טשעמאָדאַן, שטעל אים אוועק באַם שטול, אַף וועלכן איך זעץ זיך, און איך בין גרייט אײַנצושלאָפן. ס׳איז צוויי אַזייגער באַנאַכט. די פרוי קוקט אַף מיר אומ־פרײַנטלעך און פרעגט:

— וואָס האָט איר זיך דאָ באַזעצט? איר האָט געהערט, וואָס איך האָב אײַך געזאָגט?

— איך האָב געהערט, אָבער איך טראַכט, אַז ביז איך וועל זיך דאָ אויסשלאָפן, וועט איר ווערן גאַסטפרײַנטלעכער. — און איך לייג אוועק אַפן באַריער מײַן שרײַבער־ביכעלע. אָבער נאָך דערויף ווערט די פרוי אויך ניט גאַסטפרײַנטלעכער. ערשט אַף מאָרגן אינדערפרי ווער איך א באַלע־באָסטע פון א באַזונדערן נומער. אַלץ, ווי עס דאַרף זײַן. א שיינער צי־מער, א גרויס פענצטער, אַלע איבעריקע נייטיקע זאַכן. ערשט איצט קאָן איך זיך דערמאָנען, אַז איך האָב א טעלעפאָן און אַן אַדרעס צו גריגאָרי סאַמוילאָוויטשן, וואָס איז א בריאַנסקער טוישעוו. וויאַזוי קומט די קאַץ איבערן וואַסער? אַנומלטן איז צו מיר אַרײַנגעגאַנגען מײַן שאָכן, וואָס אַרבעט אין סעטון אַף א זאַוואָד, ער וווינט אָבער אינעם זעלביקן הויז אַף פּאַוולאָוו־גאַס, ווו איך. איך געדענק שוין ניט, ווי עס איז געקומען צו רייד, אַז איך וויל פאָרן קיין בריאַנסק.

— קיין בריאַנסק? — זאָגט איזיע איסאַרעוויטש, גריגאָרי סאַמוילאָ־וויטשעס זון. — איר קאָנט אַרײַנפאָרן צו מײַן טאַטן, צוויי שוועסטער האָב איך אויך אין בריאַנסק. זיי וועלן אײַך צונעמען, ווי אַן אייגענעם מענטשן. — און ער האָט מיר געגעבן זײַן טאַטנס טעלעפאָן.

ווען כ׳האָב זיך שוין אײַנגעאָרדנט אין צימער, זיך דערפילט ווי א באַלעבאָסטע, האָב איך זיך דערמאָנט וועגן דעם און אָנגעקלונגען. אין א האַלבער שאָ אַרום איז געקומען איזיעס פאָטער, גריגאָרי סאַמוילאָוויטש איסאַרעוויטש.

— ווען איר קלינגט מיר ניט, וואָלט איך אויך געקומען, ווײַל נעכטן באַנאַכט האָט מיר געקלונגען איזיע, ער האָט ניט געוווּסט, ווו איר זײַט. נאָר אין בריאַנסק, אַז מע וויל, געפינט מען. דאָ זײַנען ניטאָ קיין טוריזנ־טער האָטעלן. נעמט זשע אײַער טשעמאָדאַן און קומט מיט מיר.

איך האָב איבערצײַגט גריגאָרי סאַמוילאָוויטשן, אַז איך וועל קומען צו אים אײַנאָוונט, אַז איך וועל קומען צו אים אַלע טאָג, אָבער ווײַנען וועל איך אין „דעסנאַ". און אַזוי איז דאָס געווען. גריגאָרי סאַמוילאָוויטש איז היפּש געזעסן בײַ מיר, איך בין מיט אים אײַנײנעם אַרויסגעגאַנגען, ער האָט מיר אַ ביסל געוויזן די שטאָט, און ווען איך בין צוריק געקומען אין מײַן צימער, האָט די צוקלײַבערן גראָד צוגעראַמט.

דאָס איז געווען אַ הויכע פֿרוי, מיט אַ ברייט פּנים, זייער קליינע שוואַרצע אויגן, אַ גרויסע נאָז. קוקנדיק אױף איר, איז מיר אײַנגעפֿאַלן, אַז די נאָז אירע מאַכט מאָרעשכוירעדיק איר גאַנצן אָנבליק. דערווײַל האָט זי צוגעראַמט און עפּעס גערעדט, נאָר אירע ווערטער זײַנען געפֿאַלן גלײַכגילטיקע און געדיכטע, עס האָט זיך ניט געוואָלט הערן, וואָס זי דערציילט. איך האָב זיך אָנגעטאָן און בין אַוועק אין פּאַרק. דער היגער פּאַרק איז אַ קליינער, אָבער אַ געמיטלעכער. אַזויווי אַלעקסיי טאָלסטאָי איז פֿון די קאַנטן, טראָגט דער פּאַרק זײַן נאָמען. טשיקאַווע איז דער פּאַרק מיט דעם, וואָס פֿון אַלע ביימער, וואָס זײַנען פֿאַרטריקנט געוואָרן, זײַנען געמאַכט געוואָרן סקולפּטורן. פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס זײַנען ניט קיין שעדעוורען, נאָר דאָס זײַנען פּערסאָנאַזשן פֿון מײַסעלעך: וואַלד-אַלטיטשקע, וואַלד-מיידלעך, באַלעכאַים, אייניקע אַלטיטשקע דערמאָנען שטאַרק קאַניאָנקאָוון. אָבער אַלצײנס איז דאָס געמיטלעך און ס'איז אַ פֿרייד, וואָס אָנשטאָט אויסצוהאַקן די טרוקענע ביימער האָט מען פֿון זיי געמאַכט פֿאַרשיידענע סקולפּטורן.

ס'איז שוין געווען טונקל, ווען איך בין געקומען אין „דעסנאַ". פֿאַרבײַ מײַן טיר האָבן, אַפּאָנעם, געשפּאַנט שווער און הילכיק אַ סך מענטשן. איך האָב געעפֿנט די טיר און אַרויסגעקוקט: יאָ, אַ סך שווערע, ברייטביינערדיקע יונגע מאַנצבלען האָבן געשפּאַנט דורכן קאָרידאָר. זיי האָבן הויך גערעדט, הילכיק געלאַכט און איבערגעשאָטן דאָס געלעכטער מיט „יאָדערדיקן פֿאָלקלאָר". איך האָב צוגעמאַכט די פּאָדער-טיר, אויך די טיר פֿון צימער, אָבער אַלצײנס האָב איך ניט געקענט פּאָטער ווערן פֿון די צופֿרידענע געזונטע שטימען.

נאָך דער נאַכט, וואָס איך האָב פֿאַרבראַכט, זיצנדיק אױפֿן שטול, איז זיך מיר זייער גוט געשלאָפֿן. אויפֿגעשטאַנען, זיך אין אָרדענונג געבראַכט, אַ פּאָר שאָ געזעסן באַם טיש, בין איך אַוועק אין רעסטאָראַן און זיך געלאָזט וווילגיין. געקומען פֿון רעסטאָראַן, האָב איך אין צימער געטראָפֿן די נעכטיקע צוקלײַבערן. זי איז געווען ניט אויפֿגעלייגט, אירע באַוועגונגען זײַנען געווען פֿלינקע, אָפּגעהאַקטע, זי האָט זיך געטיילט מיט איר שטימונג:

— הײַנט איז ניט מײַן טאָג, כ'האָב געדאַרפֿט זײַן פֿרײַ, נאָר די, וואָס האָט געדאַרפֿט אַרבעטן, איז קראַנק געוואָרן, שטענדיק איז קידערווידער. כ'בין אַזוי אומרויִק, די קינדער זײַנען געבליבן אַליין.

— אײַער מאַן אַרבעט?

— מײַן מאַן! כ'ל ניט זאָגן, קיין שיקער איז ער ניט געווען, נאָר אַנומלטן איז ער אַוועק צו דער דעסנאַ כאַפּן פֿיש און, מיסטאמע, ניט אַליין, מיט אַ צוויי גוטעברידער. פֿאַרשטייט זיך, האָט מען אַ ביסל אַרײַנגעזופּט, ווי יענע דערציילן. מײַן מאַן איז אַוועק מיט זיי. מיט איין וואָרט, ער איז דערטרונקען געוואָרן.

— אַ מאַמע האָט איר?

— איך האָב שוין פֿון לאַנג קיין מאַמע ניט.

— זי איז געשטאָרבן?

— פֿאַר מיר — יאָ.

— וואָס הייסט עס?

— ווי זאָל איך אײַך זאָגן? בײַס דער מילכאָמע בין איך אַלט געווען צען יאָר. מײַן מאַמע האָט אויסבאַהאַלטן אַ ייִדיש ייִנגל. איך האָב געזאָגט, אַז מע דאַרף אים ניט האַלטן דאָ. אָבער די מאַמע האָט צו מיר געזאָגט: „אויב איך וועל זיך דערוויסן, אַז דו האָסט עמעצן געזאָגט, ווער בײַ אונדז אין שטוב איז, וועט דיר זײַן ערגער ווי אים".

— וווּ וווינט אײַער מאַמע?

— זייער ווײַט. איר שטעלט זיך פֿאָר, זי האָט אים אויסגעלערנט, ער האָט כאַסענע געהאַט, ער האָט שוין אַליין אַ קינד, און זי איז מיט אים און מיט זײַן ווײַב אַוועקגעפֿאָרן ערגעץ קיין סיביר, ווײַל ער איז אַן אינזשעניער. אָט אַזאַ מאַמע איז בײַ מיר!

— מער זאָלט איר צו מיר ניט אַרײַנגיין, איך וועל אַליין צוקלײַבן.

— דאָס איז אײַער זאַך, ווי איר ווילט! — האָט זי געזאָגט און האָט אַרויסגעטראָגן איר מעכטיקן קערפּער פֿון מײַן צימער...

ס'האָט מיר שטאַרק אָפּגעגליקט, וואָס איזיע האָט מיר געגעבן זײַן טאַטנס טעלעפֿאָן. גריגאָרי סאַמוילאָוויטש און זײַנע בײדע טעכטער, גאַליע און מיליע, קומען צו מיר אָפֿט. אין איינעם אַ טאָג איז געקומען די ייִנגערע טאָכטער, מיליע, אַליין. זי האָט מיר געזאָגט, אַז זונטיק, דעם 27-טן אָקטיאַבער, איז בײַ איר טאַטן, בײַ גריגאָרי סאַמוילאָוויטשן, אַ יובילײ. ער ווערט אַלט זעכציק יאָר. און ס'קאָן גאָר קיין רייד ניט זײַן, אַז איך זאָל אויף דער סימכע ניט קומען.

כ'בין שוין געווען אויף יובילייען, נאָר דאָס, וואָס איך האָב דערזען אין דער בריאַנסקער סטאָלאָווע אויף לענין-פּראָספּעקט, ווו גריגאָרי סאַמוילאָוויטשעס יובילײ איז פֿאָרגעקומען, האָב איך נאָך ניט געזען קיינמאָל. עס זײַנען געווען בײַ די צוויי הונדערט מענטשן, דאָסראָוו קרויווים, פֿרעמדע אויך ניט ווינציק. די טישן האָבן זיך מאַמעש געבראָכן. זייער אַ סאַך מײַכאָלים, וואָס האָבן מיר דערמאָנט אין דער היים. נאָר צו דער טײ איז שוין בעעמעס געווען דורכויס ליטווישע זיסקײַטן: ווײַסער און געלער לעקעך, אייער-קיכלעך, פֿאַרפֿל-טייגלעך, פֿלאָדן מיט ניס, מיט צימרינג און צוקער, שטרודל, וואָס איז געווען געמאַכט אַזוי, אַז ווען מע האָט אים נאָר גענומען אין מויל אַרײַן, האָט מען שוין ניט געוווּסט ווו ער איז אַהינגעקומען...

לעבן מיר זײַנען געזעסן גריגאָרי סאַמוילאָוויטשעס קרויווים, באסיע און שיינע זאכאראָוונא. זיי האָבן מיר אַלעמאָל אונטערגעטראָגן עפּעס גע־שמאַקס און ניט אַזוי דאָס, וואָס זיי האָבן אונטערגעטראָגן, ווי זייער לאַשן, זיי האָבן גערעדט אַן עמעסן ליטווישן ייִדיש, און בייס באסיע פלעגט עפּעס לייגן אין מײַן טעלער, האָט זי מיך שטיל צוגערעדט:

— נעמט, נעמט. ס'איז אַ געזונט אין הארץ און אַ קראַפט אין די ביינער, ווען וועט איר דאָס האָבן אין מאָסקווע.

אָבער עס איז מאמעש געווען אַ זינד צו עסן. אנטקעגן מיר איז געזעסן זוסיע איסארעוויטש, באסיע זאכאראָוונעס זון, גריגאָרי סאַמוילאָוויטשעס פלעמעניק. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ער זיצט אויף פיר שטולן, אַזוי מעכטיק הויך האָט ער זיך געהויבן איבערן טיש. אויף זײַן פּאָנעם האָט גע־שײַנט אַ גוטמוטיקער שמייכל. עמעצער פון די קרויווים האָט אופגעהויבן אַ קאָס:

— הירשע, צו דײַנע זיבעציק יאָר זאָלן מיר דאָ אַלע זיצן!

זוסיע האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און איבערגעשלאָגן יענעם:

— וואָס עפּעס צו זיבעציק? מיר זאָלן זיך דאָ זען אַלע כוידעש. פאַר־וואָס דאַרף מען וואַרטן, ביז עס וועט ווערן זיבעציק יאָר?! — געזאָגט, אויסגעטרונקען אַ היפּש גלעזל און אַ געשריי געטאָן: — מאַמע, קום טאַנצן אַ טוויסט.

און באסיע זאכאראָוונא האָט, קײַענדיק, זיך אופגעהויבן פון אָרט און, כאָטש זי גופע איז ניט קיין מאַפּעלע, האָט זי אויסגעזען אין איר זונס אָרעמס ווי אַ פּיצל.

אַזייגער זיבן אינדערפרי האָט זיך געענדיקט די סימכע, און אין אָוונט זײַנען די קרויווים געקומען צו גריגאָרי סאַמוילאָוויטשן אין זײַן דירע, און די סימכע האָט זיך אָנגעהויבן אַפסנײַ. גריגאָרי סאַמוילאָוויטש האָט געזונגען די לידער, וואָס מע האָט געזונגען אין מילכאָמע־צײַט, ווײַל ער האָט דורכגעמאַכט דעם קריג און איז ניט איין מאָל געווען פאַרוווּנדעט. ס'זײַנען דאָ געווען נאָך אַזוינע, זײַן ברודער ייִסראָעל סאַמוילאָוויטש האָט אויך געזונגען: „דאָ טיעביא דאַלעקאָ, דאַלעקאָ, אַ דאָ סמערטי טשעטירע שאַגאַ". עס האָט מיר אַזוי צוגעשפּילט מיט גריגאָרי סאַמוילאָוויטשעס יו־בילײ, איך האָב דאָ געזען אַזויפיל האַרעפּאַשניקעס, אינזשעניערן, מיליטע־רישע, אויך גריגאָרי סאַמוילאָוויטשעס קרויווים, וואָס זײַנען געקומען פון קאַלוגע. נאָר מערער פון אַלעמען איז מיר געווען צום הארצן באסיע זאַ־כאַראָוונעס זון, זוסיע איסארעוויטש. ער האָט אַלעמאָל געפונען באַזונדערע טרעפלעכע ווערטער, און זײַן קײַלעכדיק פּאָנעם מיט די פינקלענדיקע אויגן זײַנען טאָמיד געווען באשײַנט פון אַ האַרציקן שמייכל. ערשט אויף מאָרגן האָב איך זיך דערוווּסט, אַז באסיע און שיינע זײַנען שאַגאַלס שוועסטער־קינדער, און זיי וואָלטן געוויס געקומען קיין מאָסקווע זיך זען מיט אים, נאָר זיי האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם, ווען ער איז אוועקגעפאָרן פון סאָוועטנפאַרבאַנד.

בא באסיען האָב איך זיך בעסער צוגעקוקט צו איר זון, צו זוסיען. ער האָט געשמייכלט און שטיל א זאָג געטאָן:

— די איסאַרעוויטשעס האַלטן הויך די פאָן פון מי. איר ווייסט, וויפל מילך איך מעלק אויס?

ערשט דערנאָך האָט מיר באסיע דערציילט, אז ער איז דירעקטאָר פון פּי-ראַטווירט „קראַסנאָסעלסקי" לעבן לענינגראַד. פארשטייט זיך, אז ער האָט מיך איינגעלאַדן. אבי געזונט און יאָרן, וועל איך פאָרן צו זוסיען און צו זיינע רינדער.

ווי געזאָגט, האָט מיר זייער צוגעשפּילט, וואָס גריגאָרי סאַמוילאָוויטשעס זון איז מײַנער א שאָכן, ווײַל ער, מײַן שאָכן, איזיע איסאַרעוויטש, איז דאָך אויך געקומען קיין בריאַנסק צו זײַן טאַטנס סימכע. ניט איין טאָג האָט ער מיך ארומגעפירט איבער בריאַנסק, ער האָט מיך אויך געבראַכט צו זײַן שוועסטער. איך האָב זיך באַקאַנט מיט דער שוועסטערס מאַן, מיט איסיע אבראַמאָוויטשן, וואָס האָט זיך גוט מעסאַמייעך געווען אפן יובילײ, און טאַקע ער, איסיע אבראַמאָוויטש, האָט מיך געפירט אף א מאַשין, וואָס ער האָט געקראָגן בא א כאַוער פון דער בוי-אָרגאַניזאַציע, ווו ער ארבעט, צום פאַרטיזאַנישן פעלד, וואָס איז אונטער בריאַנסק. דער גאַנצער מעמאָריאַל, די ערדשטיבלעך, וואָס זײַנען נאָך גאַנץ, האָט אין דעם שטילן טיף-הארבסטיקן פאַרנאַכט געמאַכט אף מיר אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק. ווען מיר זײַנען אהין געפאָרן, האָב איך ניט באַמערקט דאָס, וואָס כ'האָב באַמערקט, ווען מיר זײַנען צוריק געפאָרן. אין א געווויסן אָרט באַם וועג האָבן אלע מאַשינעס שטיל-טרויעריק סיגנאַליזירט און טאָרמאָזירט. די שטילע טרויעריקע סיגנאַלן האָבן עפּעס אזוי געשניטן דאָס האַרץ, אז איך האָב געפרעגט:

— איסיע אבראַמאָוויטש, וואָס האָט געטראָפן?

— קוקט זיך איין רעכטס, דאָס איז דער דענקמאָל פאַר די שאָפערן, וואָס זײַנען געפאַלן אין שלאַכט.

די מאַשינעס זײַנען געגאַנגען אזוי פּאַמעלעך, זיי האָבן ווי געגליווערט, און אין גאַנצן ארום האָט געהילכט דאָס שטיל-ווייטעקלעכע סיגנאַליזירן צום אָנדענק פון די פאַרשניטענע יונגע לעבנס.

פון בריאַנסק בין איך אוועקגעפאָרן ווי פון א נײַ-דערוואָרבענער היים. אין וואַגאָן פון צוג, וואָס האָט מיך געפירט קיין מאָסקווע, איז מיר פאַר די אויגן געשטאַנען ציליע גאַלפּערינע פון ישעוו גאָרקאָווסקאיא, איך האָב געהערט, ווי זי בעט זיך באַם זון, ער זאָל זי ניט פירן אין שפּיטאָל. ס'איז אויך געשטאַנען פאַר מײַנע אויגן גריגאָרי סאַמוילאָוויטש איסאַרעוויטש, ווי

ער האָט אופגעהויבן זײַן קאַס, געוווּנטשן זיך און דער וועלט: „איך זאָל דערלעבן און אַלע ערלעכע מענטשן זאָלן דערלעבן די צײַט, ווען קיין איין פאַשיסט וועט אױף דער ערד ניט בלײַבן".

א רײַזע קיין ליטע-ווײַסרוסלאַנד

אין ווילנע האָט מיך באַגעגנט מײַנע זיוו מיט איר טאַכטער און מיטן איידעם. מײַנע איז שלאַנק, איר פּאָנעם גלאַט-לענגלעך, די האָר ניט גראָוו, נאָר ווײַס, ווי שניי, און זיי פֿאַלן פון אונטערן טונקעלן בערעט, ווי דינסטע פלאַקס. איר טאַכטער סאָרע איז ניט שלאַנק, אירע געדיכטע האָר, וועלכע האָבן א פאַרב פון קופּער, זײַנען א ביסעלע צוגעפּראַשעט, ווי מיט אש. דער איידעם כאַיִם איז... ניט אונטערגעוואַקסן, ער איז געזעצט, פון אונטערן העלן קאַשקעטל פינקלען זײַנע שוואַרצע לאַכנדיקע אויגן, אָבער כּוץ גע-לעכטער איז אין זיי פאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס איך קאָן ניט פאַרטײַטשן. עפּעס א מין ערנסטקייט, האָפערדיקייט, איינעם מיט דײַגע. א ווײַלינקע זײַנען מיר געשטאַנען אַפן פעראָן, דערנאָך האָב איך געפרעגט, צי מע קען נעמען א טאַקסי באַם וואָקזאַל.

— אין ווילנע איז אין דערויף קיין דייכעק ניט, — האָט כאַיִם א זאָג געטאָן, געכאַפּט מײַן טשעמאָדאַן און איז שפּאַרעוודיק אוועק פאָרויס.

ס'האָט מיך דערפרייט, וואָס עס וואַרטן אױף מיר אַזויפיל טאַקסי באַם וואָקזאַל און איך האָב א שפּאַן געטאָן צו איינער פון זיי. אָבער מײַנע מיט סאָרען האָבן מיך אָנגענומען בא די עלנבויגנס און א מאַך געטאָן:

— מיר גייען צו יענער, צו דער רויטער.

באַם אָפּענעם באַגאַזשניק פון דער רויטער מאַשין האָט זיך געפּאָרעט כאַיִם, דערנאָך האָט ער אהין ארײַנגערוקט מײַן טשעמאָדאַן, איך האָב זיך געכאַפּט, אז דאָס איז ניט קיין טאַקסי, ווײַל כאַיִם איז שוין געזעסן באַם רול. מיר, אַלע דרײַ ווײַבער, האָבן זיך ארײַנגעזעצט בייס כאַיִם האָט שטרענג געפרעגט:

— וואָס שטייט איר, איר וואַרט אױף א רעגן?

די געוויינלעכע פראַגע האָט ער אַרויסגעבראַכט מיט א טאָן פון א גרויסן מײַסטער, און מיר איז קלאָר געוואָרן, אז דאָס אומפאַרשטענדלעכע אין זײַן בליק און דער שטרענגער טראָפּ פון זײַן פראַגע גייט פון דער זשיגולי. און טאַקע, כאַיִם איז געווען גערעכט. ווי נאָר מיר זײַנען ארײַנ-געפאָרן אין הויף, האָבן די וואָלקנס מער זיך ניט אײַנגעהאַלטן און ס'איז אוועק א שלאַקס-רעגן.

מײַנעס דירע — אױף אַלע מײַנע ליבע געזאָגט געוואָרן: א געראַמער ארײַנגאַנג, פיר גרויסע צימערן, א היפּשע קיך, די איבעריקע באַקוועמ-לעכקײַטן ניט צו פאַרזינדיקן.

באַם אָנבײַסן האָב איך זיך דערמאָנט ווי דער באַלשעמטאָוו פלעגט

זאָגן בײס ער פֿלעגט קומען צו זײַן טאַטער: „כ'ווייס ניט וואָס פֿריִער צו עסן. אויב אייער, אַף וואָס דאַרף מען פּוטער? אויב געריייכערטע פֿיש, אַף וואָס דאַרף מען קאַלטע אָף?"

נאָכן עסן האָט כאַים זיך אַנטשולדיקט:

— כ'וואָלט מיט פֿאַרגעניגן פֿאַרבראַכט מיט אײַך, שירע, אָבער דער צעגטער פּינפּיאַר יאָגט אונטער, אַרבעט איבערן קאָפּ!

איך האָב ניט נאָר אַנטשולדיקט כאַימען, כ'האָב דערפֿילט אַ געוויסע פֿאַרלעגנהײט, וואָס איך בין ניט קיין אינזשעניער און איך ווייס לאַכלוטן ניט ווי און וואָס כ'וועל הײַנט טאָן. אָבער גאָר גיך האָט מיך אויסגעלייזט בער האַלפּערן. ווער ס'האָט אים געזען, וועט מסכּים זײַן מיט מיר, אַז ער באַזיצט אַ מאַיעסטעטישע אויסערלעכקײט, איז אינטעליגענט און זײַן שטיל ריידן, מיטן קוים באַמערקבאַרן שמייכל מאַכן אַ גוטן אײַנדרוק. פֿאַרברענגען מיט אים איז באַקוועם און פֿרײַ. ווער רעדט נאָך, אַז ער האָט פֿאַרגעלייגט מאַכן אַ שפּאַציר איבער ווילנע. איז טאַקע גוט וואָס דער רעגן האָט אויפֿגעהערט. מיר גייען איבער דער שטאָט און בער ווענדט מײַן אויפֿמערקזאַמקײט אַף דער זויבערער אײַנגעאָרדנטקײט פֿון די גאַסן און הויפֿן.

— דאָס איז גלעזער-גאַס, — האָט בער מיך דערפֿרייט.

אָבער איך האָב ניט געפֿונען קיין קלענסטן געגאַרטן דערפֿרייענדיקן שפּור...

ניט אומזיסט איז דאָ אַ ייִדישע קללה: — „קיין מיסט זאָל בא דיר ניט זײַן — זאָלסט פֿאַרשפּאָרן צו ראַמען". דאָס איז אַ שווידערלעך-טרעפֿלעכע קללה. אַף גלעזער-גאַס האָט מיך קײנער ניט אָפּגעשטעלט, קײנער האָט מיך ניט באַלעסטיקט מיט אומגעבעטענער נײַגעריקײט — „אַ געקומענע? איר האָט דאָ קרוֹוים? עפּשער ווילט איר גאָר בלײַבן אַ היגע?"

ס'קומט מיר אויפֿן זינען די סטראָפֿע פֿון מוישע טײַפֿס אַ ליד:

וועמען וועקסטו, מײַן געטרײַער, וועמען?
וואָס, דו ווייסט ניט, נאַרעלע, דו נאַר,
אַז די ווילנער שלאָפֿן שוין דאָ מער ניט,
ווילנער שלאָפֿן אַף פּאָנאַר...

מאַשמאָעס אַזוי איז דאָס. די קומענדיקע טעג מײַד איך אויס גיין איבער ווילנער גאַסן, וואָרעם מע זעט זעלטן אַ ייִדיש פּאָנעם, די בעריעשע מאַדאַם-געשיכטע האָט געמאַכט אַ שיינעם קונץ מיט מײַן פֿאָלק. מיר ווײַזט זיך אויס, אַז איך לעב ניט זיבעציק, נאָר זיבן מאָל זיבעציק יאָר. איך קאָן ניט באַנעמען, אַז ווילנע איז אויס „ייִדישע שטאָט". יאָ, די געשיכטע האָט אַ דריי געטאָן אַ געדיכטן קאַראַהאָד...

די גאַסן זײַנען פֿול, עס שווימבלט און עס גריבלט. אַלטע ליטווינער, מיטליאָריקע ליטווינער, יוגנט, אַ סאַך קינדערלעך אין וועגעלעך, אַלע זײַנען גוט געפֿלעגט, די מיידלעך, די יונגע באָכערים לאַכן, שפּאַנען פֿרײַ איבער די גאַסן, זייערע בליקן זײַנען גלאַנצנדיק און פֿרײַ פֿון זאָרג. איך

פאַרשטיי זיי. פונוואַנען קאָנען זיי וויסן ווי ווילנע האָט אויסגעזען מיט פערציק יאָר צוריק. וואָס זײַנען זיי שולדיק, וואָס מײַן געמיט איז פאַר־פינצטערט? אָבער איך באַהערש זיך קוים, איך זאָל ניט אָפּשטעלן עמעצן פון זיי און ניט אויסשרײַען: — „שטייט, אײַלט זיך ניט, הערט מיך אויס. דאָ איז געווען גאָר אַנדערש!"

יאָ!...

מײַן שטימונג וואָלט געמעגט זײַן הײַטערער. אויפן האַרצן וואָלט מיר געווען גרינגער. אָבער ס'איז שוין דער דריטער טאָג ווי איך בין אין ווילנע, מע דאַרף אָפּמערקן די קאָמאַנדירונג.

גיי איך אין ווילנער שרײַבער־פאַריין. די טעכנישע סעקרעטאַרן, דאַנוטע, מערקט אָפּ די קאָמאַנדירונג און אויף מײַן פראַגע „צי קען איך זען עמעצן פון שרײַבער־פאַריין", ווײַזט זי מיר אויף אַ טיר. גיי איך אַהין. בײַ אַ טיש זיצט אַ מענטש אין סאַמע בלײַענדיקן עלטער. מיר באַקענען זיך, דאָס איז פּיאַטראַס אַנטאַנאַוויטש בראַטענאַס. נאָך דערויף ווי מיר ריידן זיך דורך, איך ווײַז אים מײַנע פּאַפּירן און דאָס מיטגליד־ביכעלע, זאָג איך צו אים:

— כוץ דעם אַלץ, בין איך אַ היגע אַ געבוירענע.

— אין ווילניוס?

— אין קראָק. דאָרטן בין איך געבוירן געוואָרן. איך וואָלט געוואָלט אַהינצו צופאָרן.

— קאַקאָיע דאָבראָ וואַס פּאָנאַדאָביטסיאַ, סאָיוז פּיסאַטעלעי דליאַ וואַס סדיעלאַיעט. אויף מאַמעלאָשן באַטײַט עס: וואָס פאַר אַ טויווע איר וועט דאַרפן, וועט דער שרײַבער־פאַריין פאַר אײַך טאָן.

— עס וואָלט געווען בעסער, איך זאָל קיין שום טויווע ניט דאַרפן פון שרײַבער־פאַריין. אָבער, אויב מעגלעך, וואָלט גוט געווען, ווען דער שרײַבער־פאַריין וואָלט געקאָנט געבן אַ מאַשין און געפינען אַ שרײַבער, וואָס זאָל ניט זשאַלעווען אַ טאָג און ער זאָל מיך באַגלייטן צו מײַן היימשטעטל, ווו עס זײַנען אומשולדיק אומגעקומען אַלע מײַנע אייגענע. בראַטענאַס הייבט זיך אויף פון שטול, מאַכט עטלעכע שפּאַן איבערן קאַבינעט, קוקט מיך אָן און שווײַגט זייער אויסדריקלעך. איך בין אויך, ווי מע זאָגט, — „ניט צום שפּרעכן". עס הערשט אַ היפּשע פּאַוזע.

דערנאָך זאָג איך:

— עס קאָן זײַן, אַז דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט, איז ניט אַזוי גרינג צו טאָן. אויב פאַר דער מאַשין דאַרף מען באַצאָלן, איז דאָס קיין מעניע ניט. אָבער אויב דער שרײַבער־פאַריין וועט געפינען אַ מעגלעכקײַט דאָס צו טאָן, וועט עס זײַן אַ ברידערלעכע האַנדלונג.

בראַטענאַס גייט צו, טוט אַ פיר מיט דער האַנט איבער מײַן אַקסל און זאָגט שטיל:

— קיין געלט דאַרף מען ניט. ווען ווילט איר פאָרן אַהין?

— אויב מעגלעך, דעם פערצנטן.

— גוט. מיר וועלן עס מאַכן. וועגן געלט איז ניטאָ וואָס צו טראַכטן.

איך גיב דעם אדרעס מיטן טעלעפאָן. פּיאַטראַס אַנטאָנאַוויטש באַגלייט מיך און כאַזערט איבער: „אַלץ וועט זײַן פּינקטלעך. איך וועל געפינען שרײַבער, וואָס וועט אײַך באַגלייטן און וועט פאַרשטיין... איך וועל אײַך אָנקלינגען. צווייפלט ניט". — מיר געזעגענען זיך.

ווי אַפן האַרצן זאָל ניט זײַן, ווי אַף דער נעשאָמע זאָל ניט זידן, אַרבעטן דאַרף מען. מײַן אַרבעט איז איצט אַזאַ: גיין, קוקן, הערן. ניט אומזיסט זאָגט מען דאָך, אַז „אַ מענטש האָט צוויי אויערן, איין צונג, כּדי ער זאָל מערער הערן און קנאַפּער ריידן..."

ווי געזאָגט, איז מײַנעס אײדעם, כאַיִם, אַן אינזשעניער. ער דערציילט, אַז אין „זײַן" אונטערנעמונג זײַנען געבליבן ווינציקלעך ייִדן, אָבער די געבליבענע האָרעווען, ווי עס פּאָדערט זיך אין צענטן פּינפּיאָר. עס דאַרף זײַן קוואַליטעט. עס דאַרף שטיין דער צייכן פון אויסגעצייכנטער קוואַליטעט אַף דער פּראָדוקציע. איך צווייפל ניט, אַז די געבליבענע ייִדן טוען ווי עס דאַרף צו זײַן, ווי איך בין זיכער, אַז כאַיִם בלײַבט ניט הינטערשטעליק. עס איז אַ פאַרגעניגן צו קוקן ווי ער פּיצט די שיך, וואַשט אַ גלאָז, שנײַדט ברויט. עס איז אַ פאַרגעניגן צו זען ווי זײַנע הענט קלעפּן צו אַלץ, ווי אויפמערקזאַם און פּינקטלעך ער איז צו יעדער קלייניקייט.

צו מײַנען קומט אַרײַן כאַיִמס קאָרעווו, לייב. ער איז אַ באַהאַוונטער מעטאַל-טאָקער. ער רעדט ווינציק. פּלוצעם טוט ער אַ זאָג: „כאַיִם כאַפּ זיך אַרײַן. איך דאַרף דײַנע אַן אײַצע". כאַיִם שמייכלט, אָבער זײַנע ווערטער קלינגען ערנסט.

— לייבקע, בעסער וואָלסטו מײַן אײַצע ניט געדאַרפט! זיץ אַף אַן אָרט, פאָלג מיך!

און דערנאָך, ווען לייב איז אוועקגעגאַנגען, מאַכט כאַיִם צו מיר:

— וואָס קוקט איר אַזוי? אין אַ וואָך אַרום איז לייבקע ניט קיין היגער, ער האָט שוין די פּאַפּירן פאַר זיך און פאַר דער גאַנצער מישפּאָכע.

דאָס איז אַזוי, איך הער עס ניט נאָר פון כאַיִמען. בער האַלפּערן קומט אַרײַן קימאַט אַלע טאָג. מיר גייען אַ קוק טאָן דעם טעמפּל „פּעטראַ אי פּאַוולאָווא" און דעם טעמפּל „סאַנטאַ אַנאַ". איך זע עס ניט צום ערשטן מאָל, דאָס מאַכט אַ גרעסערן אײַנדרוק ווי דער באַוווּסטער נײַער ראַיאָן אין ווילנע מיט דער הײַנטצײַטיקער אַרכיטעקטור, מיט די דורכזיכטיקע, לאַנגע טורעמס אַף צו טריקענען גרעט. עס באַהערשט מיך אַ געדאַנק, אַז קיין הײַנטצײַטיקער אַרכיטעקטאָר קאָן זיך ניט פאַרגינען, אַזויפיל צײַט, ווער רעדט געשמאַק, כּדי צו רעאַליזירן אַזוינע פאָרמען און מאַסשטאַבן אין אַרכיטעקטור פון די פאַרגאַנגענע צײַטן. אַנומלטן גיי איך מיט בער האַלפּערן ווידער פאַרביי „סאַנטאַ אַנאַ". בער ווענדט מײַן אויפמערקזאַמקײַט אַף אַ גרויסער גרויער געבײַדע.

— דאָס הויז האָב איך געבויט. איך בין אַ בוי-אינזשעניער, — גיט ער מיר צו וויסן.

איך האָב ניט געוווּסט, אַז ער איז אַ בוי-אינזשעניער אויך. כ'האָב

געמיינט אז ער איז נאָר א שרײַבער. דעריבער מאכט אַף מיר א שטאַר־קערן אײַנדרוק, וואָס ער איז א בוי־אינזשעניער, ווי דאָס הויז גופא.

די טעג גייען, ס'איז שוין עלפטער יון, פּיאַטראַס אנטאַנאַוויטש בראַטע־ניס קלינגט ניט. גיי איך גלאַט אזוי ארום איבערן שטאָט. כאָטש איך דאַרף גאַרנישט קויפן, קוק איך ארײַן אין עטלעכע קראָמען אַף לענין־פּראָ־ספּעקט. ווער עס וויל און האָט די קלינגערס, קאָן קויפן וואָס ער וויל. די פּאָליצעס זײַנען געפּאַקט. כ'האָב שוין אויך געזען אין א קליינעם פּארק א דענקמאָל פּושקינען — א נאַטוראַליסטישער ביוסט און אן אויפ־שריפט מיט גרויסע בוכשטאַבן: „פּושקינאַס".

— „פּושקינאַס?". יאָ, ניט פּושקין, — „פּושקינאַס!"...

בער האַלפּערן און איך פאָרן אָנקוקן פּאָנאַר. אין פּאָנאַר בין איך דאָס דריטע מאָל. הײַנט, ווי יענע צוויי מאָל, איז דער אָרטיקער מוזיי פּאַרמאַכט, גייען מיר צו די קוואָרים. בא די קוואָרים זײַנען ארײַנגעהאַקט אײַזערנע פּלעקער. אַף די פּלעקער זײַנען צוגעשמידט אײַזערנע טאָוולען, די טאָוולען זײַנען געפאַרבט מיט שוואַרצער פאַרב, אַפן שוואַרצן גרונט מיט ווײַסער פאַרב, — בוכשטאַבן און ציפערן. „דאָ האָבן די פאַשיסטן זומער 1942 צעשאָסן פערציק טויזנט קריגסגעפאַנגענע, בא די אנדערע מאַסן־קוואָרים — די זעלביקע אײַזערנע פּלעקענער. אַף שוואַרצע טאָוולען מיט ווײַסע בוכ־שטאַבן אויפשריפטן, וועלכע דערציילן וויפל טויזנטער הארוגים דאָ ליגן.

ניט שוין זשע, ניט שוין זשע וועלן די פאַרשניטענע קיינמאָל ניט האָבן קיין אנדערע מאַציוועס?!..

דער שרײַבער־פאַריין שווײַגט. נאָכאַמאָל בעטן, אָדער דערמאָנען — דאָס ניט.

איך זאָרג קנאַפּ וועגן מײַן אייגענעם קאָוועד. אָבער, כאָלילע, דערני־דעריקן דעם קאָוועד פון מײַן פאָלק, פון מײַן ליטעראַטור — דאָס קיינמאָל ניט!

אין איינעם אן אָוונט גיי איך מיט מינען צו יאָסאַדען, ווײַל ער האָט אונדז אײַנגעלאַדן. דאָרטן טרעפן מיר שוין בער האַלפּערן מיט זײַן פרוי. יאָסאַדע פירט מיך צו צו א ברייטן, געזעצטן, שווערן בופעט מיט זייער א סאַך שניץ־באַפּוצעכץ. דער בופעט לאָזט מיך גלײַכגילטיק. יאָסאַדע פאַרשטייט עס, פרעגט ניט מײַן מיינונג וועגן די שניצערײַען. שיינע, יאָסאַ־דעס פרוי, סערווירט א נידעריקן טיש. פריער לייען איך, דערנאָך הער איך אויס וואָס מע זאָגט. מיר בײַסן צו. דערנאָך פרעג איך יאָסאַדען, וואָס ער שרײַבט איצט. ער זאָגט, אז ער שרײַבט איצט אויך פּיעסן. טאַקע דאָ בא יאָסאַדען קומט אוף דער געדאַנק, איך זאָל לייענען אין פאַלאַץ פון די פּראָפאַריינען פאַר דער היגער זעלבסטעטיקײַט. אזוי איז דאָס טאַקע גע־וועזן. בייס בער האַלפּערן האָט מיך ארײַנגעפירט אין פאַלאַץ פון די פּראָ־פאַריינען, איז דאָרט געווען ראַשיק און פאַרביק. ליטווישע יוגנט, קינדער, אין קאָלירטע בונטע קליידער, אנדערע מיט ווײַסע פליגל הינטער די אקס־לען, ליפן אוף און אָפּ איבער די טרעפּ. סעגאַל, דער אָנפירער פון דער

זעלבסטעטיקייט, שטייט מיט אונדז, ווײַל מע ווייסט נאָך ניט אין וואָס פאר א זאל מע וועט גיין און ווו איך וועל לייענען. ענדלעך, פירט מען אונדז ארײַן אין א זאל, אָבער עס ווײַזט זיך ארויס, אז דער זאל איז גראָד ניט פאר אונדז... גייען מיר ארויס, שלעפּן זיך איבער א סאך טרעפּ און קומען ארײַן אין א זאל, ווו עס וואָלט זיך געקאָנט אויסזעצן א פובליקום פון הונדערטער מענטשן. מע רוקט צו שטולן צו א טיש, עס זעצן זיך אויס א צוויי צענדליק מענטשן אף די שטולן, און איך באם טיש הייב אָן פאָרלייענען. סעגאל זיצט לעבן מיר, בײַס איך לייען קוק איך ניט אף אים. אָבער דערנאָך דערזע איך, אז ער ווישט מיט א קלאָר-ווײַס טיכעלע די אויגן. דאָס מאכט מיר א שווער געמיט. דערנאָך האָבן א צוויי-דרײַ צוהערער ארויסגעזאָגט מיינונגען, עמעצער האָט געפרעגט ווען האָט זיך אָנגעהויבן בא מיר דאָס שרײַבערײַ. בײַס אלע פראגן האָבן זיך געענדיקט און מיר זײַנען ארויסגעגאנגען פונעם מוירעדיק-גרויסן זאל, האָב איך דערזען א היפּש געזעמל ייִדישע יוגנט. שיינע יונגע מיידלעך און באָכערים זײַנען געזעסן אף די טישן, וועלכע זײַנען געשטאנען טאקע דאָ אין קאָרידאָר.

— פארוואָס זײַנען זיי ניט ארײַנגעגאנגען, כאווער סעגאל?

— די מערהײַט פארשטייט ניט קיין ייִדיש. די ראָלן שרײַבן מיר פאר זיי איבער מיט רוסישע בוכשטאבן, די, וואָס פארשטייען יאָ, האָבן א ביסעלע פארשפּעטיקט, זיי האָבן זיך געשעמט ארײַנצוגיין, ווײַל איר האָט שוין געלייענט, — דערקלערט מיר סעגאל.

די טעג גייען, בראטעגאס קלינגט ניט. „קאָן דען געמאָלט זײַן, אז זײַנע פרײַנטלעכע, הארציקע ווערטער זײַנען אים ארויס פון זינען? — טראכט איך. דערווײַלע איז געשען אָט וואָס: ווי געפעלט דאָס אײַך? יאנקל קראָוועץ, יאנקעלע כלוינעס, יאנקעלע כאנע-מירלס איז אויך פון מײַן שטעטל! האָב איך שוין גאָר א לײַבלעכן מענטשן אין ווילנע. זיצן מיט יאנקעלען אין זײַן ענגער געמיטלעכער דירע, דערמאָנען די שטעטלשע, איז אן אומויסדריקלעכע באנגלעכע פרייד. עס נעמט דורך א בענקעניש. בא יאנקעלען זײַנען די אויגן שווארץ, זיי ווערן נאָך שווארצער פון פײַכטקײַט. ער איז אויסגעוועזן א וועלט. אָבער קיין זאך רופט ניט ארויס בא אים אזא ווייטעקדיקע בענקעניש, ווי די קינדער-יאָרן אין שטעטעלע. זײַן גאסטפרײַנטלעכקײַט איז אומויסשעפּלעך. זײַן פרוי באשעווע שטייט ניט אָפּ פון אים. און טאקע בא זיי אין דער דירע זײַנען זיך צונויפגעקומען עטלעכע מענטשן, ליבהאָבער פון ייִדיש. מע האָט צונויפגערוקט די טישן, באשעווע האָט פון דער ברייטער האנט געגרייט ייִדיש-ליטווישע גערעכטן — ווײַן, פרוכט און נאשערײַ. טאקע דאָ האָב איך געלייענט און איך בין קימאט געווען רויִק, ווײַל עס האָט געהערשט אזא ווארעמע, שטילע אופמערקזאמקײַט. נאָכן לייענען האָט מען, פארשטייט זיך, גוט צוגעביסן, נאָר איך האָב ניט פארשטאנען פארוואָס יאנקעלע איז פארשוווּנדן אין צווייטן צימערל.

אין אַ ווײַלע אַרום איז ער דערשינען מיט רויזן. ער האָט מיר צוגעטראָגן דעם בוקעט מיט אַזאַ גראַציעזער שעמעוודיקײַט, דאָס איז געווען אַזוי רירנדיק, אַז איך האָב פֿאַרגעסן עס צו נעמען.

— נעם, טײַערינקע, דאָס איז פֿאַר דיר, — האָט ער צו מיר געזאָגט.

ווען אַלע זײַנען שוין אַוועקגעגאַנגען, בין איך מיט מײַנע נאָך אַ ביסעלע געזעסן באַם האַרציקן פֿאַרפֿאַלק. איבעריק צו זאָגן, אַז איך בין באַ זיי געווען ניט איין מאָל.

פֿון שרײַבער־פֿאַריין קלינגט מען ניט. עס איז שוין דער דרײַצנטער יוני. ניט, איז ניט. איך קלײַב זיך קיין קאָוונאָס. מײַנע טרייסט מיך:

— מאַלע־וואָס ער האָט געזאָגט. כאָטש וואַרפֿט מיר אויך צו אַ טרייסט:

— פֿאַרגעס ניט, שירע, עס איז ערעוו דעם שרײַבער־צוזאַמענפֿאָר. מאַלע־וואָס מע האָט צוגעזאָגט אָנקלינגען.

עס קומט אַרײַן בער האַלפּערן. איך זאָג אים, אַז אין קאָוונע האָב איך קיינעם ניט.

— האָט גאָר קיין זאָרג ניט. איך וועל אָנקלינגען איציק יאָנאַסן, און אַלץ וועט זײַן אין אָרדענונג.

איז דאָך ווידער גוט.

מיר ריידן אָפּ מיט בער האַלפּערן, אַז איך פֿאָר קיין קאָוונאָס מיטן אויטאָבוס, און ער וועט אַהין קומען זיך געזעגענען מיט מיר. אויף מאָרגן אינדערפֿרי, דעם 14־טן יוני, בין איך פֿאַרטיק. מײַנעס טאָכטער סאָרע אַמפּערט זיך מיט מיר, איך וויל ניט נעמען דאָס עסנוואַרג, וואָס זי האָט מיר צוגעגרייט אויפֿן וועג. דער טעלעפֿאָן קלינגט, מײַנע נעמט דאָס טרײַבל. זי רעדט און שאָקלט אויסדריקלעך צו מיר מיטן קאָפּ. זי זאָגט:

— נו, שירע, בראַטאַנאַס האָט גאָרנישט ניט פֿאַרגעסן, די מאַשין מיט אַ שרײַבער זײַנען שוין אַרויסגעפֿאָרן, קומט אַרויס אין הויף.

אַזוי איז עס טאַקע. איך באַקען זיך מיט מײַן מיטפֿאָרער. דאָס איז יורי קאָברין. מײַנע מיט סאָרען בלײַבן אויפֿן טראָטואַר לעבן שטוב, איך מיט קאָברינען גייען אַרײַן אין מאַשין.

מיר פֿאָרן קיין קראַקעס. מיר פֿאָרן צו מײַן היימשטעטל!..

אין ווילנע איז געווען קילבלעך, באַ מײַנע האָבן מיר זיך געוואַרעמט באַם עלעקטרע־אײַוועלע. און הײַנט, דעם 14־טן יוני, איז אַ וואַרעמער, אַ ליכטערער טאָג, ווי די זון וואָלט בעדייע געהאַט מיך צו באַגלייטן אין מײַן וויי־רײַזע. אונטערוועגנס איז יורי קאָברין רירנדיק אויפֿמערקזאַם. אָפּגעפֿאָרן אַ פֿאָר שאָ, הייסט קאָברין דעם שאָפֿער אָפּשטעלן די מאַשין. מיר גייען דורך אַן אַליי מיט אַ זאַמדיקער סטעזשקע, דערנאָך אויף שטיינערנע טרעפּ. מיר קומען אַרײַן אין אַ געמיטלעכער קאַפֿע, אָדער שפּײַז־זאַל. עס שטייען מאַסיווע טישן און שטולן פֿון דיקע, געהובלטע ברעטער. די שטולן זײַנען מיט הויכע אָנלענען, עס איז קיל, געמיטלעך, נאָר אַ צוויי־דרײַ באַ-

זוכער זיצן בא א טיש, האלטן אין די הענט סטיליזירטע ליימענע קופלען מיט ביר. קאָברין זאָגט, אז מע דארף עפּעס צובײַסן. ער גופע עסט זייער קנאפּ. דער שאָפער טרינקט לימאָנאַד, און מיר פאָרן ווײַטער.

דאטנעווע איז א קילאָמעטער אכט פון מײַן היימשטעטל קראָק. מיר שטעלן זיך אָפּ, ווײַל דער שאָפער און קאָברין ווילן עסן. דער שפּײַז-זאל איז א גרויסער און דאָ איז זעלבסטבאדינונג, ווי אומעטום. דער שאָפער מיט קאָברינען ברענגען טאצן מיט מיטיק, זיי זעצן זיך עסן. איך באמערק ניט וואָס זיי האָבן געבראכט. איך קוק אויף די ליטווינער, וואָס זיצן בא טישלעך און קײַען געשמאק. אנטקעגן מיר זיצן דרײַ עלטערע ליטווינער, זיי עסן זייער ערנסט און פארטיפט גאנצע בערג בולבע-לאטקעס.

דאטנעווע!

דאטנעווע איז געווען דורכויס א יידיש שטעטל, סאכאקל איין ליטוויש געסל. דאטנעווע און מײַן שטעטל — ווי א שטוב מיט א קאמער. ניט גע-ווען א טאָג, אז דאטנעווער זאָלן ניט זײַן אין קראָק און פארקערט. מע איז געווען ניט נאָר באקאנט, מע איז געווען קרויווים און מעכותאָנים, געפאָרן אויף סימכעס און אויף לעווײַעס. איצט — קיין איינער ניט, אויס!..

די געשיכטע האָט בעריעש געבאלעבאטעוועט...

וואָס נעענטער צו קראָק, אלץ קעלטער ווערט מיר, און דער ארום ווערט פארוואָלקנט און פארפינצטערט, כאָטש די זון שײַנט. איך זע דאָך, אז זי שײַנט, אָבער דאָס איז מיר אזוי איבעריק.

אָט איז א סטויפּיק, אויף א ברעטל אן אויפשריפט: קראקעס. מיר זײַנען געקומען, הייסט עס.

— ווו איז דאָס אָרט, ווו דארף מען פאָרן, — פרעגט קאָברין. און ער געפינט טאקע אן אייצע, ער הייסט אָפּשטעלן די מאשין באם שטאָט-אויס-פירקאָם, גייט אהין ארײַן און אין א ווײַלינקע ארום גייט ער ארויס מיט א שווערלײַביקער יונגער מיידל.

— וואָס זײַט איר געקומען, איר זײַט דאָך יונג און איר ווייסט קיין זאך ניט, — זאָג איך צו איר.

— איך וועל אײַך אלעמען צופירן צו מײַן מאמען, מײַן מאמע ווייסט, ווו דאָס אָרט איז און זי האָט געזען מיט אירע אויגן, וואָס מע האָט דאָרטן געטאָן.

מיר פאָרן דורכן שטעטל, קיין שום סימען פון דעם, וואָס דאָ איז גע-ווען . די זון שײַנט, אָבער די וואָלקנס ווערן אלץ פינצטערער. דאָס מיידל הייסט אָפּשטעלן די מאשין בא א נידעריקער אָפּגעלופּעטער כאטע. זי ווערט פארשווונדן אין הויף און קומט באלד ארויס מיט אן עלטערער פרוי. מיר פאָרן צו „יענעם אָרט“.

די וואָלקנס זײַנען נאָר אויף מײַנע אויגן. איך הער דאָך ווי קאָברין זאָגט:

— וואָס פאר א פּרעכטיקער וועטער עס איז.

ווײַלעווײַז זע איך, אז ער איז גערעכט. א גרינג ווינטל פלאַטערט אריַין דורכן אָפענעם פענצטער פון דער מאשין. די פרוי הייסט אָפשטעלן, מיר גייען אלע ארויס פון מאשין. אלץ איז זייער שטיל. א מאנצבל אין טרעניר-פלודערן שנײַדט גראָז, א פרוי, אויך אין אזוינע פלודערן, נעמט צונויף מיט א גראבליע דאָס, וואָס דער מאנצבל שנײַדט. אירע פארברוינטע געזונטע הענט, אירע אקסלען, די שלייקעלעך פון איר ליפטשיק, קאָנען ניט אײַנהאלטן אירע מילך-צווילינגען. די פרוי, וואָס באגלייט אונדז, זאָגט:

— אָט איז דאָס.

— יאָ...

פון צווישן די ביימער קוקט אף מיר א בעטאָנענע סטעליע, ס'איז דאָ אן אופשריפט אויך אף יידיש, אָבער די יידישע אויסיעס זײַנען ווי צעפיקט מיט אײַזערנע שנאָבלען. איך פארשטיי, אז עמעצער האָט דאָ גוט אן ארבעט געטאָן מיט שטיינער. אומדערטרעגלעך צו קוקן אף דערוף. איך שפרײַז אריבער די נידעריק-הענגענדיקע שטעכלדראָטן און בלײַב שטיין אף א גרינער זאפטיקער לאָנקע.

קיין בערגעלע, קיין שום שפור...

פייגעלעך צוויטשערן, צווישן די גרעוער שעמערירן פעלד-נעגעלעך, גרויסע צעבליטע ליליע-גלעקלעך, ראמונקעס, אומגעהויער גרויסע וועגבלעטער, ווי לאָפוכעס. זיי האָבן ארויסגעלאָזט פון זיך שטײַפע, הויכע, גרײַפלדיקע בליונג. זיי שטייען שטײַף, ווי שפיזלען. בינען זשומען, אין דער שטומער שטילקײַט איז זייער זשומען פארטויבנדיק.

פלוצעם הער איך דעם זיידנס קאָל, ער וואָרנט שטרענג און ניכטער.

— רייך ניט די בינען, זיי וועלן דיר ארײַנלאָזן דעם גיפט.

איך הער עס און זע ווי די לאָנקע נעמט זיך אויסבייגן, ווערט פארוואנדלט אין הויכע, אומגעזעענע כוואליעס. דאָס, און מער גאָרנישט...

בייס איך בין צו-זיך געקומען, איז מיר דורכגעפלויגן א געדאנק: פארוואָס האָבן די כוואליעס מיך אזוי ווייך ארײַנגענומען און מיט אזא קויעך ארויסגעשלײַדערט.

קאָברין שטייט לעבן מיר און מורמלט עפעס. דערנאָך רופט ער אויס:

— אין מאשין, אין מאשין, גענוג!

לעבן דער באגלייטערנס כאטע הייסט קאָברין דעם שאָפער זיך אָפשטעלן. אין הייפל לעבן כאטע איז דאָ א ברונעם, פונקט אזא ברונעם, ווי ס'איז געווען אין אונדזער הויף. אן עמער איז אויך דאָ. איך וויל אָנשעפן וואסער, קאָברין כאפט ארויס דעם עמער פון מײַן האנט. ער שעפט אָן א פולן עמער, גיסט מיר אוף אף די הענט, איך באנעץ דעם קאָפ. דאָס וואסער איז אײַז-קאלט און קלאָר, ווי דאָס וואסער פון אונדזער ברונעם. א רעגעלע זע איך, ווי פון עמער-ארויס זעט זיך מײַן מאמעס האנט. עס ווערט מיר אזויווי אף דער לאָנקע. קאָברין פירט מיך ארײַן אין דער באגלייטערנס כאטע, זי גיט מיר קאָרוואלאָל און דערציילט מיר מיט אלע

פּראַטים, וואָס זי האָט געזען. איר איז גרינג צו דערציילן, זי איז דאָך נאָר אַ מיטפּילערן. זשאַלעוועט זי ניט קיין רייד.

— איר ווייסט, מע האָט דאָך גלייך אָפּגעטיילט די מאַנצבלען. דעם זעלביקן טאָג האָבן די פאַשיסטן זיי אומגעבראַכט, דאָס האָב איך ניט געזען, אָבער מע האָט דערציילט. די ווייבער, די קינדער, יונגע מיידלעך, אַלטע ווייבער האָבן די פאַשיסטן אַריינגעקוועטשט אין די פּאַדוואַלן פון פּרוויען-מאַנאַסטיר. איך האָב געזען ווי מע האָט נאָכדעם די ווייבער געטריבן. כ'האָב אַליין געהערט, ווי אַ מיידעלע האָט געוויינט און זיך געבעטן בא איינעם פון די וואַכלייט: „האַרגעט אונדז ניט, קוקט זיך אײַן, מײַן מאַמע, און איך און מײַנע ברידערלעך, מיר זײַנען פּונקט ווי ליטווינער!

— שווײַגט, געצנוג! — האָט קאַברין אויסגערופן. און צו מיר — מיר פאָרן!

און ווי ער זאָגט עס, שטעלט זיך אַרײַן אַן אַלטע מיט אַ שטעקן אין האַנט, איר קאָפּ טרייסלט זיך, דער שטעקן אין אירע הענט טאַנצט. זי קוקט, קוקט אױף מיר, טוט אַ וואָרף דעם שטעקן, לאָזט זיך צו מיר און שרײַט מיט אַ ווילד קאָל:

— פּעסקיטעו! ביסט געקומען?

איך ווער אַזוי צעטומלט, אַז דאָס איז שווער אויסצודריקן. אונדזער באַגלייטערן דערקלערט:

— דאָס איז מײַן מאַמע, זי איז איבער די נײַנציק, זי פאַרשטייט שוין זייער קנאַפּ. אָבער זי געדענקט אַלצדינג, און אָפט וויינט זי. ווען זי דערמאָנט זיך וואָס די פאַשיסטן האָבן אָפּגעטאָן.

איצט פאַרשטיי איך. די אַלטע איוועראַבאַטלעניצע האָט געמיינט, אַז דאָס בין איך די באָבע מײַנע, וואָרעם איך ווייס דאָך גוט, אַז וואָס עלטער איך ווער, אַלץ מער ענלעך בין איך אױף מײַן באָבען.

— כוואַטיט, בודיעט, פּאַיעכאַלי! — באַפוילט קאַברין...

די מאַשין ראָלט, דער שאָפער, קאַברין, איך שווײַגן. נאָר וואָס איז דאָס, גאָט מײַנער. דער בעסוילעם? ניט ווײַט פונעם בעסוילעם האָבן מיר געהאַט דרײַ דעסיאַטינעס ערד, דאָס אָרט געדענק איך זייער גוט, „שטעלט זיך אָפּ!" — רוף איך אויס.

איך גיי אַרויס פון דער מאַשין: — אוואַדע, איך האָב קיין טאָעס ניט געהאַט. איך רײַס זיך קוים דורך דורך דער קראָפּעווע, וואָס איז העכער פון מיר. אַ סאַך מאַצייוועס זײַנען קימאַט אײַנגעזונקען. אָבער איך זוך דעם זיידנס מאַצייווע. איך פויזע קימאַט אױף די קני, און אָט לייען איך אַן אומגעוויינלעכן אופשריפט: „עלייאָהו בען מיכאַעל פּוי, שויכייוו איש טאָם אונעשמאָסיי פּסוכאָ לעקאָל נעפעש כײַ". דאָס באַטײַט: „דאָ ליגט אַ פּאַשעטער מענטש און זײַן נעשאָמע איז אָפן געווען פאַר אַלדאָס לעבעדיקע". מײַן האַרץ דונערט. דער זיידע, געוויס!

מיר פאָרן דורך קײדאַן. קײן אײן ייִד ניט. װער האָט ניט געװוּסט, אַז קײדאַן איז אַ גרױסע ייִדישע שטאָט. קײדאַנער גערטנער מיט זײערע אוגער־קעס זײַנען געװען באַװוּסט אין גאַנץ ליטע. שלאָפּעבערסקעס מעל האָבן אױך ייִדן געקױפֿט, געבאַקן כאַלע און מאַצעס. און איצט?..

קײן קאָװנע קומען מיר אָן שפּעט אײנאָװנט. מיר שטעלן זיך אָפּ באַם האָטעל „באַלטיאַ". קאָברין נעמט מײַן רידיקיול מיט די דאָקומענטן און גײט אין האָטעל. אײנגיכן קומט ער צוריק, טוט אַ זאָג:

— אַלץ אין אָרדענונג, איר האָט אַ צימער.

און טאַקע אַזױ. איך האָב אַ צימער מיט אַלע באַקװעמלעכקײטן. קאָ־ברין געזעגנט זיך מיט מיר און זאָגט מיר, איך זאָל ניט גײן אין אַזױנע ערטער, װי דער נײַנטער פֿאָרט. מיר געזעגענען זיך װידער, איך בלײַב אין צימער פֿון האָטעל „באַלטיאַ", עס רינגלט מיך אַרום קאָמפֿאָרט, אױפֿן טיש שטײט אַ טעלעפֿאָן, אױפֿן פֿענצטער פֿלאַטערן צװײ פֿליגן.

ס'איז זײער שטיל. איך בין נאָך אַלץ אױף „יענעם אָרט" — באַם ראַנד פֿון מײַן הײמשטעטל. דאָס איז אומגעדאַכט, אָבער דאָס איז װירקלעכקײט. אײנדערפֿרי בין איך אַרױסגעפֿאָרן פֿון װילנע. איצט איז שפּעטער אָװנט. ס'איז אַװעק אַ טאָג.

אַ טאָג?.. װאָס אַזױנס איז צײַט? װי זאָל מען דאָס פֿאַרשטײן?..

ס'קלינגט דער טעלעפֿאָן. איז דאָס מעגלעך? איך נעם אַראָפּ דאָס טרײַבל, עמעצער רופֿט אָן מײַן נאָמען.

— יאָ, דאָס בין איך, אָבער װער זײַט איר?

— איך בין איציק יאָנאַס, בעת האַלפֿערן האָט מיר אָנגעקלונגען, אַז איר געפֿינט זיך אין קאָונאַס. מאָרגן גאַנצפֿרי קאָן מען צו אײַך אַרײַנגײן?

— װאָס פֿאַר אַ פֿראַגע, געװיס קאָן מען.

ס'קומט די נאַכט. ס'איז דאָ אַ ברײט פֿעלד. אַ פֿעלד אָן שום סימאָנים פֿון אומקום. איך זע יענעם מאַנצבל מיט דער פֿרױ אין די טרענירפּלודערן פֿאַרגרײטן הײ אױף װינטער. דאָס הײ איז אױסגעװאַקסן אױף דעם װעג, מיט װעלכן עס זײַנען געגאַנגען ייִדן פֿון די אַרומיקע שטעטלעך און פֿון מײַן שטעטל. איך הער, װי דאָס מײדעלע װיל איבערצײַגן דעם װאַכמאַן, אַז זי, איר מאַמע און אירע ברידערלעך זײַנען אױסגעגאָסן, װי ליטװינער. איך זע דעם אױסגענײטן האַנטעך, װאָס איז געהאַנגען באַ דער באַגלײטערן אין שטוב לעבן אױװן. איך זע װידער דעם הױף מיטן ברונעם, מײַן מאַמע שעפּט װאַסער. איך זע װי דער טאַטע בעט אונטער שטרױ דער קו, װי דער זײדע שנײַדט אַרום די צװײַגן באַ די עפּלבײמער, װי די באָבע הענגט אױס די אָפּגעפּאַרבענע װאָלענע און פֿלאַקסענע טאַלקעס צו טרינקענען...

נײן, איך בין ניט אין באַלטיע, איך בין אױסער יעדן קאָמפֿאָרט, די נאַכט שװימט אַװעק לאַנגזאַם. אין די שױבן קוקט אַרײַן דער באַגינען...

...ווײַזט זיך ארויס, אז קאַברין האָט אופמערקזאם געמאכט די אדמיניס־טראַטאָרשע, וועלכע זיצט אין כאָל, און אינדערפרי טראָגט זי אַרײַן א גלאָז טיי און א פעקעלע קיכעלעך. זי שטעלט עס אוועק אפן טיש און ווערט פאַרשוווּנדן. איצט בין איך מיר אייגנע אליין. ביידע פליגן זײַנען ארויסגע־פלויגן דורכן אָפענעם פענצטער. עס איז שטיל־שטיל. וואו־ניט־וואו הודזשעט דורך א מאשין. זאָל איך אויסטרינקען די גלאָז טיי? יאָ. אָבער די קיכעלעך? ניין! זיי זײַנען אזוי גוט פאַרוויקלט, דאָס פעקעלע זעט אויס אזוי קאַלט און האַרט. קיין קיכעלעך דאַרף איך ניט. עפשער זיך צולייגן? ניין. כ׳וועל ווײַ־טער זיצן אפן פאָטעל, ווי איך בין געזעסן די גאַנצע נאַכט, און אזוי זיצנ־דיק נעמט די נאַטור דאָס אירקע — איך כאַפּ זיך אויף פון דעם, וואָס עמע־צער קלאַפּט אין טיר. דאָס איז געקומען איציק יאַנאַס.

— גוטמאָרגן, גוטמאָרגן. ווי זײַט איר געשלאָפן?

עפּעס רייד איך. יאַנאַס דערפֿילט, אז ער דאַרף מער גאָרנישט פרעגן. ער זיצט ניט לאַנג און גייט אוועק. ער זאָגט צו, אז ער וועט אָנקלינגען. דער טאָג, ווי די פאַרגאַנגענע נאַכט. אָבער דער לעבעדיקער לעבט. ניט ווײַט פון מײַן צימער, מאַמעש מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, איז דאָ א קאַפע. דאָרטן טרינק איך אויס א גלאָז קאַווע, זיץ היפּש, ביז די אָפּיציאַנטקע זאָגט, אז בא זיי איז אַן איבערײַס ביז פיר אזייגער באַטאָג. גיי איך ווידער אין מײַן צימער, זיץ אין פאָטעל. נאָר עפּעס איז פּוסט אין מויעך און אף דער נעשאָמע. יאַנאַס קלינגט. ער זאָגט, אז ער וועט באַלד אַרײַנגיין מיט יאַנקעוו בעלצערן. אזוי איז דאָס טאַקע. בעלצער לייגט אוועק אפן טישל א היפּשן פּאַק און ער זאָגט: — איר וועט האָבן צײַט, כאַווערטע גאָרשמאַן, קוקט אַרײַן אין מײַנע קסאַווים.

ער גייט אינגיכן אוועק. איציק בלײַבט. דאָס מאָל ענטפער איך אף אַלע זײַנע פראַגן. דערנאָך מאַכט ער צו מיר:

— אויב איר ווילט, קאָנען מיר מאָרגן פאַרנאַכט צופאָרן צו יאַזאַס סטראַופּיס. דאָס איז ניט ווײַט. סטראַופּיס האָט געראַטעוועט 26 ייִדן בײַס דער דײַטשישער אָקופּאַציע.

— עפּשער קאָנען מיר פאָרן באַלד?

— ניין, איך האָב זיך צוזאַמענגערעדט מיט איינער א כאַווערטע, זי האָט צו וויסן געגעבן סטראַופּיסן, אז מיר קומען מיט אייך מאָרגן פאַר־נאַכט.

די קומענדיקע נאַכט איז לינדער. א קלייניקײַט צו זאָגן, געראַטעוועט 26 ייִדן, אײַנגעשטעלט דאָס לעבן. דאָס איז אזוי הערלעך. אינדערפרי שוין אופגעגעסן א שטיקל ברויט מיט קעז, אויסגעטרונקען א גלאָז קעפיר, ארויס־געגאַנגען אין גאַס. קאַווע איז מיר ניט קיין אומבאַקאַנטע שטאָט. אין קאַווע האָב איך געאַרבעט אין א יעסוימים־הויז, זיך געלערנט אין אָוונט־אוניווערסיטעט. מע דאַרף צוגיין אהין, וווּ דאָס יעסוימים־הויז האָט זיך געפונען. איך דאַרף בא קיינעם ניט פרעגן. איך געפין דאָס אָרט, איין גע־בײַדע דערקען איך. דאָ געפינט זיך עפּעס אַן אַנשטאַלט. אזוי־אזוי. אַלץ

איז אנדערש. אנדערע צײַטן. אומבעראַכמאָנעסדיק פאַרגאַנגענע צײַטן...
אין האָטעל, אין מײַן צימער — אַלץ, ווי געווען. בעלצערס פּעקל קסאָווים קוקט אָף מיר מיט פאַרוווּרף. איך בינד עס פאַנאַנדער. אַהאַ, כ׳פאַרשטיי שוין. דאָס איז ניט זײַנע קסאָווים, דאָס איז קלענערע און גרעסערע אויס-שניטן מיט אָפּרופן וועגן זײַן אַרטיסטישן מעהוס. אָבער וואָס פאַר א גוזמע אויסשניטן? אָנהייבנדיק פון סאָף צוואַנציקער יאָרן ביז דער מילכאָמע און נאָך דער מילכאָמע, א סאַך פאָטאָגראַפיעס. פאָטאָגראַפיעס פון אים מיט זײַן פרוי, אַרטיסטן זײַנען אויך דאָ גענוג. א סאָף. אַלץ דורכגעקוקט. פאַר-וויקלט, פאַרבונדן מיטן זעלבן שפּאַגאַט, ווי ס׳איז געווען.

אַט איז געקומען איציק יאַנאָס און באַסיע גוט. דאָס איז די כאַווערטע, וואָס וועט מיטפאָרן מיט אונדז צו סטראַופּיסן. די מאַשין שטעלט זיך אָפּ לעבן א געמיטלעכער שטוב מיט א פּרעכטיקן בלומען-גאָרטן.

דער אַרײַנגאַנג אין שטוב איז אין פאָלסטער אָרדענונג. איציק קלאַפּט אָן, אין א ווײַלינקע אַרום גייט אַרויס דער באַלעבאָס, יאָזאַס סטראַופּיס. כאָטש ער האָט שוין אָפּגעציילט זיבן צענדליק, איז ער שלאַנק, הויך, זײַן פּאָנעם איז פרײַנטלעך, דער בליק פון זײַנע בלויע אויגן איז שמייכלענדיק, גרייט צו פרײַנטשאַפט. מיט א ברייטן זשעסט עפנט ער די טיר אין א שיין אויסגעשטאַטן צימער. מיר זעצן זיך, א ווײַלינקע הערשט א פּאַוזע. מיר קוקן אָן איינער דעם אַנדערן. סטראַופּיס זאָגט צו מיר, ווי צו אן אַלטער באַקאַנטער:

— מיר האָבן זיך פאַרבונדן מיט די מענטשן פון געטאָ, וואָרעם איין מענטש וואָלט עס ניט געקענט אויפטאָן.

עס קומט אַרײַן א באַיאָרטע פרוי, זי שמייכלט און זעצט זיך צום טיש.

— וואָס ביסטו געקומען מיט לײדיקע הענט, מאַמע? — פרעגט סטראַו-פּיס.

זי הייבט זיך אויף, פאַרשווינדט און קומט מיט קיבעד.

— מיט איר, — דערציילט סטראַופּיס, — האָב איך געהאַט גרויסע שוועריקײַטן. זי האָט געוויינט און געקלאָגט, זיך געבעטן בא מיר: ׳יאָזאַס האָב ראַכמאָנעס, מיר האָבן דרײַ קליינע קינדער. איינמאָל, נאָכאַמאָל, ביז איך האָב צו איר געזאָגט: — און דאָרטן אין געטאָ זײַנען ניט קיין קינדער? דאָרטן האָבן די מאַמעס געהאַט קינדער אָן ווייען? און ס׳האָט געהאָלפן. מער האָב איך פון איר קיין וואָרט ניט געהערט.

א רעכטע ווײַלע שווײַגט מען. דערנאָך זאָגט סטראַופּיס:

— דאָס איז געווען א שווערע זאַך, ביז איך האָב זיך צונויפגערעדט אין געטאָ, ביז די מענטשן האָבן זיך אַנטשלאָסן אַנטלויפן פון דאָרטן, דער-נאָך האָט מען געדאַרפט צוגרייטן בונקערס אין וואַלד. מענטשן האָבן מיר געהאָלפן, צוויי פרויען פון די, וואָס כ׳האָב געראַטעוועט, האָבן געשוואַנ-גערט. מע האָט געדאַרפט פאַר זיי מאַכן א באַזונדער בונקער, ווײַל זיי האָבן אינגיכן געדאַרפט געלעגן ווערן. צום גליק, איז צווישן די געראַטעוועטע געווען א דאָקטער. פּלוצעם האָט מיר איינער פון מײַנע שכיינים געגעבן צו

וויסן, אַז די פּאָליצײַ איז כּוישעד, אַז בײַ מיר זײַנען דאָ באַהאַלטענע ייִדן. האָט מען געדאַרפט ליקווידירן די אַלטע בונקערס, זיי פאַרשיטן און מאַכן נײַע.

איך הער עס און איך טראַכט: איצטער דאָ, זיצנדיק באַם טיש, הערן וואָס סטראַופּיס דערציילט, אַזוי געלאַסן, קאַרג איז ניט לעבנסגעפערלעך, אָבער אין יענע צײַטן?..

— איר זעט ווי פײַן ס'איז אויסגעשטאַט מײַן דירע? דאָס אַלץ האָבן באַזאָרגט אַ טייל פון די געראַטעוועטע און אַ גרויסן טייל האָבן מיר געשענקט די קאָוונער ייִדן, ווען זיי האָבן מיר געמאַכט מײַן זיבעציקיאָריקן יובילײ.

אויפן וואַנט זע איך אַ שיין בילד. יאָ, אַלץ איז פײַן, פון דער ברייטער האַנט. אָבער וואָס פאַר אַ סכאַר קאָן אָפּגעמאָסטן ווערן פאַר דערויף, וואָס סטראַופּיס האָט אויפגעטאָן...

דוכט זיך אַזוי ווייניק גערעדט, אַזויפיל געהערט. אָט זיצט דאָס פאָרפאָלק סטראַופּיס אַנטקעגן מיר: ליבע, פרײַנטלעכע מענטשן. זייער גאַסטפרײַנטלעכע. זיי לייגן אַפילע פאָר מיר זאָלן נעכטיקן בײַ זיי. אָבער ס'איז צײַט, אַוועקצופאָרן. סטראַופּיס באַגלייט אונדז צום אויטאָבוס, מיר קושן זיך ווי לײַבלעכע. ס'איז שוין שפּעט. לעבן מײַן האָטעל זאָגט איציק יאָנאַס, אַז ער וועט אײַנדערפרי צו מיר אַרײַנגיין.

אָבער אויף מאָרגן אײַנדערפרי דערמאָן איך זיך, אַז איך דאַרף גיין צוליב מײַנע איניאָנים אין היגן שרײַבער-פאַריין, און יאָנאַס קומט צו מיר ערשט נאָך מיטיק. ער קומט מיט אַ פאַרטיקן פּלאַן, איך זאָל פאַרלייענען פאַר דער קאָוונער זעלבסטעטיקײַט אין הויז פון די פּראָפאַריינען.

בין איך, הייסט עס, אין האָטעל „באַלטיע". עס רינגלט מיך אַרום עמעסער קאָמפאָרט, עס קומט צו מיר איציק יאָנאַס, באַסיע גוט, וועלכע האָט געהאַט דעם אומגליק צו זײַן אין קאָנצענטראַציע-לאַגער אין שטוטהאָף. מיר שמועסן ווידער וועגן יאָזאַס סטראַופּיסן, און מיר קאָנען זיך ניט אָנוווּנדערן וואָס פאַר אַ העררלעכער מענטש דאָס איז. זען דעם מעמאָריאַל פון קאָוונער נײַנטן פאָרט ווילט זיך מיר ניט. איך האָב גענוג מײַן שטעטל מיט דער בעטאָנענער סטעליע, די לאָנקע מיט דער שטילקײַט, וואָס האָט מיך באַטויבט אויף יענעם אָרט בײַ מײַן היימשטעטל, ווו ס'ליגן די אומשולדיק-פאַרשניטענע. עס קומט אויך צו גיין יאַנקעוו בעלצער. ער פרעגט קאַלטבלוטיק:

— איר האָט שוין דורכגעלייענט? מיסטאָמע האָט איר קיין צײַט ניט געהאַט.

איך טרייסט אים, אַז איך האָב דורכגעלייענט, און איך בין צופרידן, וואָס ער נעמט צו דאָס, וואָס ער האָט געבראַכט.

איציק יאָנאַס האָט פאַרטראַכט, איך זאָל לייענען אין קאָוונער הויז פון די פּראָפאַריינען. אויף מאָרגן קומט ער צו מיר אין האָטעל. מיר שמועסן זיך דורך, עפּעס לייען איך אים. ער זאָגט, אַז ער וואָלט געמאַכט אַ פאָרוואָרט

אף מיין פארלעזונג. און אזוי איז טאקע געווען. קאזיא קאזימיראס, דער דירעקטאר אין הויז פון די פראפאריינען האט אופגעהאנגען א גרויסע אפישע און דעם 17 יון איז די פארלעזונג פארגעקומען. ס'איז געווען א היפשער עולם, פארשטייט זיך, אז ס'איז אויך געקומען די קאוונער יידישע זעלבסטעטיקייט. וואס פיאטראס ווענצלאווא האט גערעדט, האב איך ניט פארשטאנען, ווייל ער האט גערעדט אף ליטוויש. אבער דער עולם האט מיר געזאגט, אז ער האט גערעדט זייער ווארעם און פריינטלעך. אין קאוונע בין איך לאנג ניט געבליבן. דעם 20-טן בין איך ארויסגעפארן קיין מינסק.

אין מינסק האט מיר ניט אפגעגליקט. אין שרייבער-פאריין איז ניט געווען מיט וועמען צו ריידן. עס האט זיך אנגעהויבן דער שרייבער-צוזאמענפאר אין מאסקווע. דעריבער האב איך נאר אפגעמערקט די קאמאנדירונג און די עטלעכע טעג, וואס איך בין געווען אין מינסק, איז מיר געווען זייער אנגענעם זיך צו באקענען מיט רעלעסן, מיט בעריאזקינען, מיט אראנטשיק. צו רעלעסן האט מיך געפירט דווירע פלאטנער. טאקע דארטן האב איך געהאט דעם פארגעניגן צו געניסן פון רעלעסעס גאסטפריינטלעכקייט, צו זען יודיס אראנטשיק און הירש בעריאזקין. מיט רעלעסן זיינען מיר ארומגעגאנגען איבער מינסק, דא האב איך געזען א סאך יידן, געהערט ריידן יידיש, געזען יידישע ארבעטער. און איך בין אומגעזאמט אוועקגעפארן קיין באברויסק. אין באברויסק האב איך געווינט אין האטעל מיטן זעלבן נאמען. אהינצו איז צו מיר געקומען פיניע פלאטקין מיט זיין פרוי עטל. די גאסן אין באברויסק האבן מיר אויסגעזען דורכויס יידישע. יונגע טאטע-מאמעס מיט וועגעלעך. צו די אייפעלעך האט מען גערעדט יידיש. איך בין געווען גליקלעך צו הערן, ווי א יונגע מאמע האט געמוסערט איר פיצל, וואס איז געלעגן אין וועגעלע: „האסט זיך שוין ווידער באפישט". אין אלגעמיין איז באברויסק געווען פאר מיר א גרויסער טרייסט נאך ווילנע און נאך קאוונע. כ'האב זיך אפגעשטעלט בא ביכער-קיאסקן, און איינע א פארקויפערן פון א ביכער-קיאסק, בא וועלכער איך האב געפרעגט צי זי באקומט „סאוועטיש היימלאנד", האט מיט באדויערונג מיר געענטפערט, אז זי האט אינגאנצן געקראגן זעקס נומערן, זי האט זיי פארקויפט, און מער האט זי ניט, כאטש זי וואלט געקאנט פארקויפן מערער. איך בין אפט געווען בא פיניע פלאטקין. זיין שטוב, די ניט רייכע אויסשטאטונג, זיין פרוי עטל, זיין זון, וואס קען יידיש און פארשטייט די לידער, וואס פיניע לייענט אים. יאשע רוטנבארג, דער בריגאדיר פון די פיינסטאליערס אין דער מעבל-פאבריק אף כאלטורינס נאמען, עטלס ברודער הירש, וואס ארבעט אויך אף דער זעלבער פאבריק, האט מיר דערציילט וועגן די פלענער פונעם צענטן פינפיאר. כוץ דעם, איז געווען אזוי דערפרייענדיק, וואס פיניעס שוועמער און שוויגער, שוין גוט באיארטע מענטשן, האבן געווינט טאקע דא אין א קליין שטיבל, א ביסעלע אפגערוקט אין הינטערגרונט פון פיניעס שטוב. ס'האט מיך זייער פארוואונדערט, ווען פיניעס שווער האט געפרעגט:

— ציוויע, וואס זאל איך באקן? קיכלעך, צי א לעקעך?

— פאַרוואָס זאָל נאַכעם באַקן, — האָב איך געפרעגט בא ציוויען.

— ווער זשע דען זאָל באַקן? ער איז דאָך דער בעקער. איך ריר זיך קיינמאָל צו קיין ברעקל טייג ניט צו, — האָט ציוויע שטאָלץ קלאָר געמאַכט דעם איניען.

איך האָב מאַמעש געקוואָלן, קוקנדיק אַפּן אַלטן פּאָרפּאָלק, וואָרעם אי נאַכעם, אי ציוויע, זאָלן לאַנג לעבן, זײַנען קיין בײז-אויג באַוועגלעך, טוען אַלץ אין זייער באַלעבאַטישקײַט, טראָגן נאָך אַמאָל אַרײַן עפּעס די קינדער, און בײַס פּיניע לייענט לידער איז אַ כײַעס צו קוקן, ווי נאַכעם און ציוויע זײַנען צעשמייכלט און באַגאַסן מיט נאַכעס. כּוץ דערויף האָב איך זיך דער־וווּסט, אַז זייער פאַמיליע-נאָמען איז טיניאַנאָוו און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז יורי טיניאַנאָוו איז זייערער אַ נאָענטער קאָרעוו. קוקן ווי נאַכעם באַגיסט דעם גאָרטן איז אויך ניט קיין קלײנער פאַרגעניגן. אַנומלטן האָב איך צו אים געזאָגט:

— נאַכעם, וואָס באַגיסט איר, ס׳איז דאָך פאַרוואָלקנט.

האָט ער טרעפלעך באַמערקט:

— זאָל מײַנס איבערגיין.

אָבער ניט נאָר דאָס באַלעבאַטישקײַט איז זייער דײַגע, זיי פאַרשיטן מיך מיט פראַגעס, זיי ווילן אַלץ וויסן. ציוויע לייענט „סאָוועטיש היימלאַנד" פון דער ערשטער ביז דער לעצטער שורע. און זי האָט ניט איין מאָל געזאָגט:

— כ׳ווייס גאָר ניט ווי כ׳וואָלט געקאָנט לעבן אָן דעם זשורנאַל. אָבער ווער עס האָט ניט געזען נאַכעמען און ציוויען, ווי זיי שטייען געבויגענע איבער זייער אוריינקל, איבער פּיניעס זונס ייִנגעלע, דער האָט ניט געזען קיין פרעכטיק בילד. נאַכעם קאָן קיין וואָרט ניט אויסריידן פאַר פרייד. זײַן פּאָנעם ווערט נאָך רונדער, ווי עס איז. זײַנע אויגן ווערן פײַכט און ער זאָגט קעסיידער מיט אַ געפּאָלן קאָל:

— ציוויעלע, האָב ראַכמאָנעס, טשעפּע אים ניט. זעסט דאָך, ער שלאָפט, וועסט אים, כאָלילע, אופוועקן.

אָבער ציוויע שטייט אַ געבויגענע, קוקט און קוקט, פּרעפּלט שטיל:

— מיר פאַר דײַנע ביינער, נאַכעם מײַנער, נאָך מײַן קאָפּ זאָלסטו בלײַבן.

און ביידע אַלטע וויינען. אָבער ווי נאָר פּיניעס זון נעמט פירן דאָס וועגעלע, שפּאַנען זיי גאַנץ האַסטיק און בעטן זיך:

— פיר ניט אַזוי גיך, האָב ראַכמאָנעס. ס׳איז דאָך אַ פּיצל.

און אַז ער פירט שוין אַרויס דאָס וועגעלע דורך דער קאַליטקע, שטייען זיי ביידע און קוקן ביז דאָס וועגעלע ווערט פאַרשווּנדן פון געסל...

ס׳איז גוט צו זײַן בא פּיניע פּלאָטקינען אין שטוב. ער און עטל זײַנען זייער געמיטלעכע מענטשן. מע רעדט ווינציק וועגן שטייגערישע אויסקו־מענישן. ס׳איז דאָ אַ היפּש ביסל ביכער. אײַנאָוונט קומט אַרײַן יאַשע רוטנ־בערג. ער איז אָנגעלייענט, ער שרײַבט אויך אויס „סאָוועטיש היימלאַנד". ער דערציילט ווי ער איז מיט אַ בריגאַדע פײַנסטאָליערס פון מעבל-פאַבריק

געפאָרן קיין מאָסקווע אויסשטאַטן דעם פּאַלאַץ פון די צוזאַמענפאָרן. נאָכעם און ציווע זיצן אויך דערביי. זיי הערן אַלץ זייער אופמערקזאַם און אַפילע שפּעט אין אָוונט איז אַף זיי ניטאָ קיין שפּור פון וועלן שלאָפן. דאָס אַלץ איז זייער פריידיק, אָבער...

עס קומט א טאָג און מע דאַרף גיין אין שרײַבער-פאַריין, אָבער דער ווײַסרוסישער שרײַבער-פאַרבאַנד האָט ניט קיין אָפּטיילונג אין באָברויסק. דאַרף איך גיין אין גאָרקאָם. דער סעקרעטאַר פונעם פּראָפּאַגאַנדע-אָפּטיילונג, לידיע סערגייעוונא בולגאַקאָווא, נעמט מיך אוף קילבלעך, אָבער דאָס מאַכט מיך ניט אָפּהענטיק, זי טוט וואָס איך בעט זי. איך גיב אויך צו, אז ס׳וואָלט געווען גוט צו מאַכן א פאַרלעזונג אין מעבל-פאַבריק אַף כאַלטורינס נאָמען. זי ווערט ניט לעבהאַפטיקער דערפון, אָבער איך שטיי מיר אַף מײַנס. איך זאָג איר, אז דאָרטן זײַנען דאָ צעכן, ווו עס אַרבעטן קימאַט דורכויס ייִדן. און נאָך א היפּשן שמועס, פרעגט זי בא מיר, צי זי קאָן מיר אָנקלינגען מאָרגן אינדערפרי:

— וואָס הייסט בא אײַך אינדערפרי? — וויל איך וויסן.

— נײַן אַזייגער.

— נײַן אַזייגער איז שוין דרײַ שאָ, ווי איך בין אופגעשטאַנען, — זאָג איך איר. — דעריבער קענט איר מיר באַשטימט קלינגען נײַן אַזייגער. איך דאַרף נאָר וויסן, אז אַזוי וועט זײַן, וואָרעם אינדערפרי גיי איך איבערן שטאָט, אָדער צו דער בערעזינע.

— גוט, איך וועל אײַך מאָרגן אָנקלינגען, — זאָגט צו לידיע סערגייעוונא. און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. זי האָט מיר אָנגעקלונגען און געבעטן קומען אין גאָרקאָם. דאָרטן איז שוין געזעסן דער פּאַרטיי-סעקרעטאַר פון דער מעבל-פאַבריק. ער האָט אויסגעדריקט זײַן צווייפל:

— וואָס וועלן מיר טאָן, אויב עס וועלן קומען ווינציק מענטשן?

— אויב עס וועלן קומען אַפילע פינף מענטשן, וועל איך אויך לייענען. זאָל עס אײַך ניט קימערן, — האָב איך אים באַרויִקט.

— איר פאַרשטייט, פון קאָנווייער קאָן איך דאָך קיין מענטשן ניט אַראָפּנעמען.

— וועלכע מענטשן זאָלן קומען און ווי דאָס צו מאַכן, ווייסט איר בעסער פון מיר, אַלעקסאַנדער ניקאָלײַעוויטש.

אַזוי שמועסן מיר אָפּ. ער פירט מיך אַרויס, מיר גייען צו צו א שוואַרצער גלאַנצנדיקער „וואָלגע” און מיר פאָרן צו דער פאַבריק אַף כאַלטורינס נאָמען.

אַלעקסאַנדער ניקאָלײַעוויטש פירט מיך דערנאָך איבער א גאַנצן שטאָק, וואָס איז צעטיילט אַף זאַלן, ווו עס דעמאָנסטרירן זיך סערוואַנטן, בעטן, ווייכע שטולן, אַלמערס, סאָפעס. מיט איין וואָרט, די פּראָדוקציע, וואָס דאָ ווערט אויסגעפאַרטיקט. דערנאָך גייען מיר אין קאַבינעט, ווו עס זיצן שוין היפּש ייִדן. איך הייב אָן פאַרלייענען. איך לייען א שאָ, איך פרעג — עפּ-

שער איז שוין גענוג. נײן, — זאָגט דער אוילעם, — לייענט נאָך. און פּלוצעם טוט זיך אַ שטעל אוף אַ ייִד און פרעגט אומרויִק:

— פון וועמענס בוך לייענט איר דאָס? איך האָב אַזאַ בוך ניט געלייענט.

— ביטע, זעצט זיך אַוועק, און שטערט מיר ניט. נאָכן לייענען וועל איך אײַך זאָגן, אַז דאָס איז מײַן בוך.

דער ייִד רירט זיך ניט פון אָרט. ער גייט צו, קוקט אָן דעם בוך זייער אופמערקזאַם און טוט אַ מאַך צום אוילעם:

— איר זעט, דאָס איז טאַקע זייער בוך. און צו אַלעקסאַנדער ניקאָלײַעוויטשן אַף רוסיש: — אַזויפיל ביכער-געשעפטן בײַ אונדז, און זייער בוך האָב איך ניט.

איך באַרויִק קוים דעם ייִדן און איך לייען ווײַטער. נאָכן לייענען זיצן מיר נאָך אַ רעכטע ווײַלע, ס'איז דאָ נײַגעריקע, וואָס ווילן וויסן פונוואַנען בין איך און צי איז שוין לאַנג, ווי איך שרײַב, און צי זײַנען דאָ אין מאָסקווע ייִדישע שולן, צי גיי איך אָפט אין סינאַגאָגע. עס ענדיקט זיך דער מיטיק-איבערײַס, און די אַרבעטער גייען אַוועק אין זייערע צעכן. אַלעקסאַנדער ניקאָלײַעוויטש לייגט מיר פאָר זײַן מאַשין, נאָר איך זאָג אים, אַז פונדאַנען וויים איך דעם וועג צום האָטעל, און מיר געזעגענען זיך. אינאָוונט, בײַ פיניע פלאָטקין, דערציילט יאַשע ראָטנבערג וועגן דעם, אַז אין צעך האָט מען אים געזאָגט, אַז הײַנט האָט דאָ אַ שרײַבער געלייענט גאָר ניט שלעכט און ער באַדויערט, וואָס דאָס איז געווען אין מיטיק-איבערײַס און עס זײַנען געווען ניט קיין סאַך מענטשן. אָבער איך האָב ניט דאָס געפיל, אַז מע דאַרף עס באַדויערן. עס זײַנען געווען היפּש מענטשן, מע האָט אופמערקזאַם געהערט און עס איז געווען ניט שלעכט.

אַף מאָרגן אינדערפרי קלינגט מיר לידיע סערגייעוונאַ, זי זאָגט מיר, אַז די פאָרלעזונג איז געווען אַ געלונגענע. בין איך געוויס צופרידן.

פון גאַנצפרי ביז האַלבן טאָג גיי איך מיר אַרום איבער באָברויסק און שעפּ נאַכעס. ייִדן, ייִדישע פרויען, אַלע זעען אויס ניט שלעכט. די פרויען — ווי מיט קישעלעך אויסגעבעט, קיין בייז אויג זאָל זיי ניט שאַטן, ניט ווינציק ייִדישע מיידלעך, כיינעוודיקע, שלאַנקע. באַקוקט די שטאָט, גיי איך מיר אַפן מאַרק. איך דאַרף דאָרטן גאָרניט קויפן, אָבער הערן ווי די יונגע און באַיאָרנטע באַלעבאָסטעס, מאַכן זייערע קניִעס געפעלט מיר. אָט וויל אַ באַהאַוונטע ייִדענע קויפן געדייכערטע סקומבריִע. זי לאָזט ברייט אַרײַן בײדע הענט אין דער סכוירע, דערגראָבט זיך צו אַ היפּשער סקומבריִע און וויל זי שוין לייגן אַף דער וואָג, אָבער די פאַרקויפערן איז געוואָרן גרימצאָרנדיק:

— באַבושקע, באַלעבאַטעוועט ניט, איר זײַט ניט בײַ זיך אין דער היים.

די ייִדענע שווײַגט ניט:

— אַ באָבע בין איך פאַר מײַנע אייניקלעך. וואָס רײַסטו פון די הענט. זיך נעמסטו, וואָס דײַנע אויגן זעען, נאַכאַלקע!

— ביז די גראָווע האָר האָסטו דערלעבט, און זידלסט זיך נאָך?!

איך בין געפּלעפּט ניט פון דעם אויסדריקלעכן דיאַלאָג, וואָס איז געווען נאָך א סאך שארפער, נאָר פון דערוף, וואָס עס קלינגט יידיש. פון ערשטן קוק האָב איך זיך גאָרנישט געכאפּט, ווייל די פארקויפערן האָט א ווייס-ראָז פּאָנעם, די אויגן-לעפלעך זיינען, פארשטייט זיך, געפארבט בלוילעך, אפן קאָפּ האָט זי א טורעם פון פלאַקס, און אזא מיינעלאָשן...

דעריבער איז די בעסטע זאך גיין צו די טישן, וווּ מע פארקויפט בלומען. פאָלגט מיר, פאַרט קיין באַברויסק. אזוינע בלומען, ווי דאָרטן, איז א זעלטנ-הייט, און בעזיל-זאָל, צען קאָפּעקעס א רויז. ווער עס וויל ניט קיין רויזן, קען קויפן פּיאָנעס, דעלפיומס, שמעקנדיקע אוירינגלעך. זיי פארקישעפן אזש. פארשטייט זיך, קוק איך מער ווי איך קויף. אָבער דאָס באשיידן בינ-טעלע בלומען, וואָס איך טראָג אריין פּיניעס שוויגער, ציוויען, רופט ארויס בא איר אזויפיל פרייד און זי שטעלט שוין אוועק די בלומען אין א גלאָז וואסער, זעצט זיך אוועק אף א שטול אנטקעגן מיר און דערמאָנט זיך.

— כ'געדענק ניט, כ'האָב איינך דערציילט, צי ניט? אָבער ווער קאָן זיך דאָס אָנדערציילן וועגן אונדזער לעבן. מיר האָבן נאָר כאסענע געהאט, ניט אוספּעיעט אָנצוקוקן גוט איינער דעם אנדערן, האָט מען נאָכעמען צוגענו-מען אף יענער מילכאָמע. איך בין געבליבן, ווי מע זאָגט, ניט קיין מיידל, ניט קיין ווייבל. ווייטער, די גראזשדאנסקע! הייַנט, ווי מיר זיינען לעבן געבליבן פון דער מילכאָמע, פארשטיי איך ביז היינט ניט, פרעגט מיך בע-ציירים. אזא זון אוועקגעלייגט, און איך לעב!

— ציוויע, גענוג! — שלאָגט איבער נאָכעם. בעסער הערט מיך. אין אומעטיקע מייסעס זיינען מיר ניט זשעדנע. אף יענער מילכאָמע בין איך געווען א יאָוון, ווי אלע יעוואָנים. ווער האָט פאנאנדערגעלאָזן א סלוך, אז איך בין א בעקער, געדענק איך שוין ניט, בעקיצער, איך שטיי אין פּאָלנע פּאַרמע. פלוצעם גייט צו, איך געדענק שוין ניט ווער, אָבער א נאטשאלניק, טוט ראפּטום א פרעג: „טי איז זשידאָוו?" זאָג איך „טאק טאָטשנאָ!" גיט ער מיר א פּלעם אין פּלייצע און מאכט צו מיר: „כאָט טי איז זשידאָוו, נאָ סוואָיאָ דעלאָ זנאיעש! קאלאטשי טשטאָ נאדאָ!"

— נאָכעם, דריי ניט דעם קאָפּ מיט די קאלאטשי. פארדריי א שטיקל טייג אף קאָרזשיקעס. האָסט פארגעסן, אז היינט איז פרייטיק? — לאָזט צי-וויע נאָכעמען ניט דערציילן די מייסע ביזן סאָף.

ניט נאָר הערן, נאָר קוקן אף ציווקען מיט נאָכעמען איז א כיעס. טאָמער גייט זי אריין צו עטלען מיט פּיניען, שטעלט זיך גלייך אריין נאָכעם אויך. ער זעצט זיך לעבן איר אף דער סאָפע, שמייכלט און מוסערט זי.

— א ווייב גייט האָבן פארגעניגן, זאָגט זי דעם מאן ניט קיין וואָרט. ווער טוט עס אזוי. האָסט שוין פארגעסן, אז דיין קוגל האָט ניט געוויינט, האָב איך דאָך אויך געלאכט.

— געבן דיר א גלאָז טיי, טאטע? — פרעגט עטל.

— א קראנקן פרעגט מען. גיס שיטער, אבי גיכער, — ווערטלט זיך נאָכעם.

זײַן גאַנץ געשטאַלט שמייכלט. דאָס פּאָנעם איז קײַלעכדיק, די אויגן קײַלעכדיק, די באַקן אין דער מאָס רויטלעך, די אויסגעהאָרעוועטע הענט ליגן אויף די קני. ווײַלעוויץ גיט ער א קוק אויף ציוויען, עס פליט מיר דורך א געדאַנק: „דער אַלטער איז נאָך באַלעבאָס...". ציוויע כאַפּט איבער זײַן קוק, פרעגט שטיל:

— ווילסט שוין אין שטוב? זאָג בעסער, אַז דו ווילסט איבערבײַטן.

— ביסט אַליין זאָרעכל דער פּרעסער, — ווערטלט זיך ציוויע, הייבט זיך אויף פון סאָפע, נעמט דעם אַלטן אונטערן האַנט און זיי גייען אַוועק.

— עס געפעלן אײַך אונדזערע אַלטע? — וויל עטל וויסן.

— וואָס פרעגסטו, זעסט ניט ווי שירע קוקט אויף זיי? — גייט צו צום שאַפע, נעמט א העפט און הייבט אָן לייענען א ליד, וועלכע הייבט זיך אָן:

זון, שײַן, דער שעד וועט דיך ניט נעמען!

און נאָך א ליד, וויאַזוי ער וועט ברענגען דער מאַמען וואַסער. ער לייענט נאָך: געוויס האָב איך פון איין מאָל די ווערטער ניט פאַרגעדענקט. אָבער איך האָב גוט פאַרגעדענקט, ווי פיניע ווערט פאַרוואַנדלט. אין א וואָכעדיקן טאָג איז זײַן אָנבליק אמכעדיק, אָבער קוים הייבט ער אָן לייענען, ווערט זײַן פּאָנעם ערנסט, די בלויע אויגן זײַנע קריגן א שאַרפן גלאַנץ, ער ווערט אפילו העכער אין וווקס. זײַן שטימע קלינגט זיכער און שטאַרק און ס'בלײַבט בא מיר קיין צווייפל ניט, אַז ער איז א דיכטער.

אנומלטן האָט ער דערציילט ווי א דיכטער האָט באַגליקט אַן אַנדער לאַנד, נאָר ביז ער האָט פאַרלאָזט סאָוועטנפאַרבאַנד האָט ער געגאַסטעוועט בא פיניען. פיניע דערציילט עס אַזוי:

— איר פאַרשטייט, דער דאָזיקער דיכטער האָט ליב געהאַט א שנאַפּס. מיילע, האָב איך אים געקויפט! אָבער אנומלטן האָט ער בא מיר געפאָדערט, איך זאָל איבערטראָגן „די באַקוועמלעכקײַט", וואָס געפינט זיך אין מײַן סעדל אין מײַן שטוב אַרײַן. קלאָר, אַז דאָס האָב איך ניט געקענט... אָבער מער פון אַלץ האָט מיר פאַרדראָסן, וואָס ער האָט ניט אויסגעדריקט קיין מיטגעפיל צו מיר און צו מײַן מישפּאָכע, וואָס די דאָזיקע „באַקוועמלעכקײַט" איז ווײַט פון אונדז...

ס'איז די ריכטיקע צײַט דאַנקבאַר צו זײַן הירש רעלעסן, וואָס האָט מיך אַזוי צוגערעדט, איך זאָל פאָרן קיין באָברויסק. ניט נאָר צוגערעדט, נאָר טאַקע באַגלייט צום אויטאָבוס, און ווען איך בין שוין געזעסן, האָט נאָך הירש לאַנג געפאָכעט מיט זײַן הוט.

אין די אָוונטן קומט אַרײַן יאַשע רוטנבערג. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער האָט אָפּגעהאָרעוועט א גאַנצן טאָג, זיצט ער און דערציילט, וואָס פאַר א שיינע מעבל מע מאַכט אויף דער אונטערנעמונג, ווו ער אַרבעט, און אַז דאָס צענטע פּינפיאָר וועט ברענגען געמיטלעכקײַט און שיינקײַט אין די שטיבער

פֿון די אַרבעטנדיקע. ער טוט אויף אַ זאָג: „מע פֿאַרדינט נישקאָשעדיק. איך האָב אַ זון מיט אַ טאָכטער האָב איך, באַרעכהאַשעם, אויסגעצאָלט פֿאַר זיי צוויי קאָאָפּעראַטיווע דירעס. אַלץ פֿון די צוויי הענט", און ער ווײַזט זײַנע ביידע הענט מיט צענומענע פֿינגער פֿאַר דער עלעקטרע־שײַן.

טאַקע אין איינעם אַזאַ אָוונט ווײַזט פּיניע פֿאַרשיידענע פֿאָטאָס. איין פֿאָטאָ איז ניט צו פֿאַרשטיין. אויפֿן פֿאָדער־פּלאַן שטייען עטלעכע זעק. זיי זײַנען אַזוי אָנגעשטאָפּט, ס'איז ניט צו פֿאַרשטיין ווי מע האָט זיי פֿאַרבונדן. אַהינטער די זעק שטייען פֿרויען אין וואַטניקעס, אין ווינטערדיקע דיקע פֿאַטשיילעס. דער קאָלאָריט פֿון דער פֿאָטאָ איז אַזאַ, ווי ס'וואָלט געווען אַ מוירעדיקער פֿראָסט.

— פֿאַרוואָס האָבן זיך די ווײַבער פֿאָטאָגראַפֿירט מיט די זעק בולבע? — פֿרעג איך.

— בול־ב־ע? רופֿט אויס פּיניע, ווערט אַנשוויגן, דעקט צו די פֿאָטאָ מיטן האַנט. קוקט מיך אָן, רופֿט אויס — „בולבע?". אין די זעק זײַנען אײַנווינער פֿון אַ דערבײַיִק שטעטל. די ווײַבער, קרויווים פֿון די אומגעבראַכטע, האָבן זיך נאָך דער מילכאָמע דערשלאָגן אַ דערלויבעניש, האָבן אויסגעגראָבן די ביינער פֿון זייערע נאָענטע, אײַנגעפּאַקט אין זעק און אַריבערגעפֿירט אַהער.

...אַזוי איז דאָס. אַנדערש קאָן בײַ אונדז ניט זײַן. כ'האָב מיך אַזוי געפֿרייט מיט באָברויסק, אַזוינע האָרעפּאַשנע קרעפּטיקע ייִדן זײַנען געקומען אויף מײַן פֿאָרלעזונג. זײַנען אַזוי שטיל געזעסן, אופֿמערקזאַם געהערט, האַרציק מיר געדאַנקט. און אָט איצט האָבן עס די זעק אָפּגעווישט. כ'בין ווידער אין ווילנע, אין קאָוונע. עס איז גוט, וואָס איך האָב געזען יאָזאַס סטראַופּיסן. ער האָט מיר געמאַכט גרינגער דעם שטיין אין מײַן האַרצן. און ס'איז, פֿאַרשטייט זיך, גוט ווען מע זיצט ניט אויף אָן אָרט. אָבער מע דאַרף זיך שוין רירן, צײַט צו פֿאָרן אַהיים. איך גיי אַרײַן אין אויטאָבוס־סטאַנציע, איך דערוויס זיך, אַז פֿון באָברויסק גייט דער אויטאָבוס דורך ראָהאַטשאָוו. אַזוי איז דאָס טאַקע. אין ראָהאַטשאָוו האָב איך ניט געזען די גאַס אויף שמועל האַלקינס נאָמען. כ'האָב מיך געטרייסט מיט דעם, וואָס איך האָב געטראַכט: „געוויס איז שמועל ייִנגלווײַז דאָ אַרומגעלאָפֿן. וואָס פֿאַר אַ גליק דאָס איז צו זען די ערד, דעם הימל, אויף וועלכן ס'איז אויסגעוואַקסן דער פּרעכטיקער בוים — שמועל האַלקין".

אויפֿן וועג צו ראָהאַטשאָוו בין איך געווען אופֿגעשרויפֿט, ווײַל איך האָב ניט געוווּסט, צי וועל איך באַווײַזן זען די גאַס אויף האַלקינס נאָמען. דערנאָך האָב איך זיך באַרויִקט, ניט שטאַרק אײַנגערעדט דעם שאָפֿער פֿונעם אויטאָבוס, ער זאָל שטיין מיט אַ מינוט פֿופֿצן מערער. דער שאָפֿער האָט געזאָגט איינמאָל ניין. ניין, איז ניין.

דער אווטאָבוס איז געפּאַקט. דאָרטן, וווּ ס'דאַרפן זיצן צוויי מענטשן, זיצן דרײַ. צווישן די שטולן שטייען אויך מענטשן, אַזעלכע, וואָס כאַפּן זיך אַרײַן אין אווטאָבוס אָפּצופאָרן א צוויי-דרײַ סטאַנציעס.

לעבן מיר זיצט א יונגע פרוי מיט א קינד אַף די הענט. איך האָב געמיינט, אַז זי פאָרט אַליין, ווײַזט זיך אַרויס, אַז ערגעץ אַף די הינטערשטע שטולן זיצט איר מאַן. ווי נאָר דער אווטאָבוס שטעלט זיך אָפּ, גייט ער צו, נעמט דאָס קינד אַף די הענט, העצקעט זיך מיט דעם און זאָגט צו דעם ווײַב, זי זאָל דעם געבן א סאַך טרינקען און ווייניק עסן. בײַס דער אווטאָבוס רירט פון אָרט, גייט ער זיך אַוועק אַהין, ווי ס'איז אָנגעוויזן אין זײַן בילעט. ווי נאָר עס נעמט רוישן דער מאָטאָר, נעמט דאָס קינד מוירעדיק וויינען. די מאַמע גיט אים אַן אָפּגעשיילטע האַרטע איי. דאָס וואָלט געווען נישקאָשע, אָבער דאָס כאַזערט זיך איבער יעדער מאָל, ווי נאָר דער אווטאָבוס נעמט רוישן. איך קאָן ניט זען, וואָרעם דאָס קינד עסט שוין די זעקסטע איי, וואָס ווערט מיט דעם זײַן! א גליק, וואָס דער טאַטע איז צוגעגאַנגען, דערזען אַן איי אין קינדס הענטל, אַוועקגעכאַפּט דאָס קינד, געזאָגט דעם ווײַב א פּאָר שאַרפע ווערטער, דערנאָך ווידער צוגעגאַנגען, געהייסן איר זיך זעצן אַף זײַן אָרט, און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט מיטן קינד לעבן מיר באַם פענצטער. עס איז דאָ א ווערטל, אַז דער יעגער גייט אין וואַלד, באַגעגנט אים די כײַע. איך האָב זיך דורכגעשמועסט מיט מײַן שאָכן. דאָס קינד איז גראָד אײַנגעשלאָפן. דערציילט ער מיר, אַז ער אַרבעט אין מינסק אַפן אווטאָמאָביל-זאַוואָד, אַז ער פאַרדינט גאַנץ גוט, האָט א דירע און א קיך-גאַרניטור און אַלץ, וואָס מע דאַרף.

— אײַער ווײַב אַרבעט? — וויל איך וויסן.

— איך האָב דאָס פײַנט.

— וואָס האָט איר פײַנט?

— דאָס ווײַב זאָל זײַן אויסערן שטוב. כ'האָב ליב, זי זאָל זיך אַרומדרייען אין שטוב. וואָרעם איך דאַרף א ווײַב פאַר זיך, ניט פאַר דער אינדוסטריע און ניט פאַרן אַנשטאַלט.

דערהערט אַזוינע ווערטער, שווײַג איך. ער שווײַגט אויך. מײַנע געדאַנקען פלעכטן זיך ווידער אַרום ווילנע, אַרום קאָונע, אַרום מינסק, אָבער באָברויסק? — באָברויסק איז גאָר א באַזונדער זאַך. ווידער טראַכט איך וועגן הירש נאָומאָוויטש טיניאַנאָוו, וועלכער איז א סאַך יאָרן געווען א טעכנאָלאָג אַף דער מעבל-פאַבריק, וואָס מאַכט קיך-גאַרניטורן, וועלכע האָבן דעם צייכן פון הויכער קוואַליטעט. איך דערמאָן זיך וועגן איינע פון די בעסטע אַרבעטער אַף דער מעבל-פאַבריק נום. 2; מיכאל נעמעץ, פּיאָטער מאָראָזאָוו, הילעל טונקל. דאָס זײַנען אַלץ אויסגעצייכנטע פײַנסטאָליערס. עס קומט מיר אויך אַפן זינען יאַקאָוו וואָלפאָוויטש ראָטנבערג, וואָס אַרבעט א סאַך יאָרן אַף דער באָברויסקער מעבל-פאַבריק נום. 2.

באָברויסק. עס איז גוט, וואָס איך בין פאַרפאָרן אַהער. עס האָט באַשײַנט מײַן רײַזע. אַפילע די אַלטע ייִדן אין באָברויסקער פּאַרק, וועלכע זײַ-

נען שוין איצט אַף פּענסיע, האָבן מיך זייער געפרייט. דאָס זײַנען דאָך טאַטעס פון זין. בא איינעם איז א זון א געלערנטער און ארבעט ניט הי, אנדערע האָט אָפּגעגליקט, און זייערע זין און טעכטער זײַנען אין באָברויסק. זיי גופע, די אלטע ייִדן, זײַנען זיכער אין קומענדיקן טאָג. מע זיצט און מע שמועסט געמיטלעך, מע גייט אפּן מארק, מיט איין וואָרט, ווי איינער אן אלטער ייִד האָט מיר געזאָגט:

— ניט צו פארזינדיקן, אבי יאָרן. מײַנע קינדער פארשעמען מיך ניט. זיי פארנעמען וואזשנע שטעלעס, און מײַן ייִנגסטער, וואָס ארבעט אפּן לעדער-זאוואָד, האָט אויך געענדיקט א טעכניקום, און אין קעשענע נאָך קיין וואָרט קריכט ער ניט.

דער טאטע מיטן קינד זיצן לעבן מיר, די מאמע איז דאָרטן, ווו ער האָט זי באזעצט. ס'קומט מיר אפּן זינען טעוויע דעם מילכיקערס ווערטער: ניט קעראכים איים אל באָנים, נײַערט קעראכים אָוו אל באָנים. בייס דער אווטאָבוס שטעלט זיך אָפּ, גייען אלע מענטשן ארויס כאפּן לופט. דער פארנאכט איז א פּרעכטיקער. נאָר וואָס מער מיר דערנעענטערן זיך צו מאָסקווע, אלץ מער פארוואָלקנט ווערט דער הימל. עס הייבט אָן רעגענען, דער טאטע נעמט ארײַן אין די פּאָלעס פון זײַן רעקל דאָס קינד און טרייסט מיך:

— דאָס איז מאזלדיק. אוועקפאָרן מיט רעגן און קומען מיט רעגן איז א גוטער סימען.

קאָן זײַן, ער איז גערעכט. אזויפיל בין איך אויסגעפאָרן, און אָט בין איך ווידער אין מאָסקווע. אבי געזונט, דארף מען אַף אן אָרט ניט זיצן.

געצײלטע מעסלעסן

אין א זומערדיקן פרימאָרגן איז ער דורכגעגאנגען די ווײַסרוסישע גאס. באלעבאָסטעס האָבן ארויסגעלאָזן בעהיימעס, פארמאכט די טויערן. א מיידל איז אים אנטקעגן געגאנגען מיט פולע עמערס וואסער. פון אן אָפענעם פענצטער האָט א יונגער מאנצבל פארשלאָפן געקוקט אַף דער גאס. דערזען דעם דורכגייער, האָט ער אויסגעשריִען: „נאָכעם!" דער מענטש איז געגאנגען גיך, ער האָט ניט אויסגעווישט דעם שווייס פון פּאָנעם, ניט פאריכט דעם שווערן רוקזאק, זײַנע שווארצע אויגן האָבן געקוקט ערגעץ העכער איבער די הײַזער. פונדעסטוועגן האָט ער באמערקט, אז אין די גערטנדלעך וואקסן נעגעלעך, רעזעדא, מירטע און רוטע, ווי פאר דער מילכאָמע.

ס'איז שווער געווען צו זאָגן, וויפל דער מענטש איז אלט. זײַן גראָוער קאָפּ איז געווען א סטירע צו זײַנע גיכע טריט און צו די קרעפטיקע הענט, וואָס האָבן זיך אין ריטמישער גלײַכמעסיקײַט געהוידעט פוןביידע זײַטן שלאנקן קערפּער. דער אָנגעקומענער איז געווען זיכער, אז קיינער וועט

אים ניט דערקענען, דעריבער, קען זײַן, האָט ער ניט געהערט, ווי יענער האָט א געשריי געטאָן „נאָכעם". דעם אָנגעקומענעם האָט מען טאקע גערופן נאָכעם, און ער איז געווען דער איינציק-געבליבענער פון דער גרויסער מישפאָכע שמידן. ער האָט געוווסט: ניט די מאמע, ניט דער טאטע, ניט זײַנע ברידער און שוועסטער, ניט זײַן ווײַב מיט די קינדער — קיינער, קיין איינער וועט אים ניט ארויסלויפן באגעגענען און קיינעמס הייסע טרער וועט זיך ניט אויסטריקענען אף זײַן הארטער אויסגעבענקטער באק.

יאָ, ער האָט גוט געוווסט. אָבער אים האָט געצויגן אהער. אין אלע צײַטן פון מילכאָמע איז דאָס שטעטל געשטאנען אין זײַן זיקאָרן, ווי פון אײַזן געשמאָלצן. ער האָט געמיינט, אז ער האָט געזען אלץ, וואָס די מילכאָמע איז נאָר בעקויעך צו ווײַזן. אלץ — פון אלעף ביז טאָף! אָבער ווי נאָר ער איז ארײַן אין דער יידישער גאס, האָבן אים פארטויבט זײַנע אייגענע טריט. מוירעדיק שטיל איז דאָ געווען. אזוי שטיל, אז ער האָט זיך אָפגעשטעלט און אויסגעטאָן די שטיוול. נאָר אפילע די טריט פון זײַנע באָרוועסע פיס האָבן אָפגעהילכט אין דער פארגליווערטקײַט. נאָכעם האָט געקענט קאָלערליי שטילקײַט: שטילקײַט פון ליגן א צוגעקלאמערטער צו דער ערד, ווארטנדיק אפן סוינע, שטילקײַט אפן גרונט פון א טײַך, שטילקײַט פון הארבסטיקע נעכט אין כאשכעס פון וועלדער... אָבער דאָס ערשטע מאָל האָט ער דערפילט אזא שטילקײַט, וואָס קען אים ניט צוניץ קומען... ער האָט פאר דער גאנצער צײַט פון מילכאָמע ניט געזען קיין גרעסערן גרויל, ווי די פוסטע גאס. ער האָט ניט געזען קיין גרעסערן אומעט, ווי דער שטילער אומעט, וואָס האָט פארגאָסן די פינצטערע שטיבער. די שטראלן האָבן ניט געקענט פאָלגן די זון, זיי זײַנען אָפגעשפרונגען פון די ווענט און פון די גאנץ געבליבענע שויבן. פינצטערע, פארגעסענע, פארלאָזענע זײַנען געשטאנען די שטיבער פון ביידע זײַטן יידישער גאס. עס שווײַגן פארהאקטע טירן, עס זיפצט דאָס גראָז בא די שוועלן, עס סקריפען אף די פאראָסטעטע זאווערסעס פאנאנדערגעפראלטע טירן, וואָס האָבן זיך שוין לאנג ניט פארמאכט.

גייט האסטיקער נאָכעם דורך דער טויטער גאס, ער לויפט פארבײַ זײַן טאטנס שטוב, אפן בריקל פון זײַן אייגענער שטוב טוט ער אויס זײַן רוקזאק. לאָזט זיך מיד אראָפ, אָבער לאנג בלײַבן רויִק קען ער ניט, און ער גייט פאוואָליע ארײַן אין זײַן אייגענער שטוב. אלע דרײַ פענצטער זײַנען גאנץ און צוגעקייטלט. דורך די פארשטויבטע שויבן דרינגט ארײַן גרויע שײַן. דער קאָמאָד שטייט אף זײַן אָרט מיט ארויסגערוקטע ליידיקע שופלאָדן. נאָכעם איז צוגעגאנגען, האָט פאנאנדערגעשארט דעם שטויב אפן קאָמאָד און האָט דערקענט דעם געשטריקטן טישטעך — בלומעס האנטארבעט. ער האָט עס אראָפגעשלעפט, א ווײַלע געהאלטן און א וואָרף געטאָן אפן פריִערדיקן אָרט. א באָרוועסער האָט ער געשפאנט הין און צוריק איבער דער שטוב. שפינוועבס האָט זיך מיט קאלך אינײנעם אָפגעריסן פון באלקן, געפאלן אף דער ערד. דער טיש איז געלעגן אינמיטן שטוב אף די איבערגעבראָכענע פיס. נאָכעם האָט זיך אײַנגעבויגן, גוט באטראכט, פאָרט

ניט געקענט פאַרשטיין, מיט וואָס האָט מען דאָס אַזאַ זעץ געטאָן, אַז אַלע פיר פיס האָבן זיך איבערגעבראָכן ווי שוועבעלעך. פּאַוואָליע איז ער אַרויס, כאַסמעגענדיק מיט זײַנע באָרוועסע פיס די פאַרשטויבטע פּאָדלאָגע.

די שטוב האָט ער אויסגעבויט מיט זײַנע אייגענע הענט. יעדע ברעט געקלאַפּט מיט טשוועקעס, וואָס ער האָט אַליין געשמידט, און איצט, זיצנדיק אויפן בריקל, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די ברעטער שפּרינגען אונטער און ווילן אים אַראָפּוואַרפן...

ער האָט דערהערט טריט און אויסגעדרייט דעם קאָפּ.

— נאָכעם! — האָט אויסגערופן דער מענטש, צוגייענדיק נאָענט צום בריקל. — נו, וואָס איז, דו דערקענסט מיך ניט?

— איך דערקען דיך, איך דערקען דיך, פּעטראָק.

— איך האָב דיך גערופן, האָסט ניט געהערט.

— דו?

— נו, יאָ. אינדערפרי, בעשאַס דו ביסט געגאַנגען פון באַן.

— און איך האָב קיין צײַט ניט געהאַט דיר נאָכצוגיין, איך האָב געמוזט גיין צו דער אַרבעט. אין קאָלווירט איז אַרבעט איבערן קאָפּ. איצט בין איך געקומען, איך האָב געמיינט, דו וועסט גיין צו מיר, האַ, נאָכעם? אויב גיין, איז געגאַנגען, וואָרעם איך האָב נאָך קיין וואַרמעס ניט געגעסן.

— איך וועל קומען, איך וועל קומען, גיי עס וואַרמעס.

בעשאַס פּעטראָק איז אַוועק, האָט נאָכעם אַ טראַכט געטאָן: „אַ קאַלטער לונג-און-לעבער!". דערווײַל האָט נאָכעם צו קיינעם ניט געוואָלט גיין. עס זײַנען געווען אַזוינע רגעס, ווען ער האָט געזען, ווי זײַן בליומע לויפט אַרויס צו אים, ער שאַרט אַוועק די ברוינע געקרײַזלטע האָר פון איר פאַרווייַנט פּאָנעם און לייגט צו איר וואַרעמע האַנט צו זײַן אָנגעשמאַרצט פאַרקלעמט האַרץ.

עס איז שוין פאַרנאַכט געוואָרן, און דער איינציקער פון דער גרויסער מישפּאָכע שמידן איז נאָך אַלץ געזעסן אויפן בריקל. ער האָט אָנגעשפּאַרט זײַן קאָפּ אויפן רוקזאַק, זיך צוגעדעקט מיט דער שינעל, געקוקט, ווי עס גייען אויף די ערשטע שטערן אין הימל, אַריבערגעצויגן די שינעל איבערן קאָפּ — ער האָט זיך געאַמפּערט מיטן הימל און מיט די שטערן, וואָרעם ער האָט געהאַט אַ מאַכלויקעס מיט זיי...

עס האָט נאָר אויסגעטאָגט, איז נאָכעם אַוועק אַ קוק טאָן די קוזניע. דאָרטן איז אַלץ געווען גאַנץ, אַפילע דער בלאָזזאַק אויך. ער האָט אים אַ פּרווו געטאָן און איז אַרויסגעגאַנגען. דאָס קילע גראָז האָט זיך ווייך געלייגט אונטער זײַנע באָרוועסע פיס. ער איז אַוועק און האָט זיך אומגעקערט מיט אַ קאָסע און מיט אַן עמער וואַסער, זיך אָפּגעגאָסן, לאַנג געריבן מיטן האַנטעך, צעלייגט אַ פײַער, צוגעשטעלט דאָס סאָלדאַטסקע קעסעלע מיט וואַסער און זיך גענומען צו דער אַרבעט. אַ נאַקעטער ביז העלפט, האָט ער געשפּרײַזט, פּאָכענדיק מיט דער קאָסע, קליינע פרעשלעך האָבן זיך געפּלאָנטערט מיט פינגערדיקע לאַפּקעס אין ווילדן הויכן געוויקס.

ער האָט מיט א בינטל גראָז אראָפּגעשמיסן א גריל פון זײַן געוואקסענער שטײַפער ליטקע און האָט ווײַטער געשניטן. ער האָט שיר ניט אָפּגעשניטן די אגרעסן-קוסטעס, וואָס זײַנען אינגאנצן פארוואקסן געוואָרן. דער ברונעם איז אויך פארהלושעט געוואָרן, די קלעצער זײַנען ניט געווען. נאָכעם האָט זיך אײַנגעבויגן, ארײַנגעקוקט אין גרוב מיט דעם פעטן גרינעם וואסער און האָט זיך נאָך האסטיקער גענומען צו דער ארבעט.

וואָרמעס-צײַט איז געקומען פעטראָק. ער האָט אויסגעשפּרייט א ווײַסע לײַוונטענע שמאטקע אױף דער ערד, אוועקגעלייגט א לאבן ברויט, עטלעכע אייער און א שטיק געוויאַנדזלט כאזער-פלייש.

— נעמסט מיך אױף פאָלנע וויאָוואָלסטווע?

— אהא! עס, פאריכט זיך און צו דער ארבעט. דער קאָלווירט דארף א שמיד; נו, איך אײַל זיך.

פעטראָק איז אוועק, און נאָכעם האָט קײַענדיק זיך דערמאָנט אָן בליו־מען. זי פלעגט פון שטוב ארויס, א געשריי טאָן: „נאָכעמקע, עסן!". צו דער קוזניע איז זי קיינמאָל ניט געגאנגען, זי האָט מורע געהאַט פאר בריקענדי־קע פערד.

ביז פארנאכט איז דער גאנצער גאָרטן געווען אָפּגעקאָסיעט. נאָכעם האָט זיך געמאכט א גלעגער אין קוזניע. דאָ איז אים געווען געמיטלעך. דער רייעך פון געוויאַנעטן גראָז האָט אָנגעפילט די קוזניע, ער האָט זיך צוגע־דעקט מיט דער שינעל, ער וואָלט פון מידקײַט גלײַך אנשלאָפן געוואָרן, אָבער ער האָט דערהערט, א קינדעריש קעלכל זינגט, איז ער ארויס א קוק טאָן. ער האָט זיך נײַגעריק ארומגעקוקט, קיינעם ניט דערזען, האָט ער זיך צוריק אוועקגעלייגט. אין דער זעלבער רעגע האָט א מיידעלע ארײַנגע־שפּרײַזט אין קוזניע, פּאַוואָליע צוגעגאנגען צו אים. ווי נאָר ער האָט זיך אופגעזעצט, האָט זי א שפּרונג געטאָן און איז אנטלאָפן. ער איז שנעל ארויס פון קוזניע, געזען, ווי זי איז אריבערגעלאָפן דעם וועג און איז נעלעם גע־וואָרן אין דעם קליינעם שטיבעלע, וואָס איז געווען אזוי פארוואקסן מיט ווילדע האָפּן, אז די שײַבלעך האָבן זיך קוים ארויסגעזען. „וואָס איז דאָס פאר א מין?" — האָט נאָכעם געטראכט און ניט געקענט אײַנשלאָפן. פון דער ווײַסרוסישער גאס האָבן זיך צו אים דערטראָגן שטימען פון מענטשן, א מעקעניש פון שאָף, א רעווען פון בעהיימעס. די קלאנגען זײַנען אויסגע־לאָשן געוואָרן ארום דער קוזניע. נאָכעם האָט פארגעסן דאָס מיידעלע און געטראכט: „מע מוז טאָן, מע מוז ארבעטן, אז ניט, קען מען פארפאלן ווערן".

עס איז געווען פרי, עס איז געווען אָוונט פון צווייטן טאָג.

* * *

נאָכעם האָט זיך אופגעכאפּט מיט א געפּיל, אז הײַנט וועט ער אָפּטאָן דאָס סאמע נייטיקסטע. אפגיך האָט ער זיך אײַנגעוואשן, אָפּגעגעסן אָנ־

בײַסן, צוגעבונדן אַן עמער צו אַ שטריק און זיך גענומען צום ברונעם. ער האָט געשעפּט און געגאָסן דאָס גרינע וואַסער, ביז דער עמער האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן עפּעס אַן אײַזערנער זאַך. צווישן ברוך האָט ער געפֿונען אַ האָקן, צוגעבונדן צום שטריק און מיט מאַטערניש קוים פֿאַרטשעפּעט די שווערע מאַסע. „וואָס קאָן דאָס זײַן?" — האָט ער געטראַכט שלעפּנדיק. און בעשאַס דער קראַנץ פּאָדקעוועס, וואָס ער האָט אַרויסגעשלעפּט, איז געלעגן אויף דר'ערד, איז אים אײַנגעפֿאַלן: „די מאַמע!"

עס קען זײַן, אַז נאָכעם האָט געטראָפֿן, וואָרעם זײַן מאַמע פֿייגע די שמידיכע האָט טאָמיד געגלייבט, פּאָדקעוועס פֿאַרגרינגערן איר די קימפּעטן, מערן די האַצלאָכע אין שטוב... „די מאַמע, אַוודאי די מאַמע", — האָט נאָכעם געטראַכט. קוקנדיק אויף די פּאָדקעוועס, וואָס זײַנען אַקוראַטנע געווען אָנגערייעט אויף אַ דיקן קופּערנעם דראָט. עס קען זײַן, אַז די אַלטע שמידיכע האָט עס אַרײַנגעוואָרפֿן אין ברונעם, ווער קאָן וויסן, וואָס מענטשן האָבן געטאָן אין די לעצטע שאָען. ווער ווייסט?.. ווי אַ זייכער פֿון שלימאַזל און אומגליק, זײַנען די פּאָדקעוועס געלעגן אויף דר'ערד, און נאָכעם האָט שוין ווידער געשעפּט און געגאָסן, געשעפּט און געגאָסן דאָס גרינע וואַסער.

און אַז דער ברונעם איז ליידיק געוואָרן, איז נאָכעמען אָפּן הארצן גרינגער געוואָרן, ער האָט מיט דער לאָפּעטע אָפּגערייניקט דאָס גראָז פֿון קוזניע ביזקל ברונעם, און פֿאַרן שלאָף איז ער זיך עטלעכע מאָל דורכגעגאַנגען הין און צוריק איבער דער סטעזשקע. „פֿאָטער געוואָרן פֿונעם אײַפֿעש", — האָט ער געטראַכט אײַנשלאָפֿנדיק.

עס איז געווען פֿרי, עס איז געוואָרן אָוונט פֿון דריטן טאָג.

* * *

אינדערפֿרי האָט נאָכעם אויסגעשעפּט דאָס וואַסער, וואָס איז אָנגעקוואָלן פֿאַר דער נאַכט, און האָט אַרײַנגעשאָטן דאָס טאַרבעלע זאַלץ, וואָס ער האָט געהאַט אין רוקזאַק. ווען ער האָט גענומען פֿאַנאַנדערקלײַבן דאָס אײַזערנע ברוכוואַרג אין קוזניע, איז גראָד געקומען פּעטראַק.

— קום מיט מיר אין קאָלכאָז. מע דאַרף דיך דאָרטן נייטיק האָבן. נו, גיכער!

נאָכעם איז געווען אַזוי איבעראַשט פֿון פּעטראָקס היציקן אַרט ריידן, אַז ער האָט אַפֿגיך אָנגעטאָן די גימנאַסטיאָרקע מיט די מעדאַלן און איז גלײַך אַוועק מיט אים.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קיין שום אומגליק איז אין קאָלווירט ניט געווען. דער פּאָרזיצער האָט אַרײַנגערופֿן נאָכעמען און פּעטראָקן צו זיך אין שטוב און האָט זיי מעכאַבעד געווען מיט אַ גוטן אָנבײַסן. פּעטראַק איז נאָכן עסן אַוועק צו דער אַרבעט, און דער פּאָרזיצער מיט נאָכעמען זײַנען אַוועק אין פֿעלד. נאָכעם האָט געקוקט אויף דעם אָפּגעשניטענעם האָבער,

געמישט מיט וויקע — „מעשאנקע" רופט מען עס, ס'איז נאָך געווען פּײַכט.

— איך וואָלט עס מער ניט געלאָזן ליגן אונטערן הימל. מע קען שוין פירן, ניטאָ וואָס צו וואַרטן אַף אַ רעגן. צוזאַלצן און אײַנפּרעסן ווי עס געהער צו זײַן — און אַראָפּ פון מאַרק.

— צוזאַלצן? — האָט זיך דער פּאַרזיצער פאַרוווּנדערט.

— יאָ, יאָ! אַ פּאָר מעשאַנקע, באַשפּרענקלט מיט זאַלץ, און ווידער אַ פּאָר מעשאַנקע. די בעהיימעס וועלן זיך מעכײַע זײַן, אַף מײַן וואָרט.

פאַרן אוועקגיין האָט דער פּאַרזיצער געזאָגט נאָכעמען, אַז ער וועט אים צושיקן אַ ביסל געהילץ, אַ פּאָר אַקערס אויסצושאַרפן און אַ וואָגן איבערצוציִען.

פאַרנאַכט האָט מען דאָס טאַקע געבראַכט. דער קאָלווירטניק האָט ארויסגעלייגט די סאַסנאָווע קלעצער און דערציילט: „דאָס האָט פּעטראַק געזאָגט דעם פּאַרזיצער, אַז דו האָסט זיך אומגעקערט. און מיר דאַרפן נייטיק אַ שמיד. פּאַסטאַרעווע זיך, נאָכעם. אַ ווײַלער מענטש פּעטראַק, נאָר אַ שווײַגער. זײַנע עלטערן אויך ערלעכע מענטשן געווען. דאָס האָבן זיי דאָך באַהאַלטן דײַן עלטערן ברודער מיט זײַן ווײַב און קינדער. האָבן זיי די דײַטשן אומגעבראַכט אַלע אינײנעם..." דער פויער האָט נאָך גערעדט און גערעדט, אָבער נאָכעם האָט שוין גאָרנישט ניט געהערט.

דער קאָלווירטניק איז אוועקגעפאָרן, און נאָכעם האָט זיך אָן אופגערעגטער גענומען צו דער אַרבעט. די ערשטע זאַך האָט ער אויסגעבויט דעם ברונעם. דאָס פרישע געהילץ האָט היימלעכער געמאַכט דעם גאָרטן. נאָכעם האָט געקוקט, ווי דאָס וואַסער קוועלט אָן, און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ווי נאָר דער ברונעם וועט פול ווערן, וועלן געמינערט ווערן זײַנע ביטערע מאַכשאָוועס.

ער איז אוועק צו דער קוזניע, האָט אַראָפּגענומען בײדע פאָדערשטע רעדער, וואָס ער האָט געדאַרפט איבערציִען, און האָט זיך פאַרטראַכט. זײַן קוזניע איז געשטאַנען נעענטער צו דער ווײַסרוסישער גאַס, אָבער ער האָט מיט אַלע קויכעס געפּילט, ווי צו אים שרײַען די ליידיקע ייִדישע הײַזער, און ער האָט זיך ניט געקאָנט נעמען צו דער אַרבעט.

ס'איז שוין גאָר טונקל געוואָרן, ווען פּעטראַק איז געקומען מיט אַ קישעלע אונטערן אָרעם און מיט אַ פלאַש מילך אין האַנט.

— האָסט נאָך ניט איבערגעצויגן דעם וואָגן? — האָט זיך פּעטראַק פאַרוווּנדערט.

— מאָרגן, מאָרגן, — האָט נאָכעם געענטפערט.

ער האָט זייער געוואָלט פרעגן פּעטראַקן וועגן זײַנע עלטערן, און ער האָט אָנגעהויבן אַזוי:

— איך האָב געהערט, פּעטראַק, ווי דײַנע טאַטע-מאַמע זײַנען אומגעקומען.

— א סאַך, א סאַך זײַנען אומגעקומען, — האָט פּעטראַק מיט הארץ געזאָגט, זיך פארטראכט א ווײַלע און צוגעגעבן: — מאַך, מאַך גיכער די אַרבעט פאַרן קאָלכאָז, טויטע זײַנען פאַר לעבעדיקע קיין כאווירים ניט, נאָכעם, געדענק! — און ער איז גלײַך אוועקגעגאנגען.

נאָכעם איז שפּעטער אײַנגעשלאָפן, און עס האָט זיך אים געכאָלעמט, ווי די מאמע לויפט צום ברונעם מיט זײַנע צוויי קינדער. ער פארשטייט, וואָס זי וויל טאָן. ער לויפט איר נאָך, ער זעט, ווי זי הייבט אוף יעדע קינדער מיטאמאָל און ווארפט זיי ארײַן אין ברונעם. „מאמע!" — שרײַט ער אויס. „שווײַג, מײַן זון, כ'האָב זיי געראטעוועט!..."

עס איז געווען די פערטע נאכט, זינט נאָכעם האָט זיך אומגעקערט.

כאָטש נאָכעם האָט אינדערפרי צעלייגט א פײַער אין קוזניע און זיך גענומען איבערצײַען די רעדער, איז אים געווען שווער און ביטער אפן הארצן. ער האָט איצט פארשטאנען, פארוואָס פּעטראַק האָט אים ניט דערציילט, אז זײַנע, פּעטראַקס, עלטערן זײַנען אומגעקומען, און כאָטש ער האָט נאָך דערווײַל געװעכטיקט אין קוזניע, ווי א דורכגייער, איז אים קלאָר געוואָרן, אז ער בלײַבט דאָ און ער נעמט זיך צו דער ארבעט.

„יאָ, דו האָסט פראָסט פארגעסן, אז ס'איז ניטאָ קיין צײַט אָף צו טראכטן, כאָטש די מילכאָמע האָט זיך שוין געענדיקט" — און ער האָט זיך גענומען צום האמער. ווי נאָר ער האָט דערהערט די קלעפּ איבער דער קאָוואדלע, האָט אים ארומגענומען א נײַ געפיל.

ער האָט זיך ניט ארומגעקוקט, ווי דער וואָגן איז פארטיק געוואָרן, און ער איז אוועק אין קאָלווירט. מע האָט אים געזאָגט, אז דער פּאָרזיצער איז אין קלוניע. געקומען אהין, האָט נאָכעם געטראָפן ווי מע טרעט די מעשאנקע. ער האָט אראָפּגעוואָרפן די גימנאסטיאָרקע און א געשריי געטאָן צום פּאָרזיצער:

— נאָך א זעקל זאלץ גיב אהער! אויב דו ווערסט זשאלעווען זאלץ, וועט דער קאָרם צעפרייעט ווערן! — און גענומען העלפן טרעטן די מעשאנקע.

אין קלוניע איז געווען א פארצווייפלטע ווארעמקײַט. נאָכעם האָט אונטערגעהיצט די מענטשן. וועגענער זײַנען צוגעפאָרן פולע און אוועקגעפאָרן ליידיקע. פארנאכט האָט דער פּאָרזיצער געזאָגט צו די קאָלווירטניקעס:

— אָט וואָס א סאַך הענט אײנײנעם קענען באווײַזן! — און ווענדנדיק זיך צו נאָכעמען: — אויב דו ווילסט מיך הערן, שטעל איך דיר אוועק א קוזניע אין קאָלווירט גופע, און ווער א קאָלווירטניק.

— דער קאָלווירט איז ניט ווײַט פון מיר. שיק א פערד נאָכן וואָגן, און זאָל מען פארײַנס ברענגען נאָך, וואָס מע דארף, — האָט נאָכעם געזאָגט און איז אוועק.

— די אקערס מאַך, מע דאַרף הייבן זיאב! — האָט דער פּאַרזיצער אויסגעשריִען.

ווען נאָכעם האָט זיך אומגעקערט צו דער קוזניע, האָט ער זיך גלײַך גענומען צו די אקערס. פּאַרטיק געמאַכט איינעם, האָט ער באַקוקט זײַן אַר־בעט. ס'איז געווען פאַרנאַכט, א שטיל ווינטל האָט איבערגעקערט די אַגרעסן־בלעטלעך, ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, ער הערט א שאָרך. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, ניט דערזען גאָרנישט און זיך גענומען צום צווייטן אקער. דאָס ערשטע מאָל פאַר די עטלעכע טעג האָט ער וועגן גאָרנישט ניט גע־טראַכט. ער האָט אין זינען געהאַט וואָס גיכער פאַרטיק ווערן מיט דער אַרבעט, מע זאָל צוליב אים ניט פאַרשפּעטיקן מיטן „זיאב".

ער האָט אָפּגעשרויפט דעם צווייטן אקער פון די הענטלעך, דערהערט א זיפץ, זיך אַרומגעקוקט און עטלעכע טריט פון זיך דערזען א מיידעלע פון א יאָר זעקס־זיבן. זי האָט פון אים ניט אַראָפּגענומען אירע שוואַרצע אויגן. ער האָט זיך געמאַכט, אַז ער טוט זײַן זאַך. זי איז צוגעגאַנגען, זיך אוועק־געזעצט לעבן אקער, אַראָפּגעצויגן דאָס קליידעלע צו די באָרוועסע פיס־לעך. „א ייִדיש קינד!" — האָט נאָכעמען א שניט געטאָן אין האַרצן. מיט גלײַכגילטיקייט, אַף וועלכער ער איז נאָר געווען פעיִק, האָט ער געפרעגט:

— ווּעמענס ביסטו?

— קיינעמס ניט.

— ווי רופט מען דיך?

— קיינעמס ניט.

מער האָט ער גאָרנישט ניט געפרעגט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די צוויי ווערטער זײַנען געבליבן פון מאַמע־לאָשן. זי, ווידער, האָט גיך דער־ציילט אַף ווײַסרוסיש:

— נעכטן בין איך דאָ געווען, און יענעם טאָג בין איך דאָ געווען, איינ־מאָל האָב איך געזען, ווי דו ביסט אַרומגעגאַנגען אַרום דײַן שטוב און האָסט געוויינט. נאָכדעם האָסטו גערעדט. מיט וועמען האָסטו גערעדט? דאָרטן איז דאָך סײַווײסיי קיינער ניטאָ.

ער האָט אַרויסגענומען א פּאָר ציגעלעך צוקער פון קעשענע.

— ניין, איך וויל ניט. מיר האָבן האָניק. הײַנט האָט מיר די באָבע גע־געבן פּאָזעמקעס מיט האָניק, מיט מילך. זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי וועט מיר אַלע טאָג געבן גוטע זאַכן, אבי איך זאָל צו דיר ניט גיין.

זי האָט זיך אופגעהויבן, אָפּגעטרייסלט דאָס קליידעלע און איז אַנט־לאָפן.

„וואָס איז דאָס פאַר א באָבע?" — האָט נאָכעם געטראַכט.

ס'איז געווען פרי, ס'איז געוואָרן אָוונט. דער פינפטער טאָג.

דער קומענדיקער טאָג האָט געבראַכט איבעראַשנדיקע נײַעס. ער איז אוועק אין שטעטלשן ראַט. דער סעקרעטאַר האָט אײַנגעאָרדנט דאָס, וואָס נאָכעם האָט געדאַרפט, און דערבײַ דערציילט, אַז אין ראַט ליגט א בריוו

פון צוויי יִידישע מישפּאָכעס, וואָס ווילן זיך אומקערן. דאָס האָט נאָכעמען שטארק צערודערט: „הייסט דאָס, צוויי מישפּאָכעס האָבן זיך פּאָרט עוואַ־קויִרט?" — האָט נאָכעם געטראכט, גייענדיק צוריק. ער האָט גוט געוווּסט, אַז פון זײַן מישפּאָכע וועט קיינער ניט קומען, פונדעסטוועגן איז ער אַוועק אַ קוק טאָן דעם טאטנס שטוב, אקוראט ווי ער וואָלט געוווּסט, אז די צו־ריקגעקומענע וועט געפעלן ווערן נאָר דאָס, וואָס ער וועט אויסקלײַבן. ער האָט באטראכט די שטוב פון דרויסן, דערזעט: אַ פּאָר שטיינער פונעם פונדאמענט זײַנען ארויסגעקראָכן. איז ער אַוועק נאָך אַ לאָפּעטע. ער האָט זיי ארומגעגראָבן און באשאָטן מיט ערד, ער האָט זיך דערמאָנט, אז דאָס ערשטע קינד האָט בלױמע געבאָרן באַם טאטן אין שטוב, אז זי האָט געהאט אַ שטארקן שלאָף און קיינמאָל ניט געהערט, ווי דאָס קינד שרײַט. בעשאַס ער פלעגט עס צוטראָגן צו איר און הייסן „גיב, גיב!", פלעגט זי אַ פאַר־שלאָפענע לייגן דאָס קינד צו דער ברוסט און זיך בייזערן: „אַ טאטע ביסטו? אַ מעשוגענע מאמע ביסטו! ניט קיין טאָג, ניט קיין נאכט, וואָס איז באַ מיר — אַ קרענעצעץ?".

לאַנג האָט ער זיך באַ דער שטוב ניט געקענט אײַסעקן, און ער איז אַוועק צו דער קוזניע. ווען ער האָט דערזען די אקערס, האָט ער זיך דער־מאָנט אין מיידעלע. „זי וועט הײַנט קומען, צי ניט?" — האָט ער אַ טראכט געטאָן. פּעטראָק איז צוגעפאָרן. אפן וואָגן זײַנען געלעגן באַראַנעס.

— די אקערס זײַנען פארטיק? — האָט ער געפרעגט, — נעם איך זיי צו.

העלפנדיק ארײַנלייגן די אקערס אין וואָגן, האָט אים נאָכעם אַ פרעג געטאָן וועגן מיידעלע.

— איך ווייס! אַנופריכע האָט עס אויסבאהאלטן פון די דײַטשן, — האָט פּעטראָק געזאָגט, אַוועקפאָרנדיק.

„ווי דאָס הארץ האָט מיר געזאָגט"! — האָט נאָכעם געטראכט, זיך נע־מענדיק צו די באַראַנעס.

פארנאכט, ווען ער האָט שוין געהאט אויסגעשמידט אלע ציינער און זיי גענומען ארײַנזעצן אין די נעסטן, איז דאָס מיידעלע צוגעלאָפן און זיך אַוועקגעזעצט אף דער שוועל פון קוזניע. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר, זי האָט ארופגעלייגט אַ הענטל אף זײַן קני, זיך ארומגעקוקט און ווי אַ דערוואקסענע ארײַנגעשושקעט:

— די באָבע האָט מיך אַ גאנצן טאָג פון שטוב ניט ארויסגעלאָזן. איצ־טער איז זי אַוועקגעגאנגען, בין איך געקומען, וועמענס טאטע ביסטו?

נאָכעם האָט געשוויגן.

— ווייסטו וואָס? קום גאָר צו דער באָבען! — האָט זי פאַרגעלייגט.

— איך וועל קומען, איך וועל קומען, — האָט נאָכעם צוגעזאָגט. און זי איז אַוועק.

בעשאס נאָכעם האָט צוגעזאָגט, האָט ער געמיינט, אז ער וועט גלייך אזוי טאָן. נאָר דערזען, די באַראַנעס זייַנען נאָך ווייַט ניט פאַרטיק, האָט ער זיך גענומען צו דער ארבעט. ערשט, אז ס'איז גוט טונקל געוואָרן, האָט ער זיך דערמאָנט זייַן האווטאָכע, נאָר ער האָט פאַרשטאַנען, אז צו דער אַלטער איז שוין שפּעט צו גיין. ער האָט זיך דערמאָנט, אז בעשאס פּעטראָק האָט געבראַכט די באַראַנעס, האָט ער אים געגעבן א פּעקעלע עסנוואַרג. ער האָט אָפּגעגעסן וועטשערע, זיך געלייגט און לאַנג ניט געקענט אייַנשלאָפן. ער האָט געטראַכט וועגן מיידעלע, וועגן דער באָבען און וועגן דעם, צי די מישפּאָכעס, וואָס וועלן זיך אומקערן, זייַנען היגע אָדער פון א דערבייַיק שטעטל...

ס'איז געווען פרי, ס'איז געווען אָוונט פון זעקסטן טאָג, זינט ער האָט זיך אומגעקערט אין שטעטל.

— אין מיל איז געבליבן קנאַפּ ארבעט, פונדעסטוועגן איז זי געשטאַנען, און מאָלן האָט מען געפירט א וועגסט פופצן פון קאָלווירט.

דער פאַרזיצער האָט נאָכעמען ארויסגערופן און געפרעגט, צי וועט ער קענען לאָזן די מיל?

— איך וועל פּרווון מאכן, נאָר מיט קיין מיל האָב איך קיינמאָל ניט געהאַט צו טאָן, — האָט נאָכעם געענטפערט.

געדאַרפט האָט מען צורעכט מאכן דאָס שפּינדל. דאָס איז טאקע געווען שמיד-ארבעט. דעריקער האָט מען אָבער געדאַרפט שמידן די שטיינער, ווייַל זיי זייַנען געווען גלאַט, ווי א לאָקשן-ברעט. און אזא ארבעט האָט טאקע נאָכעם קיינמאָל אין זייַן לעבן ניט געטאָן. ער האָט געפּאַדעט ארום די שטיינער, א סאך געטראַכט און איז אוועק אין קוזניע. פרייַער פאַר אַלץ האָט ער ארויסגעשמידט א האמער מיט קורצע דינע ציינדלעך, נאָכדעם האָט ער שוין צורעכט געמאכט דאָס שפּינדל און איז אוועק אין קאָלווירט.

— נו, די אקס איז פאַרטיק, זעץ אוועק א מענטשן, וועט ער מיטן האַמער אָנשמידן די שטיינער, און אויב די הרעבליע איז קעשורע, קען מען די טעג אָנהייבן מאָלן.

די האמצאָע מיטן האמער איז געווען ניט קיין גרויסע, אָבער די שטיינער זייַנען געוואָרן, פונקט ווי מע דאַרף, כוץ דעם האָט עס צוגענומען א סאך ווינציקער צייַט.

— נו, הייַנט וועסטו אינערגעץ ניט אוועקגיין, הייַנט נעמען מיר א ביסל מאשקע, — האָט דער פאַרזיצער געזאָגט צו נאָכעמען.

— הייַנט ניט. וואָס פאַר א טאָג דו ווילסט, נאָר הייַנט ניט. שרייַב מיר אויס א ביסל פּראָדוקטן, וואָרעם איך מוז אוועקגיין.

נאָכעם איז אוועק פון קאָלווירט מיט א קערבל טריסקאָווקעס, צוויי טרוקענע קעזן און פּוטער. הייַנט האָט ער סאָפּקאָלסאָף געהאַט א געמיט טאָן דאָס, וואָס ער האָט צוגעזאָגט דעם מיידעלע, וואָרעם ער האָט געפּילט,

אז ער איז א היגער. ער איז געווען צופרידן, וואָס דער קאָלווירט דאַרף אים, ווײַל האָבן צו טאָן מיט פאַרשיידענע מענטשן, קונדן איז אים ניט געווען צום האַרצן.

ער איז צוגעגאַנגען צום שטיבעלע, וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט האָפּן. עס איז געווען אַזוי אַרומגעזוען פון דרויסן, אַז ער איז מיט כיישעק אַרײַנגעגאַנגען. די פּאַדערשטוב, וואָס א העלפט פון איר האָט פאַרנומען דער גרויסער אויוון, איז אויך געווען געמיטלעך. אינמיטן שטוב איז געשטאַנען א נידעריקער יאַדלאָווער טיש, ער איז געווען אַזוי געל און ציכטיק, אַקוראַט ווי מע וואָלט אים נאָרוואָס אָפּגעהובלט. אויף די פענצטער זײַנען געשטאַנען שטאַרק צעוואַקסענע וואַזאָנעס, אַלע פון דעם מין, וואָס הייסט „סטאָלעטניק”. אַלטע באָבעס קאָכן עס מיט האָניק — א רעפּוע פאַר הוסטערס. די וואַזאָנעס אויף די פענצטער, די האָפּן פון יענער זײַט פענצטער האָבן אָנגעפילט דאָס שטיבל מיט א קילער, טונקעלער שײַן, פון וועלכער עס האָט געבלאַנקט דער טיש און דער אָפּגעקאַלכטער אויוון.

ער האָט דערהערט א קרעכץ, אוועקגעלייגט דאָס געבראַכטע אויפן טיש און איז פאַרבײַ אויוון צוגעגאַנגען צום בעט. דאָס בעט איז געשטאַנען אַזוי, אַז עס האָט זיך געזען נאָר דער צופוסנס, דאָס איבעריקע האָט פאַרשטעלט דער אויוון.

— דאָס ביסטו, נאָכעם? געדענקסט מיך? איך געדענק דיך, און איך האָב געקענט גוט אַלע דײַניקע. איך האָב זיך געקליבן צו דיר, האָב איך זיך גראָד אוועקגעלייגט, — האָט אָנופריכע געזאָגט, ניט אַראָפּנעמענדיק פון אים אירע אויגן.

אַזוינע אויגן האָבן מענטשן, וואָס האָרעווען שווער אויף א גאַנץ לעבן. ווען זיי מיינען, אַז עס איז שוין צײַט אָפּצורוען, קומט א צאָרע נאָך א צאָרע, און אומגליק נאָך אַן אומגליק, די אויגן גיסן מיט טרערן, ווערן אָפּגעבליאַקעוועט און לײַטערן זיך אויס... די אַלטע האָט אַראָפּגענומען אירע אויגן פון נאָכעמען און געקוקט אויף איר אייגענער האַנט, וואָס איז געלעגן אויף דער העל-גרינער טשערקעסער קאָלדרע.

— זעץ זיך! — האָט זי געוויזן אויפן צופוסנס פון בעט, — נו, איצטער הער. טרייסטן איינס דאָס אַנדערע איז ניט שײַעך. צאָרעס זײַנען ניט נאָר דײַן אייגנס. איך האָב אויך איבערן קאָפּ! איך בין געקראָכן מיטן פליך אין מורעשניק ניט צוליב דײַנעטוועגן. מאַריע האָט זיך צעבאַלעמוטעט און לויפט צו דיר, זינט דו ביסט געקומען. קען איך פאַרשטיין — א קינד ווייל האָבן א טאַטן. אָבער דו ביסט דאָך ניט קיין קינד, דאַרפסטו דאָך פאַרשטיין, אַז זייער זעלטן קען א מענטש גוּוער זײַן די געבליטן, און פרעמדס זאָל ווערן זײַן פלייש און ביין. ניאַדע ניט דאָס קינד צו זיך, זאָג איך דיר! טשעפּע מיך ניט, איך בעט דיך, וואָרעם עס איז נאָענט דער עלנבויגן, אָבער אײַנבײַסן וועסטו אים ניט!

די אלטע איז געבליבן ליגן מיט פארמאכטע אויגן, שווער אטעמענדיק. מאריע איז אריינגעלאפן מיט אגרעסן אין א ליימענעם שיסעלע, אנגעקוקט פארווונדערט נאכעמען און האט זיך אוועקגעשטעלט לעבן איוון. די אלטע האט גענומען אן אגרעס. ווי בורשטינען האבן אויסגעזען אירע צוויי פינגער, וואס האבן געהאלטן די פרישע, גרינע יאגעדע.

— נו, וואס שוויגסטו? גלאט אזוי ביסטו דאך צו מיר ניט געקומען!

נאכעם האט געקוקט אפן מיידעלע, און ער האט געטראכט: „איך וועל עס פון האנט ניט ארויסלאזן!” דאפקע היינט, ווען ער האט זיך דערפילט אינגאנצן א היגער, איז ער געקומען אהער... פארשטייענדיק, אז אנופריכע איז פון די ווייכע מענטשן, וואס ווערן איינגעאקשנט, ווען זיי פילן, אז מע וויל זיי באאוולען, האט ער זיך דערשראקן פון איר פראגע און געזאגט:

— איך האב געטראכט, עפשער וואלט איר געווארן די באלעבאסטע בא מיר אין שטוב. איך וועל אויסווייסן, ברענגען אלץ אין ארדענונג...

— ביסט פון זינען אראפ? איך וועל זיצן אף דער עלטער בא א פרעמדן טיש?! — האט די אלטע אויסגעשריען און ארופגעלייגט די געלע טרוקענע הענט אף די אויערן, געבנדיק צו פארשטיין נאכעמען, אז ס'איז ארויסגעווארפענע רייד.

א דערשלאגענער פון דער אלטערס אומגעריכטער אופירונג, האט זיך נאכעם געלאזט צו דער טיר.

— נעם צו, נעם צו אלצדינג, וואס דו האסט געבראכט, איך דארף ניט, איך בין זאט! — האט די אלטע געשריען, טייטלענדיק מיט איר ציטערדי-קער האנט אף אלץ, וואס נאכעם האט אוועקגעלייגט אפן טיש.

— איך ווייס, אז איר דארפט ניט, נאר איך האב עס געבראכט ניט פאר אייך, דאס איז א מאטאנע פאר מאריען.

— איך דארף ניט, — האט די אלטע דערווידערט, אראפ פון בעט און זיך געלאזט צום טיש.

מאריע האט זיך ביטער צעוויינט.

— מע דארף ניט, באבע, איך וויל טריסקאווקעס, איך וויל!

נאכעם איז האסטיק ארויס פון שטיבעלע, און דעם גאנצן וועג צו דער קוזניע האט אים געקלונגען אין די אויערן: „מע דארף ניט, באבע, איך וויל טריסקאווקעס, איך וויל!”

ער איז געווען מוירעדיק אופגעבראכט אף זיך אליין. „מער פעלט ניט, אז די אלטע זאל מיינען, כ'האב זי געוואלט אונטערקויפן מיט דער פוטער און די טריסקאווקעס”.

ביז שפעט אין דער נאכט איז נאכעם אומגעגאנגען הין און צוריק איבער דער סטעזשקע פון קוזניע ביזקל ברונעם, זיך געיישעוועט, וואס פאר א מיטל צו געפינען, אז אנופריכע מיטן קינד זאלן זיין בא אים.

אזוי נוציק האט זיך אנגעהויבן פאר אים דער טאג. ווארעם ניט געקוקט אף דעם, וואס פאר דער מיל האט ער געמאכט ניט קיין גרויסע זאך, האט דאס אים געפרייט. ער האט געפילט, אז פון דעם-א האט ער אן עמעסן

אַנהייב. דאַפקע איצט האָט אים געפעלט דאָס קינד, און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ס'איז געווען פרי, עס איז געווען אָוונט פון זיבעטן טאָג, פון גרויסן באַשאַף, ווען ניט זײַן אופגערעגטקײַט צוליבן מיידעלע.

בא אַנופריכען איז שטיבל איז געוואָרן אומרויק. מאַריע (אַזוי האָט די אַלטע א נאָמען געגעבן דעם מיידעלע, וואָס איר זון האָט אין איינער א נאַכט געבראַכט צו איר און געזאָגט: „האָדעווע עס אַזוי, אַז עס זאָל פאַר־געסן, וואָס דאָס האָט געזען") האָט זיך די לעצטע טעג אומגעביטן. ביז אַט די טעג האָט די אַלטע געמיינט, אַז דאָס איז אירס. איצט האָט זי מיטאַמאָל דערפילט, אַז דאָס איז ניט אַזוי, וואָרעם זינט נאָכעם איז געקומען אין שטעטל, האָט מאַריע ניט גערוט: „באַבע, איך וויל צו אים, באַבע, רוף אים צו אונדז". מאַריען ציט זייער צו טאַטעס, דאָס האָט די אַלטע געוווּסט, וואָ־רעם ווי נאָר מאַריע פלעגט דערזען, אַז א טאַטע האַלט א קינד אויף די הענט, פלעגט זי צושטיין צו דער אַלטער מיט קאַשעס: „ווו איז מײַן טאַטע, פאַר־וואָס קומט ער ניט צו פאָרן?" בעשאַס זי האָט דערזען, אַז אין קוזניע, ניט ווײַט פון זייער שטיבל, פאַרעט זיך א נײַער מענטש, איז זי זייער נײַגעריק געוואָרן. אַלע קינדער פון דער ווײַסרוסישער גאַס זײַנען אויך געלאָפן א קוק טאָן צו דער קוזניע. די קינדער פלעגן גיך אַוועק, נאָר זי פלעגט בלײַבן. די ערשטע טעג פלעגט זי זיך באַהאַלטן הינטער דער קוזניע אין די אַגרעסן-ביימלעך און נאָכקוקן. ווען זי האָט זיך איבערצײַגט, אַז ער איז אַליין, האָט זי באַשלאָסן, אַז ער קען זײַן איר טאַטע. די קינדער האָבן איר אויך אַזוי געזאָגט. ס'האָט ניט געהאָלפן דער באַבעס פאַרווערן גיין צום שמיד. פאַרקערט, וואָס מער די באַבע האָט ניט געהייסן, אַלץ מער האָט זי געצויגן אַהין...

ווען זי האָט דערזען נאָכעמען בא זיי אין שטיבל, האָט זי זיך זייער דער־פרייט, וואָס ער האָט געהאַלטן וואָרט. ס'איז געווען פאַר איר אינגאַנצן אומ־געריכט, וואָס די באַבע האָט אים אַזוי באַהאַנדלט. מיט קיין שום מיטלען האָט די אַלטע ניט געקענט באַרויקן דאָס קינד. „איך וויל ניט קיין פּרע־זשעניצע, איך וויל ניט קיין טריסקאַווקעס, פאַרוואָס האָסטו אים געהייסן אַוועקגיין?" אַנופריכע האָט געפילט, אַז מע דאַרף דאָ נאָר מיט גוטן, אָבער, אַז דאָס קינד האָט א גאַנצן טאָג ניט געגעסן, געהאַלטן אין איין וויינען, האָט זי עס אָנגעפּאַטשט. ווײַל פאַר דער גאַנצער צײַט האָט די אַלטע דאָס קינד מיט קיין פינגער ניט אָנגערירט, איז דאָס געווען א צו שטאַרק מיטל: מאַריע איז זיך פאַרגאַנגען, בלוי געוואָרן. די אַלטע האָט זיך איבער־געשראָקן און זי אַוועקגעלייגט אין בעט.

אויף מאָרגן איז בא אַנופריכען אין שטיבל געווען ניט בעסער. מאַריע איז געלעגן מיט א נאַסער שמאַטקע אויפן קאָפּ, זי האָט ניט געגעסן, און שטילע טרערן האָבן זיך געקײַקלט איבער אירע בעקלעך. די אַלטע האָט אויסגעקאָכט ראַמונקעס מיט פּאַזעמקעס-בלעטער, אָבער מאַריע האָט די

רעפוע אויסגעבראָכן. זי איז געווען אזוי בלייך, ווי זי וואָלט שוין לאנג גע-קרענקט, און טרערן האָבן זיך ניט אופגעהערט צו גיסן פון אירע אייגעלעך. די אַלטע האָט זיך דערשראָקן ניט אַף קאַטאָוועס, און מאריעס פאַרווייַנט בלייך פּנעמל האָט זי ארויסגעשטופּט פון שטיבל.

יענעם טאָג איז נאָכעם געווען אין קאָלווירט, ווייַל מע האָט געלאָזן די מיל. פּעטראָק האָט גענומען א ביסל מאשקע און איז געוואָרן באַריידעוודיק:

— כ'האָב דאָך געזאָגט, אז דאָס איז דאָס, וואָס מיר דאַרפן! — האָט ער געשריִען צום פּאַרזיצער, ווייַזנדיק אַף נאָכעמען.

— כ'האָב דאָך געזאָגט, אז מיר שטעלן אים דאָ א קוזניע. עס גייט צום שניט, א שמיד דאַרפן מיר האָבן אָט אָ-דאָ! ניט לויפן צו אים, ווי צו א פּראָפעסאָר, אַלע טאָג.

— ביזקל שניט איז נאָך דאָ צייַט. אין מיר וועט קיין מעניִע ניט זייַן,— האָט נאָכעם געענטפערט.

— אָט דאָס איז ווערטער! — האָט פּעטראָק ארומגענומען נאָכעמען. ער איז געווען שיקערלעך און האָט געטייַנעט: — אוי, נאָכעמקע, אָט דאָ בא מיר ברענט א פייַער... — האָט ער זיך געקלאַפּט אין הארצן, — אוי, נאָ-כעמקע, עס זייַנען דאָ פּאַסקודנע מענטשן. אוי, איז נאָך דאָ ארבעט! מייַנסט, איך פארגעס, וואָס מע האָט געטאָן מיט דייַנע? אוי, איז אונדז שווער אָן באַלמעלאָכעס! מייַנסט, איך ווייס ניט ווער עס האָט געהאָלפן, נאָר ניט אַלעמען האָט מען געפּאַקט! אָט, נאָכעמקע!.. דאַרף מען ארבעטן, מע דאַרף פּראַצעווען, עמעסע האַרעוואַניע וועט אַלץ בייַקומען!...

אומגעקערט זיך צו דער קוזניע, האָט זיך נאָכעם דערפילט ווי אַף מיל-כאָמע, בעשאַס מע האָט געטריבן דעם סוינע אין האַלדז-און-נאַקן. ער האָט ניט געטראַכט ניט וועגן מיידעלע, ניט וועגן אָנופריכען, און ער איז געווען זייער פאַרוווּנדערט, ווען ער האָט געטראָפן די אַלטע בא דער קוזניע.

— קום, דאָס קינד איז זייער קראַנק, — האָט זי געזאָגט צו אים ברוי-געזלעך.

די נאַכט האָט ער שוין אין קוזניע ניט גענעכטיקט. זיי זייַנען ביידע געזעסן לעבן דער שלאָפנדיקער מאַריען, און די אַלטע האָט געזאָגט:

— מאַלע-וואָס איך האָב געוואָלט, מיסטאַמע איז אזוי באַשערט. דעם עמעס געזאָגט, האָב איך זיך אַלעמאָל געשראָקן, וואָרעם אז זי פלעגט דער-זען א מאַנצבל, פלעגט זי א פאַרציטערטע ווערן. א מאַמען האָב איך פאַר-ביטן — א טאַטן ניט... טאָ זאָל זייַן אזוי...

ס'איז געווען פרי, ס'איז געווען נאַכט.

ס'איז טאָג געוואָרן אין שטיבעלע, וואָס איז געווען אזוי פאַרוואַקסן מיט ווילדע האָפּן, אז דאָס בלויִלעכע ליכט האָט קוים אַרייַנגעדרונגען, און דער איינציק געבליבענער פון דער מישפּאָכע שמידן האָט מער די מעסלעסן ניט געציילט.

די מאַם איז פול

— ניט נאָר די קינדער, איר זײַט געקומען פון מאָסקווע און זאָגט אויך אזוי, ווי זיי? זיפצט ניט, אויקעט ניט, האָט א ראכמאָנעס אף איַער מאַן, גייט ארויס אין הויף און זיצט אפן באנק. ס'איז טאקע ווינטער, אָבער די זון שײַנט, א קליין פרעסטל. וואָס זאָל איך איַך זאָגן? מײַן סייכל טראָגט ניט אף קיין אייצעס. ס'איז אוואדע גרינגער געבן אן אייצע, ווי געפינען א מיטל, עס זאָל יענעם ניט ווײ טאָן, ניט שמארצן און ניט צופן. איר זאָגט טאקע זיצט אפן באנק, און איך זאָג איַך, ווי איך זאָג מײַנע קינדער. איך וויל דאָרטן ניט זיצן. יעדער בוים האָט איין פוס און דער פוס זינקט אין שניי. פון די צווײַגן טריפט, איך רייד שוין ניט וועגן דעם, אז די גאנצע פענסיע, דער גאנצער קאַפיטאל איז ארום-און-ארום בא די זיבעציק קאַרבן. איצטער זײַנען מיר זאלבעצווייט און מײַנע קינדער, זאָלן געזונט זײַן, האָבן אויסגעביטן אונדזער סאַראַקער דירע אף אן איינצימערדיקער דירע אין קעשענעוו, טאקע אין דער זעלביקער שטוב, ווו מײַן עלטערער זון וווינט, מיר זאָל זײַן פאר זײַן כ׳יעס. וואָס דאָס איז געווען פאר א בײַט און וויפל קרעפטן מיט נערוון דאָס האָט געקאָסט, וועל איך איַך ניט גיין דערציילן, וואָרעם אין ראַי׳ספּאָלקאָם האָט זיך געפונען איינער, וואָס האָט זיך געכאפט צום סייכל, אז דאָ וועלן מיר האָבן מיט צוויי מעטער ווינציקער, איז מײַן עלטערע טאָכטער אוועק אין פאריקמאכערסקע, זי האָט זיך געמאכט אזא פריטשאָסקע, אז איך האָב זי קוים דערקענט. געליַען בא מײַן שנור די אויריגלעך און צוגעטשעפּעט, בא דער יינגערער שוועסטער געליַעןביידע פינגערלעך, אָנגעטאָן דעם דזשערסי-קאָסטיום מיט די לאקיראָוועקעס, איז זי אוועק אין ראַי׳ספּאָלקאָם און האָט זיי דאָרטן געגעבן צו פארשטיין, אז ס'וועט קומען א מאָמענט און מע וועט יעדן אָפּמעסטן... כוץ דערוף איז בעסער מיט צוויי מעטער ווינציקער און נעענטער צו די קינדער. אקיצער, זי האָט דאָרטן געגעבן צו פארשטיין, ווי מײַן טאָכטער קען. ווי זאָל איך ניט אויקען און ניט קרעכצן, אז מײַנער האָט אָפּגעארבעט אין סאַראַקע אין אווטאָרעמאָנטנעם א גאנצן לעבן, א סטאכאנאָוועץ איז ער געווען, דעם פלאַן האָט ער געמאכט טאנצנדיק, אין זײַן ארבעט האָט מען זיך געשפּיגלט. וואָס זאָל איך איַך לאנג ברײַען, איר ווייסט אליין.

איך זע, אז איך האָב פיר קינדער, זיי זאָלן מיר געזונט און שטארק זײַן, און סכירעס וואקסט ניט. לויף איך ארײַן אין קולינאריע, כ'וואש ארום די טישלעך, וואש אויס דאָס געפעס, העלף מאכן אויפּעס. אויב מע דארף, וואש איך אויס די פאָדלאָגעס, קום איך שוין אהיים ניט מיט קיין ליידיקע הענט: עטלעכע קאָטלעטלעך, בולקעלעך מיט צוואָרעך, א טאָרבעטשקע מי׳ט רײַז-קאשע, וועגן אָפּגעקאָכטע בורעקעס רייד איך שוין ניט. ס'איז עפּעס א ווערטל צו זאָגן פיר קינדער. איך זע, אז איר ווילט עפּעס זאָגן, טוט עס ניט, שווײַגט, הערט מיך! מיטאמאָל דערלאנג איך זיך א כאפּ, אז איך דארף

גיין צום דאָקטער, קראנק ווערן, צום אומגליק, טאָר מען נאָך ניט אויך. אָבער ווי קאָן איך האָבן א פינפט קינד, פרעג איך אײַך? מײַן זאלמען זאָל געזונט זײַן, איז א גוטער מאן, איך הער פון אים קיין קרום וואָרט ניט. זיך לייגן לעבן מיר, מיט די גרעסטע פּאָזשאלוסטעס, אָבער אָנשטאָט מיר צום דאָקטער קראנק ווערן קען ער דאָך ניט? ס'איז ניט צו ריידן וועגן דערוף, עס האָט זיך געפונען א זאכאר... אָבער איך קען דאָך ניט בלײַבן ליגן, מײַנער וועט קומען אין שטוב, און איך בין ניטאָ, וועט ער דאָך אָפשטארבן מיט די גלידער. קומט אויס, אז איך דארף ליגן א פיר-פינף שאָ. און איך בין גליקלעך, וואָס דער דאָקטער האָט מיך קראנק געמאכט. ער זאָגט מיר אָן, איך זאָל ניט סמייען וואשן און ראמען, איך זאָל ליגן. ווי קאָן איך ליגן? אז איך בין די זעקסטע. ס'איז עפשער טאקע ניט זייער גוט, וואָס איך דער־צייל אײַך דאָס אלצדינג, אָבער איך הער דאָך ווי איר שמועסט מיט די קינדער, איר זײַט ניט קיין שויטע, און מײַנע קינדער זײַנען אויך קלוג, אז קליגער דארף מען ניט, איז דאָך אָפגערעדט. אײַ וואָס די מאמע האָט ניט געהאט קיין טאָג און קיין נאכט. ס'איז עפעס א ווערטל צו זאָגן, אז דער באגינען האָט זאלמענען פון מיר אוועקגעפירט און דער אפדערנאכט האָט אים ערשט געבראכט, און איך האָב זיך געגעבן א ניידער, אז מיט דער נאָז די ערד וועל איך אקערן און מײַנע קינדער וועלן האָבן דיפּלאָמען. איר קענט זיי דאָך? איר האָט אפילע מײַן עלטערן זון באשריבן. איצטער זײַנען זיי כאכאָמים און זיי ווילן, אז די מאמע זאָל אויך זײַן קלוג. איר קאָנט לאכן, נאָר איך וועל אײַך זאָגן, אז איך הער ווי זיי שמועסן, דערציילן עפעס, טראכט איך „זאָל אײַך שוין צוקומען, וואָס אײַך פעלט". פארשטייט זיך, זײַט איר גערעכט, וואָס איר האָט מיר אנומלטן געזאָגט: סטאַרעוועט זיך מיט אלע קויכעס, ס'זאָל אײַך זײַן גוט מיט זיך גופע, וואָרעם טאָמער, כאָ־לילע, איז אײַך שלעכט מיט זיך גופע, וועט אלעמען ארום אײַך זײַן ביטער. אוואדע זײַט איר גערעכט, אָבער ווו זײַט איר פריער געוועזן, און ווי קען מען געבן אייצעס וועגן דערוף, וואָס מע האָט אליין ניט אויסגעפּרוווט. איך זאָג אײַך, ווי איך טראכט. כ'האָב אײַך נאָך פארגעסן צו זאָגן, אז איך בין געוועזן א לערערקע אויך, כ'האָב געקראָגן א צעפלאָכטענעם אלטן אלעפ־בייס, וואָרעם ווײַבאלד אייניקע מאָלדאוואנעס קרימען די נעז, האָב איך גע־לערנט מײַנע קינדער ייִדיש. איר ווייסט דאָך, איר רעדט דאָך מיט זיי. זיי ריידן, קיין אײַנהאָרע, ווי גרויסע... און ווײַטער וועל איך אײַך זאָגן, אז אף הײַנט איז גענוג. כאָטש די מאָס איז איבערפול.

א ראכמאָנעס אף די מאנצבלען

כאווע האָט די נאכט קיין אויג ניט צוגעמאכט, עטלעכע מאָל געגעבן דעם מאן זעלעניין-טראָפּנס. ער איז אײַנגעשלאָפן, און זי איז געלעגן, זיך צוגעהערט ווי ער אָטעמט, אלע ווײַלע געוואָרפן א בליק צו לייבעלעס בעטל,

אויפֿן וועקער, זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן, אַז לייבעלע זאָל זיך אויפֿכאַפּן. ס'איז אַקוראַט געווען זײַן צײַט צום „ערשטן אָנבײַסן".

נאָר גראָד איצט, ווען דער אַכטכאַדאָשימדיקער לייבקע וואָלט אַזוי צעשטרייט זײַן מאַמע, איז ער געלעגן מיט די פֿויסטלעך בײַ די שלייפֿן, אויפֿן מילכשטערן זײַנען געפֿאַלן טונקעלע הערלעך, פֿון אונטער דער גרינער, ווייכער קאָלדרע האָט אַרויסגעקוקט אַ ראָזעלעכע פּיאַטע — אַ געלכל די גרייס:

האָט כאַווע זיך אָנגעשפּאַרט אויף ביידע הענט, שטיל, גרינג זיך אַראָפּגעגליטשט פֿון געלעגער, מיט די דלאָניעס צוגעגלעט די קאָלדרע אַרום מאַן — ער זאָל ניט דערפֿילן לעבן זיך קיין ליידיקײַט, אַ שפּרײַז געטאָן צום בעטל, צוגעדעקט לייבעלעס פּיאַטע, אַוועקגעשטעלט דאָס נידעריקע בענקעלע, זיך אַוועקגעזעצט. מיט דער רעכטער האַנט אונטערגעהויבן די לינקע ברוסט, מיט דער לינקער אונטערגעשפּאַרט די רעכטע, אַ שאָקל געטאָן באַדויערנדיק מיטן קאָפּ — די בריסטן זײַנען געווען שיטערלעך-גרינג. האָט זי צונויפֿגעפֿלאָכטן די הענט אויפֿן בויך און, אַ טיף פֿאַרטראַכטע געבליבן זיצן. כאָטש עס איז בײַ איר געווען פֿעסט באַשלאָסן, האָט זי נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל זיך אומגעקערט צום זעלבן. איצט האָט זי שוין מער געטראַכט וועגן איר מאַמען, ווי וועגן דעם, וואָס עס איז איר פֿאַרגעשטאַנען. זי האָט זיך דערמאָנט, ווי אין איינעם אַ פֿרײַטיק האָט זיך איר מאַמע געאײַלט און געכאַפּט, געטריבן פֿון זיך די קליינע קינדער און זיך געבעטן בײַ כאַווען: „כאַוועלע, האָב ראַכמאָנעס, גיכער טו אַ שײַער די לײַכטער און גרייט צום טיש. שנײַד אָן פֿענעצלעך ציבעלע אויף דעם לעבער — דער טאַטע האָט ליב אַ סאַך ציבעלע. גיב אַהער דאָס מעסער, כ'וועל צעברעקלען די לאָקשן. גרייט אָן גרעט פֿאַרן טאַטן". — און ווען ס'איז שוין אַלץ פֿאַרטיק געווען און דער טאַטע איז אַוועק אין שול, האָט די מאַמע זיך ווידער צעוויינט בײַם ליכט-בענטשן און, כליפּענדיק אַזוי, אַז דאָס קלינגט ביז איצט אין כאַוועס אויערן, האָט זי געהייסן רופֿן די באָבע מאַלקע. און ווען די באָבע מאַלקע איז געקומען, האָט זי די ערשטע זאַך אַ געשריי געטאָן צו די קלענערע קינדער: „אַרויס פֿון שטוב!!!" אין כאַווען האָט זי געהייסן אַוועקשטעלן דעם טשײַניק. די מאַמע האָט אַ געשריי געטאָן פֿון אַלקער: „אָן כילעל-שאַבעס! כ'האָב אָנגעגרייט אַ קאָכנדיקן סאַמאָוואַר..." און אַז דער טאַטע איז געקומען פֿון שול, האָט אים די באָבע מאַלקע באַגעגנט מיטן ברייטן שמייכל: „אַ שיינעם גוט-שאַבעס דיר, נאַפּטאָלע, זאָלסט זיך עלטערן מיט דײַן אייִשעס-כאַיִל! איר פֿאַרגעסט, וואָס איר האָט געטאָן — קאָנט איר דאַוונען מיט קאַוואָנע. מאַזלטאָוו דיר! דעם שאַבעס דיר אַרײַנגעבראַכט, אַ זון דיר געהאַט, מיר אָן אַרבעט פֿאַרשפּאָרט — נאָר דעם נאָפּל אָפּגעשניטן, און פֿאַרטיק די פּיש!.."

בײַ דעם אַלעם האָט זיך איצט כאַווע ניט געקאָנט דערמאָנען, אַז די מאַמע זאָל אַ קרעכץ טאָן. פּונקט אַזוי ווי זי קאָן זיך ניט דערמאָנען, אַז די מאַמע זאָל זיך האָבן אַמאָל מיט עמעצן געקריגט, אָדער אַרויסגעבראַכט אַ מיִעס וואָרט פֿון מויל.

כאַווע איז אַזוי פאַרכאַפּט געווען פון דערמאָנונגען, אַזוי פריש־שמאַרצנדיק איז געווען דער ווייטעק פאַר אירע פאַרשניטענע טאַטע־מאַמע, אַז זי האָט ניט באַמערקט, ווי די ראַמען האָבן שוואַרץ־בוילעט אַרומגעזוימט דאָס בלויקייט פון די שויבן; ווי אויף דער וואַנט האָבן אויפגעשימערירט די טאַפּעטן; ווי לייבעלע האָט געעפנט די אייגעלעך, אַראָפּגעבריקעט די דעקע, דורך די שטאַכעטן פון בעטל דורכגעשטעקט אַ פּיסל, און איר געטראָפן גלײַך אונטערן אָרעם.

כאַווע האָט זיך צעשמייכלט, אים אַ נעם געטאָן, געוואָלט צוריק אוועקלייגן — אַראָפּשלעפּן דאָס העמדעלע, אויף וועלכן עס זײַנען טרוקן געבליבן נאָר די בענדעלעך פון פאָרנט באַם העלדזל, — אָבער דאָס ניט געטאָן, ווײַל לייבקע האָט צונויפגענומען די ליפּן, און זי האָט ניט געוואָלט, ער זאָל אויפוועקן דעם מאַן. זי האָט אים אַ כאַפּ געטאָן מיט דער צעראַטקע, אים אײַנגעוויקלט אין פאָלע פון כאַלאַט, צוגעלייגט צו דער ברוסט. „זע נאָר, זע, אַ כאַפּעניש!" — האָט זי שטיל געזאָגט, אים אוועקנעמענדיק פון איינער און איבערלייגנדיק צו דער צווייטער. ווען לייבעלע האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט דער צווייטער אויך, האָט כאַווע גענוי געוווסט, אַז דאָס וועט הײַנט געשען. זי האָט אוועקגעלייגט לייבעלען אין בעטל, שטילערהייט אַרויס, צוריק אַרײַן, ווידער אַרויס, ווידער אַרײַן, ניט פאַרמאַכנדיק די טיר.

ווען דער מאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז דער פינקלענדיקער טשײַניק מיט צוויי קריגעלעך און דער ברויט־טעלער מיט אָנגעשניטענע בולקע געשטאַנען אויפן טיש.

— אַ גוטמאָרגן דיר, דאָוויד. ווי פילסטו זיך? ניין, ניין, ליג! כ'וועל אַליץ דערלאַנגען, — האָט כאַווע שטיל געוואָרנט, קוקנדיק, ווי דאָוויד לאָזט אַראָפּ די פיס פון געלעגער.

ער האָט האַכנאָעדיק צוגעדעקט די פיס און ערנסט געזאָגט:

— כאַווקע, לייג דאָס אָפּ.

— נו, פאַרשטייט זיך, — האָט זי אים ניט געלאָזט ענדיקן, — כ'וועל נאָר צולויפן אין פּאָליקליניק.

— אָבער אַ וואָרט, איז אַ וואָרט?

— געפּויעלט! — האָט כאַווע אים פאַרזיכערט.

באַם פרישטיק האָט זי פּלוצעם אים אַ פרעג געטאָן:

— דײַן מאַמע האָט געהאַט אַ סאַך קינדער?

— צוויי. איך און דער ברודער, וואָס איז אומגעקומען אויף דער מילכאָמע.

— און מײַן מאַמע האָט געהאַט אַכט.

— באַהיט זאָל מען ווערן!

— אונדז דראָעט עס ניט, — האָט זיך כאַווע געווערטלט. נעמענדיק דעם מאַנטל און אַרויסגייענדיק אין קאָרידאָר, צוגעגעבן: — אויפן פענצטער שטייט דאָס פענדעלע מיט קאַשע. טרינק שיפּאָווניק, איך וועל זיך זאַמען.

• • •

אריַין אין דער גינעקאָלאָגישער קליניק, האָט כאווע א טראכט געטאָן: „געקומען קראנק ווערן...“

— גוט, זייער פיַין, יעווע מאַסייעוונע, איך קאָן דאָס גליַיך מאכן — האָט די דאָקטערן א שיַינענדיקע געזאָגט צו איר, ווי צו אן אַלטער באקאנ־טער.

— איך בין גרייט — איז כאווע מאסקים געווען, קוקנדיק צום וויַיסן טאַפּטשאַן, אף וועלכן ס'איז געזעסן א פרוי און ביטער געוויינט.

— וואָס זאָגט איר אף אָט דער־אָ בירגערן? פריִער האָט זי געקליאַנ־טשעט און געוויינט, מע זאָל איר מאכן. איצט, נאָך אלעמען, זאָגט זי, אז זי האָט געוואָלט א קינד, און וויינט ווידער... — האָט די דאָקטערן מיט ליַיכטן שפּאָט דערציילט.

— איך פארשטיי דאָס זייער גוט — האָט כאווע, בלייך ווערנדיק, געענטפערט, און צוגעגעבן — דאָקטער, גיכער, איך בעט איַיך. מיַין מאן פילט זיך ווידער ניט גוט, און די מילך איז פארפאלן געוואָרן — קוים גע־קלעקט הײַנט פוןביידע.

— באלד נאָך דעם וועט זיך די מילך אומקערן, — האָט די דאָקטערשע בארויִקט.

• • •

אין א קורצער צײַט ארום איז כאווע געלעגן אין פאלאטע, אומגעדולדיק קוקנדיק צו דער טיר. ווי נאָר זי האָט דערזען, אז די דאָקטערשע איז אריַין, האָט זי זיך אופגעזעצט.

— קראנקע, לייגט זיך!

כאווע איז אראָפּ פון בעט, צוהאלטנדיק מיט ביידע הענט דאָס העמד באם האלדז, שטיל און גיך גערעדט:

— איך מוז די מינוט גיין אהיים. איך שריַיב זיך אונטער, אז איך בין אנטלאָפן אָן איַיער וויסן. כ'האָב געגעבן א וואָרט מיַין מאן, אז איך לייג דאָס אָפּ. כ'האָב געלט, כ'וועל נעמען א טאקסי.

— אך, יעווע מאַסייעוונע, א רעכטן כאזער האָט איר מיר אונטערגע־לייגט! פארוואָס האָט איר פריִער געשוויגן? נו, בארויִקט זיך, איר זיַיט וויַיס ווי די וואנט. איך וועל ארויסרופן אונדזער מאשין, אָבער פאַרזיכטיק! גע־דענקט, א קראנקער מאן דארף א געזונט וויַיב. כ'וועל צושיקן א שוועסטער צו איַיך אין אָוונט, — האָט די דאָקטערשע צוגעזאָגט און איז ארויס פון פּא־לאטע.

קומענדיק אהיים, האָט כאווע ניט באוויזן צו פארמאכן די קאָרידאָר־טיר, ווי דאָוויד איז איר אנטקעגנגעקומען און מיט צונויפגענומענע ליפּן שטיל אריַינגעסוידעט:

— כאַוקע, מיר האָבן אַן אומגעריכטן גאַסט.

כאַווע האָט אַפילע ניט געפרעגט ווער דער גאַסט איז און האָרב א זאָג געטאָן:

— מיט ליב דיר דײַן גאַסט, אָבער די מינוט אין בעט!

דאָוויד האָט געפאָלגט. כאַווע האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם מאַנטל. ס'האָט זיך פאַר איר אָנגעהויבן א טאָג, ווי אַלע טעג.

דער גאַסט איז לאַנג געזעסן, האָט געגעסן וואַרמעס, באַהאַוונט און גע-נוי גערעדט וועגן ספּוטניק, דערציילט וויפל „פּראָגרעסיווקע" ער קריגט אַלע כוידעש — ניט באַמערקט ווי דאָוויד קוקט זיך איבער מיט כאַוועו. לייבקע האָט זיך געטאָן זײַנס — כאַווע איז מיט נאַסע ווינדעלעך אַרויס, מיט טרוקענע אַרײַן, א פאָר מאָל ווייך-גאַסטפרײַנטלעך באַמערקט, אַז דאָוויד דאַרף רויִקײַט. זי האָט נאָכאַמאָל געשטעלט דעם טשײַניק, ווײַל דעם גאַסט האָט געדאָרשט נאָך דעם „פּאַלשן" געבראָטנס, אָנגעגאָסן טיי און אָפט גע-קוקט אַף דער פּאָדלאָגע.

— וואָס קוקסטו זיך אַזוי אונטער די פיס? — האָט דאָוויד געפרעגט.

— כ'האָב נעכטן צעבראָכן א גלאָז, קוק איך, צי כ'האָב ריין אונטער-געקערט.

— א-א... — האָט דאָוויד א צי געטאָן, זיך דערמאָנענדיק.

ענדלעך האָט דער גאַסט מיט נאָך דרײַ גלאָז טיי געשטילט זײַן דאָרשט און איז אַוועק.

* * *

— כאַווע, זעץ זיך צו, עפּעס געפעלסטו מיר ניט.

— כ'בין שלעכט געשלאָפן — האָט זי גיך געפונען א טערעץ און איז אַוועק עפענען די טיר, ווײַל דאָס גלעקל האָט געקלונגען דרײַ מאָל. „ווידער א גאַסט" — האָט זי דערשראָקן א טראַכט געטאָן, אָבער געעפנט די טיר, האָט זי זיך צעשמייכלט, דערזען די דאָקטערשע פון קליניק.

— ווי פילט איר זיך, יעווע מאָיסייעוונע, וואָס הערט זיך?

— אויסגעצייכנט! איך בין א גאַנצן טאָג געלעגן.

— מאָלאָדיעץ! פּאָרזיכטיק... אַלע שוועסטער זײַנען פאַרנומען. היט זיך! כ'וועל מאָרגן צו אײַך אַרײַנגיין.

— ניין, ניין! מע דאַרף ניט. אויסגעשלאָסן! א דאַנק אײַך — האָט כאַווע געזאָגט, אַרויסבאַגלייטנדיק די דאָקטערשע.

— מיט וועמען האָסטו דאָרטן גערעדט? — האָט דאָוויד געפרעגט.

— א שלימאַזל... דאַרף מיט א שטאָק העכער, קלינגט ער צו אונדז — האָט כאַווע געהאַט א פאַרטיקן ענטפער און גענומען לייבקען אַף די הענט.

דאָוויד האָט געקוקט, ווי זי טוליעט צו זיך דעם באָכער, און מיט פרייד צו איר געזאָגט:

— זאָל זײַן... דאַווײַ! זאָל לײבקע ניט זײַן קײן בעניאַכיד. נו, וואָס שווײַגסטו?!

כאַווע האָט דערפילט, ווי לײבקע איז אַרײַן מיט בײדע הענטעלעך צו איר אין כאַלאַט, ווי איר האַרץ צעגײט פון זיסן ווײטיק. זי האָט זיך צוגע־זעצט אױפן געלעגער לעבן דאַווידן... זי האָט ניט געזען, ווי די טאַפּעטן לעשן זיך, ווי אױף לײבקעס בעטל איז די גרינע קאָלדרע טונקל געוואָרן, ווי די פענצטער־ראַמען האָבן שוואַרץ־בוילעט אַרומגעזוימט דעם פאַרנאַכטיקן דע־מער. כאַווע האָט געהאַלטן אין אײן האַנט דאַווידס דלאָניע, אין דער צווײ־טער לײבקעס פּיסלעך און געטראַכט: „אַ ראַכמאָנעס אױף די מאַנצבלען, וואָס פאַר אַ גרינג־גלײביקע, שוואַכע מענטשן זײ זײַנען...“

פאַרצויגן מיט שפּינוועבס

די מיל איז פוסט. צעריסענע, פאַרשטױבטע שטיקער שפּינוועבס הענגען אַראָפּ פון די קראָקוועס. פױגלען פליִען אַרײַן און אַרױס פון די נעסטן, און דאָס שפּינוועבס וויגט זיך פון זײער פאָכען מיט די פליגל. צווײ גרױסע, קײַלעכדיקע שטײנער ליגן אײנער אױפן אַנדערן. גרױסע, פעסטע זאַוועסעס שטאַרצן אַרױס פון די גראָבע בײַשטידלעך. דאָס וואַרעמע ווינטל קערט איבער אַ שטרױ אױף דער פּאָדלאָגע. שטיל קוויטשעט ערגעץ אַ שטשור. אין אײן ווינקל שטײט אַ גרױסע צעבראָכענע וואָג. אױף דער וואָג ליגן צערי־סענע זעק.

אַלע פאַרנאַכט פליִען אַרױס פון די טונקעלע ווינקלען פלעדערמײַז. דעמלט הײבן זיך די זעק אָן צו באַוועגן. אױף דער וואָג בלײַבט זיצן אַ יונג מײדל. אירע האָר, ווי שטיקער שפּינוועבס, וואָס הענגען פון די קראָקוועס, זײַנען צעשױבערט און פאַרשטױבט, פאַרדעקן ביז העלפט דאָס ברײטע לײַוונטענע העמד, אין וועלכן דאָס מײדל איז אָנגעטאָן. זי איז באָרוועס. אירע פיס — קלײנע, שמאָלע. אונטער דעם שמוץ זעט זיך געל־ראָזלעכע הױט פון די פּיאַטעס. זי מורמלט עפּעס, זיצנדיק אױף דער וואָג. נאָכדעם הײבט זי זיך אױף, מאַכט אַ פּאָר שפּאַן, שטעלט זיך אָפּ. נעמט צונױף דאָס העמד אױף דער ברוסט, שטײט אַזױ, צוהאַלטנדיק דאָס העמד מיט בײדע הענט. אירע בלױע אױגן זײַנען ברײט צעעפנט און פײַכט, די ליפּן האַלב אָפן, ווי אָט גיט זי אַ מוירעדיק געשרײ. זי איז דאַר, זײער אָפּגעצערט, איר ברוסט און אַ שטיקעלע בױך, וואָס זעען זיך אַרױס דורכן ריס פון העמד, זײַנען זײער יונג און מאַטעווע־געל, ווי דער געלער שטױב פון בליִונג, וואָס בינען טראָגן איבער פון קווײט צו קווײט.

ס׳איז וואַרעם. ס׳איז זומער, און זי ציטערט, אַלץ שטײַפער דריקנדיק דאָס העמד צום גוף. אירע ליפּן מאַכן זיך צו, אירע אױגן גלאַנצן טרוקן און ערנסט. זי לױפט אַרױס פון מיל, אױפן ברעג טײַך וואַלגערט זיך אַ הינטער־

טייל פון א צעבראָכענעם וואָגן. זי מיידט עס אויס. דערנעבן ליגן אונטער־געשניטענע אייער. זי שאַרט מיט די פיס, ביז זי געפינט אַן אָרט, וואָס שטעכט ניט. און זעצט זיך אַוועק. זי לאָזט אַראָפּ די פיס אין טייך און זיצט פאַרגליווערט. מיטאַמאָל שלעפּט זי מיט א ענערגישער באַוועגונג אַראָפּ דאָס העמד פון זיך, טוט זיך א וואָרף אין וואַסער און לאָזט זיך שווימען, שרייענדיק: „לייבקע! אַזוי לייגט מען עס קלאַפּטער! גאָרנישט איינער! ניין, ניין, שווים ניט צו מיר, שווים אַוועק, מע דאַרף ניט! איך קאָן ניט אַרויס פון טייך, איך שעם זיך. שווים אַוועק!" פּונקט אַזוי אומגעריכט ווערט זי אַנשוויגן און קערט זיך אום אויפן רוקן.

זי ליגט רויק אויפן רוקן, נאָר פון צייט צו צייט טוען א בליאַסק אירע דינע הענט איבערן וואַסער. צום סאָף גייט זי אַרויס פון טייך, ציטערנדיק פון קעלט. דאָס וואַסער גיסט פון אירע געדיכטע, רויטע האָר אויף איר אָפּגעצערט לייב. זי זעצט זיך אויף דר'ערד, קאָרטשעט זיך איין, שאָקלט זיך לאַנגזאַם פאַנאַנדער און זינגט מיט א מאָדנעם ניגון: „גאָר ניט לאַנג איז געווען זומער באַטאָג, אויפן טייך זיינען געשווומען ענטעלעך און גענדזעלעך, ווי קרעמע ווייכע בלומען. איצט איז באַנאַכט, לייבקע איז ניטאָ. דער טאַטע מיט דער מאַמען זיינען אויך נישטאָ. מיין שוועסטער לייקע און מיין ברודער יִיסראָעלקע זיינען אויך ניטאָ... שוויַג, טייך! ווער אַנשטומט! לאָז זיך מיר דערמאָנען... בא וועמען זאָל איך פרעגן, בא וועמען זאָל איך מאָנען?.. שיק אַרויס די פיש צו מיר אויף דער יאַבאַשע. זאָלן זיי אָנזאָגן מיין כאָסן, אַז כ'האָב זיך שוין געבאָדן און אָנגעוואָרעמט דעם טייך פאַר אים. זאָל ער גיכער שווימען צו מיר... נאָר ניט לאַנג איז געווען זומער באַטאָג... זאָגט מיר, גענדזעלעך, איך פרעג בא אייך, ענטעלעך: פאַרוואָס האָבן זיי אונדז אַלע געקוילעט?.."

— בליומקיטע!.. ווו ביסטו?.. — הערט זיך א קאָל.

בליומקע הייבט זיך אויף, טוט אָן דאָס העמד און לאָזט זיך אויף די שפּיץ פינגער פאַמעלעך צו דער מיל. זי לייגט זיך אויף דער צעבראָכענער וואָג און דעקט זיך צו מיט די צעריסענע זעק.

— בליומקיטע! גאָלד מיינע! — הערט זיך ווידער.

בליומקע הערט דאָס קאָל, נאָר רופט זיך ניט אָפּ. זי ווייסט, אַז די, וואָס רופט זי, וועט באַלד קומען אין מיל. ס'איז שוין ניט איין מאָל אַזוי געווען. איצט זיינען אירע געדאַנקען קלאָר און זי האָט האַרצווייטיק פון דעם, וואָס די אַלטע דאַרף זי זוכן. זי געדענקט, אַז די אַלטע סטאַסקעכע, וואָס האָט בא זיי געדינט צענדליקער יאָרן, האָט זי גערעטעוועט. זי וואָלט גערן געוועזן זיצן מיט דער אַלטער, נאָר א מוירעדיקע קראַפט שלעפּט זי אַהער צו דעם טאַטנס מיל.

עס הערן זיך טריט, די אַלטע שאַרט זיך אַריין און זעצט זיך אויפן ברעג וואָג. זי גלעט בליומקעס האָר, טוט אויס שטיל די געקעסטלטע פאַטשיילקע פון קאָפּ און וואַרפט זי אַרויף אויף בליומקעס אַקסלען, גלעט זי מיט איר ביינערדיקער האַנט און פון אירע אויגן קייקלען זיך טרערן. זי שעפּטשעט:

„איך האָב נעכטן אויסגעקאָכט אַרבעסענע טריף-קנײדלעך, אײַנגעדעקט אין בעט, געוואַרט... דו ביסט ניט געקומען... האָסט זיך ווידער גע-באָדן? וועסט זיך צוקילן. לויף ניט אַהער, זיי האָבן דאָ אַלץ צעראַבעוועט. וואָס דאַרפסטו קוקן אַפֿן כורבן? פֿאָלג מיך, נעם זיך אין די הענט, דו ביסט דאָך א קלוגע, א געלערנטע. גאָט האָט געטאָן א נעס, די רויטע אַרמיי, האָט זיך אומגעקערט, וועלן מיר פֿאָרן צום דאָקטער..."

בלױמקע קוקט אָן די אַלטע מיט א קלאָרן בליק: „איך וועל דיך פֿאָלגן, איך וועל מער אַהער קיינמאָל ניט גיין... דאָ איז מיר אַזוי שרעקלעך..."

די אַלטע שאָקלט מיטן קאָפּ. בלױמקע האָט דאָס שוין ניט איין מאָל צוגעזאָגט...

סטאַסקעכע וואַרפֿט אַראָפּ פֿון בלױמקען די צעריסענע זעק, און נעמט זי פֿאַר א האַנט. בלױמקע גייט איר נאָך, ווי א בלינדע. עס פֿאַרנעמט זיך דער באַגינען. די פֿייגל טשוכען זיך, פֿליִען אַרויס פֿון די נעסטן, און דאָס שפּינוועבס וויגט זיך פֿון זייער פֿאָכען מיט די פֿליגל...

מיר זײַנען צוגעווינט צו די אומגליקן

— נאַכמען, נאַכמען, נאַכמען! — האָט כעוועד געשריִען — מאַך זיך ניט, דו הערסטאָך, אַז איך רוף דיך, וואָס מאַכסטו זיך טויב, ווי איז מיר! דו נעמסט מיר אַרויס מײַן נעשאָמע.

נאַכמען קוקט אָף איר, ער דערמאָנט זיך עפּעס... כעוועדן דוכט זיך, אַז ער קומט פֿון ערגעץ ווײַט, זי רעדט מאַמעש אין זײַן אויער אַרײַן:

— נאַכמען, צעקרעפּל מיך, גלייב איך ניט, אַז דו הערסט ניט, קוק ניט אַזוי אָף מיר!

אַנומלטן האָט ער געזאָגט קלאָר און דײַטלעך:

— הערן הער איך, אָבער איך זאָל טאַקע וויסן ווער עס שרײַט, דאָס קאָן איך ניט זאָגן.

יענעם טאָג האָט כעוועד פֿאַרויסגעזאָגט:

— ער וועט אונדז שוין לאַנג ניט באַלעסטיקן, טאָכטער.

זי האָט טאַקע געטראָפֿן. כעוועד איז קימאַט ניט געווען אין שטוב, זי איז געזעסן אַפֿן צעקרימטן באַנק בא די שיפּאָוניק-קוסטעס און אַז די טאָכ-טער אָדער דער איידעם אָדער די שכיינים פֿלעגן אַרויסטראָגן א גלאָז קע-פֿיר, אָן אַפּעלסין, האָט זי קוים פֿאַרזוכט און געבעטן:

— טוט אים זײַן רעכט, אַזא בראַנד, דער אַנדערער מעסלעס, האָט ראַכמאָנעס!

וואַסטריאַקאָווע האָט דער איידעם ניט געקאָנט דערשלאָגן זיך, מע האָט געפירט אין אַ גרויסן אויטאָבוס די טרונע מיט נאָכמענען און אַ פּופּצן מענטשן.

אין דער ניקאָלסקער קרעמאַטאָריע האָט כּעוועד שטיל זיך אָנגערופן צו אַ שכיינע, וואָס איז געשטאַנען לעבן איר.

— גוואַלד, קוקט זיך איַין וויפל מאַשינעס, וואָס פאָר אַן אַטשערעד, מע דאַרף גאָר קיין באַמבעס ניט, עס קומט די שאָ, פאַרזאַמט זיך קיינער ניט.

נאָך דער קרעמאַציע זיַינען געוועזן געגרייט צוויי טישן, דער טאָכטערס כּאַוועֶרטעס, וואָס זיַינען ניט געפאָרן אין קרעמאַטאָריע האָבן איַינגעקויפט און אַלץ געמאַכט. בייס כּעוועד האָט עס דערזען, האָט זי אויסגערופן:

— אַמאָל האָבן יידן אַזוי ניט געטאָן, וואָרעם מיר זאָלן מאַכן סודעס נאָך אַלע אונדזערע אומגליקן, ווייס איך ניט טישן און וויפל געפּעס מיר וואָלטן געדאַרפט! מיר זיַינען צוגעוווינט צו אונדזערע לעוויַיעס, וואָס מיר האָבן פאַרשפּאָרט צו מאַכן!..

דעם ברודערס וויַיב, די פלעמעניצע און נאָך עטלעכע פרויען האָבן אויסגעפּראַלט אַ געוויין.

— דריַי זין אונדזערע וואָלטן איַיך היַינט געהאָלפן וויינען, נאָכמען האָט זיי ניט געקאָנט פאַרגעסן, עס איז ניט געוועזן דער טאָג, ער זאָל ניט קוקן אויף זייערע פאָטאָגראַפיעס, און באַגיסן זיי מיט בלוטיקע טרערן. ניט די אַכציק יאָר האָבן צו נאָכמענען געבראַכט דעם מאַלכאַמאָוועס, די אומגעקומענע זין אונדזערע אויפן פראָנט, די שוועסטער מיט די ברידער, וואָס מע האָט לעבעדיקע באַגראָבן מיט זייערע אייפעלעך, האָבן נאָכמענען, מיַין דעמב, מיַין ערלעכן גוטן יידן אוועקגענומען פון מיר! מיר האָבן זיך צוגעוווינט צו אונדזערע אומגליקן, ווי און ווינד איז מיר!

די מאַמע האָט געטראָפן

ווי נאָר יענטע איסאַקאָוונע האָט דערזען ליוסען האָט זי אין קיך געזאָגט צום זון:

— ראַפּיק עס איז ניט פאַר דיר. ווען דער טאַטע וואָלט דערלעבט צו זען די מעציע, וואָלט זי פאַרשפּאָרט צו זיצן בא אונדזער טיש. וווּ זיַינען דיַינע אויגן?

— מיַינע אויגן זיַינען אויף אַן אָרט, וועסט עפּשער זאָגן — זי איז אַ מיעסע?

— היט זיך ווי פאַר פיַיער! באַטראַכט זיך גוט, וואָרעם זי ווייסט, אַז זי מאַכט דיך גליקלעך און זאָלסט וויסן זיַין, איך וועל זי ניט צושריַיבן!

...עס האָט ניט לאַנג געדויערט און ראַפּיק מיט ליוסען האָבן זיך פֿאַרע-גיסטרירט. געוווינט האָבן זיי בײַ דער שוויגער בײַ יעליזאַוועטאַ פּאַוולאָוונאַ. בײַ ראַפּיק האָט דערמאָנט וועגן צושרײַבן, האָט זי ווייך און קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפֿן:

— דו מיינסט, איך ווייס ניט, אַז דײַן מאַמעטשקע לאָזט ליוסינקען אויף דער שוועל ניט? איך האָב צײַט, איך זע וואָס פֿאַר אַן אויצער מײַן קינד האָט אַרײַנגעכאַפּט! זאָג אַליין, וואָס פֿאַר אַ ווערדע האָבן דײַנע הונדערט פּופּציק רובלקעס, וואָס האָסטו זיך געטראַכט? אין דרײַ מאָנאַט אַרום, וועט איר דאַך זײַן זאַלבעדריט.

— וועגן דעם וועל איך ריידן מיט מײַן פֿרוי, מיט ליוסען, זי האָט גע-ווּוסט, וויפֿל איך פֿאַרדין.

— אויב דו מיינסט, איך וועל אַוועק פֿון דער אַרבעט און ווערן בײַ דיר אַ ניאַנקע, האָסטו אַ ביטערן טאָעס, אויב דו טראַכטסט, ליוסע וועט גיין אַר-בעטן, ווייסטו, זי האָט בײַ טאַטע-מאַמע ניט געאַרבעט און זי וועט בײַ דיר ניט אַרבעטן. אַ מאַן דאַרף וויסן וויפֿל אַרײַנצוטראָגן אין שטוב.

— איך באַדויער, אָבער מער וויפֿל איך פֿאַרדין, וועל איך ניט ברענ-גען אין שטוב און מער וועל איך אַ וואָרט ניט זאָגן.

ראַפּיק האָט טאַקע געשוויגן, אָבער יעליזאַוועטאַ פּאַוולאָוונאַ ניט.

— מײַן קינד איז געווען זאַט, אָרומגעזוען, אָנגעטאָן, קיין אוכאַזשאָרן האָבן איר ניט געפֿעלט, איצט ביסטו אויך ניט איינער אין מאָסקווע!

ראַפּיק האָט אָרופֿגעוואָרפֿן די באַלאַניע און איז אַרויסגעגאַנגען פֿון שטוב.

פֿאַרשטייט זיך, האָט ראַפּיק דערציילט דער מאַמען ווינציקער, ווי יעלי-זאַוועטאַ פּאַוולאָוונאַ האָט אָנגעברײַעט, אָבער אַפֿילו דאָס ווינציקע איז גע-ווען איבערגענוג, עס זאָל בײַ איר פֿאַרן זון קיין טרייסט ניט בלײַבן:

— מײַן קינד, וואַרט ניט אויף קיין ניסים, ליוסע איז יעליזאַוועטעס טעכ-טערל, עס זײַנען דאָ ערלעכע, לײַטישע מישפּאָכעס, נאָר דו האָסט געפּאַקט אָזעלכע, וואָס האָבן שמאָלע הערצער און ברייטע טײַסטערס — אַנטלויף!

— וואָס רעדסטו מאַמע-ע-ע! — האָט ראַפּיק אויסגערופֿן — בײַ אונדז וועט אינגיכן געבאָרן ווערן אַ קינד...

— דאָס איז פֿון אייביק די מענוואַלימס מאַזל.

— וואָס איז זייער מאַזל?

— זייער מאַזל איז, וואָס לײַטישע מענטשן באַגייען זיך מיט זיי לײַ-טיש...

ראַפּיק האָט געטאָן ווי ער האָט באַשלאָסן, די שוויגער האָט געקאָנט שרײַען וויפֿל זי האָט געוואָלט — ער האָט געשוויגן.

אַנומלטן, האָט ליוסע געקויפֿט דזשינסן פֿאַר הונדערט צוואַנציק רובל. ראַפּיק האָט באַטראַכט די קניִע און זאַכלעך באַמערקט:

— די הויזן זײַנען נאָרמאַלע הויזן. נאָר וואָס וועלן מיר קײַען?

— דאָס איז דײַן דײַגע — מאַכט זי, וואָס האָסטו געמיינט, נאָכן קימ־פּעט וועל איך ווערן א באָבעצע? איך בין אַלט צוואַנציק, דו זעקס און צוואַנציק! פאַרוואָס האָט מײַן טאַטע קיינמאָל קיין וואָרט ניט געזאָגט דער מאַמען אָדער מיר, ווען מיר פֿלעגן קריפֿן, וואָס עס געפֿעלט אונדז.

— דײַן טאַטע איז א סנאָבזשענעץ, א פאַרזאָרגער אַף אַזאַ גרויסן זאַ־וואָד, ער האַלט אין די הענט גרויס געלט, איך בין א פּאַשעטער אינ־זשעניער.

— דער טאַטע האָט דיר געזאָגט, אַז ער קאָן דיך אײַנאָרדענען אַף א גוטער שטעלע און ער וועט דיך לערנען, וויִאַזוי און וואָס!

— ווען דאָ וועט וואַקסן גראָז, — האָט ראַפיק באַוויזן די דלאָניע, — געדענק ליוסע, איך וויל ניט מער ווי איך האָב „וויִאַזוי און וואָס" דײַן טאַטע וואָלט מיך געלערנט, ווייס איך ניט, נאָר איך וועל זײַן טאַלמיד קיינמאָל ניט ווערן!

— אויב דו ווילסט, איך זאָל זײַן צופרידן און דו זאָלסט האָבן א ווײַב, וועסטו מוזן ווייכער ווערן.

— איך וואָלט זיך געוווּנטשן, דו זאָלסט זײַן באַשיידענער, ווײַל איך בין ניט אַזאַ נאַר, אַז איך זאָל וועלן דו זאָלסט ווערן קליגער...

— דו געדענקסט, ווי דו האָסט נאָך מיט א קורצער צײַט צוריק גע־כאַזוערט, איך האָב דיך ליב, ליב, ליב און אַז איך וואָלט לעבן אַפילע טויזנט יאָר, וואָלט מיר קנאַפּ געווען אויסצוקושן דײַן גוף.

— דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז פון ענגהאַרציקײַט האָב איך ניט געליטן און וואָס איך האָב דיר געזאָגט — איז ריינער עמעס. איך בין דאָך געווען זיכער, אַז דײַן גוף האָט א בעשאָמע. און... זאָל זײַן געגנוג.

וואָס ווײַטער זײַנען די שמוסן צווישן זיי געוואָרן אַלץ שאַרפער, נאָר דאָס קינד האָט געלינדערט ראַפיקס אָנגעווייטעקטע האַרץ. פון דער אַרבעט פלעגט ער ווען־ניט־ווען אַרײַנלויפן צו דער מאַמען. אַנומלטן, האָט ער אויסגערעדט דאָס האַרץ:

— מאַמע, וועסט גלייבן, זי זיצט אַנטקעגן שפּיגל און מאַראַפעטעוועט, געגנקע האָט אָנגעטאָן דאָס רעכטע שיכל אַפן לינקן פיסל, דאָס לינקע שיכל אַפן רעכטן פיסל, און זי זעט עס ניט. איך גיב א קוק און זאָג:

— פאַרוואָס האָט ער אַזאַ מאָדנע פאַכאָדקע, טו אים אָן די שיכעלעך, ווי געהעריק.

מאַכט זי צו מיר:

— גיי בעסער אין קיך, וואַרעם אָן דעם זופּ, איך בין הונגעריק.

איך האָב זיך קוים אײַנגעהאַלטן ניט אַרײַנצופּלעמען אין דער שיינער מאָרדעטשקע.

— איך האב דיר צעלייגט אף טעלערלעך אלע אירע מײַלעס פאר דער רעגיסטראציע, איך בין זיכער, עס וועט זײַן וואס צוצולייגן... נעם דאס קינד און גיב איר א געט.

אבער דאס קינד איז געווען ראפיקס טרייסט, זײַן פרייד און זײַן ליבע. פון דער ארבעט איז ער געלאפן אין קינדערגארטן, מיטן קינד האט ער אײַנגעקויפט וואס עס האט זיך געלאזט, קעדיי ניט שטיין אין א גרויסער ריי. פאר דער ארבעט, גאנצפרי, האט ער געקען געקארמעט, אנגעטאן און אים געפירט אין קינדערגארטן. אפילע אף דער ארבעט האט מען געוווסט, וואס פאר אן אויצער ראפיק האט, און מיטיק-צײַט פלעגן די מיטארבעטערנס ניט זעלטן אײַנקויפן מילך, פוטער, ברויט פאר ראפיקן. די רו-טעג האט ער קיין פרײַע מינוט ניט געהאט. די מײַקעלעך, העמדעלעך, טרוסיקלעך, הייזעלעך האט ער געוואשן, די געלעגער-וועש אין וועשערײַ געטראגן, מיט געקען שפאצירט און קיינמאל קיין קרום ווארט ליוסען ניט געזאגט, כאטש דאס הארץ האט אין אים געפלאקערט.

די לעצטע צײַט האט ער מער ניט געפרעגט ווי פריִער:

— מאכסט שוין דײַן מאראפעט?

ער האט געקוקט, ווי זי שמירט אף די אויגן-לעפלעך בלא-גרינלעכע פארב, אף די ליפן צונטער-רויטע פאמאדע, ציט ארוף דעם וואסער-טויכלער, טוט אן די דזשינסן, גארטלט אן די לענדן מיטןברייטן לעדערנעם רימען און גייט האסטיק ארויס פון דער קאאפעראטיווער אײַנצימערדיקער דירע, וועלכע ליוסעס טאטע-מאמע האבן פאר „די קינדער” געקויפט. ראפיק שפילט זיך מיט געקען, לייגט אים שלאפן, טרינקט אויס א פאקעט מילך מיט א זיבנקאפעקענער בולקע, לייגט זיך אף דעם דאטשע-בעטל, כאטש עס טרעפט, ליוסע נעכטיקט ניט אין דער היים. וועגן דעם, ווי ליוסע פירט זיך האט ראפיק דער מאמען ניט דערציילט, נאר יענטע איסאקאוונע האט זיך אליין אנגעשטויסן און אײַנגעטײַנעט מיט ראפיקן:

— וואס גייסטו ארום א פארשווארצטער, דו האסט ווו צו זײַן מיטן קינד, פאלג מיר, שיק דײַן ווײַב מיט שווער-און-שוויגער צו אלדי רוכעס.

ראפיק האט נאך אלץ געקווענקלט, עס האט נאך געגליט בא אים א פונק האפענונג. אין איינער א נאכט האט אים פונדעסטוועגן א הייב געטאן פון געלעגער, ער האט אנגעקלונגען אין איין מארג, אין א צווייטן, אין עטלעכע מיליציע-אפטיילונגען. פון דער לעצטער מיליציע-אפטיילונג האט א הייזעריקלעכע, שטרענגע שטימע אים באַרויִקט:

— קלינגט ניט אין מיליציע, מיט אײַער ווײַבעלע האט גארנישט געטראפן, קלינגט צו אײַערע באקאנטע יונגעלײַט, עמעצן פון זיי ווארעמט זי!

אט-א די אייצע איז געווען דער לעצטער בייגל...

דעם לעצטן זונטיק אין דער קאאפעראטיווער נאדאן-דירע, האט ראפיק ווי אלע זונטיקס געהאט גענוג ארבעט. ער האט קיין צײַט ניט געהאט צו קוקן, ווי ליוסע פארבט די אויגן-לעפלעך, די ליפן און ער האט עס שוין

אזוי איבערגעוויטעקט, אז ווען ער האָט אפילע צײַט, וואָלט ער אויך ניט געקוקט, ווי זי דרייט זיך אנטקעגן שפּיגל.

עס איז גראָד געווען א שיינער טאָג. ער האָט אָנגעקאָרמעט גענקען און אים געוואָלט לייגן שלאָפן. דערזען, אז די צאַצקעס זײַנען צעוואָרפן איבערן גאנצן צימער, האָט ער געהייסן גענקע זאָל זיי צונויפנעמען. ווי טאָמיד האָט דאָס קינד געפאָלגט און בייס ער האָט צונויפגעלייגט ביז איין צאַצקע, איז ליוסע צוגעשפּרונגען און האָט מיט די פיס זיי צעשליידערט איבערן גאנצן צימער. ראַפיק האָט דערפילט, ווי דאָס האַרץ האָט זיך איין אים א הוידע געטאָן און אים מאַמעש א שטויס געטאָן צו איר, נאָר דאָס קינד האָט ביטער גענומען וויינען. ראַפיק האָט זיך געהאַמעוועט, אָנגעטאָן גענקען, אַרופגעכאַפּט די באַלאַניע און איז מיטן קינד אַף די הענט מאַמעש אַרויסגעפלויגן פון שטוב.

אין א שאָ אַרום איז גענקע געשמאַק געשלאָפן אַף יענטעס געלעגער, און זי איז געזעסן מיט ראַפיקן באַם טיש. לעכאַטכילע האָבן זיי געשוויגן, נאָר לאַנג האָט עס ניט געקאָנט געדויערן, ווײַל יענטע האָט עס ניט אַרײַבערגעטראָגן:

— הער, מײַן זון, דאָס איז טאַקע א ביטערע מיקסטורע, אָבער עס איז ניט דער גרעסטער אומגליק!

— איך האָב שוין די צאָרע באַלד צוויי יאָר, איצט האָב איך מוירע, אז זי וועט צונעמען גענקען.

— האָב קיין מוירע ניט, אזעלכע ווילן ניט און קאָנען קיין מאַמעס ניט זײַן. זיך ניט מיט פאַרבראָכענע הענט. וואָס קאָן מען טאָן, מיר זײַנען, צום באַדויערן, ניט זעלטן צוגאַסט באַם גליק.

א ווײַבערשער שמועס

אונטערן אַלטן, מעכטיקן לינדן-בוים איז געשטאַנען אַפן אַרײַנגעגראָבענעם קלאָץ דער גרינגער, נײַער, אויסגעהובלטער טיש.

לעבן טיש זײַנען געזעסן צוויי פרויען: איינע אינגאַנצן גראָו, אזוי גראָו, אז אַרום איר קאָפּ האָט געשוועבט א העל-בלאָע שײַן. אָבער איר גאַנץ געשטאַלט איז געווען טמימעסדיק-קינדעריש. אירע ברוינע אויגן האָבן אַף אַלץ געקוקט אופגעלייגט, אירע פיס זײַנען אַראָפּגעהאַנגען פון באַנק, זי האָט נאָכאַנאַנד באַוועגט מיט די פיס-פינגער. און דאָס האָט אויך אויסגעזען זייער קינדעריש. די צווייטע האָט נאָכאַנאַנד געשמייכלט, אירע בלויע קרום-געשניטענע, שמאָלע אויגן, האָבן פרײלעך געבלאַנקט, אירע ברוינע

האָר האָבן גענומען גראָוו ווערן נאָר ארום די שלייפן. אירע פיס זײַנען געשטאַנען אַף דר׳ערד אזוי, אז ס׳עס האָט זיך געדוכט, זיי שפּאַנען אוועק, ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס זי זיצט.

ס׳איז געווען די צײַט אין פרילינג, ווען אַלץ איז זאַפטיק-גרין, ווען אַלץ קניפּט בלִיונג, ווען דאָס וואַקסן-קוועלנדיקע ריכט זיך ניט אפּן שנײַד-מעסער...

— ווי פּרעכטיק-יונג אַלץ איז — האָט באַמערקט די גראָווע, פירנדיק מיט א פינגער ארום אויסגעהובלטן סוק פון טיש.

— יאָ, דאָ איז א גאַניידן. איך בין גליקלעך, וואָס דו האָסט זיך געלאָזן איבערעדן און ביסט געקומען. דריי ניט מיטן פינגער, קענסט אים פאַרשטעכן.

— ס׳איז זייער גלאַט אויסגעהובלט. ס׳איז צו זען וואָס פאַר א מעכטיקער... צווײַג דאָס איז געווען, אָבער ווו האָט ער געראַשט... ווו האָט ער געגרינט... זאָגסט, ביסט גליקלעך? מיר איז דאָ אויך היימלעכער. עס טוט מיר האַנאָע, וואָס כ׳האָב זיך ארויסגעריסן פון שטאָטישן הו-הא, פון בענזין-רייעך. דאָ איז אזוי שטיל און ראַכוועסדיק.

— יאָ, ביסט גערעכט, דאָ ווערט מען בעסער. אָבער ווען דו פאָלגסט מיך און קומסט א ביסעלע פריִער, וואָלסטו אַלע טאָג געזען א נײַעם וווּנדער... פאַרנאַכט האָב איך געזען הארט פאַרוויקלטע קניפּלעך — אינדערפרי בעז, נעכטן האָב איך קיין איין געפינטלטן זשוק ניט געזען — אַף מאָרגן איז דאָס גראָז פול געווען מיט מוישע-ראַביינוס קיעלעך, מיט די ערשטע זונען-שטראַלן האָבן די שוואַלבן געקלעפּט ליימענע פאַרפל אונטער דער סטריכע, איצט איז אַלץ פאַרטיק — די זי זיצט אין נעסט, ער רוט קיין רעגע ניט, און באַלד וועלן שוין פון דאָרט ארויסקוקן יונגע שנעבעלעך...

— אָ, יאָ, מיר זײַנען שוין אזוי לאַנג כאַווערטעס. זאָג מיר, אויב דו קאָנסט, פאַרוואָס האָסטו געהאַט נאָר איין קינד?

— מאָטל האָט ניט געוואָלט.

— און דו?

— איך האָב געמאַכט אַבאָרטן.

— וואָס-רעדסטו?

— וואָס דו הערסט. פריִער האָט ער געזאָגט, אז מיר זײַנען צו יונג. נאָכדעם האָט ער געגרייט די קאַנדידאַטסקע, נאָכדעם איז אַלץ געווען גוט. האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע. יאָ, מיר האָבן קיינמאָל ניט גערעדט וועגן די זאַכן. פאַרוואָס האָסטו אפילע קיין איינעם אויך ניט געהאַט?

— אָ, דאָס איז זייער אומעטיק. ווען איך האָב כאַסענע געהאַט מיט שמועלן, בין איך געווען זיכער, אז ער איז דער צאַרטסטער, דער איידלסטער... נאָכדעם האָב איך געזען, אז דאָס איז ניט אזוי. האָב איך זיך אריבערגעקליבן אין צווייטן צימער צו דער מאַמען. אינדערפרי פלעגט די מא-

מע צו מיר זאָגן: „וואָס גייסטו ארום, ווי אונטערן וואסער... קראנקע ווארטן דאָך אַף דיר, דארפסט דאָך היילן מענטשן!..״

— נו, האָסט דערציילט דער מאמען?

— וואָס פאלט דיר איַין! די מאמעס האָבן אונדז אויך ניט אלץ דערציילט... וואָרעם וויבאלד מיר לעבן שוין יאָ אין אזא ציַיט, אז מיר נייטיקן זיך ניט אין קיין שפּיַיזער-מענער, האָב איך זיך געקאָנט פארגינען צו זיַין זעלבשטענדיק אין אלע הינזיכטן. נו, נאָכדעם האָט די מילכאָמע א סאָף געמאכט צו אלץ. עס קאָן זיַין, ווען שמועל קערט זיך אום... נו, ניט גערעדט — איז אויך געשוויגן.

— זע! און איך בין געווען זיכער, אז שמועל איז געווען אזא גוטער, צארטער מאן.

— ער איז געווען אזא, ווי ער איז געווען. און אויב דו ווילסט וויסן, איז אפילע גאָר א גוטער מענטש — נאָך אלץ ניט קיין גוטער מאן. גענוג זיך געגריבלט, קום בעסער צום קוואל! די סטעזשקע צום קוואל איז אזוי שיין אויסגעטראָטן, ליגט אזא ליכטיקע צווישן די געדיכטע, גרינע קוסטעס.

— יאָ, די סטעזשקע צום קוואל איז פּרעכטיק און ס'איז מיר שוין דערעסן דאָ צו זיצן, אָבער מיר האָבן א פולן עמער וואסער.

— גיס אויס! ווער דארף נעכטיקע וואסער? מיר וועלן ברענגען פרישע. וואָרעם קלאָר, קאלט וואסער איז ווי גליק — קיינמאָל ניט איבעריק.

מאָסיע און מיַיע

ער גייט אוועק אַף דער ארבעט פריִער, אָבער עס האָט נאָך ניט געטראָפן, ער זאָל זיך אופכאפּן און ניט דערזען אירע אויגן רייַן פון שלאָף. יאָ, זיי זיַינען אָפן און ער זעט אין זיי: דעם צארטן, געטריַיען, ליבן אויסדרוק, וועלכן ער האָט געזען, א פריידיק-געטריַיען נעכטן, און מאָסיע האָט טאקע ניט נאָר געקוואָלן, נאָר פארזוכט מיט די ליפּן אירע דינע אויגן-לעפלער, איידער זיי האָבן זיך געזעצט עסן סאָסיסקעס מיט קרויט-סאלאט.

זייער איינצימערדיקע דירע איז דורכגעשטראלט פון ציכטיקיַיט און פון זייער נעשאָמע-אכדעס.

זיי זיַינען דאָס צענטע יאָר מאן און וויַיב.

ער וווּנדערט זיך אין הארצן: „ווי קאָן איין פּרוי האָבן אזויפיל סאמעט אין די אויגן, אזויפיל מילדקיַיט אין די הענט, אזא ברייטהארציקיַיט אין איר שמאָלן טאָרס״.

...זייערע פריַינט, אפילע די מיטארבעטער האָבן ליב קומען צו זיי, וויַיל זייער איינצימערדיקע דירע איז דורכגעשטראלט פון זייער איינפארשטאנד און גרייט-גינציקיַיט.

— איך האָב היינט געהאַט אַ גרינגן טאָג, כאָטש עס איז מאָנטיק, מיין פּראָיעקט איז אָנגענומען און איך פּלי קיין אבאקאן, — זאָגט זי אים אָן.

— אַזוי ווייט, אויף לאַנג? קיין בילכערער איז ניט געווען?

— אויף אַ וואָך, וויבאַלד לויט מיין פּראָיעקט, דאַרף איך אַכטונג געבן ווי דאָס וועט געמאַכט ווערן אויפן וואַגאָן־זאַוואָד.

— איך וואָלט מיטגעפאָרן...

— איך וואָלט דיך מיטגענומען. וואַש דיך, טו אָן די טרעניראָוואָטשקע, היינט האָבן מיר אַ סך אַרבעט.

זיי זיצן איינער אַנטקעגן אַנדערן און עסן גריקע־קאַשע מיט געדעמפּטע פלייש (וואָס די מאַמע האָט נעכטן געבראַכט), דערנאָך פאַרבייסן זיי מיט עפּל.

זי דערמאָנט אים:

— פאַרגעס ניט די וואַסער־טרויבן, וואָס וואַרטשען זיי, וואָס זיפּצן זיי און פייפן, ווילסט די שכיינים זאָלן ווידער מעלדן אין הויז־פאַרוואַלטונג, אַז מיר האָבן אַ וויבריר־מאַשין?

זיי לאַכן. דערנאָך קאָכט זי אָן אונגאַרישע הון, ער אַרבעט מיטן שטויב־זויגער און בייס זיי ענדיקן, מאַכן זיי, ווי מייע רופט עס „אַ פּראָמינאַדל".

נאָכן שפּאַציר טראָגט זי אַרויס די הינער־יויך אויפן באַלקאָן. גייט אַריין אין שטוב, טוט אַ קוק אַהין און אַהער און רופט: — מאָסיע — מאָסינקע!

פּלוצעם טוט ער אַ שפּרייז צו איר פון אונטער דער גאַרדין און כאַפּט זי אַרום.

— לאָז מיך, וואָס איז דאָס פאַר אַ נייס. איך האָב זיך אַזוי דערשראָקן.

— אַ נייס! האָסט זיך פאַרגעסן, אייערנעכטן האָבן מיר זיך אויך אַזוי געשפּילט.

— נו, גוט. איך האָב זיך שוין דערמאָנט, — באַמערקט זי, און הייבט אָן פאַנאַנדערנעמען די טאַכטאַ. עס איז צייט צו גיין שלאָפן.

דער האָפן איז פריי

דער שמועס אין טעלעפאָן צווישן מערען און איר זון פאַרלויפט זיך אומגעפער אַזוי:

— ענדלעך האָסטו געפונען די געלעגנהייט?

— וואָס האָב איך געפונען, מאַמע?

— איך זאָג, ענדלעך האָב איך זיך דערוואַרט אויף דיין קלונג. אַז איך הער דיין שטימע, ווערט מיר וואַרעם אין אַלע גלידער.

— מאַמע, דו ביסט היינט אין שטוב?

— יאָ, היינט וואָלט איך מיט פאַרגעניגן פאַרבראַכט דעם אָוונט אין דיין געזעלשאַפט.

— איך פארשטיי ניט, איך פרעג — דו גייסט אין ערגעץ ניט אוועק?
— דו פארשטייסט מיך ניט, ווײַל דו שמועסט זעלטן מיט מיר.
— מאמע, הער אוף. איך וועל קומען און מיר וועלן מיט דיר זיצן אין היימלעכער אטמאָספער. וואָס דארף איך לויפן?
— גאָרנישט.
— קיין מילך ניט, קיין ברויט ניט?
— קיין זאך ניט. רייכער ניט מיט דײַנע קאָלעגן נאָך דער ארבעט, כאפ דעם ליידיקן פאָרטפעל און לויף צו מיר.
— פאָקעדאָוואָ, מאמע.

פון זונס „פאָקעדאָוואָ" ביזן קלונג פון טיר-גלעקל דארף מערע דורכקומען פײַנע עטלעכע שאָ. פארשטייט זיך, זיצט זי ניט מיט פארלייגטע הענט. נאָר אָט הערט זי די געגארטע, צוויי לאנגע, צעצויגענע און איין קורצן, אָפגעהאקטן קלונג. ער כאפט זי ארײַן אין זײַנע ברייטע אָרעמס און דער פאָרטפעל באָמבלט זיך אף אירע פלייצעס. נאָך די פילצאָליקע קושן וואשט ער זיך, נעמט דעם פאָרטפעל, זיי גייען אין קיך. פון פאָרטפעל נעמט ער ארויס א היפש פעקל, א פארוויקלטס אין קאלקע. זי ווייסט שוין וואָס דאָרטן איז.
— מײַן קינד, האָסט שוין ווידער געקויפט קאָווריזשקע?
— דו האָסט עס ניט ליב?
— קיין סינע פיל איך ניט צו דערוף, אָבער איך וווּנדער זיך פונוואנען דו נעמסט געלט.
— איך נעם ניט, לענע גיט מיר.
— וויפל אסיגנירט זי דיר?
— מיר איז איבערגענוג. וואָס ארט דיך וויפל זי גיט מיר?
— עס ארט מיך ניט וויפל זי גיט דיר, עס ארט מיך, וואָס דו ביסט זייער באוויבט.
— וואָס בין איך זייער?
— נו, זאָל שוין זײַן ווי עס איז, לאָמיר עסן בעשאָלעם און שאלווע.

זי נעמט פאר זיך אויך א טעלער און א לעפל, כאָטש עס ווילט זיך איר ניט עסן. אָבער זי ווייסט דאָך, אז ער וועט זיך ניט צורירן, אויב זי וועט ניט עסן מיט אים איינעם. זי קוקט ווי ער קײַט און שלינגט מיט אים באנאנד, ווי זי פלעגט שלינגען מיט יאָרן צוריק, ווען ער איז געווען א פיצינקער. איצט איז מערע גליקלעך. זי טראכט ניט וועגן דעם, אז ער וועט מאָרגן גאנצפרי אוועקלויפן צו דער ארבעט און וועט ווידער פארשווינדן אף צוויי-דרײַ וואָכן. זי קוקט ווי ער טרינקט טיי, ווי דאָס קריגעלע איז קליין אין זײַנע הענט און עס קומט איר אפן זינען א מאָדנער געדאנק. „אָט דער קרעפטיק-ווּקסיקער שווארצכיינעוודיקער מאנצבל איז טאקע אינדערעמעסן מײַן זון?" ער כאפט איבער איר פארוווּנדערטן בליק.

— וואָס קוקסטו אַף מיר, ווי אַף אַן אומגערן באַקאַנטן?

— איך קאָן ניט טרינקען אַזוינע זוד, ווי דו. האָסט אויך געמעגט צו-וואַרטן, וואָלסטו אַזוי ניט געשלוקעכצט.

זי זאָגט ניט ווי דער טאַטע, אָלעווהאַשאָלעם, האָט געשלוקערצט. אָבער דער זון רוקט אַפּ דאָס טיי-קריגעלע און באַמערקט:

— דעם טאַטן פלעגסטו אויך אַלעמאָל זאָגן, ער זאָל ניט טרינקען אַזוינע הייסע. און ער האָט דיך אויך ניט געפאָלגט. — און גלייך נאָך דערויף, אָן אַ שום איבערגאַנג, נעמט ער דערציילן:

— דו ווייסט, מאַמע, די באַלעבאַטים פון די שטיבער, וואָס מע האָט אַראָפּגעטראָגן, זיינען אַריבערגעפאָרן אין נייע דירעס און זיי האָבן פאַר-געסן די הינט. ס'איז אַזאַ ראַכמאָנעס, אַף פּראָווער גאַס בלאָנקען אום אַן אַ שיר פאַריאָסעמטע הינט.

— וואָס ביסטו אַזוי פּלוצעם אַריבערגעפאָרן צו די הינט? איך פאַרשטיי, אַז דו וואָלסט געגומען עטלעכע.

— זאָגסט עטלעכע? כ'האָב געגומען איינעם, האָט מיך לענע אַרויסגע-מעשאַלייעכט מיט אים אינייִנעם. — ער זאָגט עס, צעשנייִדט די קאַווריזשקע אַף פּירקאַנטיקע דינע שטיקעלעך, לייגט עס אַוועק אַף אַ טעלער און זיי גייען אַוועק אין צימער. אין צימער אַפן טיש ליגן שוין אָנגעשניטענע שטי-קעלעך פּאַפּיר נאָך פון פאַרצווייוואָכן. אַ בלייקע ליגט אויך. ער נעמט אַ שטיקעלע קאַווריזשקע, קייט פּאַמעלעך, צייכנט מיט דער בלייקע אַף אַ שטיקעלע פּאַפּיר אַ קאַראַוועלע. ווען ער האָט עס פאַרטיק, זאָגט ער:

— זעסט, מאַמע, אַף אַזאַ מין שיף איז געשוווּמען מאַגעלאַן. דאָס איז אים אָנגעקומען מיט גרינע ווערעם. און זיין סאָף איז געווען אַ טרויעריקער. נאָכדעם האָט זיך די מענטשהייט געטרייסט. ס'האָבן זיך געפונען נאָך מו-טיקע מענטשן.

— איך ווייס דאָס, מיין קינד, כ'האָב דאָס געלייענט באַ צווייגן.

— כ'ווייס, אַז דו האָסט געלייענט. אָבער עס שאַט ניט, אַז מירן זיך דאָס דערמאָנען, — טוט ער אַ זאָג, נעמט צייכענען אַף נאָך אַ בלעטעלע אַן אַנדער מין שיף, ביז אַזייגער איינס זיינען שוין אַלע בלעטעלעך באַמאָלט מיט בריגאַנטינעס, קאַראַוועלעס, און פרעגאַטן. מערע לייגט עס אַריין אין קאָנווערט, ווו עס ליגן שוין היפּש אַזוינע שיפן, און טראָגט עס אַוועק אין טישקעסטל, מאַכט די געלעגערס, כאָטש זי ווייסט, אַז זיי וועלן נאָך לאַנג זיצן און זי וועט נאָך אַ סאַך זאַכן אויסהערן פון אים.

— מאַמיצע, איך וויל נאָך טיי.

— דאָס איז זייער אַ גרינגע זאַך. זאָג מיר, פאַרוואָס קלינגט מיר קיינ-מאָל לענע ניט?

— כ'האָב זי קיינמאָל ניט געפרעגט.

— איך וויל פאַרשטיין, מיין קינד, פאַרוואָס נעמט זי ניט אַראָפּ דאָס טרייבל, וואָס האָט זי צו מיר?

— א דייגע דיר. בעסער פריי זיך, וואָס איך בין געקומען. און זאָג מיר, מאמע, דו ווייסט ווער וואמבערי איז געווען?

— פאַרוואָס זאָל איך ניט וויסן. ער איז געווען א רייזנדער.

— דו רעדסט עס אזוי גרינג אויס — ער איז געווען א רייזנדער. ער איז דאָך געווען פאַרפּייניקט פון די קינדער־יאָרן אָן. געוואַקסן איז ער בא אן אָרעמער יידישער מישפּאָכע, אין אן אונגאַריש העק. נאָך א נעס, וואָס ס׳זיינען געווען בלאָטעס ארום שטעטל, האָט ער געכאַפּט פּיאַווקעס און ער פלעגט די בלוטזויגנדיקע סכוירע אָפּזעצן אין אַפּטייק. צו דעם קלאָנדייק איז ער נאָך געווען א קאַליקע אויך. די קינדער פלעגן אַרויסרייסן בא אים די קוליעס און אים פאַרוואַרפן מיט שטיינער.

— איך זאָג דאָך דיר, אז איך ווייס, איך האָב געלייענט בא טיכאָנאָוון.

— אָבער הער זיך איין, דאָס איז דאָך זייער רירנדיק, געדענקסט, ווי ער פלעגט זיך גופא זאָגן: „ארבעט, האָרעווע!" ער פלעגט זיך אליין לאָזן אָן מיטיק, אויב ער פלעגט ניט אויסלערנען אלץ, וואָס ער האָט באַשטימט. ער האָט געלייענט פּושקינען אין רוסיש, דאַנטען אין איטאַליעניש, כאַיאַמען אין פּערסיש, סערוואַנטעסן אין שפּאַניש.

— יאָ, איך זאָג דאָך דיר, איך געדענק ווי ער איז געווען אין טערקיי און אין מיטלאַזיע. דאָס איז געווען א מערקווירדיקער מענטש, א ריז. אָבער איך וויל בעסער וויסן, מיין זון, ווי לעבסטו?

— ניט שלעכט.

— דאָס אינגאַנצן?

— אַף מיין ערלעך וואָרט, מאמע, כ׳ווייס ניט וואָס דו ווילסט.

— איך וויל, זאָלסט מיר ווינציקער דערציילן וועגן רייזנדער און מע־רער וועגן זיך.

— איך קאָן עס פאַרשטיין, אָבער איך קאָן דיר ניט זאָגן, אז מיין לעבן איז דורכגעשטראַלט.

— כ׳דאַרף ניט אזעלכע הויכע ווערטער. לענע האָט דיך ליב, דו האָסט ליב לענען?

— כ׳האָב געוווּסט, אז דו וועסט עס פרעגן. איך געדענק, ווי גוט דו האָסט געלעבט מיטן טאַטן, אָלעווהאשאָלעם. אָבער דאַרפסט פאַרשטיין, אז איר האָט געהאַט מערער צייט פון אונדז. לענע גייט אוועק צו דער ארבעט זיבן, די מעטראָ מיטן אווטאָבוס ראַבעווען בא איר טאָגטעגלעך דריי שאָ. האַלב אכט פיר איך אוועק פּעטקען אין קינדערגאָרטן. צו האַלב ניין דאַרף איך זיין אַף דער ארבעט. גאַנצע טעג קוקן מיר זיך קימאַט ניט אָן. שאַבעס און זונטיק קלייבן זיך אָן א באַרג ארבעט מיט גייענישן.

— בייס מע האָט זיך ליב, גייט עס פאַריינס. דער טאַטע איז געזעסן אין שטוב, איך האָב שפּאַצירט אין סקווער. וואָס איר האָט צו דרייסיק יאָר, דאָס האָב איך מיטן טאַטן געהאַט צו זעכציק. איי, איר ווילט מערער? איר האָט שוין א פּיאַנינע, ווילט איר נאָך עפּעס. ווען איר וואָלט זיך

באנוגנט, וואָלט לענע ניט געאַרבעט אַף אַנדערהאַלבן סטאַווקעס. און דו וואָלסט אויך ניט געבליבן אַף איבערשאָען.
— מאַמע, דײַן צײַט איז געווען דײַן צײַט, און לאָמיר וועגן דעם ניט ריידן. לאָמיר בעסער אויסטרינקען נאָך א גלאָז טיי.
זי נעמט א שטיקעלע קאָווריזשקע, בײַסט אָפּ און באַמערקט:
— דו ווייסט, מײַן זון, די קאָנדיטערײַ איז פון פאַריקן יאָרהונדערט.
— טונק אין דער הייסער טיי, וועט עס זײַן ווייכער, — אייצעט ער. — זי פאָלגט, באַווײַזט קוים צוטראָגן די אײַנגעווייקטע לעקעך צום מויל און מאַכט אים א כעזשבן. — הײַנט איז פונקט צוויי וואָכן ווי דו ביסט בא מיר געווען.
— האָסט עס גוט באַרעכנט. גלייב מיר, מאַמע, אַז ווען איך וועל קומען מאָרגן נאָך דער אַרבעט, וועט לענע זײַן פאַרוואָלקנט.
— זאָג איך דאָך, אַז דו ביסט זייער באַווײַבט.
— זייער צי ניט זייער, מאַמע, אָבער לענע איז מײַן ווײַב.
— זאָל זי זײַן געזונט און שטאַרק, נאָר וואָס האָט זי צו מיר. פײַנט האָבן א מענטשן נאָר דערפאַר, ווײַל ער איז דײַן שוויגער איז באַנאַל, אויב ניט זאָגן עפּעס ערגערס.
— זעסט, מאַמע, ס'איז שווער מיט דיר צו פאַרברענגען אין א פרײַנט-לעכער אַטמאָספער. וואָס טויג דיר שנור, שוויגער, האָסט דאָך דעם זון לעבן האַנט. דער זון האָט דיך ליב, דו האָסט אים ליב. גיס אָן נאָך א גלאָז טיי, און איך וועל דיר דערציילן א שיינע זאַך. דו האָסט געלייענט דיקענסעס „א רײַזע, ניט צוליב האַנדל-איניאַנים"?
— ניין, כ'האָב דאָס ניט געלייענט.
— איז הער טאַקע ווי עס דאַרף צו זײַן: די אַוסטראַלישע שיף „ראָליאַל טשאַרטער" איז אונטערגעגאַנגען באַם גריכישן ברעג. האָט זיך געפונען א גאַלעך, וואָס האָט אַרויסגערופן זײַן ברודער, אויך א גאַלעך, און זיי האָבן מעקאַבער געווען די דערטרונקענע, וואָס דער יאַם האָט אַרויסגעוואָרפן, לויט ווי דאָס ווערט געטאָן מיט מענטשן. די דאַטע, ווען די שיף איז אונטערגעגאַנגען, איז ניט אָנגעוויזן, נאָר דער פאַרטראַכט פון „א רײַזע ניט צוליב האַנדל-איניאַנים" איז בא דיקענסן אַנטשטאַנען אין די זעכציקער יאָרן פונעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט.
— נו, וואָס דערציילסטו מיר דאָס, מײַן זון?
— שלאָג מיך ניט איבער, מאַמע. דו באַדענק זיך נאָר וואָס פאַר א מענטשן דער גאַלעך מיט זײַן ברודער זײַנען געווען, וואָס פאַר א טיר-כע זיי האָבן אַף זיך גענומען, אַז ס'זײַנען געווען טעג, ווען זיי האָבן באַערדיקט ביז פערציק מייסים. דערנאָך האָט ער באַקומען אָן א שיר בריוו פון די קרויווים, וועלכע זײַנען פאַריאָסעמט געוואָרן. אַנדערע זײַנען אפילע צו זיי געקומען פון אַוסטראַליע. מאַך ניט מיט דער האַנט, מאַמע, הער. אָט אַזוינע בריוו האָט דער גאַלעך געקראָגן: „טײַערע, אומפאַרגעס-לעכע פרײַנט! איך קאָן ניט פאַרגעסן אײַער גאַסטפרײַנטלעכע שטוב,

אײַער האַרציקייט, מײַן נעשאָמע איז איבערגעפֿולט מיט דאַנקבאַרקייט צו אײַך. מײַן פֿעדער איז צו שוואַך דאָס אויסצודריקן. זאָלן די הימלען אײַך באַלוינען אין דער פֿולער מאָס פֿאַר אײַער אומדערהערטער גוטסקייט". — דאָס איז טאַקע ניט אָפּצושאַצן.

— האָב געדולד, מאַמע. דיקענס ברענגט נאָך אַ דאַנק־בריוו פֿון דער ליווערפּולער ייִדישער קעהילע. אָט וואָס זיי שרײַבן צום גאַלעך: „איר האָט ניט געקאַרגט קיין מי, ניט געזשאַלעוועט קיין קויכעס, און איר האָט געטאָן דאָס לעצטע רעכט. די דערטרונקענע ייִדן לויט אונדזער דין און מינהעג, די גאַבאָיִם פֿון אונדזער ליווערפּולער קעהילע שיקן אײַך איבער גרויס דאַנקבאַרקייט, ווינטשן אײַך לאַנגע יאָרן גליק און וווילזײַן..."

— דאָס אַלץ איז זייער גוט און זייער טשיקאַווע. אָבער איך ווייס ניט מערער וועגן דיר, ווי איך האָב געוווּסט! איך וואָלט, אַשטייגער, געוואָלט וויסן צי דו און דײַן לענע, אײַערע כאַווײרים העלפֿן אַמאָל אַרויס אַ נויטבאַדערפֿטיקן. וואַמבערי איז טאַקע אַ מאָלאָדיעץ, האַלעווײַ וואָלט איך געהאַט אַזויפֿיל נאַכעס פֿון דיר, וויפֿל כ'האָב פֿון אים. וואָס וועסטו מיר אויף דעם זאָגן?

— ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן, מאַמע. איך וויל זיך ניט מאַכן בעסער ווי איך בין. נאָר אויב עס טרעפֿט, אַז עס ווערט קראַנק עמעצער פֿון די מיטאַרבעטער, זײַנען דאָ סטראַך־דעלעגאַטן. אויב מע דאַרף, לייגט מען זיך צונויף. אָבער דו ווייסט אַליין, אַז איך בין ניט פֿון די פֿילאַנטראָפּן.

מערע ווערט אַזש רויט פֿון אָנשטרענגונג. און רופֿט אויס ניט מיט איר קאָל:

— דו ביסט ניט קיין פֿילאַנטראָפּ? וויפֿל זשע גיסטו, ברייטע האַנט, צוואַנציק קאָפּעקעס!?

— שרײַ ניט, מאַמע.

— ווי וואַגסטו מיר צו זאָגן „שרײַ ניט"! ניט אַלץ, וואָס מע שרײַט, איז נאַרישקייטן, ניט אַלץ, וואָס מע רעדט אײַנדערשטיל, איז קלוג. דײַן לענע גיט אויך, מיסטאַמע, צוואַנציק קאָפּעקעס.

— ווידער לענע. כ'האָב דיר דערציילט אַזוינע זאַכן, אָנגעמאָלט אַלערליי שיפֿן, איז דיר אַלץ קנאַפּ.

— ווייסטו וואָס, לאָמיר זיך שוין בעסער לייגן שלאָפֿן. שלאָפֿן איז דער בעסטער מיטל. אין כאָלעם קען מען זען זייער אַ גוטן זון. — ווערטלט זיך מערע און גייט אַוועק אין איר צימער.

אויף מאָרגן איז ניטאָ קיין צײַט צו שמועסן. דער זון אײַלט זיך צו דער אַרבעט. ער עסט דינע, צוגעברוינטע פּענעצלעך ווײַס ברויט, פֿאַרזופּט מיט קאַווע און לויבט.

— דײַנע גרענקעס ווייסן ווו צו פֿרעגלען זיך, זיי ברענען ניט.

— זיי ברענען ניט, ווײַל איך בין ניט פאַרוואַלקנט. זאָג דײַן ווײַב, זי זאָל האָבן א גוטע שטימונג, וועלן די גרענקעס זײַן צוגעברוינט אין דער מאָס.

— ווידעראמאָל די קראָפּעווע אין גאָרטן, די מומע אין בערדיטשעוו און די שנור אין הארצן, — כאָכמעט זיך דער זון.

— נו, מיילע, כ׳וועל דיר זאָגן, וואָס איך האָב אפן הארצן, ווען דו וועסט נאָכאמאָל קומען. זאָג מיר בעסער ווי האָט מען גערופן דעם גאלעך, וואָס האָט מעקאבער געווען די דערטרונקענע.

— סטיוועגרוז כיוז, ניט ווײַט פון מאלפּרי. זײַן ברודער איז אויך געווען א גאלעך, מע האָט אים גערופן ראָנערט כיוז, ניט ווײַט פון אַליגווי. דאָס איבעריקע וועסטו אליין לייענען, כ׳וועל דיר ברענגען דעם באַנד דיקענסעס, ווו ער באשרײַבט עס, — זאָגט דער זון, נעמט דעם פּאָרטפעל און לאָזט זיך צו דער טיר.

מערע באגלייט אים צו די טרעפּ, זי האלט אירע הענט אף זײַנע פּליי-צעס, קוקט אים אין די אויגן און זאָגט האסטיק:

— קום אָפטער, לאָז זיך זען, פארשפּעטיק ניט, אין מײַן האפן איז נאָך א פרײַ אָרט.

ווו ס׳איז טיפער

(געווידמעט די שווער-לײַדנדיקע פון ווידערגעפיל
צו די ליבהאָבער פון געפילטע פיש)

שימען דער אײַנבינדער האָט אזוי ליב געהאט געפילטע פיש, פון דאַנערשטיק האָט שוין איבער אים געהערשט א מוירעדיקע טײַוועם צום דאָזיקן מײַכל, און ער פלעגט מיט אומרו וועלן וויסן.

— זאָג מיר, מײַן ווײַב, מיר האָבן ציבלקעס?

— מיר זאָלן אזוי זײַן באוואָרנט מיט זיסוואַרג, ווי עס פעלט ניט קיין ביטערקײַט.

נאָך אזא טרייסטפולער נײַעס פלעגט שימען מוטיקער שטיין באם ווארשטאטל.

כוץ כומאָשים, צענערענעס, סידורים, פלעגט ער אויך איבערבינדן וואָס דער גאלעך, דער אָרגאניסט און דער גלאָקן-קלינגער פלעגן ברענגען. בײַס שימען פלעגט נעמען איבערבינדן א טרייפפאָסל, פלעגט ער אָנטאָן נאָך א טאלעסקאָטן. און, שטייענדיק באם ווארשטאטל, זאָגן פון טיפן הארצן דעם ערשטן פּאָסעק פונעם ערשטן קאפּיטעלע טילים. „אשריי האָיִש יאָשער לוי האָלאך בעייצעס רעשאָיִם אובעדערעך כאטאָיִם לוי אָמאד״. כוץ דערוף איז ער אָפּגעקומען, קאָן מען זאָגן, מיט גאָרנישט, בײַס ער

האָט געהאַט צו טאָן מיט „אַזוינע זאַכן". ער האָט קיינמאָל ניט אַרײַנגעקוקט אין די „טריפּפּאַסלס" און ווען ער וואָלט אַפילע יאָ אַרײַנגעקוקט, וואָלט ער ניט פֿאַרשטאַנען, אַז ער בינדט איבער דעם אָרגאַניסטס פּסאַלטיר, ווו ס'איז אויף לאַטײַן געזאָגט געוואָרן דאָס זעלביקע, וואָס אין טילים. טאָמיד האָט ער דעם אָרגאַניסטס און גאַלעכס באַשטעלונגען געמאַכט צו דער מינוט, קעדיי די טומע זאָל וואָס גיכער אַוועק פֿון שטוב.

אין איינעם אַ דאָנערשטיק איז דער אָרגאַניסט געקומען מיט אַ הילצערן עמערל. דאָס איז געווען אַ ברייט געזעצט עמערל, אַן אַרומגעכאַפּטס מיט דיקע דרײַ אײַזערנע רייפֿן. דער אָרגאַניסט האָט דאָס עמערל אַוועקגעשטעלט לעבן ווארשטאַטל, גענומען וואָס שימען האָט אים דערלאַנגט און זיך געלאָזט צו דער טיר.

— פֿאַן קאַזימעשׁ, איר האָט פֿאַרגעסן דאָס עמערל.

— פֿאַן שימען, דאָס איז פֿאַר אײַך. מאָרגן איז פּרײַטיק, וועט אײַך דאָס צוניץ קומען. איך בין נעכטן געווען אויף דער יאַגילער אָזערע האָב איך זיי געכאַפּט. אַזעלכע שלײַענס פּאַקן זיך זעלטן. כ'וועל ברענגען די נײַע וואָך אַרבעט, וועל איך פֿאַריינס צונעמען די קיילע.

פֿאַרשטייט זיך, האָט שימען גרײַלעך געדאַנקט דעם אָרגאַניסט, אים באַגלייט ביז צו דער שוועל, דערנאָך האָט ער געזאָגט צו עטלען:

— גיב אָקאָרשט אַהער די פֿאַרעווע ברעט.

עטל האָט געבראַכט, שימען האָט אַראָפּגענומען די קראַפּעווע פּונעם עמערל, אים איבערגעקערט מיטן דעק אַרוף. אויפֿן ברעט זײַנען אַרויסגעפֿאַלן דרײַ שלײַענס, אָבער אַזוינע שלײַענס! — שימען און עטל זײַנען געשטאַנען אײַנגעבויגענע, פֿאַרגאַפּטע. און עס איז געווען פֿון וואָס צו גאַפֿן: די שלײַענס זײַנען געווען טונקל-גאָלדיק, די געדיכטע שטײַפֿע פּלוספּעדערן האָבן געשווארצט פֿון דער איבערהײַטלונג, ווי נאָדלען. געענוג זיך אָנגעוווּנדערט און אָנגעפֿרייט, האָט עטל געזאָגט:

— גיב אַ קוק, שימען, מײַן מאַן, וואָס דער אייבערשטער האָט אונדז צוגעשיקט אויף שאַבעס!

זיי האָבן נאָך אַ ווײַלינקע אָנגעקוקט די גרויסאַרטיקײַט, זיי האָבן געזען ווי די שלײַען האָבן זיך פֿאַנאַנדערגעגליטשט אין דער שליים. שימען האָט זיי איינציקווײַז אַרײַנגעלייגט צוריק אין עמערל, צוגעדעקט מיט דער קראַפּעווע און האָט שטיל געזאָגט צו עטלען:

— איך וועל זיי אַרויסטראָגן אין פֿירהויז, זאָלן זיי שטיין צווישן וואַנט און טיר ביז מאָרגן.

— ביסט אַ כאַכעם, מײַן מאַן. אין ווינקעלע צווישן טיר און דער וואַנט איז אַ צוגווינטל, וועלן זיי דאָרטן צוווארטן און מאָרגן, מירצעשעם, וועל איך זיי מאַכן.

געזאָגט און געטאָן. שימען האָט אָן אַ קלענסטן טראָנץ אַוועקגעשטעלט דאָס עמערל מיט די שלײַענס, דערנאָך איז ער אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב,

האָט געוואַשן די הענט, אַראָפּגעוואָרפן דעם טרייפן פאַרטעך, אויסגעטאָן דעם צוגאָב-טאַלעסקאָטן, זיך גענומען צו כּיַקל דעם גלעזערס מאַכזער.

ער איז געשטאַנען בא דער אַרבעט, זיַן געמיט איז געווען גרינג און ליכטיק, ער האָט אַזוי מאַמאָשעסדיק געזען די שטיקער געפילטע פיש אַפן טעלער, אַז ער האָט אומרויִק געפרעגט:

— זאָג מיר, עטל, קרוין, אַן איי פון פאַראַכטאָגן האָסטו?

— זאָלסט מיר נאָר געזונט זיַן, מיַן מאַן. דיַן עטל איז, כאָלילע, אַזאַ זוילעלוועסויוועניצע, אַז זי האָט אופגעגעסן דאָס איי. געוויס האָב איך... ווי דען? אַף לאַקשן וועט דיר אויך קלעקן? קענסט גיין איבערציילן, איך האָב דריַ אייער.

דעם גאַנצינקן טאָג איז שימען געווען היימלעך-צעַרודערט און ער האָט ניט פאַרמיַדט אַרויסגיין אַ קוק טאָן, ווי די שליַענס פּילן זיך...

אַף מאָרגן, פריַטיק אינדערפרי, האָבן זיי, ווי אַלעמאָל, געגעסן בולבע אין פּעלצלעך. שימען האָט געטונקט די הייסע בולבע אין קאַלטער זאַלץ-וואַסער מיט אָנגעבראַקטע ציבעלעס און ניט געקאַרגט קיין שוואָכים.

— הער, מיַן וויַב, די ציבעלע-וואַסער איז אַ מיַכל. מע פאַרשפּאַרט צו גיין בעטן בא כיענען הערינג-ראָסל.

— אַ מיַכל, ניט קיין מיַכל, עס קערט מיר די גאַל צו שטיין בא כיענען מיט דעם שיסעלע, ווי דער אָנגע פאַרן טיר. וואָלסט זען ווי זי פּליוכעט מיר אַריַן די דריַ לעפל הערינג-ראָסל, ווי זי וואָלט מיר גע-שענקט יאַיִן האַמשומער. איך זאָג דיר, אַז מיַן מאַמע, אָלעוואַשאָלעם, איז געווען אַ כאַכמאַניעס. זי פּלעגט אַלעמאָל זאָגן, אַז דער כאַזער לייגט זיך אין קימפּעט, זאָל מען ניט וואַרטן אַף קיין שפּעלעך.

שימען האָט געשמייכלט, דער טאָג איז געגאַנגען. עטל האָט זיך דער-מאָנט:

— זי האָט ווידער אַריַנגעטראָגן די פּאַרעווע ברעט, גענומען דעם פּאַרעווען מעסער און געהייסן:

— טראָג זיי אַריַן, איך וועל זיי מאַכן!

שימען האָט אַריַנגעטראָגן דאָס עמערל, פּאַוואָלינקע אַרויסגעלייגט די שליַענס אַפן ברעט און איז אַוועק צום וואַרשטאַטל.

— שימען, שימען, אַהער גיי. זיי זיַנען אופגעשטאַנען טכיאַס האַמיי-סים! — האָט עטל ניט מיט איר קאָל אויסגעשריִען.

שימען איז צוגעגאַנגען, ער האָט גליַך דערזען, אַז עטל איז גערעכט, און ער האָט קלאָר געמאַכט די זאַך.

— שריַ ניט, מיַן וויַב, טכיאַס האַמייסים שטייען אוף ראַק לעבעדיקע.

— ווילסט, נעם זיך צו זיי, איך וועל זיך צו זיי ניט צורירן!

שימענען איז איַנגעפאַלן דאָס האַרץ. ער האָט געוווּסט, אַז עטל וועט זיך צו זיי ניט צורירן, וואָרעם מיט אַן אַף צום שויכעט איז ער אַלעמאָל

געגאַנגען. ער האָט זיך אײַנגעבויגן, געקוקט אויף די שלײַענס. זיי זײַנען שוין ניט געווען אַזוי גאָלדיק, ווי נעכטן, זייערע פֿלוספֿעדערן אין דער איבערהײַטלונג זײַנען שוין ניט געווען אַזוי שפּיציק, אָבער זייערע עקן האָבן זיך באַוועגט, זיי האָבן געעפֿנט און פֿאַרמאַכט די מײַלער. שימען האָט אַ זיפֿץ געטאָן און ווי מעגלעך רויִק געזאָגט:

— איך וועל זיי צוריק אַרײַנלייגן אין עמערל און זיי אַוועקשטעלן ווי פֿריִער.

— צו ליכט בענטשן איז נאָך ווײַט, וועסט זיי שפּעטער מאַכן.

ער האָט געטאָן, ווי ער האָט געזאָגט. פֿלינק אַרויסגעגאַנגען פֿון שטוב מיטן עמערל אין האַנט, אַריבערגעקראָכן דעם פּלויט פֿון שיינע-כאַנעריוועס גאָרטן. דורכגעשפּאַנט די הויכע כריין-בלעטער און הינטער אַרום מיט דער סטעזשקע געקומען צום גאַלעכס טײַך. באַם טײַך איז ער שטיין געבליבן. אַרומגעקוקט זיך, אַרײַנגעקוקט אין וואַסער, דערזען קליינע מושלען, זאַמד, און גיך אַוועקגעשפּאַנט ווײַטער. אַלץ הינטער אַרום, ניט מיט דער סטעזשקע, וווּ אַלע גייען. ווידער צוגעקומען צום טײַך, אַרײַנגעקוקט אין וואַסער, כּוץ וואַסער-שפּינען אין געלבן וואַסער מער גאָרניִשט ניט דערזען. אַוועקגעשטעלט דאָס עמערל, אַראָפּגעוואָרפֿן די קראָפּעווע, אויפֿגעהויבן דאָס עמערל מיט דער רעכטער האַנט, ברייט אַ פֿאָכע געטאָן און איבערגעקערט דאָס עמערל אין טײַך. עס האָט אַ שפּריצנדיקן פּליוסק געטאָן. שימען האָט געמאַכט עטלעכע טריט אויף הינטערווײַלעכס, אומרויִק אַ קוק געטאָן אין וואַסער. דערזען ווי די דרײַ שלײַענס זײַנען געשווומען מיט די בײַכלעך אַרויף. ער האָט זיך אַזש דערשראָקן, אָבער אין אַ ווײַלינקע אַרום האָט ער דערזען, ווי די שלײַענס האָבן זיך איבערגעקונצט און זײַנען אַוועקגעשווומען. ער האָט גענומען דאָס ליידיקע עמערל און איז אַוועק.

— וווּ ביסטו געווען, שימען? טראָג זיי אַרײַן, איך וועל זיי מאַכן.

— זיי האָבן זיך שוין געמאַכט! — האָט שימען געזאָגט און געהייסן, — עס וועט זײַן ווי אַלע וואָך, וועסט מאַכן פֿאַלשע פֿיש און ס'וועט רעכט זײַן.

— כ'זאָל שוין אַזוי לעבן, ווי כ'האָב געוווּסט וואָס ס'וועט זײַן. אָבער וואָס האָסטו זיך אַזוי געזאַמט, שלימאַזל. דעם גאַלעכס טײַך איז דאָך דרײַ טריט פֿון אונדז.

— ביסט גערעכט, מײַן ווײַב. איך האָב געמוזט אָנלייגן וועג. ווײַבאַלד דו זאָגסט „שלימאַזל", וואָס וואָלטן שוין געזאָגט פֿרעמדע מענטשן, ווען זיי זעען דעם סאָף פֿון די פֿיש, — האָט שימען, שמייכלענדיק אַ זאָג געטאָן.

קיין טשאַדאַרלונגע

א גאַנץ לעבן האָב איך ניט קיין געמיט צו סיורפּריזן, און דאָס מאָל האָב איך גראָד געטאָן אַזוי, ווי קיינמאָל ניט. קיין טשאַדאַרלונגע בין איך געפֿאָרן, ווייַל דאָרטן וווינט גאַדעלע, דער קאָמונאַר מיט זייַן מישפּאָכע. אַמאָל איז גאַדעלע געווען דער ייִנגסטער, קימאַט דער מיזיניק צווישן די קאָמונאַרן, ער איז געווען שוואַרצער פֿון אַלע שוואַרצכיינעוודיקע קאָמונאַרן און מע האָט אים פֿאַרצויגן „גאַדעלע דאָס ציגייַנערל". פֿאַרשטייט זיך, האָב איך געוווּסט, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין פֿאַר די יאָרן, וואָס מיר זייַנען געווען צעשיידט. איצט פֿלעג איך פֿון אים קריגן דרייַ קאַרטלעך א יאָר. צו ניי-יאָר, צו מיי און צום אָקטיאַבער-יאָמטעוו. איך בין געפֿאָרן צו גאַדעלען אַף א לייַכטער מאַשין און איך בין געווען פֿאַרוווּנדערט, וויפֿל כוידעש-רעטעכלעך מע פֿאַרקויפֿט אין קאָטאָווסק, אַפֿילע קיין פּעטרעשקע ניט, נאָר כוידעש-רעטעכלעך. מיר זייַנען בעשאָלעם דערפֿאָרן קיין טשאַדאַרלונגע, געפֿונען די לונאַטשאַרסקי-גאַס, דאָס הויז, וווּ גאַדעלע וווינט, אין דער דירע נום. 2. איך בין אַרייַנגעלאָפֿן אין דער דירע און איך האָב געזען, ווי א גראָוער זאָקן ליגט אַף דער סאָפֿקע.

— גאַדעלע, הייב זיך אויף, שירקע איז געקומען!

דער זאָקן איז אַראָפּ פֿון בעט, האָט פֿאַרשאַרט אַף אַרויף-צו די גראָוע פּאַטלעס, מיך אָנגעקוקט מיט קאַלטע, פֿרעמדע אויגן און שטיל געזאָגט:

— כ'ווייס ניט, ווער דאָס איז. וואָס פֿאַר א שירקע? יענע שירקע, וואָס איך געדענק, איז ניט די. איך דערקען ניט.

ס'האָבן מיר די רעגע א שפּריץ געטאָן טרערן פֿון די אויגן, כ'האָב אַרומגעפּלאָכטן מייַנע הענט אַרום גאַדעלעס האַלדז און איך האָב, מיסטאָמע, עפּעס געזאָגט, ווייַל ער האָט פֿאַנאַנדערגענומען מייַנע הענט, זיך א ביסעלע אָפּגערוקט פֿון מיר און הויך אויסגערופֿן:

— שירקע, שוועסטער מייַנע, זע, ווי מע ווערט איוווערבאָטל! לאָז, איך וועל אַרויסלויפֿן אין הויף, בעטן א שאָכן, ער זאָל א רוף טאָן מייַן ווייַב, מייַן בעלע און מייַן זון מיט דער טאָכטער. איך ריר זיך פֿון זינען, פֿאַרוואָס האָסטו מיר ניט געגעבן צו וויסן? כ'האָב שוין געהאַט אַן אינפֿאַרקט!..

...דערנאָך האָב איך אַלץ, וואָס כ'האָב געבראַכט פֿון מאָסקווע, אַרויסגעשטעלט אַפֿן טיש, ס'איז אַרייַנגעגאַנגען א שוואַרצער באָכער, פּונקט אַזוי שוואַרץ, ווי גאַדעלע. אַף א בייגעוודיקער רוט האָט ער אָנגערייעט נאָר-וואָס געכאַפּטע פֿיש. בעלע, גאַדעלעס ווייַב, האָט עס גלייַך אָפּגעבראָטן, גאַדעלע האָט אָנגעגאָסן א גלעזל נאָך א גלעזל, האָט צוזאַמענגערופֿן אַלע שכיינים פֿון ערשטן גאָרן און אַלעמען דערציילט, ווער איך בין. שפּעט אינאָוונט בין איך געפֿאָרן קיין בענדערע. איך האָב געזען בלייַענדיקע בייַ-

מער, אַקוראַט אַזעלכע, ווי כ'האָב שוין געזען, פאָרנדיק קיין מאָלדאַוויע, און אין מײַנע אויערן האָט געקלונגען גאַדעלעס געשריי: „איך ווייס ניט, ווער דאָס איז. יענע שירקע, וואָס איך געדענק, איז ניט די“. איך האָב געקוקט אָף דיביימער, אָפן אויסגעשטערנטן הימל און פאַרזאָגט זיך אָף אייביק ניט צו מאַכן קיין סיורפּריזן...

א פאַרדײַגעטער פּאַסאַזשיר

ווי נאָר דער צוג „מאָלדאַוואַ“ האָט גערירט, האָבן באַלד פאַרבײַ מײַן קופּע געגומען שווינדלען די „דורשטיקע“. אַהין מיט ליידיקע הענט, צוריק מיט פלעשער אין די הענט, ווײַל דער וואַגאָן-רעסטאָראַן איז געווען דער דריטער פון מײַן וואַגאָן. עס האָט ניט אויפגעהערט דאָס לויפן אין רעסטאָראַן. צוויי פון מײַנע דרײַ מיטפאָרער זײַנען אויך אַוועק אין דער אַזוי גערגאַרטער ריכטונג, און נאָר דער דריטער, וואָס האָט זיך אײַנגעמאָסטעט אין ווינקל לעבן פענצטער, האָט געזיפצט. זײַן זיפצן איז געווען זייער אויסדריקלעך, ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ער איז אַ ייִד. נאָר ער איז געווען זייער ווקסיק, צו וווקסיק פאַר אַ ייִדן. זײַן גרויסער קאָפּ איז געווען גלאַט, ווי אַן איי, און האָט געהאַט סימאָנים פון פענאָמענאַלקײַט, ווײַל ער איז געווען דרײַקאַנטיק. צוויי קײַלעכדיקײַטן פון ביידע זײַטן, אַ דריטע קײַלעכדיקײַט באַם סאַמע נאַקן. זײַן האַלדז איז געווען ברייט און נידעריק, טיף אַרײַנגעזעצט אין די מעכטיקע אַקסלען, די הענט אָדערדיק, אויסגעהאָרעוועט און געניט.

ס'איז געקומען די צײַט צו מאַכן די געלעגערס, האָט ער אויסגעשפּרייט אָפן מאַטראַץ דעם שניי-ווײַסן לײַלעך, דערנאָך האָט ער געשיקט אָנגעטאָן דאָס ציכל אָפן קישן און ערשט דערנאָך דאָס אַוועקגעלייגט, ניט ווי אַנדערע — טוען אָן דאָס ריינע ציכל אָפן קישן און וואַרפן עס אַוועק אָפן ניט פאַרשפּרייטן מאַטראַץ. ער האָט געמאַכט דעם געלעגער פאַר זיך און אויך דעם געלעגער פאַר מיר, דערנאָך האָט ער פאַרשפּרייט מיט אַ גרויסער פּאַפּירענער סערוועטקע דאָס טישל, אַרויסגעלייגט פיר אייער, אַ היפּש שטיקל סאַלע, אַ צוויי-דרײַ ציבעלעס, עטלעכע אָפּגעקאָכטע בולבע אין די פעלצלעך, זויערע אוגערקעס און אַ לעבל שוואַרץ ברויט. פּאַוואָליטשקע, מיט געמאָסטענע באַוועגונגען, האָט ער יעדעס מאָל נאָכן אָפּשנײַדן אַ פּענעץ ברויט ווידער אַוועקגעלייגט דאָס איבעריקע, ווי ער וואָלט עס אַרײַנגעזעצט אין אַ אייוון אַרײַן. עס איז בעפּיירעש געווען אַ פאַרגעניגן צו קוקן ווי ער ריכט אָפּ די סודע. דערבײַ האָט ער קימאַט ניט געזיפצט... נאָר אָט איז כוץ אַן אָקרײַטשיק גאָרנישט ניט געבליבן. ער האָט גענומען די סערוועטקע פון טיש און איז אַרויסגעגאַנגען. איך בין שוין געלעגן אָפן געלעגער, אָבער איך האָב געזען, ווי ער האָט די צונויפּ-

געלייגטע סערוועטקע אַרײַנגעלייגט אין קעשענע פֿון זײַן רעקל. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אױף זײַן באַנק און זיך אָנגערופֿן:
— איר שלאָפֿט?
— דערווײַלע ניט.
ער האָט טיף אָפּגעעטעמט און געלאָזט וויסן:
— פֿאַראַיאָרן זײַנען א סאַך מענטשן געבליבן אָן קאַרטאָפֿל.
— פֿון וואָס פֿאַר א קאַנט זײַט איר?
— ניט ווײַט פֿון זשמערינקע. איך האָב געהאַט גענוג קאַרטאָפֿל, ס'וועט קלעקן ביז נײַע.
— איר האָט א מישפּאָכע?
— ווי זשע אַנדערש. צוויי יינגלעך, און איצטער איז דאָס ווײַב אין דעקרעט. מײַן קלאַווע וועט זיך דערפֿרייען, איך פֿיר א פֿולן טשעמאָדאַן פֿאַפּירענע ווינדלעך. זי וועט פֿאַרשפּאָרן צו טײַנען: „ווי קאָן מען קינדלעך, אַז ס'איז קיין ווינדל ניט צו קריגן".
— אײַער קלאַווע אַרבעט?
— יאָ, ווײַל די שוויגער לעבט מיט אונדז. איצט איז זי נאָך נישקאָשע, זי איז גאַנץ קרעפּטיק, אָבער איך און מײַן קלאַווע ציטערן, זי זאָל ניט קראַנק ווערן און, כאַליליע, ניט שטאַרבן.
עס זײַנען אַרײַנגעקומען יענע צוויי מיטפֿאָרער, זיי האָבן זיך קוים געהאַלטן אױף די פֿיס. דער זשמערינקער האָט אופֿגעהויבן איינעם, אַרופֿגעוואָרפֿן אױף דער אייבערשטער באַנק, דעם אַנדערן אויך אַזוי. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אױף זײַן באַנק אַנטקעגן מיר, א טרויעריקן זיפֿץ געטאָן און אַראָפּגעוואָרפֿן דאָס רעקל. אופֿגעהאַנגען דאָס רעקל אױפֿן הענגער און זיך ווידער אַוועקגעזעצט אַנטקעגן מיר. אױף זײַן מײַקע, איבער דער גאַנצער ברוסט, זײַנען געווען אָנגעמאָלט איינע אַנטקעגן דער אַנדערער צוויי דיקע פֿרויען. איינע מיט גרינער פֿאַרב, די אַנדערע מיט געלער פֿאַרב. זיי זײַנען געווען נאַקעט, ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט. ער איז געזעסן אַנטקעגן מיר און געזיפֿצט. דאָס איז געווען זייער לעכערלעך, ווײַל די נאַקעטע מוידן זײַנען געווען אָנגעמאָלט זייער פּריילעכע.
— אײַער שוויגער איז שוין אַן אַלטע? — האָב איך געפֿרעגט.
— יאָ, אַזאַ, ווי איר. דעריבער האָבן מיר טאַקע מוירע, איך און קלאַווע. וואָרעם טאָמער שטאַרבט זי, שנײַדט מען בא אונדז אָפּ 15 סאָטקעס ערד, און אַזוי האָבן מיר דרײַסיק...

א מיידעלע פֿון סאָראָקע

סאָף 60-ער יאָרן האָב איך אַלעמאָל אױפֿן סאָראָקער מאַרק לעבן יוינע דעם קאַצעוו, געזען א מיידעלע. זי איז אַלט געווען א יאָר צוועלף און זי האָט צוגעהאָלפֿן דעם טאַטן רעכענען. דאָס סאַמע שענסטע באַם מיידעלע

זײַנען געווען אירע האָר, אַזױפֿיל, אַז ס'האָט געקאָנט קלעקן פֿאַר עטלעכע קעפּ. די האָר זײַנען געווען טונקעלע, ניט פֿון קיין בוילעטן קאָליר. דאָס פּאָנעם באַם מיידעלע איז געווען אַ בלייכס, אַ קליין נעזל, וואָס האָט אויס-געזען אויף איר ברייטן פּאָנעם ווי אַ בערגל אויף אַ פֿלאַך אָרט. אויפֿן מאַרק פֿלעג איך קומען צוויי מאָל אַ וואָך און אַלעמאָל האָב איך לעבן קאַצעוו געזען זײַן טעכטערל.

די צײַט איז געגאַנגען. אין אַכציקסטן יאָר האָט אַ קלונג געטאָן בײַ מיר דער טעלעפֿאָן. פֿון טרײַבל האָט צו מיר גערעדט אַן אָנגענעמע פֿרויען-שטימע.

— איך ווייס, אַז איר האָט מיך פֿאַרגעסן, איך האָב אײַך געפֿונען לויטן ספּראַוואָטשניק פֿון שרײַבער-פֿאַריין. כ'וואָלט וועלן אַרײַנגיין צו אײַך. איר געדענקט יוינע דעם קאַצעוו? איך פֿלעג אַלעמאָל שטיין לעבן טאַטן און אים העלפֿן רעכענען אויף די שטשאָטעס.

אין אַ צוויי-דרײַ שאָ אַרום איז געזעסן אַנטקעגן מיר באַם טיש ניט קיין ווויקסיקע פֿרוי מיט געדיכטע האָר, פֿײַן געשניטענע ליפּן און אַן אָוואַלע אונטערשטע קין. בייס די פֿרוי האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן, האָט מיך פֿאַר-וווּנדערט דער קאָליר פֿון אירע אויגן. גרוי-גרינלעכע, מיט גרויסע שוואַר-צאַפּלען און לאַנגע ווי‌עס, פֿאַרבויגענע אַרויף-צו.

אַז מע האָט אַזאַ גאַסט, דאַרף מען מער הערן, ווי ריידן. אַזוי האָב איך טאַקע געטאָן. די פֿרוי האָט גערעדט. זי האָט דערציילט, אַז זי האָט אַ באָבע פֿון 98 יאָר און דעריבער איז איר מאַמע זייער פֿאַרנומען. כוץ דעם, וואָס זי גייט אַרום דער באָבען, האָט זי נאָך דער פּרויס צוויי טעכטערלעך, איי-ניקלעך, וואָס זײַנען בײַ איר אויף זומער. ווײַטער האָט זי דערציילט, אַז יוינע דער קאַצעוו איז שוין לאַנג ניטאָ, אַז די מאַמע האָט אַ קליינינקע פּענסיע, ווײַל בייס דער טאַטע האָט געלעבט, האָט ער אַלץ אַליין באַוואָרנט.

— וווּ וווינט איר? — האָב איך געפֿרעגט.

— אין אַלמאַ-אַטאַ. איך אַרבעט אין דער קונסט-אַקאַדעמיע. איך האָב געענדיקט דעם פֿאַקולטעט פֿון קונסט-פֿאָרשונג, מײַן מאַן איז אַ מיליטערי-שער. צו קונסט האָט ער קיין שום שײַכעס ניט. כוץ דערוף, וואָס ער לייענט ביכער. איך בין געקומען אַהער אויף אַ סעמינאַר פֿון קונסט-פֿאָרשער, איך האָב זייער ליב מײַן אַרבעט. הײַנט קאָן איך ניט, צום באַדויערן, נאָר איך וואָלט זייער געוואָלט אַ קוק טאָן גאָרשמאַנס בילדער. איך וועל אין מאָסק-ווע זײַן אַ קנאַפּן כוידעש. איך וועל אײַך קלינגען. און ווען איר וועט זײַן גרייט מיך אויפֿצונעמען, איך זאָל אַ קוק טאָן די בילדער, וועל איך קומען.

די טיי אין קריגעלע איז קאַלט געוואָרן, זי האָט ניט געטרונקען. איך האָב געקוקט אויף דער פֿרוי, זיך דײַטלעך דערמאָנט דאָס מיידעלע, וואָס איז געשטאַנען לעבן יוינע דעם קאַצעוו און פֿינקטלעך גערעכנט, וויפֿל עס קומט פֿון מיר פֿאַר דעם פֿלייש. איך האָב געפֿרעגט, ווי רופֿט מען זי.

— מיך רופט מען מאשע. מאשע מעלער. וואָס קוקט איר אַף מיר אַזוי? איך וועל שוין מוזן גיין, באַלד הייבט זיך אָן אַ לעקציע, — האָט מאַשע געזאָגט, האָט זיך גרינג אופגעהויבן און איז דערנאָך היפּש געשטאַנען באַם שפּיגל. זי האָט זיך קיין אײַצע ניט געקאָנט געבן מיט די האָר. וויפּל זי האָט זיי ניט פאַרשאַרט אונטער דער הוט, זײַנען זיי גלײַך ווידער געפאַלן אַף איר שטערן און אַף איר נאַקן.

בייס מאַשע האָט געפירט אירע מיידעלעך צו דער מאַמען אין סאַראַקע, פלעגט זי אַלעמאָל אָנקלינגען צו מיר. געוויס האָב איך איר געוויזן גאָרש-מאַנס, זיכרוינע ליוואַכאַ, בילדער, און איך האָב זיך איבערצײַגט, אַז זי האָט פאַרשטאַנד און געשמאַק. מיר האָבן זיך באַפרײַנדעט. איצטער ווינט מאַשע מיט איר מישפּאָכע אין איוואַנאָוואָ. אין 1981 יאָר איז זי בא מיר געווען ניט איין מאָל. איך איבערצײַג זיך אַלץ מער און מער, אַז אַ מענטש, וואָס וויל, וואָס גאַרט צו דערהויבענעם, האָט דורשט צו וויסן און אָן אָפּענע נעשאָמע פאַר אײַנדרוקן, קאָן אַ סאַך דערגרייכן. איך זע, אַז מאַשע אַנט-וויקלט זיך, זי האָט טאַקט, קיינמאָל, ווען זי איז בא מיר, אַפילע ווען זי נעכטיקט, שמועסט זי ניט וועגן דעם, וואָס ס'איז פאַראַן אין די קראָמען און וואָס ס'האָט זיך געמינערט אין די קראָמען. ווען איך האָב אַנומלטן איר פאַרגעלייגט פּעקעלעך פּוטער, האָט זי זיך אָפּגעזאָגט און אויסגערופן:

— אין איוואַנאָוואָ זײַנען דאָ זייער אַ סאַך ענטלעך און מײַן שוויגער מאַכט פון זיי פאַרשיידנאַרטיקע געריכטן, אַפילע ענטלעך אין זיס-זויער גע-בראָטן.

בייס מאַשע גייט פון מיר אַוועק, באַגלייט איך זי, פון די טרעפּ שפּרינגט גרינג און געשיקט אַ יונגע פרוי, אַ גאַנץ שלאַנקע, ניט קיין וווקסיקע, אָבער פאַר מײַנע אויגן זע איך נאָך יוינע דעם קאַצעוו באַם יאַטקע-קלאָץ מיט דער האַק אין האַנט און לעבן אים — אַ מאָגער מיידעלע מיט אַ בלייך ניט-אויסדריקלעך פּאָנעם און געדיכטע-געדיכטע האָר...

אין פּאַרהײַזל

דער קירגיזישער שטאָטראַט האָט מיר געגעבן אַ שטוב:

— אַ גאַנצע שטוב? — האָב איך געפרעגט?

— יאָ, מיר האָבן אַזוי באַשלאָסן.

— וויפל צימערן?

— איך ווייס ניט גענוי. מיר דוכט, אַז צוויי. איין צימער וועט נאָך אַ קורצע צײַט זײַן פאַרנומען.

— ווער פאַרנעמט דעם צווייטן צימער?

— א זינגערן מיט א קאָמפּאָזיטאָר. זיי האָבן דערלאַנגט א מעלדונג, אז זיי פאָרן אוועק פון פרונזע, — האָט געזאָגט דער אינספּעקטאָר פון שטאָט־ראַט.

פאַרשטייט זיך, בין איך גלײַך אוועק אָנקוקן „מײַן שטוב". דאָס איז געווען א נידעריק-לענגלעך שטיבל פון לאַמפּאַטש, קליינע פענצטערלעך, אָבער ניט אזוי די פענצטערלעך, ווי דער שטרויענער צעשויבערטער דאַך, די לײַסטלעך, פון וועלכע דאָס ליים איז אראָפּגעפאַלן. זיי האָבן זיך געהוידעט פון ווינט און אין די ערטער, וווּ די לײַסטלעך זײַנען געווען צוגענאָגלט צו דער וואַנט, זײַנען די טשוועקעס אַרויסגעפאַלן און אַרום די לעכעלעך זײַנען געווען רינגעלעך פון רויטלעכן זשאַווער. עס האָט אויסגעזען, ווי דאָס שטיבל וואָלט געפּאַקט.

איך בין אוועק אין הויף. איך בין צוגעגאַנגען צו דער טיר פון שטיבל, וועלכע איז געווען צוגעשפּאַרט צו די בײַשטידלעך. איך האָב זי אָפּגעשלעפּט און איך בין אַרײַנגעגאַנגען אין א פינצטערן פּאָרהײַזל. דאָס איז געווען א מאָדנע פינצטערניש, וועלכע איז געדיכט געלעגן נידעריקער און איז צעזיפּט געוואָרן העכער. כ'האָב אויפגעהויבן די אויגן און איך האָב דערזען, אז דער דאַך איז לעכערדיק. דערנאָך האָב איך דערזען, ווי בא דער וואַנט לעבן דער טיר פון שטיבל באַוועגט זיך עפּעס. איך האָב נאָך ניט געזען, וואָס דאָס איז, נאָר איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אז דאָס איז ניט קיין קאַץ און ניט קיין הונט. כ'האָב געמאַכט א טראָט און זיך צוגעבויגן: מײַנע אויגן האָבן זיך צוגעוווינט צו דער פינצטערניש. איך האָב דערזען, וואָס עס האָט זיך באַוועגט, און איך האָב געפרעגט:

— קינד מײַנס, וואָס?.. — מער האָב איך ניט באַוויזן צו פרעגן גאָר־נישט.

— איך בין ניט קיין קינד. אַרויס פונדאַנען, מומע, דאָס איז אונדזער שטוב. מײַן מאַמעס און מײַן שטוב.

— ווּ איז דײַן מאַמע?

— אויף דער אַרבעט. רוק זיך אָפּ. דו ווילסט צעטרעטן מײַנע מערעלעך?

— וואָסערע מערעלעך?

— אָט ליגט דאָך צוויי מערעלעך אויף דער ערד... דאָס זײַנען מערעלעך, וואָס מײַן מאַמע ברענגט פון דער אַרבעט. זי אַרבעט אויף די גערטנער... — האָט דאָס יינגל געזאָגט און ער האָט זיך אויפגעשטעלט. איצט האָב איך געזען, אז דאָס איז א יינגל פון א יאָר אַכט-נײַן, און ער איז זייער דאַר און אָפּגעצערט. ער האָט גענומען די מערעלעך און אַרײַנגעלייגט אין קעשענע, האָט זיך ווידער אײַנגעבויגן, עפּעס צונויפגעשאַרט, דאָס צונויפגעשאַרטע אַרײַנגענומען אין זײַנע קוואַרע אָרעמס, איז אַרויס פון פּאָרהײַזל און איז אוועק צום לײמענעם פּאַרקן.

— וואָס טוסטו? — האָב איך געפרעגט. — ווײַל איך האָב ניט פאַר־שטאַנען, וואָס ער שפּרייט דאָרטן פאַנאַנדער, אויפן געזימס פון פּאַרקן.

— וואָס טוסטו, וואָס טוסטו?.. דאָס איז דאָך וואטע. די וואטע, אף וועלכער איך שלאָף מיט מײַן מאמען. די מאמע זאָגט, איך זאָל דאָס ארויסטראָגן אף דער זון.

איך בין צוגעגאנגען און איך האָב דערזען, אז דאָס איז ניט קיין וואטע, נאָר דאָס איז רויער בוימוואָל מיט שטעכלקעס, מיט דער זריִע, וואָס האָט זיך פארפלאָנטערט דערין און זיך געטונקלט, ווי קלײנינקע שטײנדעלעך. איך האָב געקוקט, ווי דאָס ייִנגל האָט דאָס זאָרגעוודיק אויסגעשפרייט, דערנאָך האָט ער ארײַנגעלייגט זײַנע דארע הענט אין די קעשענעס פון די צעקאָדערטע פלודערן. ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט שטאָלץ און ביטל איינצײַטיק און ער האָט האָפערדיק צו מיר געזאָגט:

— מײַן מאמע האָט מיר אַליין דערציילט, אז ווען מיר האָבן געוווינט אין קאָוונע, האָבן מיר געהאט דרײַ בעטן, עמעסע בעטן מיט קישנס. ווען דער טאטע וועט קומען פון דער מילכאָמע, וועלן מיר אוועקפאָרן קיין קאָוונע. — אף א ווײַלינקע האָט ער זיך פארטראכט, דערנאָך צו מיר הויך געזאָגט: — נו, גיי שוין, מומע, איך האָב קיין צײַט ניט.

ער האָט אוועקגעשפאנט מאנצבלש-אומאָפּהענגיק, און איך האָב מער ניט געקאָנט ארײַנגיין אין פאָרהײַזל פון דעם לאמפּאטש-שטיבל. כ'האָב צוגעשפּארט די טיר צו די בײַשטידלעך, ווו ס'איז געווען צוגעשפּארט פריִער, און איך בין אוועק.

נינאָ

איך האָב ניט געוואָלט, ניט געוואָלט און איך בין פאָרט אוועק צו „מײַן" שטיבל. די טיר, וועלכע איך האָב צוגעשפּארט צו די בײַשטידלעך, איז געלעגן, ווי א קלײנער פּאראָם אף דער פּארשנייטער יאבאָשע באם ארײַנגאנג פון פּאָרהײַזל. אין פּאָרהײַזל איז איצט געווען ליכטיק. סײַ פון די דאכלעכער, סײַ פון דערויף, וואָס די טיר איז דאָ אָפּגעשלײַדערט געוואָרן, איז די שײַן אהין ארײַנגעדרונגען. בא דער וואנט לעבן דער טיר פון שטיבל איז דאָס ייִנגל ניט געווען. איך בין ארויס אין הויף, כ'האָב זיך ארומגעקוקט. איך בין צוגעגאנגען צום ליימענעם פּארקן. דאָס רוי-בוימוואָל, וואָס דאָס ייִנגל האָט דאן אויסגעשפּרייט אפן געזימס פון ברייטן פּארקן, האָט דער ווינט אראָפּגעשמיסן אף דער ערד.

די טיר, וואָס האָט געפירט אין שטיבל, איז געווען ניט פארשלאָסן. איך בין ארײַנגעגאנגען אין א קליין פירקאנטיק צימער, לינקס — אן אָפּגעקאלכטע, קימאט נײַע פּליטע מיט פיר פײַערקעס. א געזונט, אײַזערן טירל — הייץ און קאָך!.. וואָס איז געווען צו קאָכן אין יענער ביטערער צײַט? דאָ האָט זיך נאָר געפונען א מין שלאָפבאנק, אָדער א נארע, אף וועלכע ס'איז געווען אָנגעקודלט לאָקשן-סטרוזשקעס, וואָס וואָלטן זייער צוניץ געקומען אף פּאקן

אייער, ווי אַף אַ געלעגער. באַם פֿענצטערל עטלעכע ברעטלעך אַף אַ צעפּאָרנעם קאַסטן. די פּאָדלאָגע פֿון שמאָלע ברעטער מיט ברייטע שפּאַלטן צווישן זיי, פֿון וועלכע ס׳האָט אַרויסגעקוקט די פֿאַרפֿרוירענע ערד. די טיר אין צווייטן צימער איז געווען פֿאַרמאַכט. אַהין בין איך ניט אַרײַנגעגאַנגען. כ׳האָב אַראָפּגעוואָרפֿן דעם וואַטניק און איך בין אַוועק צו דער גרויסער שטוב לינקס אין הויף באַ עמעצן אַנטלײַען אַן עמער און אַ שמאַטע. איינע אַ פֿרוי האָט מיר דאָס אַנטליִען און אין אַ קאַרגער צײַט אַרום האָט דאָס פּירקאַנטיקס צימערל געקראָגן אַן אַנדער אויסזען, איך מיט מײַן פּינפּיאָריק ייִנגעלע זײַנען געוואָרן „באַלעבאַטים״ פֿון אַן אייגענער אויסקומעניש.

די טיר פֿון צווייטן צימער איז נאָך אַלץ געווען צוגעמאַכט און פֿון אַהינטער דער טיר האָט זיך געלאָזט הערן אַ שטילע ליידיקײַט. כ׳האָב זיך דערמאָנט, וואָס דער אינספּעקטאָר פֿון שטאָטראַט האָט מיר געזאָגט וועגן דעם פֿאַרפֿאַלק, בין איך געווען זיכער, אַז זיי זײַנען שוין אַוועקגעפֿאָרן פֿון פּרונזע. האָב איך אויפֿגעעפֿנט די טיר און איך האָב דערזען גאָר אַ היפּשן צימער. באַם פֿענצטער אַ שרײַבטיש, אַפֿן שרײַבטיש אַ מירמלברעט, צוויי מירמל-טינטערס מיט מעשענע דעקלעך, אַ מירמלנעם לײַכטער מיט אַ פֿאַרקוילט קנייטל אין רער. לינקס אַ ברייטע סאָפֿע מיט שפּורן פֿון צונטער באַציִעכץ. אין סאַמע מיטן צימער אַף דער פּאָדלאָגע אַ דינע צעפּאַסעוועטע קאָשמע, וואָס האָט זיך געהאַלטן נאָר צוליב דעם, ווײַל דער ברייטער ראַנד אירער איז נאָך גאַנץ געווען. עס האָט זיך געלאָזט זען, אַז דער ראַנד איז טונקל, און אַז אַף אים איז עפּעס אָנגעמאָלט. די געמעלן האָט מען ניט געקאָנט אָנקוקן, ווײַל אַ דינער געלער שטויב איז געלעגן אַף אַלץ, וואָס האָט זיך געפֿונען אינעם צימער. פּונקט אַזאַ אײַנגעגעסענער שטויב, וואָס כ׳האָב פֿריִער קוים אויסגעראַמט פֿון „מײַן״ צימערל. דאָס איז געווען דער הונגעריקער מילכאָמע-שטויב, וועלכער איז ריין פֿון אַ קלענסטן ברעקעלע ברויט און פֿון אַ נישטיק גרײַפּל. אַ שטויב, וואָס יאָגט אָן אַ בייז נאָגעניש אין אַלע גלידער. איך האָב שוין ווידער געוואָלט גיין בעטן אַן עמער מיט אַ שמאַטע, נאָר ס׳האָבן זיך דערהערט שטימען. אין מינוטן אַרום זײַנען זיי אַרײַנגעגאַנגען. כ׳האָב גלײַך פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דאָס פֿאַרפֿאָלק, וועגן וועלכן מע האָט מיר געזאָגט אין שטאָטראַט. זיי האָבן דורכגעשפּאַנט „מײַן״ צימערל גײַוועדיק-באַלעבאַטיש, אַקוראַט ווי דאָרט וואָלט קיין לעבעדיק וועזן ניט געווען.

ערשט אַף מאָרגן האָב איך דערזען, אַז זי איז העכער פֿון מיטעלן וווּקס, אַז זי איז געווען זייער אַ שיינע. אירע גרויע טיפֿע אויגן זיינען געווען ווי פֿאַרנעפּלט. די געדיכטע וויִעס אויפֿגעפּרענזלט פֿײַכטלעך, די ברעמען שמאָל און טונקל. די נאַטור איז צו איר געווען אי באַרעמהאַרציק, אי אומבעראַכמאָנעסדיק. דער טונקעלער קאָליר פֿון די ברעמען איז געבליבן, די האָר אַפֿן קאָפּ האָט די נאַטור כאָרעוו געמאַכט. און אירע קליינע אויערן האָבן אַזוי נאַקעט אַרויסגעקוקט דורך אירע שיטערע האָר.

ער — הויך, פעסט, דאָס פֿאָנעם זײַנס זאפטיק-פריש, שווארצע זיס-גלו-סטנדיקע אויגן, שווארצע געדיכטע האָר, גלאט פֿארקעמט אף ארוף, גע-פֿרעסטע הויזן, ביז גלאנץ געפוצטע שיך. דאָס גאנצע אָנבליק זײַנס אזוי פֿארמילכֿאָמעדיק, אזוי ווילד-פֿרעמד. איך ווייס ניט פֿארוואָס, נאָר איז ער קוים דורכֿגעגאנגען דורך מײַן צימערל, איז גלײַך פֿאר מײַנע אויגן גע-שטאנען דאָס ייִנגל פֿון פֿאָרהײַזל.

צוויי מאָל א וואָך איז דאָס פֿאָרפֿאָלק געגאנגען אין שפיטאָל געבן קאָנ-צערטן. דורך דער אופגעעפֿנטער טיר האָב איך געהערט, ווי זי זינגט. איר קאָל האָט אָנגעיאָגט וויי און פֿארגעניגן. אזוי שטיל, ריטמיש איז געווען איר געזאנג. כ׳האָב אויך געהערט, ווי ער זאָגט צו איר:

— נינאָ, דו זינגסט ניט שובערטן, ניט גריגן און ניט טשײַקאָווסקין. פֿארגעס וועגן אמאָל. דו זינגסט די ברידער פֿאָקראס. הארטער! מוטיקער!

ווען זיי פֿלעגן נאָך די קאָנצערטן צוריק קומען, האָב איך געהערט, ווי זי האָט געזאָגט צו אים אומגעוואגט:

— וואָלדעמאר, עס, מײַן טײַערער!

— פֿארוואָס האָסטו ניט אופגעגעסן דאָס בולקעלע, דאָס וווּנדערט מיך, — פֿלעגט ער פֿרעגן.

— דו האָסט דאָך געזען, מע האָט מיר געגעבן א פֿולן טעלער היר-זשענע קאשע, איך בין זאט. עס, דושעטשקע.

איך האָב אויך געהערט, ווי ער קײַט און שלינגט דאָס בולקעלע.

קיין פֿיאנע האָבן זיי ניט געהאט. איז ער אָפט אוועקגעגאנגען שפילן גאמעס. דאן פֿלעגט זיך נינאָ צוזעצן אף דער נארע לעבן מײַן ייִנגעלע, זי האָט זיך געשפילט מיט אים אין מילכֿאָמע. גאנצע שוועבעלעך זײַנען געווען רויטארמייער, צעבראָכֿענע שוועבעלעך — פֿאשיסטן. זי האָט קונציק אונ-טערגערוקט די צעבראָכֿענע שוועבעלעך דעם ייִנגעלע, און ער איז געווען גליקלעך, וואָס ער האָט אוועקגעלייגט אזויפֿיל פֿאשיסטן. ס׳פֿלעגט אויך טרעפֿן, אז זי האָט זיך פֿלוצעם פֿארטראכט און שטיל דערציילט, ווי זי וואָלט גערעדט מיט זיך אליין.

— אין נײַן און דרײַסיקסטן יאָר האָט מען מיך אין סעוואסטאָפּאָל בייס מײַן זינגען פֿארשאָטן מיט רויזן און געאצינטן. אך, ווי פֿרעכטיק! דאָס איז ניט צו באגרײַפֿן, כ׳בין געווען אָנגעטאָן אין א טונקל-קרעם זײַדן קלייד, אין גילדערנע לאָדעטשקעס און איך האָב געפֿילט, ווי דער זאל צעגייט פֿון שו-בערטס סערענאדע.

אירע שטילע ווערטער האָבן זיך צו מיר דערטראָגן, ווי פֿון ווײַטע יאָר-הונדערטער, נאָר קוים האָט זי דערהערט זײַנע טריט, איז זי אופגעשפרונגען פֿון דער נארע און איז פֿארשווּנדן אהינטער דער טיר פֿון זייער צימער. ער האָט שטענדיק דורכֿגעשפאנט מײַן צימערל מיט א קאלטן גוטנאָוונט, נאָר מיר האָט עס ניט געארט. פֿונקט ווי איך האָב אים ניט באמערקט, אזוי האָב איך ניט געענטפֿערט אף זײַן „גוטנאָוונט".

...אין יענער פֿײַנלעכער צײַט בין איך געווען זיכער, אַז אַ מאַנצבל, וואָס איז ניט אפֿן פֿראָנט און עסט נאָך דערצו אויף אַ גאַנצע בולקעלע אַלע אָוונט, איז נידערטרעכטיק. נאָר איינציקן האָבן זיי אופֿגעהערט צו גיין אין שפּיטאָל. איך האָב ניט געוווּסט, וואָס איז געשען. כ'האָב גאָרניט געפֿרעגט. איך האָב אָבער געזען, ווי נינאָ גייט אַוועק איבער אַ טאָג מיט אַ פּעקל. כ'האָב אויך געזען, ווי זי קומט מיט אַ בינטעלע האָלץ און מיט עפּעס פֿאַרוויקלטס אין פּאַפּיר. כ'האָב גלײַך געזען, אַז דאָס איז פֿליישיקס, ווײַל דאָס פּאַפּיר איז געווען אין ראָזלער-פֿעטע פֿלעקן. אָבער אַזוי ווי די פּליטע האָט זיך געפֿונען אין מײַן צימערל, האָב איך געהאַט די מעגלעכקײַט זיך איבערצײַגן, אַז דאָס איז שאָפֿנפֿלייש. דערנאָך האָב איך מיט מײַן יינגעלע געהאַט אויסצושטיין די אומדערטרעגלעכע מאַטערניש פֿון רייעך, בייס זי האָט געבראָטן דאָס שאָפֿנפֿלייש. אַנומלטן, האָט מײַן יינגעלע אַזוי ביטער זיך פֿאַנאַנדערגעוויינט, אַז זי האָט געפֿרעגט:

— קינד, וואָס איז מיט דיר?

— איך וויל אויך.

פֿון דאַן אָן האָט נינאָ שטענדיק אויסגעטיילט פֿאַר מײַן קינד אַ קליין, קליין שטיקעלע פֿונעם געבראָטנס. ער האָט געכליפּעט און געשריִען: איך וויל נאָך! — נאָר די זינגערן איז שוין מיט דער סקאָווראָדע פֿאַרשוווּנדן אַהינטער דער פֿאַרמאַכטער טיר פֿון זייער צימער, איבערלאָזנדיק דעם פֿײַנלעך-לאָקנדיקן רייעך, פֿון וועלכן עס האָט זיך געדרייט דער קאָפּ.

פֿון אַהינטער דער טיר האָט זיך געהערט איר גינציקער געטרײַער ווייכער קאָל:

— וואָלדעמאַר, עס גיכער, האַרציקער מײַנער! דאָס שאָפֿנפֿלייש קילט זיך און קיין האָלץ האָבן מיר מער ניט.

— און דו? — פֿלעגט ער פֿרעגן מיט זײַן גוט-געשטעלטער שטים.

— אַנטשולדיק, כ'האָב זיך ניט באַהערשט...

— אומדערהערט! האָסט געכאַפּט פֿון סקאָווראָדע! אומדערלאָזבאַר! נינאָ, דו ווערסט פֿאַרוואַנדלט אין אַ באַשעפֿעניש פֿון אַ פֿינצטערער אוראַלטער הייל.

— אַנטשולדיק, — בעט זי זיך...

דערנאָך הערט זיך שוין נאָר ווי ער קײַט.

איינמאָל איז זי אַרײַנגעגאַנגען אין מײַן צימערל מיט אַ גרינער זײַדענער קלייד אויף די אויסגעצויגענע הענט און זי האָט פֿאַרביטערט צו מיר גערעדט:

— גיט אַ קוק, דאָס איז מײַן לעצט קלייד. מער האָב איך גאָרנישט ניט.

איך געדענק ניט, וואָס כ'האָב געזאָגט. אָבער עפּשער האָב איך געזאָגט, זי זאָל אים הייסן אויסטאָן די געפּרעסטע פּלודערן, וואָרעם איך געדענק גוט, ווי זי איז בלייך געוואָרן און ווי זי האָט זיך געבעטן:

— שטילער, שטילער, ווי גאָט איז אײַך ליב, ער קאָן דערהערן!

זי האָט פֿאַרוויקלט דאָס קלייד אין אַ שמאַטע און געפּליסטערט:

— כ'בין אליין שולדיק. וואָס האָב איך געהאַט צו ווײַזן! איר וועט עס קיינמאָל ניט פארשטיין, קיינמאָל!

זי איז אוועקגעגאנגען. זי האָט זיך לאנג געזאמט. ענדלעך, איז זי געקומען און זי האָט מיר געוויזן די קניע, דערבײַ האָט זי באדויערט, און טרערן האָבן געפלייצט פון אירע אויגן:

— פאר אזא פרעכטיק קלייד מיט בריוסעלער שפיצן, נאָר דאָס וואָס איר זעט, דאָס איז גאזלאָוואָי!

איך האָב געקוקט אף דעם שטיקל לעבער און אף דער בארג-קוראָפאטקע, און איך האָב ניט געפונען אין זיך קיין מיטגעפיל. איך האָב געפילט א ביטערן ראכמאָנעס אף דער בעהיימע, וואָס איז פארשניטן געוואָרן און אף דער בארג-קוראָפאטקע, וועלכע איז געלעגן מיט צעשפרייטע גאָלדיק-ברוינלעכע פליגל, קעדיי די וואָלדעמארס זאָלן האָבן וואָס צו פארדײַען. כ'וועל קיינמאָל ניט פארגעסן, ווי דאָס בלייכע שנאָבל בא דער געשטאָרבענער קוראָפאטקע איז געלעגן אפן אײַזן פון דער פליטע און איך ווייס ניט פארוואָס, עס האָט זיך מיר ווידער דערמאָנט דאָס אָפגעצערט הונגעריק ייִנגל פון פאָרהײַזל.

וואָס ווײַטער, האָט נינאָ אלץ מער געוויינט. וואָלדעמאר איז אָפט נעלעם געוואָרן. זי האָט געשפאנט הין און צוריק איבער זייער צימער, ראפטאָם האָט זי ארײַנגעשפאנט אין מײַן צימער, און גלײַך ווי איך וואָלט געקאָנט וויסן, ווו ער איז, האָט זי פארצווייפלט געפרעגט:

— ווו איז ער? ווו זוך איך אים? וואָס טו איך?

איך האָב זי געטרייסט, ווי כ'האָב געקאָנט. אלע מײַנע טרייסט-ווערטער האָט זי אָפגעוואָרפן מיט איין פראזע:

— איר וועט עס ניט פא-אר-שטיין...

שווער צו דערציילן, וואָס מיט איר איז געוועזן, ווען ער איז ניט געקומען נעכטיקן. איין מאָל ניט געקומען, א צווייט מאָל און איז אנטרונען געוואָרן.

זי איז אזוי אויסגעדייוועט געוואָרן, אז יעדער אָדערל אירס האָט דורכגענומען די דורכזיכטיקײַט פון איר בלייכער הויט. גאנצע טעג איז זי אומגעלאָפן איבערן שטאָט. איך האָב שוין ניט געוואגט עפעס צו זאָגן. טאָמער האָט זיך איר געדוכט, אז איך וויל זי טרייסטן, האָט זי געפאָכעט צו מיר מיט אירע דארע הענט און ארויסגעפרעסט מיט אירע בלייכע צעקנייטשטע ליפן:

— דאָס וועט איר קיינמאָל ניט באנעמען! איר זײַט הארט, ווי א מאנצבל. איר זײַט א סיווילא...

אין איינעם א פארנאכט איז זי ארײַנגעלאָפן א פארסאָפעטע, זי האָט צונויפגעקנוילט אירע עטלעכע טראנטעס, פאר וועלכע קיינער וואָלט שוין גאָרנישט ניט געגעבן און זי האָט צו מיר א זאָג געטאָן:

— איך ווייס שוין! איך פאָר צו אים!..

איך האָב זי באַגלייט צום וואָקזאַל. כ'האָב זי באַגלייט נאָר דערפֿאַר, ווײַל איך האָב מוירע געהאַט, זי זאָל כאָלילע ניט טאָן, ווי יענע זעלטן-זעלטנסטע פֿרוי פֿון באַרימטן ראָמאַן.

זי איז געשטאַנען אויף די טרעפּלעך פֿון וואַגאָן, זי האָט צו מיר געפֿאָכעט מיט אַ בלייכער האַנט, דער ווינט האָט צוגעפּעטשלט און פֿאַנאַנדערגעוואָרפֿן אירע שיטערע האָר, צוגעקלעפּט איר גרינג קלייד צו אירע שמאָל-געוואָרע-נע פֿלאַטשיקע לענדן. פּלוצעם האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט פֿון די טרעפּלעך, איז צוגעגאַנגען צו מיר נאָענט-נאָענט און מיר אַרײַנגעזאָגט גלײַך אין אויער אַרײַן:

— סיווילאַ!.. עמעסע ליבע דאַרף ניט טײלן אײן צוקאָפּנס. עמעסע ליבע דאַרף אײביק-אײביקע גרײטקײַט.

דערנאָך שוין פֿון דער אָפֿענער וואַגאָן-טיר, האָט זי מיר געשריִען:

— זײַט געזונט, סיווילאַ!..

* * *

דער קירגיזישער סאָף-ווינטער האָט שוין געלעקט דעם שניי. די זון האָט באַלויכטן די קאַראַהאַטשעס אין פּאַרק. איך בין געזעסן אויף אַ באַנק. ס'איז צוגעגאַנגען אַ פֿרוי מיט אַ ייִנגעלע פֿון אַ יאָר נײַן-צען. זיי האָבן זיך אוועקגעזעצט לעבן מיר, דערנאָך האָט די פֿרוי צעבראָכן אַ לעפּיאָשקע — אַ קירגיזיש ברויטל. העלפֿט האָט זי אַליין גענומען עסן, העלפֿט געגעבן דעם ייִנגל. יענער איז גיך פּאַרטיק געוואָרן מיט זײַן כיילעק. ער האָט לאַנג באַ-וועגט דעם צונג צווישן די באַקן, זיך לאַנג באַלעקט. דערנאָך האָט ער מיט אַ מין זינגעוודיקײַט, וועלכע איז מיר געווען קענטלעך, געפֿרעגט:

— מאַמע, די לעפּיאָשקע, וואָס דו האָסט געגעסן, איז געווען אַזוי גע-שמאַק, ווי מײַנע?

אַ ציטער האָט מיך דורכגענומען. דאָס ייִנגל פֿון פּאַרהײַזל. ס'איז קיין סאָפֿעק ניט געווען. פּונקט אַזוי האָט ער דאָך דאַן געזאָגט צו מיר:

— דאָס איז די וואַטע, די וואַטע, אויף וועלכער איך שלאָף מיט מײַן מאַמע.

איך האָב מיך דערפֿרייט. דאָס ייִנגל איז געווען אָנגעטאָן אין אַ קאַמ-זאָלקע פֿון וואַטע, אין גאַנצע הייזלעך, אויף די פֿיס האָט ער געהאַט נײַע סאַנדאַלעכלעך. מײַן פֿרייד האָט מיך אוועקגעטריבן אַהיים.

— מאַמע, זע, אַ בריוו, — האָט מײַן ייִנגל אויסגעשריִען, ווען איך בין אַרײַנגעגאַנגען אין שטיבל. כ'האָב דערזען אַן אומבאַקאַנטע האַנטשריפֿט אויפֿן דרײַעקיקן קאָנווערט. אָבער ווי איך האָב איבערגעלייענט די ערשטע ווער-טער, האָב איך שוין גלײַך פֿאַרשטאַנען. און איבערגעלייענט האָב איך אָט וואָס: „גוטמאָרגן בײזע, האַרטע סיווילאַ, מיר לעבן זאַלבעדריט. פֿאַר אײַך

איז ניט וויכטיק, ווי מע רופט זי. מיר לעבן גאנץ פרײַנטלעך. אָפּט איז מיר באַנגלעך. פונדעסטוועגן בין איך גליקלעך. די שכיינע, וואָס וווינט אהינטער א דין ווענטל, אין א ווינקל לעבן אונדזער צימערל, האָט שוין א פּאָר מאָל געפרעגט בא מיר: „איר זײַט טאקע זײַנע א שוועסטער? איר זײַט גאָרניט ענלעך אף אים!" איך האָב באפרידיקט איר נײַגער. איך האָב איר געזאָגט, אז מיר זײַנען פון איין טאטן און ניט פון איין מאמען. מיר ווארטן, ווי איר, אז די פארשאָלטענע מילכאָמע זאָל זיך גיך ענדיקן. יאָ, כ'האָב מיר אזוי דערפרייט, ווען וואָלדעמאר האָט מיך דערזען, האָט ער אופגעשטראַלט און האָט צו מיר געזאָגט: „נינאָ, דו ביסט פּרעכטיק, כ'האָב געוווּסט, אז דו וועסט מיך געפינען". איך מאָל מיר אויס סאַרא גרויסע אויגן איר מאַכט. אוי, סיווילאַ, וואָס פארשטייט איר? אדיע, סיווילאַ. אײַער נינאָ".

זיסקינד לעוום גוירל

אין 1935 יאָר האָב איך מיט מײַן מישפּאָכע געוווינט אין ליובלינאָ. כאָטש דעמלט איז ליובלינאָ, ווי איצט, געווען א נאָענטע מאָסקווער בײַשטאט, איז מען אהין געפאָרן מיט א דאמף-צוג און דאָס איז געווען א גאנץ אומבאקוועמע רײַזע. נאָר ווינציקע כאווײרים האָט עס ניט אָפּגעשראָקן. דעריבער האָב איך זיך מיט מײַן מאן זייער פארווּנדערט, ווען אין איינעם אָוונט זײַנען צו אונדז געקומען א פּאָרפּאָלק, וועלכע זײַנען די לעצטע צײַט געווען זעלטענע געסט. נאָך מער האָט אונדז פארווּנדערט דער הויכער אומבאקאנטער מאנצבל, וואָס איז מיט זיי געקומען. א קרעפּטיקער, מיט א פעסטן קאָפּ, וואָס איז געזעסן אף די ברייטע פּלייצעס, מיט זייער א פרײַנטלעכן בליק. אָנגעטאָן איז ער געווען אין א גרינגן ברייטן העלן זומערמאנטל, לויטן העכסט-אייראָפּעיִשן שניט. אין א ווײַלע ארום האָבן מיר שוין געוווּסט, אז ער איז א יידישער שרײַבער, אז מע רופט אים זיסקינד לעוו, אז זײַן יונגע פרוי גאָלדע איז פּלוצעם בלינד געוואָרן, און דאָס איז איבערגעגאנגען, איצטער זעט זי, אז זיי האָבן א קליין יינגעלע, א מיידל פון א יאָר צען, און אז זיי האָבן געוווינט אף דאטשע. איצט האָט זיך דער סעזאָן געענדיקט און ער האָט זיך ניט ווו אהינצוטאָן. פון דעם אלעם האָבן ניט איך, ניט מײַן מאן ניט פארשטאנען, פארוואָס האָט דאָס פּאָרפּאָלק געבראַכט לעוון צו אונדז, ווײַל אין מאָסקווע זײַנען דאָ היפּש יידישע שרײַבער, א סאך פון זיי האָבן באקוועמע דירעס. ווי זשע האָט געקאָנט געמאָלט זײַן, אז זיסקינד לעוו זאָל בלײַבן, ווי אפן וואסער? נאָר די פרוי, וואָס איז געקומען מיט איר מאן און מיט לעוון האָט אונדז קלאָר געמאכט די זאך. זי האָט צו אונדז געזאָגט:

— טוט א זוך אין ליובלינאָ. ס'קאָן דאָך ניט זײַן, אז מע זאָל דאָ קיין צימער ניט געפינען פאר לעוון.

האָב איך געזוכט און גאָרנישט געפונען. האָב איך גענומען פרעגן בא די שכיינים, און ס'האָט מיר אָפּגעגליקט. טאַקע אין דער שטוב, ווו מיר האָבן געוווינט האָט אין פּאָדוואַל געוווינט אַן אַרבעטער-מישפּאָכע, זיי האָבן געהאַט נאָר איין קינד. אָבער געלט האָבן זיי געוואָלט האָבן מערער, האָבן זיי פאַרדונגען לעוון איינס פון זייערע צימערן. און לעוו האָט זיך אײַנגיכן אַריבערגעקליבן. פאַרשטייט זיך, אַז לעווס מישפּאָכע איז געווען מער בא אונדז, ווי אין פּאָדוואַל, ווײַל מײַן מאַן איז מיט מיר מאַסקים געווען, אַז אין פּאָדוואַל איז פײַכט און טונקל און בא אונדז איז ליכטיק און טרוקן. פאַר לעווס יינגעלע, פאַר יוליקן, וועלכער איז דאַן אַלט געווען עטלעכע כאָדאָשים, האָט מען אַפילע אַוועקגעשטעלט אַ בעטעלע בא אונדז און ער איז געוואָרן אונדזערער אַ טוישעוו. לעווס מיידל, וואָס איז אַלט געווען צען יאָר איז אויך געווען בא אונדז. גאָלדע פלעגט מערסטנטייל זײַן מיט לעוון אין פּאָדוואַל. ער האָט געזאָגט, אַז נאָר דאַן, ווען זי זיצט אַף אַ שטול לעבן אים, קאָן ער רויִק אַרבעטן. זי איז אַלט געווען עטלעכע און צוואַנציק יאָר. געשטאַמט האָט זי פון אַ לעמבערגער אַרבעטער-מישפּאָכע. זי האָט דערציילט, אַז די ברידער אירע זײַנען געווען מער אין געפּענקעניש, ווי אַף דער פרײַ. איך האָב געהאַט אַ פאָרורטייל, אַז אין אַרבעטער-מישפּאָכעס קאָנען קיין שיינע פרויען אָדער מיידלעך ניט זײַן. אָבער גאָלדע האָט עס מיט איר אויסערלעכקײַט לאַכלוטן אָפּגעלייקנט. זי האָט געהאַט אַ קאָפּ שוואַרצע גלאַנציקע געקרײַזלטע האָר, טונקל-ברוינע אויגן מיט אַזוינע לאַנגע וויִעס, אַז דאָס האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק, אַז די אויגן אירע פליִען צו אײַך. איר פּאָנעם איז געווען צאַרט. זי האָט אַ קליינעם מויל, אירע רונדע אַקסלען, איר שמאָלער טאָרס זײַנען געווען ווי אַרײַנגעטאָקט אין איר דינער טאַליע. פיס האָט זי געהאַט שלאַנקע און קליינע. זי האָט עס אַפּאָנעם געוווּסט. אין שטוב פלעגט זי אומגיין אַ באָרוועסע. זי איז געווען אַ שטילע, אַ נאָכגיביקע, און אין דער זעלבער צײַט קיינמאָל ניט מאַסקים געווען מיט זאַכן, וועלכע זײַנען געווען, לויט איר מיינונג, ניט ריכטיק. זי האָט אָפט געזאָגט: „מײַן טאַטע, מײַנע ברידער וואָלטן קיינמאָל אַזוי ניט געטאָן. דאָס איז דאָך ניט עמעס. איך האָב דאָס פײַנט".

פאַרשטייט זיך, אַז לעוו איז געווען זייער אָנגעשראָקן, וואָס גאָלדע איז פּלוצלינג בלינד געוואָרן. ווי נאָר זי פלעגט אַרוף צו אונדז, פלעגט ער שוין שפּרינגען איבער צוויי-דרײַ טרעפּ מיטאַמאָל, אַרײַנלויפן צו מיר אין קיך און דערשראָקן פרעגן:

— מײַן ביסל גאָלד איז דאָ? וואָס מאַכט עס?

ווען איך פלעג אַרײַנגיין אין צימער עפּעס נעמען, פלעג איך זען, ווי ער זיצט אַף דער פּאָדלאָגע, ווי ער האַלט זײַנע הענט אַף אירע קני, קוקט אַרוף צו איר מיט אַזאַ אויסדרוק, אַקוראַט זי וואָלט געשוועבט אין הימל.

אָט אַזוי האָבן מיר געלעבט — מײַנע דרײַ מיידלעך, לעווס מיידל פון דער ערשטער פרוי. זיי פלעגן מאַמעש איבערקערן דעם צימער קאַפּויער. יוליק אין בעטעלע פלעגט קוויטשען פון פרייד, קוקנדיק אַף זיי. מײַן מאַן פלעגט

אָבער אָפּט מוזן אנטלויפן קיין מאָסקווע, ווו ער האָט זיך באהעפט מיט זײַנע פּריוואַט-מאָלער און דאָרטן פלעגט ער ארבעטן. אין די טעג, ווען מײַן מאַן איז געווען אין מאָסקווע, פלעגט לעוו זיך ארופכאפּן מיט דער שרײַב-מאשינקע צו אונדז. ער פלעגט עס אוועקשטעלן אף א שטול, אליין פלעגט ער זיך זעצן אף דער פאָדלאָגע, גאָלדע פלעגט זיצן לעבן אים אף א קליי-נינקן בענקעלע, און דאָס קלאַפּן פון דער מאשינקע פלעגט זיך „הארמאָ-ניש" צונויפגיסן מיטן הארמידער פון די קינדער. פלוצעם פלעגט זיך לעוו א כאַפּ טאָן, ארויסנעמען יוליקן פון בעטל. ער פלעגט לויפן איבערן צימער מיט א מאָדנעם קאָל, אף א ניט געהערטן ניגן זינגען: „רומטשע, רומטשע, רודערע-רא-ראם!" גאָלדע פלעגט צונויפלעכטן אירע דינע פינגער און בעטן:

— לעוו, האָב ראכמאָנעס, שטילער! דו זינגסט שוידערלעך. יוליק וועט כאָלילע, זײַן בא אונדז א שטאמלער.

אָבער יוליק האָט זיך ניט געשראָקן. ער האָט געשוויבערט מיט די הענט-לעך לעווס געדיכטע פּאטלע און זײַן פּענעמל האָט געשטראַלט פון פרייד. גאָלדע און לעוו האָבן אויך געשטראַלט. ס'האָט זיך שטענדיק ארום זיי גע-שפּרייט א ליכטיקע געמיטלעכקײַט. שײַן פון ליבע-אייניקײַט, פון אײַנפאר-שטענדיקײַט האָט זיך ארום זיי געשפּרייט. אמאָל פלעגט עס א ביסל צע-שטערט ווערן פון זייער טאָכטער. ס'האָט ניט געהאָלפן די צארטקײַט, ווייכ-קײַט, וואָס גאָלדע האָט קעסיידער ארויסגעוויזן צו דעם מיידל, קעדיי צו לעשן איר אייפערזוכט. גאָלדע האָט ניט איין מאָל געפרעגט בא מיר:

— זאָג, איך בעט דיך. אָבער נאָר דעם עמעס זאָג. ניט שוין זשע בין איך טאקע א שטיפמאמע?

איך האָב גאָלדען געטרייסט, אָבער ניט זייער אנטשלאָסן. איך צו מײַנע קינדער בין ווײַט געווען ניט אזוי ווייך, ווי גאָלדע צום מיידל. און פונדעסט-וועגן, זײַנען מײַנע קינדער קיינמאָל ניט געווען אזוי ווילד-פריילעך אָדער פארומערט, ווי לעווס טאָכטער. לעוו האָט געזאָגט, אז גאָלדע דארף זײַן מער שטרענג, מער הארב, מער אנטשלאָסן מיט דער טאָכטער, אז פון דער צארטקײַט ווערט זי נאָך מער צעלאָזן. ס'קאָן זײַן, אז ער איז געווען גערעכט. אָבער ווו האָט גאָלדע געקאָנט נעמען הארבקײַט?..

כאָטש גאָלדע איז געווען באוועגלעך, אָבער דאָקטוירים האָבן געייצעט א קוראָרט. און ווינטער איז לעוו מיט איר אוועקגעפאָרן קיין גאגרי. פון-דאָרטן האָב איך געקראָגן א קליין בריוועלע, וועלכס האָט מיך זייער דערשראָקן. לעוו האָט געשריבן: „די ערשטע טעג האָט זיך מײַן ביסל גאָלד געפילט זייער גוט, נאָר איצט קלײַב איך זיך אין וועג, ווײַל מײַן גאָלד האָט פארלאָרן דאָס לאָשן. אָנשרײַבן די ווערטער, וואָס זי וויל זאָגן, קאָן זי אויך ניט. ווי איך פארשטיי, האָט זי פארגעסן ווי צו שרײַבן אויך. אף מיר הענגט א שווארצע כמארע. די זון איז פארגאנגען. ווי פירט זיך די טאָכטער? וועגן יוליקן פרעג איך ניט. ער איז דאָך זיכער, אז דו ביסט זײַן מאמע. דײַן לעוו".

פאַר דער גאַנצער צײַט איז דאָס פּאָרפאַלק, וואָס האָט לעוון געבראַכט צו אונדז, ניט געקומען. כ'האָב זיי צופעליק באַגעגנט אין יידישן טעאַטער. כ'האָב זיי דערציילט, וואָס פאַרא בריוול כ'האָב געקראָגן פון לעוון. זיי האָבן מיר געזאָגט:

— מיר ווייסן. מיר האָבן אויך פון אים א בריוול. אַן אומגליקלעכער מענטש, כאָטש זי האָט דאָס געזאָגט מיט גרויס מיטגעפיל, כאָטש איך האָב דאַן ווינציק פאַרשטאַנען, האָב איך אָבער גוט געוווּסט איין זאַך: איך האָב געוווּסט, אַז מיטגעפיל פאָדערט מי. ווען לעוו איז געקומען מיט גאָלדען פון גאַגרי, האָט זיך אָנגעהויבן א סעדרע דאָקטוירים, קאָנסולטאַציעס מיט פּראָפעסאָרן, און מע האָט גאָלדען אַוועקגעלייגט אין א נייראָ-כירורגישער קליניק אף בורדענקאָס נאָמען. מע האָט איר געמאַכט א שאַרבן-טרעפּאַנאַ-ציע. ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז קיין געשווילעכץ, וועלכע מע איז כוישעד געווען אין מאַרך, איז ניטאָ. אַז די בלינדקײַט פריער, דאָס פאַר-געסן ריידן און שרײַבן און דאָס, וואָס די רעכטע האַנט און פוס זײַנען איצט געליימט בא איר, איז א רעזולטאַט פון א פאַרמערטן סקלעראָז אפן באָדן פון א יערושע-קראַנקײַט. און דאָס איז אומעגלעך אויסצוהיילן.

נאָך דער אָפּעראַציע, ווען זי איז צו זיך געקומען, האָט מען זי אויסגע-שריבן. אירע האָר זײַנען געווען אָפּגעגאָלט, זי האָט אויסגעזען, ווי א קינד. איר בליק האָט אויסגעדריקט איין פּײַנלעך-נאַיווע פראַגע: „זאָגט מיר, וואָס איז מיט מיר?"

לעוו איז געווען נאָענט צו שיגאָען. אָבער געאַרבעט האָט ער אין די נעכט שטענדיק. ס'איז געווען אומפאַרשטענדלעך, ווו נעמט ער קרעפטן פאַר דעם...

צום גרויסן וווּנדער האָט גאָלדע אָנגעהויבן ריידן. ניט אזוי פליסיק, אָבער גאַנץ דײַטלעך. דער באַוווּסטזײַן איז בא איר געווען א קלאָרער. איצט איז זי שוין געלעגן בא אונדז, און לעוו פלעגט אַרבעטן באַטאָג אויך. ער האָט געשריבן א פּיעסע וועגן די צײַטן פון דער ערשטער מילכאָמע, ווו ס'איז געווען אָנגעמאָלט א מילכאָמע-אינוואַליד, וועלכער איז געקומען אין זײַן דאָרף א צונויפגעבונדענער מיט שטריק. ווען לעוו האָט עס פאָרגע-לייענט, האָט גאָלדע געקײַכט פון געלעכטער. און אַז זי האָט זיך אויסגעלאַכט, האָט זי געזאָגט:

— לעוו, טײַערינקער, וואָס האָסטו אָנגעשריבן? קאָן דען אזא צעקרע-פּלטער מענטש לעבן, ווײַל מע האָט אים צונויפגעבונדן מיט שטריק? קעדיי זײַנע אייוורים זאָלן זיך ניט צעפאַלן?

— מײַן גאָלד, ער קאָן, אויב איך וויל.

גאָלדע האָט אַרויסגערוקט נאָך אַן אַרגומענט:

— אָבער מענטש איינער, ווי וועט אים זײַן ווײַב דערקאָנען? דו שרײַבסט דאָך, אַז מע האָט אים צוגעשטוקעוועט די נאָז, אַז פון די וואָנצעס האָט מען אים געמאַכט ברעמען, אַז ביידע אויערן האָט מען אים אַראָפּגעשאָסן.

— גאָלדל, דאָס ווייַב זייַנס וועט שוין א סימען האָבן, — האָט לעוו געזאָגט, זיך פלוצעם פארטראכט און באמערקט: — הייסט עס, איך האָב דיך ניט איבערצייַגט, דארף מען דאָ נאָך א שוויץ טאָן.

די פיעסע איז אינגיכן פארטיק געוואָרן. מיכאָעלס האָט זי אָנגענומען מיט א באַדינג, אז אייניקע בילדער (איך געדענק שוין ניט וועלכע) דארף לעוו איבערמאכן. פלוצעם איז גאָלדען געוואָרן זייער שלעכט. מע האָט זי אוועקגעלייגט אין באָטקין-שפּיטאָל. פאר דער גאנצער קלאָגעדיקער צייַט איז דאָס פּאָרפּאָלק, וואָס האָט לעוו געבראכט צו אונדז, געקומען איין מאָל. איך האָב זיך געוווּנדערט. לעוו האָט געזאָגט:

— ס׳איז זיך ניטאָ וואָס צו וווּנדערן און ניטאָ וואָס צו באַדויערן. באַדויערן דארף מען, ווען פרייַנט קומען ניט. אָבער...

די צייַט איז, פארשטייט זיך, ניט געשטאנען. פרילינג 1936 האָט דער קינסטלערישער פאריין געגעבן א דירע מייַן מאַן. אזויווי די צוויי צימערן אין ליובלינאָ האָבן געהערט איינעם אן אינזשעניער, וואָס איז אוועקגעפאָרן ערגעץ אפן ווייַטן מיזרעך, האָבן מיר עס לעוון ניט געקאָנט איבערלאָזן, כאָטש דעם האָט לעוו ניט געקאָנט בלייַבן מיט די קינדער, ווייַל ניט קוקנדיק אפן גרויסן אומגליק, האָט ער דאָך געמוזט ארבעטן. ער האָט געזוכט א לענגערע צייַט און ער האָט געפונען א צימער אין אודעלנע. די באַלעבאָסטע פונעם צימער האָט זיך אויך גענומען פירן זייַן באַלעבאטישקייַט. פארשטייט זיך, איז ער אלע טאָג געווען אין מאָסקווע. פריִער פלעגט ער פאָרן צו גאָלדען אין שפּיטאָל, פון דאָרטן פלעגט ער קומען צו אונדז, צונעמען דאָס, וואָס איך פלעג פאר אים אייַנקויפן, און פאָרן צו די קינדער. ער איז געווען זייער אָפּגעצערט, אין זייַן בליק איז געווען פארלאָרנקייַט, אָבער געארבעט האָט ער, ווי פריִער, דורך די נעכט. ס׳איז געווען ניט צו פארשטיין, ווו דער מענטש נעמט קויעך. ווען איך פלעג אמאָל זאָגן, ער זאָל זיך צוליגן אָפּרוען, פלעגט ער מיך אָנקוקן פארוווּנדערט, אָדער זאָגן: „א שרייַבער מוז זייַן א ריז, א שרייַבער — א קאָמוניסט מוז ארבעטן און לעבן דאַן, ווען א פראָסטער באַסערוואָדאָם וואָלט אויסגעצויגן די פיס".

גאנץ אָפט פלעגט לעוו לייענען. ער האָט עס זייער ליב געהאט. ער האָט זיך געניטיקט אין א באַלדיקער רעאקציע. אלעמאָל איז זייַן פארטיפטער ערלעכער, אופמערקזאמער צוהערער געווען גאָלדע, איצט איז זי געלעגן אין שפּיטאָל, פלעגט לעוו לייענען מיר און מייַן מאַן. ער האָט אונדז אנומלטן געלייענט די נאָוועלע „א קריגל מילך". דאָרטן ווערט דערציילט, ווי זעלנער רוען אין דער אלטער פעסטונג אין לוצק. א מיידעלע גייט מיט א קריגל מילך אפן קאָפּ איבערן סטעזשקע. די זעלנער האָבן זי דערזען. א זעלנער פרעגט, וואָס זי האָט דאָרטן אין קריגל. דאָס מיידעלע האָט געקוקט אף די זעלנער מיט גרויסע אויגן. אירע דינע פיס האָבן געציטערט. וויינענדיק האָט זי געזאָגט, אז די מילך מוז זי אָפּטראָגן אין שטאָט ארייַן. איינער האָט געזאָגט, אז מע זאָל זי נעמען צוזאמען מיטן קריגל מילך. און ווידער האָט איינער געזאָגט, זי זאָל גיין ווייַטער און ניט מוירע האָבן. דאָס מיידעלע האָט דער-

שראָקן געקוקט אַף די זעלנער, האָט אויסגעווישט די טרערן פון די אויגן און פאַמעלעך געגאַנגען ווײַטער מיט דער סטעזשקע. דעמלט איז אַרויסגעקומען פון זײַן געצעלט דער לייטענאַנט ווערמוט, א פריש אָפּגעגאָלטער, זויבער אָנגעטאָן. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט בא די זעלנער, וואָס מע שטייט דאָ, איינער האָט געוויזן מיט דער האַנט צו דער סטעזשקע, וואָס פירט קיין לוצק, דערציילט וועגן מיידל מיטן קריגל מילך.

— ווער פון אײַך וועט קאָנען אַראָפּשיסן דאָס קריגל פון קאָפּ? — האָט דער לייטענאַנט ווערמוט געפרעגט בא די אַרומיקע.

עס זײַנען געפאַלן צוויי שאָסן.

נאָכדעם איז געווען אַן אַמפּערײַ פון וועמעס שאָס איז דאָס קריגל אַראָפּגעפאַלן פון קאָפּ. דערנאָך האָט שטיין, דער קאַלבושעווער פורמאַן, געזאָגט אײַנדערשטיל:

— זי ליגט.

לעוו האָט זייער ליב געהאַט די נאָוועלע. און ער האָט זי זייער גוט געלייענט. דערהויפּט דאָרטן, ווו דער „קאַלבישעווער פורמאַן” דערציילט, וואָס פאַרא אָנטרײַבער ער איז געווען, אַז די צוויי פערד האָבן זיך א ריס געטאָן, איז נאָר ווי די צוויי לייבן. האָסט זיי ניט געקאָנט מער צוריקהאַלטן. און ווײַטער דערציילט דער פורמאַן, וויאַזוי די שטיינער האָבן זיך אַף אים אַרופּגעוואָרפן און ער האָט געמוזט פאַרקויפן די פערד. נאָכדעם זאָגט ער: „מע האָט מיך פאַרשלעפּט קיין לוצק, פונקט ווי מײַן אַלטע קליאַטשע, וואָס איז געפּייגערט. ווו וועל איך אויסשטרעקן די פיס?

ווען לעוו האָט געלייענט, פלעגט ער ווערן ייִנגער. זײַנע פּלייצעס פלעגן זײַן פאַנאַנדערגעוויקלט, ווי פאַר גאָלדעס קרענק. ער איז, דוכט זיך, געפלויגן. נאָר דאַן האָב איך עס ניט פאַרשטאַנען. איך האָב נאָר געפילט, אַז אין לעוון ברענט א הייליק פײַער און איך האָב געזען, אַז ער איז א ריז. כ'האָב אויך געפילט, וואָס פאַרא גוטער כאַווער ער איז, וואָס פאַרא איבערגעגעבענער פרײַנט. כ'קאָן זיך ניט דערמאָנען, אַז ער זאָל זיך אַמאָל האָבן באַקלאָגט. כ'קען זיך אויך ניט דערמאָנען, אַז ער זאָל קומען אין שטוב מיט ליידיקע הענט. דאָס איז געווען זייער א גוטער מענטש, און דעריקער אַן אָרגאַנישער שעפער, מיט א ברייטער נעשאָמע און א ריזיקער פאַנטאַזיע. וואָס פאַרא מענטש גאָלדע איז געווען, פאַרשטיי איך ערשט איצט אַלץ מער און מער. ווען זי פלעגט מיר דערציילן וועגן אירע ברידער, וואָס זײַנען געווען רעוואָליוציאָנערן און וועלכע זײַנען זעלטן געווען אַף דער פרײַ, פלעגט עס מיך ניט זייער וווּנדערן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מענטשן מוזן טאָן אַלץ, קעדיי שענער צו מאַכן די וועלט. איצט פאַרשטיי איך פון וואָס פאַרא שיינעם שטאַם זי איז אַרויסגעקומען. איך פאַרשטיי אויך, וואָס פאַרא מוטיקער מענטש זי איז געווען. זי האָט מיר אַמאָל דערציילט, ווי אין איינער א נאַכט האָט זיך אַרײַנגעריסן צו איר א געסטאַפּאָוועץ, האָט א שלײַדער געטאָן לעווס פאַרבלוטיקטע וועש, פאַרשטייט זיך האָב איך גלײַך דערקאָנט זײַן העמד. כ'האָב געפילט, אַז מײַן טויט איז געקומען. נאָר איך האָב א גע-

שרייַ געטאָן צום געסטאַפּאָוועץ — „נעמט צו די פרעמדע וועש, מייַן מאַן האָט זי ניט געשלאָגן, ער איז אומשולדיק און ערלעך. ווי האָט איר גע־וואַגט אַרייַנגיין צו אַ פרוי מיט אַזאַ שוידער? און שטעלט זיך פאָר, האָט זי געזאָגט, ער איז אַרויס".

בייַס לעוו פלעגט לייענען, פלעגט זיך גאָלדע שטענדיק וווּנדערן, וואָס ער לייענט אַיין בוך זייער לאַנג. ער פלעגט געלאַסן זאָגן:

— גאָלדו, פאַרשטיי איין זאַך. דער שרייַבער האָט דאָך געשריבן אַ סאַך לענגער, ווי מייַן לייענען געדויערט.

איצט פאַרשטיי איך, אַז ביז גאָר זעלטן טרעפן זיך אַזוינע מענטשן, ווי לעוו און גאָלדע. פאַרוואָס? פאַרוואָס?.. פאַרוואָס האָט עס מיט זיי געשען?..

מע האָט גאָלדען מער אין באָטקין־שפּיטאָל ניט געוואָלט האַלטן: לעוו איז געווען פאַרצווייפלט, ווייַל ער האָט מער ניט געקאָנט בלייַבן בײַ דער באַלעבאָסטע, ווו ער האָט געוווינט, וואָרעם יענע איז געווען אַזוי פּראָסט־האַרציק, אַז זי האָט געמיינט — לעוו גלייבט, ווען זי דערציילט, אַז יוליק האָט אויפגעגעסן צוויי הונדערט גראַם פּוטער מיטאַמאָל.

ווען ער פלעגט קומען צו אונדז, פלעגט ער שפּאַנען איבערן צימער און זאָגן:

— זי שטעלט מיך בעדאַלעס די גאַנצעוועט. וואָס זאָל איך טאָן? ווי קאָן איך נעמען גאָלדען אַהין. איך וועל אָוועקפאָרן אין שטאָט, און זי וועט זי פאַרמאָרען פון הונגער.

איך האָב געשוויגן, ווייַל איך האָב ניט געקענט זאָגן — נעם די קינדער און גאָלדען און קום צו אונדז. עס זייַנען געווען אַ סאַך סיבעס, פאַרוואָס איך האָב דאָס ניט געקאָנט זאָגן. איינע פון די סיבעס איז געווען אויך די, וואָס מייַן מאַן האָט געמוזט האָבן אַ צימער, קעדיי ער זאָל קענען אַרבעטן. ער איז דאָך אַ שפּעטרישער מענטש.

דערווייַל איז נאָך גאָלדע אַלץ געלעגן אין באָטקין־שפּיטאָל. עס איז געגאַנגען סאָף 1936 יאָר. אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט מען אָנגעקלונגען צו אונדז. איך האָב געעפנט און דערזען לעווס טאָכטער. אירע ליפּן זייַנען געווען ווייַס, ווי קרייַד. זי האָט שטיל צו מיר געזאָגט:

— באַנאַכט האָט מען צוגענומען דעם טאַטן. וואָס זאָל איך איצטער טאָן? די באַלעבאָסטע האָט צוגענומען אונדזערע קישנס, קאָלדרעס, די וועש. זי זאָגט, אַז אַלץ איז איצטער אירס, ווייַל דער טאַטע האָט איר ניט באַצאָלט קיין געלט. אָבער דאָס איז אַ ליגן. איך האָב געזען, ווי דער טאַ־טע האָט איר אַלע כוידעש געצאָלט. איך געדענק ניט, וואָס איך האָב גע־זאָגט דעם מיידל. איך געדענק, אַז זי איז ווי אַ בליץ אַראָפּ פון אונדזערע טרעפּ. איך בין אַוועקגעפאָרן צו דעם פּאַרפּאָלק, וואָס האָט לעוון געבראַכט צו אונדז קיין ליובלינאָ. אַף מייַן קלונג איז אַרויסגעגאַנגען די פרוי, אַ הויכע, מיטן שטענדיקן אויסדרוק פון געבילדעטקייַט און איידלקייט אַפן פּאָנעם, האָט זי צו מיר באַלערנדיק געזאָגט, ווען זי האָט מיך אויסגעהערט:

— דו האָסט לעווס ביכער? אַז דו וועסט קומען אַהיים, פאַרברען זיי.

ערשטנס, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך פאָדער צופיל פון מענטשן. איר אײַצע האָב איך ניט געפאָלגט. איך האָב ניט פאַרברענט לעווס ביכער, ווײַל איך האָב גוט געוווּסט, אַז אויב מע וועט קומען צו מיר, איז ניט דערפאַר, ווײַל איך בין אין עפּעס שולדיק... כ'האָב אויך געהאַט אַרבעט, כ'האָב געמוזט אײַנאָרדענען לעוווס קינדער אין אַ קינדערהיים. ־עס איז לאַנג צו דערציילן אין וויפל אַנשטאַלטן איך בין געווען, ביז איך בין אַוועק אין בילדונגס־מיניסטעריום אף טשיסטיע פּרודי. איך געדענק ניט, וואָס איך האָב דאָרטן געטײַנעט צו דער סעקרעטאַרשע. איך געדענק נאָר, אַז איך האָב גערעדט ניט שטיל. מײַנע רייד זײַנען מיסטאַמע דערגאַנגען צו נאַדעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ דורך דער פאַרמאַכטער טיר. זי האָט אַרויסגעשטעקט דעם גראָוון קאָפּ מיט די גוטע אויגן אין דער האַלב־אָפענער טיר, צוגעגאַנגען צו מיר, מיך גענומען פאַר אַ האַנט, אַרײַנגעפירט אין קאַבינעט, אָנגעגאָסן אַ גלאָז וואַסער, צוגערוקט צו מיר, שטיל געזאָגט:

— שרײַט ניט. ווי אַלט זײַנען די קינדער פון דעם רעפּרעסירטן?

נאָכדעם האָט זי מיר געגעבן צוויי פּוטיאָווקעס. פאַר יוליקן אין יאַסליעס, פאַר דעם מיידל אין אַ קינדערהיים פון די עסטרײַכישע שוצבונד־קינדער.

ענדלעך, זײַנען די קינדער געווען אײַנגעאָרדנט. אין די זונטיקס פלעג איך פאָרן צו גאָלדען אין שפּיטאָל, צו יוליקן אין די יאַסליעס. וועגן לעוון האָבן מיר גאָרנישט ניט געוווּסט. איך האָב זיך פאַרשריבן אין אַ ריי צו פּעשקאָווען, אָבער די ריי איז געווען זייער גרויס... ווען איך פלעג קומען צו גאָלדען אין באָטקין־שפּיטאָל, איז זי געלעגן אין בעט אויסגעצויגן פלאַטשיק, זי פלעגט זעלטן עסן, וואָס איך האָב געבראַכט און שטענדיק קוקן אף מיר מיט אירע ברוינע אומשולדיקע אויגן, ביז עס פלעגן זיך נעמען קײַקלען פון זיי שווערע טרערן. אויסווישן זיי האָט זי ניט געקאָנט, ווײַל זי איז דאָך געווען געליימט. פלעג איך ווישן איר פּאָנעם, קוקן אפן האַנטעך און ניט פאַרשטיין, פאַרוואָס ער ווערט ניט רויט...

גאָלדע האָט דאָך ניט גערעדט, אָבער איין וואָרט האָט זי ניט פאַרגעסן. מיט אומענטשלעכער אָנשטרענגונג פלעגט זי עס פון זיך אַרויסשטאַמלען, אַקוראַט, ווי ס'וואָלט זיך צו מיר געקײַקלט אַן אָנגעווייטעקטער מוירעדיקער אָס „ל־ל־לעוו?"

וואָס האָב איך איר געקאָנט זאָגן? איך האָב גוט פאַרשטאַנען, אַז זי איז כווישעד לעוון אין פאַראַט. אַז זי איז זיכער — לעוו האָט זי איבערגעלאָזן, ווײַל זי איז קראַנק.

ענדלעך, אַז מײַן ריי צו פּעשקאָווען איז דערגאַנגען, האָט זי מיך אויסגעהערט און געגעבן אַ צעטעלע מיט אַ נומער פון אַ קאַבינעט. און אין איינעם אַ פאַרנאַכט בין איך אַרײַנגעגאַנגען אין דעם הויז, ווו זייער ווינציק מענטשן ווילן גיין. איך בין געשטאַנען אַנטקעגן אַ מענטשן, וואָס איז אַפּאַנעם געווען פון אַ הויכן פּאָסטן, ווײַל ער האָט געהאַט ראָמבן אף די לאַצן, און איך האָב אים דערציילט, וואָס עס האָט געטראָפן מיט לעוון, אַז זײַן פרוי ליגט אין שפּיטאָל. ער האָט מיך אויסגעהערט, זיך אופגעהויבן פון

שטול, זיך אָנגעשפּאַרט אַף די דלאָניעס אין טיש, זיך אַריבערגעבויגן צו מיר, און מיט איין אָטעם:

— איר זײַט באַם זינען? גיט אַהער דעם פּראָפּוסק. די מינוט אַהיים! — און הויך אַף אַ קאָל: — וואָן!

איך געדענק גוט דעם וועג פונעם דאָזיקן הויז ביז מײַן דירע אַף קיראָוו-גאַס. מער האָב איך ניט כלאָפּאָטשעט וועגן לעוון. עס האָט ניט געהאָלפן מײַן בעטן, מײַן אײַנריידן. מע האָט גאָלדען, ווי אַ כראָניק, אויסגעשריבן פון באָטקין-שפּיטאָל, און זי האָט זיך געפונען אין אַן אינוואַלידן-הויז אַהינטער טימיריאַזעווער אַקאַדעמיע.

גאָלדען איז שוין געווען ניט צו דערקענען. ס'זײַנען געבליבן נאָר די אויגן און די ביינער. איך פלעג זי אײַנוויקלען אין דער דעקע, זי אַרויסטראָגן אַף דער פרישער לופט. כ'פלעג אויסרייניקן איר געלעגער, ערגער איז געווען, ווען ס'איז געגאַנגען אַ רעגן אין דרויסן. דאַן האָב איך עס געמוזט טאָן, ווען זי איז געלעגן אין בעט. נאָר דאָס אַלץ איז געווען גאָרנישט אנטקעגן איר בליק און דאָס איין וואָרט, וואָס זי פלעגט שוין איצט קוים-קוים פון זיך אַרויסברענגען „ל-ל-לעוו"...

ווען איך פלעג קומען צו יוליקן אין די יאַסליעס, פלעגט ער צו מיר אויסשטרעקן די הענטלעך און זאָגן: „כאָטשו ס טאָבאָי".

ווינטער זײַנען די טעג געווען קורצע. ביז איך פלעג אָוועקפאָרן פון יוליקן צו גאָלדען, פלעגט שוין זײַן פינצטער. אין איינעם אַ טאָג בין איך ווידער אָוועקגעפאָרן צו דעם פּאַרפּאָלק, וואָס האָט געבראַכט לעוון צו אונדז. יוליקס יאַסליעס זײַנען געווען נאָענט פון זייער וווינונג. אַזאַ מאַזל האָב איך שוין געהאַט, אַז שטענדיק, ווען איך פלעג קומען, פלעגט דער מאַן אין שטוב ניט זײַן. און איך פלעגריידן מיט איר טעט-אַ-טעט. איך געדענק שוין ניט, וואָס איך האָב איר געזאָגט, נאָר מיסטאָמע האָב איך זי געבעטן, אַז זי זאָל זונטיק אַרײַנגיין צו יוליקן, ווײַל איך קאָן ניט באַווײַזן אי צו אים, אי צו גאָלדען.

זי האָט עס אויסגעהערט, זאַכלעך, מיט גרויס פאַרשטאַנד צו מיר געזאָגט:

— יוליק איז, ווי אַ סאַך קינדער, באַזאָרגט. איך וועל ניט גיין צו אים מיט קיין בייגעלעך און מיט צוקערקעס.

עס איז מיר קלאָר געוואָרן, וואָס דאָס איז פאַר אַ ווייכהאַרציקע פאַרוועגלעכקײַט. מער האָב איך זיך צו איר מיט גאָרניט געווענדעט.

...ס'איז געגאַנגען דער זיבן-און-דרײַסיקסטער יאָר. ווי פריִער האָבן מיר פון לעוון גאָרניט געוווּסט, ווי פריִער בין איך געפאָרן צו גאָלדען און צו יוליקן. מײַנע מעגלעכקײַטן אָבער זײַנען געוואָרן קלענער, ווײַל אין זיבן-און-דרײַסיקסטן איז בײַ מיר געבוירן געוואָרן מײַן זון. איך בין עטלעכע וואָכן ניט געווען בײַ יוליקן. ווען איך בין געקומען אין די יאַסליעס, האָט די דערציִערן געזאָגט, אַז מע האָט אים אַריבערגעפירט אין אַ קינדערהיים בײַ וואָלאָקאָלאַמסק. איך בין אָוועקגעפאָרן אַהין. אָבער יוליק האָט מיך ניט דערקענט. ער האָט שווײַגנדיק, מיט שטומע אויגן, געקוקט אַף מיר,

צעברעקלט די בולקע, וואָס כ׳האָב אים געגעבן, נאָכדעם בין איך געזעסן אין וואַגאָן און איך האָב ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס מענטשן קויפן מאַראַ־זשענע און פאַרוואָס לאַכן זיי...

דעם קומענדיקן זונטיק האָב איך גאָלדען אין אינוואַלידן־הויז אויך ניט געטראָפן. עס איז געוואָרן א מוישעוו־זקיינים און גאָלדען האָט מען אַרי־בערגעפירט ערגעץ אין א הויז פאַר כראָניקער, ניט ווײַט פון ראָהאַטשאָוו. מער האָב איך גאָלדען ניט געזען. איך פלעג זיך אָפט פאָרשטעלן, ווי זי ליגט און פרעגט זיך אַליין — „ל־ל־לעוו...״

אין אַכט און דרײַסיקסטן יאָר איז לעווס טאָכטער געקומען צו מיר מיט א פאַפירל. דאָרטן איז געווען אָנגעשריבן, אַז זי דאַרף גיין אין זאַקס... איך בין מיט איר אַהין אוועק. מיר האָבן היפש געוואַרט, נאָכדעם האָט מען זי אַרויסגערופן און זי איז צו מיר אַרויס מיט א צעטל, ווו עס איז געווען אָנגעשריבן, אַז זיסקינד איז געשטאָרבן, און זי האָט רעכט אַלס טאָכ־טער אַרויסגעבן זײַנע ווערק.

פון דעם איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז לעוו האָט לאַנג ניט אויסגעהאַלטן און איז געשטאָרבן. און נאָך האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער איז רעאַבילי־טירט.

פאַרשטייט זיך, האָב איך געשריבן בריוו קיין ראָהאַטשאָוו, ווו גאָלדע האָט זיך געפונען, אָנהייב נײַן־און־דרײַסיקסטן יאָר, האָב איך באַקומען א בריוועלע, אַז דער כראָניק גאָלדע לעוו איז געשטאָרבן.

...איצט האָב איך געדאַרפט פאָרן נאָר צו יוליקן. ווי פריִער האָט ער מיך ניט דערקענט. כ׳פלעג אים טרעפן זיצן ערגעץ אין א ווינקעלע. זײַן דער־ציִערן האָט דערציילט:

— זייער א מאָדנע קינד. רעדט ניט קימאַט, אונדזער נעווראָפּאַטאָלאָג האָט מיר געהייסן פרעגן בא אײַך, צי קענט איר ניט זאָגן, זײַנע עלטערן זײַנען געווען געזונטע?

דער וועג פון יוליקס קינדערהיים איז געווען א ביטערער. אַקוראַט ווי איך וואָלט געפאָרן פון לעווס צו גאָלדעס קייווער.

אין פערציקסטן יאָר איז פּלוצעם צו אונדז געקומען א בלאָנדע פרוי. זי האָט געזאָגט:

— איך בין גאָלדעס שוועסטער. איך בין געקומען נאָך יוליקן. מיר ווייסן אַלץ.

אין א קורצער צײַט אַרום האָב איך זי פון ווײַסרוסישן וואָקזאַל באַגלייט קיין לעמבערג...

לעווס טאָכטער האָט אינגאַנצן אויפגעהערט קומען צו אונדז. עס האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע. זי האָט זיך עוואַקויִרט מיטן קינדערהיים. ערשט אין פיר און פערציקסטן יאָר, ווען איך בין צוריקגעקומען פון עוואַקואַציע, איז זי געקומען צו אונדז מיט דרײַ יונגעלײַט. זי איז געווען גוט אָנגעטאָן. איר פּאָנעם איז געווען קײַלעכדיק און זאַט. זי איז געווען זייער ענלעך אויפן פאָטער. פונקט אַזוי שטאָלץ געהאַלטן דעם קאָפּ, אָבער איך האָב געקוקט אויף איר און געשטוינט. וויאַזוי האָט זי עס גאָרנישט ניט געיאַרשנט פון

פּאַטערס אינערלעכע מידעס? זי האָט אָפּגערוקט שטולן פאַר די יונגעלײַט, זיך אליין געזעצט, און געזאָגט:

— איך בין זיך געקומען געזעגענען מיט אײַך. איך פאָר אוועק צו מײַן טאנטע קיין אויסלאַנד.

מער האָב איך זי קיינמאָל ניט געזען. יוליק איז געוויס אומגעקומען אין לעמבערג, ווי גאָלדעס שוועסטער און ברידער. זיסקינד לעוו איז א פארגע־סענער נאָמען. אָבער עס לעבט זײַן בוך נאָוועלן „פון וועלט צו וועלט".

עס לעבן די העלדן פון זײַנע נאָוועלן. און ער אליין דאַרף אויך ניט פארגעסן בלײַבן.

שעפּעלעך

איך האָב געהאט אזא ביטערן שווערן טראָגן, אז מײַן מאַן האָט עס ניט געקאָנט צוזען, אפילו אין די רו־טעג פלעגט ער אוועקגיין פון שטוב. ווען עס פלעגט מיר ווערן שלעכט, פלעג איך ארויסלויפן אין הויף. בייס איך פלעג צוריק קומען, האָט ער טאָמיד געפרעגט, אויב ער איז געווען אין שטוב.

— שיינדעלע, פארטיק?

איך פלעג ענטפערן, וואָס איך פלעג ענטפערן. מיר האָט שטארק פאַר־דראָסן, וואָס דאָס איז אזוי. פארשטייט זיך, האָב איך געוואָלט, אז ער זאָל פילן, ווי ביטער מיר איז. כאָטש אין יענע צײַטן זײַנען מיר, ווײַבער, געווען ווי מאנצבלען, מיט דעם אונטערשייד, אז ווען ס'איז געקומען די צײַט, האָבן מיר זיך געמוזט לייגן אין קימפעט. אין יענע צײַטן האָבן מיר זיך געשעמט ארויסצוברענגען דאָס וואָרט „מאַן", מיר פלעגן זאָגן נאָר „כאַווער". אָבער ער גופע, נעבעך, איז אויך געווען „טראָגעדיק". אלע צאָרעס, אלע קריוו־דעס, אלע שלעק פון דער גאנצער וועלט האָט ער געטראָגן אף זײַן ברייטער געבויגענער פּלייצע. כוץ דעם האָט ער געלערנט מארקסיזם־לעניניזם און ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די קאָלעקטיוויזאציע, איז ער ווי א „פינף און צוואנציקער" געשיקט געוואָרן אין א דאָרף ארײַן, ניט ווײַט פון כארקאָוו.

איך, ווידער, בין שוין געווען אין די לעצטע כאדאָשים. איצט וואָלט איך גראָד יאָ געקענט עפּעס עסן, אָבער פונעם ביסל הירזשענע קאשע מיט דעם צעפלאָכטענעם וואָבלע־ווײדל האָט מיך געשלאָגן צו דער גאל. געוווינט האָב איך אין סאמע עק כארקאָוו, בא צוויי שוועסטער, פארזעסענע מוידן. איינע ניט ייִנגער ניט עלטער פון דער אנדערער, ווײַל זיי זײַנען געווען א צווילינג און דערצו ניט פאר קיינעם געדאכט, זײַנען זיי נאָך געווען דוואָ־ריאנקעס. זיי האָבן פארמאָגט א סאָד, א קו, הינער און א גאנצן מיניען אָפּ־געקראָכענע אלטע קעץ. גאנצע טעג האָבן זיי געראמט, געוואשן דאָס גע־פעס, געשײַערט די טעפּ מיט די פאנען. דער סאמאָוואר האָט געפינקלט, די

ציכטיקע קופּערנע פאַנען האָבן געשפּיגלט, די אויסגענייטע סערוועטקעס, געקראָכמאַלעטע, גלאַט-געפּרעסטע האָבן געשעמערירט ווי קלאָרער לאַק. די דוואָריאַנקעס האָבן געוואָלט דערגיין א טאָלק און אָפּט פלעגן זיי בא מיר שטיל פרעגן:

— סאָפיא דאַווידאָוונא, ווו איז אײַער מאַן? ווען וועט ער שוין קומען.

איך פלעג ענטפערן:

— ער וועט קומען צו מײַן קימפּעט.

און בא מיר איז שוין געווען אָט-אָט... איך בין געווען אין דעקרעט. מײַן כאַווער ווו איז? ער איז דאָרט, ווו די פּאַרטיי דאַרף אים.

מאַזלטאָוו? איך ליג שוין, איך בין גליקלעך, איך האָב א זון!

ביידע אַלטע מוידן האָבן פאַרגעסן צו שײַערן די פאַנען, אַלע טאָג זײַנען זיי געלאָפן צו מיר אין שפּיטאָל מיט פלעשער מילך, מיט טעפּעלעך סמע-טענע, מיט לויזע אייער, מיט פּוטער-בולקעלעך...

ווען איך האָב געדאַרפט אַרויס פון שפּיטאָל, זײַנען זיי געקומען מיט אזא מין פּעקל מיצקעלעך, לײַבלעך, זיי האָבן ניט געזשאַלעוועט זייערע אַלטע ווייכע פלאַקסענע לײַלעכער. זיי האָבן אָנגעשניטן און אַרומגעזוימט א שלאַל ווייכע ווינדעלעך, נאָר ווי א מאַמע וואָלט דאָס געקאָנט טאָן.

און מײַן כאַווער ווו איז? ער איז דאָרט, ווו ער דאַרף זײַן.

געקומען אין שטוב. מײַנע אַלטע מוידן האָבן פאַנאַנדערגעוויקלט דאָס קינד — ווי געשריגן! צעפּרייעט אונטער די אָרעמלעך ביז בלוט. אין די ענגע ערטערלעך אויך ניט בעסער. אפן קעפּל — איין אויסגוס פון בלאָטערן. איך שטיי קוים אף מײַנע פיס. איך עס זיך אויף! סטײַטש, וויאַזוי האָב איך דאָס ניט א קוק געטאָן, ניט צעוויקלט, בייס מע פלעגט אים ברענגען, כ'זאָל אים אָנזויגן.

בייס איך זע, ווי מײַנע באַלעבאָסטעס רירן זיך צו צום אייפּעלע, גלי-ווערן מיר די אייוורים. הענטלעך, פיסלעך — שטרוי. דאָס קעפּל וואַקלט זיך, ווי א זאַנג פון ווינט. זאָגן זיי, די דוואָריאַנקעס, אז מע דאַרף אַרײַנשיטן קלײַען אין טאָרבעלעך, דאָס גוט אויסזידן, און אז עס וועט זיך אָפּקילן, דאַרף מען אין דאָזיקן וואַסער אויסבאָדן דאָס קינד. מיר גיבן זיי אַלע צוויי שאָ א גלאָז געבריטע מילך, א הינערשע פּאַלקע. איך בין געקומען צו די קרעפטן, דאָס קינד? דאָס קינד האָט אופגעלעבט, פּאַטער געוואָרן פון אַלע שלעק.

און מײַן כאַווער ווו איז? ער איז נאָך אַלץ נישטאָ. איך בענק נאָך אים? געוויס! כ'האָב פאַריבל אף דער פּאַרטיי? כאַלילעוועכאָס! אָבער קיין נאָמען האָט נאָך ניט דאָס קינד. מײַנע באַלעבאָסטעס אייצען מיר, איך זאָל אים רופן וואַניא, אָדער אויב ניט, איז געאָרגי. איך פּאַטער זיי אָפּ מיט א טערעץ, איך וועל זיך מעיאַשעוו זײַן מיט מײַן כאַווער.

דערווײַל דאַרף איך שוין גיין אַרבעטן. דער וועג צו דער ניי-פאַבריק און צוריק איז מיר צען מאָל אַזוי לאַנג, ווי ער איז. איך טראַכט זיך: מײַן זיידן, וואָס די פּעטליוראָווצעס האָבן אומגעבראַכט, האָט מען גערופן רעב שאָלעם, מײַן טאַטן, וואָס איז אומגעקומען אין בירגערקריג, האָט מען גערופן

פראָסט שאָלעם. זאָל זשע מײַן זון הייסן שאָלעמקע. איך שרײַב אָן דעם כאַוועד מײַנעם אַ קורץ בריוול, און איך קריג נאָך אַ קירצערן ענטפער:

„מײַן טײַערע, מײַן ליבע שײנדעלע! עס גייט דער שניט. איך מוז זײַן דער טאַטע צו דער טווּע אויך. עס גייט מיר אויס די נעשאָמע, וואָס איך בין דאָ, דו — דאָרטן! איך ווייס, אַז דו וועסט זאָגן, אַז דו דאַרפסט ניט, אָבער איך האָב דיר אַרויסגעשיקט אַ פּאָר רובל. שרײַב אַ פּאָר ווערטער וועגן קינד. שיק מיר אַ שמייכל, און, פאַרשטייט זיך, וועסטו אָנזאָגן ווען דו וועסט קריגן די מאַמטאַקים. גיב אַכטונג אויף אים. איך שטויס זיך אָן, וואָס פאַר אַ מאַמע דו ביסט, זײַ געזונט, מײַן קרוין.

דײַן יאַנקעטשקע".

איז דאָך מיר ווויל און גוט! קאָן אָבער אַלץ ניט זײַן גוט. שאָלעמקע שרײַט טאָג און נאַכט. איך קוק, איך טאַפּ, איך זע גאָרנישט. אָבער איינע פון מײַנע באַלעבאָסטעס האָט יאָ דערזען, אַז דאָס לינקע ברוסטל באַם קינד איז צונטער רויט און האַרט ווי אַ שטיינדל. לויף איך אין קינדער-קאָנסול-טאַציע. דער דאָקטער זאָגט:

— לייגט קאָמפּרעסלעך פון בראַנפן.

ס'איז גרינג צו זאָגן: ווו האָב איך בראַנפן? נייען מײַנע באַלעבאָסטעס ווידער טאָרבעלעך. זיי שיטן אַהין אַרײַן פלאַקס-זוימען, קאָכן עס, אַז ס'ווערט אַ ביסל אָפּגעקילט, לייגן זיי די טאָרבעלעך אויף שאָלעמקעס ברוסטל — אַ טאָרבעלע אַרויף, אַ טאָרבעלע אַראָפּ. דאָס קינד פּלאַצט פון געשריי. איך ריר זיך פון זינען, אָבער די טאָרבעלעך לייגט מען... אויפן פערטן טאָג זאָגט איינע פון די מוידן:

— פאָלגט מיך, סאָפיאַ דאַווידאָוונאַ, מע דאַרף אים אויסבאָדן אין רומי-אַניק-וואַסער, אָבער ניט אין לעבעלעך, נאָר אין גאַנץ הייסער, מע זאָל קוים קאָנען האַלטן די האַנט דערין.

ווען זיי האָבן אַרײַנגעלייגט דאָס קינד אין מולטער, בין איך אַרויסגע-לאָפן פון שטוב. זײַנע קוילעס האָב איך געהערט אין סאָד. פּלוצעם איז שטיל געוואָרן. „אַ סאָף" — טראַכט איך — און לאָז זיך צו דער שטוב. אַנטקעגן לויפט מיר איינע פון די צוויי מוידן און שרײַט ניט מיט איר קאָל:

— ס'האָט געפּלאַצט!

שאָלעמקע האָט גענומען קווועלן, ווי כ'וואָלט אים אַלע טאָג מיט עפּעס אָנגעפילט. ער האָט געשײַנט. ער האָט געהאַט בלויע אייגעלעך און ליכטיקע האָר. ער איז געוואָרן אויסגעגאָסן יאַנקעטשקע. אַז איך פלעג מיט אים אַרויס-גיין אַפילע אין סאָד, פלעג איך אים צודעקן מיט עפּעס דאָס פּענעמל. מײַן כאַווער פלעגט אויך איצט קומען. עמעס, דאָס פלעגט טרעפן ניט אָפּט. אָבער ווען ער איז געקומען, איז ליכטיק געוואָרן אין אַלע ווינקעלעך. מיר האָבן זיך אַלע דרײַ אַזוי געפרייט איינער מיטן אַנדערן, אַז איך פלעג אָפּט אין דער שטיל פּרעפּלען: „זאָל עס מיר ניט פאַרשטערט ווערן. זאָל דער גוירל אונדז באַשירעמען!"

...אָבער אין פינף און דרײַסיקסטן יאָר האָט מען יאַנקעטשקען צוגענומען. אײנער א מענוול, װאָס האָט געפירט ברויט צום עלעװאַטער, האָט א דרײַזעקלעך װײץ אָפּגעזוצט אַף לינקס, האָט מען באַשולדיקט מײַן יאַנקעטשקען אין צעטרענצלען מעלוכיש ברויט. איך בין געגאַנגען, איך האָב גערעדט, כ׳האָב אָפּגעשלאָגן אַלע שװעלן, נאָר ס׳איז געװען אַרויסגעװאָרפן! איך װײס גאָרנישט מיט נישט...

אַז עס גײט, איז — דורך טיר און דורך טויער. אײנע פון מײַנע געטרײַע באַלעבאָסטעס איז פּלוצעם געשטאָרבן. דער צװײטער איז פון גרויס אומגליק באַפאַלן אַזאַ טרײסלעניש, אַז זי האָט קײן טרונק װאַסער אַלײן ניט געקאָנט נעמען. איך אָבער מוז אַרבעטן. שאָלעמקע איז געגאַנגען אין קינדערגאָרטן. קײן װאַרעמע זאַכן האָב איך פאַר אים ניט געהאַט. האָט ער זיך צוגעקילט און גענומען הוסטן. די דאָקטױרים האָבן געײצעט, איך זאָל אים פירן אין א װאַרעמען קאַנט. װי זאָל איך אים פירן, אַז עס קלעקט מיר ניט די כאַלע אַף דער מויצע. דערװײַל לײגט זיך די צװײטע באַלעבאָסטע שלאָפן און שלאָפט אײַן אַף אײביק. געפינען זיך יאָרשים. איך מוז אַרויס פון דער דירע, און שאָלעמקע הוסט װי עס דאַרף צו זײַן. װאָס טו איך, װאָס הײב איך אָן צו טאָן? האָב איך צונויפגענומען א פּאָר לײַלעכער, א צװײ טישטעכער, כ׳בין אַװעק אַפן אַלטן מאַרק, אויסגעשלאָגן א פּאָר רובל, גענומען א בילעט און איך פאָר שוין, אַז װײ איז מיר, מיט שאָלעמקען קײן יעװפּאַטאָריע.

געקומען קײן יעװפּאַטאָריע, גײ איך אַרײַן אין ראַיקאָם. דער סעקרעטאַר הערט מיך אויס און זאָגט:

— איך זע, אַז איר זײַט ניט קײן פאַרשלאָפן װײַבל. פאָרט אין קאָלװירט װאָס איז אַמאָל געװען די קאָמונע „װאָיאַ-נאָװאַ". דאָס איז דאָס, װאָס איר דאַרפט.

געקומען אין קאָלװירט, זע איך, אַז דער סעקרעטאַר האָט מיך ניט אָפּגענאַרט. ס׳איז דאָ א קינדערהײם, אַרבעט פעלט אויך ניט. איך אַרבעט אין פעלד-בריגאַדע, בענצקע גוטמאַן פירט דעם טראַקטאָר. איך שטײ בא דער זײעלקע, איך האָב זיך אויסגעלערנט די מעלאָכע. מע זאָגט שוין אַפילע, אַז איך בין א בעריע. אָבער איך בין א בעריע אומגערן, װאָרעם אַפן האַרצן איז מיר גענוג פינצטער. יאַנקעטשקע גײט מיר פון זינען ניט אַרויס!

און דער סטעפּ איז ברײט, דער הימל הויך, עס פלאַטערן דורכזיכטיקע פאָרהאַנגען באַם האָריזאָנט. די לופט — כאָטש טרינק. אָבער פאַר מײַנע אויגן הענגט טאָמיד דער שװאַרצער שלײער. איך טראַכט קעסײדער: „גװאַלד, װוּ ביסטו אַהינגעקומען, יאַנקעטשקע? פאַרװאָס קומט עס דיר? דערפאַר װאָס דו האָסט קײנמאָל ניט צוגעשיקט א ביסל מעל פאַר מיר און שאָלעמקען?! איך שלינג מײַן װײטעק, די טרערן אין מײַנע אויגן זײַנען ניט פון װינט...

שאָלעמקע איז שוין א היפּש ייִנגל. בײס איך גײ נאָך דער אַרבעט אין קינדערהײם, פרעגט ער:

— מאַמע, פאַרװאָס קומט קײנמאָל, קײנמאָל ניט מײַן טאַטע צו מיר?

איך טראַכט אַהין, איך טראַכט אַהער און איך זאָג אַנומלטן צו מײַן טראַקטאָריסט אַזוי און אַזוי. שווײַגט ער. זאָג איך ווידער. שווײַגט ער ווײַטער. נאָר איין מאָל קום איך אַרײַן נאָך דער אַרבעט אין קינדערהיים, לויפט מיר אַנטקעגן שאָלעמקע מיט אַזאַ סימכע:

— מאַמע, קום גיכער, דער טאַטע איז דאָך געקומען!

און אַזוי האָט זיך דאָס געפירט: אַלע טאָג נאָך דער אַרבעט פלעגט בענצקע קומען צו שאָלעמקען און אַזוי קונציק האָט זיך בענצקע פאַרשטעלט פאַר אַ טאַטן, אַז ווען ניט די מילכאָמע...

* * *

בענצקע גוטמאַן איז פרײַוויליק אַוועק אויפן פראָנט, איך מיט נאָך צוויי קאָלווירטניצעס זײַנען אַוועק מיט דער טשערעדע שאָף. שאָלעמקע מיט די איבעריקע קינדער בלײַבן אין קינדערהיים. פאַרשטייט זיך, האָב איך אָפּגערעדט מיט מערע גאָלדבערג און מיט נאָך קאָלווירטניצעס, אַז בייס זיי וועלן אַוועק פון קאָלווירט, זאָלן זיי מיטנעמען שאָלעמקען. און אַזוי וואָלט טאַקע געווען, ווען די פאַשיסטן וואָלטן געקומען אַ ביסעלע שפּעטער. וויפל ס'האָט געדויערט ביז מיר זײַנען מיט דער טשערעדע דערקראָכן קיין טולע, איז לאַנג צו דערציילן. וויפל שפּעלעך מיר האָבן געלאָזן אויף די וועגן, האָט קיינער ניט געציילט. די עוואַקואַציע איז אויך אַ לאַנגע סעדרע. ווי נאָר די מילכאָמע האָט זיך געענדיקט, בין איך געשפּרונגען פון צוג צו צוג, און אַ קוים לעבעדיקע האָב איך זיך דערקליבן קיין קרים. געקומען אַהין — דער קאָלווירט איז דאָ, אָבער קיין איין ייִד איז ניטאָ. די קאָלווירטניקעס דערציילן מיר ווו די קינדער מיט אונדזערע קאָלווירטניקעס ליגן. איינע אַ קאָלווירטניצע זאָגט:

— אויב דו ווילסט, וועל איך דיר ווײַזן, דאָרט ליגט דאָך דײַן ייִנגל אויך.

איך בין ניט געגאַנגען אַהין צו יענעם אָרט. דאָס איז געווען איבער מײַנע קויכעס. פאַר מײַנע אויגן זײַנען געלעגן די אויסגעשאָכטענע קינדער און אַלע יונגע שעפּעלעך, וואָס זײַנען אויסגעגאַנגען אין וועג, בייס איך האָב געוואָלט ראַטעווען די טשערעדע.

אין גאַסט-צימער נומער איינס

(קימאַט דאָקומענטאַל)

דאָס מאָל האָט מען אין מאַלייעווקער שעפערישן אָפּרו-הויז מיך באַזעצט אין אַ זעלטן-ראַכוועסדיקן צימער. אַ שרײַבטיש, אַ טומבע לעבן בעט, אַ קײַלעכדיקער טיש מיט שטולן אינמיטן צימער, אַ סאָפע-בעט בײַ דער וואַנט,

פענצטער אף מיזרעך און אף מײַרעוו, טונקל־באָרדאָ גאַרדינען אף אַלע פענצטער. די ערשטע זאַך האָב איך באַטראַכט די לינקע זײַט פון דער שווערער גאַרדינען־שטאָף. ס'וואָלט טאַקע געווען אַ יווישער איבערצודרייען די גאַרדינען אף דער לינקער זײַט. אף דער לינקער זײַט זײַנען די גילדענע צווײַגעלעך געווען בלייכער. זיי זײַנען ניט געקראָכן אין די אויגן אַרײַן. ס'וואָלט אויך געווען בעסער, ווען דאָס צימער איז קלענער. כ'האָב קיינמאָל אין מײַן לעבן אַזאַ גרויסן צימער ניט פאַרמאָגט. ס'האָט מיר גענאָגט אַ געפיל, אַז כ'געפין זיך אין דאָזיקן צימער צופעליק... אַ ווערטל זאָגט „מע זאָל ניט געפרווט ווערן, צו וואָס מע קען געוווינט ווערן"... פאַרנאַכט, ווען איך האָב פאַרצויגן די גאַרדינען אפן פענצטער פון מײַרעוו, האָב איך שוין געוווסט, אַז כ'וועל זיך ניט צוגעוווינען צו דער ראַכוועס. דער זון־פאַרגאַנג, פון וועלכן כ'האָב זיך געוואָלט ראַטעווען, האָט דורכגענומען די באָרדאָ־גאַרדינען און דער צימער איז פול געוואָרן מיט אַ רויטן אָפשײַן. אַלץ אין צימער האָט ווי געפלאַקערט. אף די ווענט האָבן אופגעווימלט די טאַפעטן. אַפילע דאָס וואַסער אין גראַפין אפן קײַלעכדיקן טיש איז רויט געוואָרן.

דער זון־אופגאַנג האָט אויך געטאָן זײַנס דורך די גאַרדינען. אויסטערלישע רויטלעכע שאָטנס האָבן זיך געשפרייט אפן פאַרקעט. זיי זײַנען געוואָרן אָט לענגער, אָט קירצער. זיי האָבן געגרייכט דעם שרײַבטיש. ווי מיט אומזעעוודיקע פענזלען האָבן זיי געלייגט אפן פאַפיר אונטער מײַן פען ציטערנדיקע רויטלעכע פלעקן. עס האָט אָנגעווייט אומרו, אומזיכערקײַט און אומגלויבן צו זיך אין דערפאָלג פון דער אַרבעט. שפעטער האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט, אַז דאָס רויטע אָפשײַן, אַלדאָס איבעריקע זײַנען פאַרזונקען געוואָרן אין פאַריאָסעמטקײַט, אין געזאַנג וועגן אַ יונג פאַרשניטן לעבן. אָט זיצט די פאַריאָסעמטע מאַמע באַם שרײַבטיש אַנטקעגן מיר. זי קוקט אף מיר דורך די טרערן, וואָס פלייצן אָן אופהער פון אירע אַצוועסדיקע אויגן, און אירע ווערטער רײַסן זיך צו מיר, ווי דורך אַ דאַמבע. זי זאָגט:

— דאָס איז געווען אַ פיקכעס. מיינט ניט, אַז איך טרײַב עפעס איבער. ווי נאָר זי האָט זיך אָפגענאָפלט פון מײַן טראַכט, אַזוי איז זי באַלד קלוג געווען, און וואָס ווײַטער האָב איך אַלץ מער סימאָנים געהאַט, אַז זי איז אַנדערש, ווי אַלע איבעריקע קינדער, מיט וועלכע כ'האָב זי פאַרגליכן. איר ווייסט, אַז מײַן מאַן איז אַ יידישער שרײַבער. אָבער ניט נאָר דערפאַר האָבן מיר געוואָלט, אַז אונדזער קינד זאָל קאָנען יידיש, אף וואָס פאַרא שפראַך וואָלט מיר נאָך אַזוי געווען צו דער האַנט כ'זאָל איר דערציילן וועגן מײַנע טאַטע־מאַמע, וועגן מײַנע באָבעס און זיידעס און אין אַלגעמיין גערעדט, וועגן אונדזערע יאָדערדיקע בעסאַראַבער יידן. איך געדענק אין עוואַקואַציע, האָט דער פאָטער איר געלערנט יידיש. ער האָט געדיקטעוועט, און זי האָט געשריבן. אין דער דיקטאָווקע זײַנען געווען אַ סאַך גרײַזן, האָט דער פאָטער איר אַעקגעשטעלט אַן איינס מיט אַ מינוס. זאָגט זי צו אים: „טאַטע, דעם איינס האָסטו מיר געשטעלט ריכטיק, אָבער דער מינוס האָט זיך באַ דיר

אַרויסגעכאַפּט, ווײַל דו האָסט קיין אָנבײַסן ניט געגעסן". דאָס איז געווען ריכטיק, וואָרעם עסן איז ניט געווען וואָס. דערנאָך, מיר זײַנען צוריק געקומען קיין קעשענעוו, שטיי איך מיר מיט א שכיינע און גיב אכטונג, ווי דאָס קינד שפּילט זיך. מיטאמאָל פֿאַלט די שכיינע אַף א האַמצאַע: „זאָג מיר, ביסט א ייִנגעלע, צי א מיידעלע". איר זעט דאָך, אז איך בין א קאַץ, אָט איז מײַן ווײדל, זאָגט מײַן מיידעלע און טוט אפֿילע קיין שמייכל ניט.

די פֿאַריאָסעמטע מאַמע גייט צו צום קײַלעכדיקן טיש, גיסט אָן א ביסל וואַסער אין גלאָז, טוט א זופּ, זיפֿצט און שווײַגט. אירע הענט הענגען אַראָפּ פֿון ביידע זײַטן שטול. איך קוק אַף אירע הענט, דערנאָך צו אירע אַקסלען, צו איר האַלדז, צו איר פּאָנעם. דאָס פּאָנעם אירס האָט קוים אָנזעעוודיקע קנייטשעלעך. זיי ציִען זיך, ווי זעלטן באַטראָטענע סטעזשקעלעך פֿון אירע שלייפֿן צו איר שטערן. זיי לויפֿן אַראָפּ צו אירע אויגן, ציִען זיך ווידער צום שטערן און ווערן פֿאַרפֿאַלן ערגעץ אין אירע געדיכטע קורץ-געשוירענע האָר. עס וואָגלט מײַן בליק איבער די קנייטשעלעך פֿון איר פּאָנעם, איבער אירע פּײַכטע באַקן. איך טראַכט: ס'וואָלט שוין גענוג געווען. און זי רעדט ווידער: דאָס קאָל אירס, דוכט מיר, איז דורכגענומען פֿונעם רויטן אָפּשײַן, וועלכער ווערט איצט אַלץ טונקעלער, ווײַל דער זון-פֿאַרגאַנג איז שוין אַהינטער דעם דויִרעסדיקן דעמב, וואָס שטייט אַהינטער מײַן פֿענצטער. איר געפֿאַלן, טריב קאָל דרינגט דורך דעם רויטן אָפּשײַן און צעגיסט זיך איבערן גרויסן צימער.

— מיינט ניט, אז איך קעכל זיך אין מײַן אומגליק. איך בין ניט קיין באַסיעכידע. עס זײַנען דאָ גענוג קלאָגנדיקע טאַטע-מאַמע. כ'רייד שוין ניט וועגן די, וועלכע מע הערט שוין קימאַט אויף צו באַקלאָגן. אָבער בא מיר איז אוועקגעריסן געוואָרן אַזאַ געראָטנקײַט, אַזאַ קוואַל שײַן. מע זאָגט אַמאָל צו מיר — איר האָט א זון, איר האָט אייניקלעך, פֿון דער טאָכטער איז אײַך אויך געבליבן אַזאַ ווויל קינד, אַזאַ מיידל. איך שווײַג, וואָס זאָל איך זאָגן? איך ווייס גוט, אז קיינער, קיינער וועט ניט פֿאַרבײַטן קיינמאָל מײַן פֿאַרשניטן קינד, די קרוין פֿון מײַן קאָפּ. מיר זײַנען דען געווען א מאַמע מיט א טאָכטער, ווי בא לײַטן? מיר זײַנען דאָך געווען איין גוף מיט איין נעשאָמע! ווער וועט פֿאַרשטיין אפֿילע אַף א האָר, ווי געקניפּט און געבונדן מיר זײַנען געווען?

די זון האָט אויסגעשעפּט דעם רויטן אָפּשײַן. דער ווינט באַוועגט די מעכטיקע צווײַגן באַם דעמב. אַפֿן פּאַרקעט שפּרייטן זיך צעפּליטערטע שאָטנס. די טריבע מאַמע הייבט זיך אויף פֿון שטול. זי טרעט אַף די שאָטנס, זי באַוועגט זיך אין אומוואָרהאַפּטיקן רוים פֿון צימער. עס נעמט מיך אַרום א יענוועלט, וואָס לאָזט זיך ניט באַגרײַפֿן... עס רוישט דער דעמב אַהינטער דעם פֿענצטער אַזוי אומעטיק-אומעטיק, ווי ער וואָלט פֿאַרנעמען די אַצוועס, וואָס שטראָמט צו אים אַרויס דורכן אָפֿענעם פֿענצטער.

כ'האָב שוין גענוג. אירע ווערטער אָבער פֿאַלן אַף מיר ווײַטער. זיי גלאָקן צו מיר פֿון אומגעהויערער טיפֿעניש.

— ס'טרעפֿט, אז מע טרייסט זיך א קאַפּל פֿון דערוף, וואָס מע האָט זיך

צו דערמאָנען אַן אוּלע, אַ באַליידיקונג, אַן אומיידלקייט. איך האָב עס ניט. מײַן קינד איז פֿון קליינווײַז אויף ביז צו דער לעצטער שאָ געווען צאַרט און מילד. איר ליבע צו מיר איז געווען אומפֿאַרבײַגייענדיק. דאָס גאַנצע זעל אירס איז געווען דורכגעוועבט אין יעדער קלאַפּ פֿון מײַן האַרץ. אַלע אירע פֿאַרטראַכטן, אַלע אירע זעונגען האָט זי מיר פֿאַרטרויט. ס'איז פֿאַר אונדז ניט געווען קיין גרעסערער פֿאַרגעניגן, ווי זײַן אינײינעם. ס'איז ניט געווען פֿאַר מיר קיין גרעסערער טײַנעג, ווי לייענען אירס אַ דערציילונג, ווי בײַלעבן איר דערפֿאָלג. מיר דוכט, אַז מײַן ווייטעק וואָלט גאָר ניט געווען אַזוי גרויליק, ווען זי וואָלט ניט געווען באַגאַבט. איר לײַב און לעבן איז געווען דורכגענומען מיט אונדזער הויך, מיט אונדזער אָטעם... ווײ און ווינד איז מיר! ווען איך זאָל דאָ זיצן מיט אײַך אַזויפֿיל נעכט, וויפֿל נעכט שעכערע־זאַדע האָט פֿאַרבראַכט מיט דעם יעניקן, וואָלט איך אײַך ניט געקאָנט אויס־דערציילן אַלץ, וואָס אונדז ביידן האָט פֿאַרייניקט.

שוין גאָר־גאָר אין די לעצטע טעג, איך זיץ לעבן איר בעט, טוט זי בא מיר אַ פֿרעג: „מאַמע, ווי מיינסטו, מאַמע, דו וועסט דאַך מיך ניט אָפּנאַרן, האָ?" איך האָב זי יאָ אָפּגענאַרט... זי האָט דאַן קוים אַ שמייכל געטאָן צו מיר און געזאָגט: „דו ווייסט, ווען איך בין גאָר אַן אַנ־דער מאַמעס אַ טאָכטער און איך קום אין אַ פֿרעמד־פֿרעמדער שטאָט, און גיי אַף אַן אומבאַקאַנטער גאַס און פּלוצעם דערזע איך דיך, וואָלט איך גלײַך דערפֿילט, אַז דו, נאָר דו, נאָר דו איינע האָסט געדאַרפֿט זײַן מײַן מאַמע...

אין צימער איז שוין קימאַט פֿינצטער. זי גייט צו דער טיר. נאָר איר סילועט צייכנט זיך בוילעט אין דער פֿינצטערניש. זי שווײַגט. איך שווײַג געוויס. זי האָט צוגעבונדן צו מײַנע ווערטער מוירעדיקע שטיינער. שטיינער, וואָס לאַזן זיך ניט אָפּבינדן.

ליידיקע פּלעשער

נעסיע, אָדער, ווי מע רופֿט זי, נעסיע יעפֿימאָוונע, שעמט צווישן אירע פּרײַנט ווי אַ מאַכניסוירעכטע. עס טרעפֿט אַ כאַווערטע קלינגט איר אָן און שיקט צו נעסיען אַ גאַסט, וואָס איז געקומען צו איר גופֿע. דאָס מאָל האָט נעסיע אָנגעקלונגען איר כאַווערטע באַסיען.

— דו וועסט זײַן פֿאַרנאַכט אין שטוב?

— געוויס. וואָס ביסטו אַזוי צעטראָגן, ס'האָט עפּעס געטראָפֿן?

— כ'וועל קומען, וועל איך דיר דערציילן.

— דערצייל שוין, איך האָב צײַט, איך הער.

— דאָס איז ניט קיין טעלעפֿאָן־געשפּרעך. איך וועל קומען.

באַסיעס מאַן, נאַטאַן באַריסאָוויטש, האָט געהערט, וואָס דאָס ווײַב האָט אַרײַנגערעדט אין טרײַבל, האָט ער געוואָלט וויסן.

— באסיע, ס'האָט עפּעס געטראָפן בא נעסיען?

— וואָס-ווען האָב איך ניט צעקײַט. אָבער ס'געפעלט מיר ניט איר סאָרט ריידן. האָב געדולד, זי וועט קומען, וועט זי דערציילן.

פאַרנאַכט איז נעסיע געקומען. אָבער דערגיין דעם איקער איז באסיען ניט גרינג געווען, כאָטש זי האָט געפילט, אז נעסיע איז פול, ווי אַן אויג. אָבער נעסיע האָט גראָד געשוויגן, ווײַלעוויײַז געשמייכלט, האָט באסיע גע-ווארט. ס'איז דאָ א ווערטל: אז מע ווארט, דערוואַרט מען זיך.

נעסיע האָט געשפּאַנט איבערן צימער, שווער געאָטעמט, פּלוצעם זיך אָפּגעשטעלט, א וויש געטאָן די ליפּן מיט א ווײַס טיכעלע און אָנגעהויבן:

— איך זאָג דיר, באסיע, אז מע קאָן פּלאַצן. אזא מין איסטאָריע. ס'קומט צו דיר א גאסט, האַלט זיך מיט אים! הער זיך אײַן וואָס עס טרעפט.

— אָבער אַלץ טרעפט נאָר מיט דיר!

— האָב ניט קיין פּריוויטשקע אַרײַנצופאַלן אין די רייד. און הער מיט קאָפּ. יענע וואָך קלינגט מיר אָן פּייגע און דערציילט מיר, אז צו איר איז געקומען פון גאָרקי אירער א באקאַנטערס א זון. זייער א ווילער, א קלוגער, א קראַסאַוועץ, א אינטעליגענט. אָבער זי האָט גראָד צוויי פּוטיאָווקעס אין קליאַזמער פּאַנסיאָנאַט, איז עפּשער קאָן דער כאַווערטעס זון זײַן עטלעכע טעג בא מיר. ער וויל אָנקומען אין באומאַן-אינסטיטוט, פאַרשטייסטו מיך, ער איז אויסגעווען אַלע גאָסטיניצעס אין מאָסקווע און אומעטום איז קיין אָרט ניטאָ. מײַנער האָט די מינוט פאַרשטאַנען, געשאָקלט מיטן קאָפּ צו מיר אָף ניין. אָבער איך האָב געזאָגט פּייגען — אָף עטלעכע טעג קאָן ער קו-מען.

אָף מאָרגן אינדערפרי איז ער געקומען. טאַקע א הויכער, א שוואַרצכיי-נעוודיקער, קיין קראַסאַוועץ וואָלט איך ניט געזאָגט, אָבער קיין מיִעסער אויך ניט. א טשעמאָדאַן האָט ער א גאַנץ ווּקסיקן, באַם פרישטיק האָט ער אָנגעגאָסן קאַווע פאַר מיר און פאַר כאַימען, דערציילט אַנעקדאָטן, גערעדט וועגן ליטעראַטור. נאָך פרישטיק איז ער אוועקגעגאַנגען, צו מיטיק איז ער געקומען. קענסט דאָך מיך, אז איך האָב א גאסט, האָב איך פּײַנט צו ציילן די גרויפּן אין טאָפּ. געמאַכט ערשטע, צווייטע, אָף דריטע אוועקגעשטעלט אַפּעלסינעס. דער פּלעמעניק דערציילט אַלץ וועגן שרײַבער, לייענט אָף אויסווייניק לידער. מײַן כאַים האָט געעפנט מויל און אויערן. דו ווייסט דאָך, אז בא מײַן כאַימען איז א בוך דאָס לעבן. פונדעסטוועגן איז ער ניספּאַעל גע-וואָרן און זאָגט צו מיר: א קאָפּ, א זיקאָרן! סלאָוועם, וואָס א טאָג איז דער פּלעמעניק כאַימען אַלץ מער געפעלן. ער האָט אונדז געלייענט אָף אויס-ווייניק פּאַסטערנאַקן, בלאָקן, יעסענינען און וועמען ניט? כאַים איז אַנציקט. מיר געפעלט אויך דער באַכער. גלײַך נאָך פרישטיק גייט ער אוועק, אזוי-גער פיר-פינף קומט ער, עסט מיטיק, לייגט זיך צו אָפּן דיוואַן, דערנאָך, פאַרשטייט זיך, אָוונטברויט. אָפּט דערציילט ער אונדז וועגן דזשאָנאַטאַן סוויפטן, וועגן וואָלטערן. אז ער האָט זיך א ביסעלע צוגעוווינט, האָט ער גע-נומען וואַנעס פאַר אָנבײַסן. אַנומלטן זאָג איך צו אים שטיל: וואַשט אויס

די וואנע נאָך דעם ווי איר באָדט זיך. זאָגט ער מיר וועזשליווע, אז אינדערהיים טוט עס די מאמע. עס איז מיר געוואָרן, ווי זאָל איך דיר זאָגן... אָבער כאָים איז אנציקט פונעם באָכער, פארוואָס ניט, כאָים דארף דאָך ניט מאכן קיין אָנבייסן, קיין מיטיק, ער דארף ניט ראמען און וואשן. כ'זאָג דיר, איך האָב פארוואָרפן די אייניקלעך. ווערסט גלייבן, איך מיט כאָימען זיינען אליין געוואָרן שטיקלעך געסט אין אונדזער צווייצימערדיקער דירע. ווי קאָן מען דורכגיין דעם צימער, בייס דער באָכער שלאָפט אפן דיוואן. דערווייל האָט דער דאָקטער פון אונדזער פאָליקליניק געזאָגט, אז כאָים זאָל זיך אף א פאָר וואָכן לייגן אין שפיטאָל מיט זיין ספאָנדיליאָז. און וויבאלד דער דאָקטער זאָגט, איז דאָך אָפגערעדט — לייגט ער זיך. קומט מיר צו א שטיקל ארבעט: איבער א טאָג לויף איך מיט פערעדאטשקעס צו כאָימען, און די שטוב איז א שטוב. כ'מאַך פרישטיק, כ'קאָך מיטיק. דער באָכער האָט ניט קיין שלעכטן אפעטיט, נאָכן עסן איז ער אופגעלייגט, לייענט מיר אף אויסווייניק לידער, דערציילט וועגן שרייבער. איך הער וונימאטעלנע, אָבער אמאָל פליט מיר דורך א געדאנק: ס'וואָלט מיר ניט אויסגעמאכט, ער זאָל פארגעסן כאָטש איין מיטיק צוליב פאָעזיע. א צוויי-דריי מאָל האָט ער בא מיר געפרעגט, צי האָב איך ליב שאָקאָלאדנע אסאָרטי. איך געדענק ניט פינקטלעך, וואָס איך האָב אים געענטפערט, אָבער פרימערנע האָב איך אים געזאָגט, אז כ'דערנער זיך מיט אנדערע פראָדוקטן. אפן זעקסטן טאָג נאָך אָונטברויט זאָגט ער מיר, אז אין א צוויי טעג ארום פאָרט ער אוועק. כ'וויל זיך ניט מאכן בעסער ווי איך בין, איך מוז דיר זאָגן דעם עמעס, נעסיע, אז ס'איז מיר ניט געוואָרן שווער אפן הארצן... איך דארף גיין אין באָלניצע, ער קלייבט זיך אויך אוועקגיין. איך קום צוריק שוין פארנאכטלעך, ער שטייט לעבן שטוב מיט אן וואָסקע פלעשער. מיין איך, עפשער האָט ער עס געגומען צו פירן קיין גאָרקי. מיר גייען אריין אין שטוב, שטעלט ער ארויס די וואָסקע אפן באלקאָן. נאָך אָונטברויט טראָגט ער אריין א צוויי פלעשער, בעט בא מיר די שטוטשקע, מיט וועלכער מע עפנט א פלאַש סאָק אָדער לימאָנאד, גיב איך. עפנט ער א פלאַש, נעמט אליין א גלאָז. אז ער האָט אָנגעהויבן גיסן אין גלאָז, האָב איך פארשטאנען, אז דאָס איז ביר. הער נאָר וואָס אן אינטעלעקט קאָן! אויסגעליידיקט די פלעשער, איז ער אף מאָרגן אוועק און געבראכט נאָך!.. אף מאָרגן האָט ער ווידער ניט שלעכט איבערגעביסן, נאָך מיטיק געפרעגט, צי האָב איך האָניק, ווייל ער האָט ליב טונקען אפעלסין אין האָניק. קיין האָניק האָב איך ניט — איז ניט געטונקט! האָט ער נאָך מיטיק געטרונקען ביר. דעם טאָג, ווען ער האָט געדארפט אוועקפאָרן, פרעגט ער בא מיר, ווו איז דאָ נאָענט א פונקט, וואָס נעמט גלאָזווארג. זאָג איך אים, אז אונדזער מאגאזין נעמט אויך א פלאַש פאר א פלאַש. קוקט ער מיך אָן פארוואונדערט און טוט א זאָג: בא מיר וועט מען צונעמען אלע. אָבער ס'איז שוין אזויפיל פלעשער, אז אין זיין וואָסקע גייען זיי ניט אריין. גיב איך נאָך איין וואָסקע, און ער גייט אוועק. ס'האָט שוין היפש געדויערט. אז ער איז געקומען, האָט ער געהאט אזא פרייליכע

מינע, ווי ס'וואָלט בא אים אויסגעשפּילט א לאָטעריי-בילעט. און ער מאכט צו מיר: בא מיר האָט מען גענומען אלע פלעשער. כ'האָב זיך פארוווּנדערט. אָבער ווען מיר זײַנען ארײַנגעגאנגען אין קיך, נעמט ער ארויס פון בוזעם-קעשענע א פלאטשיקע פלאש, פארשטיי איך שוין. נאָר ער מאכט, פונדעסטוועגן, קלאָר די זאך: דאָס איז ארמענישער קאָניאק. אין גאָרקי איז דאָס א רעדקאָסט! נעסיע ווערט אנשוויגן. באסיע שווײַגט אויך. און בייס נעסיע שטייט שוין אין קאָרידאָר, וויל באסיע וויסן אָט וואָס:

— ער איז טאקע יענעם פארנאכט אוועקגעפאָרן?

— יאָ.

— אליין, צי מיטן קאָניאק?

— יאָ, מיטן קאָניאק.

— קיין סטיכי האָט ער דיר ניט געלייענט פארן אוועקפאָרן?

— הער אוף, באסיע. איך זאָג דיר, וואָס א מענטש טוט זיך ליטשנע, וועט עס אים קיין סוינע ניט טאָן. סלאָוואָם, פולע פלעשער, ליידיקע פלעשער, אָבער איך זאָל נאָכאמאָל נעמען יענעמס א גאסט אין שטוב ארײַן — דאָס ניט! און איך בעט דיך זייער, זאָל דאָס בלײַבן צווישן אונדז.

א יאָמטעוודיקע פאַרווײַלונג

זיכער איז בא אונדז יאָמקיפּער ניט קיין טאָנעס, מיר גייען ניט אין שול, יאָמקיפּער איז א געלעגנהײַט צו דערמאָנען די, וואָס זײַנען אוועק, ווי קאָרבאָנעס. מע קאָן זיך דערבײַ אויך דערמאָנען ווי די מאמע פלעגט אָנטאָן א ווײַסע בלאָנד אפן קאָפּ, א ווײַסע זײַדענע בלוזקע און א העלע לאנגע קלייד, און ווי זי פלעגט מיטן טאטן אוועקגיין נאָכן פארפאסטן און נאָך דערוף ווי דער זיידע האָט אין לאנגן ווײַסן קיטל מיט די ברייטע ארבל געבענטשט די אייניקלעך, שפּרייטנדיק זײַנע הענט איבער די קינדערשע קעפּ, ווי פליגל...

ס'איז דאָ וואָס צו דערמאָנען...

קומט צו מיר צו גיין מײַן שאָכן, שלוימע קאפּלינסקי, און אבראם אבראמאָוויטש (מע רופט אים אזוי, ווײַל זײַן טאטע איז געשטאָרבן, ווען ער איז געבוירן געוואָרן). זיצן מיר זאלבעדריט און יעדער האָט וואָס צו דערציילן. שלוימע דערציילט, אז בא זײַן זיידן, אָלעווהאשאָלעם, פלעגן זיך צו די יאָמטויווים צוזאמענעמען בא די פופציק מענטשן — יעשוווניקעס, פליטנטרײַבער. באם פארפאסטן פלעגט מען זיך ניט באגיין אָן א גוטן קעלישעק בראנפן, באם אָפּפאסטן האָט דאָך גאָט אליין געהייסן. אבראם אבראמאָוויטש דערציילט גאָרנישט, ער הערט און שמייכלט. עפּשער וואָלט ער עפּעס דערציילט, נאָר עס קלינגט דער טעלעפאָן. כ'נעם דאָס טרײַבל און הער:

— דאָ רעדט קוניצער. ווער רעדט דאָרטן?

— אויב איר דאַרפֿט אַזאַ און אַזאַ, בין איך דאָס.

— איר געדענקט קוניצערן?

— הערט אויף, דרייט מיר ניט קיין קאָפּ. ס'איז שוין זעקס יאָר, ווי מענדל קוניצער איז געשטאָרבן.

— איך בין דאָך זײַנער אַ ברודער. ער איז געווען מענדל וואָלפֿאָוויטש, און איך בין וועלוול וואָלפֿאָוויטש. ער האָט מיר דערציילט וועגן אײַך. ער האָט אַלעמאָל דערציילט וועגן די קאָמונאַרן, ער האָט געלעבט דערמיט. ווײַל איך אײַך זאָגן, אַז איך שטיי דאָ אין גאַסטיניצע „מאָסקווע" אין פֿאָיע און ס'איז ניטאָ קיין נומער אויף אַ רעפּוע. עפּשער וואָלט איר געקומען און מיך גענומען?

— דאָס קען איך ניט. נעמט אַ בלײַקע מיט פּאַפּיר און פֿאַרשרײַבט דאָס, וואָס איך וועל אײַך זאָגן, און דאָס וועט אײַך ברענגען צו מיר.

מײַנע געסט הערן דאָך וואָס איך זאָג, און שלוימע ווייצלט זיך: „האָסט שוין אַ גאַסט אין אַ נאָווענע". דער שמועס קלעפּט זיך שוין ניט, איז צײַט צו טרינקען אַ גלאָז טיי. כ'האָב ניט באַוויזן אוועקצושטעלן דעם טשײַניק אויפֿן טיש, דער טעלעפֿאָן ווערט צעשפּרונגען. כ'נעם אַראָפּ דאָס טרײַבל.

— איר הערט מיך, דאָס איז ווידער קוניצער. כ'האָב שוין באַשלאָסן, אַז כ'וועל צו אײַך ניט פֿאָרן. כ'וועל בעסער איבערזיצן די נאַכט אויף אַ שטול אין פֿאָיע, וואָרעם איך פֿיל, אַז איך קאָנטשע זיך.

נו, וואָס האָב איך דאָ געקאָנט זאָגן. מיר האָבן אויסגעטרונקען טיי מיט קיכעלעך, שלוימע מיט אַבראַם אַבראַמאָוויטשן זײַנען אוועקגעגאַנגען. איך זעץ זיך לייענען, עס קלינגט ווידער דער טעלעפֿאָן. איך נעם אַראָפּ דאָס טרײַבל, און איך הער ווידער וועלוול וואָלפֿאָוויטשן.

— איר פֿאַרשטייט, די דאַמע, וואָס זיצט אין פֿאָיע, זאָגט מיר, אַז עלף אַזייגער גייען אַרויס די אַלע, וואָס זיצן דאָ, מיט מיר אײַנעם, און די פֿאָיע ווערט פֿאַרמאַכט. וואָס זשע זאָל איך טאָן?

— גייט אַרויס פֿון פֿאָיע ניט קיין אַרויסגעטריבענער. ניט ווײַט פֿון האָטעל „מאָסקווע" שטייען טאַקסי. זעצט זיך אַרײַן און פֿאָרט צו מיר.

— איך האָב אויך אַזוי געטראַכט, — איז ער מַסכּים.

— כ'גיב אַ קוק אויפֿן זייגער, ס'איז צען מינוט אויף צוועלף. אין אַ מינוט פֿערציק אַרום דאַרף ער שוין זײַן דאָ. ס'איז צוועלף, ס'קלינגט ווידער דער טעלעפֿאָן. איך נעם אַראָפּ דאָס טרײַבל און הער אַ גאַנצן רעפּאָרטאַזש:

— איר פֿאַרשטייט, כ'האָב געטאָן, ווי איר האָט מיר געהייסן. כ'האָב אָפּגעשטעלט דרײַ טאַקסי און קיין איין טאַקסיסט וויל ניט פֿאָרן צו אײַך. זיי זאָגן, אַז ס'איז ווײַט. איך וועל שוין טאַקע איבערזיצן די נאַכט אין פֿאָיע.

— ווו וועט איר זיצן, אַז איר זאָגט אַליין, אַז מע טרײַבט אַלעמען אַרויס? איך ווייס ווײַטלעך, אָבער אויב איר וועט זאָגן דעם טאַקסיסט, אַז איר גיט אים צוויי רובל כּוח דערויף, וואָס ס'וועט זײַן אָנגערעכנט, וועט ער פֿאָרן.

— גוט, כ'וועל טאַקע אַזוי טאָן.

דער זייגער איז שוין א פערטל אף איינס. האַלב איינס, איינס, דער טעלעפאָן שווײַגט, און איך בין זיכער, אז איך קאָן פארמאכן די טיר אפן קייטעלע און גיין אין מײַן רו אריַין. פּלוצעם ווערט דער טיר-גלעקל אזש צעזעצט. כ׳כאַפּ ארוף אף זיך דאָס כאַלאטל, לויף צו צום טיר, פרעג ווער דאָ איז און הער, אז ס׳איז טאקע מײַן גאַסט.

כ׳עפן די טיר, עס שטייט א וווּקסיקער עלטערער מענטש, פון אהינטער זײַן פּלייצע קוקט ארויס א מיליציאָנער. כ׳האָב גלײַך פארטיק א פּלאַן: „איך וועל זאָגן דעם מיליציאָנער, אז כ׳זע דעם דאָזיקן מענטשן דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן”. דער מיליציאָנער דערפילט עפּעס און מאכט צו מיר:

— באבוסיע, עפנט ברייטער די טיר, לאָזט ארײַן אײַער גאַסט. איר פארשטייט, ער האָט ניט געקענט כאפּן קיין טאקסי, און איך האָב יאָ געקענט, אז ער האָט מיך געבעטן. איך אַוואַזשאַיע עלטערע מענטשן, אז אַן עלטערער מענטש בעט בא מיר א טויווע, וועל איך קיינמאָל ניט אָפּזאָגן.

אזוי מאכט צו מיר דער מיליציאָנער, און איך באַווײַז ניט צו זען ווי זײַנע פּיס שווינדלען איבער די טרעפּ אראָפּ-צו.

אין שטוב דערציילט מיר דער גאַסט:

— איך שטעל אָפּ איינעם, איך שטעל אָפּ א צווייטן, א דריטן. איך זאָג שוין, אז כ׳וועל געבן א דרײַערל, ניט קיין צוויי קערבלעך, נאָר קיינער וויל ניט. גיי איך צוריק ארײַן אין פאָיע, גיי צו צום מיליציאָנער, וואָס שטייט דאָרטן און זאָג צו אים ווי די מײַסע איז, זאָגט ער צו מיר: „כאָראָשאָ, דעדושקא” — און ווי איר זעט. בא אים האָט זיך יאָ אָפּגעשטעלט א טאקסי. לאנג לעבן זאָל ער. בא מיר אין בענדערי וואָלט אזא נעס קיינמאָל ניט געטראָפן.

איך גיב א קוק אפן זייגער, ס׳איז אָן צען מינוט צוויי. מע דאַרף מאכן נאכט.

עס זאָל אזוי ניט טרעפן

איך האָב זיך באקאַנט מיט איר אין כערסאָן אפן טעקסטילער פּראָספּעקט. מיר זײַנען געגאנגען צום טײַך-האַפן, צום וואָקזאַל. דערנאָך זײַנען מיר א ווײַלע געזעסן אין סקווער אף א בענקל. דאָס איז געווען א גאנץ כיינעוודיקע יונגע פרוי, וועגן זיך האָט זי גאָרניט דערציילט, זי האָט באַהאַוונט גערעדט וועגן ליטעראַטור און באַזונדערס וועגן טאָמאַס וואָלף. זי האָט מיך באגלייט צום האָטעל „קיעוו” און מיר זײַנען היפּש געזעסן אין וועסטיביול. פון צײַט צו צײַט האָב איך זי אָנגעקוקט און איך האָב ניט געקאָנט פארשטיין, פארוואָס אירע אויגן זײַנען א מינע סטאַטיסטן אף איר פּאָנעם. דאָס מויל שמייכלט, די אויגן ניט, דאָס גאנצע פּאָנעם איז הײַטער, די אויגן — ניט. דערנאָך האָב איך זי באגלייט און איך האָב זיך איבערצײַגט, אז ס׳איז ריכטיק, וואָס זי האָט געזאָגט, זי וווינט נאָענט. מיר זײַנען היפּש געשטאַנען און זי האָט מיך ניט איין מאָל געבעטן, איך זאָל מאָרגן ארײַנגיין צו זיי.

מאָרגן איז זי געקומען אין האָטעל, און איך בין מיט איר געגאַנגען, ווי זי האָט געזאָגט, „צו מײַן מאַמען און צו מײַן טאַטן".

די דירע איז מיר גלײַך געפעלן געוואָרן. ס'איז ניט געווען דער אומ־באַדינגטער קרעדענץ, די גרויסע פּאָלירטע שאַפע, וואָס פאַרנעמט אַ וואַנט, אין וועלכער עס שטייען גלאַנצנדיקע ביכער, וועלכע שרײַען מאַמעש „מע לייענט אונדז ניט!" איך האָב שוין געוווּסט, אַז די יונגע פרוי רופט מען לענע. זי האָט מיך באַקאַנט מיט איר מאַמען, וועלכע האָט געזאָגט:

— רופט מיך פּראָסט סאָרע און ניט סאַראַ יעפרעמאָוונאַ.

דערנאָך איז געקומען דער טאַטע. דעם טאַטן האָט מען גערופן זייער מאָדנע — יאַכאַן. דאָס איז געווען אַ הויכער, מעכטיקער מאַנצבל, וואָס האָט פאַרנומען זייער אַ סך אָרט אין צימער. דאָס, וואָס איך האָב ניט געוואָלט, האָט פּאַסירט. ס'איז געגאַנגען אַ רייד וועגן עסן מיטיק.

— ביז וואָס־ווען קומט אַרײַן צו מיר אין צימער, — האָט לענע געזאָגט, — דער צימער איז מיר געפעלן געוואָרן מער ווי יענער. דאָ איז געשטאַנען אַ נידעריק טישל, אַ שמאָלע סאָפקע און אַ רעפּראָדוקציע פון מאַרקע, אַ פּייזאַזש מיט לאָדקעס. נאָר ווען איך האָב מיך אַ קערעווע גע־טאָן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָ שטייט נאָך אַ קליין בעטעלע, אין וועלכן עס ליגט אַ פּרעכטיק קינד און שלאָפט. כ'ווייס ניט ווי ווער, איך קאָן קוקן אויף וואַסער, אויף פײַער און אויף אַ קליינינק קינד שלאָפנדיק.

אינגיכן האָט סאָרע אײַנגעלאָדן צום טיש, און כאָטש איך האָב אַן אײַזערנעם געזונט, וואָס ווייניקער פרעגן, האָט מיך דאָס מאָל געפּיקט די צונג און איך האָב גאַנץ הויך זיך געוווּנדערט צו לענען:

— מיר וועלן ניט וואַרטן אויף אײַער מאַן, מיר וועלן עסן מיטיק אָן אים?
כ'האָב געזען, ווי דאָס שעפּ־לעפל איז שטום געבליבן אין סאָרעס האַנט. יאַכאַנעס האָט אַ קוק געטאָן אין פענצטער, לענע האָט שטיל צו מיר גע־זאָגט:

— איצט טרעפט אַזוי. גלײַך ווי אונדזער ייִנגעלע איז געבוירן גע־וואָרן איז מײַן מאַן פון מיר אַוועק. ס'איז אים געפעלן געוואָרן אַן אַנדער פרוי, איר פאַרשטייט?...

— געפעלן געוואָרן, — האָט דער פאָטער מיט ביטל אויסגערופן, — איך, ווידער האָב געטראַכט: אירע אויגן זײַנען שטום געווען ניט אומזיסט...

איך גיב זיך אַליין אַ קאָמאַנדירונג

ווער עס טוט גוטס, וועט קיינמאָל קיין כאַראָטע ניט האָבן.

פונעם טעלעפאָן־קלונג האָב איך פון אָנפאַנג גאָרניט פאַרשטאַנען. נאָר־וואָס האָט זיך פאַרמאַכט די אויסשטעלונג פון מײַן פאַרשטאָרבענעם מאַן, דעם קינסטלער מענדל גאָרשמאַן. דורכן טרײַבל זײַנען צו מיר געפלויגן אַזעלכע ווערטער, אַז ס'איז מיר וואַרעמער געוואָרן.

— איך בין דאָך יִסראָעל שיינמאַנס זון. שוין זשע האָט איר פאַרגעסן יִסראָעל שיינמאַנען?

ס׳האָט מיר א קלאַפּ געטאָן אין האַרצן. יִסראָעל שיינמאַן פון סאַראַקע! קנאַפּע צוואַנציק יאָר זײַנען מיר אַהין געפאָרן, און א גאַנצן סאַראַקער זו- מער האָבן מיר זיך געזען מיט יִסראָעל שיינמאַנען און מיט זײַן ווײַב העניע. העניע האָט זיך מיר שטאַרק פאַרגעדענקט. ביז איצט קלינגט מיר איר קאָל אין די אויערן: „כ׳וועל מיך דערהאַרגענען, און געלערנטע וועלן מײַנע קינ- דער זײַן". האָב איך דאָך איצטער די געלעגנהײַט צו דערוויסן זיך, ווי גע- לערנט העניעס קינדער זײַנען. און אָט־אָ זיצט טאַקע אווראָם שיינמאַן בא מיר. זייער א כיינעוודיקער יונגערמאַן, ער איז גאַרניט ענלעך אף יִסראָעלן. ער איז ענלעך אף דער מאַמען. איך טו גלײַך א פרעג:

— וואָס טוט איר עפּעס?

— וואָס זאָל איך טאָן, איך בין אַן אינזשעניער א בויער, איך קאָן זיך ניט באַקלאָגן, מײַנע שוועסטערלעך געדענקט איר נאָך? זיי זײַנען ביידע עקאָנאָמיסטקעס. מײַן מאַמע, זאָל אונדז נאָר געזונט זײַן, האָט געטאָן וואָס זי האָט געקאָנט, אָבער מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז מיר דאַרפן האָבן גוטע אַטעסטאַטן און גוטע דיפּלאָמען. קיין פּאָסילקעלעך מיט קיין פינף־און־צוואַנ- ציקערס וועט מען אונדז ניט שיקן. איר ווייסט דאָך, מײַן טאַטע האָט זײַן גאַנץ לעבן אָפּגעאַרבעט אין א רעמאָנטנע מאַסטערסקאַיאַ. איר קענט דאָך מײַן מאַמען? גרעט האָט זי געוואַשן, און פּאָדלאָגעס האָט זי געשקראָבעט בא לײַטן, מיר האָבן זיך געלערנט. און מיר האָבן אַלע געהאַט גוטע דיפּלאָ- מען. דער טאַטע מיט דער מאַמען רעדן דאָך בא אונדז גוט יִדיש, האָבן זיי מיך אויך אויסגעלערנט.

איך קוק אף אווראָמען, עס געפעלט מיר, וואָס ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם פּאָרטפעל אף דר׳ערד און ניט אפן טיש, ווי אַנדערע קולטורעלע געסט. נאָך זײַן אַוועקגיין בלײַבט אין צימער א פּוסטקײַט. אַפילע דער שטול, אף וועלכן ער איז געזעסן, זעט מיר אויס לײדיק.

צוליב גאַרשמאַנס אויסשטעלונג בין איך א גאַנצן זומער געווען אין מאָסקווע, אין א כוידעש אַרום קלינגט ווידער אווראָם.

— דאָס זײַט איר, שירע גריגאָריעוונע? איר זאָלט נאָר ניט מיינען, אַז איך בין א נאַכאַל, נאָר איך וויל מיט מײַן זון זײַן אין מאָסקווע. ער וויל ווערן א מאָלער. איר זײַט א היימישע?

— א היימישע, נאָר מײַן גאַסטפרײַנטלעכקײַט איז, זעט אויס, געמי- נערט. אָנבײַסן און וועטשערע מיטן גרעסטן קאָוועד, אָבער וואַרמעס, ווי איר פאַרשטייט...

— ס׳האָט ניט קיין באַדײַטונג, איך קאָן אַליין קאָכן.

אין עטלעכע טעג אַרום איז אווראָם מיט זײַן זון וואָווע געקומען. דער נאָמען וואָווע איז ניט זייער צוגעפּאַסט פאַרן באָכער. זײַנע געלע ברעמען זײַנען האַרט אַפילע אפן קוק. די טיף־גרויע אויגן זײַנען שאַרף. די גע- קרײַזלטע האָר שטייען ווי אין א באַרשט. ער וואָלט געדאַרפט האָבן אַן

אַנדער נאָמען. אָבער איך האָב געהאַט האַנאָע פֿון אוראָמען, פֿונעם טאַטן. ערשטנס, איז ער טאַקע א גוטע באַלעבאָסטע. ער האָט געקאָכט ווארמעס, אז יעדע פרוי מעג זיך דאָס ווינטשן. צווייטנס, איז ער א זעלטענער טאַטע. אָבער וואָס א טאָג ווײַטער, האָט זיך ארויסגעוויזן, אז וועלוועלע וועט אין קיין מאַלעריַ-אינסטיטוט ניט אָנקומען. וועלוועלע איז ארומגעגאַן ווי פאַר-טשאַדעט, און אוראָם האָט אים געטרייסט: אז דו ווערסט ווערן, ווערסטו זײַן וואָס דו ווילסט. נאָר ניט אַראָפּלאָזן די נאָז. מיר וועלן קומען צוריק אהיים, וועסטו זיך לערנען פריוואַט, צו אכציק יאָר איז דיר נאָך ווײַטער. נעם זיך ניט צום הארצן.

אויסמאָלן אלע צערטלעכע ווערטער, דאָס צערטלעכע שוויַגן, די מילדע בליקן, וואָס אוראָם האָט געוואָרפן אפן זון, איז מײַן פען שוואַך. אָפט פלעג איך זיך דערמאָנען טעוויע דעם מילכיקן, וואָס האָט אויסגעטראַכט א ניט געשטויגענעם כאַלעם, קעדיי גאָלדע זאָל ניט וועלן לייזער-וואָלפן פאַר אן איידעם. אוראָם איז געווען ניט נאָר א זעלטענער טאַטע. וואָס ווײַטער האָב איך געהאַט די געלעגנהײַט זיך צו דערוויסן, אז ער איז א זעלטענער פרײַנט, אלעמאָל פלעג איך געפינען א ריינע שטוב און, וואָס עס איז געווען וויכטי-קער פון אלץ — טרייסט-ווערטער.

— איר דאַרפט זײַן גליקלעך, גיט א קוק, וואָס פאַר א דערפאָלג די אויסשטעלונג האָט. וויפל מענטשן עס גייען און וואָס מע פארשרײַבט אין בוך.

דאָס איז געווען ניט איבערגעטריבן, אָבער די אויסשטעלונג איז אָפּגע-לייגט געוואָרן פינף מאָל. זי איז דערעפנט געוואָרן אין יול, ווען די מערהײַט קינסטלער פאָרן זיך פאנאנדער.

אזוי איז טאַקע געווען, אוראָם און וועלוועלע זײַנען אוועקגעפאָרן מיט דעם, מיט וואָס זיי זײַנען געקומען. אָבער יִסראָעל שיינמאַנס זון, אוראָם, איז ניט פון די יעניקע, וואָס פאָרן אוועק אָן א זײַ-געזונט. אלע אָוונט האָט ער מיר געקלונגען פון קעשענעוו. געוואָלט וויסן, צי איך קאָך שוין מיטיק פאַר זיך און ווי איך פיל זיך. נאָך א קלייניקײַט האָט אים געדופעט: ווען נעם איך א בילעט צו פאָרן קיין קעשענעוו. א מענטש קלינגט אלע טאָג פון קעשענעוו, ער ברענגט זיך אזוי אויס! ווי קאָן מען בלײַבן גלײַכגילטיק? פאָר איך מיר נאָך גאָרשמאַנס אויסשטעלונג צו אוראָמען צוגאַסט.

דער וועטער איז פרעכטיק. ווי די הימלען וואָלטן געוווסט, אז איך בין א גאַנצן זומער געזעסן אין מאָסקווע. דער באַן גייט, אָבער איך ליג. איך בין נאָך אין דער עקספּאָזיציע. איך בין בא די סטענדן מיט די אילוסטרא-ציעס צו מענדעלע מוכער-ספאָרים. אף די וואַגאָן-ווענטלעך זע איך די אקווארעלן. ניט אזוי לאַנג איז דער וועג פון מאָסקווע ביז קעשענעוו. ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז דער באַן איז נאָך ניט שטיין געבליבן, און אוראָם איז שוין אין וואַגאָן. זײַן קאָל איז אזוי ווייך, ווי ער וואָלט גערעדט צו א קרוווע:

— גוט, מאַלאַדיעץ.

ווען מיר גייען ארויס פון וואַגאָן, פאַרשטיי איך גלײַך, אַז די פרוי מיטן בוקעט איז אוראַמס פרוי. דער שוואַרצכיינעוודיקער באָכער מיט בלויע קאָרן-בלימלעך איז ראַפיק, וואָלאָדיאַס ברודער. זיי זײַנען דאָך אַ צווילינג — ראַפיק איז עלטער מיט דרײַ מינוט. אין אַ קורצער ווײַלע אַרום בין איך שוין בײַ אוראַמען אין שטוב. קימאַט צוויי וואָכן בין איך בײַ זיי אָפּגעווען. איך האָב אָפט געטראַכט, אַז ווען גאָט זאָל האָבן צען קעפּ, און איך זאָל דערצו נאָך וויסן זײַן אַדרעס, וואָלט איך אים אויסגעדריקט דעם גרעסטן דאַנק, וואָס ער האָט צונויפגעפירט אַזאַ זיווג. גאַנצע טעג זײַנען זיי אויף דער אַרבעט, ווײַל אוראַמס פרוי איז אויך אַן אינזשעניער אַ בויער. ראַפיק לערנט זיך אין טעכניקום און ער אַרבעט. קומט אויס, אַז די סאַמע פרײַע מענטשן זײַנען וואָווע און איך. נאָר זאָגן וועגן וואָווען, אַז ער איז אַ פרײַער מענטש, איז אַ ביסל איבערפלעכלעך. אינדערפרי צייכנט ער. דערנאָך לייענט ער. אַלע ווײַלע גייט ער אַרײַן צו מיר אין צימערל און לייענט מיר עפּעס פון גאָגאָלן. דערבײַ אַנטשולדיקט ער זיך און פרעגט מיך, צי ער האָט מיר ניט געשטערט. ס׳טרעפט, אַז איך כאַפּ אַ קוק, ווי ער גייט צו צום קיך-אַלמער און וואַרפט אַרײַן אַ ציגעלע צוקער אין מויל. דערנאָך שטעלט ער אַוועק אַ פּלאַסטינקע מיט טשײַקאָווסקיס ערשטן קאָנצערט, זעצט זיך אין גרויסן שטול, וואָס ווערט אויף באַנאַכט אַ בעט, לייגט צונויף די הענט אויף די קני, בייגט זיך אײַן זייער נידעריק און בלײַבט אַזוי פאַרשטאַרט, רירט ניט מיט קיין גליד. עס טרעפט, אַז איך פרעג:

— איר שלאָפט?

— וואָס אײַך קאָן אײַנפאַלן! אַז מע הערט טשײַקאָווסקין כאַפּט מען זיך אויף, ניט מע שלאָפט.

אַזוי פאַרברענג איך די ערשטע עטלעכע טעג בײַ אוראַמען מיט סאַרען.

עס קומט אַ טאָג, ווען איך האָב בעדייע אַ קוק צו טאָן קעשענעוו.

— וווּהין גייט איר? — מאַכט צו מיר וועלוועלע. — אויב איר ווילט, וועל איך אײַך באַגלייטן. קעשענעוו קען איך בעסער ווי מײַן צימער.

אַזוי ווערט וועלוועלע מײַן טשיטשעראָנע. ער גייט מיט מיר צו יעכיעל שרײַבמאַנען. פאַרשטייט זיך, אַז איך לייען דאָרטן אַ דערציילונג. שרײַבמאַן הערט זייער אויפמערקזאַם און כאַזערט עטלעכע מאָל איבער אויסדריקלעך: — „איך וואָלט עס אַזוי ניט געשריבן". איך פאַרשטיי, אַז ער וואָלט עס אָנגעשריבן בעסער. אָבער דער גוטער מאַלעך פליט צו קיינעם ניט אַרײַן אָפּט. פון דעם האָב איך האַרצווייטיק. אין גאַס זאָגט צו מיר וואָווע:

— דעם שרײַבער איז ניט געפעלן געוואָרן אײַער דערציילונג.

— פונוואַנען ווייסט איר דאָס, איר פאַרשטייט דאָך ניט קיין ייִדיש.

— כ׳האָב דאָס דערפילט.

פון שרײַבמאַנען פאָרן מיר אויף ניאַגי-גאַס. ניאַגי איז געווען אַ מאָלדאַוואַנישער קאָמפּאָזיטאָר. נאָר כּוח אים זײַנען דאָ נאָך גאַסן אויף גלינקאַס, טשײַקאָווסקיס און באָראָדינס נאָמען. אויף ניאַגי וווינט בערטע און אוראַם שוואַרץ. דאָס זײַנען מײַנע לאַנגיאָריקע באַקאַנטע. איצטער זײַנען זיי שוין

היפש באַרט, און איך ווייס ניט, פאַרוואָס זיי דערמאָנען מיר אין די „אַלט-מאָדישע פריצים". דאָס מאָל האָט מיר ניט אָפּגעגליקט. מע האָט פּונקט פאַריכט דעם דאַך בא זיי. האַמערס האָבן געקלאַפּט, פון סופיט זײַנען גע-פאַלן שטיקער קאַלך. פונדעסטוועגן האָט אוורום מיר געגעבן אַלערליי פאַרמאַקאָלאָגישע אייצעס, ווײַל ער איז א באַהאַוונטער אין די איניאַנים.

צוויי וואָכן בין איך געווען בא אווראָמען מיט סאָרען. די גאַנצע צײַט האָב איך זיך געפרייט, וואָס אוורום איז ניט נאָר א זעלטענער פרײַנט, נאָר אויך א זעלטענער מאַן. וועגן א טאַטע איז דאָך אָפּגערעדט. אַלע טאָג קומט ער פון דער אַרבעט מיט צוויי געפּאַקטע טאָרבעס, אָף וועלכע עס זײַנען אָנגעמאָלט שרעקלעכע מענטשן. זונטיק האָט סאָרע געבאַקן א לעקעך, אוו-ראָם האָט געשאַטקעוועט קרויט, געריבן מערן פאַר דער קרויט, ניט פאַר-געסן אַרײַנצולייגן עפּל, עס אַרײַנגעפּאַקט אין א קליין פעסעלע, אַרויסגע-קײַקלט אַפן באַלקאָן, אײַנגעקוטעט דאָס פעסעלע מיט וואַטניקעס, די זון זאָל עס ניט קאָנען אָנוואַרעמען, ווײַל דער וועטער איז געווען וואַרעם אין פּרעכטיק. אויסגעבאַקן דעם לעקעך, מאַכט צו מיר סאָרע:

— הײַנט זאָלט איר אין ערגעץ ניט אוועקגיין. הײַנט האָבן מיר געסט.

— אויב איר האָט אין זינען מעכאַבעד צו זײַן מיט מיר אײַערע געסט, גיי איך גלײַך אוועק פון שטוב.

— איר וועט מיר עס ניט טאָן, צווישן די געסט וועט זײַן מײַן ברודער.

ס'איז נאָך ניט צוגעפאַלן דער אָוונט, ווי דער ערשטער גאַסט איז שוין געקומען. דאָס איז געווען א הויכער מאַנצבל פון א יאָר עטלעכע און פער-ציק, ער האָט זיך אוועקגעזעצט, אויסגעשטרעקט די לאַנגע פיס, דערציילט א פּאָר אַנעקדאָטן, געלאַזט וויסן, אַז ער איז א פּראַגראַמיסט, דערנאָך מיט אַלע אײנצלהײַטן דערציילט, ווי זײַן ווײַב מאַכט א טראַנסערוואַלער טאָרט. אינגיכן איז געקומען סאָרעס ברודער מיט זײַן פרוי. סאָרעס ברודער איז א באַוווסטער פיזיקער. ער האָט דערציילט א סאַך טשיקאַווע זאַכן. כ'האָב ניט געוואָלט, און פונדעסטוועגן דורכגעלייענט א דערציילונג.

אין איינעם א טאָג קלינגט אוורומס שוועסטער ליובאָטשקע, איך זאָל קומען, ווײַל זי מאַכט האָלובצעס. דאָס איז מאַמעש אַן אומגליק. ווי מע גייט אַרײַן אין שטוב, הייבט זיך אָן דער פּרעס. איך געדענק ליובאָטשקען, ווען זי איז געגאַנגען לערנען אין דריטן קלאַס. זי האָט געהאַט צוויי שטײַפע פאַרפלאָכטענע צעפּלעך און א טאָרבעטשקע, וואָס העניע האָט איר אויפגע-נייט פון אַן אַלטן האַנטעך. איצט איז עס א כיינעוודיקע ליכטיקע פרוי. זי איז אָף דער צײַט. כ'האָב אײַך שיר ניט פאַרגעסן צו זאָגן, אַז בא ליובען זײַנען צוגאַסט אירע טאַטע-מאַמע — יִסראָעל און העניע. פאַרשטייט זיך, אַז העניע האָט גענוג אַרבעט, אָבער פונדעסטוועגן געפינט זי צײַט אויסצו-גיסן אירע ווונטשן:

— ווען ער, אין הימל, העלפט מיר שוין און מײַן ליובאָטשקע איז פון דער זײַט מיטן קינד אָף די הענט, וואָלט איך זיך מעכײַע געווען...

און צו יִסראָעלן:

— הער זיך צו, מײַן מאן, נעם אראָפּ דאָס געפּעס פונעם טיש, עס וועט דיר ניט פארשאטן!

יִסראָעל טראָגט די טעלער און טוט א זאָג צו דער טאָכטער:

— ליובע מײַנע, לייג זיך צו, קיינער וועט אַף דיר קיין פאריבל ניט האָבן. פאָלג מיך, דער, וואָס איז מיט דיר, איז שוין פארמאטערט...

קוקן אַף יִסראָעל שיינמאנען איז ניט קיין קלענערער פארגעניגן, ווי אַף אווראָמען. ער איז ווּקסיק. זײַן גראָווע טשופּרינע איז געדיכט. דאָס פּאָנעם פּריש, קוקט אַף אים העניע, שאָקלט מיטן קאָפּ און מאכט צו מיר:

— איר מעגט אײַך קוקן אַף מײַן יִסראָעלן וויפל איר ווילט, אָבער פונדעסטוועגן קוקט בעסער אַף מיר.

מיר האָבן געגעסן האָלובצעס, געטרונקען וווישניק און צוגעווּנטשן, עס זאָל זײַן גוט דעם גאנצן פאָלק, און ליובען מיט איר מאן אויך. אַף מאָרגן, ווי אלע טאָג, שפּאציר איך מיר מיט וועלוועלען איבער קעשענעוו, און ווידער גייען מיר ארײַן צו שרײַבמאנען. איך ווארט, אז שרײַבמאן זאָל שוין אָנהייבן דערציילן, ווי זײַן מאמע רעדט, ער דערציילט עס אזוי קאָלאָריטפול, ס'איז א כּיעס אין די גלידער. נאָר דאָס מאָל איז, צום באדויערן, קלאָגעדיק. שרײַבמאנס מאמע איז אוועקגעריסן געוואָרן. און ער איז זייער פארומערט און פארצאָרנט.

א הויכער הימל, קלאָרע דורכזיכטיקע ווײַטן. ווײַנגערטנער און ווײַנגערטנער, ווו-ניט-ווו עפּל-סעדער. עס זײַנען פאראן אזעלכע סעדער, ווו די ביימער זײַנען קימאט אָן צווײַגן. אָט שטייט א נידעריקער שטאם, געציילטע עטלעכע צווײַגן אַף אים, און די צווײַגן ברעכן זיך מאמעש פון דער גערעטעניש, דערנאָך האָב איך זיך דערוווּסט, אז דאָס איז א נײַער אויפן פון פלאנצן סעדער. די דערפער, וואָס מיר פאָרן דורך, זײַנען היימלעך. די שטיבער זײַנען נײַע, די ווענט פון דרויסן זײַנען געמאָלט מיט בלומען און זון-רויזן. די טאָפּאָלן, וואָס וואקסן פון ביידע זײַטן וועג, האָבן זיך קימאט פארייניקט, און ערטערווײַז דעקן זיי איבער דעם וועג ווי א גרין געצעלט.

סאָראָקע מײַד איך דאָס מאָל אויס. כאָטש דאָס דאָרף טריפּאוצע איז ניט ווײַט פון סאָראָקע. איבערן דאָזיקן דאָרף ברומען ווילדע טויבן, און די פרוכטן פון די סעדער זײַנען נאָך ניט אראָפּגענומען. דאָרטן, בא אנעטען, איז גאָרשמאן אלע מאָל אײַנגעשטאנען. אין דער קאסע-מארע, אין שיינעם צימער, ווו די באלעבאָסטע האָט אײַנגעאָרדנט גאָרשמאנען, האָב איך באמערקט, אז דער טיש איז געווען פארשפּרייט מיט א געלן זײַדענעם טאלעס מיט העל-בלויע פּאסן בא די ראנדן. אַף דער פענצטער-ברעט זײַנען געשטאנען מעשענע לײַכטער. אַף די פּאָליטשקעס האָב איך דערזען עטלעכע בעכערס און א זאלץ-מעסטעלע, אַף וועלכע עס איז געווען אויסגעקריצט „קאָשער לעפּייסעך". נאָר אומבאגרײַפלעכער פון אלץ זײַנען געווען עטלעכע פּאָטאָגראפיעס פון יונגע מיידלעך, צוגענאָגלטע צו די טאפּעטן. גאָרשמאן, אָלעווהאשאָלעם, האָט זיי אראָפּגענומען, און מיר האָבן זיך איבערצײַגט, אז מיר האָבן קיין טאָעס ניט געהאט...

דאָס אַלץ האָט געצאַפּלט אין מײַן זיקאָרן. און דאָס האָט מיך איצט, אין יאָרן אַרום, אַוועקגעפֿירט קיין טריפּאָוצע.

יאָ, אַוואַדע שטייט זיך טריפּאָוצע ווי געווען. אַ סאַך נײַע שטיבער מיט פֿאַרגלאָזטע גאַנקעס פֿאַר די טירן...

יאָ, אַוואַדע שטייט זיך טריפּאָוצע ווי געווען. אַ סאַך נײַע שטיבער מיט פֿאַרגלאָזטע גערעמע ווערענדעס. אַנעטעס שטוב שטייט אויך, שטייט ווי געווען. איך גיי אַרײַן אין הויף, אַ הונט רײַסט זיך פֿון קייט, אַ פֿרוי באַווײַזט זיך. זי שטעלט זיך לעבן מיר און ס׳ווערט מיר קלאָר, אַז זי וויל ניט, איך זאָל אַרײַנגיין אין שטוב. אָבער איך בין ניט פֿון די, וואָס מע לאָזט ניט. איך וואַרט ניט אויף קיין אײַנלאַדונג. איך זאָג צו איר:

— אַנעטע פּעטראָוונאַ איז אײַער מאַמע?

— אַנעטע פּעטראָוונאַ איז שוין געשטאָרבן.

— אָבער איך דאַרף אַרײַנגיין. איך בין דאָ אײַנגעשטאַנען מיט עטלעכע יאָר צוריק.

געזאָגט און געטאָן. אויפֿן פֿענצטער-ברעט שטייען, ווי אַמאָל, די לײַכטער, קיין בעכערס זע איך ניט. נאָר דאָס זאַלץ-מעסטעלע שטייט אויפֿן גרינעם פּלושענעם טישטעך, מיט וועלכן דער טיש איז פֿאַרשפּרייט. די פֿאָטאָגראַפֿיעס הענגען, ווי אַמאָל.

— אויף וואָס האַלט איר די פֿאָטאָגראַפֿיעס, זיי זײַנען דאָך ניט אײַערע קרובֿים?

— ווײַבאַלד די מאַמע האָט זיי אויפֿגעהאַנגען, זאָלן זיי הענגען.

איך פֿאַרזאַם זיך דאָ ניט לאַנג. דער וועג פֿון טריפּאָוצע איז זייער אָנגענעם. רעכטס — דער דניעסטער, לינקס — די הויכע, ווײַסע קרײַד-בערג, די בערג זײַנען נאַקעט, אָבער די זון שײַנט. דער הימל איז בלוי, פֿאַר מײַנע אויגן — די וואַנט מיט די פֿאָטאָגראַפֿיעס. איך גיי, ווי אין אַן אומגעדאַכטן חלום.

געקומען קיין לוואָוו, שטיי איך אין ריי נאָך אַ טאַקסי און הער פּלוצעם אַ האַרצרײַסנדיק געשריי. „שירע גריגאָריעוונע!" — שרײַט ליזען. איך בין זיך אַליין מעקאַנע, ווײַל ווי נאָר איך האָב איבערגעלייענט אינעם צענטן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" פֿאַרן 1973-טן זײַן ווערק „גרינע מאַציוועס, וואָס שווײַגט איר?", האָט מיך באַהערשט אַן אומרו. די דערציילונג איז ניט געווען ענלעך צו די, וואָס זײַנען שוין געדרוקט געוואָרן אויף דער טעמע. כ׳האָב איבערגעלייענט אין דער דערציילונג אַזוינע ווערטער: „ניין, ניט געווען, ס׳איז דאָ ניט געווען קיין פּאַרק, ער געדענקט עס גאַנץ גוט, קיין ביימער זײַנען ניט געווען. דאָ זײַנען געווען שטיבער, פֿון דאָר-דורות זײַנען דאָ געשטאַנען שטיבער. אין די שטיבער האָבן געלעבט מענטשן. געלעבט און געפֿרייט זיך, געפֿרייט זיך און געליטן, איז פֿונוואַנען האָבן זיך גענומען ביימער? און וווּהין האָבן זיך אַהינגעטאָן די שטיבער? די שטיבער מיט די פֿריילעכע און אומרויִקע מענטשן". אָט דער קליינער אויסצוג מאַכט קלאָר, אַז דאָס, וואָס איז געווען, איז פֿאַרשוווּנדן אויף אייביק, און מיר זײַנען קינדער פֿון אַ געקוילעט פֿאָלק. און ווידעראַמאָל אַ ציטאַטע: „און דער הימל איז נאַס, און דער הימל איז נידעריק און פֿאַרגרויט, זעט אויס

דער פּאַרק, ווי אַ גרינע זעונג צווישן שטיינערנע נאַקעטע ווענט". גלײַך ווי איך האָב איבערגעלייענט „גרינע מאַציייוועס", האָב איך געהאַט אַ סך סימאָנים, אַז ליזען דער שרײַבער הייבט ערשט איצט אָן, אָבער ער הייבט אָן אייגנאַרטיק. און דאָס איז דער בוילעטסטער סימען פֿון באַגאַבטקייט.

קורץ גערעדט, איך בין אין לוואָוו און איך קוק זיך צו, ווי עס געהער צו זײַן, צו ליזענען. ער איז ניט וווּקסיק, יאַדערדיק. אויפֿן פּאָנעם הערשן זײַנע בלויע אויגן. פֿון זיי קוקט אַרויס גינציקייט און אַזאַ צוגעלאָזטקייט, אַז עס ווערט אַזש אומבאַקוועם. ער פֿירט מיך אַוועק צום האָטעל „לוויוו". דער הויפּט-בוכהאַלטער פֿון האָטעל, יאַקאָוו סעמיאָנאָוויטש גערשקאָוויטש, איז ליזענס אַ נאָענטער באַקאַנטער. איך האָב אַ גוטן צימער. אינדערפֿרי, אַזייגער האַלב נײַן, קלינגט ליזען. ער דאַרף דרינגענד וויסן, ווי איך פֿיל זיך, צי איך האָב שוין געפֿרישטיקט. אויב איך בין אַ געפֿרישטיקטע, איז ער אין עטלעכע מינוט אַרום דאָ. מיר גייען אָנקוקן די שטאָט. די שטאָט איז וווּנדערלעך. זי פֿאַרנעמט אַ גרויסן שטעטך. דער אײַזנבאַן-וואָקזאַל, וועלכן ס'האָט אויסגעבויט דער אַרכיטעקטאָר סאַדלאָווסקי, איז מאָנומענטאַל. די קאָלאָנעס זײַנען פּראָפּאָרציאָנעל צו דער געבײַדע, אַלץ איז מאָנומענטאַל, און איינצײַטיק האָט מען אַן אײַנדרוק, אַז עס איז זייער גרינג און לופֿטיק. אויף מאָרגן גיי איך צום מאַרק-פּלאַץ. דאָ זײַנען פֿאַראַן אוניקאַלע אַרכיטעקטור-דענקמעלער און סקולפּטורן. נעפּטון שטייט אין ליכט און ראַכוועס. אַדאָניס און די געטן פֿון יאַגד דאַנאַיאַ שטייען אַזוי, גלײַך זיי פֿאַרברענגען דאָ די צײַט און פֿירן אַ שמועס. זיי האַרמאָנירן צו דער אורבאַניק. מיר דוכט, אַז אָט שפּאַנען זיי גאָר אַוועק צום ראָטהויז. די גאַנצע צײַט טוט מיר ווי דער נאַקן, ווײַל איך האַלט פֿאַריסן דעם קאָפּ. לוואָוו איז אַ שטאָט אַ מוזיי. אַ סך אַרכיטעקטור-דענקמעלער. די פֿאַרשיידענע קאַריאַטידעס זײַנען פֿונקציאָנעל און געזעצמעסיק. דאָס הויז נומער זעקס, לעבן מאַרק, וואָס פּעטראָ באַרבאָנו האָט געבויט, איז פּרעכטיק, טאָג-אײַן, טאָג-אויס גיי איך איבער די גאַסן. איך ווייס, אַז אין לעמבערג האָבן געלעבט אַ סך ייִדן. דאָ איז געווען אַ יעשיווע, אַ סך באַטעמעדראָשים, געווען אַ וווּנדערלעכע רעוואָלוציאָנערע יוגנט. צו אַ סך געבײַדעס זײַנען צוגעקלאַפּט מירמל-טאָוולען מיט ייִדישע אויסיעס. ליזען פֿאַרשפּאָרט מיר צו דערציילן, וואָס פֿאַר אַ ייִדישער קיבוץ לעמבערג איז געווען. ער פֿירט מיך צו דער גאַס אויף נאַפּטאָלע באָטווינס נאָמען. דערנאָך גייען מיר אין אַפּטייק-מוזיי, ווו עס הערשט מיטלאַלטער. גרויסע שטיינערנע שטויסלען מיט שווערע טוקאַטשעס. שווערע געוויכטער. איך און ליזען זײַנען די איינציקע באַזוכער. דאָ איז שטיל און געמיטלעך.

איך שלאָג „יאַדאַכעס" מיטן באַדינער פֿונעם האָטעל. ער לאָזט מיך אַרויס נאָך האַלבער נאַכט און לאָזט מיך אַרײַן באַגינען. איך גיי איבער די גאַסן, און מיר דוכט זיך, אַז איך זע דאָ פֿיל ייִדן אין לאַנגע קאַפּאָטעס און אין ווײַסע שקאַרפּעטקעס, רײַכע סאָחרים אין שיינע אָנצוגן און ווייכע היט. אין די נעכט שטעל איך מיר פֿאָר זייער בוילעט, ווי עס גאַנוועט זיך איבער

די גאסן די רעוואָליוציאָנערע יוגנט, וואָס קלעפּט אויס אנטיצארישע פלוג-בלעטלעך. אזוי פארברענג איך אין לוואָוו.

איך בין פארגאפט פון דער האַרעוואַניע, וואָס ליזען האָט אופגעטאָן. ער האָט זיך צונויפגעשטעלט אן אייגענעם יידישן ווערטערבוך און א בוך פון סינאָנימען.

ס'וואָלט מיר שוין געווען גענוג, אָבער ליזען מיינט, אז איך מוז מיך אומבאדינגט באקאנען מיט דארכאָווסקין. אין דארכאָווסקיס דירע איז זיך מאמעש ניטאָ ווו א דריי צו טאָן. די גאנצע שטוב איז אָנגעפּראָפט מיט האָלץ-שניצערייַ, מיט אלערליי וואָרצל-אויסארבעטונגען. דער מייַסטער וויל מיר שענקען א טייַך-מיידל, נאָר דאָס איז זייער א גרויסע ארבעט, ווי וועל איך זיך מיט דעם ארייַנפּאקן אין וואגאָן? שענקט ער מיר א ביידער מיט א רעבן, מיט יינגעלעך. דאָס איז זייער א ביינעוודיקער האָלץ-שניץ. כוץ דעם, באגייט זיך ניט אָן עסן. אלערליי אייגענע מאשקעס פון יאגעדעס, אייגן געפּרעגלט פליש מיט אלערליי געווירצן. נאָר פלוצעם ווערט ווידער לוואָוויטש נעלעם, און אקוראט אזוי אומדערוואַרט דערשייַנט ער אין מיליטערישע בגאָדים. אפן יאם-קיטל זייַנען אזוי פיל אָרדענס און מעדאלן, אז ס'איז ניטאָ קיין אָרט פאר א שפּילקע-קעפּל. ווידער לוואָוויטשעס ווייַב ברענגט נאָך א קאָרטיק און שפּיליעט אים צו דעם מאן אפן לענד. ווייַזט זיך ארויס, אז דארכאָווסקי האָט אָפּגעדינט אין מיליטער העכער 25 יאָר. ער האָט דורכגעמאכט די מילכאָמע און איז נאָך איצטער פול מיט לעבנס-לוסט און מיט ענערגיע.

דער מאָלער סעמיאָן גרוזבערג איז אויך אומגעגאנגען מיט מיר איבער דער שטאָט. מיר זייַנען געווען אין לענין-מוזיי, וועלכער געפינט זיך אין א פּראַכטפולער געבייַדע. אין אטעליע בא סעמיאָנען בין איך אויך געווען. כ'האָב געזען א סאך ארבעטן, דאָס האָט מיך שוין ניט אזוי געוווּנדערט, ווייַל ניט דאָס ערשטע מאָל זע איך אן אטעליע בא קינסטלער.

נאָר אָט בין איך שוין די לעצטע טעג אין לוואָוו. ליזען האָט אלץ אין זינען, צי האָב איך זיך צערעכנט מיטן האָטעל, און ווו ליגט בא מיר דער באַן-בילעט? ער באגלייט מיך צום באַן. איך קוק דורכן פענצטער און זע, ווי ער גייט צווישן א גרויסן אוילעם...

א פארדינסטפולער בויער

מאמעש לעבן דער רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד", אף טשיסטיע פּרודי, וווינט עמאנויל מארקאָוויטש מיט זייַן פרוי יעלענע אבעזגאוז. א גאנץ לעבן וווינען זיי אין דער קאָמונאלער דירע אין צוויי ניט קיין גרויסע צימערן, ווו דאָס סאמע בעקאָוועדיקע אָרט פארנעמען סטעלאזשן מיט ביכער. עמאנויל מארקאָוויטש וואָלט זיכער געקאָנט האָבן א באזונדערע דירע, ער

איז א באַוווּסטער בויער, אַן אינזשעניער, נאָר ער זאָגט וועגן דעם אַליין: „איך האָב ניט קיין צײַט זיך צו פּאַקן, מיר איז דאָ אויך גוט".

יעלענע מאָיסייעוונא איז אַלעמאָל מאַסקים מיטן מאַן. כאָטש זי איז אַ געבילדעטע, קען שפּראַכן, איז געווען אַ לערערן פון פיזיק אין אוניווערסיטעט ביז דער פּענסיע, רוקט זי קיינמאָל ניט אַרויס איר מיינונג פאָרויס. אַ גאַנץ לעבן איז עמאַנויל מאַרקאָוויטש אַרומגעפאָרן. שווער אָנצורופן כאָטש איין טעקסטיל-אונטערנעמונג, וואָס איז זיך באַגאַנגען אָן זײַן פּראָיעקט. אין מילכאָמע-צײַט האָט ער געבויט די פאַרפעסטיקונגען אַרום מאָסקווע. ביז דער מילכאָמע האָט ער געבויט פאַרשיידענע געבײַען אין איוואַנאָווא, אין סאַראַטאָוו, אין באַרנאַול, און אַפילע אין טערקײַ, גאָר זעלטן נעמט ער אַ ביולעטען, אַפילע איצטער. ער אַרבעט אין מיטישטשי, אין אַ פּראָיעקט-אינסטיטוט. אַלע טאָג פאָרט ער אַהין, פאַרשפּעטיקט קיינמאָל אָף קיין איין מינוט ניט, אַזוי אַז אַ סאַך מיטאַרבעטער זײַנע קאָנטראָלירן די זייגערס, ווען ער קומט צו דער אַרבעט. אין שטוב הערט מען פון אים קיין פּאַרע ניט. דער זון, די שנור, צוויי אייניקלעך זײַנען געוואַקסן אין די צוויי צימערן. יעלענע מאָיסייעוונא האָט געהאַט אָף שיסל און אָף טעלער, נאָר ווען עמאַנויל מאַרקאָוויטש איז אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב און זיך געזעצט אין טיפן ברייטן שטול, איז געוואָרן שטיל, אַפילע די פּיצינקע האָבן געוווּסט, אַז דער זיידע וועט איצטער דרעמלען. אַ האַלבע שאָ איז אין שטוב אַ טויטע שטילקײַט. אַז ער עפנט די אויגן, איז אַלץ גרייט אָפן טיש.

דער סאַמע גרויסאַרטיקער טיש ווערט געגרייט שאַבעס. שאַבעס קומט דער זון, ס׳קומט דאָס כאַסענע געהאַטע אייניקל מיט דער פרוי, עס קומט דאָס אייניקל, וואָס לערנט זיך נאָך אין מעדיצין-אינסטיטוט, און אומבאַדינגט אַ צוויי-דרײַ באַקאַנטע. דער טיש איז אָנגעפּיקעוועט. עס ווערטלט זיך עמאַנויל מאַרקאָוויטש. ער זאָגט, אַז ווען ער איז געווען אין ענגלאַנד, האָט ער זיך אַלעמאָל געוווּנדערט: די פּאָליצעס אין די קראָמען זײַנען אָנגעפּיקעוועט, און אַז דו גייסט אַרײַן אין שטוב, גיט מען דיר קאָפּע און אין בעסטן פאַל אַ צוויי-דרײַ קיכעלעך. יעלענע מאָיסייעוונא שמייכלט, אירע שוואַרצע אויגן שטראַלן מיט גוטסקײַט און זי באַמערקט זאַכלעך: „איך בין אין מאָסקווע, ניט אין לאָנדאָן, האָב איך אין זינען פּרײַטיק, וואָס איך דאַרף אָף שאַבעס".

מע זיצט זייער לאַנג באַם טיש, וואָרעם נאָך אַלע פאַרבײַסונגען קומט דער עמעסער מיטיק, מיט יויך און מיט קניידלעך, מיט אָף אָדער מיט געבראָטן פלייש. עס גייט אַ שמועס צווישן עמאַנויל מאַרקאָוויטשן און זײַן זון, וועלכער הייסט אין שטוב פּראָסט אַליאָשע, אָבער אין אוניווערסיטעט רופן אים די טאַלמידים און די מיטאַרבעטער אַלעקסיי עמאַנוילאָוויטש. זײַן ספּעציאַליטעט איז פּאַלופּראָוואָדניקעס. ער איז שוין אויסגעווען אין דײַטשלאַנד און אין יאַפּאַן, נאָר עמאַנויל מאַרקאָוויטש, זײַן טאַטע, ווערט דערפון ניט ניספּאָעל, און ער זאָגט מיט דער גאַנצער האַרטקײַט:

— כ׳פאַרשטיי, אַז דײַן וויסנשאַפט איז זייער וויכטיק, אָבער אויב דײַנער אַ טאַלמיד וועט מאַכן אַ גרײַז אין זײַן רעפעראַט, וועסטו, ערשטנס, דעם

גרײַז, קאָן זײַן, כאַפּן, און, צוווייטנס, וועט עס ניט קאָסטן דער מעלוכע קיין מיליאָנען. אָבער אויב בײַ מיר וועט מען עפּעס פֿאַרזען אין אַ פּראָיעקט צו אַ טעקסטיל-אונטערנעמונג פֿליִען גלײַך הונדערטער טויזנטער צו אַלדי רוכעס...

אַליאָשע שווײַגט, אָבער אינגאַנצן פֿאַרשווײַגן דאָס קאָן ער ניט, און ער זאָגט געציילטע ווערטער:

— דו ווייסט, פֿאָפּאָטשקע, אַז מיר איז שווער דיר צו דערווידערן, ווײַל איך קאָן קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן, אַז איך האָב דיך ליב.

יעלענע מאַקסייעוונאַ איז זייער ערנסט, זי קוקט אויפֿן זון און פֿרעגט סאַרקאַסטיש:

— נידערסט בעעמעס אַראָפּ צו ליבע פֿאַר אונדז?

דערנאָך דערציילט זי, אַז אין 1941 יאָר, ווען די פֿאַשיסטן האָבן באָמבירט מאָסקווע, פֿלעגט עמאַנויל מאַרקאָוויטש דעזשורען אויפֿן בוידעם, און אויב ניט, פֿלעגט ער זאָגן:

— איך זעץ זיך צו אין שטול און איך דרעמל גאַנצע צוואַנציק מינוט, זאָל מיט זיי וואַרפֿן ס'קאַדאָכעס, און זאָלן זיי אײַנעמען אַ מיסע מעשונע, ניט מײַן אייסעק...

עמאַנויל מאַרקאָוויטשעס באַשיידנקייט איז צו זען אין זײַן שטוב. בלויז דאָס, וואָס אַ מענטש דאַרף: ביכער, בילדער, געלעגערס צו שלאָפֿן, אַ טיש צו עסן, אַ שרײַבטיש צו אַרבעטן, שטולן צו זיצן, קיין שום אָנגעלעגנהײַטן פֿון קאָמיסיאָנע קלייטן.

יעלענע מאַקסייעוונאַ איז אַוועק פֿונעם אוניווערסיטעט, ווו זי האָט אונטעריכט פֿיזיק, ניט לויט איר אייגענעם ווילן. עס זײַנען געווען סיבעס, אָבער די הויפּט-סיבע איז געווען דאָס, וואָס ס'איז געבאָרן געוואָרן דאָס ערשטע אייניקל. איצטער איז ער שוין אַן אינזשעניער, ער לערנט זיך נאָך אויף איין פֿאַקולטעט. זײַן פֿרוי איז אויך אַן אינזשעניער. אָבער קעדיי זיי זאָלן ווערן אינזשעניערן, האָט יעלענע מאַקסייעוונאַ געהאַט אויף שיסל און אויף טעלער. זי איז געווען די באָבע, די מאַמע, די באַלעבאָסטע און דעריקער עמאַנויל מאַרקאָוויטשעס פֿרוי. אַליאָשע האָט פֿאַרענדיקט דעם אוניווערסיטעט מיט אַן אויסגעצייכנטן דיפּלאָם, זײַן פֿרוי נאַדיע אַרבעט אין קאָנסערוואַטאָריע, זי איז אַ מוזיקערן. די גאַנצע מישפּאָכע האָט צו דער געבילדעטער באָבען אַן אַ שיר פֿראַגן, דעריקער וועגן דאַטעס: ווען, אַשטייגער, איז רעזערפֿאָרד געבאָרן געוואָרן, ווען איז וואַן גאָג געשטאָרבן, צי האָט קאַפּיצאַ זיך באַפֿרײַנדעט מיט יאָפֿען. און זי, די באָבע, גיט אויף אַלצדינג אַן אויספֿירלעכן ענטפֿער. נאָר אַנומלטן שמייכלט זי, און זאָגט צום אייניקל נינע, צו אַליאָשעס טאָכטער, וועלכע לערנט זיך אין מעדיצינישן, און צו אַליאָשען:

— מיט רעזערפֿאָרדן, וואַן גאָגן און מיט די איבעריקע זאַכן איז אַלץ קלאָר, צי ווייסט איר אָבער, אַז מע האָט דעם זיידן צוגעזייגנט דעם טיטל פֿאַרדינסטפֿולער בויער? זעט, ווי ער זיצט אין שטול און דרעמלט, אַקוראַט ווי אַ פּאָשעטער באַסערוועדאָם. אָבער באַלד וועט ער, מירצעשעם, אויפֿ-

שטיין און ער וועט וועלן א גלאָז טיי, שטעל, נינע, אפן טיש די קריגעלעך, צוקערקעס, אַנגעשניטענע ציטרין, קעקס.

נאָך דער טיי גיי איך מיט אליאָשען — מיט אלעקסיי עמאַנוילאָוויטשן — צו דער מעטראָ קיראָווסקאַיא. זײַנע העלע אויגן שטראַלן, און ער זאָגט צו מיר זייער אײַנגעהאלטן:

— די מאמע איז אַן אויצער. און כאָטש זי האָט זיך געוויצלט א ביסעלע וועגן טאטן, האָט זי אים ליב מער פון אלעמען, עס האָט מיר אָפּגעגליקט מיט טאטע-מאמע...

מײַן שאָכן

איזיע איסאַרעוויטש איז קימאַט מײַן שאָכן. זײַנע שווער-און-שוויגער וווינען אינעם זעלביקן הויז, וואָס איך. ער איז א געזעצטער, א ברייטביינערדיקער. ביז מע זעט ניט זײַן פּאָנעם, האָט מען אפילע ניט קיין פאָרשטעלונג, ווי באַכיינט דער מענטש קאָן זײַן. לויט דער ספּעציאַליטעט איז ער א טערמאָעלעקטריקער. אין וואָס פאַר א זאַוואָד ער ארבעט, זאָגט ער ניט. ער זאָגט נאָר, אז ער ארבעט אין יישעוו סעטון. ער האָט שוין פאַרטיידיקט א קאַנדידאַטסקע. ווען איך זאָל ניט וויסן, וואָלט איך אפילע דערלאָזט, אז ער איז א דאָקטער פון טעכנישע וויסנשאַפטן, אזא האדרעספּאָנעם האָט ער. זײַנע אויגן זײַנען אזוי סאַמעטדיק און קוקן אזוי גוטהאַרציק, ס'איז שווער זיך פאָרצושטעלן, אז, שמועסנדיק מיט אים, זאָל א מענטש מיט עפּעס אים קאָנען דערווידערן. ער אליין זאָגט:

— איך האָב א סאַך דײַגעס. מײַנע צוויי יינגלעך זײַנען מער ווי צוויי, איך קאָן פון זיי קיין אויג ניט אראָפּלאָזן. זיי זײַנען פול אין גאַנצן סעטון, קומען אָפּט מיט צעקלאַפּטע נעז. קאָן איך צו זיי קיין טײַנעס ניט האָבן, וואָרעם איך אליין לערן זיי. טאָמער דאַרף מען עמעצן געבן אין די ציין, זאָלט איר זיך ניט שעמען און ניט טראַכטן, אנדערש וועט איר אליין אַרײַנכאַפּן... כוץ דעם, האָט מײַן ווײַב, מײַן לענע, געאַרבעט אַנדערהאלבן יאָר אף א בויונג, קעדיי מיר זאָלן קריגן א דירע. ווי מיינט איר, איך האָב ניט געהאָלפן? דער טאטע אין בריאַנסק איז ניט מיט אלעמען, מוז איך אלע צוויי-דרײַ כאָדאָשים צופאָרן צו אים. שווער-און-שוויגער זײַנען אויך ניט קיין אטלעטן, און מע דאַרף זיך צו זיי אראָפּכאַפּן. איך בין אין קאָמאַנדירונגען מער ווי אין מאָסקווע. איר פאַרשטייט אליין, אז וואָס מער טעמפּ, וואָס מער איבערגעגעבנקײַט צו דער ארבעט, אלץ גרעסער וועט זײַן דער רעזולטאַט. זיך דערשלאָגן טערמאָסטאבילקײַט איז ניט פון די גרינגע זאכן. עס שטייט מיר גאָר ניט אָן, מע זאָל מיר מאכן די קלענסטע באַמערקונג, אויב ארבעטן — זאָל זײַן געאַרבעט!

איך קוק אף איזיען, און איך בין אים מעקאַנע. וויפל כיין א מענטש פאַרגינט זיך צו האָבן! ניט זייער אָפּט גייט ער צו מיר אַרײַן. ער האָט פּאָ-

שעט קיין ציַיט ניט. אָבער גייט ער יאָ אריַין, פארברענגען מיר היפש. כ׳האָב זייער ליב צו הערן, ווען ער דערציילט וועגן דער שוויגער. קיין קרום וואָרט זאָגט ער ניט וועגן איר, ווי אנדערע איידעמס. ער דערציילט פּאָשעט ווי די שוויגער רעדט אים איַין:

— אַף וואָסערע רוכעס דארפסטו א דאָקטאָרסקע? האָסט א קאנדידאַט־סקע, זאָג א דאנק, זיַי א טאַטע צו דיַינע קינדער! וואָרעם צו דיַינע זין דארף מען האָבן צען אויגן! וועגן דיַין וויַיב וועל איך שוין גאָרניט זאָגן, דו ווייסט אליין ווי זי דרייט זיך. זיַין א הויפּט־שוועסטער אין א שפּיטאָל אין סעטון איז דיר ניט ארויסציַען קיין האָר פון דער מילך. ניט דו וואַשסט, ניט דו רייניקסט די פּאָדלאָגעס, ניט דו גייסט מיטן קאָשעק אין קלייט, ניט דו קאָכסט — דארפסטו האָבן סאָוועסט!

ער דערציילט דאָס און לאַכט. דערנאָך גיט ער צו:

— כ׳קאָן ניט האָבן קיין בייז הארץ אַף דער שוויגער, זי איז דאָך טאַקע גערעכט, אָבער כ׳וועל זי ניט פאָלגן, און א דאָקטאָרסקע וועל איך טאַקע מאכן.

א צוגאָב־קאַדער

ס׳זיַינען געווען די לעצטע אָנגעשטרענגטע מינוטן אין קינאָ. דער זשור־נאַל האָט זיך געענדיקט, מער האָט זיך שוין ניט געקיַיקלט פונעם עקראַן אַפן צושויער קיין דאמף־מאַשינעס און קיין אנדערע טעכניק, אָט־אָט האָט זיך געדארפט אָנהייבן דער פילם „ניט קיין געענדיקטע ליד". די ליכט איז געווען אויסגעלאָשן. פלוצעם איז א מענטש זייער גיך דורכגעלאָפן דעם דורכגאנג צווישן די רייען שטולן, אוועקגעלאָפן אַף רעכטס צום אריַינגאנג, א וויַילינקע נעלעם געוואָרן און אריַינגעפירט א וועגעלע, אַף וועלכן ס׳איז געזעסן א פרוי. ער האָט צוגעפירט דאָס וועגעלע צו איינער פון די שטול־רייען, אופגעהויבן די פרוי און זי אוועקגעזעצט, אראָפּגענומען די פּאַ־טשיילקע פון איר קאָפּ, צונויפגענומען אירע צעשויבערטע האָר מיט א קע־מעלע, זיך אוועקגעזעצט לעבן איר און צוגערוקט דאָס וועגעלע נאָענט צו זיך.

דער פילם האָט זיך געענדיקט, די עלעקטרע האָט אופגעשיַינט, א סאך צושויער האָבן געקוקט, ווי דער מאנצבל האָט אופגעהויבן די פרוי פון שטול, זי אריַינגעזעצט אין וועגעלע, אָנגעטאָן און פארבונדן די פּאַטשיילקע אַף איר קאָפּ, זי א ביסעלע אונטערגעהויבן, ס׳זאָל איר זיַין באקוועמער צו זיצן, און איז אוועקגעפאָרן מיטן וועגעלע צום ארויסגאנג. ניט ווינציק מענטשן, מערסטנס פרויען, האָבן געקוקט אַף דעם דאָזיקן געשפּאַן. און דאָס איז קיין וואונדער ניט געווען, וויַיל מיט אזויפיל צערטלעכקיַיט און פאָרזיכ־טיקיַיט האָט דער מאנצבל געקערעוועט דאָס וועגעלע צו דער יארצעווער גאַס...

אינהאלט

כאנעס שאָף און רינדער (ראָמאַן) 6

דערציילונגען און נאָוועלן

מײַן באָבע־זיידעס פרילינגן 156
דעם זיידנס טפילע 159
יאָמטעוו אינמיטן וואָך 160
ערעוו פייסעך 164
פייסעך 167
כאנעקע 172
א פורעמדיקער לעכאַים 174
אין א מארק־טאָג 175
אזוי איז געטאָן געוואָרן 177
א געפינס 178
עליעס לעווײַע 180
פונוואנען שטאם איך 181
עסט און טרינקט! 186
פארטרוילעך און קורץ 187
איינע עלטער, די אנדערע יינגער 188
ווי אַן... אייגענע טאָכטער 189
א פארצײַטיקע ליבע 208
דער מיטעסער 210
די באָבע מאלקע 216
גאָט וועט אים אויסהערן 225
צו אים 228

רײַזע־בילדער און פארצייכענונגען

פון זומער ביז הארבסט
א יישעוו הינטער לענינגראד 236
סאָראָקע 242
קעשענעוו 254
בריאנסק 259

א רײַזע קיין ליטע — װײַסרוסלאַנד 264
געצײילטע מעסלעסן 286
די מאָס איז פול 300
א ראַכמאָנעס אף די מאַנצבלעדן 301
פארצויגן מיט שפינוועבס 306
מיר זײַנען צוגעוווינט צו די אומגליקן 308
די מאמע האָט געטראָפן 309
א װײַבערשער שמועס 313
מאָסיע און מײַע 315
דער האפן איז פרײַ 316
ווו ס׳איז טיפער 322
קיין טשאַדאַרלונגע 326
א פאַרדײַגעטער פאסאזשיר 327
א מיידעלע פון סאַראָקע 328
אין פאָרהײַזל 330
בינאַ 332
זיסקינד לעווס גורל 338
שעפעלעך 348
אין גאסט־צימער נומער איינס 352
ליידיקע פלעשער 355
א יאָמטעוודיקע פארווײַלונג 358
עס זאָל אזוי ניט טרעפן 360
איך גיב זיך אליין א קאָמאנדירונג 361
א פארדינסטפולער בויער 369
מײַן שאָכן 372
א צוגאָב־קאַדער 373

שירע גאָרשמאַן

יאָמטעוו אינמיטן וואָך

מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל‟, 1984, 376 זײַטן
ארויסלאָז־פּלאַן פון 1984. נומ. 380

קינסטלער וו. לאַקשין

רעדאַקטאָר מ. בעלענקי
קינסטלערישער רעדאַקטאָר יע. קאַפּוסטין
טעכנישער רעדאַקטאָר אי. מינסקאַיאַ
קאָרעקטאָרן ד. גראָזאָווסקע און כ. פּאָטאַשניק

אינפאָרמאַציע־ביולעטען נומ. 4220

אָפּגעגעבן אין זאַץ 02.11.83. אונטערגעשריבן צום דרוק 22.03.84. פאָרמאַט $84\times108^{1}/_{32}$. טיפּאָגראַפיש פּאַפּיר נומ. 1. הויכדרוק. באַדינגלעכע דרוקבויגן 19,74. פאַרלעגערישע דיסקאָנט־בויגן 20,98. טיראַזש 1675 עקז. באַשטעלונג נומ. 2521. פּרײַז 1 רוב. 80 קאָפּ. פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל‟, 121069, מאָסקווע, וואָראָווסקי־גאַס, הויז נומ. 11, באַלוינטע מיטן אָרדען פון דער רויטער אַרבעטס־פאָן מאָסקווער טיפּאָגראַפיע נומ. 7 „איסקראַ רעוואָליוציִי‟ פון „סאָיוזפּאָליגראַפּפּראָם‟ פונעם מעלוכע־קאָמיטעט פון פּסםר איבער די איניאַנים פון די פאַרלאַגן, פּאָליגראַפיע און בוך־האַנדל. 121019, מאָסקווע, אַקסאַקאָוו־געסל, הויז נומ. 13.

Шира Григорьевна Горшман

ПРАЗДНИК СРЕДЬ БУДНЕЙ

(На еврейском языке)

М., «Советский писатель», 1984, 376 стр.
План выпуска 1984 г., № 380

Художник *В. В. Лакшин*

Редактор *М. С. Беленький*

Худож. редактор *Е. Ф. Капустин*
Техн. редактор *И. М. Минская*
Корректоры *Д. С. Грозовская и Х. Е. Поташник*

ИБ № 4220

Сдано в набор 02.11.83. Подписано к печати 22.03.84. Формат $84\times108^{1}/_{32}$. Бумага тип. № 1. Высокая печать. Усл. печ. л. 19,74. Уч.-изд. л. 20,98. Тираж 1675 экз. Заказ № 2521. Цена 1 р. 80 к. Издательство «Советский писатель», 121069, Москва, ул. Воровского, 11. Ордена Трудового Красного Знамени Московская типография № 7 «Искра революции» Союзполиграфпрома Государственного комитета СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.